STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00824

# TSVISHN BEYDE VELT-MILHOMES

Isaac I. Schwarzbart

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Marvin & Leila Verman*
*in memory of*
*Samuel Verman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט

# צווישן ביידע וועלט־מלחמות

ביבער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 132

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבּרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט

# צווישן ביידע וועלט־מלחמות

## זכרונות וועגן דעם יידישן לעבן אין קראָקע

## אין דער תקופה 1919־1935

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ח



דער מחבר

מײַן פֿרוי ב ר אָ נ י אַ

# אינהאַלט

אַריינפיר:


די טעמע — 11
די תקופה ביז 1919 — 14
נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — 16


ערשטער טייל

## די טעטיקייט אין אונדזער ווינקל


אונדזער פּרעזידענט און אונדזערע זעקס פּאַרזיצערס פון דער עקזעקוטיווע — 27
דאָס ברויזנדיקע לעבן אין אונדזערע קרייזשטעט און אין אונדזערע שטעטלעך — 35
מיט דעם פּנים צו ארץ ישראל — 48
מיט דעם פּנים צום גלות:
הצלה און גאולה — 56
דער ווירטשאַפטלעכער קאַמף קעגן דעם שטראָם — 57
אונדזערע ראַנגלענישן אין די שטאָט־ראַטן — 62
די „רעוואָלוציע" און די דריי שיטות אין אונדזערע קהילות — 73
אונדזער קולטור־טעטיקייט: יעדע שטאָט אַ מין יבנה! — 83
אונדזער טעטיקייט פאַר פיזישער רענעסאַנס — 98
די ציוניסטישע פרויען־באַוועגונג — 101
אונדזער יוגנט־באַוועגונג — 105
יידישע פּראָפעסאָרן פון דער יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט — 111
ליכטשטראַלן צווישן די פּוילישע פּראָפעסאָרן — 116
אונדזער חלוצישע יוגנט — 118
די גלות־טעטיקייט פון אונדזער יוגנט — 124
די יונגע יידישע פרוי אין אונדזער רענעסאַנס — 126
דער כוח פון אונדזער יידישער פּרעסע — 128
אונדזערע וואָכנבלעטער — 142
די באַציאונג פון דער פּוילישער פּרעסע — 146
די באַציאונגען צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס — 153

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און די יידישע נישט־ציוניסטישע פּאַרטייען און גרופּעס — 164
די באַציאונגען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג — 184
די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — 185
די סימפּאַזיומס פון פאַרשטענדיקונג — 189
דער קרבן פון יידישן בלוט אין פּוילנס קאַמף — 190

## צווייטער טייל

## די ראָלע פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד אין קראָקע אינעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין פּוילן

וועלכע זענען געווען די פּראָבלעמען? — 195
די פּאָליטישע טראַדיציע פון קראָקע — 196
דער קאַמף פאַר דער פאַרייניקונג פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין פּוילן 199
פון האָפענונג ביז צום תהום — 206
די דעקלאַראַציעס פון האָפענונג — 216
דער פּראָבלעם פונעם מינדערהייט־בלאָק — 222
דער לעצטער פּוילישער פּאַרלאַמענט — 246
די פּוילישע רעגירונג און היטלער־דייטשלאַנד — 253
דער דערנער־וועג פון די לעצטע יידישע דעפּוטאַטן — 261
די „אוגאָדאַ“ און דער „עוואַקואַציאַניזם“ — די קינדער פון אונדזער פאַרצווייפלונג — 266

## דריטער טייל

## דער צושטייער פון דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד צום וועלט־ציוניזם און צו ענינים פון וועלט־יידנטום

דער וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם — 279
די ירידה — 280
די דערוואַכונג — 282
דער פּאָליטישער קריזיס אין ציוניזם — 284
די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ און די ערשטע וועלט־לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם — 288
דער קאַמף פאַר אייניקייט גייט ווייטער — 292
חיים ווייצמאַנס פאַלשער שריט — 297
דער גרויסער פּאָליטישער וויכוח אויף דעם 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס — 301

דער פאָרשלאַג פונעם פּרעזידענט פון וועלט־פאַרבאַנד צו
ווייצמאַן, איבערצונעמען די לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד
פון אַלגעמיינע ציוניסטן — — — — — — — — — — 313
דער ענטפער פון ווייצמאַן — — — — — — — — — — — 324
די ענדגילטיקע שפּאַלטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד — — — — 325
דער באַזונדערער אָרגאַניזאַטאָרישער צושטייער פונעם קראָקעווער
לאַנדער־פאַרבאַנד אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע 328
קאָנסטרוקטיווע קריטיק פונעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף
די ציוניסטישע קאָנגרעסן — — — — — — — — — — 330
קראָקע אַלס שטאָט פון יידישע וועלט־קאָנפערענצן — ——— — 334
די קאָלירפולע גאַלעריע פון פראָמינענטע באַזוכער אין קראָקע — 335
די שטעלונג פון קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו דער אויסברייטער־
רונג פון דער יידישער אַגענץ — — — — — — — — — 348
דער קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער יידישער וועלט־קאָנגרעס 353

## נאָכוואָרט

אין דער צייט פון דעם שרעקלעכסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע 358
נאָך דעם חורבן — — — — — — — — — — — — — — 365
די פאַרחלומטע קעניגלעכע שטאָט קראָקע — — — — — — — 370
מיין שטעטל כשאַנאָוו — — — — — — — — — — — — 372
ממעמקים — צו מדינת ישראל — — — — — — — — — — 375

זוכצעטל פון נעמען — — — — — — — — — — — — — — 378

# אַריינפיר

## די טעמע

די טעמע, וועגן וועלכער איך שרייב איז באַגרענעצט. זי איז דאָפּלט באַגרענעצט. דער צייט־אָפּשניט, וועלכן איך וויל באַהאַנדלען, נעמט אַרום נאָר די תקופה פון 1919 ביז 1939, דאָס הייסט, פון סוף פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער דער דאָזיקער פּעריאָד לאָזט זיך נישט אין גאַנצן אַרויסרייסן פון דער געשיכטע פון ציוניזם אין מערב־גאַליציע.

ציוניזם איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען בנימצא אין מערב־גאַלי־ציע און אין שלעזיע פונעם סאַמע אָנהייב פון טעאָדאָר הערצלס אויפ־פלאַקערן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און זיינע ערשטע שריט האָט דער ציוניזם ביי אונדז געמאַכט אַפילו פאַר הערצלען. און פון דער אַנדערער זייט איז אויך נאָך דעם יאָר 1939 געווען אַ ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע און שלעזיע.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער ציוניזם זיך באַהאַלטן אונטערערדיש. מיט אַ ווונדערלעכער אָנשטרענגונג זיך געהאַלטן ביים לעבן. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך אונדזער שרעקלעכסטער ביאָלאָגישער טראַגעדיע, האָט דער ציוניזם אין מערב־גאַליציע און שלע־זיע בפרט, און אין פּוילן בכלל נאָך געלעבט אַ קורצע צייט, אַרום צוויי ביז דריי יאָר, ביז די ציוניסטישע באַוועגונג, איז דורך דעם קאָמוניסטישן רעזשים אין גאַנצן פאַרווערט געוואָרן. די דאָזיקע צוויי פּעריאָדן, פאַר 1919 און נאָך 1939, האָב איך דעריבער בלויז אַריינגענומען אין עטלעכע שטריכן אין די איצטיקע זכרונות, כדי דער פּעריאָד פון 1919 ביז 1939 זאָל נישט בלייבן הענגען אין דער לופטן.

אָבער אויך אין אַן אַנדער ריכטונג איז מיין טעמע באַגרענעצט. אויך אינהאַלטלעך. איך ווייל עס אויפקלערן גאַנץ קלאָר, אַז מיין טעמע נעמט אַרום נאָר די ציוניסטישע טעטיקייט פון דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון מערב־גאַליציע און שלעזיע, דאָס הייסט, די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַ־וועגונג. אָבער אַזוי ווי אַ צייט־פּעריאָד פון אַ לענגערער געשיכטע לאָזט זיך נישט אַרויסשניידן מעכאַניש, אַזוי לאָזט זיך אויך נישט מעכאַניש אַרויסנעמען די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג פון דעם צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע ציוניסטישע גרופּן אין אונדזער געביט, בפּרט אַז די דאָזיקע אַנדערע גרופּן, די אַזוי גערופענע זאַנדער־פאַרבאַנדן, דאָס הייסט, די פליגלען פון דער באַוועגונג פון רעכטס און פון לינקס, זענען אין אונדזער שטח געווען אויך זייער אַקטיוו און אַחוץ דעם זענען צווישן אונדזער לאַנד־פאַרבאַנד און זיי תמיד באַשטאַנען נאָענטע באַציאונגען אין פאַר־שיידענע צענטראַלע אַמטן, ווי דער פּאַלעסטינע־אַמט, די שקל־קאָמיסיע, דער קרן־היסוד, דער קרן־קימת, תרבות און עטלעכע אַנדערע געביטן פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. און אַחוץ דעם זענען מיר דאָך אַלע געווען אַ טייל פון איין גרויסער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. צוליב די דאָ־זיקע סיבות האָב איך אויך וואָס שייך אינהאַלט פון דער טעמע דאָ און דאָרט, הגם אויבנאויפיק, דערמאָנט אונדזערע ציוניסטישע פּאַרטייען פון לינקס אָדער רעכטס.

בעת איך טרעט צו דאָ, אין ניו־יאָרק, אין דער גרעסטער קהילה פון אונדזער פאָלק אין גאָר דער וועלט, אין דער קהילה, אין וועלכער עס לעבן היינט 20 יידן פון יעדע הונדערט אין דער גאָרער וועלט, בעת איך טרעט דאָ צו צו שרייבן זכרונות וועגן אונדזער טעטיקייט אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, אַ קליינעם טייל פון אונדזער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אַ קליינעם טייל פון דעם גרויסן מהלך פון אונדזערע חורבות, עפנט זיך פאַר מיר נאַטירלעך דער תהום פון אונדזער גרעסטער קאַטאַסטראָפע און גלייכצייטיק שיינט מיר אין פּנים אַריין די זון פון מדינת ישראל. עס אַנטשטייט אַ קאָנטראַסט פון צוויי תקופות אין אונדזער געשיכטע, אפשר דער גרעסטער קאָנטראַסט אויף אונדזער נאַציאָנאַלן וועג.

דער דאָזיקער קאָנטראַסט שאַפט געפילן און שטימונגען, וואָס מאַכן דאָס שרייבן נישט לייכט בפּרט ווען מען שרייבט וועגן אַ שטאָט און

וועגן אַ געביט, מיט וועלכן מען איז פּערזענלעך טיף פאַרוואָקסן דורך אַ טעטיקייט פון אַרום פופציק יאָר.

עס איז דערפאַר זייער שווער צו בלייבן קאַלט־אָביעקטיוו. כמעט יעדע איבערלעבונג במשך פון די 20 יאָר, פון 1919 ביז 1939, שטייט פאַר מיר איצט אַזוי לעבעדיק, אַזוי אוממיטלבאַר, אַזוי וויברירנדיק מיט פריידן און פול מיט זאָרגן און חלומות, אַז עס איז מיר באמת שווער צו דיסציפּלינירן מייַנע געדאַנקען.

און נאָך איין מאָמענט מאַכט מיר שווער צו קאָנצענטרירן דעם אינ־האַלט. אין דער גרויסער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט צו אונדזער גליק אַרומגענומען כמעט די גאַנצע ערד, יעדן ווינקל פון דעם גלאָב, ווו נאָר עס האָט געלעבט אַ יידישער ישוב; אין דער גרויסער ציוניסטישער באַוועגונג איז יענער טייל פון איר, וועגן וועלכן איך האָב צום שרייבן, גאָר אַ קליינער ווינקל, קוים אַרום אַ פערטל מיליאָן יידן פון די כמעט דריי און אַ פערטל מיליאָן יידן אין פוילן גופא. און ווען מען איז מיט אַ סביבה אַזוי איינגעוואָרצלט, ווי איך בין עס געווען אין קראָקע, ווען ליבע צו דער סביבה ווערט דער מאָטאָר פון זכרונות, איז מען נוטה צו מאַכן פון אַ ווינקל אַ צענטער. איך וואָלט געוואָלט זיך אויסהיטן דערפון. אָבער פון דער אַנדערער זייט וויל איך אויך אויסמיידן צו מאַכן פון אונדזער שפּראָצנדיקער, ערנסטער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אַ קליין קהילעכל, בלויז אַ ווינקעלע אין אונדזער ציוניסטישער וועלט, ווייל איך בין אי־בערצייגט, אַז לויט דעם איכות פון זיינע ווערטן, לויט דעם שפּעערישן אומרו, וואָס האָט אויסגעפילט דאָס ציוניסטישע לעבן אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, לויט דער געדאַנקען־וועלט, וואָס איז פון דאָרט אַרויס, צע־רייסנדיק די ענגע גרענעצן פון אַ קליינער פּראָווינץ, וועלנדיק באַפרוכפּערן אַפילו דעם גאַנג פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, און דאָס נישט נאָר אין פוילן, נאָר אַפילו אין דער גאָרער וועלט, אָט צוליב די דאָזיקע סיבות פאַרדינט אונדזער קליינע ציוניסטישע וועלט די אנערקענונג פון אַ סך מער ווי אַ ווינקל. איך וועל עס שפּעטער פּרוּוון צו באַווייזן, אַז זי פאַרדינט עס באמת.

וועל איך זיין פּעאיק צו געפינען דעם מיטלוועג צווישן די דאָזיקע צוויי צוגאַנגען — באַשיידנקייט און שטאָלץ?

איך ווייס נישט, אפשר וועט מיך ציימנווייז מיטרייסן די טיפע ליבע צו אונדזער לאַנד־אָרגאַניזאַציע און אפשר וועל איך מסוגל זיין צו רופן מיינע געפילן צו — דיסציפלין.

## די תקופה ביז 1919

כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן איר, כדי די תקופה פון 1919 ביז 1939 זאָל נישט אין גאַנצן אַרויסגעשניטן ווערן פון דעם לעבעדיקן שטראָם פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג.

שוין אין די ערשטע נומערן פון דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, „די וועלט״ (1897), קאָן מען געפינען אַ כראָניק פון ציוניסטישן לעבן אויף דעם געביט פון מערב־גאַליציע. און אַפילו פאַר דער דאָזיקער תקופה, זיינען געמאַכט געוואָרן אין מערב־גאַליציע די ערשטע ציוניסטישע שריט פון דער חיבת־ציון באַוועגונג בפרט אין דער שטאָט טאַרנאָוו, פון וואַנען עס איז אַרויס די אידייע און די פּאַר־ווירקלעכונג פון דער קאָלאָניע „מחניים״. זי איז געווען פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון איינעם פון די אָריגינעלסטע פּערזענלעכקייטן פון דעם גאַליצישן ציוניזם און דעלעגאַט פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דר. אברהם זאַלץ. איך וויל דאָ דערמאָנען די טעטיקייט פון דעם אַקאַ־דעמישן פאַרבאַנד „פּזשעדשוויט־השחר״, פון וועלכן עס איז אַרויסגע־גאַנגען אַ שטראָם פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג. מערב־גאַליציע איז דע־מאָלט געווען אַ טייל פון עסטרייך און עס איז דערפאַר געווען פאַרבונדן אויך ציוניסטיש מיט דעם עסטרייכישן לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס האָט דאָן געהאַט די צענטראַלע אין ווין. עס דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין דער לאַנד־פּאָליטיק האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון מערב־גאַליציע און שלעזיע גענומען אַ גאַר שטאַרקן אָנטייל, הגם די שוועריקייטן זענען גע־ווען אומגעהייער גרויס צוליב דער טיף־פאַרוואָרצלטער אַסימילאַציע און פּשרה־שתדלנות־פּאָליטיק פון די אַסימילאַטאָרישע אַפּאָרטוניסטישע פי־רער פון דעם יידישן ישוב אין מערב־גאַליציע פון יענער תקופה.

אָבער עס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם אידעאַ־לאָגישן כוח פון דער ציוניסטישער מינדערהייט, וואָס האָט דורכגעמאַכט

דעם דערנער־וועג אין דער אַסימילאַטאָרישער סביבה ביז צו אַ נצחון פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַפילו אויף דער לאַנד־פּאָליטיק אין דעם שפּעטערדיקן פּוילן. מזרח־גאַליציע איז אין יענער צייט געווען אין אַ סך אַ בעסערער סיטואַציע, ווייל זי האָט פאַרמאָגט דריטהאַלבן מאָל אַזויפיל יידן ווי מערב־גאַליציע, זייענדיק אַחוץ דעם אַ סך ווייניקער אַסימילירט סיי קולטורעל, סיי פּאָליטיש, צוליב דעם קאַמף צווישן דעם פּוילישן און אוקראַינישן פאָלק, וואָס איז דאָרטן פאַרגעקומען.

אַ וויכטערדיקער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער דאָזיקער ערשטער תקופה איז געווען דאָס אַנטשטיין, דווקא אונטער דעם איינפלוס פון דעם אַקאַדעמישן פאַרבאַנד „פּזשעדשוויט־השחר״ און אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דר. לעאָן לויטערבאַך, (פון פּשעמישל), אַ פאַרבאַנד פון ציוניסטישע אַקאַדעמיקער, מיט דער לאָזונג „ציוניזם צום פאָלק״. (אַרום 1910). עס איז אפשר כדאַי צו דערמאָנען, אַז דער דריטער פאָרזיצער פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד איז געווען דער היינטיקער פאַרטרעטער פון ענגלאַנד אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן געריכט אין האַאַג, (האָלאַנד) סער הערש לאַוטערפּאַכט, פּראָפעסאָר אין קעמברידזש (ענגלאַנד).

דער קאַמף צו דעראָבערן די קהילות פאַר ציוניזם, לויט דעם פּראָגראַם פון טעאָדאָר הערצל, האָט זיך שוין אָנגעהייבן אין אָט דער ערשטער תקופה, אָבער דער פּראָגרעס פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געווען צו יענער צייט אַ גאָר קליינער, מחמת די זייער שטאַרקע אַסימילאַטאָרישע איינפלוסן אין דעם טייל פון עסטרייך, אין מערב־גאַליציע, וווּ די פּוילישע קולטור האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויך אויף דעם יונגן יידישן דור.

צו דער דאָזיקער תקופה געהערט אויך אַ ציוניסטישע געשעעניש, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ השפּעה אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מערב־גאַליציע. אַרום דעם יאָר 1905, איז אין קראָקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו דער גרינדונג פון אַ באַזונדערער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס״. די פּאַרטיי־דיפערענצירונג אינערהאַלב דעם ציוניזם האָט זיך דעמאָלט אָנגעהייבן אויך אין דעם רעליגיעזן סעקטאָר פון ציוניזם. עס איז קלאָר, וואָס מער

די באַוועגונג אין געוואַקסן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די טענדענץ און דיפערענציאַציע.

אַן ערך אין דער זעלביקער צייט (1907) איז אויך פאָרגעקומען די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון מזרחי, אין בראַטיסלאַווא, און אַזוי ארום האָט זיך פון דער נעפלהאַפטער באַוועגונג פון ציוניזם פון דער צייט פון הערצל אויסקריסטאַליזירט אויך אַ צווייטער סעקטאָר — דער רע־ליגיעזער. דאָס אַנטשטיין פון די דאָזיקע צווי פליגל־אָרגאַניזאַציעס האָט ממילא גורם געווען דאָס אַנטשטיין פון אַ צענטער, וועלכער האָט זיך גערופן — אַלגעמיינער ציוניזם. אָרגאַניזירט איז דער דאָזיקער צענטער געווען אין דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע — אין דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קעגנזאַץ צו די פליגל־פאַרטייען פון רעכטס און לינקס, וואָס האָבן גע־טראָגן דעם נאָמען — זאָנדער־פאַרבאַנד.

## נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

עס איז קלאָר, אַז בעת דער מלחמה — אין דער תקופה פון 1914 ביז 1918 — האָט אויך דאָס ציוניסטישע לעבן אין מערב־גאַליציע און אין שלעזיע געליטן אַ גרויסע צעשטערונג. דער ערשטער געבאָט נאָך דער מלחמה איז דערפאַר געווען דאָס אויסבויען פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע.

אָבער די באַדינגונגען זענען געווען גאָר אַנדערע אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער תקופה.

נאָך 120 יאָר איז ווידער אַנטשטאַנען אַ זעלבסטשטענדיקע פוילישע מלוכה. אין דער אַלטער שטאָט קראָקע, מיט איר געוואַלדיק שטאַרקער פוילישער קעניגלעכער טראַדיציע, מיט חלומות וועגן אַ גרויסער צוקונפט, חלומות, וואָס האָבן זיך געשפינט כמעט טויזנט יאָר און וואָס מען האָט ממש געפילט אויף יעדן אָרט, אָנהייבנדיק פון דעם קעניגלעכן שלאָס — וואַוועל — און ענדיקנדיק אין די פאַרחלומדיקסטע גאַסן פון דעם יידישן קוואַרטאַל אַרום דער אַלטער שול און דעם בית־החיים פון רמ״א, — האָט ער אין דער הויפּטשטאָט פון דער גרויסער פוילישער פאַרגאַנגענ־



מרדכי־שאול און חנה שוואַרצבאַרט — די עלטערן פונעם מחבר.

הייט און יידישן לעבן און יידישער בענקשאַפט, אויך געמוזט אנטשטיין אַ נייער צענטער פון ציוניזם.

עס איז מער נישט געווען ווין, נאָר וואַרשע, צו וועלכן אונדזער גע־ביט האָט געהערט. נייע פּאָליטישע, קולטורעלע און אַפילו סאָציאַלע באַ־דינגונגען זענען אַנטשטאַנען. אין מזרח־גאַליציע איז אין 1919 די סי־טואַציע נאָך ניט געווען ענדגילטיק אויפגעקלערט. דער ראַט פון די אַמ־באַסאַדאָרן האָט דעם דאָזיקן טייל פון גאַליציע איבערגעגעבן נאָר צו אַ פּוילישער אַדמיניסטראַציע און ער האָט אים נאָך נישט געהאט איינגע־גלידערט צו פּוילן, אַלס אַ טייל פון דעם לאַנד. דער יידישער ישוב איז געווען צעריסן. זיינע טיילן, קאָנגרעס־פּוילן און גאַליציע, זענען געווען אָפּגעפרעמדט. קראָקע האָט נישט געהאט קיין בשותפותדיקן לשון מיט וואַרשע. אַפילו די פּאָליאַקן פון קראָקע האָבן ניט געהאט קיין בשותפות־דיקן לשון מיט די פּאָליאַקן פון וואַרשע. 120 יאָר פון פאַרשיידענע לעבנס־באַדינגונגען האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער נאַטור און דער געדאַנקען־וועלט פון דער באַפעלקערונג איר שטעמפּל. די קרובהשאַפט צווישן קראָ־קע און לעמבערג איז געווען אַ נעענטערע, אָבער ווי איך האָב שוין דער־מאָנט, זענען די פּאָליטישע באַדינגונגען אין מזרח־גאַליציע אין יענער צייט נאָך געווען גאַנץ פאַרשיידן לגבי די סטאַביליזירטע באַדינגונגען פון קראָקע. אין מזרח־גאַליציע איז באַשטאַנען אַ פּראָבלעם פון דריי נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, אוקראַינער און יידן און דאָס אין אַ שאַרפער פאָרם, בעת אין מערב־גאַליציע האָבן געלעבט נאָר צוויי נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן און יידן, ווו דער פּראָבלעם צווישן די צוויי פעלקער איז גאָרניט געווען קיין שאַרפער. האָט זיך ממילא ווידער געשאַפן אַ מחיצה צווישן קראָקע און לעמבערג. די באַציאונגען צווישן וואַרשע און לעמבערג זענען אויך נישט געווען בעסער ווי צווישן וואַרשע און קראָקע. בקיצור, די דאָ־זיקע פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּאָליטישע און גייסטיקע תנאים האָט גורם געווען דערצו, וואָס עס איז סיי אין וואַרשע, סיי אין לעמבערג, און סיי ביי אונדז אין קראָקע אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון רעגיאָנאַלער סווערעניטעט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און דאָס האָט באַדייט פּראַקטיש — אַ באַזונדערע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע.

די רעפּרעזענטאַטיווע פירער און גייסטיקע פאַרשטייער פון ציוניזם

אין יענער צייט אין וואַרשע, לעמבערג און קראָקע — יצחק גרינבוים, דר. לעאָן רייך און דר. יהושע טאָן — זענען אויך געווען פון אַ גאָר פאַרשיידענעם מהות. עס וואָלט געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע טעמע צו שרייבן אַמאָל די געשיכטע פון דעם איינפלוס פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון פירער אויף דער אַנטוויקלונג און אייניקייט פון די ישובים גופא. בלי ספק האָט דער נאַטירלעכער מענטשלעכער ווילן צו זיין סווועֿרען נישט ווייניק גורם געווען דערצו, אַז ציוניסטישע פירער פון די דריי טיילן פון פוילן האָבן ליבער געוואָלט זיין אָפּגעטיילט ווי זיין צוזאַמען. דער דאָזיקער סעפּאַראַטיזם האָט זיך שפּעטער אַלץ טיפער און טיפער אַנט־וויקלט און ביז צום סאַמע סוף פון 1939 איז עס קיינמאָל נישט געקומען צו אַ פאַרייניקונג פון אַלע דריי לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז געבליבן נישט מער ווי דער אומדערמידלעכער דאַן קיכאָט פון קאַמף פאַר דער דאָזיקער אייניקייט.

בקיצור, עס איז אין קראָקע אַנטשטאַנען אַ באַזונדערע לאַנד־אָרגאַ־ניזאַציע פון מערב־גאַליציע. און אַזוי ווי די פּאָליאַקן פון קראָקע האָבן זיך נישט ליב געהאַט מיט די פּאָליאַקן פון וואַרשע, אַזוי האָבן זיך אויך די יידן פון קראָקע נישט זייער ליב געהאט מיט די יידן פון וואַרשע און דאָס זעלביקע האָט מען געקאָנט בולט באַמערקן אויך צווישן וואַרשע און לעמבערג און אַביסל מילדער — צווישן לעמבערג און קראָקע.

דער היסטאָרישער „לאָזונג״ פון טעאָדאָר הערצל „מיר זענען איין פאָלק״, האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט אין יענער צייט, אַפילו נישט אין דעם לאַגער פון די קלאַסישע אָנהענגער פון אחדות — די אַלגעמיינע ציו־ניסטן. די פועלי־ציוניסטישע פאַרטיי האָט געהאַט אַ געזינטערן חוש פאַר רעאַליטעט און האָט זיך במשך פון יאָרן יאָ פאַרייניקט און אויך דער מזרחי און אַפילו אויך די אגודת ישראל האָבן באַוויזן מער אחריות־געפיל לגבי זייערע אייגענע באַוועגונגען ווי די אַלגעמיינע ציוניסטן. אפשר דערפאַר, ווייל דער אַלגעמיין־ציוניסטישער רעזערוואַר איז געווען אַ סך אַ גרעסערער און אפשר דערפאַר, ווייל זיין צוגאַנג צו אַ דיסציפּלינירטער אָרגאַניזאַציע איז בטבע געווען אַ נעגאַטיווער. אפשר איז נאָך איין פאַקטאָר געווען וואָגיק: אין קאָנגרעס־פוילן האָבן געלעבט אין יענער צייט מער ווי צוויי מיליאָן יידן, אין מזרח־גאַליציע מער ווי 600 טויזנט יידן

און אין מערב־גאַליציע עפּעס מער ווי 200 טויזנט יידן און די דאָזיקע מינדערהייט האָט געהאַט, צוליב איר אַנדערשקייט, אַן אָפּנייגונג אונטער־צוּוואַרפן זיך אונטער דער געוואַלטיקער מערהייט פון קאָנגרעס־פּוילן אָדער פון מזרח־גאַליציע. און פון דער אַנדערער זייט, די גרויסע מער־הייט פון קאָנגרעס־פּוילן און די אַ סך קלענערע מערהייט פון מזרח־גאַ־ליציע האָבן פון סאַמע אָנהייב געוואָלט דיקטירן דער מינדערהייט פון מערב־גאַליציע און דאָס האָט ווידער פאַרשטאַרקט ביי אונדז די קעגנער־שאַפט צו אַזאַ „איינִיקייט".

פון דעם וואַלד פון פּראָבלעמען, וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען פאַר אונדזער יונגער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, וויל איך דאָ אַרויסהייבן נאָר דריי אויפגאַבן פון אַ ברייטערן פאַרנעם, כדי אין די ראַמען פון אַן אַלגעמיי־נעם איבערבליק נישט צו פאַרווישן דאָס בילד. איך וויל דאָ בכלל געבן דאָס בילד פון דעם וואַלד און נישט פון די ביימער און זיכער נישט פון די צווייגן אויף די ביימער, און איך בעט אַנטשולדיקונג ביי יענע גרופּן און פּערזאָנען, וואָס וועלן אַלס פּרט פאַלן אַ קרבן פון אַט דער גאָר אַלגעמיינער שילדערונג.

וואָס זענען געווען די דריי פּראָבלעמען פון דער דאָזיקער איבער־גאַנגס־צייט אין דער געשיכטע פון ציוניזם אין אונדזער ווינקל פון פּוילן?

ד י ע ר ש ט ע  פ ר אַ ג ע  א י ז  ג ע װ ע ן: שוץ פון יידן בכלל קעגן דער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אויסגעוואַקסן פּלוצים אויף אויף דעם געביט פון מערב־גאַליציע ווי אַ ווילד־גראָז אין דעם גאָרטן פון דעם באַנייטן פּוילן. עס איז נישט געווען קיין אַלגעמיינע כוואַליע, אָבער שטאַרק געגנוג אין אירע ברוטאַלע סימפּטאָמען אין אַ צאָל מקומות, ווו עס זענען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען קעגן יידן, און דאָס אין דער צייט פון פּאַטריאָטישער שמחה מיט באַפרייאונג פון אונטערדרי־קונג, און אין אַ לאַנד, ווו יידן האָבן באַוויזן נישט איין מאָל זייער צוגויפגעבונדנקייט מיט פּוילן. עס איז אויף דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אַלס דעם חוט־השדרה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַלס דעם טרעגער פון דעם יידישן פרייען פּאָליטישן געדאַנק, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, געפאַלן דער חוב צו טאָן וואָס נאָר מעגלעך, כדי אָפּצושטעלן די דאָזיקע

כוואַליע פון אַקטיוון ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם. עס איז געווען אַ גאַר ביטערע צייט פאַר אונדז.

דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, האָט מיט אַ סך יידן אויפגענומען פּראָ־טאָקאָלן וועגן די דאָזיקע פּאָגראָמען. אונדזערע פּוילישע „ברידער״ האָבן זיי אָנגערופן „אומרוען״. איך וויל דאָ דערמאָנען נאָר איין פּרט. עס איז געווען אַ פּריייטיק נאָכמיטיק; האַלערטשיקעס, די „פרייהייט״־סאָלדאַטן פון דער בלויער אַרמיי פון גענעראַל יוזעף האַלער, האָבן געבושעוועט אויף דעם הערלעכן רינג־פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען דער פּרעכטיקער מאָנו־מענט פון אַדאַם מיצקעוויטש, דעם גרויסן דיכטער, וואָס האָט אין זיינס אַ ווערק געשיקט האַרציקע גרוסן צו דעם פאָלק ישראל. דר. יהושע טאָן איז געוואָרן אַלאַרמירט. צוזאַמען מיט אים בין איך געפאָרן אין אַן אָפּע־נעם וואָגן צו דער נייער מיליטערישער קאָמאַנדע פון דעם נייעם פּוילן, אויפן שטראַדאָם, כדי גורם צו זיין הילף קעגן די האַלערטשיקעס. אונ־טערוועגס, ביים פּלאַץ, פאַר דעם גרויסן געריכט־בנין אויף דער גראָדזקאַ גאַס, האָט אַ האָגל פון שטיינער געצווונגען דר. טאָן און מיך זיך אומ־צוקערן. אין דעם יידישן קוואַרטאַל האָט די יידישע יוגנט — און דאָס זאָל דערמאָנט ווערן צו איר שבח — געהאַט צוגעגרייט אַ זעלבסטשוץ קעגן דער „שמחה״ פון די האַלערטשיקעס. אויף ציוניזם האָבן פּוילישע צייטונגען געוואָרפן בייזוויליק דעם חשד פון קאָמוניזם, ווייל דאָס איז געווען דער בעסטער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע־מיטל, און אויף יידן בכלל האָבן פּוילישע צייטונגען און בפרט דער „קוריער צאַדזשיעני״ גע־וואָרפן דעם בילבול פון „זשידאָ־קאָמונאַ״... אָבער עס זענען אויך געווען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט וואָגיקע גרופן און יחידים, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט אָפן דער דאָזיקער כוואַליע פון ווילדן אַנטיסעמי־טיזם. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז עס האָט זיך איינגעגעבן דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע גרופן, איינצושטילן די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע כוואַליע.

דאָס איז, אַלזאָ, געווען דער אַקאָמפּאַנימענט פון דער געבוירן־שעה פון דער נייער לאַנד־אָרגאַניזאַציע.

די צווייטע אויפגאַבע איז געווען: אויפ־

צ ו ב ו י ע ן  אַ  נ ײ ע  אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע. און דאָס איז גע־שען אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט. פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, זענען אונדזערע שליחים געפאָרן און במשך פון אַ יאָר צוויי איז אויפגעבויט געוואָרן אַ נעץ פון ציוניסטישע לאָקאַל־קאָמי־טעטן פון אונדזער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. מיר וועלן שפּעטער זען, ווי די טעטיקייט פון די דאָזיקע לאָקאַל־קאָמיטעטן איז כסדר געוואַקסן אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישן לעבן. במשך פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַ־טאָרישער אַקציע האָבן זיך ליידער אויך באַוויזן סימנים פון בייזוויליקע מסירות מצד יידן קעגן ציוניסטן, כדי צו שטערן די ציוניסטישע אַרבעט. איך וויל אָבער מיט סאַטיספאַקציע דערמאָנען, אַז דאָס זענען געווען באמת יוצאי מן הכלל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אונדזער לאַנד־פאַר־באַנד נישט איינמאָל באַקומען פון די העכסטע ציוניסטישע אינסטאַנצן ווערטער פון וואַרעמער אנערקענונג פאַר דעם אָרגאַניזאַטאָרישן דערפאָלג פון אונדזער פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם ציוניסטישן קיבוץ.

ד י  ד ר י ט ע  א ו י פ ג אַ ב ע איז געווען פון אַ גאָר ברייטערן פאַרנעם, אַ פונדאַמענטאַל־פּאָליטישע. די קאָנסטרוקטיווע אַמביציע פון אונדזער קליינער לאַנד־אָרגאַניזאַציע האָט זיך שוין באַוויזן אין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ. עס איז געווען די תקופה פון דעם ווערסאַילער טראַק־טאַט. אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז, אין דעם אַלטן שלאָס פון ווערסאַיל, אין וועלכן גרויסקייט איז צוזאַמענגעוועבט מיט טראַגעדיע, זענען זיך צונויפגעקומען די פעלקער פון דער וועלט. אַ גרויסער בעל־חלום, פּרעזי־דענט ווילסאָן, האָט געוואָלט איבעראַנדערשן די וועלט. פאַר אונדז, באַ־ציאָנאַלע יידן, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שאַנס איבערצובויען די פונדאַמענ־טאַלע באַדינגונגען פון אונדזער קיום אַלס אַ גלות־פאָלק. און אַחוץ דעם איז עס דאָך געווען איין און אַ האַלב יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס האָט זיך אונדז דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז אונדזער פאָלק באַקומט ווידער פּליגל! דאָס וואָרט מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט איז צו יענער צייט ווידער געוואָרן איינס פון די שטאַרקסטע לאָזונגען אין דעם לאַנד פון גלייכהייט, ברידערלעכקייט און פרייהייט. די העכסטע פאַר־טרעטער פון פעלקער און רעגירונגען האָבן געשטראָמט קיין ווערסאַיל, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין יידישע רעגירונג. אָבער אַ פאָלק זענען

מיר געווען. איך דערמאָן מיך אין די הייסע טעג פון יענער צייט, אין וועלכער אונדזערע האָפענונגען זענען געשטיגן גאָר הויך. איין פליגל פון אונדזערע האָפענונגען האָט געהייסן — „יידישע מלוכה״ און דער צווייטער פליגל — „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן־רעכט אין גלות״. פון אַלע עקן וועלט, פון אַלע וויכטיקע יידישע ישובים זענען געקומען דעלעגאַציעס קיין פּאַריז און האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ „קאָמיטעט פון דעלעגאַציעס״. עס איז געווען איינע פון די הערלעכסטע דערשיינונגען פון יידישן אָפּטימיזם און זעלטענער יידישער אייניקייט טראָץ דער פאַרשיידנאַרטיקייט, פון יידישער אחדות־זיין, טראָץ דעם גע׳ונד־זיין. און ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז מיר, די ציוניסטן פון דעם קליינעם טייל פון פּוילן, אָבער פון דער סוווערענער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, זאָלן נישט זיין — אין ווערסאַיל. וואָרג און קאָנסטרוקטיווע אַמביציע מיטצושאַפן אין דער גרויסער שעה אין דער לאַבאָראַטאָריע פון יידישער קעגנוואַרט און צוקונפט, האָט אונדז, דעם קליינעם מיעוט פון ציוניסטן, בראש מיט דר. יהושע טאָן, באַוויגן צוצוגרייטן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פאַר דער קאָנפערענץ אין ווערסאַיל. אונטער דער פירונג פון אונדזער לאַנד־אָרגאַניזאַציע איז צושטאַנד געקומען אין קראָקע אַ נאַציאָנאַלער קאָמיטעט. איך זע נאָך היינט פאַר מיר די גרויסע פּלאַקאַטן מיט אונדזער פּראָגראַם און איך זע נאָך דעם טיש פון אונדזערע באַראַטונגען, ווו מיר האָבן אויסגעהאַמערט יעדן זאַץ, יעדעס וואָרט, ווי עס וואָלט געווען ז׳ער וואָגיקסטער באַשטאַנדטייל פאַר די באַראַטונגען אין ווערסאַיל. מיר זענען דעמאָלט געווען ממש פאַרכישופט פון די „לאָזונגען״ און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַן אונטערדריקט פאָלק קלאַמערט זיך תמיד אין גרויסע האָפענונגען, הגם מיר יידן האָבן געהאַט אַזויפיל מאָל געלעגנהייטן זיך צו איבערצייגן, אַז האָפענונגען פאַרוואַנדלען זיך אין אילוזיעס.

אונדזער פאַרטרעטער, דר. יהושע טאָן, איז געפאָרן קיין פּאַריז אויפצוהויבן אויך די שטים פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון מערב־גאַליציע בראש, אין דעם אָרקעסטער פון יידישער אייניקייט אַרום ווערסאַיל, ווייל געשטאַנען זענען מיר דאָך אין געוואָרט, אַ ר ו ם ווערסאַיל, און נישט אי ן ווערסאַיל גופא. דער פּראָגראַם, וועלכן דער לאַנדעס־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון אַנ־

דערע אָרגאַניזאַציעס האָט צוגעגרייט, האָט ממש אַרומגענומען אַלע האָפּ־נונגען פון דער יידישער מינדערהייט אין פוילן. איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקן וויכוח וועגן איין פונקט, וועלכער סימבאָליזירט ווי שטאַרק עס זענען געווען אונדזערע האָפנונגען צו יענער צייט. מיר האָבן דעבאַטירט וועגן דעם צי מיר זאָלן פאַרלאַנגען די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך אין די פוילישע געריכטן. דער מינדערהייטן־אָפּמאַך איז באמת באַשלאָסן געוואָרן אין ווער־סאַיל. פוילן האָט אים אונטערגעשריבן. אַ רייע פון זיינע פּאַראַגראַפן זענען אַפילו אַריין אין דער ערשטער פוילישער קאָנסטיטוציע און אַזוי אַרום האָט זיך דאָס רעכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געשטיצט נישט נאָר אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, נאָר אויך אויף דער פּויל־ישער קאָנסטיטוציע גופא. איך וועל מיך נאָך אומקערן צו דעם דאָזיקן ענין שפּעטער, אָבער דאָ וויל איך שוין דערמאָנען, אַז אין שייכות מיט די אַזוי גערופענע „אומרוען", וואָס האָבן „באַלויכטן" דעם אָנהייב פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, איז אויף דעם פאַרלאַנג פון איגנאַצי פּאַדע־רעווסקי, געקומען קיין פוילן העגרי מאָרגענטאַו דער עלטערער, אויסצו־פאָרשן די געשעענישן און ער איז אויך געווען אין קראָקע. אַ דעלעגאַציע פון יידישע פּאַרטייען איז פון אים אויפגענומען געוואָרן אין דעם אויפ־נאַם־זאַל פון האָטעל „סאַסקי", אויף דער סלאַווקאָווקאַ גאַס.

אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע האָט גערעדט אונדזער האַרציקער דר. ווילהעלם בערקעלהאַמער ז״ל, און איך דערמאָן מיך אַ סצענע, וועלכע איז מיר קיינמאָל נישט אַרויס פונעם זכרון. ווען דר. בערקעלהאַמער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע, האָט אים מאָרגענטאַו איבערגעריסן מיט די ווער־טער: „אויב איר ווילט האַלטן אַ רעדע, מוזט איר פאַר דעם אויפנאַם־זאַל — אַליין באַצאָלן!

הלוואַי וואָלט הענרי מאָרגענטאַו בכלל נישט געווען געקומען קיין פוילן! מיר האָבן געהאַט נאָר צרות פון זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמ־פּלעקס אַלס ייד.

פּאַדערעווסקי און דמאָווסקי, ווייזט אויס, האָבן גוט געוווּסט ווען זיי האָבן געבעטן צו שפּילן לויט פּאַדערעווסקיס נאָטן. אַ סך מער נחת

האָבן מיר שפּעטער געהאַט אין אַמעריקע פון מאָרגענטאַוס זון, אויך הענרי מאָרגענטאַו, דער יונגער.

אָט פונעם וואַלד פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן ביי דער שוועל פון דער נייער תקופה האָב איך דאָ דערמאָנט די דריי וויכטיקסטע ענינים. נאָך דעם ווי אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט ביי זיך מער אָדער ווייניקער גובר געווען די ערשטע שוועריקייטן אין אַלע דריי פראַגן, איז ער איבער־געגאַנגען צום טאָג־טעגלעכן לעבן אין אַ נייער תקופה. איך וועל פּרוּוון דאָ פון מיין זכרון און נאָר מיט ווייניקע דאָקומענטאַרע קוואַלן, צו באַ־שרייבן די דאָזיקע תקופה.



ד״ר יהושע טאָן

## ערשטער טייל

# די טעטיקייט אין אונדזער ווינקל

# אונדזער פרעזידענט און אונדזערע זעקס פאָרזיצערס פון דער עקזעקוטיווע

די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג אין קראָקע און אין דער פּראָווינץ, איז גיך געוואָרן דער חוט־השדרה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל אין אונדזער טייל פון פּוילן. די סיבות דערפון זענען געווען סאָציאַלע. די גרעסטע טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט איז געווען אַ בירגערלעכע און דערפאַר איז די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג בטבע געווען דער נאַטירלעכער צענטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די גאַנצע צייט פון די דאָזיקע צוואַנציק יאָר איז אַזוי געבליבן. די זאַנדער־פאַרבאַנדן, די פּועלי־ציון, התאחדות, מזרחי, דער השומר הצעיר און די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי זענען געבליבן אַלע צוזאַמען אַ מינדערהייט אין פאַרגלייך צו דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געשפּילט זייער קאָנסטרוקטיווע ראָלע, אָבער אין זייער באַגרענעצטן שטח. דעם שטעמפּל אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ארויפגעלייגט דער לאַנדעס־פאַרבאַנד. און די זאַנדער־פאַרבאַנדן האָבן דאָס אויך אָנערקענט. נישט תמיד מיט שמחה, אָבער תמיד אין צוזאַמענאַרבעט, ווער מער, ווער ווייניקער, מיט דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד.

די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג אין מערב־גאַליציע און אויך אין שלעזיע און במשך אַ קורצער צייט אויך אין דעם טייל פון דעם טשעכאָסלאָוואַקישן שלעזיע, וואָס האָט געהייסן זאַאָלזשיע (אַ קליינער טייל „אָלזאַ" האָט אָפּגעטיילט דעם טייל פון דער שטאָט ציעשין, וואָס האָט געהערט צו פּוילן און דעם טייל פון ציעשין, וואָס האָט געהערט צו טשעכאָסלאָוואַקיע). די אויסברייטערונג־מעגלעכקייט און דער רעזערוואָר פון טעטיקייט פאַר דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען נאַטירלעך באַגרענעצט. אָבער דער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט כמעט אין גאַנצן אויסגעשעפּט דעם דאָזיקן רעזערוואָר. די צאָל פון לאָקאַלע קאָמיטעטן אויף דעם קליינעם שטח פון מערב־גאַליציע און שלעזיע צוזאַמען מיט די גאָר קליי־

נע ערטער (דערפער איינגעשלאָסן), ווו עס זענען געווען עטאַבלירט נאָר פאַרטרויאונגס־מענער, האָט דערגרייכט אַרום 180. איך וויל זיי דאָ, ראשית כל אָפּגעבן אַ קאָלעקטיוון שבח און זייענדיק איינער פון יענע, וואָס האָבן אַזוי אָפט באַזוכט די דאָזיקע ערטער אין דער פּראָווינץ, זע איך היינט פאַר מיר כמעט אַלע, ווי זיי וואָלטן געאָטעמט און געלעבט. זיי זענען אָבער נישט מער דאָ פאַר אונדז יידן. די פינאַנציעלע התחייבותן, אין צאָלן דעם פּאַרטיי־שטייער פאַר דער צענטראַלע אין קראָקע איז געווען אַ סך מאָל הינטערשטעליק ווי כמעט תמיד די ווירקלעכקייט אין פאַרגלייך מיט אַ פּלאַן, אָבער טראָצדעם האָט אונדזער לאַנד־אָרגאַניזאַציע באַזירט איר פינאַנציעלן באַשטאַנד אויף אַ רעגלמעסיקן בודזשעט.

יאָר־אויס, יאָר־איין זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן לאַנד־קאָנפערענצן. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיך כמעט געפירט ווי אַ קליינער קאָנגרעס, און מיר האָבן געהאַט די אַמביציע צו זיין אַ קליינער קאָנגרעס. דער פּרעזידענט פון דער באַוועגונג איז כמעט אָן איבעררייסן, ביז צום יאָר 1936, געווען דר. י ה ו ש ע ט אָ ן. אין אַ באַשיידענעם גוף האָט געגעסטעט אַ שטאַרקער גייסט. איך קאָן עד־היום נישט פאַרשטיין פון וואַנען דר. טאָן האָט גענומען דעם פיזישן כוח און דעם ווילן גובר צו זיין זיין שטענדיקע, כראָנישע קראַנקייט, און צו זיין טעטיק ווי ווען ער וואָלט געווען דער געזונטסטער מענטש.

דער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאַט אַן עקזעקוטיווע, וואָס איז געוויילט געוואָרן דורך דער לאַנד־קאָנפערענץ. מיר האָבן געהאַט אַן אמתן רעספּעקט פאַר דעמאָקראַטיע און עס איז ביי אונדז געווען אַן אמתדיקע דעמאָקראַטיע. די עקזעקוטיווע איז געפירט געוואָרן דורך אַ פּאָרזיצער און זי איז געווען איינגעטיילט אין רעסאָרטן פון אַרבעט ווי אַ רעגירונג אין מיניסטעריומס. אַלע וויכטיקע סעקטאָרן פון דעם וויבריִרנדיקן יידישן לעבן פון יענער צייט און פון דעם ציוניסטישן לעבן בפרט האָבן געהאַט אירע „מיניסטאָרן״ — די פאָרזיצערס פון די אָפּטיילונגען. איך וואָלט גערן דאָ דערמאָנט די נעמען פון אָט די פאַרדינסטפולע פאַראַנטוואָרט־לעכע טוער, במשך פון די 20 יאָר, אָבער איך וועל נאָר אויסרעכענען די נעמען פון די פאָרזיצערס פון דער עקזעקוטיווע במשך פון די 20 יאָר

און די נעמען פון די גענעראַל־סעקרעטאַרן, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דער אַרבעט.

זאָלן זיי נישט פאַרגעסן ווערן.

איך קער מיך אום צו דעם פּרעזידענט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, ד״ר. י ה ו ש ע ט אָ ן, וועמען די השגחה האָט דערלויבט אַוועקצוגיין פון אונדזער וועלט אין יאָר 1936, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אַ חסד פאַר אים, וואָס ער האָט נישט געזען די שרעקלעכסטע טראַגעדיע אין אונדזער געשיכטע. ד״ר. טאָן איז געווען אַ גאָר ווירדיקער רעפּרעזענטאַנט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. אַ שאַרפער מוח, אַ פיקח. אַ גלענצנדיקער רעדנער. ער האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען די געפילן ביי די מאַסן אין התלהבות. מיט אַ לייכטן וויץ, מיט באַפליגלטע אַנעקדאָטן, מיט זיין גרויסן יידישן און אַלגעמיינעם וויסן און צייטנווייז דורך זיין סאַרקאַזם, וועלכער האָט געקאָנט זיין ווי אַ בייטש. אַ געניטער פּאָליטיקער, געמעסיקט כלפי פנים און זייער מוטיק כלפי חוץ, און וואָס מענטשן האָבן דאָס נישט תמיד געוווסט, האָט ער געהאַט דעם שם פון אַן אָפּאָרטוניסט, אָבער זיינע רעדעס אינעם סיים זענען אָפט געווען מוטיקע און זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג האָבן אָפט אַרויסגערוקט ראַדיקאַלע פאָדערונגען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פּאָליטיקער, וואָס זענען כלפי פנים געווען זייער ראַדיקאַל און זענען געווען זייער געמעסיקט אין די דלד אמות פון דעם אונטערהאַנדלונג־סאַלאָן מיט דער רעגירונג. אַן ערשט־קלאַסיקער זשורנאַליסט אין יידיש, העברעיש, דייטש און פּויליש. אומפאַרגעסלעך זענען געבליבן אין מיין זכרון זיינע דרשות אַלס ראַבינער אינעם טעמפּל פון קראָקע. מען איז אָפט געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, כדי אים צו הערן. נביאותדיקער כעס איז אָפטמאָל געפאַלן איבער די קעפּ פון די אַסימילאַטאָרן, וואָס זענען געווען די באַלעבאַטים פונעם טעמפּל. פאַר דער יוגנט איז ער געווען דער וועקער. איך דערמאָן זיך אַ מאָמענט בעת איינער פון זיינע גרויסע דרשות. ער האָט זיך געווענדט צו אַ טייל פון דער יידישער יוגנט, אויסרופנדיק מיט אַ דורכדרינגלעכער שטים: „די גאָלדענע יוגנט, אָבער נישט ווייל זי איז פון גאָלד, נאָר ווייל זי האָט גאָלד״.

קליין אין וווקס, איז ער אָבער אויסגעוואַקסן בעת זיינע רעדעס צום

פאַלק ביי אונדזערע לאַנד־קאָנפערענצן און אין דעם טעמפּל פון קראָקע.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אַנטשטייאונג פון פוילן, איז פאָרזי־צער פון דער עקזעקוטיווע געווען דר. ש מ ו א ל װ א ר ה א פ ט י ק.

דר. שמואל װארהאפטיק איז געווען דער באַלעבאַטישער טיפּ פון אַ ציוניסטישן מנהיג. ער איז דורך זיין אָמט אויסגעוואַקסן צו זיין אַ מנהיג. ער האָט עס נישט מיטגעבראַכט מיט זיך פון זיין סביבה. אַ שטאַרק־גע־בויטע געשטאַלט האָט ער זיך פאַמעלעך באַוועגט סיי אין טעגלעכן לעבן, סיי אין זיין פּאָליטישן טעמפּאָ. ער איז געווען איבערגעגעבן צו דער באַ־וועגונג מיט האַרץ און מוח. אָוועקגעגעבן אַ סך צייט פאַר דער באַוועגונג, אָפּטמאָל מקריב געווען די אינטערעסן פון זיין אַדוואָקאַטור־קאַנצעלאַריע, כדי צו שטאַרקן ציוניזם אין אונדזער געגנט. ער איז געשטאָרבן לאַנג פאַר דעם צווייטן װעלטקריג. אַן אמתדיקער טרויער האָט אונדז אַרומגענומען, ווען מיר זענען, מיט געבויגענע קעפּ, געגאַנגען הינטער זיין ארון דורך דער היסטאָרישער גראָדסקאָ גאַס צו דעם יידישן בית־עולם.

אַ גאָר אַן אַנדערער מענטש איז געווען דער שפּעטערדיקער פאָרזי־צער פון אונדזער עקזעקוטיווע, דר. י ה ו ד ה צ י מ ע ר מ אַ ן. אַ פּראַקטישער געניטער יוריסט, האָט ער אויך אין דער צייט פון זיין פאָר־זיצערשאַפט פון אונדזער עקזעקוטיווע קאָנצענטרירט זיינע זאָרגן און חושים אַרום פּראַקטישע פּראָבלעמען פון ציוניסטישער טעטיקייט. זאַכ־לעך אין זיינע רעדעס, באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין די ענינים פון װירטשאַפטלעכע פראַגן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און פון ענינים פון אונדזער טאָג־צייטונג „נאָווי דזיעניק״. אויך ער האָט געגעבן אונ־דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד דאָס בעסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון היטלערן, צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער. זיין זון לעבט אין מדינת ישראל.

דר. ש מ ע ו ן פ ע ל ד ב ל ו ם געהערט זיכער צו די גלענצנ־דיקסטע געשטאַלטן אין דער גאַלעריע פון אונדזערע ציוניסטישע פירער. איינער פון די געניטסטע און באַקאַנטסטע יוריסטן. אַ פלאַם־פייערדיקער רעדנער. דורך זיין אמתדיק אָראַטאָרישער קונסט איז ער געוואָרן דער אינספּיראַטאָר פון ציוניזם צווישן דער יוגנט. באַוואָפנט מיט אַ נישט געוויינטלעכער חכמה און אַ רעאַליסטישן אָפּטימיזם. דאָס האָט אים דער־

הויבן צו זיין דער קלאַסישער פאַרמיטלער צווישן די קעמפנדיקע צדדים. זיכער דער נאָענטסטער צו דר. יהושע טאָן און אַמשטאַרקסטן געליבט און געשעצט פון דר. יהושע טאָן, פון אונדזער יוגנט, פון דעם כלל און אַפילו פון אונדזערע פּאָליטישע קעגנער. ער איז געווען אין מערב־גאַליציע איי־נער פון די פּאָפּולערסטע פירער און האָט אויך געשפּילט אַ וואָגיקע ראָלע אין דעם קאַמף פאַר פאַרייניקונג פון אַלגעמיינעם ציוניזם סיי אין פּוילן סיי אין דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. אַ גוטער גורל האָט אים דערלויבט צו לעבן אין מדינת ישראל צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיינע צוויי זין זינט 1940, ווו ער איז געשטאָרבן געשעצט דורך טויזנ־טער מענטשן, אינעם יאָר 1956. איינער פון זיינע זין פאַרנעמט אַ הויכן מיליטעריש־דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן און אַ צווייטער איז געווען אַ דאָקטאָר אין דער ישראל־אַרמיי.

דר. חיים הילפשטיין איז געווען אַ דאָקטאָר פון באַרוף. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דר. חיים הילפשטיין איז גע־ווען אַ וואָנדערנדיקע כראָניק פון אונדזער באַוועגונג אין מערב־גאַליציע. אָבער נישט נאָר דאָס. ער איז געווען דאָס וואַכיקע אויג פון דער באַווע־גונג. זיין האַנט האָט זיך געלאָזט פילן אין יעדן ווינקל פון אונדזער טעַ־טיקייט. עס איז באמת נישט געווען קיין אינסטיטוציע אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס האָט זיך נישט געלאָזט פילן די אַק־טיוויטעט פון חיים הילפשטיין. די העברעישע שולע, וואָס איז אַנט־שטאַנען דורך דער איניציאַטיוו פון שלמה לעזער ז״ל, איז אויסגעוואַקסן צו אַן אימפּאָזאַנטער קולטור־פעסטונג אונטער הילפשטיינס שטויסקראַפט. דער בנין פון „נאָווי דזשיעניק“, די באַנק פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע און די געזעלשאַפט פאַר פיזישער דערציאונג, וואָס איז אַנט־שטאַנען דורך דער איניציאַטיוו פון זיגמונט האָכוואַלד, זענען תמיד גע־ווען אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון דר. חיים הילפשטיין. אַחוץ דעם איז ער געווען די פאַרקערפּערונג פון אייביקער אומצופרידנקייט. מען האָט צייטנווייז באהבה און צייטנווייז מיט אַ שמייכל אָנגענומען זיין קריטיק, אָבער מען האָט געוווּסט, אַז פון הילפשטייניען קאָן מען אויך אָננעמען אַן אומגערעכטע קריטיק. נאָך אַ שווערער צייט בעת דעם קריג אין אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אין פּלאַשוו, לעבן קראָקע, און שפּעטער אין ברונע־

נעץ, אין מערן, האָט ער צום גליק, צוזאַמען מיט זיין פרוי נאָכן וועלט־קריג געפונען אַ בכבודיקן מקום מנוחה אין מדינת ישראל, פאַר וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אַזויפיל צייט און ענערגיע אין זיין לעבן.ביידע זיינען דאָרט געשטאָרבן.

לעאָן סאַלפּעטער איז געווען אַ גאָר אַנדער טיפּ מענטש. אַן אַפּטייקער פון באַרוף איז ער געווען דער היפּוך פון דעם שם, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו די אַפּטייקערס אין אונדזער סביבה. קלוג, אויסגעהאַלטן, ענערגיש, איבערגעגעבן און פאַרעקשנט אין זיינע איבער־ציייגונגען. געשטאַמט האָט ער פון דעם שטעטל מיעליץ, אָבער זיין גאַנצע ציוניסטישע טעטיקייט סיי אַלס פאָרזיצער פונעם פּאַלעסטינע־אַמט און סיי אַלס פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע האָט ער אַנטוויקלט אין קראָ־קע, באַזונדערס אויף דעם אָרגאַניזאַטאָרישן געביט, אויף דעם געביט פון דער יוגנט־באַוועגונג און אויף אַלע יענע שטחים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער צוגרייטונג פון דער יוגנט פאַר ארץ־ישראל. זיין קאָמ־פּראָמיסלאָזיקייט האָט אים נישט פאַרשאַפט בלויז פריינט. שטאַרק אין זיין צוגאַנג צו טאָג־טעגלעכע התחייבותן, האָט ער פאַרנומען אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין אונדזער ציוניסטישן לעבן. אויך ער האָט דורכגעמאַכט שווערע צייטן אין די היטלערישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צוזאַמען מיט דר. הילפשטיין און האָט דאַן, נאָכן קריג, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין משך פון אַ קורצער צייט אין דער ציוניסטישער טעטיקייט נאָך דער מלחמה אין פּוילן. ער איז עולה געווען קיין מדינת ישראל. ער לעבט איצט אין תל־אביב.

אַ ריי פון יאָרן איז דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות געווען פאָר־זיצער פון דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז די גאַלעריע פון די זעקס פאָרזיצערס פון אונדזער לאַנ־דעס־פאַרבאַנד במשך פון 20 יאָר. מאַנכע פון זיי, ווי פעלדבלום, וואַר־האַפטיק, צימערמאַן און הילפשטיין האָבן אויך פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד געשפּילט פירנדיקע ראָלעס אין דעם פריערדיקן אַזוי גערופענעם דיסט־ריקט־קאָמיטעט פון מערב־גאַליציע אין דער עסטרייכישער צייט.

די גאַלעריע, וואָס איך האָב דאָ קורץ געשילדערט, איז געווען אַ קאָלירפולע. יעדער פון אַ באַזונדערן מין פון אַ גענעלשאַפטלעכן טוער;



ד״ר יהודה צימערמאַן



ד״ר שמעון פעלדבלום

יעדער מיט אַ באַזונדערער ליבע צו אייניקע פון די ציוניסטישע געביטן פון אונדזער טעטיקייט. אָבער ווען מיר סומירן די טעטיקייט פון דער דאָזיקער גאַלעריע, וועלן מיר געפינען אַן אויפקלערונג פאַר וואָס דער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין מערב־גאַליציע האָט במשך פון די 20 יאָר זיך פאַרנומען מיט אַלע געביטן פון ציוניסטישער און יידישער טעטיקייט. און צו די דאָזיקע געביטן וועל איך מיך איצט אומקערן.

וויל איך דאָ דערמאָנען כאָטש מיט עטלעכע ווערטער די גענעראַל־סעקרעטאַרן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס האָבן אין דעם פעריאָד פון 1919 ביז 1939 געטאָן די טאָג־טעגלעכע אַרבעט, אָן וועלכער קיין שום ליטונג, קיין שום פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע וואָלט נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן זיינע פלענער. מען פאַרגעסט געוויינלעך וועגן די דאָזיקע סעקרעטאַרן און דערפאַר וויל איך זיי דערמאָנען.

ראשית כל אונדזער גוטן איבערגעגעבענעם חבר א. ק א פ ע ל אָ־וו י ט ש. רואיק, אַ ביסל סאַרקאַסטיש, נאָר אינטעליגענט און מיט אַ טראָפּן פון פילאָזאָפישן ביטול צו דעם אופן, ווי אַזוי מנהיגים דראַמאַ־טיזירן מאַנכעסמאָל ענינים, ווען זיי פאַרלירן די פּערספּעקטיוו פון דער צייט צו זיי. קאַפעלאָוויטש איז נאָך דער מלחמה געווען איינער פון די זיילן פון פּעטער בערגזאָנס אָריגינעלער, אומרואיקער באַוועגונג פון דער „העברעישער נאַציע" אין ניו־יאָרק. קאַפעלאָוויטש לעבט איצט אין ניו־יאָרק ווייט פון זיין שטורעם־פעריאָד.

דר. ר. פ ע ל ד ש ו (ר. בן־שם — היינט אין מדינת יש־ראל), דער היפוך פון קאַפעלאָוויטש. אומרואיק, געהאַט אַ סך דיכטע־רישע געדאַנקען, אָבער ער איז אויך געווען אַ דיכטער אין דער אמתן. נאָענט צום רעוויזיאָניזם, אומדיסציפּלינירט, מיט אַ ברויזנדיקן טעמפּע־ראַמענט ווי אַ ווינט. אַ סך געטאָן און אַ ביסל צעשטערט, ווי אָפטמאָל אַ ווינט. ער האָט געשאַפן דעם השומר הטהור. די אָרגאַניזאַציע איז דער־פון נישט ניצול געוואָרן, אָבער עס איז פאַרט געווען אַ ראַדיקאַלער אויפטו.

א ב ר ה ם ה אַ פ ש ט ע ט ע ר, דער בעסטער אַדמיניסטראַטאָר צווישן די גענעראַל־סעקרעטאַרן פון דער תקופה. ער האָט געזאָרגט וועגן דעם קלענסטן ווינקל פון אונדזער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, איבערגעגעבן ביז

גאָר, לאַנגע יאָרן געדינט דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד מיט זיין גאַנצער נשמה. דערמאָרדעט געוואָרן דורך היטלערן מיט זיין פרוי און קינד.

דר. עקיבא קאַהאַנע. געווען דער סעקרעטאַר אין דער לעצטער תקופה פאַר דער מלחמה. אין מיינע געדאַנקען איז ער געבליבן „מיין סעקרעטאַר״, ווייל איך בין אין אָט דער לעצטער תקופה געשטאַנען בראש פון דער עקזעקוטיווע. עס איז אויך דר. קאַהאַנע און מיין גוטן פריינט לעאָן סאַלפעטער, וואָס איז אַליין געווען, ווי איך האָב אויבן דערמאָנט, פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע און וויצע־פאָרזיצער אין דער לעצטער עקזעקוטיווע, געפאַלן די לאַסט דורכצופירן אין קראָקע די וואַלן צום סיים מיט אַ פולן נצחון אין אַ זייער קאָמפּליצירטער און שווערער צייט, אין יאָר 1938. עקיבא קאַהאַנע איז געווען אַן אויסגעהאַלטענע נאַטור מיט אַ סך ענערגיע און אַ קאָנסטרוקטיווער נערוועזיטעט. זיין ענערגיע האָט אים שפעטער, נאָך דער מלחמה, דערפירט צו גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע פאָזיציעס אין דעם „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״, אין וועלכע ער פאַרנעמט אויך היינט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין פּאַריז.

דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, איז, אַז די אַלע גענעראַל־סעקרעטאַרן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע האָבן זייער טעטיקייט נישט באַטראַכט ווי פּראָפעסיאָנעלע באַאַמטע, הגם זיי זענען עס געווען. אַ טיפע ציוניסטישע אחריות איז געווען די טרייבקראַפט פון זייער אָפּטימאַל שווערער אויפגאַבע.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות איז אין דער איבערגאַנגס־צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. עס איז גאָר נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, אויפצובויען נייע פּאָזיציעס אין גאָר נייע און אָנגעשטרענגטע פּאָליטישע באַדינגונגען.

און איצט וועגנד איך מיך צו די אינערלעכע טעטיקייטן אינערהאַלב פון דעם שטח פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד.

# דאָס ברוזינדיקע לעבן אין אונדזערע קרייזשטעט און אין אונדזערע שטעטלעך

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט מיט עטלעכע ווערטער די אַרבעט אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד. עס וואָלט געווען דאָס בעסטע צונויפצוזאַמלען כראָנאָלאָגיש די טעטיקייטן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד במשך פון די איבער צוואַנציק יאָר. אָבער דאָס איז נישט מעגלעך און אַחוץ דעם וואָלט עס היינט פון דער רעטראָספּעקציע אין אַ צייט, ווען דער באָדן ברענט ווידער אונטער אונדזערע פיס און דער הימל ווערט ווידער פאַרוואָלקנט איבער אונדזערע קעפּ, געווען גאָר לאַנגווייליק. אפשר וועט אַמאָל אַ סטודענט פון דער העברעישער אוניווערסיטעט זיך נעמען די מי און שרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אפשר וועלן אַנדערע סטודענטן שרייבן מאָנאָגראַפיעס וועגן די צענדליקער אַנדערע לאַנדעס־פאַרבאַנדן פון דער אויסגעשפּרייטער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. דאָ וויל איך נאָר איבערגעבן אַ סך־הכל פון דער אויפבוי־אַרבעט במשך פון די צוואַנציק יאָר.

דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1921, נאָך אַ גאַנצער ריי פון קלענערע באַראַטונגען. און דאַן איז יאָר־אויס, יאָר־איין, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנד־קאָנפערענץ, אָפטמאָל מיט אַ סך מער ווי צוויי הונדערט דעלעגאַטן. אוודאי האָבן מיר געהאַט אַ קאָנסטיטוציע, ווי געשיקט זיך. און ווי ערנסט האָבן מיר גענומען די קאָנסטיטוציע מיט דער גאַנצער וואַל־אָרדענונג. מיר האָבן זייער גוט אָבטונג געגעבן, אַז דער דעלעגאַט פונעם פאָלק זאָל באמת זיין אַ דעלעגאַט פונעם פאָלק. אין אונדזער קליינעם ווינקל האָבן מיר עס געבראַכט דערצו, אַז אונדזערע לאָקאַלע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַטאָרישע קעמערלעך זענען געווען אויסגעשפּרייט איבער דעם גאַנצן געביט, ביז יאַראָסלאַוו איינגעשלאָסן, אַזוי ווייט, אַז אין איינעם פון אונדזערע באַריכטן האָבן מיר געקאָנט מיט שטאָלץ פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן דערגרייכט די גרענעץ פון אויסגעשעפּטקייט.

די לאַנד־קאָנפערענצן זענען געווען אַ מין מיקראָקאָסמאָס אין דעם ציוניסטישן וועלט־מיקראָקאָסמאָס. אַחוץ די דאָזיקע לאַנד־קאָנפערענצן,

האָט דער מעכאַניזם פון דער אָרגאַניזאַציע געאַרבעט דורך אַ צענטראַל־ראַט, וואָס איז זיך צונויפגעקומען נישט זעלטן און דורך אַ פּאַרטיי־ראַט, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן זעלטענער. אַ שטענדיקע פּאָליטישע קאָמיסיע האָט געוואַכט איבער די פּאָליטישע זאָרגן, וועלכע האָבן באַווירקט אונדזער לעבן אין דער צייט פון וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם. מיר וועלן דאָן שפּעטער זען, אַז אַחוץ דעם האָט כמעט יעדער וויכטיקער ענין אין אונדזער טעטיקייט געהאט אַ באַזונדערע קאָמיסיע און אין דער יוגנט־אָפּטיילונג איז אַפילו געווען אַ באַזונדערע סוב־קאָמיסיע פאַר אָרטאָדאָקסישער יוגנט און פאַר ציוניסטישער באַוועגונג צווישן מיידלעך. בקיצור, דער סיסטעם פון צענטראַליזירטער דיפערענציאַציע איז געווען דער, אַזוי צו זאָגן, וויסנשאַפטלעכער סיסטעם, אויף וועלכן אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטיצט. און, נישט נאָר דאָס! — מיר האָבן איינגעפירט ווי אַ שטענדיקע אינסטיטוציע, אין דעם קליינעם ווינקל אונדזערן, קרייז־קאָמיטעטן און קרייז־צוזאַמענפאָרן, כדי די קליינע טאָג־טעגלעכע ענינים, וואָס זענען אַזוי וויכטיק, זאָלן באַהאַנדלט ווערן דורך אָרטיקע מנהיגים, מיט אַ קלענערן האָריזאָנט. אָבער סוף כל סוף באַשטייט דאָך דער כלל פון פּרטים! אַזעלכע קרייז־קאָמיטעטן זענען געווען אין טאַרנאָוו, זשעשאָוו, יאַראָסלאַוו, יאַסלאָ, ביעלסקאָ, קאַטאָוויץ, שפּעטער אויך אין כשאַנאָוו און אפשר אויך אין אַנדערע ערטער, וואָס איך געדענק נישט. אַדאַנק דעם דאָזיקן אַפּאַראַט איז עס מעגלעך געוואָרן אין דער אמתן אויסצושעפּן אַלע טאָפּאָגראַפישע מעגלעכקייטן. עס איז געווען אַ מוס־טער־אָרגאַניזאַציע.

איך וואָלט זייער גערן ־דאָ אָפּגעדרוקט כאָטש איין באַריכט פון דער עקזעקוטיווע, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו אַ לאַנד־קאָנפערענץ, איינעם פון די צוואַנציק באַריכטן. איך בין באמת שטאָלץ, לייענענדיק איי־ניקע פון די דאָזיקע באַריכטן, היינט אין יאָר 1956, דאָ אין ניו־יאָרק. צייטנווייז האָט אַ באַריכט אַרומגענומען מער ווי צוואַנציק זייטן, מיט אַ סך ביילאַגעס, מיט באַזונדערע באַריכטן פון דער געזעלשאַפט „תרבות״, פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצא״, פון דער עזרת־החלוץ, פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג פון אונדזער עקזעקוטיווע, פון איר פּאָלי־טישער קאָמיסיע, פון דער יוגנט־אָפּטיילונג, פון דעם פינאַנץ־רעסאָרט,

וואָס איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון עמיל האַלענדער ביז אַראָפּ צו גענויע סטאַטיסטישע באַריכטן איבער דעם פּאַרטיי־שטייער פון אַלע מקומות. עס איז נאַטירלעך לייכטער אַריינצוגיין אין פּרטים אין אַן אָר־גאַניזאַציע פון אַ קלענערן שטח ווי אין אַ גרויסער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, צום ביישפּיל, דאָ אין אַמעריקע, אָדער אַפילו אין דעם אַלטן קאָנגרעס־פּוילן. אייניקע פון די באַריכטן ליגן דאָ איצט פאַר מיר און איך לייען די רשימה פון די קליינטשיקע ערטער, ווי איך וואָלט אַרומגעגאַנגען אויף אַ בית־עולם און געלייענט מצבות. די רשימה פון די דוקלאַס, פון די טשודעטס, וווהין עס איז צייטנווייז אַריינגעטראָגן געוואָרן דער ציוניס־טישער געדאַנק באמת איבער טאָלן און בערג. זיי זאָגן גאָרנישט די דאָ־זיקע נעמען דעם היינטיקן לעבן, אָבער זיי זענען געווען ווי די קערנדלעך אין אַ זאַק פון זאַמד. דאָס קערנדל וועגט זייער ווייניק, כמעט גאָרנישט און דער זאַק פון זאַמד, וואָס באַשטייט פון די קערנדלעך איז זייער שווער און וואָגיק. זאָלן די דאָזיקן צוויי נעמען זיין דאָ — לעת־עתה — דער סימבאָל פון אַלע קליינע ערטער, וווּ עס האָט געקעמפט דער אומבאַקאַנ־טער ציוניסטישער סאָלדאַט, פון דער ציוניסטישער מחנה.

עס איז גאָרנישט לייכט געווען צו זיין אַ ציוניסט אין יענער צייט אין אַ סביבה וואָס איז אָפטמאָל געווען פינצטער, צוריקגעשטאַנען און אומטאָלעראַנט.

כאָטש אין אַ פּאָר קורצע זאַצן וויל איך אָבער באַשרייבן יענע מקו־מות, ווו עס זענען געווען אונדזערע קרייז־קאָמיטעטן. יאָ, קרייז־קאָמי־טעטן. אמתדיקע פעסטונגען פון ציוניסטישן רעיון. די איינטיילונג פון אונדזער שטח אין קרייז־קאָמיטעטן איז געווען אַ סימן פון אונדזער אָר־גאַניזאַטאָרישער גענויגקייט.

ט אָ ר נ ע (טאָרנאָוו) — אָט ליגט פאַר מיר אַ כמעט טויזנט־זיי־טיקער באַנד, אַרויסגעגעבן איצט אין מדינת ישראל דורך דר. אברהם כאָמעט, דעם לאַנגיאָריקן ענערגישן פּאַרזיצער פון דעם ציוניסטישן לאָ־קאַלן קאָמיטעט אין טאָרנע. אַן אמתדיקער מאָנומענט פאַר דער דאָזיקער הערלעכער ציוניסטישער שטאָט מיט דער גרויסער פּוילישער טראַדיציע. איך בין אָפטמאָל אַהין געקומען. די פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע יידישע קהילה איז תמיד געווען אין באַוועגונג. שולן און באַנקן און קאָאָפּעראַ־

טיוון, אַסימילאַטאָרן און חרדים, אַ מיליטאַנטע אגודה און אַ שטאַרקער „בונד״. ציוניסטישע פאַרטייאישע ריוואַליטעטן און אַלצדינג צוזאַמען — אַ ברויזנדיקע יידישע קהילה! מען האָט זיך באמת ציוניסטיש אָנגעוואָרעמט זייענדק אין טאַרנע.

דער אומרואיקער גייסט, וואָס האָט געוועבט ציוניזם און געלעבט ציוניזם אַ גאַנץ יאָר, איז געווען דר. שמואל שפאַן. כלל־אַרבעט און ציוניזם זענען געווען זיין עלעמענט. מיט דריי יאָר צוריק האָב איך אים געזען אין חיפה, ווו ער לעבט מיט זיינע קינדער, אָבער ליידער אָן זיין אומפאַרגעסלעכער בלומטשע, אַן אמתדיקע בלום. די נגידישקייט פון ציוניזם פון טאַרנע, דער שטאָט פון דר. אברהם זאַלץ, וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז געווען חיים נייגער. נייגער איז אָפטמאָל געווען דער פאָרזיצער פון אונדזערע לאַנד־קאָנפערענצן און דאָס איז געווען אָן אָנערקענונג פאַר זיין פּאָזיציע. דר. אליהו טיש ז״ל, דער ליטעראַרישער שיינגייסט, דר. וואָלף שענקעל, דער געלאָסענער אָרגאַניזאַטאָר, לעאָפּאָלד שינאַגעל, דער חשובער רעפּרעזענטאַנט פון די ציוניסטישע ווירטשאַפט־ספערן, שווימען מיר איצט אויף אין זכרון. אויך אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס האָבן געהאַט אין טאַרנע זייערע פּעאיקע פירער. עס איז געווען באמת אַ פעכער פון מנהיגים, וואָס האָבן געקאַנט זיין דער שטאָלץ נישט נאָר פון טאַרנע.

**ר י י ש ע** (זשעשאָוו) — אַ גאָר אַן אַנדערער טיפּ פון אַ יידישער קהילה. נישט אַזוי ברויזנדיק ווי טאַרנע. מער עולם־הזהדיק, אָבער אויפגעבויט אַ ריי פון הערלעכע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. די ציוניסטישע אינטעליגענץ האָט דאָרט געהאַט אויסצוקעמפן אַ קאַמף קעגן אַ וואַגיקער פערזענלעכקייט פון דער אגודיסטישער באַוועגונג, הרב אַהרן לעווין, אַ דעפּוטאַט פונעם סיים, אַ ייד אַ קלוגער, בכבודיקער און איינפלוסרייכער, אָבער נאָך מער איז אונדזערע פירער דאָרט אויסגעקומען צו קעמפן מיט אַ זייער פאַנאַטישן פליגל פון פרומע יידן — איך מיין, אַז ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען אין דעם צוזאַמענהאַנג די נעמען עקשטיין און זילבער — אָט דער צושטאַנד פון אַ שטענדיקן קאַמף (אַ פּאָר אַסימילאַטאָרן האָבן אויך נישט געפעלט) און איינער פון זיי איז אפילו געווען גאָר אַן איינפלוסרייכער, וואָס האָט אונדז נישט איין מאָל פאַרביטערט דאָס לעבן,

האָט אויסגעשעפּט גאָר אַ היפּשן טייל פון דער ציוניסטישער ענערגיע דער אָריגינעלער דר. פעליקס האָפּפען (ער איז נאָך דער מלחמה געשטאָרבן אין דייטשלאַנד, נאָך דעם ווי ער איז געווען אין מדינת ישראל), עליאַס וואַנג און דר. אַהרן וואַנג און מיין גוטער פריינד יעקב אַלטער, אַ גאָר איבערגעגעבענער חבר — ער איז געשטאָרבן אין מדינת ישראל — זענען די נעמען, וואָס קומען מיר איצט אויף אין מיין זכרון.

ב י ע ל ס ק אָ (ביעליץ) — ווידער אַן אַנדערער טיפּ פון איינער פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע פונקטן אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. ראשית־כל דער אָרט איז געלעגן אין אַ פּרעכטיק נאַטור־ווינקל, און דאָס האָט געהאַט נישט קיין קליינעם איינפלוס אויף דער ציוניסטישער פּיזאָפּיע פון אָט דער שיינער יידישער קהילה. אַרום און אַרום הערלעכע וועלדער און בעסקידען־בערג (דאָס איז דער נאָמען פון דעם צוגאַנג צו די קאַרפּאַטן־בערג). אָט די דאָזיקע אומגעבונג האָט אומגעהייער שווער געמאַכט ציוניסטישע אסיפות און טעטיקייט סוף וואָך. יידן זענען געגאַנגען אין די בערג און האָבן אויך געוואָלט אויסברייטערן זייער האָריזאָנט, זיין פריילעך און פריי. יאָ, ביעלסקאָ! ביי מיין לעצטן דאָרט־זיין — און ווי אָפט בין איך דאָרט געווען — האָב איך דאָס האָטעל־צימער פאַרלאָזט און מען האָט מיר געזאָגט, אַז באַלד נאָך מיר וועט פאַרנעמען דאָס צימער — וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וואָס קומט אַהין. איך האָב אים איבערגעלאָזט אין מיין האָטעל־צימער אַ שריפטלעכן גרוס, דעם לעצטן גרוס, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן. האָט עס צו טאָן מיט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד? אוודאי האָט עס צו טאָן.

זשאַבאָטינסקי האָט נישט איין מאָל געפּרוווט צו שטורעמען און צו דעראָבערן די ציוניסטישע געזעלשאַפטלעכקייט פון ביעלסקאָ פאַרן רעוויזיאָניזם. איז דאָך שפּעטער דער פּרעזידענט פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, דר. י. וודאָווינסקי — היינט אין ניו־יאָרק — געווען דער רעוויזיאָניסטישער אָנשפּאַר אין ביעלסקאָ. דאָ האָט דער אַלגעמיינער ציוניזם געהאַט צו קעמפן מיט דעם אָפּאָרטוניסטיש־פרידלעכן בני ברית. די יידישע קהילה האָט געהאַט אַ דייטש־עסטרייכישן שטריך, ווייל ביעלסקאָ איז געלעגן אין שלעזיע. די אָרגאַניזאַציע איז געווען קלאַסיש אָרגאַניזירט. זי האָט פיינט געהאַט ראַדיקאַליזם און ברויזנדיקן ענטוזי־

אַזם, זי האָט תמיד דיסקוטירט ענינים, איידער זי איז געקומען צו אַ באַשלוס. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט איר אייגענעם גלענצנדיקן וואָכנ־בלאַט („פאָלקסשטימע״), וועגן וועלכן איך וועל שפּעטער שרייבן עטלעכע ווערטער. און אָט ליגט פאַר מיר אַ געדרוקטער פּראָגראַם פאַר דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער קרייז־אָרגאַניזאַציע אונדזערער. איך מיין אַ רעגירונג פון אַ קליינער מלוכה וואָלט נישט געקאָנט אויסאַרבעטן אַ בעסערן פּראָגראַם. די אָרגאַניזאַציע איז נוטה געווען צו אַ ריכטונג, וועלכע איך האָב אַמאָל אָנגערופן — „א״ פּלוס „ב״ געטיילט דורך צוויי. זי איז געווען פאַר דער מער לינקער גרופּע „א״ פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם און פאַר דער מער רעכטער גרופּע „ב״ און האָט ביידע געטיילט דורך צוויי. און אויף איר שטח איז געלעגן דער בית־החלוץ פאַר מערב־גאַליציע. איך זע נאָך פאַר מיר דעם שיינעם, רעפּרעזענטאַטיוון בנין פון דער סינאַגאָגע אין דער „באַן־שטראַסע״ און אויך דעם שיינעם בנין פון דער קהילה, וואָס אַזעלכע זענען נישט געווען בנימצא אין די גאַליצישע אָרעמע שטעט. דערפאַר איז דער גייסט אין די אָרעמע בתי־מדרשים געווען שטאַרקער. די דייטש־ריידנדיקע קהילות האָבן געהאַט גאָר שיינע סינאַגאָגעס, נישט נאָר דער גייסט, אויך די נשמה איז — זעט אויס — געווען וואַרעמער אין אונדזערע אָרעמע בתי־מדרשים. עס שטייען פאַר מיר די געשטאַלטן פון מאַנכע פירער פון אונדזער קהילה אין ביעלסקאָ: דער פאַבריקאַנט ס. אַ ר צ ט, דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון אונדזער ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט, תמיד קאָרעקט און געזוי. ער איז געשטאָרבן אויף דעם וואַנדער־וועג, נאָך דער מלחמה, אין לעמבערג; עס שטייען מיר פאַר די אויגן אויך אַנדערע פירער — אינזשיניער וועקסבערג, בלייכער, וואולקאַן, דר. גרינשטיין, יעדער פון זיי אַן אַנדערער טיפּ און אַלע צוזאַמען אַ גוטער אָרקעסטער. און איך קאָן זיכער נישט פאַרגעסן אין דר. שטערנהעל, דעם ענטוזיאַסטישן גאַליצישן ייִד, וואָס האָט געלעבט אין דעם שלעזישן ביעלסקאָ (ער לעבט היינט אין מדינת ישראל). בקיצור, דער קרייז־קאָמיטעט אין ביעלסקאָ איז געווען אַן עקזעמפּלאַרישער און אַ קרייז־קאָנפערענץ אין ביעלסקאָ איז געווען אַ פאַרגעניגן. צוויי אַזייגער איז געווען — צוויי אַזייגער, און אַ רעדנער־צייט פון צען מינוט איז זעלטן געווען צוועלף מינוט — אַלצדינג איז געווען צוגעגרייט

אין בעסטן אָרדענונג. און אַרום דער דאָזיקער שטאָט מיט אַ נישט גרויסן יידישן ישוב האָבן זיך פאַרייניקט עטלעכע ציכטיקע, קליינע מקומות. און אָט די דאָזיקע קרייזשטאָט אין אַ יידישער אַסימילירטער סביבה, האָט באַוויזן אַדאַנק איר רואיקער סיסטעמאַטישער אַרבעט צו שאַפן אַ ציוניסטישע מערהייט אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך כמעט אין ערגעץ נישט איינגעגעבן אין אונדזער שטח.

נ אָ וו י ס אַ נ צ ז (ניי־סאַנדעץ) — די שטאָט איז געלעגן אויפן וועג צו איינעם פון די שענסטע אָפּרו־פּונקטן אין מערב־גאַליציע, אויפן וועג צו דעם ביי אונדז באַרימטן אָרט קריניצא .אַ פּרעכטיקער אָרט געווען, דער אָפּרו־אָרט קריניצא. עס איז שווער צו פאַרגעסן אים. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער קהילה אין נאָווי סאַנצז איז געווען — גבאישקייט. קליינע מחלוקת און קליינע האָריזאָנטן. עס איז ממש געווען אַ פאַרגעניגן צו זען ווי ערנסט די גבאים האָבן זיך אַליין גענומען.

בראש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז דורך צענדליקער יאָרן געשטאַנען איינער פון אונדזערע בעסטע חברים. מילד אין פאָרם און אינהאַלט, אויסערלעך אַ גאָר שיינע דערשיינונג. די נאַטור האָט זיך באמת אָנגעשטרענגט אים צו געבן אַזאַ הדרת פנים, איבערגעגעבן איז ער געווען ביז גאָר פאַר אונדזער רעיון, זיין נאָמען איז געווען דר. הערש סירופ. ער האָט באַשיינט אונדזערע לאַנד־קאָנפערענצן אַלס פאָרזיצער. ער איז פאַרפייניקט געוואָרן פון היטלערן.

שרייבנדיק וועגן נאָווי סאַנצז, ווו איך בין אַזוי אָפט געווען, קאָן איך בשום אופן נישט פאַרגעסן אַ קליין שטעטל אין שכנות פון נאָווי סאַנצז. זיין רום איז געווען אַ סך גרעסער ווי דער נאָמען פון ניי סאַנצז, הגם דאָס איז געווען אונדזער בכבודיקע קרייזשטאָט. איך פיל דעם רום פון דעם דאָזיקן קליינעם שטעטל אַפילו דאָ איצט אין דעם גרויסן ניו־יאָרק. איך זע פאַר מיר די פאַרחלומטע אויגן פון דעם נאָכפאָלגער פון דעם רומפולן רבנישן טראָן פון אָט דעם שטעטל. דאָ נישט לאַנג צוריק איז דער דאָזיקער נאָכפאָלגער געזעסן אין מיין ביוראָ. ער לעבט היינט אין ניו־יאָרק, אין ברוקלין, ווו עס לעבן אַ מיליאָן יידן. די גרויסע טראַדיציע פון זיין דינאַסטיע האָט ער אַריבערגעטראָגן אין אַ שול, אין וועלכער עס ווערט אויפגעצויגן אַ יונגער דור אין פאַכמענישע באַרופן און

אין פרומקייט, כמעט לויט דעם שטייגער פון הלל און מיט אַט דעם קליינעם שטעטל, מיט זיין טיפער אָבער אויך אַנטיציוניסטישער פרומ־קייט און מיט זיין איינפלוס האָט דער ציוניזם פון ניי סאַנדעץ געהאַט אויסצוקעמפן ניט איין קאַמף. דעם שטעטל און זיין באַרימטן רבין האָט ארץ ישראל של מטה גאַרנישט געפאַלן.

דער נאָמען פון דעם שטעטל איז געווען — באָבאָווע!

נישטאָ מער קיין יידיש ־ ניי סאַנדעץ. נישטאָ מער קיין יידיש ־ באָ־באָווע. די השגחה האָט געמאַכט — שלום צווישן ניי סאַנדעץ און באָ־באָווע!

אָבער אַפילו אין דער דאָזיקער באָבאָווע האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויסגעהאַמערט אַ קליינעם ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט. איז ער נישט געווען אַ חבר מיט דעם נאָמען האַלענדער, וואָס האָט דאָרט געהאַלטן אין זיין האַנט די בלוי־ווייסע פאַן?

פון דאַנען וואָלט איך גערן מיט אייך, ליבע לעזער, געפאָרן כאָטש אויף אַ וויילע, ווייטער־צו אין דעם שטעטל גאָרליצע אַריין. עס איז כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער עס איז אויך געוואָרן באַרימט אַדאַנק דער וועלט־מלחמה; נישט צוליב נאַפט, נאָר צוליב דעם, וואָס דעם 12טן מאַי 1915, האָט דאָרט די עסטרייכישע אַרמיי אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידנדיקן נצחון איבער דער רוסישער אַרמיי און דער דאָזיקער נצחון איז געוואָרן דער ווענד־פּונקט אין דער מלחמה.

אין די רואינען און אין די קרומע שאַגאַל־געסלעך, בין איך אַמאָל שטעקן געבליבן ביינאַכט אין אַ בלאָטע, גייענדיק צו אַ רעפעראַט אין אַ בית־המדרש. אַט אַזעלכע פּרטים גדעדנקט מען אַפילו נאָך אַ סך יאָרן! אין אַט דעם שטעטל פון קאָנטראַסטן — פון צעשטערונג און פון אַ וווּנ־דערלעכן נייעם פּאַרק, האָט לאַנגע יאָרן געהאַלטן דעם פאָרזיץ פון דעם ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אונדזער קעמפנדיקער פריינד, דר. יעקב בלעך. היינט לעבט ער אין תל־אביב, אין דער שטאָט פון 400 טויזנט יידן. איך הער כמעט אונדזער גוטן פריינט דר. בלעך מיט שטאָלץ דער־ציילן, אַז ער האָט געהערשט אין דעם יידישן גאָרליץ! און עס איז גע־ווען — אמת. ער האָט באמת געהערשט אין דעם יידישן גאָרליץ!

אַ באַזונדער פּראָבלעם איז אַנטשטאַנען פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַר־

באַנד אין דער באַקאַנטער אינדוסטריעלער שטאָט ק אַ ט אָ ווי ץ, דער שטאָט, וואָס איז פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג באַרימט געוואָרן מיט דער באַקאַנטער חיבת־ציון קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, פון וועלכער דער 25יאָריקער יובל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קאַטאָוויץ דווקא אין אונ־דזערע צייטן, אונטער דער לייטונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. אַן אַנדערער פאַקט, וואָס האָט אין אַ ציוניסטישן זין קאַטאָוויץ באַרימט געמאַכט: איז די שפּאַלטונג פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט־אָרגאַני־זאַציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אויך בעת דעם פעריאָד פון די דאָזיקע זכרונות. דער פאַקט האָט געהאַט אַ מיטלבאַרע השפּעה אויך אויף דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. אָבער אין וואָס איז דאָרט באַשטאַנען די באַזונדערע פּראָבלעם פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד? דער טייל פון שלעזיע איז צוריק געוואָרן אַ טייל פון פּוילן נאָך אַ פּעריאָד פון מער ווי 120 יאָר פון פּרייסישער הערשאַפט. די פּוילישע באַפעלקערונג איז שפּראַכנמעסיק געווען אין אַ גרויסער מאָס גערמאַניזירט, אָבער די ייִדישע באַפעלקערונג איז צוליב דעם שטאַרקן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם אין דעם דאָזיקן טייל פון דעם אַמאָליקן פּוילן געוואָרן צוגעשטויסן צו דער דייטשער קולטור. עס איז דערפאַר אין יאָר 1919 צוליב דעם אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע שפּאַנונג צווישן דעם פּוילישן און ייִדישן עלעמענט. די שפּאַנונג איז נאָך גרעסער געוואָרן דורך דעם באַזונדערן אָפּמאַך, וואָס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן צווישן דייטשלאַנד און פּוילן וועגן שלעזיע, אונטער דעם קאָנטראָל פון דער פעלקער־ליגע. די דאָזיקע פּויליש־ייִדישע שפּאַנונג האָט דאַן שפּע־טער געפירט צו דעם באַקאַנטן פאַל פון דער אָנקלאַגע פון פראַנץ בערנ־היים, אין יאָר 1933. דער גאַנצער ענין איז געוואָרן אַ קעגנשטאַנד פון באַראַטונגען פון דער עקזעקוטיווע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט אָפּט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די באַראַטונגען וועגן דעם דאָזיקן זייער פאַרוויקלטן ענין. אַ טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין קאַטאָוויץ איז — וואָס פאַר אַן איראָניע פון דער געשיכטע — אַוועק פון שלעזיע און פון פּויזן קיין דייטשלאַנד, ווייל דאָרט האָבן זיך די ייִדן געפילט — זיכערער! נו, דאַן איז געקומען דער היטלער־פּעריאָד, וואָס האָט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט שוין אָנ־געהויבן אין 1933 און אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן

געזוכט אַ מקום־מקלט אין דייטשלאַנד, איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, אָבער מזרח־יידן זענען במקום פון די דייטשע יידן צוגעקומען קיין קאַטאָוויץ פון גאַליציע. און עס איז אַנטשטאַנען אַן אַנדערע שפּאַנונג — צווישן די איבערגעבליבענע דייטשע יידן און די צוגעקומענע גאַליצישע יידן. אַ שפּאַנונג פון אַ גאַר דראַמאַטישן פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט און אָט דאָ קומט אַריין די ראָלע פון אונדזער ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד אַלס אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געפּרוווט אויסגלייכן די דאָזיקע שפּאַנונג. אָבער דאָס איז אונדז נאָר געלונגען אין אַ זייער באַשיידענער מאָס. די בני ברית לאָזשע אין קאַטאָוויץ איז געווען דער צענטער פון דער דייטשער אַסימי־לאַציע און אויך פון גלייכגילטיקייט, אויב נישט פון פייַנטלעכקייט צום ציוניזם. דער גייסט פונעם צענטראַל־פאַרבאַנד פאַר דייטשע יידן האָט געלעבט אויך אין דער פּוילישער קאַטאָוויץ. עס איז געווען אַ שווערע פּראָבלעם פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, ווייל מיר האָבן דאָך געוואָלט צוציען אַלע עלעמענטן און אויסמיידן אַ פאַרטיפונג פון דער שפּאַנונג. דאָס אָפּהאַלטן פון אַ קרייז־קאָנפערענץ אין דער דאָזיקער שטאָט איז דערפאַר אויסגעוואַקסן צו אַן אינערלעכער פּאָליטישער געשעעניש. ביי אַזאַ קאָנפערענץ האָט זיך געמוזט באַווייזן אונדזער פירנדיקע ראָלע אין שאַפן אייניקייט צווישן די צוויי טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז דאָך געווען אונדזער ציוניסטישע פילאָזאָפיע פון — א י י ן פ אָ ל ק. נישט נאָר אין וועלט־מאַסשטאַב, נאָר אויך אין די קליינע אויגעלעך פון דער גרויסער ציוניסטישער נעץ האָט מען געמוזט דורכ־פירן דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין דער פּראַקטיק. אויך דאָ האָבן מיר געהאַט עטלעכע גאָר איבערגעגעבענע חברים, וואָס זייער ציוניזם איז געווען קריסטאַל־ריין. איך דערמאַן מיך נישט מער אין די ערשטע נעמען, אָבער זייערע סאַמיליע־נעמען זענען געווען — ווינער און זיין פרוי, ראַפּאַפּאָרט, דר. טאַרטאַן. זייער ראָלע איז געווען גאָר נישט קיין לייכטע, נישט נאָר כלפּי פנים, נאָר אויך כלפּי חוץ.

קאַטאָוויץ איז געווען אַן אַנטיסעמיטישע שטאָט. דאָס איז געווען די פעסטונג פון דעם באַקאַנטן פירער פון דער קריסטלעך־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי, אַ מאַן פון אַן ערנסטן קאַליבער, וואויטשעך קאָרפאַנטי. קאַטאָוויץ איז לאַנגע יאָרן געווען דער זיץ־אָרט פון דעם וואָיעוואָדע גראַ־

זשינסקי. אַן אומגעהייער פּעאיקער מאַן, מיט אַן אייזערנער האַנט און אַ קלוגן קאָפּ און נישט קיין אוהב ישראל. מיט די דאָזיקע מענטשן און מיט די דאָזיקע שטערמונגען האָבן די פירער פון אונדזער קאַטאָוויצער ציוניזם געמוזט אויסקעמפן זייער קאַמף פאַר די אינטערעסן פון יידן קעגן אַ סיסטעמאַטישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק טאָג־אויס, טאָג־איין. און נישט איין מאָל איז אויסגעקומען אונדז, פון דער עקזעקוטיווע, און בפרט פאַר אונדזער מיטגליד, דר. לודוויג לוסטבאַדער (היינט אין מדינת ישראל), אַ שול־קאָלעגע פון דעם וואָיעוואָדע גראַזשינסקי, צו מילדערן דעם אַנטי־יידישן קורס. צייטנווייז העלפן אַזעלכע פּערזענלעכע באַציאונגען הגם נאָר אין פּרטים, אין איינצלנע פאַלן. אָבער אין אונדזער לאַגע איז אויך דאָס שוין געווען וויכטיק, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם אין קאַטאָוויץ איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך ממש געפילט אויף די גאַסן און אין די קאַפע־הייזער. איך בין דאָרט נישט זעלטן אַליין געווען און האָב מיך פּערזענלעך געקאָנט דערפון איבערצייגן.

בדרך אגב וויל איך דאָ דערמאָנען אַ פּיקאַנטן פּרט: צו יענער צייט דאָס הייסט, אַרום 1939 האָט די שטאָט געהייסן קאַטאָוויץ. בעת דעם איצטיקן קאָמוניסטישן רעזשים אין פּוילן, ווען סטאַלין איז נאָך געווען דער אָפּגאָט פון דער קאָמוניסטישער וועלט, האָט מען דעם נאָמען געביטן אויף סטאַלינאָגראַד. אָבער בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות האָבן זיך די ווינטן ווידער אַביסל געענדערט (אָקטאָבער 1956) און די שטאָט הייסט ווידער קאַטאָוויץ. פאַר אונדז, יידן, איז עס דעמאָלט געווען אַן אמתדיקע קאַטאָוויצע (קאַט הייסט אין פּויליש אַ הענקער).

לאָמיר איצט אַריבערשפּרינגען צו אַן אַנדערן טייל פון אונדזער קליינער מלוכה, איך האָב אין זינען די „מזרח־קרעסן" פון אונדזער קליינער מלוכה. ביי די דאָזיקע קרעסן האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטע „מלוכה", די מלוכה פון דעם „מזרח־גאַליצישן לאַנדעס־פאַרבאַנד". דאָרט איז געלעגן אַ גאָר שיינע שטאָט. זי האָט געהייסן יאַראָסלאַוו. זי איז אויך געווען אַ קרייזשטאָט אין אונדזער שטאָלצן ווינקל. איך האָב די דאָזיקע שטאָט בפרט ליב געהאַט. מיין זכרון איז דערפאַר באַזונדערס מיט איר פאַרבונדן. אין דעם זאַל פון דעם האַנטווערקער פאַרבאַנד זענען אָפּט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונדזערע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. די שטאָט איז

געווען שיין, ריין, יידיש, און עס איז באמת געווען אַ פאַרגעניגן צו וואַנ־דערן איבער אירע גאַסן. זי האָט נישט געהאַט קיין צו שטאַרקן טעמפּע־ראַמענט. עס האָט זיך אין איר נישט געפילט קיין באַזונדערע ציוניס־טישע אומרו. אָבער זי איז טראַצדעם געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אונדזער באַוועגונג. איך פערזענלעך האָב געהאַט נאָך אַ באַזונדערע סיבה צו געדענקען די דאָזיקע שטאָט. אויף מיין לעצטן וואַנדער־וועג דורך פוילן פון דער לעצטער זיצונג פון דעם פוילישן סיים, אַנהייב סעפּטעמ־בער 1939, האָט מיך מיין וועג געבראַכט קיין יאַראָסלאַוו, ווייל דער וועג צוריק קיין קראָקע איז שוין געווען אָפּגעשניטן. דאָ האָב איך פאַר־בראַכט נאָר איין טאָג. עס איז ממש געווען אַ גיהנום, כמעט 24 שעה נאָכאַנאַנד זענען געפאַלן דייטשע באָמבעס אויף דער שטאָט. פון דאָרט בין איך פרימאָרגנס אַוועק צופוס קיין פּשעמישל, בעת דייטשע עראָפּלאַ־נען האָבן פאַרדעקט דעם הימל. אַזעלכע איבערלעבונגען פאַרבינדן גאָר שטאַרק דעם זכרון מיט דעם אָרט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דער שיינער שטאָט יאַראָסלאָוו גופא. איך האָב שוין באַמערקט, אַז די פירער פון דעם דאָרטיקן ציוניזם זענען נישט געווען קיין שטורמישע, אָבער די עקזעקוטיווע האָט זיי געקאַנט רואיק געטרויען די ציוניסטישע אַרבעט. די נעמען פון דר. שפּאָץ, יהושע פּאַטאַשער, זענען מיר געבליבן אין זכרון. אויך דער נאָמען פון דר. ראַ־גער, אַן אַדוואָקאַט, וועלכן איך האָב אין 1953 באַגעגנט אין ירושלים.

אַ ציוניסטישע יוגנט איז דאָרט געווען אַ הערלעכע, נישט אויפגע־הערט צו האָבן פּראָבלעמען! נו, און ווו עס זענען פאַראַן פּראָבלעמען, זענען אויך דאָ מחלוקות. עס האָט זיך געקאָכט אין דעם יוגנט־קעסל.

ציימנווייז באַגעגן איך דאָ אויף בראָדוויי, אין ניו־יאָרק, אַ פריינד, וואָס איז אין מיינע צייטן געווען אין יאַראָסלאַוו איינער פון די רואיקע פירער פון דער דאָזיקער ציוניסטישער יוגנט און היינט איז ער אַ באַ־קאַנטער וויסנשאַפטלער אויף דעם געביט פון אַלטער יידישער ליטעראַ־טור. ער איז אַ מומחה אין יידישער וויסנשאַפט און דער שטאָלץ אויך פון דער שטאָט יאַראָסלאַוו. דאָס איז שלום שפּיגל, דער באַקאַנטער פּראָ־פעסאָר פון טעאָלאָגישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

אַט דאָס זענען געווען די הויפּט־פּונקטן אין דער ציוניסטישער „מלוכה״ פון מערב־גאַליציע און שלעזיע!

איך וועל וואַרשיינלעך מער ניט האָבן קיין געלעגנהייט צו דערמאָנען אויך אייער טעטיקייט, פריינט אין די פאַרשיידענע יידישע קהילות פון אַ מיטעלערן פאַרנעם אין מערב־גאַליציע, ווו עס האָבן נישט אויסגעפעלט התלהבותדיקע ציוניסטן און אַ פיינע ציוניסטישע יוגנט. אייך, פריינט פון פּשעוואָרסק, יאַסלאָ — בפרט דר. אברהם קאַרנהייזער, איינער פון די אָריגינעלסטע ביישפּילן פון אַ וווּנדערלעכער מעטאַמאָרפאָזע פון אַסימילאַטאָרישער סביבה צו ציוניזם — אייך פריינט פון לאַנצוט, דעמביצאַ, טאַרנאָבזשעג, מיעליץ — דיין געבורטסאָרט, ליבער פריינט לעאָן סאלפעטער — ראָזוואַדאָוו, באָכניאַ, ציעשין, וויעליטשקאַ, כשאַנאָוו, סאַנאָק, זאַקאָפּאַנע, זשיוויעץ, קראָסנאָ, וואַדאָוויצע, קאַלוואַריע און אַנדערע, אַ סך אַנדערע.

יאָ, און אָשוויענטשים. און צו דעם אָנדענק פון אַט דער שטאָט פון אונדזער גרעסטן פּיין, דעם היינט טראַגיש באַרימטן אוישוויץ, ווו עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן קאַלטבלוטיק און גרויזאַם הונדערטער טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער און הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער; צו דער שטאָט, אין וועלכער עס איז היינט פון יידיש לעבן געבליבן נאָר דער בנין פון דער קרעמאַטאָריע און דער מוזעאום אַלס אייביקער שאַנדפלעק פון דער בעסטיאַליטעט, וואָס עס האָט רעפּרעזענטירט היטלער־דייטשלאַנד, צו דער שטאָט ווענד איך דאָ אין דעם בוך פון זכרונות מיין טיפן טרויער.

נישט איין מאָל האָב איך געוואַנדערט ביי די ברעגעס פון דיין רייסנדיקן טייך סאָלאַ; נישט איין מאָל האָב איך געוואַנדערט אין דיינע גאַסן — אָשוויענטשים, דער שטאָט פון אומבאַשרייבלעכן יידישן פּאַנאַטיזם און פון אַ קעמפנדיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט דיר, טייערער פריינד, דר. מ. גאָלדבערג בראש. דיינע פיינען, אָשוויענטשים, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן אין אונדזער געשיכטע.

איך וואַנדער איצט ווידער אַרום אין אייערע גאַסן, באַזוך אייערע בתי־מדרשים, אָטעם די לופט פון די אַרומיקע בערג פון מאַנכע פון אייך

און פון די הערלעכע וועלדער... ווו זענט איר? אַש, אַש אין די פּוילישע וועלדער און פעלדער...

איך זע אויך אייך, די גאַר קליינע יידישע קהילות; אייך, טייערע פריינט פון אַנדרעכואוו, באַראַנאָוו, קרזעשאָוויצע, בזשאָזאָוו, גדאָוו, גריבאָוו, יאָרדאַנאָוו, קאָלבושאָווא, קרולעווסקאַ הוטא, קזשעשוויצע, לאַנדסקאַ, ניע־פּאָלאָמיצע, נאָוויטאַרג, סטאַריסאַנטש, ראַניזשאָוו, סקאָטשאָוו, ווישניץ, באַראַנאָוו, טשאַרנע־דונאַיעץ, דאָמבראָווא, קענטי, מאַקאָוו, מוסשינאַ, מיש־לעניצע, פּרוכניק, רימאַנאָוו, ראָזוואַדאָוו, זשאַבנאָ, ביעטש, בלאַזשאָווא, פּרישטאַק, מילאָווקאַ, ראַדלאָוו, סענדזשישאָוו, שטשוטשין, טשעבינאַ, זאַ־גאָזש, זמיגראָד, און אַ סך, אַ סך מקומות אַנדערע. איר זענט געווען קליינע פינקלדיקע שטערן אויף אונדזער יידישן הימל און היינט זענט איר געבליבן — נעמען אויף אַ גרויסער מצבה אין אונדזער געשיכטע.

## מיט דעם פּנים צו ארץ ישראל

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונדזער ציוניסטישער טעטי־קייט איז געווען אַ סינטעז פון אַרבעט פאַר ארץ־ישראל און פאַר דעם אָרטיקן יידישן לעבן. די ציוניסטישע באַוועגונג אין מערב־גאַליציע און שלעזיע איז נישט געווען קיין אייגזייטיקע. אין דער ציוניסטישער טעאָ־ריע האָט זיך געשאַפן אַ באַגריף פון פּאַלעסטינאַ־פּעטאַלער אַקטיוויטעט. די קלאַצקין טעאָריע, וואָס האָט געהאַט אַ יאושדיקן פּעסימיסטישן צוגאַנג צו דער גלות־אַרבעט איז נישט אַקצעפּטירט געוואָרן פון אונדזער לאַנ־דעס־פאַרבאַנד, דערפאַר אויך נישט די ריכטונג פון אַן אויסשליסלעכער ארץ־ישראל־טעטיקייט, אַ שטאַנדפּונקט, וועלכן עס האָט אָנגענומען דער „השומר הצעיר״. פון דעם אַלגעמיינעם כלל, אַז מיר זענען א י י ן פאָלק האָבן מיר געצויגן די מסקנות און איך מיין, אַז עס איז נישט קיין גוזמא אויב איך וועל אויך היינט זאָגן, אַז אויף אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז חל געווען דער זאָך, אַז גאָר נישט, וואָס איז יידיש, איז אונדז געווען פרעמד. מיר וועלן דאַן שפּעטער זען בפירוש, ווי דער דאָזיקער פּרינציפּ איז אויף אונדזער שטח פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ רעאַלער טעטיקייט.

איך וויל אָנהייבן מיט דער טעטיקייט, וואָס איז געווען נאַטירלעך

דער אויבנאָן פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — די טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז דער עמוד אש פון דער דאָזיקער טעטיקייט איז געווען דער געדאַנק פון אַ יידישער מלוכה. דער ציוניזם פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען אַן אמתדיקער שטאַט־ציוניזם. ריכטונגען ווי ברית שלום, די „בי־נאַציאָנאַלע" פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, דער אָפּאָרטוניסטישער געדאַנק פון אָפּלייגן דעם מלוכהשן אני־מאמין אויף שפּעטער, זענען ביי אונדז אין לאַנדעס־פאַרבאַנד געווען אַ יוצא מן הכלל. אַ גאַר קליינער מיעוט האָט געהערט צו די אָנהענגער פון אָט די דערמאָנטע ריכטונגען. נישט איינמאָל איז אויף אונדזערע לאַנד־קאָנפערענץ און אין אונדזערע דעקלאַראַציעס אין דער צייט פון 1929 ביז 1935, בולט געקומען צום אויסדרוק דער מלוכהשער ציוניזם פון אַ גאַר גרויסער ציוניסטישער מערהייט אין מערב־גאַליציע און שלעזיע.

די צווייגן פון טעטיקייט „מיטן פּנים צו ארץ ישראל" זענען ברוב געווען כמעט אין יעדן טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע דיזעלבע. אָבער נישט אומעטום איז די דאָזיקע טעטיקייט געווען געטריבן פון דעם מלוכהשן געדאַנק.

שוין אין יאָר 1920, ווען עס איז אין לאָנדאָן פּראָקלאַמירט געוואָרן דער קרן הגאולה, איידער עס איז אַנטשטאַנען דער קרן־היסוד — האָב איך געהאַט דעם כבוד צו זיין אָנוועזנד אויף דער זיצונג אין לאָנדאָן, ווען חיים ווייצמאַן האָט רעפערירט וועגן דעם דאָזיקן קרן הגאולה. ער האָט דעמאָלט געחלומט וועגן זאַמלען תיכף ומיד פינף מיליאָן פונט, אַזוי ווי אַמאָל טעאָדאָר הערצל האָט געחלומט וועגן זאַמלען פינף מיליאָן פונט פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק — שוין דעמאָלט, אין יאָר 1920, האָט דער רוף וועגן קרן הגאולה געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אונדזער טייל פון פּוילן. די לאָזונג פון אָפּגעבן חפצים פאַר דעם קרן הגאולה האָט געהאַט נישט קיין קליינעם עכאָ צווישן די ציוניסטישע פרויען אין אונדזער סביבה. די טעטיקייט פאַרן קרן־היסוד און פאַרן קרן־קימת זענען, לויט מיין מיינונג, אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געווען נישט קיין סך שטאַרקער ווי דורכשניטלעך נאָרמאַל, למשל אין יאָר 5691 (1931) האָט דער קרן־קימת אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געזאַמלט 193.219 זלאָ־

טעס, וואָס באַטרעפט אַפילו נישט איין זלאָטע יערלעך אויף אַ קאָפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער קרן־היסוד אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געהאַט נישט מער ווי 1693 ביישטייערער און לויט דעם אַבסאָלוטן סכום איז פון קרן היסוד אויך נישט אויסגעפאַלן מער ווי 95 גראָשן אויף אַ קאָפּ פון ד ע ר י י ד י ש ע ר ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג, אָבער אויף א י י ן צ אָ ל ע ר איז אויסגעפאַלן דער סכום פון 138 זלאָטעס. איך מיין, אַז דאָס איז נישט געווען קיין איינדרוקספולע דערגרייכונג. די אָרעמקייט פון דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג מילדערט דעם אורטייל וועגן דעם דאָזיקן צושטאַנד. אָבער שפּעטער, ביז צום יאָר 1939, איז דער צושטייער צו ביידע פאָנדן אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געוואַקסן. אָבער דער וווקס איז אויך נישט געווען קיין צו גרויסער. עס זענען געווען נאָר עטלעכע צענדליקער פּראָצענט מער און דאָס אויך נישט יעדעס יאָר. אַ רייע פון אונדזערע ציוניסטישע טוער האָבן געטאָן וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו פאַרשטאַרקן די פינאַנציעלע קרבנות פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד פאַר די דאָזיקע צוויי קרנות. דר. חיים הילפשטיין, דר. מאַרקוס שפּיגל, לעאָן סאַלפּעטער, מאַקס לאַוטערבאַך, דר. יעקב מיקענבריין, משה וויזנפעלד און אַ סך אַנדערע האָבן אָפּגעגעבן צייט און התלהבות פאַר די דאָזיקע קרנות. אין דער תקופה פון שווערער אינפלאַציע און פוןווירטשאַפטלעכער ירידה, אַרום 1925, איז נאַטירלעך די מעגלעכקייט פון באַקומען געלט מצד פאָלקסמאַסן — און ציוניזם איז דאָך תמיד געווען אַ באַוועגונג פונעם פאָלק, פונעם מיטלקלאַס, דעם אינטעליגענט און דעם אַרבעטער — געווען זייער קליין. די גבירים — יאָ, די גבירים! ווי אָפט ווילן זיי קומען צום גרייטן! איך וויל דאָ ליבער נישט דערמאָנען די דערפאַרונגען פון מיינע חברים און פון מיר אַליין, וואָס עס איז זיי אויסגעפאַלן צו קלאַפּן אין די טירן פון די דאָזיקע גבירים. מיר האָבן אָפטמאָל געעפנט די טיר, אייניקע מאָל אַ ביסל די קעשענע און זייער ווייניק — דאָס האַרץ, וואָס פירט צו דער קעשענע און צום מוח.

אָבער אין די דאָזיקע שווערע צייטן פון ווירטשאַפטלעכער און פינאַנציעלער ירידה האָט זיך געשטאַרקט אַן אַנדער געביט פון דער טעטיקייט, וועלכע איך האָב אָנגערופן „מיטן פנים צו ארץ ישראל״: **עליה.**

אין דער קריטישער סיטואַציע פון דער צייט פון פּרעמיער וולאַדיסלאַוו גראַבסקי איז געבוירן געוואָרן די פערטע עליה. ציוניסטישע ראָמאַנטי־קער, מיט מיר בתוכם, האָבן לאַנגע יאָרן געגלויבט, אַז דער ציוניסטי־שער אידעאַל אַליין קאָן זיין אַ שטויס־קראַפט פאַר עליה. מיט דער צייט בין איך אָבער ליידער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בדרך כלל איז דאָס אַ טעות. דער דאָזיקער גלויבן איז חל אויף יחידים, אָבער נישט אויף אַ מאַסן־באַוועגונג. איך וואָלט נישט געגאַנגען אַזוי ווייט צו באַהויפּטן אַפילו היינט, אַז די ראָמאַנטישע טרייב־קראַפט איז אַ נישטיקע, אָבער יעדנפאַלס איז זי נאָר אַ צוגאָב־פאַקטאָר און אויך דאָס נישט אַלעמאָל. די עליה פון אונדזער געביט, צום ביישפּיל, האָט אין יאָר 1935 באַטראָפן 1672 פּערזאָן, שוין איינגעשלאָסן אַלע מינים פון עליה: אַרבעטער, מיטל־קלאַס, קאַפּיטאַליסטן — די דאָזיקע מינים פון עליה זענען רעגיסטרירט געוואָרן דורך דעם פּאַלעסטינע־אַמט אין קראָקע. און אין יאָר 1936, ווען דער דרוק פון דעם גראַבסקי־פּעריאָד האָט אַביסל נאָכגעלאָזט, איז די עליה שוין געפאַלן אויף 578 פּערזאָן. איך וואָלט גערן אריינגעגאַנגען אַ ביסל טיפער אין דעם דאָזיקן געביט, אָבער דער סינטעטישער כאַראַקטער פון מיין אַרבעט דערלאָזט עס נישט. איך וועל דערפאַר נאָר דערמאָנען, אַז דער סערטיפיקאַטן־סיסטעם מיט אַלע שפּעטערדיקע און ווייטערדיקע שוועריקייטן, וואָס זיי זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער מאַנדאַט־פּאָ־ליטיק, האָט גורם געווען דערצו, אַז נישט נאָר די מיטלקלאַס־עליה און די עליה פון קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויך די אַרבעטער־עליה איז שטענדיק קלע־נער געוואָרן.

די צוויי רעאַליסטישע מיטלען צו העלפן אויפבויען ארץ ישראל און אַזוי אַרום צוגרייטן דעם וועג פאַר אַ יידישער מלוכה — דאָס שאַפן פון געלט־מיטלען פאַר באַדנקויף און קאָלאָניזאַציע — און דאָס שיקן פון מענטשן צום אויפבוי, בקיצור, די קרנות און די עליה, זענען אין אונדזער קליינעם ווינקל באַהאַנדלט געוואָרן זייער ערנסט, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען פון דעם אַנאַליז פון דעם אַפּאַראַט פאַר די דאָזיקע צוועקן. אָבער ווען איך קוק היינט צוריק רעטראָספּעקטיוו אויף דעם סך־הכל פון דערגרייכונגען פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין די דאָזיקע צוויי וויכ־טיקסטע געביטן, מוז איך מודה זיין, אַז די דערגרייכונגען זענען געווען

נישט מער ווי באַשיידן. דאָס איז נישט חל אויף דער ראָלע פון אונדזער חלוצישער ציוניסטישער יוגנט, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען, ווען איך וועל באַהאַנדלען דעם דאָזיקן וואָגיקן ענין.

אָבער לעת־עתה וויל איך דערמאָנען אַ קאַפּיטל אַרבעט, וואָס באַ־ווייזט ווי דראַמאַטיש מיר האָבן באַטראַכט אונדזערע פליכטן. דער פּאַ־לעסטינע־אַמט אין קראָקע איז געווען אין דער אמתן אַן אָפּטיילונג פון דעם צענטראַלן פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע. די געשיכטע פונעם קאַמף פון אונדזער קראָקעווער אָפּטיילונג, וואָס איז געפירט געוואָרן כדי צו דערגרייכן זעלבסטשטענדיקייט, זעט היינט אויס כמעט קאָמיש, אַזוי ווי אַ סך זאַכן, וואָס זענען אַנגעווייטיקט אין דער קעגנוואַרט זען שפּעטער אויס נישטיק. אונדזער אָפּטיילונג פונעם פּאַלעסטינע־אַמט איז געשטאַ־נען אונטער דער ענערגישער לייטונג פון אונדזער לעאָן סאַלפּעטער אין משך פון אַ לאַנגער צייט. אָבער איך וויל דאָ אויך דערמאָנען דעם סע־קרעטאַר פון דער אָפּטיילונג, אַ יונגנמאַן פון אַן אויסערגעוויינלעכער עניוות און אַ וואַרעמער איבערגעבנקייט. אין מיין זכרון געהערט ער צו די שענסטע דערינערונגען. ער האָט געהייסן דאַנעק האַפּמאַן. איך האָב אים אַ סך שפּעטער באַגעגנט אין מדינת ישראל אַלס אַ באַאַמטן פון דער יידישער אַגענץ. ער איז געשטאָרבן אין ירושלים אין אַ יונגן עלטער און איך וויל, אַז די דאָזיקע שורות זאָלן זיין אַ דערמאָנונג פאַר אים. ער האָט עס פאַרדינט. ער איז געווען באמת אַ הערלעכער ציוניסט און אַ קרישטאָל־ריינער כאַראַקטער. אונדזער פּאַלעסטינע־אַמט האָט צענטראַ־ליזירט אַלע ענינים פון קאָלאָניזאַציע אין אונדזער שטח, אַחוץ דער חלוצי־שער עליה, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פונעם חלוצישן מרכז. דער מרכז האָט געקעמפט פאַר אַ צענטראַלן פאָנד און אונדזער פּאַלעסטינע־אַמט האָט געשאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע עזרה, אונטער דער לייטונג פון דעם תמיד פריילעכן דר. לעאָ וואַנדער, אַ דאָקטאָר פון באַ־רוף. ער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלער־מערדער. דער ענטפער פונעם מרכז החלוץ אויף דער שאַפונג פון אונדזער אייגע־נער „עזרה" (נישט צו פאַרבייטן מיט דער באַקאַנטער ביבליאָטעק פון דער קראָקעווער קהילה, וואָס האָט אויך געהייסן עזרה) איז געווען דאָס שאַפן פון אַ קאָנקורענץ־פאָנד אין מערב־גאַליציע און שלעזיע דורך דער

צענטראַלע פונעם החלוץ אין לעמבערג. די סיבה פון דעם קאַמף איז נאַטירלעך געווען ביי ביידע צדדים אַן אידעאָלאָגישע און אידעאָלאָגיעס קעמפן אָפט מיט גאַנץ געניטע ברוטאַלע מיטלען. דער חוט־השדרה פון דעם החלוץ איז געווען — ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט — דער פּאַלעסטינאָ־פּעטאַלער השומר הצעיר. ער איז באמת געווען אין גאַנצן איינגעשטעלט נאָר אויף ארץ ישראל. זיין איינפלוס האָט באַדייט, אַז ביי דער פּאַרטיילונג פון חלוצישע סערטיפיקאַטן זענען די אַלגעמיינע ציוי־ניסטישע חלוצים נישט נאָר געבליבן אין דער מינדערהייט, וואָס זיי זענען באמת געווען, נאָר אַלס מינדערהייט זענען זיי באַעוולהט געוואָרן. די דאָזיקע איינזייטיקע פּאַרטיילונג פון סובסידיעס פאַר דער הכשרה און עליה מצד דעם צענטראַלן החלוץ איז געוואָרן אַ מיטל פון אַ סיסטעם. אין וואָס איז באַשטאַנען דער סיסטעם? דער השומר הצעיר האָט גע־פּרוווט אַרויפצוצווינגען אויך אויף די אַלגעמיין־ציוניסטישע חלוצים זיין גייסטיקע הכשרה — די הכשרה רוחנית. צום ביישפּיל, דאָס פייערן פון דעם 1טן מאַי. האָט זיך דער אַלגעמיין־ציוניסטישער החלוץ נאַטירלעך אַנטקעגנגעשטעלט. ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט טאָן? שאַפן מיטלען פאַר זיך אַליין און ווערן אומאָפּהענגיק. און דערפאַר האָט ער געשאַפן אַן איי־גענע עזרה פאַר זיין יוגנט. און דאָן איז געקומען די רעאַקציע מצד דעם השומר הצעיר, כדי צו באַקעמפן די דאָזיקע טענדענץ צו זעלבסטשטענ־דיקייט. האָט דער מרכז אין לעמבערג, אונטער דעם איינפלוס פון השומר הצעיר אויך געשאַפן אין מערב־גאַליציע און שלעזיע אַ באַזונדערן קאָנ־קורענץ־פאָנד און אַזוי איז אויסגעבראָכן די קליינע מלחמה. אָבער נאַ־טירלעך זענען די כוונות פון ביידע צדדים געווען — אַ געיעג פאַר אַ דערפּאָלגרייכער הכשרה פון יעדער גרופּע און די אַמביציע צו זיין באַ־טייליקט אין דער עליה מיט וואָס מער מיטגלידער. און צוליב דעם כאַ־ראַקטעריזיר איך דעם דאָזיקן קאַמף אַלס אַ קאַמף, וואָס איז סוף כל סוף געווען אידעאָלאָגיש.

נאָך אַ צווייטער מאָמענט האָט צוגעגעבן דעם קאַמף אַן אידעאָלאָ־גישן כאַראַקטער און דווקא אַ גאָר טיפן. דער השומר הצעיר האָט לויט זיין אידעאָלאָגיע געוואָלט צוגרייטן אַ סאָציאַליסטיש ארץ ישראל און דער אַלגעמיין־ציוניסטישער החלוץ ביי אונדז האָט געחלומט וועגן אַן

ארץ ישראל, וואָס וועט זיין אויפגעבויט אויף שלום צווישןביידע קלאַסן אין דינסט פונעם גאַנצן פאָלק. איז נאַטירלעך דער קאַמף געווען אַ היפּש ביסל פאַרביסענער. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן קאַמף פון דער אַל־געמיין־ציוניסטישער זייט איז געווען אַ שטענדיקער, הגם באַשיידענער וווקס פון דעם אַנטייל פון אַלגעמיין־ציוניסטישע חלוצים אין דער עליה. זאָל עס דאָ דערמאָנט זיין צום שבח פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער מינ־דערהייט אין דער החלוץ־באַוועגונג אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, אַז זי איז, טראָץ דעם שאַרפן סכסוך נישט אַרויסגעטראָטן פון דעם מרכז החלוץ אין לעמבערג. דער קראָקעווער גייסט פון בויען דורך אַ פשרה, דורך קאָנצעסיעס, האָט זיך אויך דאָ מאַניפעסטירט בולט. איך אונטער־שטרייך עס ווידער ווייל דער דאָזיקער גייסט פון נאַציאָנאַלער דיסציפּ־לין גייט ווי אַ גאָלדענער פאָדעם דורך דער גאַנצער געשיכטע פונעם ציו־ניסטישן לעבן אין מערב־גאַליציע און שלעזיע. אין דער פראַגע פון הכשרה רוחנית האָט אונדזער חלוץ נישט נאָכגעגעבן. דאָס איז געווען אַ פראַגע פון פילאָזאָפיע, סאָציאַלער איבערצייגונג און גייסטיקער פריי־הייט. אָבער אויף דעם געביט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אייגנהייט האָט אונ־דזער חלוץ נאָכגעגעבן און ער איז געבליבן אויך ווייטער אין דעם מרכז החלוץ. אַט דאָס איז געווען די לייזונג פון דעם קאָנפליקט: דער בנין איז געבליבן איינער, אָבער די חדרים אין דעם בנין זענען געוואָרן פונאַנדער־געטיילט. עס איז געבליבן אַ פעדעראַטיווע, אויטאָנאָמישע אייגנהייט.

כדי אָפּצושליסן דעם דאָזיקן וויכטיקן טייל פון אונדזער ציוניסטי־שער טעטיקייט מוז איך, אַזוי צו זאָגן, נעמען די פעדער אין מיין פויסט און צונויפמענדריקן די אומצייליקע זכרונות, וועלכע בעטן זיך ממש דער־מאָנט צו ווערן. איך מוז זיי אָבער געבן דעם באַפעל צו שווייגן און וויל שליסן מיט עטלעכע זאַצן.

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט אַקטיוו אונטערשטיצט דאָס קויפן פון מגרשים דורך דער לאַנד־אַנטוויקלונג־געזעלשאַפט (פ.ל.ד.ס.); דער אָפּרוף צו קויפן אַקציעס פון דער באַנק הפועלים איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקער אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, אַ סך שטאַרקער ווי דער אָפּ־רוף צו קויפן אַקציעס פאַר דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַנק אזרחי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אונדזער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַני־

זאַציע אין ארץ ישראל פאַר מיטלקלאַס־קאָלאָניזאַציע; דער לאַנדעס־פאַר־באַנד האָט כסדר אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעכע אויספלוגן צו באַזוכן ארץ ישראל, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם בונד צווישן ארץ־ישראל און דער יידי־שער באַפעלקערונג אין אונדזער טייל פון פוילן; אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער פאַרשטענדעניש פאַר שאַפן פונקטן פון הכשרה, חלוץ־הייזער (וועגן דעם וועל איך שרייבן מער אין דער אָפּ־טיילונג וועגן יוגנט); ער האָט יאָר־אויס, יאָר־איין אָרגאַניזירט קורסן פאַר פּאַלעסטינאָגראַפיע און פאַרברייטערט צווישן דער יוגנט קענטעניש פון אַלטער און נייער געאָגראַפיע פון ארץ ישראל, דעם לאַנד פון אונדזערע חלומות אין צוקונפט; ער האָט אָפט אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען פון תוצרת הארץ — אָפּגערעדט פון אַ שטענדיקער אויפקלערונג־טעטיקייט וועגן די פּאָליטישע פּראָבלעמען אין און אַרום ארץ ישראל און אָפּגע־רעדט פון די שטענדיקע, זייער ערנסטע קאַמפן פאַר ארץ ישראל קעגן דעם „בונד", און קעגן דער גלייכגילטיקייט און פיינטשאַפט פון אַ טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע; ער האָט שטענדיק באַקעמפט דעם ביטול פון דער אַסימילאַציע קעגן ארץ ישראל.

עס איז געווען אַ ברייזנדיקע טעטיקייט פאַר ארץ ישראל. זי וואָלט געקאָנט געווען זיין שטאַרקער אין געלט־קרבנות און אין עליה, אָבער זי איז טראָצדעם געווען אַ באַוועגונג מיט אַ נשמה, נישט קיין ספּאָרט־באַ־וועגונג.

איך טאָר נישט פאַרגעסן אין איין זייער אינטערעסאַנטן עקספּערי־מענט, וועלכער האָט געהאַט זיין געבוירן־פּלאַץ דווקא אין קראָקע. ער איז געווען באַזעלט פון אַ ווייטערן האָריזאָנט אויף להבא. דאָס איז גע־ווען די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט „זבולון". זי איז געגרינדעט גע־וואָרן דורך דר. עמנואל שטיין (הייַנט אַ דאָקטאָר אין ניו־יאָרק). דער ציל פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז געווען צו דערציען געשולטע פי־שער און פאַכמענישע שיפסלייט פאַר אַ צוקונפטיקן פלאָט אין ארץ יש־ראל. אין יאָר 1934 האָט דר. עמנואל שטיין, אין „נאָווי דזשיענניק" גע־שריבן וועגן דעם ענין אַן אַרטיקל אונטערן טיטל „יידישע שיפן שווימען". די געזעלשאַפט האָט זיך דאַן פאַרצווייגט אין אַרום 20 וויכטיקע ישובים פון גאַנץ פוילן. זי האָט געגרינדעט אַ פישער־שולע אין דעם פוילישן

פּאַרט גדיניע און פון דער דאָזיקער שולע זענען אַריוס אַרום 20 געשולטע פישער קיין ארץ ישראל. דער רעזולטאַט איז געווען אַ באַשיידענער אין צאָל, אָבער די אידייע, אַ גאַנץ נייע — אָדער גיכער אַ באַנייטע אויפן לאַנגן שליאַך פון אונדזער געשיכטע — איז געוואָרן אַ טייל פון די פּאַר־שיידנאַרטיקע זאָרגן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד לטובת ארץ ישראל. נאַטירלעך איז מצד אונדזערע פריינט פון דעם לינקן פליגל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גיך אַנטשטאַנען אַ פּאַראַלעלע באַוועגונג. געשאַפן איז זי געוואָרן דורך אבא חושי, אין חיפה, זי האָט געהייסן ים־ליגע און די דאָזיקע ליגע, האָבנדיק אומפאַרגלייכלעך גרעסערע מיטלען, איז געוואָרן דער כוח אויף דעם געביט, אָבער די איניציאַטיוו בלייבט ביים „זבולון" און ביי אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, הגם די געזעלשאַפט איז נישט געווען קיין פּאַרטיי־געזעלשאַפט.

## מיט דעם פּנים צום גלות

### הצלה און גאולה

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די כאַראַקטעריסטישע ריכטונג פון דעם ציוניזם אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען אַ סינטעטישע: זי האָט באמת געפּרוווט צו פאַרווירקלעכן א י ן מ ע ש י ם די באַנייטע לאָזונג פון טעאָדאָר הערצל, אַז מיר יידן זענען א י י ן פאָלק. מיר וועלן שפּעטער זען, ווען איך וועל באַהאַנדלען דעם ענין פון אונדזער יוגנט, אַז אויך די אָרגאַניזאַציע פון אונדזער יוגנט אין מערב־גאַליציע האָט זיך באַזירט אויף דעם דאָזיקן מאַנאָליטישן אידעאַל.

די קאָלירפולע טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף דעם ברייטן גלות־געביט האָט געהאַט צוויי הויפּט־צילן. דר. חיים וויצמאַן האָט תמיד אונטערגעשטראָכן די דאָזיקע צוויי גרויסע געביטן פון אונדזער טעטיקייט: הצלה און גאולה. חיי שעה און חיי עולם. ציוניזם איז אין זיין דירעקטער טעטיקייט פאַר ארץ ישראל געווען גאולה בעת די טעטיקייט אויפן אָרט איז געווען הצלה, אָבער אָן הצלה איז געווען שווער צו שאַפן מיטלען פאַר גאולה און אָן דער אידייע פון גאולה איז אָפּט־

מאָל געווען זייער שווער צו געפינען כוח און התלהבות פאַר דער אַר־בעט פאַר הצלה. און אַזוי ארום איז, סוף כל סוף, אויך אונדזער גלות־אַרבעט געווען דינאַמיש אַ ציוניסטישע.

## דער ווירטשאַפטלעכער קאַמף קעגן דעם שטראָם

איך וועל אָנהייבן מיט גשמיות: מיט אונדזער ווירטשאַפט־לעכער טעטיקייט. עס איז אפשר כדאַי צו דערמאָנען דריי נעמען פון דעם מבול פון הונדערטער, כדי צו סימבאָליזירן ווי מיט אַ בליץ די וואַקסנדיקע מרה שחורה פון אונדזערע ווירטשאַפטלעכע באַדינ־גונגען. דאָס זענען די נעמען פון ראָמאַן דמאָווסקי — וולאַדיסלאַוו גראַב־סקי — סלאַוואי־סקלאַדקאָווסקי. שוין אין יאָר 1912 האָט דער באַגרינ־דער און גייסטיקער פירער פון דער „ענדעציע״, דער הונדערט־פּראָצענ־טיק אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי, געשריבן אין דער „פּראַוודאַ״ אין וואַרשע: „די יידן דאַרפן וויסן, אַז אין זייער אויסערגעוויינלעכער געשיכטע, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַזוי פיל יאָרהונדערטער זיך אָפּגערוט דאָ ביי אונדז אין פּוילן, האָט איצט דער זייגער פון דער געשיכטע אויסגעשלאָגן פאַר זיי אַ נייע שעה, אַ שעה פון נייעם נע־ונד, נייע זוכענישן און נסיונות. וואָס עס זאָל געשען מיט זיי, איז זייער ענין און זייער גורל״. דער גייסט פון אָט דעם פּראָגראַם האָט באַהערשט די פּוילישע ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק לגבי מיליאָנען יידן אין פּוילן דורך דעם גאַנצן פּעריאָד פון 1919 ביז 1939. נישט נאָר ווייל די „ענדעציע״ איז געווען די רעלאַטיוו שטאַרקסטע פּאַרטיי אין פּוילן, נאָר ווייל איר השפעה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די פּוילישע קעגנער פון דער „ענדעציע״ האָבן איר געפּרוווט באַזיגן דורך נאָך אַ שטאַרקערן אַנ־טיסעמיטיזם, ווי צום ביישפּיל, די פּאַרטיי פון אָ.נ.ר., אַ קלאָר פאַשיס־טישער אָפּצווייג פון דער „ענדעציע״ און אויך דער פּאַרטייזלאָזער בלאָק פון פּילסודסקיס חדר, דער „ב.ב.״ און דאַן שפּעטער דער „אָזאָן״ פון רידז שמיגלי און סלאַוואי־סקלאַדקאָווסקי. אַרום דעם יאָר 1925 האָט אַן אַנדער ענדעק, וולאַדיסלאַוו גראַבסקי, אַלס פּרעמיער מיניסטער, דורך אַ

ברוטאַלן אַדמיניסטראַטיוון שטייער־סיסטעם קעגן יידן אין פוילן רעאַ־ליזירט די אינסטרוקציע פון דמאָווסקי, אַז יידן מוזן אויסוואַנדערן. און דער שמייכלענדיקער פּשטן סלאַוואוי־סקלאַדקאָווסקי האָט אַרויסגעלאָזט דעם באַקאַנטן רוף: „עקאָנאָמישער קאַמף קעגן יידן — אדרבא״. עס וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו דערמאָנען אַן אַנדערן קאַמף־מיטל, די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, וואָס דער עקסטרעמער רעכטער פליגל פון דער פוילישער געזעלשאַפט האָט אָרגאַניזירט בפרט אין דער ערשטער תקופה פונעם פרייען פוילן, כדי צו פאַרביטערן דאָס יידישע לעבן און אַריינצו־שטויסן אונדזער פאָלק אין אַ מצב רוח פון יאוש און האָפענונגסלאָזיקייט.

עס איז קלאָר, אַז ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אַ טייל פון פוילן, קאָנען נישט אָפּגעזונדערט ווערן פון אָט דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפט־לעכן קלימאַט, וואָס איך האָב אים אָקאָרשט כאַראַקטעריזירט. און דער־פאַר איז די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אַלס דער אָרגאַניזירטער הויפּט־פאַקטאָר פון יידישן לעבן אין מערב־גאַ־ליציע און שלעזיע, געווען אין גאַנצן אָפּהענגיק פון אָט דער אַלגעמיינער טענדענץ חרוב צו מאַכן די ווירטשאַפטלעכע גרונטלאַגע פון יידן אין פוילן און אַזוי אַרום צווינגען יידן צו עמיגראַציע. אַזוי ווי אָבער עמי־גראַציע איז געווען צוליב אַ גאַנצער ריי פון אויסערלעכע סיבות, בפרט דער מאַנגל אין פרייע אימיגראַציע־געביטן, נישט מעגלעך אין אַ ממשות־דיקן פאָרנעם און אַזוי ווי אַפילו די מעגלעכקייטן פון עליה קיין ארץ ישראל זענען מיט יעדן יאָר, צוליב דער וואַקסנדיקער אַנטי־ציוניסטישער פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־מאַכט געוואָרן אַלץ ענגער, האָט זיך ממילא געשאַפן אַ סיטואַציע פון נישט קאָנען אַרויס און נישט קאָנען אָטעמען פריי און לעבן אינעווייניק אין לאַנד. עקאָנאָמיש האָט דאָס באַדייט אַ געוואַלטיקע פאַרגרעסערונג פון דער אָרעמקייט צווישן די יידישע מאַסן. עס איז קלאָר, אַז די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פון יידן אין פוילן בכלל און פון די 250 טויזנט יידן אין מערב־גאַליציע און שלעזיע בפרט האָט זיך דערפאַר געמוזט קאָנצענטרירן אַרום מילדערן פון די נעגאַטיווע רעזול־טאַטן פון דעם פוילישן ווירטשאַפטלעכן באָיקאָט און פון דער פּאָליטיק בכלל חרוב צו מאַכן יידישע עקזיסטענצן, מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו ענדערן דעם אַנטיסעמיטישן סיסטעם. אין ברייטע ליניעס וואָלט

מען געקאנט זאָגן, אַז אין דעם פּרט זענען געווען צוויי גרויסע לאַגערן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט — דער מיליטאַנטיש אַקטיווער מיט אַלע זיינע ניואַנסן און דער גלייכגילטיקער — אויך מיט אַלע זיינע ניואַנסן.

וואָס איז געבליבן צו טאָן? די נויטווענדיקייט כאָטש צו מילדערן דעם סיסטעם. און מילדערן האָט נאַטירלעך געהייסן ראשית כל — זעלבסטהילף. זעלבסטהילף — אַזוי לאַנג ווי די כוחות פון אַ מינדערהייט וואָס ווערט באַיקאָטירט, קלעקן פאַר זעלבסטהילף. דער קאָנסומענט איז דאָך געווען די מערהייט און באַיקאָט האָט באַדייט ראשית כל באַיקאָט מצד דעם קאָנסומענט. איז אַנטשטאַנען די פראַגע — ווי לאַנג קאָן מען אויסהאַלטן מיט זעלבסטהילף. אָבער עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון הייִנט, פון ברויט און הונגער, לאָזן זיך נישט דערליידיקן דורך פּלאַנירטע באַטראַכטונגען אַליין און דערפאַר איז זעלבסטהילף פאַר ה י י נ ט געוואָרן די לאָזונג פון אונדזער ווירטשאַפטלעכן זעלבסטשוץ. און די דאָזיקע טענדענץ צו זעלבסטהילף איז אויך געוואָרן די הויפּט־טענדענץ אין דער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד בפרט אין דער צווייטער העלפט פון דעם פּעריאָד פון די 20 יאָר צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

דער ווירטשאַפטלעכער כוח פון יידן אין פּוילן איז בפרט אין דעם ערשטן פּעריאָד געווען נאָך שטאַרק גענוג, כדי פון זיך צו אַנטפּלעקן אַ גרעסערע מאָס פון זעלבסטהילף. און עס וועט אויף תמיד בלייבן פאַר־אייביקט אין אונדזער געשיכטע, אַז דער יידישער ישוב האָט אין דער צייט פון דער ווירטשאַפטלעכער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק געשאַפן, אַזוי ווייט דאָס איז געווען מעגלעך, דעם אַפּאַראַט פון זעלבסטהילף. דער אַר־בעטער מיט פאַרשטאַרקטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און קאָאָפּעראַטיוון, דער מיטלקלאַס מיט קאָנסום־פּראָדוקציע און בפרט מיט קרעדיט־קאָאָפּע־ראַטיוון, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן.

און אויך די אַקטיווע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט פון די קהילות פאַר דעם אָרעם־ווערנדיקן טייל פון אונדזער ישוב איז געוואַקסן. וואָס איז נאַטירלעך געווען אין זיך אַליין אויך אַ סימן פון ירידה. דאָס זענען אַלץ געווען נאָר סימפּטאָמאַטישע היילמיטלען קעגן דער שווערער קראַנ־קייט.

אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָבן מיר דעמאָלט געשאַפן אַ באַ־זונדערע קאָמיסיע פאַרווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. זעלבסטפאַרשטענד־לעך האָט אונדזער פאַרלאַמענטאַרישע פאַרטרעטערשאַפט געקעמפט אויף די באַריקאַדן פונעם פאַרלאַמענט פאַר אַן ענדערונג פון דעם סיסטעם, אָבער מיר האָבן געוווּסט זייער גוט, אַז דער קאַמף איז אַ האָפענונגסלאָ־זער. שוין בעת דער עסטרייכישער צייט איז אַדאַנק דעם דיסטריקט־קאָ־מיטעט אין מערב־גאַליציע, אַנטשטאַנען אין קראָקע אַ באַנק, די „אוניאַ קרעדיטאָוואַ״, אַ קליינער פלאַסטער קעגן וווּנדן. אין חודש מערץ 1930 האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צונויפגערופן אין קראָקע אַ ווירטשאַפט־לעכע קאָנפערענץ אונטער דער לייטונג פון דר. יהודה צימערמאַן. דער צוזאַמענפאַר איז געווען אַן אימפּאָזאַנטער און — אַ טרויעריקער. אונ־דזער עקזעקוטיווע האָט געשאַפן קאָנטאַקטן מיטן „רעוויזיע פאַרבאַנד״ און די קאָאָפּעראַטיווע באַנקן אין לעמבערג. דר. פישל ראָטענשטרייך, פון לעמבערג, האָט אונדז באַזונדערס מיטגעהאָלפן אין אונדזער טעטיקייט. אַדאַנק דער דאָזיקער טעטיקייט זענען אויך אין מערב־גאַליציע געשאַפן געוואָרן אַ ריי פון יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנקן אין־קראָקע און אויך אין דער פּראָווינץ. איך וויל דאָ דערמאָנען דעם נאָמען פון אברהם נוס־באום, דעם אומדערמידלעכן, רואיקן ציוניסטישן טוער, וואָס איז געשטאַ־נען בראש פון דער דאָזיקער באַנק אין קראָקע, זייענדיק אויך גלייכצייַ־טיק אַ מיטגליד פון אונדזער עקזעקוטיווע. די בענק האָבן געגעבן לייכטן קרעדיט בפרט פאַר דעם פאַראָרעמטן מיטלשטאַנד.

דער „נאָווי דזשיענניק״ האָט געהאַט אַ באַזונדערן פאַרדינסט אין דער אָרגאַניזירונג פון ווירטשאַפטלעכע כוחות און אין פאַרשפּרייטן די אידייע פון זעלבסטהילף, באַזונדערס אַדאַנק דעם ווירטשאַפטלעכן רע־דאַקטאָר פון „נאָווי דזשיענניק״, דר. בענאָ זיידען.

די טעטיקייט פון פירנדיקע אַלגעמיינע ציוניסטן אין די סוחרים־פאַרבאַנדן אין אונדזער געביט. איך וויל דאָ דערמאָנען באַזונדערס דעם נאָמען פון אונדזער פריינט ח. פ. לייסטנער און שמואל ספּירא. אין די אָפיציעלע האַנדלס־ און אינדוסטריע־קאַמערן, ווו דער איינפלוס פון פירנ־דיקע אַסימילאַטאָרן איז געווען באַזונדערס שטאַרק, האָט זיך פאַרשטאַרקט פון יאָר צו יאָר אונטער דעם איינפלוס פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד.

אַ באַזונדער שווערער ווירטשאַפטלעכער פּראָבלעם זענען געווען די יידי־שע האַנטווערקער־פאַרבאַנדן. זיי זענען געווען אַקטיוו אין אַ גאַנצער ריי פון שטעט אין מערב־גאַליציע. די לעבנס־באַדינגונגען פון די יידישע האַנטווערקער זענען שטענדיק געוואָרן שווערער, ווייל די אַלגעמיינע האַנטווערקער־קאַמערן זענען געוואָרן אַן אינסטרומענט פון עקסטערמינאַ־ציע־פּאָליטיק מצד דער רעגירונג קעגן יידישע האַנטווערקער. עס איז דער־פאַר נייטיק געווען אַ דאָפּלטע טעטיקייט, כדי צו העלפן דעם יידישן האַנטווערקער־שטאַנד — אַן אלגעמיין־פּאָליטישע און אַ רעגיאָנאַלע און לאָקאַל־ווירטשאַפטלעכע. די פּאָליטישע השפעה פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף די יידישע האַנטווערקער־פאַריינען גופא איז געווען פאַר־העלטנישמעסיק קליין, ווייל די האַנטווערקער־פאַרבאַנדן זענען געווען אַ ווירטשאַפטלעכער צווייג, אין וועלכן די בונדיסטישע פּאַרטיי און טייל־ווייז אויך די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי האָבן געהאַט אַן איינפלוס. אַחוץ דעם איז דער האַנטווערקער־שטאַנד געווען אַ מין מדיגה פאַר זיך. ער האָט גיכער געוואָלט פירן זיין קאַמף אונטער דער פאָן פון זיין אייגענעם פראָ־פעסיאָנעלן פאַריין, ווי אונטער דער לייטונג פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. אָבער פּאָליטיש איז דער האַנטווערקער־פאַריין, צוליב זיין צוזאַמענ־שטעל, געווען מער נוטה זיך צוצוהערן צום בונד און צו פּועלי־ציון.

אַ וואָרט נאָך וועגן די האַנדלס־ און אינדוסטריע־קאַמערן. זיי האָבן נאַטירלעך געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער ווירטשאַפטלעכער פּאָ־ליטיק. זיי זענען געווען אַן אויטאָנאָמע אינסטיטוציע, אָבער וואָס מער עס האָט זיך געשטאַרקט דער טאָטאַליטאַרער רעזשים אין פּוילן, אַלץ מער זענען זיי געוואָרן אַן אינסטרומענט פון דער דאָזיקער פּאָליטיק. עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין אָט דער אינסטיטוציע איז אין דער תקופה פון 1919 ביז 1939 דורך לאַנגע יאָרן געשטאַנען בראש אַ ייד מיטן נאָמען טאַדעוש עפּשטיין. ער איז געווען אַ הונדערטפּראָצענטיקער אַסימילאַטאָר. אַ מאַן פון קולטור און אויך פון איינפלוס. עס האָט אונדז גישט פאַרלייכטערט דאָס לעבן און אונדזער קאַמף אין ווירטשאַפטלעכע ענינים דער פאַקט, וואָס עס איז בראש פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע געשטאַנען אַ ייד, אַן אַסימילאַטאָר. דער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס פון די אַסימילאַטאָרן איז פאַר זיי תמיד אַ שטערונג צו זיין גערעכט אויך

צו יידן. עפּשטיין האָט געדינט דיווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון פּוילן מיט איבערגעבנקייט און ער האָט אויך באַקומען די געוויינלעכע אָנער־קענונג, וואָס אַסימילאַטאָרן באַקומען ווען זיי האָבן דערפילט זייער אויפ־גאַבע; אין די לעצטע יאָרן פון דער תקופה, וועגן וועלכער איך שרייב, איז אַפילו אויך ער שוין געווען צו יידיש פאַרן רעזשים און מען האָט אים גאַנץ פּשוט אָוועקגעשיקט.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט־קריג איז די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער באַזונדערער קאָמיס־יע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו געפי־נען מיטלען כדי מילדער צו מאַכן די ווירטשאַפטלעכע נויט, געוואָרן ממילא שטאַרקער ווי זי איז פריער געווען. דאָס איז געווען נאַטירלעך. די דאָזיקע באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע קאָמיסיע איז פּאַמעלעך געוואָרן אַ פּאָליטישער אינסטרומענט פון דער אָפּאָזיציע אינערהאַלב פונעם לאַנ־דעס־פאַרבאַנד. די דאָזיקע אָפּאָזיציע איז געווען סימפּאַטיש צו דער אַזוי גערופענער גרופּע „א״ פון אַלגעמיינע ציוניסטן און אין דער אמתן איז זי געווען אַ דעק־מאַנטל פאַר דער דאָזיקער אָפּאָזיציע. די דאָזיקע קאָ־מיסיע איז געפירט געוואָרן דורך דר. שמואל ליבעסקינד, דר. קלמן שטיין און ראובן וואָלף. זי האָט אַפילו געשאַפן אַן אייגענעם פּרעסע־אָרגאַן, אַ וואָכנבלאַט. פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט איז איר טעטי־קייט געווען אַ פּאָזיטיווע פאַר דער שטאַרקונג פון אונדזער קאַמף אויף דעם ווירטשאַפטלעכן פראָנט, ווייל אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן איז גישט געווען וויכטיק, ווער עס טוט די אַרבעט, נאָר צי די אַרבעט איז געטאָן. הייַנט, פון דער רעטראָספּעקציע, דערשיינען די דאָזיקע אינער־לעכע קאַמפן אַזוי אומוויכטיק, אַז עס איז אַ סך אנגענעמער וועגן זיי צו שרייבן מיט אַ פריינטלעכן שמייכל ווי מיט ביטערקייט.

## אונדזערע ראַנגלענישן אין די שטאָט־ראַטן

די דאָזיקע טעטיקייט איז געווען דאָס ווייטערע געביט פון ווירט־שאַפטלעכן קאַמף. דער שטאָט־ראַט אין קראָקע איז געווען באַזירט אויף „אַן אייגענעם סטאַטוט״.

נאָר עטלעכע שטעט אין פּוילן האָבן געהאַט אַן אייגענעם ס ט אַ־ ט ו ט. אין תוך האָט דאָס געמיינט אַ ברייטערן פאַרנעם פון אויטאָנאָ־ מיע אין פאַרגלייך מיט שטעט, אין וועלכע דער שטאָט־ראַט האָט זיך באַזירט אויף אַן אַ ל ג ע מ יי נ ע ם מלוכהשן געזעץ. די דאָזיקע פּריַ־ ווילעגיע פון דער שטאָט קראָקע האָט נאַטירלעך אויך פאַר דעם יידישן ישוב אין קראָקע געשאַפן באַדינגונגען פון אַ גרעסערן אָנטייל אין דער שטאָט־אויטאָנאָמיע, אַ גרעסערן אין פאַרגלייך צום ביישפּיל פון טאַרנע, זשעשאָוו, קאַטאָוויץ, יאַראָסלאַוו און אַנדערע שטעט אין אונדזער סביבה. אַחוץ דעם איז דער שטאָט־ראַט אָדער אייגנטלעך דער מאַגיסטראַט — די שטאָט־פאַרוואַלטונג — געווען דאָס אויפזיכט־אַמט פאַר דעם קהילה־ ראַט אין אַלע ענינים, אָבער בפרט וואָס שייך די באַשטעטיקונג פון דעם בודזשעט פון דער קהילה. אָן דער דאָזיקער באַשטעטיקונג האָט דער בו־ דזשעט פון דער קהילה נישט געהאַט קיין גילטיקייט .אַזוי אַרום איז אויך געווען דער לאַנדעס־פאַרבאַנד באַזונדערס אינטערעסירט פון ריין־יידישן שטאַנדפּונקט צו פאַרשטאַרקן זיין איינפלוס סיי אין דעם שטאָט־ראַט, סיי אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, דאָס הייסט, אין דעם מאַגיסטראַט. דאָ האָט זיך ווידער באַשטעטיקט דער סינטעטישער כאַראַקטער פון דער טע־ טיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. מיר האָבן גלייכצייטיק מיט דער ארץ־ישראל־טעטיקייט פאַרבונדן די טעטיקייט אויף דעם קאָמונאַלן גע־ ביט. קראָקע האָט זיך ביים סוף פון דעם צייט־פּעריאָד דערנענטערט צו אַ פערטל מיליאָן איינוווינער. קראָקע איז דעמאָלט געווען — אויב איך האָב נישט קיין טעות — די פערט־גרעסטע שטאָט אין פּוילן, נאָך וואַרשע, לאָדזש און לעמבערג. היינט, 1956, באַטרעפט די באַפעלקערונג פון קראָ־ קע אַרום 470 טויזנט, אָבער די יידישע באַפעלקערונג באַטרעפט נאָר געציילטע עטלעכע טויזנט. אָבער צו יענער צייט האָט די יידישע באַפעל־ קערונג אין קראָקע באַטראָפן אַרום 60 טויזנט נפשות און דאָס האָט באַ־ דייט, אַז דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַרום 1938 געווען כמעט 23, אַלזאָ, אַ וואַגיקער טייל פון דער גאַנצער באַפעלקע־ רונג פון קראָקע. נאַטירלעך איז לויט דערווירטשאַפטלעכער, קולטורע־ לער און פּאָליטישער ראָלע דער באַדייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע געווען אַ סך גרעסער. יידן זענען געווען שטאַרק פאַרטראָטן

אין די פרייע באַרופן, אין האַנדל און אינדוסטריע.

אין דער פראָווינץ איז דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקע־רונג אין די מיטעלערע שטעט געווען אָפּטמאָל גרעסער ווי אין קראָקע, מיט עטלעכע אויסנאַמען (קאַטאָוויץ, ביעלסקאָ, מיסלאָוויץ און יאַראָס־לאַוו). אין די גאָר קליינע שטעטלעך איז דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען נאָך אַ סך שטאַרקער ווי אין קראָקע און אָפּטמאָל האָט ער דערגרייכט אַ מערהייט און צייטנווייז אַ גאָר שטאַרקע מערהייט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין שייכות דערמיט איז אפשר כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין איין שטעטל מיטן נאָמען זשיוויעץ, נישט ווייט פון ביעלסקאָ, האָבן יידן בכלל נישט געטאָרט וווינען. זיי האָבן געמוזט וווינען אין דער פאָרשטאָט פון זשיוויעץ, וואָס האָט געהייסן זאַבלאָטשע. אין די הונדערטער דערפער פון אונדזער שטח איז דער פּראָצענט ביי יידן געווען אַ נישטיקער, מייסטנס נישט מער ווי עטלעכע משפּחות. און דאָס האָט איבערגעוויגן דעם פּראָ־צענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַנץ מערב־גאַליציע און שלעזיע און אַזוי אַרום האָט דער דורכשניט־פּראָצענט פון יידן אין אונדזער סביבה באַטראָפן נאָר עטלעכע פּראָצענט, וואָס האָט נאַטירלעך געהאַט אַן איינפלוס אויף דער פּאָליטישער פּאָזיציע, ווען נאָר עס איז געקומען אין באַטראַכט דער גאַנצער שטח פון מערב־גאַליציע. די פּוילישע אַדמיניסטראַציע איז דער־פאַר געפאַלן אויף אַן המצאה: איינצושליסן אַרומיקע דערפער מיט די שטעט מיט אַ גרויסער צאָל יידן און כדי אַזוי אַרום צו פאַרקלענערן דעם פּראָצענטועלן אנטייל פון יידן אין די שטעט. דאָס איז אויך געשען מיט קראָקע.

אָט דער צושטאַנד האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אונדזער שטאַרקן פּאָליטישן קאַמף. מיר האָבן זיך מיט אַלע כוחות געווערט קעגן דער איינשליסונג פון די דערפער, אָבער דער נעגאַטיווער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געווען אין פאַרויס אַ קלאָרער צוליב דער אַלגעמיינער פּוילישער טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם איינפלוס פון יידן אין דער גאַנ־צער מלוכה. אונטערן דרוק פון דעם פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן אַנ־

טיסעמיטיזם האָבן אונדזערע קהילות אין די מיטעלערע און קלענערע שטעט אויסגעוויילט דעם וועג פון פּאַמעלעכדיקן קאָמפּראָמיס מיט דער פּוילישער געזעלשאַפט. אין די שטאָט־ראַטן זענען נישט געווען אויפן סדר־היום קיין גרויסע מלוכהשע פּראָבלעמען. עס זענען מערסטנס געווען ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע לאָקאַלע פּראָבלעמען, די פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן, און אונדזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט נאָ־טירלעך קודם כל געוואָלט האָבן אַביסל רו און לעבנס־מעגלעכקייטן. דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער סימפּטאָם פונעם לעבן אין אַ שטאָט אָדער אַ שטעטל. צוליב אָט דער מידקייט און דעם רצון צו האָבן האַלבוועגס רואיקע לעבנס־באַדינגונגען, האָט די יידישע באַפעלקערונג דאָ און דאָרט מוותר געווען אויף אַ מערהייט אין דער פאַרטרעטערשאַפט אין די שטאָט־ראַטן, הגם עס איז איר געקומען לויט דער צאָל פון דער יידישער באַ־פעלקערונג, און זי האָט געשלאָסן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אָפּמאַכן און זיך צופרידנגעשטעלט צייטנווייז מיט 50 פּראָצענט און צייטנווייז אַפילו מיט אַ סך ווייניקער אין דער פאַרטרעטערשאַפט. די דאָזיקע נאָכגיביקייט פון אונדזער מידן ישוב האָט נאַטירלעך צייטווייליק געשאַפן אַ בריק פון פרידן און „פאַרשטענדיקונג", אָבער נאָר צייטווייליק.

לאָמיר זיך אומקערן אויף אַ ווייל צו דער שטאָט קראָקע גופא, צו וועלכער עס זענען געווען געווענדעט די אויגן פון גאַנץ פוילן אַלס דער גרויסער פּראָווינץ־שטאָט — ווי וואַרשע פלעגט עס זאָגן — דער פּראָ־ווינץ־שטאָט מיט דער חשיבות פון אַן אַלטער הויפּטשטאָט. אויך קראָ־קעווער יידן האָבן אין זיך געטראָגן דעם שטאָלץ פון דער דאָזיקער חשי־בות, „וואָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער קראָקעווער יידן זענען מיר", האָבן מיר אָפּטמאָל געהערט אין דער שטאָט, אין וועלכער עס איז געווען פאַרכישופט דער חלום פון פּוילישער פאַרגאַנגענהייט נישט נאָר אויפן וואַוועל־שלאָס, נאָר אויך אויף די אַלטע גאַסן.

צוליב די פאַרשיידענע סיבות, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, האָט אויך די יידישע פאַרטרעטערשאַפט אין דעם קראָקעווער שטאָט־ראַט קיינמאָל נישט דערגרייכט דעם פּראָצענט, וואָס עס וואָלט געקומען דער יידישער באַפעלקערונג לויט איר נומערישן כוח. דאָס איז בפרט געווען אַ פּועל־יוצא פון צוויי אומשטענדן — פון דער וואַל־אָרדינאַציע, וועלכע

האָט טראָץ איר גאַנצן דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פּריווילעגירט גרעסערע גרופּן, און פון דעם אומשטאַנד, אַז יידן זענען געגאַנגען צו די וואַלן נישט פאַרייניקט, נאָר אין צעשפּליטערטע גרופּן.

איך וויל דאָ געבן אַ קורץ בילד פון דעם צוזאַמענשטעל פון דער יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין קראָקעווער שטאָט־ראַט אין דעם לעצטן יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה. דאָס איז געווען אַ צייט פון אַ טיפער ענדערונג אין דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. מיר וועלן באַלד זען, אַז אין מערב־גאַליציע איז די דאָזיקע ענדערונג געווען פאַרהעלטנישמעסיק קלענער ווי אין דעם רעשט פון פּוילן, ווייל אין אונדזער טייל פונעם לאַנד זענען די פּאָליטי־שע גרופּירונגען געווען מער קריסטאַליזירט. סוף 1938 זענען פאָרגעקומען אין פּוילן (אויך אָנהייב 1939) וואַלן צו די שטאָט־ראַטן. די וואַלן האָבן געבראַכט אַ שטאַרקן נצחון פאַר דער בונדיסטישער פּאַרטיי. די בונדיס־טישע פּאַרטיי האָט פון דעם געמאַכט אַ געוואַלטיקן נצחון, אָבער לויט מיין אָפּשאַצונג איז דאָס געווען אַ טרויעריקער נצחון, ווייל ער איז געווען אַ פועל־יוצא פון נעגאַטיווע עלעמענטן. במשך פון כמעט 20 יאָר האָט די ציוניסטישע אָריענטאַציע געהאַט די פירונג אין דער פּאָליטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג. איר קאָנקורענט איז געווען די אָרטאָדאָקסי־שע אָריענטאַציע, אונטערגעשטיצט דורך דער אַסימילאַציע. די ציוניס־טישע אָריענטאַציע האָט דורכגעמאַכט נצחונות און מפּלות און סוף כל סוף האָט זיך אין דער צייט פון רידז שמיגלי, סלאַוואי־סקלאַדקאָווסקי און דעם אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק, קריסטאַליזירט אין יאָר 1937 אַ באַוועגונג צווישן אַ טייל פון יידן מיט ציוניסטן בראש, צו אָרגאַניזירן יידישע עמיגראַציע, אַפילו קיין מאַדאַגאַסקאַר. די גרויסע מערהייט פון ציוניסטן און אויך מיר אין מערב־גאַליציע, האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן „קאַ־קאַ“ (קאָלאָ־ניזאַציע־קאָמיטעט). די עמיגראַציע־פּלענער האָבן באַנקראָטירט, די עמי־גראַציע קיין ארץ־ישראל איז דערוואָרגן געוואָרן און ברייטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמאַכט פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דער מפּלה פון דער יידישער פּאָליטיק די לייטנדיקע אָריענטאַציע, דאָס הייסט, די ציוניסטישע. די אָרטאָדאָקסיש־אַסימילאַטאָ־

רישע אָריענטאַציע האָט אויך געליטן אַ מפּלה. די פּאָליטיק פון מינימאַליזם און אָפּאָרטוניזם, פאַרבונדן צייטנווייז מיט חניפה, האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן. דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט שוין אין יאָר 1939 נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן ציוניזם, אָרטאָדאָקסיע אָדער אַסימילאַציע, טאָ האָט זיך דער ברייטער עולם, בפרט אין קאָנגרעס־פּוילן, צוגערוקט צו דער דריטער אָריענטאַציע, וועלכע איז במשך פון די 20 יאָר געווען אין דער אָפּאָזיציע סיי צו דער ציוניסטישער, סיי צו דער אָרטאָדאָקסיש־אַסימילאַטאָרישער אָריענטאַציע — דאָס הייסט צו דער בונדיסטישער. די בונדיסטישע אָריענטאַציע איז געווען אַנטי־עמיגראַציאָניסטיש און אַנטי־אַסימילאַטאָריש. האָט דאָס קראַנקע, געפּלאָגטע יידישע פאָלק אין פּוילן געטאָן, וואָס אַ קראַנקער טוט, עס האָט זיך איבערגעדרייט פון איין זייט, וואָס האָט וויי געטאָן, אויף דער אַנדערער זייט. און אַזוי אַרום איז עס פאָרגעקומען, אַז אַפילו ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן האָבן אין קאָנגרעס־פּוילן געשטימט פאַר דער בונדיסטישער ליסטע צו די שטאָט־ראַטן.

אָבער מיין הויפּט־אויפגאַבע איז דאָ צו געבן אַ בילד וועגן מערב־גאַליציע. די אַלגעמיינע באַמערקונגען זענען אָבער נייטיק, כדי צו געבן דעם הינטערגרונט פון דער סיטואַציע אויך אין מערב־גאַליציע. די בונדיסטן האָבן אין דעם פריערדיקן שטאָטראַט אין קראָקע געהאַט נאָר איין פאַרטרעטער און איצט האָבן זיי באַקומען ביי די וואַלן צוויי פאַרטרעטער. אָבער טראָץ דער אַלגעמיין פּראָ־בונדיסטישער טענדענץ האָט אין מערב־גאַליציע געזיגט דער בירגערלעכער בלאָק און אין אים דער אַלגעמיין־ציוניסטישער. דאָס איז געווען אַ באַווייז, ווי סאָליד פאַרוואָרצלט עס איז געווען דער ציוניזם אין מערב־גאַליציע און ווי פּאָליטיש רייף עס איז דאָרט געווען דער יידישער וויילער.

איך וויל דאָ דערפאַר געבן אַ מער דעטאַלירט בילד פון דעם צוזאַמענשטעל פון דער לעצטער יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם גאָר וויכטיקן שטאָט־ראַט פון קראָקע, דער לעצטער יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין דער פּוילישער געשיכטע. פון אַלגעמיינע ציוניסטן זענען געוויילט געוואָרן סינאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַ חשובער אינדוסטריעלער און אַ ציוניסטישער טוער; מאַקס לאַוטערבאַך, אַ רעספּעקטירטער סוחר

און אָפּטמאָל אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד, דר. קלמן שטיין, אַן אַדוואָקאַט, דער פירער פון דער אָפּאָזיציע אינערהאַלב פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות און דר. יהודה צימערמאַן, איינער פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע מנהיגים, וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער געשריבן. אַחוץ דעם איז געווײלט געוואָרן דר. עליאַס מאַרקוס, דער פירער פון מזרחי. אַ ווייטע־רער מיטגליד פונעם שטאָט־ראַט, איז געווען דער אומפּאַרטייאישער פרע־זידענט פון דער קהילה, דר. רפאל לאַנדאַו. פון דער אגודה איז געווײלט געוואָרן איר אָנגעזעענער פירער צבי־הירש אייזענשטאַט. ווען דר. יהודה צימערמאַן איז שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (לאַווניק), איז אויף זיין אָרט אַריין אין דעם שטאָט־ראַט אַ צווייטער אגודיסט, פייוול סטעמפּעל, אַן ענערגישער פּאָלקסטימלעכער פירער פון דער אגודה און אויך אַ מיטגליד פונעם פּוילישן סיים. אַחוץ דעם איז געווען אַ מיטגליד פונעם שטאָט־ראַט אַ וויכטיקער פירער פון דער גרופּע פון חרדים, וואָס איז געשטאַנען נאָך ווייטער רעכטס פון דער אגודה, דער רואיקער, חשובער וואַרעמער ייד ראָזענבלום. די דאָזיקע ניין האָבן אין לעצטן שטאָט־ראַט זיך פאַרייניקט אין אַ געמיינזאַמען קלוב. אויסער־האַלב פון דעם דאָזיקן קלוב זענען געשטאַנען די צוויי בונדיסטן, וואָס איך האָב דערמאָנט, דר. הענריק שרייבער, אַ מוטיקער קעמפער פונעם „בונד״, שאַרף אין דער פאָרם, אָבער מיט אַ פריינטלעכן שמייכל טראָץ זיין שאַרפקייט, און דר. לעאָן פיינער, ביידע אַדוואָקאַטן. דר. לעאָן פיי־נער האָט בעת דער מלחמה געפירט אַ גאָר וויכטיקע טעטיקייט אין דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין וואַרשע, אַלס אַ פירער פון „בונד״. זיין איינפלוס איז געווען גרויס. איך האָב נישט איינמאָל געזען און גע־לייענט אין לאָנדאָן די בונדיסטישע באַריכטן, געחתמעט דורך אים. אוי־סערהאַלב פונעם יידישן קלוב איז אויך געשטאַנען אַדוואָקאַט דר. אַדלער, אַ „קאָמבאַטאַנט״, אַ מיטגליד פון אַן אָרגאַניזאַציע פון פריערדיקע פּוי־לישע זעלנער, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער רעגירונגס־פּאַרטיי. נו, און כדי צו זיין גאַנץ גענוי, וויל איך דערמאָנען, אַז אין דעם קלוב פון פּוילישע סאָציאַליסטן איז געווען אַ מיטגליד, דער אַדוואָקאַט דר. יאָזעף ראָזענצווייג, וואָס האָט זיך גאָר ווייניק באַטראַכט פאַר אַ ייד.

טראַץ זיין גאַנץ גוט־יידישער אָפּשטאַמונג. אַט דאָס איז געווען דאָס שאַך־ברעט פון דער יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם לעצטן פרייען קראַקעווער שטאָט־ראַט. די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער פונעם שטאָט־ראַט איז געווען, גלויב איך, 65.

ווי מיר זעען דאָ, איז די בונדיסטישע גרופּע געבליבן אין אונדזער טייל פון פּוילן אין אַ גאַר קליינער מינדערהייט. זי איז אָבער געווען שטאַרקער אין דער שטאָט טאַרנע. זי האָט נישט געהאַט קיין ערנסטע רעזולטאַטן אין מזרח־גאַליציע, אָבער זי האָט יאָ געהאַט ערנסטע רעזול־טאַטן אין קאָנגרעס־פּוילן און אין עטלעכע גרעסערע שטאָט־ראַטן, און אַפילו די מערהייט צווישן יידן.

דער יידישער פאַרייניקטער קלוב אינעם שטאָט־ראַט אין קראָקע האָט געאַרבעט אין אַלע וויכטיקערע ענינים האַרמאָניש, כמעט אָן ריי־בונגען, טראָץ זיין פאַרשיידנאַרטיקן צוזאַמענשטעל. אַזוי שווער איז שוין געווען די סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַז זי האָט אונדז פאַרבונדן אַדאַנק דער געמיינזאַמער אחריות. דער שרייבער פון די דאָ־זיקע זכרונות, אַלס פאָרזיצער פונעם קלוב, איז געווען צוליב די דאָזיקע שווערע באַדינגונגען אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז ער האָט געקאָנט אָפּט נעמען דאָס וואָרט אין נאָמען פונעם גאַנצן קלוב, וואָס האָט פאַרייניקט פינף גרופּעס, און רעדן מיט איין קול פאַר אַלע. דאָס איז געווען אַ סימן פון דער צייט, אָבער — איך מוז עס אונטערשטרייכן — אויך אַ סימן פון דעם אָרט, דאָס הייסט, פון מערב־גאַליציע, מיט איר פּאָליטישער רייפ־קייט. מיר וועלן שפּעטער זען אין דעם אָפּשניט וועגן דעם יידישן פאַר־לאַמענטאַריזם אין פּוילן, אַז עס האָט זיך נאָך אין אונדזער שטח איינ־געגעבן אין דער לעצטער תקופה פאַר 1939, צו שאַפן אַ יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען.

די ענדעקישע גרופּע אין שטאָט־ראַט פון קראָקע איז געווען פאַר־העלטנישמעסיק אַ קליינע, אָבער די „אָזאָן"־גרופּע האָט נישט שלעכט דערפילט איר אויפגאַבע אַלס אַ פאַרטרעטערן פון ענדעקישן אַנטיסעמי־טיזם. אַ באַזונדערע באַמערקונג איז כדאַי צו מאַכן וועגן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער גרופּע אין דעם שטאָט־ראַט. הגם עס איז נאַטירלעך געווען אַ סאָציאַלע שפּאַנונג צווישן דער סאָציאַליסטישער גרופּע און

דעם בירגערלעכן יידישן קלוב, איז עס דאָך פאַרגעקומען זייער אָפט, אַז די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט די אונטערשטיצונג פון יידישע שטימען און אומגעקערט, די יידן האָבן געהאַט די אונטערשטיצונג פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די לאָזונג פון גערעכטיקייט, וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון סאָציאַליזם, און דער פאַקט פון דיסקרימינאַציע, וואָס איז דעמאָלט געווען דער גורל פון יידן, האָט ממש צוזאַמענגעבראַכט די דאָזיקע צוויי קלאַסנמעסיקע קעגנזאַצן. איך וויל דאָ דערמאָנען צוויי נעמען פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער גרופּע אין דעם שטאָט־ראַט, ווייל די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן נישט איינמאָל מיט מוט געקעמפט פאַר אונדזערע רעכט אויף פאַרטרעטערשאַפט, גלייכבאַרעכטיקונג און די רעכט פאַר סובסידיעס פון יידישע אינסטיטוציעס אין דעם בודזשעט פון דעם שטאָט־ראַט. די דאָזיקע צוויי נעמען זענען: י אַ ן ס ט אַ נ ט ש י ק, דער שפּעטערדיקער מיניסטער פאַר סאָציאַלע ענינים אין דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן — עס איז מיר אויסגעקומען צוזאַמענצואַרבעטן מיט אים אין לאָנדאָן אין דער בעסטער האַרמאָניע לטובת גאָר רעאַלע אינטערעסן פון יידיש־פוילישע פּליטים אין דער גאַרער וועלט — ער איז דאַן שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון דער ביערוט־רעגירונג אין וואַרשע, אַ פאַרטרעטער פון דער קאָמוניסטישער רעגירונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ביוראָ אין גענף. ער איז דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן אין וואַרשע. דער צווייטער איז דר. ר אַ מ וּ אַ ל ד ש ו מ ס ק י, אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַר סאָציאַליזם, פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן אין תפיסה פאַר זיינע מוטיקע רעדעס אין פאַרשיידענע ערטער אין דער צייט, ווען עס האָט געהערשט אין פוילן אַ כמעט טאָטאַליטאַרער רעזשים. ער איז נאָך היינט געבליבן אַן אמתדיקער סאָציאַליסט. איך פלעג אים דאָ אָפט זען אויף בראָדוויי, אין ניו־יאָרק, וווּ ער איז לאַנגע יאָרן געווען מיין שכן. אַ טרויעריקער און אַ צוגעדריקטער איז ער אַרומגעגאַנגען אין דער פרעמדער וועלט, צייטנווייז האָבן אויפגעפלאַקערט זיין שאַרפע אינטעליגענץ און זיין סאַרקאַזם. מיר האָבן אָפט גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן די זיצונגען פון דעם שטאָט־ראַט אין קראָקע, וועגן פוילן און וועגן רוסלאַנד, וווּ ער האָט בעת דעם קריג פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן און פלוצלונג איז אין אים פאַרגעקומען אַן

ענדערונג, אָן איבערברוך. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן לענגער דעם גלות זיינעם און די נאָסטאַלגיע ווידער צו זען זיין היימאַט, האָט גובר געווען און ער איז, אין יולי 1956, צוריק אַוועק קיין קראַקע...

שומסקיס זענען נישט געווען קיין סך אין דעם קראַקעווער שטאָט־ראַט. בסך־הכל האָבן מיר, יידן, אויך דאָרט געפילט דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם. מיר האָבן ליב געהאַט די שיינע שטאָט און מיר זענען געווען אמתדיק פּאַטריאַטיש און גרייט תמיד מיטצואַרבעטן פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַר דער שיינקייט פון אונדזער קראַקע. איך דערמאַן מיך אין אַ פּרט. ווען יידן האָבן מאַסנווייז געפלעגט באַזוכן דעם נאַציאָנאַלן שטאָט־טעאַטער, האָט דער ענדעקישער מיטגליד פונעם שטאָט־ראַט אין אַ רעדע געזאָגט, אַז מיר „פאַריידישן" דעם פּוילישן טעאַטער און ווען יידן זענען, צוליב אַנטיסעמיטיזם, צייטנווייז זעלטענער גע־גאַנגען אין טעאַטער, האָט דער זעלביקער ענדעק געזאָגט, אַז יידן באָיקאָטירן דאָס טעאַטער! נו, דאָ איז דאָך די אַלטע מאָראַל פון אַנ־טיסעמיטן.

עס איז כדאַי אָפּצושליסן דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון דער טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. אָבער עס ציט מיך נאָך צו מאַכן דריי באַמערקונגען. זיי בעטן זיך ממש פאַראייביקט צו ווערן.

אונדזער קאַמף פאַר אַריינגעמען אין די פאָרמולאַרן פון דער באַ־פעלקערונג־ציילונג אין דער רובריק „שפּראַך" — העברעיש אָדער יידיש, איז געווען אַ גאַר שווערער. ער איז כמעט געוואָרן אַ טערמאָמעטער פון אונדזער סיטואַציע. די צענזוס־קאָמיסאַרן האָבן אָפטמאָל געפּסקנט, אַז עס איז נישט בנימצא אַזאַ זאַך ווי די העברעישע אָדער יידישע שפּראַך. יידיש, האָבן די אַנטיסעמיטישע לינגוויסטן געפּסקנט, איז — דייטש, און העברעיש איז — טויט. אין דער קולטור־שטאָט קראַקע האָבן מיר געמוזט ביטער, ביטער קעמפן פאַר אונדזערע צוויי שפּראַכן, אין וועלכע אַזאַ גרויסע קולטור איז געשאַפן געוואָרן.

אַ צווייטע דערינערונג רעטושירט שאַרף אונדזער יידישן גורל. לאַנגע יאָרן איז געווען דער פּרעזידענט פונעם שטאָט־ראַט אַ גע־שמדטער ייד, דר. מ. קאַפּליצקי. ער האָט פריער געהייסן קאַפּעלנער. אַ דאָקטאָר פון באַרוף. קלוג און אינטעליגענט און אַ גלענצנדיקער אַדמי־

ניסטראַטאָר און, איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אינ־פעריאָריטעט־קאָמפּלעקס לגבי יידישע פּראָבלעמען. ער האָט געהערט צו די הייסטע פאַרערער פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. איך דערמאָן מיך אין זיין טרויער־רעדע אין דעם טאָג פונעם טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי. ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען אויף דער בינע בעת דער פייערלעכער זי־צונג פון דעם שטאָט־ראָט. זיין טרויער־רעדע האָט ער געהאַלטן אין אַ פּאָזיציע פון סאָלדאַטישער האַלטונג און די טרויער־רעדע איז באַשטאַנען פון איין זאַץ: „מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי איז נישט מער דאָ״. דאָס איז געווען אַ פונק פון זיין שאַרפער אינטעליגענץ. עס האָט געמאַכט אַ גע־וואַלטיקן איינדרוק.

בעת עס איז געקומען, אין דעם פאַרלעצטן יאָר פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט אַ מיניסטער פון דער היטלער־רעגירונג באַזוכט די „פּריינטלעכע״ שטאָט קראָקע — איך גלויב עס איז געווען פראַנק — איז אין נאָמען פונעם שטאָט־ראָט געגאַנגען אויפן וואָקזאַל באַגריסן דעם היטלעריסטישן מיניסטער דער וויצע־פּרעזידענט, דר. סטאַניסלאַוו קלי־מעצקי, אַן אַריער. דעם געשמדטן ייד דר. קאַפּליצקי האָט מען נישט גע־וואָלט שיקן. עס איז מכלומרשט געווען אַ באַדינג פון דעם היטלעריסטישן גאַסט, אַז דער „יודע״ קאַפּעלנער־קאַפּליצקי זאָל נישט קומען. קאַפּליצקי האָט זיך שפּעטער אַרומגעוואָלגערט אין פאַרשיידענע לענדער, אויך אין רומעניע, און לעצטנס האָב איך געהערט, אַז ער זאָל האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דער דריטער אינטערעסאַנטער פּרט איז פאַרבונדן מיטן סאַמע סוף פון דעם חודש אויגוסט 1939, ווען איך בין צוריקגעקומען אין דער גרעס־טער איילעניש פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין גענף קיין פּוילן, כמעט אין דער לעצטער מינוט פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה, צוויי אָדער דריי טעג פריער, כדי צו זיין אויפן אָרט, ווייל איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון דעם פּוילישן פּאַרלאַמענט. אַ מלוכהשע הלוואה איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן. יידן צוזאַמען מיט קריסטן, יידן מיט פּיאות האָבן מאַרשירט דורך די גאַסן פון דער שטאָט קראָקע צו גראָבן שוץ־גראָבנס. צוזאַמען? יאָ, צוזאַמען. אָבער קריסטן האָבן געלאַכט פון די יידן. אויף די גרויסע פּלאַקאַטן פונעם שטאָט־ראָט, וואָס האָבן גערופן צו סאָלידאַ־

רישן קאמף קעגן דער מלחמה-געפאר — עס איז שוין דעמאלט געווען נאך דעם היטלער-סטאלין אפמאך — זענען געווען אונטערגעשריבן צוזאמען מיט קריסטן יידישע פערזענלעכקייטן פון אלע ריכטונגען. דער שטאט-ראט מיט איינגעלאדענע געסט איז צונויפגערופן געווארן צו א זיצונג, כדי זיך צו באראטן וועגן דער סיטואציע. דאס איז געווען די לעצטע זי-צונג פונעם שטאט-ראט, אין וועלכער איך און מיינע יידישע קאלעגן האבן אנטיילגענומען. עס איז געווען א טרויעריקע, אבער אויך אן אומפארגעס-לעכע זיצונג און זי איז מיר געבליבן עד-היום אין זכרון, ווייל מיר האבן דעמאלט געפילט אונדזער דאפלטן גורל, אלס פוילישע בירגער און אלס יידן. אבער קיינער פון אונדז האט נישט געגלויבט, אז דאס וועט קומען, וואס עס איז געקומען. עס איז געווען מיין געזעגענען זיך פון קראקע. איך האב עס דאן שפעטער מער נישט געזען.

## די „רעוואלוציע" און די דריי שיטות אין אונדזערע קהילות

ביז צום סאמע סוף פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז אויף דעם טונקעלן פעלד פון יידישער ירידה אין פוילן — די קהילה געבליבן דער רעלאטיוו-זוניקער פונקט, הגם אויך דא האט די זון געשיינט בלאסער און שוואכער פון יאר צו יאר.

די אפשאצונג פון פאליטישע און סאציאלע פאזיציעס קאן זיין א צווייפאכיקע: אן אבסאלוטע און א רעלאטיווע. און אויב א רעלאטיווע, דאן פרעגט זיך, מיט וואס פארגלייכט מען זי? אבסאלוט גענומען, האט די יידישע קהילה אין פוילן בכלל און אין אונדזער טייל פון פוילן בפרט ווייט נישט דערגרייכט דעם פראגראמאטישן אידעאל, פון וועלכן מיר, נאציאנאלע יידן, האבן נישט נאר געחלומט, נאר פאר וועלכן מיר האבן אויך געקעמפט פאליטיש, כדי צו האבן א צענטער פון נאציאנאל-רעלי-גיעזער אויטאנאמיע.

דער הויפט-אונטערשייד צווישן אונדז ציוניסטן און בונדיסטן איז געלעגן אין דעםווארט „רעליגיעז". בונדיסטן האבן פארלאנגט, אז די קהילה זאל ווערן א נאציאנאל-וועלטלעך-קולטורעלער צענטער; מיר האבן

פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיין אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעז־קולטורעלער צענטער. דער אונטערשייד צווישן אונדז און די אגודיסטן, שוין אָפּגערעדט פון דעם נאָך מער רעכטן פליגל פון כלערליי מינים פון חרדים פון בעלץ איבער באָבאָווע ביז צו גורא קאַלוואַריאַ, איז געווען אויך אין דעם וואָרט „רע־ליגיעז״. בעת מיר האָבן פאַרלאַנגט אויך רעליגיעז, האָבן די דאָזיקע קרייזן פאַרלאַנגט נאָר רעליגיעז. אינערהאַלב פון די דאָזיקע דריי ריכטונגען זענען געווען פאַרשיידענע ניואַנסן, אָבער דאָס איז שוין גע־ווען ווייניקער וויכטיק. וויכטיק איז געווען, אַז די דאָזיקע פונאַנדערטיי־לונג אין דריי ריכטונגען האָט לייכטער געמאַכט פאַר די פּוילישע רע־גירונגען צו באַקעמפן די ציוניסטישע אָדער בונדיסטישע שיטה און צו אונטערשטיצן די ריין־רעליגיעזע מינימאַליסטישע שיטה צווישן די דריי אָריענטאַציעס, וואָס זי איז געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם עקסטן פליגל פון דער אָרטאָדאָקסיע. דער דאָזיקער פליגל איז געווען אונטערשטיצט פון דער נישט אומוויכטיקער אַסימילאַטאָרישער גרופּע, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ. דאָס זענען געווען ברוב — כדי צו כאַראַקטעריזירן שאַרף די דאָזיקע גרופּע — ראש־השנה און יום־כיפור־יידן. דער פאַקט צווישן דער אַסימילאַציע און דער אָרטאָ־דאָקסיע איז געווען באַזירט אויף אַ, לויט מיין מיינונג, נישט זייער בכבודיקער גרונטלאַגע: די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ, וואָס איז גע־ווען דער היפּוך פון רעליגיעזיטעט אין פּראַקטישן לעבן, האָט געגעבן פולע פרייהייט דער אָרטאָדאָקסיע אין איר קאָנסערוואַטיוו־קלעריקאַלער פּאָלי־טיק און דער דאָזיקער טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע האָט דעם אַסימילאַ־טאָרישן מיעוט געגעבן פרייהייט אין זיין נישט־רעליגיעזן לעבן! אין דעם איז געווען די „מאָראַלישע״ גרונטלאַגע פון דעם „פרידנס־אָפּמאַך״ צווישן די צוויי גרופּעס.

נאָך אין יאָר 1917, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די דייַ־טשע אָקופּאַציע־מאַכט אין קאָנגרעס־פּוילן אַרויסגעגעבן אַ נייע וואַל־אָר־דינאַציע. ביי אונדז אין גאַליציע האָט דער אַלטער וואַל־סיסטעם זיך געשטיצט אויף אַזוי גערופענע „קוריעס״, דאָס הייסט, אויף באַזונדערע גרופּעס, וואָס האָבן געוויילט צווישן זיך, און נישט אויף אַן אַלגעמיינעם וואַל־סיסטעם. די וואַל־אָרדענונג און דער סטאַטוט, וועלכן די אָקופּאַציע־

מאַכט האָט איינגעפירט, איז געווען אַ דעמאָקראַטישע, אָבער אַן פּרויען־רעכט. אָט די דאָזיקע וואַל־אָרדינאַציע איז דאַן שפּעטער, אין דער צייט פון פּילסודסקי, געוואָרן די באַזע פון אַ סטאַטוט פאַר די קהילות און פאַר אַ וואַל־אָרדענונג פאַר גאַנץ פּוילן. דער פּילסודסקי־דעקרעט האָט אָבער בפירוש אָנערקענט די קהילה נאָר אַלס אַ רעליגיעזע. אַזוי אַרום איז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן אויך אין לעבן די דריטע שיטה, וואָס איך האָב אויבן כאַראַקטעריזירט, די מינימאַליסטישע, די שיטה, וואָס עס האָט אַרויס־גערוקט די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע, אונטערשטיצט פון דער אַסימילאַ־ציע. אָבער דער קאָמפּעטענץ־פּאַראַגראַף פון דעם דעקרעט איז געווען אַ ביסל עלאַסטיש און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן די מעגלעכקייט פון אַן „עקסטענסיווער אינטערפּרעטאַציע", דאָס הייסט, אַז ביי אַ גוטן ווילן מצד די קהילות גופא און מצד די אויפזיכט־באַהערדן האָט מען געקאָנט אויסטייטשן מאַנכע ווערטער פון דעם קאָמפּעטענץ־פּאַראַגראַף אין דער ריכטונג פון באַפרידיקן מאַנכע קולטורעלע און סאָציאַלע נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך דער קהילה. דער קאַמף פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג, וואָס האָט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך געמוזט שטיצן אויף דעם דאָזיקן יורידישן צושטאַנד, איז געפירט געוואָרן אין דער ריכטונג פון אָט דער „עקסטענסיווער אינטערפּרעטאַציע". גלייכצייטיק האָבן מיר נאַטירלעך געפירט אַ קאַמף פאַר אַן ענדערונג פון דעם געזעץ גופא. אָבער דער דאָזיקער קאַמף איז — מיר האָבן עס געוווּסט — אין בילד פון דער אַלגעמיין פּאָליטישער ריכטונג צו באַשרענקען דאָס ווילזיין פון דער יידישער באַפעלקערונג, געווען אַן אויסזיכטלאָזער. האָט זיך דערפאַר דער הויפּט־אַקצענט פון אונדזער קאַמף געמוזט קאָנצענטרירן אַרום דער דאָ־זיקער „עקסטענסיווער אינטערפּרעטאַציע". אויב מיר וואָלטן מנצח געווען אין דער ריכטונג אינערהאַלב פון די קהילות גופא, וואָלט דאַן אַנטשטאַ־נען די צווייטע פראַגע, צי די אויפזיכטס־מאַכט וואָלט באַשטעטיקט יענע פּאָזיציעס אין דעם בודזשעט פון די קהילות, וואָס האָבן אויסגע־ברייטערט דעם באַגריף „רעליגיע" און אַריינגענומען אין דעם דאָזיקן באַגריף עטלעכע טראַפּנס פון קולטורעלע און סאָציאַלע ענינים. אָבער עס איז נישט געקומען אַזוי ווייט, ווייל שוין אין דעם ערשטן עטאַפּ, דאָס הייסט, אין די קהילות גופא, האָט די נאַציאָנאַלע ריכטונג — מיט גאָר

קליינע אויסנאמען — פארלוירן איר קאמף. איך זאג, מיט אויסנאמען, ווייל סיי אין קראקע, סיי אין אנדערע ערטער פון מערב־גאליציע און שלעזיע — וואס קלענער דער ארט אלץ גרעסער איז געווען דער איינפלוס פון דער ארטאדאקסיע און פון אירע אסימילאטארישע העלפער — האט עס זיך צייטווייליק איינגעגעבן, אדאנק פארטיי־פשרות צו ברענגען צו א קליינעם „נצחון". אבער ליידער האבן זיך תמיד געפונען יחידים, וועלכע זענען געלאפן צו דער צווייטער אינסטאנץ, דאס הייסט, צו דער אויפזיכט־מאכט — די מאגיסטראטן — און האבן דארט, ווי דער שטייגער איז, „אויסגעווירקט" אז מען זאל יענע פאזיציעס אין דעם בודזשעט, וואס זענען געווען א נצחון פון דער „עקסטענסיווער אינטערפרעטאציע" אויסשטרייכן פונעם בודזשעט! אזוי ארום איז גאר זעלטן א פאזיציע פון א קולטורעלן אדער סאציאלן אינהאלט געווארן באשטעטיקט. בדרך אגב, וויל איך דא דערמאנען, אז מיר האבן אין דער שטאט־פארוואלטונג אין קראקע געהאט צוויי מאל נאכאנאנד יידישע וויצע־פרעזידענטן פון דעם שטאט־ראט — יאזעף סארע און שפעטער דר. איגנאצי לאנדאו. ביידע נאטירלעך אסימילאנטן. דאס האט נאטירלעך נישט געהאלפן צו באשטעטיקן די יידישע סאציאלע און קולטורעלע פאזיציעס אין דעם בודזשעט פון דער קהילה!

איך וועל שפעטער, אין דעם פאראגראף וועגן „אסימילאנטן" נישט פארגעסן צו זאגן נאך א פאר ווערטער וועגן די דאזיקע צוויי גאנץ איבערעסאנטע פערזאנען.

אבער אייניקע מאל איז דאך באשטעטיקט געווארן א סימבאלישע פאזיציע אינעם בודזשעט, הגם זי איז געווען נישט אין גאנצן אין הסכם מיט דעם פארמעלן טעקסט פון דעם קאמפעטענץ־פאראגראף. צום ביישפיל: הילף פאר יידישע ארעמע עמיגראנטן! אויך דר. רפאל לאנדאו האט אונטערשטיצט די דאזיקע פאזיציע. סוף כל סוף איז עמיגראציע געווען נישט אזוי אומגעווונטשן פאר די אויפזיכט־באהערדן און פאר דער עקסטרעמער ארטאדאקסיע איז דאס געווען א קליינע מצווה, בפרט אז עס האט געקאנט אויספאלן אויך לטובת די חלוקה־יידן. און דערפאר האט אויך געשטימט פאר אזא פאזיציע דער עקסטרעמער ארטאדאקסישער פליגל. דא האבן זיך נאטירלעך אנגעשטויסן קעגן אזעלכע פאדערונגען

די בונדיסטן, די פילאָזאָפן פון דער דאָאיקייט. זיי זענען געווען איבער־צייגט, אַז יידן וועלן נישט עמיגרירן פון פוילן, ווייל דאָס איז אין סתירה צו דעם בונדיסטישן אני־מאמין. בונדיסטן האָבן פאַרזיכערט, אַז אויב עס איז עפּעס נישט אין איינקלאַנג מיט זייער אני־מאמין, איז עס נישט ריכ־טיק אין דער רעאַליטעט, אָבער נישט אין זייער אני־מאמין. אָבער אַזוי ווי בונדיסטן זענען געווען אין די קהילה־ראַטן גאָר ווייניק, אייגער אין קראָקע, עטלעכע אין טאַרנאָוו און אפשר געציילטע נאָך אין איינעם אָדער צוויי ערטער, אין גאַנץ מערב־גאַליציע און שלעזיע, איז די דאָזיקע אָפּאָ־זיציע קעגן אַזאַ פאָדערונג געווען פּאָליטיש נישט אַזוי וויכטיק.

עס איז נאָך געווען אַן אַנדער פּונקט, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די־אידייע פון דעם גרויסן יידישן ישוב אין פוילן אַלס אַן אָרגאַניזירטע מינ־דערהייט, אַפילו די אידייע פון אַ נאָר ר ע ל י ג י ע ז ע ר אָרגאַניזיר־טער מינדערהייט אין אַ מלוכהשן מאַסשטאַב. דער פּילסודסקי־דעקרעט האָט פאַרויסגעזען די שאַפונג פון אַ צענטראַלער רעפּרעזענטאַנץ פון אַלע יידישע קהילות. די דאָזיקע פאַרשריפט האָט קיינמאָל נישט דערלעבט קיין ד ו ר כ פ י ר ו נ ג ־ פ א ר אָ ר ד ע נ ו נ ג און אַזוי אַרום איז זי קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן, טראָץ דעם שטענדיקן קאַמף פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג מצד נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. אַסימילאַנטן און אַ טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע האָבן נישט איינמאָל איינגערוימט דער רעגירונג, אַז מען זאָל וואַרטן. האָט מען געוואַרט. עס איז געווען פאַרשטענדלעך דער שטאַנדפּונקט פון אַסימילאַנטן. זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין אָרגאַניזירטע פאָרם פון אַ מינדערהייט. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס שטעכט צופיל אין די אויגן פון דער פוילישער סביבה. אָבער עס איז געווען נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך, וואָס אַ טייל פון דער אָרטאָדאָק־סיע האָט דאָס נישט געוואָלט. אין דעם פאַל איז די סיבה דערפון געווען דער אינערלעכער קאַמף צווישן די רבנישע הייפן. אַחוץ דעם האָט דאָ געווירקט די מורא אַריינצולאָזן דעם גייסט פון פאַרשריט אין אַזאַ צענ־טראַלער אָרגאַניזאַציע. האָבן די אָרטאָדאָקסישע קרייזן געגלויבט, אַז עס איז בעסער בכלל נישט צו מאַכן קיין עקספּערימענט. זיי זענען דאָך געווען די אוחזים ביד.

אין די ראַמען פון אַט דעם צושטאַנד און אין אַט דער אַטמאָספער,

וואָס האָט געהערשט אין רעגירונגס־קרייזן, לגבי דער אינערלעכער צע־שפליטערונג ביי יידן, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק מאַניפעסטירט ראשית כל אינערהאַלב פון דעם קהילה־לעבן, האָט זיך אַנטוויקלט דער קאַמף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו „דעראָבערן״ די יידישע קהילה, לויט דער לאָזונג פון דעם באַזעלער פּראָגראַם.

טאָ לאָמיר איצט אויף אַ וויל צוגיין צו דער ראָלע פון דעם ציוי־ניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד גופא און געבן כאָטש אַן אויבנאויפיק בילד פון דער סיטואַציע אין קראָקע. אָבער נישט נאָר אין קראָקע, אויך אין דער פּראָווינץ פון אונדזער שטח. זעלבסטפאַרשטענדלעך מוז איך דאָס טאָן אין גאָר אַלגעמיינע שטריכן, ווייל דער פעריאָד נעמט אַרום 20 יאָר.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין קראָקע, סוף 1918, מיט אַ „רעוואָלו־ציע״! און נאָך וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע!

קראָקע איז בטבע נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע שטאָט, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען אין דער פּוילישער געשיכטע. מען האָט אין קראָקע בדרך כלל נישט ליב געהאַט קיין רעוואָלוציעס. מיר זענען געווען געבוי־רענע עוואָלוציאָניסטן. דאָס אָפּאָרטוניסטישע פּוילישע „קאָלאָ״ (פּוילישער קלוב) אין דעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, די קאָנסערוואַטיווע טראַדיציע פון אַזעלכע גרויסע פּוילישע פירער ווי באַלינסקי, באַבזשינסקי, וו. ל. יאַוואָרסקי, פּראָפ. לעאָ, איז נישט געווען קיין איבעריק גוטע שולע פאַר רעוואָלוציעס. עס איז געווען גיכער די קלאַסישע שולע פון אָפּאָרטוניס־טישער עוואָלוציע. דער שענערער נאָמען איז — רעאַליסטישע אָריענטאַ־ציע. מיר יידן האָבן אויך אַביסל געלערנט פון דער דאָזיקער שיטה, ווייל סוף כל סוף זאָפּט מען דאָך איין די פילאָזאָפיע פון דער סביבה. אָבער ווען עס איז אין יאָר 1918,ביים סוף יאָר אַנטשטאַנען דאָס נייע פּוילן און אין איירעפּע זענען אַנטשטאַנען נייע מלוכות, און פּוילישע יוגנט האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן, סוף אָקטאָבער 1918, אין קראָקע און אין לובלין, אַראָפּגעריסן דעם עסטרייכישן אָדלער פון די סאָלדאַטישע היט־לעך פון פּאָליאַקן אין דער עסטרייכישער אַרמיי, איז אַפילו דאָס רואיקע קראָקע אַריינגעפאַלן אין אַן אַטמאָספער פון איבערגאַנג־רעוואָלוציע. דער ראש־הקהל איז צו יענער צייט געווען דר. שמואל טילעס, אַ בכבודיקער אַדוואָקאַט, אַ מאַן פון אַ שיינער פּאָזיציע אין שטאָט, אַ מאַן מיט קאַלטע

העפלעכע מאנירן. אן עלעגאנטער אסימילאטאר. בקיצור, א שטערונג פאר אונדזער ברויזנדיקער „רעוואלוציאנערער" פאדערונג פון א נייער אַרדע־נונג, פאר א נייער יידישער קהילה מיט נאציאנאלע שטרעבונגען. דר. טילעס האט אחוץ דעם געהאט זייער גוטע נערוון. אויף דעם רוף פון די נאציאנאלע עלעמענטן, בראש מיט אונדזער לאנדעס־פארבאנד, האבן זיך אויף די גאסן ארום דעם שיינעם בנין פון דער יידישער קהילה, אין הארץ פון דעם יידישן קווארטאל, פארזאמלט טויזנטער יידן, באמת טויזנ־טער יידן, מענער און פרויען. די קראקאווסקא גאס און די סקאוויגסקא גאס ארום דעם בנין זענען געווען ווי א זידנדיקער קעסל. אונדזער דע־לעגאציע איז ארויף צום פרעזידענט. עס האט אונדז אויפגענומען דער וויצע־פרעזידענט, דר. רפאל לאנדאו. מיר האבן געשטעלט די פאדערונג, אז דער פרעזידענט פון דער קהילה, דר. טילעס, זאל תיכף ומיד דער־קלערן זיין רעזיגנאציע. דר. רפאל לאנדאו האט זיך געקווענקלט. די דע־לעגאציע איז געווארן ברוטאל, ווי אין א רעוואלוציע, אבער מיר זענען עס געווען נאר מיט — ווערטער. מיר זענען געווען פארביטערט קעגן דעם אסימילאטארישן רעזשים פון דר. טילעס און מיר זענען געווען אנטשלאסן נישט מער צו דולדן די דאזיקע חשובע מניעה. מיר האבן דערקלערט אין אן אולטימאטום, אז די רעזיגנאציע מוז פארקומען אין צען מינוט. אונטן האט געזשומעט דער אויפגערעגטער עולם. מיר האבן געעפנט די פענצ־טער פונעם זאל פון דעם וויצע־פרעזידענט און האבן אנגעוויזן אויף דעם עולם. אין כעס און פארביטערונג. דרויסן, אין דער ווייטער וועלט, האבן זיך אנגעהויבן נייע צייטן פאר פעלקער, און מיר האבן געגלויבט, אז אויך פאר דעם יידישן פאלק. האבן מיר קודם כל באשלאסן צו שטורעמען די פארגליווערטע פעסטונג פון אונדזער קהילה! נאך 10 מינוט איז דר. רפאל לאנדאו צוריקגעקומען א בלאסער און האט דערקלערט, אז דר. טי־לעס רעזיגנירט. מיר זענען געווען אזוי אנגעשיכורט מיט רעוואלוציאנערן גייסט, אז אין דעם פארשיכורט זיין האבן מיר געמאכט אן אומפארזיכ־טיקייט. מיר האבן פארגעשלאגן די פרעזידענטשאפט צו דר. רפאל לאנ־דאו, אויך אן אסימילאטאר, אבער א ווייכערער, און דאס האט אונדז צו יענער צייט באוויזן, צו מאכן דעם שריט. די מאסן אונטער האבן ממש געקאכט פון שמחה אזוי ווי עס וואלט געקומען די גאולה צום יידישן

פאָלק... די פּסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע האָט זיך קלאַסיש ווידעראָמאָל באַשטעטיקט.

מיר האָבן... „געזיגט״.

דר. רפאל לאַנדאַו איז דאַן שפּעטער געשטאַנען — אויפן סמך פון וואַלן — גאַנצע 20 יאָר בראש פון דער קהילה. די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען האָבן געהאַט אַ סך צרות מיט זיין גאָר העפלעכער דיפּלאָמאַטישקייט. אָבער איך מוז מודה זיין, אַז ער איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט אַ סך פון זיין צייט, אַמביציע און אויך איבערגעבנקייט פאַר דעם וווילזיין פון אונדזער קהילה מקריב געווען. „ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען״, במשך פון די 20 יאָר. ער איז געווען אַן אנגענעמער קעגנער. געהאַט עלעגאַנטע מאַנירן, אַ דזשענטלמאַן אין זיינע אויסערע פאָרמען. ער איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע יידן אין קראָקע, תמיד געהאַט די שטיצע פון אָרטאָדאָקסן און אַסימילאַנטן און פון אומפּאַרטייאישע און אַזוי אַרום געהאַט די מערהייט אין דער קהילה. ער האָט געהאַט אַ וואָגיקן איינפלוס ביי די אָרטיקע אויפזיכט־אָרגאַנען און ער איז געווען אָפטמאָל אַ בעל־טובה. אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער בני ברית באַוועגונג, איז ער אויך שפּעטער, מיטן שטראָם פון דער צייט, אין יאָר 1929, געוואָרן דער ניט־ציוניסטישער מיטגליד פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון דער פאַר־ברייטערטער יידישער אַגענץ. איך דערמאָן דר. רפאל לאַנדאַו דאָ היינט, ווען דער רויך פון די קאַמפן איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, גיכער צום גוטן אַלס אַ יידישן כלל־טוער פון אַ באַזונדערער שיטה — פון אַן אַסימילאַ־טאָרישער סטראַטעגיע מיט אַ יידיש האַרץ. דר. רפאל לאַנדאַו איז מיטן אַנהייב פונעם קריג אַוועק פון קראָקע אויף דעם וואַנדער־וועג פון אונדז אַלע, אין אַ צייט פון אונדזער שרעקלעכסטער טראַגעדיע. איך שטעל מיר פאָר, וואָס עס האָט דער דאָזיקער — „אַרביטער עלעגאַנטאַרום״ — גע־מוזט ליידן אויף דעם וועג ביז ערגעצוו אין רוסלאַנד, וואו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. אַ טייל פון אונדזער, אונדזער טראַגעדיע!

און אין דער פּראָווינץ?

ציוניסטן, אפילו צוזאַמען מיט אונדזערע פריינט פון מזרחי, האָבן דורך דעם גאַנצן פּעריאָד פון 20 יאָר כמעט אין קיין שום קהילה נישט דעראָבערט די אַבסאָלוטע מערהייט. עס זענען געווען איינצלנע אויסנאַ־



ד״ר שמואל וואַרהאַפטיק



לאַנג־יעריקער ראש־הקהל אין קראָקע ד״ר ראַפאַעל לאַנדאַו

(געשטאָרבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין יאָר 1941)

מען, און נאָר צייטנווייז, אין ביעלסקאָ און אין טאַרנאָוו, צוםביישפּיל. דער קאַמף איז געווען אַן אומגעהייער שווערער. אָבער אין אַ סך קהילות אין מערב־גאַליציע האָבן מיר ציוניסטן, צוזאַמען מיט געוויסע נאַציאָנאַ־לע עלעמענטן, געהאַט אַ שטאַרקע ר ע ל אַ ט י ו ע מערהייט און אַלס די שטאַרקסטע גרופּע האָבן מיר געקאָנט באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון די געשעענישן אין די קהילות — בפרט בעת דער דעבאַטע. אַ סך זעלטענער בעת דער — אָפּשטימונג. אין אונדזערע גוט־אַנטוויקלטע פּאַרלאַמענטאַ־רישע טראַדיציעס האָבן זיך קעגנער בעת דער דעבאַטע זייער אָפט גע־שוינט און אַפילו קאָמפּלימענטירט, אָבער ביי דער אָפּשטימונג איז יעדער געבליבן ביי זיין פּאָליטישער דיסציפּלין.

דער סך־הכל פון אָט דער סיטואַציע איז געווען, אַז די בודזשעט־דעבאַטן אין דער קראָקעווער קהילה און אויך אין אַנדערע קלענערע קהי־לות זענען יאָר־אויס יאָר־איין געווען כמעט דיזעלבע. די הכנסות זענען געקומען פון שטייערן און בית־הקברות. און די אויסגאַבן זענען גרעסטנ־טייל געגאַנגען פאַר שפּיטעלער, פאַר בתי־מדרשים און אַנדערע רעליגיע־זע אינסטיטוציעס און פאַר באַאַמטע. צייטנווייז באַשיידענע פּאָזיציעס פאַר פילאַנטראָפּיש־סאָציאַלע צוועקן. אָט דאָס איז געווען אַלץ. ווי ווייט איז דאָס געווען פון דעם חלום פון אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן צענטער!

און טראָצדעם האָב איך מיט פּולן באַוווסטזיין, ביים אָנהייב פון מיינע זכרונות וועגן דעם ענין קהילות געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ זו־ניקער פּונקט אין דעם טונקעלן פעלד פון ירידה. אין אונדזער לאַגע איז דאָס, וואָס איך האָב געשריבן וועגן דער טעטיקייט פון די קהילות און וועגן אונדזער קאַמף, נישט אין אַ סתירה מיט מיין זוניקער כאַראַקטע־ריסטיק?

ניין, עס איז נישט אין אַ סתירה.

פאַר וואָס נישט?

אַ יידיש קינד, ווען עס איז געבוירן געוואָרן, איז עס אויטאָמאַטיש געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער קהילה. דאָס איז געווען אַן אומ־געהייערער געווינס פאַר אונדז יידן. עס איז געווען — געזעץ.

דאָס רעליגיעזע געביט אין אונדזער לעבן איז פאַר אונדז ציוניסטן, געווען אַ היסטאָרישער און אַן אַקטועלער נאַציאָנאַלער עלעמענט. מיר

האָבן קיינמאָל אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד נישט אָקצעפּטירט דעם סעקולאַריזירטן צוגאַנג פון יידישער קולטור. מיר האָבן אויף אונדזער קולטור געקוקט פון שטאַנדפּונקט פון געשיכטע. מיר האָבן אין די נייע צייטן צו דעם דאָזיקן רעליגיעזן עלעמענט געוואָלט אַריינברענגען אין דער קהילה דעם סאָציאַלן, קולטורעלן און סתם נאַציאָנאַלן אינהאַלט. עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן נאָר אין אַ זייער באַשיידענער מאָס, אָבער אין דער געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו און אין די באַדינגונגען, וועלכע זענען יאָר־אויס, יאָר־איין געוואָרן אין פּוילן וואָס מער אָנגעזאָפּט מיט אַנטיסעמיטיזם — זענען מיר געווען צופרידן, וואָס כאָטש דער רעליגיעזער גרויסער סעקטאָר פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן האָט אַ מקום־מקלט, אַ האַלב־וועגס סוווערענעם אָרט פון, אויב נישט אַנטוויקלונג, דאַן כאָטש קאָנסערוואַציע. און אַזוי אַרום איז די יידישע קהילה אַפילו אין איר נאָר רעליגיעזער פאָרם, געוואָרן פאַר אונדז ציוניסטן פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד, א היים, אין אַ געוויסער מאָס „אַן עפנטלעך רעכטלעך געזיכערטע היים״ פון אונדזער דראַמאַטישן קיום אונטערוועגס.

און נאָך איין וויכטיקע סיבה.

די מלוכהשע אָרגאַנען, אָדער אייגנטלעך די שטאַטישע אָרגאַנען, האָבן געהאַט דאָס רעכט און די פליכט מיט צוואַנג אַריינצוברענגען די נישט באַצאָלטע קהילה־שטייערן, וועלכע די שטייער־קאָמיסיע פון דער קהילה האָט אַרויפגעלייגט אויף אירע מיטגלידער. דאָס איז געווען אַן אומגעהייערע דערגרייכונג. אין די לעצטע יאָרן פון דער דאָזיקער תקופה איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ געזעץ, אַז די שטייערן פון דער קהילה באַטרעפן אַ געוויסן פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם הכנסה־שטייער. דאָס האָט געהאַט זיינע מעלות און זיינע חסרונות, אָבער עס איז פאָרט געווען אַ סטאַבילער פונדאַמענט פאַרן קיום פון דער קהילה. בעת אַלצדינג אַרום אונדז, אונדזערווירטשאַפטלעך לעבן, אונדזערע פּאָליטישע קאַמפן, אונדזערע אַלגעמיין קולטורעלע באַדערפענישן, זענען געווען אין אַ צושטאַנד פון וואַקסנדיקער ירידה, איז די קהילה געבליבן אַן אָנשפּאַר, אַ פעסטונג, אַ קליינע, אַן ענגע, אַ פאַרשפּאַרטע, אָבער אַ — פעסטונג. און צוליב די דאָזיקע סיבות איז די קהילה אַזוי ווי זי איז געווען, געבליבן אין מיין זכרון אַלס אַ זוניקער פונקט.

איך בין תמיד, געדענק איך, מיט פרייד געגאַנגען צו די לאַנגוויי־ליקע זיצונגען פון דעם ראַט פון אונדזער קהילה. דאָרט האָט קיינער אונדז נישט צוגעוואָרפן קיין ווערטער פון האַס אָדער פאַראַכטונג פון דער גאַלעריע אָדער פונעם זאַל, ווי אין שטאָט־ראַט אָדער אין פּאַרלאַ־מענט. דאָרט זענען געווען קעגנער, אָבער נישט קיין שונאים. דאָרט זענען געווען פּאַרטייען, וואָס האָבן געהאַט זייערע באַזונדערע אינטערעסן, זייערע באַזונדערע אַמביציעס, זייער באַזונדערע טאַקטיק, אָבער אַהין צו דער קהילה־באַראַטונג און פון דער קהילה־באַראַטונג זענען מיר ווידער געגאַנגען צוזאַמען, אַלס טיילן פון איין געמיינשאַפט. ווי מען זאָל עס נישט רופן, אַ נאַציאָנאַלע אָדער אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט. און אַפילו מיין פריינד, דער בונדיסט דר. העגריק שרייבער ז״ל, וועלכער האָט אין די דעבאַטן מיט אַן אמתדיק יידישער עקשנות קריטיקירט לויטן בונדיס־טישן קאַטעכיזם, יעדע פּאָזיציע פון דעם בודזשעט, איז געווען אין אַ ווײַ־טערן זין אַ ברודער אין דער דאָזיקער קהילה.

און דערפאַר איז עס געווען אַ זוניקער פּונקט אין אונדזער לעבן, טראָץ אַלע שטרויכלעניש אין אונדזער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלער קהילה. אָבער ווייל מיר האָבן נישט מנצח געווען אין אויפרייסן די טירן פון די קהילות צו דעם ווייטן שליאַך פון אונדזער נייעם, ברויזנדיקן נאַ־ציאָנאַלן לעבן, האָבן מיר ציוניסטן געמוזט שאַפן מחוץ פון דער קהילה דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט שאַפן אינערהאַלב דער קהילה.

און דאָס ברענגט אונדז צו דער באַטראַכטונג פון דעם געביט פון דער קולטור־טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד.

## אונדזער קולטור-טעטיקייט

### יעדע שטאָט אַ מין יבנה!

אוודאי איז אונדזער קולטור־טעטיקייט געווען אַ דירעקטער פועל־יוצא פון אונדזער ציוניסטישן פּראָגראַם, זינט דעם אָנהייב פונעם מאָ־דערנעם ציוניזם פון טעאָדאָר הערצל. אָבער דער פאַקט, וואָס די קהילות האָבן כמעט נישט אַריינגענומען קיין קולטור־טעטיקייט אין זייער פּראָ־

גראַם, איז געווען אַ שטויס פאַר אונדז און האָט געשאַפן אַ טיפערן חוב פאַר אונדז אין לאַנדעס־פאַרבאַנד, צו אַנטוויקלען אַזוי ווייט ווי נאָר מעג־לעך, אַ קולטור־טעטיקייט.

און דאָס האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געטאָן. זיין קולטור טעטי־קייט איז אפשר איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען אין זיינע קאָליר־פולע אַקטיוויטעטן. עס רייסט זיך ממש צו שרייבן אַ סך וועגן דעם אַנט־וויקלונגס־גאַנג פון דער דאָזיקער טעטיקייט. אָבער עס איז נישט מעגלעך אין אַ באַשרייבונג, וואָס זאָל אַרומנעמען כמעט אַלע געביטן אין איין בוך. וויל איך דאָ דערפאַר באַגרענעצן מיין באַשרייבונג צו אַ תמצית און צו אַ סך־הכל.

דער תמצית איז, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט אַנטוויקלט אַ קולטור־טעטיקייט אויף אַ ל ע געביטן און אויף כמעט אַלע מדרגות פון דעם שול־וועזן.

ראשית כל פאַר דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים האָבן מיר געשאַפן אַ באַזונדערע געזעלשאַפט פון פריינט, סיי פאַר מאַטעריעלע, סיי פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן. שוין אין יאָר 1932 האָבן מיר געהאַט איבערגעשיקט 535 גרעסערע ווערק פאַר דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק. אין קראָקע אַליין האָט די געזעלשאַפט געהאַט עטלעכע הונדערט צאָלנ־דיקע מיטגלידער. מיר האָבן געגעבן די איניציאַטיוו פאַר אַ שטענדיקן אויסטויש צווישן די פובליקאַציעס פון דער יונגער העברעיִשער אוניווער־סיטעט און דער אַלטער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן אין פוילן און אין קראָקע. אין אונדזער יידישן אָפטימיזם האָבן מיר געחלומט וועגן פאַר־ברידערונג. ביי דער דערעפענונג פון דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין יאָר 1952, האָט אונדז רעפּרעזענטירט דר. יהושע טאָן.

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געשטאַנען שטענדיק אויף דער וואַך פון די רעכט פון אונדזער אַקאַדעמישער יוגנט אויף דער אוניווערסיטעט אין קראָקע. אונדזער פאַרטרעטער אין פוילישן סיים, דר. יהושע טאָן און דאַן דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות, האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך צוזאַמען מיט אונדזערע קאָלעגן אין סיים שטענדיק געקעמפט קעגן דער פראַצענט־נאָרמע און קעגן דעם נומערוס קלאַוזוס, קעגן די געטאָ־בענק אויף דער אוניווערסיטעט און קעגן דעם גאַנצן סיסטעם פון דערווערגן

דעם צוווקס פון יידישער אינטעליגענץ אין פוילן, נישט נאָר אויף די אוניווערסיטעטן, נאָר אויך אין די מיטלשולן און אויך אין די פרייע באַרופן צווישן דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן און אָנגעשטעלטע פון מלוכה־אַמטן. דאָס איז געווען אַן אמתער דערנער־וועג!

בקיצור, דאָס וואָס אַ קהילה־פאַרוואַלטונג וואָלט געדאַרפט טאָן און האָט נישט געקאָנט טאָן, האָבן מיר אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי געטאָן. נאַטירליך, נישט נאָר מיר אַליין, נאָר אויך אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן זייער גוט געוווסט, אַז אַחוץ דעם ווירטשאַפטלעכן געביט איז עס דער געביט פון גייסט און קולטור ווו מען מוז ווערגן דעם עם הספר.

אַ ווייטערדיקער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער קולטור־טעטיקייט, וואָס עס האָט אָנגעפירט אָדער אינספּירירט אונדזער לאַנדעס־פּאַרבאַנד, איז געווען אַ שטענדיקע שטרעבונג צו פאַרשפּרייטן די העברעישע שפּראַך אין דעם גאַנצן שטח פון אונדזער טעטיקייט. אונדזער סביבה איז געווען אַן אַסימילירטע, בפרט די באַרוף־אינטעליגענץ און זייערע היימען. דער רעכטער פליגל פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, דער אָרטאָדאָקסישער, מיט זיינע קאָלירפולע שאַטירונגען, איז — אויסערהאַלב דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע — געווען קעגן פאַרוואַנדלען לשון קודש אין העברעיש. אָבער די חדרים האָבן אין דעם טייל פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט געשפּילט כאָטש די ראָלע פון אַ קאָנסערווירנדיקן פאַקטאָר פון לשון קודש. די ציוניסטישע העברעישע באַוועגונג איז געווען אַ פליסנדיקער שטראָם. די עקסטע אָרטאָדאָקסיע איז געווען אַ טייך, אַ שטייענדיקער און די אַסימילאַציע איז געווען אַן אויסגעטריקנטע קאָריטע. אין אַזאַ סביבה איז די העברעיזירונג געווען נישט קיין לייכטער ענין. אויף די קרעסן פון קאָנגרעס־פוילן אָדער אין ליטע איז די יוגנט און דער עלטערער דור געווען ממילא העברעיש. איך דערמאָן מיך אין מיין אָפיציעלן ציוניסטישן באַזוך אין קאָוונע, אַרום 1933. איך האָב מיך ממש געשעמט, וואָס איך בין אַזוי הינטערשטעליק אין פאַרגלייך צו דער העברעישער אַטמאָספער און העברעישן וויסן פון אַ געוואַלטיקן טייל פון דער יידישער יוגנט.

הגם מיינע זכרונות זענען נישט אויסן צו געבן אַ דעטאַלירט בילד

וועגן דעם שול־וועזן אין אונדזער געביט, ווייל איך דאַ כאַטש איבערגעבן עטלעכע דאַטעס, ווייל דאָס אַליין וועט באַרעכטיקן מיין באַהויפּטונג, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זיך געפילט ווי דער פאַראַנטוואָרטלע־כער טרעגער פון יידיש־נאַציאָנאַלער קולטורעלער רענעסאַנס. מיר מוזן דאַ אונטערשיידן דעם טיפּ פון פולע שולן, וווּ מען האָט געלערנט יידי־שע און אַלגעמיינע לימודים און שולן, וווּ דער אונטעררריכט איז אַנגע־גאַנגען נאָר נאָכמיטיק, אַלס אַ דערגאַנצונג פון די אַלגעמיינע שטאַטישע אָדער מלוכהשע שולן, וועלכע אונדזער יוגנט האָט באַזוכט. צו דעם ערשטן טיפּ האָבן באַלאַנגט דריי גימנאַזיעס — אין קראָקע, טאַרנאָוו און זשעשאָוו, און זיבן פאָלקסשולן אין פיר ערטער, אין קראָקע, טאַרנאָוו, זשעשאָוו און נאָווי סאָנטש. די דאָזיקע שולן האָבן געהערט צום אַל־פּוילישן פאַרבאַנד פון געזעלשאַפטן פון יידישע שולן, פון וועלכע סענאַטאָר בראָ־דע איז געווען דער לאַנגיעריקער פאָרזיצער. דער צווייטער טיפּ האָט גע־הערט צו דעם נעץ פון „תרבות״־שולן. דער תרבות איז נישט געווען קיין אָרגאַניזאַציע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. ער איז געווען אַן אַלגעמיין־יידישער קולטור־פאַרבאַנד. אָבער טראָצדעם איז אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד געווען די טרייב־קראַפט פון דער תרבות־באַוועגונג אין אונדזער שטח. צו דעם דאָזיקן נעץ פון תרבות־שולן האָבן געהערט 25 פאָלקסשולן, 10 העברעישע קינדערגאַרטנס. איך גלויב אַז איך האָב דעם חוב איבער־צולאָזן אַ וואָרט פון אנערקענונג פאַר די דאָזיקע ערטער, וואָס האָבן ממש מיט מסירת־נפש אָנגעהאַלטן דעם שטראָם פון אונדזער נאַציאָנאַלער קול־טורעלער באַנייאונג, אָפטמאָל מיט גרויסע שוועריקייטן. איך וויל דער־פאַר דערמאָנען זייערע נעמען, כדי זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן: באָכ־ניאַ, ביעטש, כשאַנאָוו, דעמביצאַ, דוקלאַ, גאָרליצע, יאַסלאַ, קראָסנאָ, קרולעווסקאַ הוטאַ, לעזשאַיסק, לאַנצוט, נאָווי טאַרג, ראַדאָמישל וויעלסקי, ראַדוואַדאָוו, סאַנאָק, סענדזישאָוו, וויעליטשקאַ, אָשוויענטשים, טאַרנאָ־בזשעג, קאַטאָוויץ, דינאָוו, יאַראָסלאָוו, שטשיזשאָוו, טשיעשין און זשי־וויעץ. די צען „פּרעבל״־שולן זענען געווען אין אַנדריכאָוו, ביעלסקאָ, יאַס־לאָ, זשעזשאָוו, ראָזוואַדאָוו, טאַרנאָוו, קראָקע, זשיוויעץ, זאַקאָפּאַנע און קאַטאָוויץ.

דער צושטאַנד איז געווען ווייט פון צו זיין אידעאַל און אין איינעם

פון די באַריכטן צו אונדזער לאַנד־קאָנפערענץ האָט די עקזעקוטיווע אליין אויסגעדריקט איר אומצופרידנקייט מיט די דערגרייכונגען. די דאָזיקע אומצופרידנקייט מיט אונדזערע אייגענע דערגרייכונגען קלערט־אויף דעם שטענדיקן פאַרשריט און די דערגרייכונגען גופא פון אונדזער טעטיקייט. עס זענען אויך געווען אין אונדזער געביט קולטור־אינסטיטוציעס, אויפגעבויט פון אַנדערע יידישע גרופּעס אַחוץ אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. עס איז נישט מיין אויפגאַבע זיך צו פאַרנעמען מיט דעם ענין, אָבער אַ געפיל פון גערעכטיקייט דיקטירט מיר, דעם ענין כאָטש צו דערמאָנען.

און זאָלן מיר אונדזערע ברידער פון די קליינע ערטער, וואָס רעשט־לעך פון זיי לעבן נאָך אפשר דאָ און דאָרט, אין מדינת ישראל און איך ווייס נישט אין וויפל אַנדערע לענדער אין גאַר דער וועלט, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, אַז איך וועל מיך ביים סוף פון דער דאָזיקער קולטור־אפּשאַצונג אומקערן צו קראָקע. נישט נאָר דערפאַר, וואָס אַ פערטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אונדזער שטח האָט געלעבט אין קראָקע גופא, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דער קולטור־אויפטו פון אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד אין קראָקע איז געווען אַ באַזונדער שטאַרקער. די געפאַר פון אַסי־מילאַציע איז דאָ אויך געווען אַ באַזונדער שטאַרקע. האָבן מיר דערפאַר געפּרוּווט אויפצובויען אַ העכערע דאַמבע, כדי דער שטראָם פון אַסימי־לאַציע זאָל זיך נישט פונאַנדערגיסן. אַזוי ווייט ווי איך קאָן מיך דער־מאָנען, האָט אונדזער שול־נעץ געהאַט אייגענע בנינים אין טאַרנע, זשע־זשאָוו און ביעלסקאָ. אָבער דער גרעסטער בנין און דער גרעסטער צענ־טער איז געווען אין קראָקע. אין דעם דאָזיקן שול־בנין, איז געווען די העברעישע פאָלקס־שול, די העברעישע גימנאַזיע, דאָס ליצעום און די פאַכמענישע שול מיט אַן אָפּטיילונג פאַר מעכאַניק און פאַר האָלץ־קונסט. אַרום 1500 תלמידים האָבן באַזוכט די דאָזיקע שולן אין קראָקע אין יאָר 1939. איך זע פאַר מיר איצט, מיט 17 יאָר שפּעטער, דאָס ענגע געסל, וואָס האָט געפירט פון דעם טעמפּל — איך וואָלט געזאָגט פונעם טעמפּל פון דר. טאָן — צום שול־בנין און איך זע די צווייטע ברייטערע בושאַ־זאָווא גאַס, וואָס איז ווי אַ יידישער טייך אַריינגעפאַלן אין דער לאַנגער, ברייטער, שיינער מיט ביימער באַשיינטער דיטלאָווסקאַ גאַס. דער שול־בנין איז געווען דער שטאָלץ פון אונדזער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

(איך וועל נאָך שפּעטער האָבן די געלעגנהייט צו דערמאָנען אַן אַנדער בנין, וואָס איז געווען אונדזער שטאָלץ). איך זע נאָך פאַר מיר די מאַסן פון יידן אין ביידע גאַסן, זיך אויסרוען יום־כיפּור און ראש־השנה בעתן לייענען, ווייל אין דעם שול־בנין האָט מען איינגעאָרדנט אַ בית־התפילה פאַר די ימים־נוראים.

איך וויל דאָ דערמאָנען אונדזערע אומפאַרגעסלעכע פּריינט, וואָס האָבן גורם געווען דערצו, אַז אַזאַ פעסטונג פון יידישער קולטור איז געשאַפן געוואָרן און דאָס מיט גרויסע מיטלען און גרויס התלהבות דורך דער יידישער באַפעלקערונג: דעם אומדערמידלעכן דר. חיים הילפשטיין, דעם וויצע־פּאָרזיצער פון שול־קאָמיטעט, מאַקס לאַוטערבאַך, די גאָר אַקטיווע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, דעם רואיקן אברהם נוסבאום און דעם טעמפּעראַמענטפולן דר. יהודה צימערמאַן, מיט דעם איבערגעגעבענעם דר. לודוויק לוסטבאַדער אַלס ערן־סעקרעטאַר און דר. הענריק אַפּטע, דעם מוזיקער, אַלס סעקרעטאַר.

איך גיי איצט אין גייסט אַרום אין דער בזשאָזאָוואַ גאַס און עפן די טיר צו דעם שיינעם הויכן בנין. וואָס געפינט זיך דאָרט איצט? איך הער נישט מער דאָס לאַכן און לעבן פון יידישע קינדער אין די קאָרידאָרן, און איך זע נישט מער די לערערס, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער האַרץ און זייער ליבע פאַר יידישקייט פאַר אונדזער געליבטער יוגנט. איך זע נישט מער דעם שטאָלצן, הויכן ווי אַ דעמב — הירש שערער, דעם דינאַמישן דירעקטאָר פון דער שולע. איך זע נישט מער דעם תמיד פריילעכן מענדל מילשטיין און איך זע נישט מער דיך, מיין טייערער לערער פון העברעיש שבח וואָלקאָווסקי, די אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט אין אונדזער קולטור־לעבן. און איך זע נישט מער דעם ליטווישן ייד, וואָס איז איינגעוואַקסן אין קראָקע, דעם האַרציקן פּועלי־ציוניסט נחמן מיפּעלעוו, אָבער איך הער אים כמעט ווי ער רעדט מיט ליבע וועגן יידישן פאָלקלאָר. איך זע אים, דעם קליינעם „פּערפּעטואום מאָבילע״ ווי ער לויפט מיט קליינע שריט, פון לעקציע צו לעקציע, פון רעפעראַט צו רעפעראַט, תמיד אָטעמענדיק יידישקייט, אַזוי שבת און אַזוי יעדן טאָג פון יאָר. איך זע נישט מער מאַפשאַ שמוליעוויטש און זיין פרוי, די אייביק אָפּטימיסטישע און יום־טובדיקע נינאַ, געבוירן זיידענפראַו. איך זוך אין מיינע געדאַנקען דעם



ד״ר חיים הילפשטיין



לעאָן סאַלפּעטער

ערנסטן רפאל פעפער און מיינע אויגן רוען איצט אויף דעם זוניקן פּנים פון מיין ליבן קאָלעגע, מיין מיטאַרבעטער פונעם „נאָווי דזשיענניק״, דעם האַרציק סימפּאַטישן לעאָפּאָלד ראָזנער. אַלע זענען זיי אָדער דער־מאָרדעט געוואָרן דורך היטלערס מחנות, אָדער זיי זיינען אומגעקומען אויפן וועג פון וואַנדערונג, צוליב היטלערס אינוואַזיע.

קאָן איך אָן דיר פאַרגעסן, בן־ציון ראַפּאָפּאָרט? ניין, איך האָב אין דער דאָזיקער רשימה צווישן די אומגעקומענע דיך איבערגעלאָזט אויף דעם אָרט פון אחרון אחרון חביב. ראַפּאָפּאָרט איז געווען דאָס ליכט צווישן אונדזערע לערער, אַ מענטש פון עניוות און אומבאַהאָלפנקייט און אַ גרויסער למדן, אַ פילאָזאָף, וואָס האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַ־טור מיט וויסנשאַפטלעכע ווערק, זעלטן אַמאָל געגומען דאָס וואָרט. און ווען ער האָט עס געטאָן, האָט די שכינה געלויכטן פון זיינע אומבאַהאָל־פענע ווערטער. איך דערמאָן דיך, טייערער פריינד, מיט ליבע.

צווישן די, גאָט צו דאַנקען, לעבן געבליבענע וויל איך דערמאָנען דר. וואָלף בלאַטבערג, דעם רואיקן קלוגן לערער, מיט וועלכן איך האָב דאָ ערשט אַ פּאָר מינוט צוריק גערעדט אין טעלעפאָן, ווייל מיר זענען טעטיק אין דעם זעלבן בנין, אין ניו־יאָרק, פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. און דריי טויזנט מייל ווייט, אין לאָס אַנדזשעלעס, דר. העלענאַ ראָזענ־צווייג, די אינטעלעקטואַליסטקע. און ווייט פון דאַנען, אין מאָנטעווידעאָ, (אורוגוואַי), איז טעטיק מיט אַן אומפאַרמינדערטער ענערגיע דר. טאָנס טאָכטער, די אינטעליגענטע לערערין פון דער שול, דאָס דינאַמאָ — דר. נעלאַ טאָן־ראָסט. דעם שווערן גורל פון איר וואַנדער־וועג האָט זי איבער־געטראָגן מיט אַן אמתדיק יידישער עקשנות. זי האָט מיר אַמאָל, נאָכן קריג, אין שטאָקהאָלם (שוועדן) מיט ביטערקייט געזאָגט: אויב איך וויל לעבן, מוז איך דאָך קוקן פאָרויס! יאָ, די יידישע אויסגעהאַלטנקייט איז פערזאָניפיצירט אין איר.

עס זענען נאָך געווען אין קראָקע אַנדערע יידישע שולן, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד — די האַנדלס־שול אויפן סטראַדאָם, פון וועלכער דר. סאַמועל שטענדיק, איז גע־ווען דער לייטער. ער האָט געשריבן אַ גאַנצע ריי בראָשורן פון יידישן אינהאַלט, וואָס האָבן בייגעשטייערט צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון יידישע

פּראָבלעמען צווישן אונדזער יוגנט. סינאַי אַלעקסאַנדראָוויטש איז, אַזוי גלויב איך, געשטאַנען בראש פון דעם קאָמיטעט פון דער דאָזיקער שול. איך וויל דאָ דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ באַזונדער פּאַרדינסטפולער פּרוי אויפן געביט פון רעליגיעזן שול־וועזן, און דווקא פון דער אגודיסטישער אָרגאַניזאַציע. איך וויל עס טאָן מיט יראת הכבוד, ווייל מיינע ווערטער זענען געווידמעט צו אַ גאַנץ אויסערגעוויינלעכער פרוי, וואָס האָט באַזונדערע פאַרדינסטן אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן יידיש וויסן צווישן מיידלעך אין דער בית יעקב שול־אָרגאַניזאַציע. ערגעצווו מוז זיין אַ קרובהשאַפט צווישן קעגנער, וואָס זענען טיילן פון איין פאָלק. אויב נישט איז די סומע פון פאַרטייען, אַ סומע פון פאַרטייען און נישט אַ פאָלק. און דערפאַר טו איך עס. אָבער עס איז נאָך פאַראַן אַ באַזונדערע סיבה. די אַסימילאַציע־סכנה צווישן מיידלעך פון אָרטאָדאָקסישע רעליגיעזע הייזער אויסערהאַלב פון דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע, איז געווען באַזונדער גרויס. עס איז געווען אַ מאָדנע דערשיינונג אין די דאָזיקע עקסטרעמע אָרטאָדאָקסישע הייזער. עלטערן האָבן געפּרוווט אָפּצוהיטן יידישע מיידלעך פון ציוניסטישער און נאַציאָנאַלער קולטור, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשפּאַרט פאַר זיי די פּוילישע וועלטלעכע קולטור. מיידלעך אין די דאָזיקע הייזער האָבן געהאַט אַ היתר אויף פּוילישער קולטור. און דער סאַמע פאַקט אַליין וואָס די בית־יעקב שולן זענען געווען אַן אָרגאַניזירטער נעץ פון שולן — עס איז געווען אַ קאָנסטרוקטיווע „טראַגעדיע״ אין דער אגודיסטישער באַוועגונג, וואָס זי האָט נאָכגעטאָן די מאָדערנע פאָרמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דאָס אַליין האָט שוין געעפנט די טירן אויך פאַר נאַציאָנאַלער יידישער קולטור. און די דאָזיקע ענטוזיאַסטישע פרוי האָט אויף דעם געביט דערפילט ממש אַ מיסיע.

איר נאָמען אין געניאַ זשעניר ער ז״ל.

די תרבות־באַוועגונג אין אונדזער טייל פון פּוילן איז געווען שטאַרק. איך וויל דאָ דערמאָנען די פאַרדינסטן פון אַ ריי טוער אויף דעם געביט: שבח וואָלקאָווסקי, דר. וואָלף בלאָטבערג, משה שמוליעוויטש, י. זילבערינג און דר. מאַקס לעזער, וואָס האָט ממש אַרומגעטראָגן אין זיך די מיסיע פון תרבות. ער איז געווען דער זון פון שלמה לעזער, דעם איניציאַטאָר פון אונדזערע העברעישע שולן אין קראָקע. איך האָב אים שוין

אויבן דערמאָנט. (דר. מאַקס לעזער האָט זיך, אַרום 1925, באַזעצט אין לעמבערג, ווו ער האָט ממשיך געווען זיין תרבות־אַקציע).

אָבער דער תרבות אין אונדזער טייל פון פוילן איז געווען נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פוילישער תרבות־אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן ווילן אויפצוטאָן וואָס מער. אין מערב־גאַליציע האָבן מיר געהאַט אַ גייסטיקן פירער, וואָס האָט אין דער תרבות־באַוועגונג פון גאַנץ פוילן געשפילט די ראָלע פון אַ גייסטיקן מאַטאָר. דאָס איז געווען דר. יהושע טאָן. אָבער עס לאָזט מיך נישט רוען נישט צו דערמאָנען כאָטש נאָך איין מענטש פון דער צענטראַלער תרבות־באַוועגונג אין וואַרשע, הגם עס געהערט פאָרמעל נישט צו זכרונות וועגן מערב־גאַליציע און שלעזיע. דאָס איז דר. מ. קלומעל. ער איז מיר געבליבן זייער טיף אין זכרון צוליב זיין ענוות, זיין גוט האַרץ און אָפֿענער האַנט, וואָס האָט נישט געזשאַלעוועט גרויסע טיילן פון זיין פאַרמעגן פאַר דער תרבות־באַוועגונג. און נאָך צוליב איין סיבה וויל איך אים דאָ דערמאָנען. ער איז געשטאָרבן אין ארץ ישראל, אַ פאַרגעסענער, כמעט אין עלנט. יאָ, דאָס איז נישט זעלטן דער גורל פון דעם טיפּ פון גוטהאַרציקע פירער. מען רופט זיי די „באַאיוועס״!

אָבער דער תרבות אין אונדזער טייל פּוגעם לאַנד איז נישט נאָר געווען אַ טייל פון דעם אַלגעמיין פּוילישן תרבות, ער איז אויך געווען אַ טייל פון דער גרויסער תרבות־באַוועגונג אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע. און דאָ איז דער מאָטאָר געווען נישט קיין אַנדערער ווי וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. קאָמפּראָמיסלאָז אין דעם קאַמף פאַר העברעיש. דער איבערזעצער פון דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע״ אין העברעיש האָט אויף דער קאָנפערענץ פון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גדאַנסק (דאַנציק) אין יאָר 1928, מיט שטאָלץ באַריכטעט, אַז צו יענער צייט האָבן ביז הונדערט טויזנט קינדער באַזוכט די תרבות־שולן. צוויי טויזנט קוואַליפיצירטע לערער האָבן געגעבן אונטעריכט. אַכט תרבות־סעמינאַרן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע מזרח־אייראָפּעישע לענדער האָבן גראַדואירט אַרום 170 לערער יאָר־אויס, יאָר־איין. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט וועגן מיין באַזוך אין קאָוונע. עס איז אפשר כדאַי דאָ צו דערמאָנען, אַז לויט זשאַבאָטינסקיס באַריכט

אין גדאַנסק האָבן 93 פּראָצענט פון די יידישע קינדער אין שול־עלטער אין ליטע גערעדט העברעיש! מיר האָבן עס געוווּסט אין מערב־גאַליציע צו יענער צייט און דאָס האָט אונדז געגעבן אַ נאָך שטאַרקערן שטויס אויסצובברייטערן די תרבות־באַוועגונג, נאַטירלעך זענען די באַדינגונגען אין מערב־גאַליציע געווען אַ סך שווערער ווי אין ליטע. וואָס מיר האָבן ביי אונדז געמוזט טאָן, איז געווען קאַמף מיט דער כוואַליע פון אַסימי־לאַציע צ ו י ש ן יי ד ן און אין ליטע איז אַזאַ זאַך, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, נישט געווען בנימצא.

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ גאָר שטאַרקע איניציאַטיוו אין דער גרינדונג פון ביבליאָטעקן און לייענזאַלן. דאָס איז געווען אַ צוגאָב־צווייג צו אונדזער קולטור־טעטיקייט. אין קראָקע גופא האָט די קהילה געהאַט אַ שיינע, ווערטפולע ביבליאָטעק, וואָס האָט גע־הייסן „עזרה״. אויך אין אַנדערע שטעט זענען געווען גאָר שיינע ביב־ליאָטעקן בפרט אין טאַרנאָוו, אָבער איך גלויב, אַז די דאָזיקע ביבליאָ־טעקן האָבן געהאַט מער אַ באַדייטונג פאַר וויסנשאַפטלעכע שטודיעס פון ספּעציאַליסטן, ווי אַ פאָלקסטימלעכע באַדייטונג. דאָס לעבן איז געווען אַזוי פאַריאָגט, אַז מענטשן האָבן באמת נישט געהאַט צו פיל צייט, צו לייענען אין לייענזאַלן אָדער צו לייענען בכלל אַ סך ביכער. און דערפאַר האָט דער לאַנדעס־פאַרבאַנד נישט נאָר שטענדיק דערמוטיקט די לאָקאַלע קאָמיטעטן צו פאַרשפּרייטן דעם אינטערעס פאַר די דאָזיקע אינסטיטו־ציעס, נאָר ער האָט אויך, לויט אַ געוויסן פּלאַן, אָרגאַניזירט דאָס פאַר־עפנטלעכן פון קליינע בראָשורן, וועלכע זענען צוגענגלעכער פאַר אַ ברייטערן עולם. איך וויל נאָר דאָ אויסרעכענען עטלעכע ביישפּילן: דער „נאָווי דזשיענניק״, האָט אַרויסגעגעבן דאָקומענטן פון דער ציוניסטי־שער פּאָליטיק און אַ זייער שיינע בראָשור, „דער פּראָפיל פון אַ מנהיג״. ביידע זענען געשריבן געוואָרן פון אונדזער לעאָפּאָלד ראָזנער.

דר. שטענדיק, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, האָט אַרויסגעגעבן די געשיכטע וועגן די בילוים, און די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „עקיבא״ האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי בראָשורן, פון וועלכע איך האָב נישט קיין רשימה. מיר זענען אויסן געווען צו שרייבן בראָשורן צוגעפּאַסט באַזונדערס פאַר דעם פּויליש־קריסטלעכן לייענער, ווייל עס איז געווען אַ מאָדנע דערשיי־

נונג, אַז די פוילישע געזעלשאַפט, צווישן וועלכער מיר האָבן געלעבט, האָט גאָר, גאָר ווייניק געוווסט פון אונדזערע אידייען און פון אונדזער לעבן און בפרט גאָר ווייניק וועגן די מעלות פון אונדזער פאָלק.

מיר האָבן זיך איינגעזאַפּט פוילישע קולטור אָבער פאַר די פּאָ־ליאַקן איז אונדזער קולטור געווען אַ מין „טעראַ איגנאָטאַ״ — אַן אומ־באַקאַנט לאַנד. ניעמאַיעווסקיס בילבולים איבער אונדזער תּלמוד זענען געווען דער מקור פון „וויסנשאַפט״ וועגן אונדזער קולטור און די דאָזיקע בילבולים, צוזאַמען מיט אַנדערע עם־הארצישע, אָדער בייזוויליקע פּאַמ־פלעטן האָבן פון אונדזער קולטור געמאַכט דאָס „שוואַרצע לאַנד״. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט פאַרגרעסערט די מחיצה צווישן פּאָליאַקן און אונדזער פאָלק. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט עס אָפּגעשאַצט און דער־פאַר האָט ער געוואָלט ענדערן דעם דאָזיקן צושטאַנד דורך באַזונדערע פּובליקאַציעס. מיר וועלן דאַן שפּעטער, אינעם קאַפּיטל וועגן דעם יידישן פּאַרלאַמענטאַריזם אין פּוילן האָבן די געלעגנהייט צו דערמאָנען אויך אַנדערע מיטלען און אָנשטרענגונגען פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף דעם געביט פון אַ בעסערער פאַרשטענדיקונג צווישן פּאָליאַקן און יידן אין פּוילן.

אַ באַזונדערע ראָלע האָבן געשפּילט די „טויגבי־האַלעס״. זיי זענען געווען אַ מין דערזאַץ פאַר פאָלקס־אוניווערסיטעטן און מיר האָבן זיי גע־האַט אין פאַרשיידענע ערטער און דווקא די רעפעראַטן אין די „טוינבי־האַלעס״ זענען געווען שטאַרק באַזוכט. אָרטאָדאָקסישע, מענלעכע יוגנט, וואָס איז געווען בדרך כלל אונטער אַ שטאַרקן קאָנטראָל פון זייערע על־טערן, האָט זיך וואָס מער און מער „אַריינגעגנבעט״ צוצוהערן זיך צו די דאָזיקע רעפעראַטן און אַזוי אַרום זענען אָרטאָדאָקסישע בחורים אויפ־געקלערט געוואָרן און האָבן נישט איינמאָל געזען, אַז די השכלה קאָן אויך זיין יידיש. צענדליקער פון דער דאָזיקער אָרטאָדאָקסישער יוגנט האָבן זיך דאַן ממש געוואָרפן צו די קוואַלן פון דער מאָדערנער יידישער וויסנ־שאַפט און זיי זענען געוואָרן אַן אידעאַלע סינטעז פון יידישער טראַדי־ציאָנעלער וויסנשאַפט און מאָדערנער ציוניסטישער און אַלגעמיין נאַציאָ־נאַלער וויסנשאַפט. אָבער עס האָט אויך געטראָפן, אַז צייטנווייז זענען זיי אָוועק פון דעם שורש און פונעם קוואַל. אָט פאַר דעם האָבן די פירער

פון דער אָרטאָדאָקסיע מורא געהאַט. אָבער דאָס זענען געווען יוצאי מן הכלל. (איך ווייס עד־היום נישט פון וואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען „טוינבי האַלעס״. עס קלינגט מיר היינט מאָדנע, ווייל אַרנאָלד טוינבי, דער געלערנטער היסטאָריקער, איז אַ שונא פון אונדזער פאָלק).

בקיצור, מיר האָבן געמוזט קעמפן קעגן דעם שטראָם, קעגן אַ גאַנצער ריי פון שוועריקייטן. אָבער טראָצדעם האָבן מיר דעם קאַמף געפירט, אויסגעהאַלטן אָן איבעררייסן און מיט גאָר שיינע רעזולטאַטן. מיר האָבן געבויט אייגענע ווערטן און צעשטערט דעם אימפּעט פון אַסימילאַציע. דאָס איז דאָס בילד, דאָס געזאַמט־בילד פון אויפבוי און קאַמף פאַר אונדזער יידישקייט. צענדליקער טויזנטער קינדער אין תלמוד תורות און חדרים, צענדליקער טויזנטער קינדער אין דעם אָרטאָדאָקסישן שול־נעץ פון דער אגודיסטישער שול־אָרגאַניזאַציע „חורב״ און „בית יעקב״ און פון דעם מזרחיסטישן שול־נעץ „יבנה״ און פון די מזרחיסטישע שולן „תחכמוני״. אַן אימפּאָנירנדיקער שול־נעץ פון תרבות־שולן און קורסן, אַ נעץ פון שולן פון דער יידישיסטישער שול־אָרגאַניזאַציע „צישא״. אַ שטאַרקער, זייער גוט אָרגאַניזירטער שול־נעץ פון צוויי־שפּראַכיקע לימודים, העברעיש און פויליש און אויך טיילווייז העברעיש און יידיש, פון דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַלע שולן אין פּוילן, מיט איר צענטער אין לאָדזש, אונטער דער לייטונג פון סענאַטאָר בראָודע, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט. און ביים סאַמע סוף פון דעם דאָזיקן פּעריאָד, אַ נייע שול־נעץ פון שולן, אָרגאַניזירט דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, אויך אין העברעיש און יידיש, אונטערן נאָמען שולקולט. גיט־צו די פאַכמענישע שולן פון „אָרט״, פון „איקאָ״, פון פאַרבאַנד פון פּראָפעסיאָנעלע שולן אין גאַליציע מיטן נאָמען „ווזעט״, און אַ נעץ פון קורסן, בפרט אָרגאַניזירט דורך די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען, פאַכמענישע צייטשריפטן פאַרן שולוועזן, אַ ספּעציעלער בולעטין אין העברעיש „עתון חינוכי״. איך וואָלט געמוזט דעם ענין גענויער שטודירן, כדי דאָ איבערצוגעבן אַ גענויע סטאַטיסטיק פון די דאָזיקע שול־נעצן און בנוגע די פאַרבאַנדן פון יידישע לערערס, אָבער צו דעם איז דער פּלאַץ דאָ צו־קליין. און דערפאַר וויל איך שליסן דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון אונדזער גרויסער פאַרגאַנגענהייט מיט עטלעכע אלגעמיינע באַמערקונגען, וועלכע זענען

אויך נייטיק פאַר אַ בעסערער פאַרשטענדעניש פון דער לעבהאַפטיקער קולטור־טעטיקייט אין מערב־גאַליציע און שלעזיע.

1. במשך פון די יאָרן 1919 ביז 1939, איז דער פראָצענט פון יידן אויף די אוניווערסיטעטן און בכלל הויכשולן אין פוילן שטאַרק געפאַלן. דאָס איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער פוילישער פּאָליטיק, צו באַשרענקן די יידן אין די פרייע פּראָפעסיעס. צוליב דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג פון דער יידישער יוגנט אין אויסלענדישע אוניווערסי־טעטן. עס איז געווען כמעט אַ שטענדיקע דערשיינונג. דאָס פאַראַנט־וואָרטלעכקייט־געפיל פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דעם פּרט האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין דעם שטענדיקן קאַמף פאַר די רעכט פון אונדזער שטודירנדיקער יוגנט, נאָר אויך אין דעם, וואָס עס איז גע־שאַפן געוואָרן אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אַ צענטער פאַר אַ שטענ־דיקן קאָנטאַקט מיט דער יידישער יוגנט אין אויסלאַנד, וואָס האָט געמוזט אויסוואַנדערן.

2. יידישע שולן האָבן אין אונדזער טייל פונעם לאַנד, אַזוי גלויב איך, קיינמאָל נישט באַקומען קיין סובסידיעס פון די שטאָט־ראַטן. אפשר דאָ און דאָרט אַ סימבאָלישע אָפּטשעפּעניש. אין קאָנגרעס־פוילן איז עס אָפטער פאָרגעקומען, אַז אין דעם בודזשעט פון די שטאָט־ראַטן זענען געגעבן געוואָרן סובסידיעס פאַר יידישע שולן, אָבער אויך דאָס איזביים סוף פון דער דאָזיקער תקופה ליקווידירט געוואָרן. אַזוי אַרום האָט זיך דער שווערפּונקט פון יידישער דערציאונג אַלץ מער אַריבערגעטראָגן פון דעם אַלגעמיינעם שול־נעץ צו דעם יידישן שול־נעץ און דאָס האָט ממילא באַדייט, אַז דער יידישער בירגער האָט געצאָלט שטייערן פאַר דעם אַל־געמיינעם שול־נעץ און אַחוץ דעם זיך געמוזט באַשטייערן פאַר זיין אייגענעם שול־נעץ. און אַזוי ווי די אָרעמקייט פון דער יידישער באַפעלקע־רונג איז געוואַקסן צוליב דער אַנטי־יידישערווירטשאַפט־פּאָליטיק, איז אַנטשטאַנען אַן אומגעהייער שווערע פינאַנציעלע פּראָבלעם אויסצוהאַלטן די יידישע שולן. דער שטראָם פון קינדער אין די יידישע שולן איז גע־וואָרן גרעסער און דער קוואַל פון יידישע פינאַנציעלע מיטלען איז אַלץ געוואָרן קלענער. אָט דאָס איז געווען די סיטואַציע, אַ טראַגישע סי־טואַציע.

דערפאַר איז די אָנשטרענגונג פון די יידן אין פוילן בכלל און פון אַלע נאַציאָנאַלע יידן אין אונדזער שטח פון פוילן און אין דעם ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד אונדזערן בפרט, געווען אַ באמת וווּנדערבאַרע. די אָנשטרענגונג אונדזערע האָט באַדייט — שטענדיקער קאַמף.

היינט, לעבנדיק אין אַ גאַר נייער סביבה אין דעם געוואַלטיקן רעזערוואַר פון יידישע כוחות אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פרעג איך מיך אַליין: פון וואַנען האָט דאָס פוילישע יידנטום, דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום בכלל, גענומען די כוחות פאַר דעם דאָזיקן קאַמף, טראָץ די פינאַנציעלע שוועריקייטן? עס מוז דאָך זיין אַ סיבה, וואָס האָט אונדז באַפליגלט, הגם מיר האָבן נישט געהאַט גענוג מיטלען. דאָס איז מיר געקומען צום באַוווסטזיין דאָ, אין אונדזער גרויסן אַמעריקאַנער יידישן ישוב, ווו עס זענען דאָ — גאָט צו דאַנקען — מיטלען, אָבער עס פעלן די — פליגלען. אָבער עס ווערט אַביסל בעסער אויך דאָ.

און שרייבנדיק די דאָזיקע שורות געפין איך דעם ענטפער אויף דעם דאָזיקן סוד. עס איז געווען דער אומרו, דער אייביקער אומרו וועגן דעם המשך פון יידישקייט, וועגן דער יידישקייט פון אונדזערע קומענדיקע דורות. דער אומרו האָט געשאַפן די שטויסקראַפט פאַר אונדזער קולטור־טעטיקייט! יאָ, אָבער פון וואַנען נעמט זיך דער אומרו? דער אומרו איז געקומען פון אונדזער טיפער פאַרבונדנקייט מיט אונדזער גרויסער יידישער פאַרגאַנגענהייט. אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיקע פאַרבונדנקייט? זי איז געקומען פון אונדזער ליבע צו אונדזער פאָלק, פון אונדזער שטאָלץ צו זיין און צו בלייבן אַ ייד, און דאָ לאָזט זיך אויס די קייט פון סיבות, ווייל די ליבע איז אַן אַבסאָלוטער כוח, אַן אימאַנענטע קראַפט. זי זעט אָפּטמאָל נישט די מניעות און דערפאַר שאַפט זי דעם כוח צו קעמפן טראָץ דעם אָביעקטיוון באַשטאַנד פון מניעות, צו קעמפן ווייטער און ווייטער, טראָץ שטרויכלונגען. ניכטערנער פאַרשטאַנד גיט זיך אָפּט אונטער, ליבע — קיינמאָל נישט! ווייל ליבע איז דער אייביקער קוואַל פון — זאָרג.

אָט אין דער ליבע ליגט דער סוד פון דער דינאַמישער קולטור־טעטיקייט פונעם פוילישן יידנטום, פון דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום בכלל און פון דעם פאָלקס־כאַראַקטער פון דער דאָזיקער קולטור־טעטי־



(פון רעכטס): דער מחבר, זיין ברודער אינזש. יוסף, זיין שוועסטער אלישבע ריגער און ברודער ד״ר אהרן — פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1910 אין קראָקע.

קייט. ערגעצווו איז די דאָזיקע ליבע צו אונדזער פאָלק אין ים פון דעם מאַטעריעלן וווילשטאַנד און אין דעם אָקעאַן פון געאָגראַפישער דערוויי־טערונג פון די מקורות פון אונדזער קולטור פאַרלוירן געגאַנגען אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין דעם נייעם לעבן פון מיליאָנען פון אונדזערע ברידער, וואָס זענען פון מזרח־אייראָפּע געקומען צו די מערב־לענדער. „פאַרשטאַנד" אַליין אָן ליבע האָט אָנגעהויבן צו רעגולירן די וועגן פון דער קולטור־טעטיקייט און אַזוי אַרום איז דער קולטור־רעזערוואַר אין די לענדער ווי גרויס־בריטאַניע, פראַנקרייך, איטאַליע, געוואָרן אויסגע־ליידיקט צופיל. עס האָט נישט מער געקלעקט פאַר אַ קולטור־טעטיקייט מיט פאָלקס־כאַראַקטער. אין דייטשלאַנד איז עס געווען בעסער, אַ ביסל בעסער, אָדער — אַנדערש שלעכט. די יידישע וויסנשאַפט האָט זיך דאָרט פאַרוואַנדלט אין אַ „צייטשריפט פאַר יידישער וויסנשאַפט" און יידישע געשיכטע און יידישע קולטור האָבן זיך פאַרוואַנדלט — אין הערלעכע ענציקלאָפּעדיעס. אוודאי זייער וויכטיק, אָבער גאָר ווייניק פאַר קולטור־טעטיקייט מיט אַ פאָלקס־כאַראַקטער. און אָט האָבן מיר שפּעטער געזען, וואָס עס איז געשען מיט אונדזער יונגן דור אין בערלין, און אין פראַנק־פורט און אין לייפּציג — טראָץ די וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן און ענציקלאָפּעדיעס.

מ'יר אין פוילן, אין אונדזער שטח, און אין גאַנץ פוילן ,און אין כמעט גאַנץ מזרח־אייראָפּע (עס איז אפשר אַן אפיקורסות צו זאָגן, אַז אין רוסלאַנד פון פאַר 1917 איז דער שיכט פון אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ געווען אַ סך גרעסער ווי ביי אונדז אין פוילן). מיר אין פוילן האָבן זיך נישט געוואָלט צופרידנשטעלן מיט פאַרשטאַנד־אַרגו־מענטן, וואָס האָבן אויסגעדאַרט און אויסגעטריקנט די פעלדער פון יידי־שער קולטור אין מזרח־אייראָפּע. און מיר האָבן זיך אויך נישט געוואָלט צופרידנשטעלן מיט אַ חשובן אַרכיוו און מיט אַ חשובן מוזיי פאַר אונ־דזער קולטור.

מיר האָבן געוואָלט האָבן אַ פליסנדיק, ריידנדיק, שאַפנדיק לעבן טאָג־אויס, טאָג־איין, אין היימען און אין שולן, אַ גאַנץ יאָר!

און דאָס איז געווען דער סוד פון אונדזער כוח.

דער טרעגער, דער קאָלעקטיווער טרעגער פון אָט דער הייסער ליבע

צו אונדזער קולטור איז אויסגעמאַטערט און דערמאָרדעט געוואָרן אין אַשוויענטשים, בעלזשץ, מאַידאַנעק און ווערטלעך — אין די פּוילישע וועלדער. דער גוף איז אין אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן! אָבער די ליבע צו אונדזער פאָלק, האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די גאַז־קאַמערן! זי האָט היטלער נישט געקאָנט דערמאָרדן! זי איז אַוועקגעפלויגן פון אייראָפּע ווי אַ גאָלדענע פּאַווע און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מדינת ישראל! זי איז אַריין אין דער באַנייטער, זוניקער, האָפענונגספולער, טאָג־אויס, טאָג־איין האַמערנדיקער און הייליק אומרואיקער, גרויסער לאַבאָראַטאָריע פון אונדזער קעגנוואַרט און צוקונפט. און דאָרט לעבט זי!

און זי איז אויך אַוועק, איבער לענדער, ימים און אָקעאַנען און זי קלאַפּט, די אייביקע ליבע, אין די טירן פון די היימען פון יידן אין אַמע־ריקע, זי רייסט אויף טירן און פענצטער און רופט: יידן! שטייט אויף צו סליחות. לאָזט מיך אַריין צו אייך!

## אונדזער טעטיקייט פאַר פּיזישער רענעסאַנס

דער רוף פון מאַקס נאָרדוי פאַר „מוסקל־יידנטום״ האָט אויך אין אונדזער געביט געפונען אַ זייער לעבעדיקן אָפּקלאַנג. ציוניזם איז דאָך געווען אַ הערלעכער סינטעז פון אויפלעבונג אין יעדער ריכטונג, פון דעם קלענסטן געביט ביז אַרויף צו דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער חלום, אַלס פאָלק צווישן פעלקער. האָבן מיר אויך געוואָלט שטאַרקן די מוסקולן, אויסגלייכן דעם רוקנביין און אַנטיילנעמען אין דעם געיעג נאָך ספּאָרט, וועלכער איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן אַ געוואַלטיקע נאַציאָנאַלע שטרעמונג צווישן דער יוגנט פון יעדן פאָלק. זע איך נאָך פאַר מיר די בלאַסע פּנימער פון אונדזערע אָרטאָדאָקסישע בחורים מיט שווערע בײ־כער אונטערן אָרעם, דאַר און אויסגעמאַטערט, מיט אַ שיין אין די אויגן, אָבער קערפּערלעך שוואַך. מיר האָבן געחלומט וועגן אַן ענדערונג אויף דעם געביט. עס איז געווען זייער שווער, ווייל די אָרטאָדאָקסישע יוגנט, האָט באמת געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין דעם געטאָ.

עס איז דער פאַרדינסט פון זיגמונט האָכוואַלד, וואָס עס איז גע־שאַפן געוואָרן אַ „געזעלשאַפט פאַר גימנאַסטיק״ אין קראָקע. און אויך

אין אַנדערע שטעט פון אונדזער שטח. דער „מכבי" איז געווען אַ זייער פּאָפּולערע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע אין גאַנץ מערב־גאַליציע און שלעזיע. דר. הענריק לעזער איז געווען די טרייבקראַפט אין דער „מכבי"־געזעל־שאַפט. די געזעלשאַפט האָט פאַרמאָגט פאַרשיידענע ספּאָרט־צווייגן. מיט־גלידער פון מכבי האָבן געוואונען ערשטע פּרייזן אין אַן אַלגעמיין־פּוילישן קאָנקורס. איך דערמאָן מיך אין פריילין מאַרילאַ פרייוואַלד, אַלס דעם טשעמפּיאָן אין לויפן. אונדזער מכבי האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער ערשטער אַלוועלטלעכער מכביאַדע אין תל־אביב, וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ גאָר גרויסער יום־טוב. מכבי האָט פון צייט צו צייט געשפּילט מיט דעם וועלט־באַרימטן יידישן ווינער קלוב „הכוח" און באַקומען גאַנץ כשרע קלעפּ פון דעם באַרימטן ברידערלעכן קלוב אונדזערן. מיר זענען געווען שטאָלץ אויפן „הכוח", ווייל ער האָט געלערנט דרך־ארץ די קריסט־לעכע קלובן אין דעם אַנטיסעמיטישן ווין.

זיגמונט האָכוואַלד און דר. הענריק לעזער (ביידע היינט אין מדינת ישראל) זענען געווען זייער אַקטיווע מיטגלידער אין אונדזער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער אַלטער קאַמף צווישן עשיו און יעקב, צווישן דער אידייע פון פיזישער גבורה און גייסטיקן כוח, איז געשטאַ־נען פאַר אונדז ציוניסטן ווי אַ פּראָבלעם. די אָרעמקייט און אונדזער פיזישער אָפּגעשטאַנענ־גאָר אָפּט באַגעגנט מיט ביטול צוליב אונדזער פיזישער אָפּגעשטאַנענ־קייט און האָט אונדז זייער אָפּט פאַרפאָלגט צוליב אונדזער גייסטיקער העכערקייט. דאָס פּראָבלעם צו לייזן — איז געווען די אויפגאַבע פון דער פיזישער רענעסאַנס באַוועגונג פאַר אַ פאָלק, וואָס לעבט אומעטום צווישן אַנדערע פעלקער. דאָס פּראָבלעם איז געווען: נישט צו פאַרלירן דעם גייסט און גלייכצייטיק צו געווינען פיזישע גלייכוועריקייט. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם געקוקט נישט פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ מעכאַניזירטן ספּאָרט, נאָר דוקא פונעם שטאַנדפּונקט — וואָלט איך געזאָגט — פון אַ מיסיע פון פיזישער רענעסאַנס. עס איז אויך געווען אַן אַנדערער באַשטאַנדטייל אין דער דאָזיקער באַוועגונג: דער באַגער צו דערנענטערן אונדזער יוגנט צו דער נאַטור, צו גאָטס שיינער וועלט, אַדורכלופטערן די יוגנט, בקיצור, צו פאַרווירקלעכן די לאָ־זונג, אַז אַ געזונטער גייסט לעבט אין אַ געזונטן גוף.

האָבן מיר דאָס דערגרייכט אויף דעם געביט פונעם גאַנצן פוילישן יידנטום? איך מיין, אַז דער פאָרשריט אויף דעם דאָזיקן שווערן וועג־קעגן הונדערטער יאָרן פון „געטאָס״ איז געווען אַ זייער גרויסער. די אַרומיקע וועלט, די אַרומיקע יוגנט, האָבן אָפטמאָל באַוואונדערט אונדזער פיזישע רענעסאַנס־אויפטועך, אָפטמאָל מיט אָנערקענונג און נישט זעלטן — מיט שנאה.

עס איז קלאָר, אַז אויף דעם געביט פון געזונטקייט, אין דעם זין פון שפּיטאָל־וועזן האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אַליין, אַחוץ דעם איבּ־טערעס אין דער זאַך גופא נישט געקאָנט אויפטאָן קיין מעשים, ווייל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַזעלכע פּלענער זענען געווען ברייטיק גרויסע סכומים געלט. אָבער צום כבוד פון אונדזער קהילה זאָל עס נאָך איינמאָל דערמאָנט ווערן, וואָס איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז די קהילה האָט געהאַט אַ שיין שפּיטאָל מיט אַ ריי פון אָפּטיילונגען און אַז עס איז ביי אונדז אויך געווען בנמצא אַ גאַר אָנגעזעענער אינסטיטוט פון דער פּוי־ליש־יידישער געזונטהייט־אינסטיטוציע „אָזע״, וואָס האָט ביי אונדז אין פּועלן געהייסן „טאָז״ (געזעלשאַפט פאַר שוץ פון געזונטהייט). סינאַי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך מיט אַ סך התלהבות אָפּגעגעבן צו דער דאָזיקער געזעלשאַפט, פון וועלכער עס איז די אָרגאַניזאַטאָרישע און אינספּיראַטיווע טרייבקראַפט געווען מיין ברודער, דר. אַהרן שוואַרצבאַרט, ער האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט פּלענער. סינאַי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געשטאָרבן אין מדינת ישראל און מיין ברודער צו לאַנגע יאָרן, איז זיבעציק יאָרן טעטיק אַלס ספּעציאַליסט און וויסנשאַפטלער אויפן געביט פון לאַ־רינגאָלאָגיע אין מדינת ישראל. דער „טאָז״ האָט אויפגעטאָן אַ סך. באַ־זונדערס אויף דעם געביט פון טובערקולאָז. איך מיין, די לייענער וועלן נישט האָבן קיין פּאַראיבל אויף מיר, אַז איך וועל דאָ דערמאָנען מיין פרוי, דר. בראָניאַ פעלדבלום־שוואַרצבאַרט, צו וועלכער די דאָזיקע זכרונות זענען געווידמעט. איך וויל זי דערמאָנען אַלס זייער אַקטיוון דאָקטאָר פון דער באַזונדערער מעדיצינישער אַמבולאַטאָריע פונעם „טאָז״.

# די ציוניסטישע פרויען-באַוועגונג

עס איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח אין די רייען פון דעם לאַנדעס־פאַר־באַנד, צי עס איז נייטיק אַ באַזונדערע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע, אָדער צי איז דער אָרט פון דער ציוניסטישער פרוי אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער רוב איז געווען פאַר דער צווייטער קאָנ־צעפּציע און אויסגעלאָזט האָט זיך עס דערמיט, וואָס געזיגט האָט די אידייע פון אַ באַזונדערער פרויען־אָרגאַניזאַציע. עס זענען נאַטירלעך דאָ געווען אַרגומענטן פאַר ביידע אָריענטאַציעס. אָן אַנאַלאָגישער זיג פון דער אידייע פון באַזונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, האָט מען געקאָנט פעסטשטעלן אין אַלע ציוניסטישע פאַרטייען. און אַזוי אַרום איז אויך אונדזער שטח נישט געוואָרן אַ יוצא מן הכלל. די פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן „וויצא" איז אויך אין אונדזער שטח געווען אַן אינ־טעגראַלער טייל פון דער אַלגעמיין־פּוילישער „וויצאָ" און אויך פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע „וויצא", אָבער די „וויצא" אין אונדזער שטח האָט געהאט כמעט אַ פולע אויטאָנאָמיע. די „וויצאָ" ביי אונדז האָט געהאט אַ דירעקטע פאַרטרעטערשאַפט אין דער עקזעקוטיווע פון דער „וויצאָ"־וועלט־אָרגאַניזאַציע. די „וויצא" איז נישט געווען קיין אַלגעמיין־ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע ווי די „הדסה". זי איז געווען און איז עד־היום אַ ציוניסטישע צווישנפאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, אָבער דער געוואַלטיקער רוב פון דער אָרגאַניזאַציע איז אין אונדזער שטח באַשטאַנען פון פרויען — אַלגעמיינע ציוניסטן און בדרך כלל זענען די מיינסטע פירערינס פון דער „וויצא" ביי אונדז אויך געווען מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע אָדער פון דעם צענטראַל־ראַט פון אונדזער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע. שוין אין יאָר 1930 האָט די „וויצא" געהאט 750 מיטגלידער אין קראָקע און אַרום 1800 אין מערב־גאַליציע, מיט 23 אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ. די דאָזיקע צאָלן זענען שפּעטער ביז 1939 געשטיגן גאַנץ שטאַרק. די „וויצא" האָט אויך געהאט אַ „יונג־וויצא". די טעטיקייט פון „וויצא" האָט אַחוץ דער אַלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט אַרומגענומען אַר־בעט־פאַרמיטלונג־אַמטן, וועלכע זענען געווען אַמטלעך באַשטעטיקט פון דער פּוילישער קולטור־קוראַטאָריע. אין דעם „נאָווי דזשענניק" האָט זיך

געדרוקט לאַנגע יאָרן אַ באַזונדערע ביילאַגע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער רענעסאַנס־באַוועגונג צווישן יידישע פרויען.

איך וואָלט נישט געוואָלט פאַרלירן דעם זין פאַר פּראָפּאָרץ אין איינקלאַנג מיט מיין פּרינציפּיעלער כוונה אין דער באַהאַנדלונג פון מיין טעמע. און דערפאַר וויל איך לשם האמת דאָ אונטערשטרייכן, אַז די „וויצאָ״־באַוועגונג איז נישט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג, נישט אין פּוילן און נישט ביי אונדז אין מערב־גאַליציע און שלעזיע. אין מזרח־גאַליציע האָט די צאָל פון אָרגאַניזירטע וויצאָ־פרויען דערגרייכט אַרום 2500. ביי אונדז אין מערב־גאַליציע און שלעזיע אַרום 2000 און אין קאָנגרעס־פּוילן אַרום 10.000. דאָס איז נישט קיין זייער איינדרוקספולע צאָל אין אַ ישוב פון מער ווי דריי מיליאָן. בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות דאָ אין ניו־יאָרק, טראַכט איך וועגן די מער ווי דריי הונדערט טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה״ אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַליין. און די „הדסה״ איז נאָר אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע! עס זענען נאָך פאַראַן אַנדערע ציוניסטישע פרויען־באַוועגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּועלי־ציוניסטישע און מזרחיסטישע און אַ גאָר שטאַרקע פרויען־באַוועגונג, וואָס געהערן ניטש צום ציוניסטישן לאַגער. אַ מאָדנע דערשיינונג! אין פּוילן איז די ציוניסטישע באַוועגונג אין איר געוואָלטיקער מערהייט געווען אַ באַוועגונג פון מענער. דאָ אין אַמעריקע, איז די ציוניסטישע פרויען־באַוועגונג די שטאַרקסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין צאָל. און אין לאַטיין־אַמעריקע זענען דאָ לענדער, וווּ די „וויצאָ״ איז נישט נאָר די שטאַרקסטע ציוניסטישע גרופּע, נאָר מאַנכעסמאָל איז די „וויצאָ״ שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס צוזאַמען. איך קאָן לײַדער דאָ נישט אַנאַליזירן די סיבות פון דער דאָזיקער סאָציאָלאָגישער, גאָר אינטערעסאַנטער דערשיינונג.

די קוואַליטעט, דער איכות פון דער „וויצאָ״־באַוועגונג אין אונדזער שטח איז געווען אַ זייער סאָלידער און דאָס צוליב דעם ערנסטן צוגאַנג פון די פירערינס פון דער „וויצאָ״־באַוועגונג אין אונדזער טייל פון פּוילן. און דווקא דערפאַר וויל איך דאָ דערמאָנען אַ פּאָר נעמען פון פרויען,

וואָס פאַרדינען באמת דערמאָנט צו ווערן אַלס פּיאָנערן פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, אין אונדזער טייל פון פּוילן.

ראשית כל די ערשטע פאָרזיצערין פון דער „וויצאָ״־אָרגאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, פרוי מאַלאַ זיסקינד. זי האָט גוט דער־פילט די אויפגאַבע פון לייגן די פונדאַמענטן פאַר דער נייער באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען — אַזוי גלויב איך — אַרום דעם יאָר 1925. איר סעקרעטאַרין, מאַריאַ אַפּטע, איז שפּעטער געוואָרן די פאָרזיצערין פון דער „וויצאָ״־אָרגאַניזאַציע און זי האָט געפירט די באַוועגונג ביז צום סאַמע סוף פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זי איז אויך געווען די פאַרטרעטערין פון דער „וויצאָ״ אין דער עקזעקוטיווע פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון „וויצאָ״. זי איז געווען אַ פאַרקערפּערונג פון פערזענלעכער און ציוניסטישער חשיבות. זי האָט פאַרענדיקט איר לעבן אַלס קרבן פון היטלערן, אינאיינעם מיט איר מאַן. דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות איז אויסגעקומען שפּעטער, בעת דער מלחמה, צו האַלטן די טרויער־רעדע פאַר דער דאָזיקער פיינער פרוי, אויף אַ באַזונדערער טרויער־זיצונג פון דער וועלט־עקזעקוטיווע פון „וויצאָ״ אין לאָנדאָן.

איך זוך אין מיין זכרון נעמען פון די אַמערסטן טעטיקע מיטגלידער אין דער לייטונג פון דער „וויצאָ״־אָרגאַניזאַציע. איך בין נישט זיכער, צי איך וועל מיך דערמאָנען אין אַלע. איך קאָן שוין היינט נישט דעטאַלירט אָנרופן די נעמען פון די לייטערינס פון די באַזונדערע וויכטיקע אָפּטייַ־לונגען אין דער „וויצאָ״, ווען איך דאָ דערמאָנען מאַנכע, צוערשט וויל איך דערמאָנען די דריי שוועסטערינס דר. סאַבאַ גאָטליב, פרוי רוזשאַ האָראָוויץ — זי איז געווען וויצע־פּרעזידענטין פון דער „וויצאָ״ — און פרוי גוסטאַ קאָהן און דאַן פרוי ראַכעלאַ מאַלער, דר. נעלאַ ראָסט, פרוי עלזאַ זילבערשטיין, דר. הענריקאַ סטילער און האַנקאַ טענצער. דאָס איז געווען אַ גאָר פיינע גרופּע פון פרויען, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט אינ־טעליגענץ, אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און אַ טיפן אחריות־געפיל פאַר דער „וויצאָ״־באַוועגונג. די מערסטע פון זיי זענען אומגעקומען אַלס קרבנות פון היטלערן. איך וועל אויך דערמאָנען די לייטערין פון דער „יונג־וויצאָ״, פריילין רוזשקאַ האַבער. אין די וויכטיקסטע פּראָווינץ־

שטעט זענען אויך געשטאַנען בראש פון דער „וויצא״ פרויען, וואָס זענען געווען גאָר איבערגעגעבן צו דער באַוועגונג.

די דערגרייכונגען פון דער „וויצאָ״־באַוועגונג צו יענער צייט זענען וואָס שייך צאָל פון מיטגלידער גיכער באַשיידן. איינע פון די סיבות דערפון איז געווען וואָס די „וויצא״ איז אַנטשטאַנען צוואַנציק יאָר שפּע־טער ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, און ביי אונדז, אין מערב־גאַלי־ציע און שלעזיע אפילו 30 יאָר שפּעטער, אַרום 1926. זי איז דערפאַר, אין דער תקופה וועגן וועלכער איך שרייב, געווען נאָך אַ יונגע אָרגאַני־זאַציע, אין איר ערשטן פּעריאָד פון אַנטוויקלונג. אַן אַנדערע סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג איז געווען, וואָס איר אַרבעטס־פּראָגראַם איז מייסטנס געווען באַגרענעצט צו סאָציאַלע קאָנקרעטע ענינים, וואָס האָבן ביי אונדז נישט געהאַט דעם אַנצי־כוח פון פּאָליטישע לאָזונגען.

עס איז קלאָר, אַז אין דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פון אונדזער דור, האָט די פרוי גאָר שרעקלעך געליטן. דער היטלעריזם איז געווען אַפילו מער גרויזאַמער צו דער פרוי ווי צו דעם מאַן. די רייען פון דער „וויצאָ״ זענען דערפאַר בעת דער קאַטאַסטראָפע געוואָרן רעדוצירט ביז צו אַ פאַרשווינדנדיקן רעשטל און דערפאַר האָט שפּעטער, אין דער תקופה נאָך דער מלחמה, די ציוניסטישע פרויען־באַוועגונג נישט געקאָנט שפּילן קיין ערנסטערע ראָל אין דער באַנייטער ציוניסטישער באַוועגונג, פון די רעשטלעך, וואָס זענען בכלל איבערגעבליבן אין דער צייט פון 1945 ביז 1947. אָבער אויסערהאַלב פון דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג״ לעבט די „וויצאָ״־אָרגאַניזאַציע ווידער ווי אַ שטאַרקע באַוועגונג אין צענדליקער לענדער. צוזאַמען מיט דער „הדסה״־באַוועגונג איז די ציוניסטישע פרויען באַוועגונג היינט אַ שטאַרקע מחנה פון יידישער אויפלעבונג. אין מדינת ישראל, אין דרום־אַפריקע, אין ענגלאַנד, איז די „וויצא״ באַזונדער שטאַרק. באַטראַכטנדיק די דאָזיקע באַוועגונג היינט, קאָנען מיר שטאָלץ זיין אויף דעם סאָלידן אויפטו פון דער „וויצאָ״־באַוועגונג אין מערב־גאַליציע און שלעזיע. מיר געדענקען מיט יראת הכבוד אָן די אומצייליקע פרויען אונ־דזערע, וועלכע זענען געפאַלן אַלס קרבן פון דער גערמאַנישער רציחה. נישט זעלטן פון דער האַנט פון דער... גערמאַנישער פרוי.

# אונדזער יוגנט־באַוועגונג

## די ראָלע פונעם „פשיטשוויט־השחר"

דאָס איז געווען ממש אַ בינשטאָק, אונדזער יוגנט־באַוועגונג. פול מיט לעבן און פול מיט רעש. זעלבסטפאַרשטענדלעך וויל איך מיך דאָ באַגרענעצן צו אַן אַלגעמיינעם איבערבליק וועגן דער טעטיקייט, קאַליבער־פולקייט און לעבהאַפטיקייט פון אונדזער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. אוודאי האָט די דאָזיקע לעבהאַפטיקייט — דער עלטערער דור זאָגט תמיד, אַז דאָס איז דאָס רעכט פון דער יוגנט, פשוט דערפאַר ווייל דער עלטערער דור קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער דאָזיקער לעבהאַפטיקייט — אָט די דאָזיקע לעבהאַפטיקייט האָט צייטנווייז איבער־געשטיגן די ברעגעס פון דיסציפּלין לגבי דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. אַ שטראָם בפרט אַ שטראָם, וואָס קוואַלט אַרויס פון די בערג, גיסט זיך צייטנווייז איבער די ברעגעס. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז סוף כל סוף געווען, אַז אין אונדזער יוגנט־באַוועגונג האָט פּולסירט אמתדיק ציוניס־טיש לעבן אַ גאַנץ יאָר.

איך וויל אָנהייבן מיט אונדזער אַקאַדעמישער יוגנט. כמעט די גאַנ־צע ציוניסטישע פרייע אינטעליגענץ איז אַרויס פון אונדזער ציוניסטי־שער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע „פשיטשוויט־השחר".

איך דערמאָן מיך איצט אין די נעמען פון דער אַלטער גוואַרדיע און פון דעם ייִנגערן דור, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעוואַקסן די פּאָרזיצערס פון דער דאָזיקער אַקאַדעמישער פאַרבינדונג. די פליכטן פון אַ פּאָרזיצער פון דעם פשיטשוויט־השחר, זענען נישט געווען קיין שפּאַציר־גאַנג; אָט איז דר. לאַזאַר גאָלדוואַסער, דער באַשיידענער וועטעראַן פון ציוניזם, דר. חיים הילפּשטיין, דר. סאַמועל וואַרהאַפטיק, דר. יוזעף מעלער, אונ־דזער דר. שמעון פעלדבלום, דער מזרחיסטישער - אַלגעמיינער ציוניסט, דר. דוד בולוואַ, דר. יהודה צימערמאַן, דר. מ. לעזער, דר. סאַמועל פיל־צער, דר. בינענצוכט־בערנאַי, דר. יוסף מאַרגוליעס, דער פירער פון די לינקע פועלי־ציון, דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, דר. ביבערשטיין, דער האַרציקער דר. לעאָן לוסטבאַדער, היינט אין מדינת ישראל, דר.

סאַמועל ליבעסקינד, דר. יעקב שודמאַק, דר. סאַמועל לאַנדאַו, און אַ סך אַנדערע, וואָס זייערע נעמען זענען מיר שוין היינט נישט געבליבן אין זכרון נאָך צענדליקער יאָרן. אָבער זייער הויפּט־נאָמען איז געווען: דער ציוניסטישער לעגיאָן.

איך פּרוּוו איצט, בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, כולל צו זיין אין מיינע געדאַנקען דעם גאַנצן נעץ פון ציוניסטיש־אַקאַדעמישע פאַר־בינדונגען אויף דער גאָרער ציוניסטישער וועלט. איך זע פאַר מיר דעם קליינעם טאָוול מיט דעם נאָמען „קדימה״ באַפעסטיקט אויף דעם אַלטן קבר פון טעאָדאָר הערצל אין ווין. דאָס איז געווען אפשר די ערשטע ציוניסטישע אַקאַדעמישע פאַרבינדונג און דער נאָמען „קדימה״ (פאָרויס) איז באמת געווען סימבאָליש. נתן בירנבוים, דער אומרואיקער זוכער פון אמת און גאָט, איז געווען דער גרינדער פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג. איך זע אַ גאַנצן וואַלד פון אַקאַדעמישע פאַרבינדונגען איבער דער גאַנ־צער וועלט. אַלע זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון התקווה אין איין געמיינזאַמען כאָר פון יידישער האָפענונג אויף אויפלעבונג און אין אַט דעם וואַלד זע איך אונדזער „פשיעטשוויט־השחר״. אַ שטאַרקער בוים, וואָס האָט יאָר־אויס, יאָר־איין, געגעבן נייע בליטן פאַר אונדזער ציוניסטישן לעבן, נייע צווייגן, נייע זאַפטן. הונדערטער מיטגלידער האָט דער „פשיעטשוויט־השחר״ געציילט. עס וואָלט געווען כדאַי, אַז אַ סטו־דענט פון דער העברעישער אוניווערסיטעט זאָל אויף זיך נעמען די אויפ־גאַבע צו שרייבן אַ בוך וועגן דער ראָל פון דער דאָזיקער ציוניסטישער אַקאַדעמישער יוגנט־באַוועגונג אין דער וועלט, ווייל די דאָזיקע באַווע־גונג האָט באמת געשפּילט די ראָל פון אַ טרייבקראַפט אין אונדזער אויפ־לעבונג־קאַמף. שטענדיקע דיסקוסיעס זענען געהאַלטן געוואָרן אין דעם „פשיעטשוויט־השחר״ וועגן דעם ציוניסטישן רעיון, וועגן זיינע וועגן, וועגן זיינע האָפענונגען און שוועריקייטן. אונדזער אַקאַדעמישער פאַריין איז געווען דאָס אָרט פון אונדזער קאַמפּס־פּלאַצוווקע קעגן אַסימילאַציע און קעגן דעם ענגן האָריזאָנט פונעם „בונד״, וועלכער איז געווען — באַזונדערס אין אונדזער סביבה — ראַדיקאַל און קאָמפּראָמיסלאָז. איך וועל נאָך האָבן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם שפּעטער.

דער „פשיעטשוויט־השחר״ איז געווען, צוזאַמען מיט אַנדערע ציו־

גיסטישע אַקאַדעמישע פאַרבינדונגען, דער הויפט־היטער פון יידישע רעכט און יידישן כבוד אויף דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט אין קראָקע, ווו עס איז אַזוי אָפט נייטיק געווען צו קעמפן פאַר די דאָזיקע רעכט און פאַר דעם דאָזיקן כבוד, בפרט אין דער צייט פון דעם „נומערוס קלאַוזוס״, די פראַצענט־נאָרמע און די געטאָ־בענק בעת דעם רעזשים פון דעם מיניס־טער שוויענטאָסלאַווסקי, אין דער לעצטער תקופה פאַר דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. אונדזער „השחר״־פשיעטשוויט״ איז געווען דער קעמ־פער און דער זיגער בעת די וואַלן צום פאַרבאַנד פון יידישע סטודענטן פון אַלע ריכטונגען אויף דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט, וואָס האָבן געהייסן צוערשט דער „פאַרבאַנד פון ריגאָראָזאַנטן״ און שפּעטער, דער „אַגניסקאַ״־צענטער, אויב איך האָב נישט קיין טעות. דער לאַנגיאָריקער אומדערמידלעכער פרעזידענט פון דעם דאָזיקן „אַגניסקאַ״, דר. רובין וואָלף, איז היינט טעטיק אין מדינת ישראל אויף פאַרשיידענע געביטן. „אַגניסקאַ״ איז געווען דער איניציאַטאָר און די טרייבקראַפט, אויפצו־בויען דעם אייגענעם יידישן אַקאַדעמישן בנין (היטלערס מערדער־באַנדע האָט בעת דער וועלט־מלחמה אין דעם דאָזיקן בנין איינגעאָרדנט אַ שאַנד־הויז פאַר דייטשע סאָלדאַטן). בקיצור, דער „פשיעטשוויט־השחר״ איז גע־ווען אין אַ געוויסער מאָס דאָס געוויסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער טייל פון עסטרייך און שפּעטער אין אונדזער טייל פון פוילן. גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרן, ווי דר. חיים הילפשטיין, שטורמישע אידעאָ־לאָגן ווי דר. שמעון פעלדבלום, פייערדיקע פּראָפּאַגאַנדיסטן אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען מיט אַ פּאָלעמישן ברען ווי דר. סאַמועל פּילצער, אַלע פאָרשטייער פון אונדזער ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד, פּאָליטיקער, ציוניסטישע כלל־טוער אויף פאַרשיידענע געביטן פון אונדזער טעטיקייט. אויך וויסנשאַפטלער זענען אַרויסגעקומען פונעם „פשיעטשוויט־השחר״. אונדזער באַשיידענער לאָקאַל אין דער רואיקער זשעליאַנאַ גאַס איז ממש געווען דאָס הויפּט־קוואַרטיר פון דעם ציוניסטישן גענעראַל־שטאַב. איך דערמאָן מיך אין די הערצישע קאַמפן, וואָס היינט זענען זיי אַזוי בלאַס, וואָס עס איז אונדז אויסגעקומען אויסצוקעמפן אין האָטעל קליין, האָטעל ראַיאַל, האָטעל מאַנאַפּאַל, קעגן אַ מחנה פון קעגנער. געדענקט איר, טייערע קאָלעגן פונעם „פשיעטשוויט־השחר״, וואָס מיר זענען שוין היינט

קרוב צו זיבעציק און זענען איבערגעבליבן פון דעם בלוטיקן מבול צע־שפרייט אין פאַרשיידענע לענדער און צום גליק אויך אין מדינת ישראל, צי געדענקט איר די קאַמפן פון וועלכע דער ענדציל איז געווען — אַ רעוואָלוציע? צי געדענקט איר די שמחה, ווען נאָר אונדזערע אַ רעוואָלו־ציע האָט באַקומען אַ מערהייט? די יורשים פון אונדזער נאַציאָנאַלער פאַר־גאַנגענהייט, די טרעגער פון דער בלוי־ווייסער פאָן, די זין פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט די גאַנצע וועלט באַדעקט מיט זיין קאַמף פאַר בלייבן אַ פאָלק, האָבן געמוזט אויסקעמפן טעאָרעטישע וויכוחים וועגן דעם, צי יידן זענען בכלל אַ פאָלק. עס לאָזט זיך כמעט היינט נישט גלויבן מער, אַז דאָס האָט געקאָנט געשען. אָבער עס לאָזט זיך מיר דאָך גלויבן, ווייל דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר אָרגאַניזירטע גרופּעס פון יידן, וואָס נעגירן אַפילו היינט, אַז מיר זענען אַ פאָלק. איך הער נאָך דעם עכאָ פון די געזאַנגען פון דער התקווה, פון תחזקנה, פון דער שבועה, — יאָ, מיר האָבן דאָך געהאַט צוויי שבועות, אַ פּועלי־ציוניסטישע און אַ בונדיסטישע — פון דעם אינטערנאַציאָנאַל? ווי גרויס איז געווען אונ־דזער שמחה, ווען די התקווה האָט פאַרהילכט אַנדערע געזאַנגען.

און איידער איך שליס דעם קאַפּיטל „פשיעטשוויט־השחר" און אונ־טערדריק די הונדערטער דערינערונגען, וואָס נעמען אַרום מיין זכרון, וויל איך אַריבערגיין צו אַ לייכטערער טעמע — דעם יערלעכן באַל פון דעם „פשיעטשוויט־השחר". יאָ, דער „פשיעטשוויט־השחר" האָט אויך גע־טאַנצט, און נאָך ווי! זיין יערלעכער באַל איז געווען דער צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער געשעעניש פאַר אונדזער אינטעליגענץ. עס איז געווען אַ טאָג פון אָפּרו נאָך און פאַר דעם דערנערדיקן קאַמף פאַר אונ־דזער ציוניסטישן אידעאַל.

אָבער איך וויל בשום אופן נישט פאַרגעסן אין די צוויי קלענערע אַלגעמיין־ציוניסטישע אַקאַדעמישע פאַרבינדונגען מיט אַ ביסל רעוויזיאָ־ניסטישן שניט — די „קדימה" און די „אמונה". איך זע די קאָלירטע בורשן־בענדער אויף דער ברוסט און די גאַווהדיקע קאָלירטע היטעלעך. אָבער — מיטן מגן דוד בראש. דער „פשיעטשוויט" האָט נישט זייער ליב געהאַט דעם דאָזיקן טיפּ פון קאָרפּאָראַציעס, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ באַרעכטיקונג אויף אַ באַזונדערן געביט, אויף דעם געביט צו באַגעגענען

דעם אַנטיסעמיטישן האַס מיט גלייכע באַגריפן פון פיזישער ערע, וואָס איז אין תוך אַזוי פרעמד געווען אונדזער גייסט. עס זענען מיר געבליבן אין זכרון צוויי נעמען, איינער אַ געבווירענער „בורש" מיט יידישן שטאָלץ דר. וויסטריך און איינער פון אונדזערע בעסטע רעדנער — איך הער נאָך הילכן זיין געוואַלטיקע שטים אויף דעם באַרימטן הויף פון דער פאַמיליע זיסער — דר. יעקב שעכטער, ער לעבט היינט אין מדינת ישראל. נאָך שווערע נסיונות אין רוסלאַנד איז ער היינט אַדוואָקאַט אין תל־אביב און איינער פון די פירער פונעם „חירות" מיט דעם אַלטן נישט אָפּגעקילטן ברען.

אונדזער אַקאַדעמישע באַוועגונג האָט געהאַט פיליאַלן אין די וויכ־טיקסטע שטעט פון מערב־גאַליציע און שלעזיע, בפרט אין טאַרנאָוו, זשע־זשאָוו און יאַראָסלאַוו. צווישן די אַנדערע ציוניסטישע ריכטונגען האָט אויך די פועלי־ציון געהאַט איר אַקאַדעמישע פאַרבינדונג אין קראָקע. איך גלויב, זי האָט געהייסן „הירות" און די „התאחדות" האָט געהאַט די „גורדוניה".

אונדזער „פשיעטשוויט־השחר" האָט געהאַט אויך אַ יידישן כאָר. ער איז געווען בלי ספק נישט אויף דער הויך פון די איטאַליענישע סקאַלאַ־זינגער. דער „חירות" האָט אויך געהאַט אַ כאָר, וואָס איז ווידער נישט געשטאַנען אויף דער הויך פון דער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע. וויל איך דאָ אין דעם דאָזיקן טרויעריקן בוך דערמאָנען אַ הומאָריסטישן עפּיזאָד, כדי דעם לייענער אַביסל פריילעכער צו מאַכן. ווען איך בין גע־ווען דער פּאָרזיצער פון דעם „פשיעטשוויט־השחר", האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג דעם פאָרזיצער פון חירות, אַז מיר זאָלן פון אונדזערע צוויי שלעכטע כאָרן מאַכן איינעם, אַ האַלבוועגס גוטן. האָט מיר דער פאָרזי־צער פון דעם חירות — איך האָב אים דאָ נישט לאַנג צוריק געזען אין ניו־יאָרק — געענטפערט: „לאָ! אַ געמיינזאַמער כאָר וואָלט פאַרטונקלט דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין פון די מיטגלידער פון חירות!... אָבער דער דאָ־זיקער פאָרזיצער פון חירות האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אויף דעם געביט פון פאָפּולאַריזירן יידישע פאָלקס־לידער און יידישן פאָלקלאָר בכלל. דער ערשטער גרויסער קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער אין דעם שענסטן זאַל פון קראָקע, דעם אַלטן טעאַטער־זאַל, איז געווען זיין

פאַרדינסט! איך האָב אים דאַן צוליב דעם מוחל געווען זיין „קלאַסן־באַ־ווּסטזיין". און נאָך איין פּרט וויל איך דאָ דערמאָנען פאַרן שבח פון דעם דאָזיקן פאַרזיצער פון חירות. ווען עס איז אַנטשטאַנען דער קלאַנג, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָרגאַניזירט זיך אַ יידישער לעגיאָן צו קעמפן פאַר ארץ ישראל, איז ער געווען דער איינציקער, וועלכער איז פון אונדזער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט געפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... איך האָב אים געוואָרנט און באַגלייט צום וואָקזאַל... ער איז צוריקגעקומען מיט גאָרנישט, אָבער געפאָרן איז ער. האָב איך אים ווידער מוחל געווען זיין זינגענדיקן קלאַסן־באַוווּסטזיין... זיין נאָמען איז אַרטור שטייגלער.

און ווי זאָל איך נישט דערמאָנען די העראָישע מאָמענטן אין אונדזער קאַמף אויף דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט? פאַרביסענע אַנטי־סעמיטן — מיט איינעם פון זיי, טאַדעוש ביעלעצקי, איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו פירן אַ האַרטן קאַמף אין דעם פוילישן גלות־פּאַרלאַ־מענט אין פראַנקרייך און אין לאָנדאָן, אין די יאָרן 1940 ביז 1945. רעאַקציאָנערע קלעריקאַלן פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט ראַ־דיקאַלע סאָציאַליסטן, סיי פון די קרייזן פון „בונד", סיי פון די קרייזן פון דער פוילישער ראַדיקאַלער אַקאַדעמישער פאַרבינדונג „ספּויניאַ", וואָס אַ סך פון זיי האָבן געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון ס.ד.ק.פּ.ל., האָבן געמאַכט זייער שווער די פּאָזיציע פון אונדזער מאָדערנעם בירגערלעך־פאַרשריטלעכן „פשיטשוויט־השחר". זאָל איך פאַרגעסן אין די קאַמפן, וועלכע אונדזער אַקאַדעמישער פאַרבאַנד האָט געפירט צוזאַמען מיט אַנדערע אַקאַדעמישע פאַריינען בעת שטרייקן פון דער סטודענטנשאַפט קעגן רעאַקציאָנערע פאַראָרדענונגען פון דעם רעקטאָראַט, ווי צום ביישפּיל, אונדזער קאַמף קעגן קלעריקאַליזם בעת דער אַזוי גערופענער „וואַהרמונדיאַדע" און „צימערמאַניאַדע" (וואַהרמונד איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון קירכלעכן רעכט אויף דעם אוניווערסיטעט אין פּראַג און צימערמאַן איז געווען אַ קאַטוילישער גלח און דער רעקטאָר פון דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט צו יענער צייט). איך זע פאַר מיר די באַריקאַדן, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט ביי די פאַרשלאָסענע טויערן פון דעם שיינעם, אימפּאָנירנדיקן בנין פון דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסי־טעט, וואָס האָט באַשיינט די קראָקעווער פּלאַנטן, דאָס זענען געווען

העראָישע צייטן אין אונדזער סטודענטישן לעבן און אונדזער „פשיעטש־וויט" האָט אין זיי געשפּילט אַ וואָגיקע ראָלע.

## יידישע פּראָפעסאָרן פון דער יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט

וואָלט עס אפשר געווען בעסער אָראָפּצולאָזן דעם פאָרהאַנג איבער די געשעענישן פון יענער צייט? אָבער עס ציט מיך דאָך צו פאַראייביקן די געשטאַלטן כאָטש פון עטלעכע פּראָפעסאָרן פון דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט פון יידישן אָפּשטאַם. איך טו עס נישט נאָר דערפאַר, ווייל קיינער וועט מן הסתם אין זיי נישט געדענקען מצד דער פּוילישער געזעלשאַפט, איך טו עס אויך דערפאַר, ווייל אפשר האָבן זיי חרטה סיי אויף יענער וועלט, סיי אויף דער וועלט, פאַר דער שטעלונג, וואָס זיי האָבן אָנגענומען צו אונדז, צו דער יידישער יוגנט אין אונדזער דראַמאַטיש־העראָישן קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און פרייהייט. קיינער פון די פּראָפעסאָרן האָט נישט געהאַט דעם מוט און אַפילו נישט דעם ווילן צו שטיין אויף דער זייט פון דער ציוניסטישער יוגנט אָדער דער נאַציאָנאַל־יידישער יוגנט בכלל. און טראָצדעם וויל איך זיי דערמאָנען.

אָט זע איך פאַר מיר פּראָפעסאָר שטערנבאַך, דעם וועלטפּרעמדן פילאָלאָג, וועלכער האָט געלעבט אין דער וועלט פון העלענישער שיינקייט און וועלכער איז געווען פאַרליבט אין די גריכישע אותיות און בפרט אין דעם אות „די גאַמאַ", וועגן וועלכער ער האָט נישט אויפגעהערט צו דאָצירן און וועגן דעם צייכן „יאָטאַ סובסקריפּטום", וואָס ער האָט וועגן זיין „געשיכטע" אַזוי פיל געשריבן. ווען עס איז אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן אונדז, די יידישע יוגנט אין דעם רעקטאָראַט, איז ער דאָ נישט געווען, מען האָט אים נישט געקאָנט געפינען. אָבער אַ טראַגישער גורל האָט געוואָלט, אַז ער איז געשטאָרבן, ווייל ער איז געווען אַ ייד.ביים אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה זענען אַ סך פון די פּראָפעסאָרן פון דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט דורך היטלערס רוצחים געשיקט געוואָרן אין דעם שרעקלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער, דעם טרויעריק באַרימטן מאַטהאַוזען. אַ סך פון זיינע קריסטלעכע קאָלעגן, וואָס

זענען דעמאָלט דעפּאָרטירט געוואָרן אַהין, אַ סך אָבער נישט אַלע, זענען היינט ווידער פּראָפעסאָרן אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט. איך לייען ציימנגווייז זייערע נעמען אין די צייטונגען. אָבער פּראָפעסאָר שטערנבאַך האָט באַצאָלט מיט אַ מאַרטירער־טויט אין מאַטהאַוזען פאַר זיין יידנטום, צו וועלכן ער האָט זיך אומגעקערט מיט דער פּלייצע.

אַ צווייטער אין מיין זכרון איז דער דאָצענט דר. יאָאַכים מעטאַלמאַן (דרך אגב, זיין פרוי איז געווען מיין שילערין, איך האָב זי געלערנט גריכיש און לאַטיין), ער איז שפּעטער פאַרכישופט געוואָרן דורך זיינע פילאָזאָפישע זאָרגן וועגן דעם גייסט פון דער גאַנצער מענטשהייט און וועגן דעם גורל פון דעם קאָסמאָס, האָט ער ממילא פאַרגעסן, אַז אינעם קאָסמאָס איז אויך דאָ אונדזער יידישע פאָלק. אָבער ער איז נישט געוואָרן קיין שונא פון אונדזער רעיון. סתם גלייכגילטיק געוואָרן. אויך ער, מיין יוגנטקאָלעגע, איז דערמאָרדעט געוואָרן פון היטלערן אין מאַטהאַוזען.

אַן אַנדערער איז געווען פּראָפעסאָר ריינהאָלד. פּראָפעסאָר פון יוריספּרודענץ. איך האָב געקענט זיין גאַנצע פאַמיליע. ער איז געווען אַ גוטער יוריסט און איך וואָלט היינט געווען צופרידן, ווען איך וואָלט געקאָנט זאָגן דאָס זעלבע וועגן זיין יידישקייט. אָבער צו זיין שבח מוז איך דערמאָנען, אַז ער האָט געהאַט דעם מוט פון צייט צו צייט, צו אונטערשטיצן אונדזערע פאָדערונגען, פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, באַטירלעך. איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט אים געשען. און עס קומט מיר אויפן זכרון איצט אַ קליינער מאַן, איך זע אים פאַר מיר, ווי ער גייט אַרויס פון דעם גרויסן טויער פון דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט און איילט זיך דורך אונדזערע „קראָקעווער פּלאַנטן" פאַרלוירן אין זיינע געדאַנקען, נישט זעענדיק קיינעם. ער האָט געלעבט אין דער וועלט פון אַבסטראַקציע, אין דער וועלט פון דימענסיעס, אפשר פיר דימענסיעס און אפשר מער, ער האָט געהאַט אַ יידיש האַרץ, אָבער דאָס יידישע בלוט האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין — מאַטעמאַטיק. ער איז געווען גענִיאַל אין מאַטעמאַטיק. ער איז שפּעטער געשטאָרבן אַלס אַן אויסטויש־פּראָפעסאָר אין לימאַ, פּערו. דער אויסטויש איז נישט געווען אין גאַנצן אַ פּריווילִיקער, ווייל צו יענער צייט זענען די כוואַליעס פון אַנטיסעמי־

טיזם שוין געשטיגן הויך און האָבן געדראָט צו דערטרינקען אויך דעם יידישן מאַטעמאַטיקער. געהייסן האָט ער ר אָ ז ע נ ב ל אַ ט.

עס איז נישט געווען בנמצא קיין שום ייד אין דעם פּראָפעסאָרן־קאָלעגיום פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט.

קיינער פון דער דאָזיקער קליינער גאַלעריע פון „איזראַעליטישע" פּראָפעסאָרן איז נ י ש ט געווען געשמדט. דאָס איז געווען דער הויפּט אינהאַלט פון זייער יידישקייט. זיי זענען געווען די לעצטע יידישע מאַ־היקאַנער אויף דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט, גלייך ווי יידישע ריכ־טער אין פּוילישע געריכטן זענען דעמאָלט שוין געווען אויך די לעצטע מאָהיקאַנער.

אָבער איין פּראָפעסאָר, אַן אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסאָר — איז געווען בלבֿ נאָענטער צו דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט. געשטאַמט האָט ער פון אַ גאָר יידישער סביבה, פון יידישקייט און אָרעמקייט. די העברעישע שפּראַך איז אים געווען באַקאַנט און ער איז געוואָרן אַ באַ־קאַנטער פאָרשער אויף דעם געביט פון עקאָנאָמיע. נו, און דאָס איז אַ צווייג פון וויסנשאַפט, וואָס דערציט נישט באַזונדערס צו סענטימענטן און עמאָציאָנאַליזם. איז זיין יידישקייט געווען זייער־פאַרזיכטיק, אָבער עס איז פאַרט געווען דער ייד אויף דער אוניווערסיטעט — בדורו. ער האָט אַמאָל אין נאָמען פונעם סענאַט פון דער יאַגעלאָנישער אוניווער־סיטעט פאַרטראָטן דעם קוראַטאָר פון דעם יידיש־אַקאַדעמישן אַלגעמיי־נעם פאַרבאַנד „אַגניסקאַ" און ביי דער געלעגנהייט האָב איך אַמאָל אין יאָר 1939, געהאַט מיט אים אַ גאָר אינטערעסאַנטן מיינונגס־אויסטויש. איך דערמאָן אים דאָ, ווייל עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סיטואַציע פון אונדזער יידישער יוגנט אויפן אוניווערסיטעט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַערן אַ געשמדטן פּראָפעסאָר מיט אַ בילד אויף דער וואַנט אין דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז. זייענדיק אַ יידישער דע־פּוטאַט פונעם פּוילישן סיים, האָב איך געדראָט צו פאַרלאָזן די זיצונג, אויב אַזאַ באַשלוס וועט אָנגענומען ווערן. דער קוראַטאָר איז געשטאַנען פאַר אַ זייער שווערער סיטואַציע. איך האָב אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל אָפּלייגן דעם באַשלוס „אַד קאַלענדאַס געקאַס". און אַזוי איז עס געשען. דאָס בילד איז קיינמאָל נישט אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף דער וואַנט

פון דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז. איך האָב שפּעטער אָפּט באַגעגנט פּ ר אָ פ ע ס אָ ר פ ע ר ד י נ אַ נ ד צ ו ו י י ג — דאָס איז זיין נאָמען — אין טשערנאָוויץ, אין בוקאַרעסט, אין פּאַריז און אין אַנגערס (פראַנקרייך), אין לאָנדאָן, ווו ער איז געוואָרן דער עקאָנאָמישער באַראַטער פון גענעראַל שיקאָרסקי, און... און... אין יאָר 1953, אין אונדזער הייליקן ירושלים. ער איז דעמאָלט געווען פּראָפעסאָר פון אליעזר קאַפּלאַנס אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמיע, אַלס רעספּעקטירטער ספּעציאַליסט פון דעם פּראָבלעם פון פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט. דאָס איז געווען באמת — אָן עליה! הגם אַ צייטווייליקע.

עס איז געווען אַ פריילעכע איבערלעבונג, וואָס איך האָב פּראָפעסאָר פערדינאַנד צווייג געזען אין ירושלים און איך האָב מיך נישט געוווּנדערט, ווייל ער איז געווען סוף כל סוף דער אַמײנסטן יידישער צווישן די פּראָפעסאָרן פון משהס גלויבן אויף דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט!

צוויי פּראָפעסאָרן אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט זענען אין מיין צייט געווען געשמדט.

איינער אַ דאָצענט פון מוזיקאָלאָגיע מיט דעם נאָמען דר. י אָ ז ע ף ר יי ס, אַ געניטער טעאָרעטיקער פון מוזיק און בכלל פּאָליטיש נישט טעטיק. נישט ער האָט מיט דער יידישער יוגנט געהאַט וועלכע ס׳איז קאָנטאַקטן און אויך די יידישע יוגנט האָט אים באַטראַכט אַלס דאָס, וואָס ער איז געווען — אַ פרעמדער. אפשר האָט זיך ערגעצוו אין זיין האַרץ דערוועקט אַ פונק פון יידישקייט, ווען עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו אַוואַנסירן צו דער שטעלונג פון אַ פּראָפעסאָר, ער איז געווען נאָר דאָצענט; ער האָט אויך אפשר געפילט צייטנווייז דעם אַנטיסעמיטיזם פון זיין שעף, דעם פּראָפעסאָר יאַכימעצקי, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער קאַטעדרע פון מוזיקאָלאָגיע, אָבער אַרויסגעוויזן האָט עס, הער רייס, קיינמאָל נישט.

דער צווייטער געשמדטער פּראָפעסאָר איז געווען אַ פולער פּראָפעסאָר פון רוימישן רעכט און האָט געהאַט אַן אייגענע קאַטעדרע.

דאָס איז דער געשמדטער פּראָפעסאָר, פון וועלכן עס האָט געזאָלט אויפגעהאנגען ווערן דאָס בילד אין דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז. אַ רירעוודיקער גייסט. פיזיש האָט ער אויסגעזען קיילעכדיק און זיין רוקנ־

ביין איז דערפאַר נישט געווען גאַנץ גלייך. ער האָט געשטאַמט פון אַ רעליגיעזער יידישער פאַמיליע. ער איז געווען בכלל אַ קלוגער. און פלוצים איז אים איינגעפאַלן זיך צו שמדן! ער האָט זיך דאַן געצלמט — האָט מען דערציילט — אויף די גאַסן פון קראָקע און אין דער שטאָט פון צענדליקער קלויסטערס און רעליגיעזע מאָנומענטן איז געווען אַ סך גע־לעגנהייטן פאַר דעם. און אַפילו אַלס אַ געשמדטער איז ער נאָך געווען דער קוראַטאָר פון דעם יידישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד „אַגניסקאַ". אַט אַ מער פאַרלעסלעכער קוראַטאָר פון די אינטערעסן פון דעם רעקטאָראַט. אונדזער יידישע אַקאַדעמישע יוגנט האָט געהאַט צרות פון אים. ער איז נישט געווען בייזוויליק, אָבער ער האָט געמוזט באַווייזן, אַז ער איז אַ פולער קריסט. עס האָט אים נישט קיין סך געהאָלפן. אין דער צייט פון דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט זענען זיינע פאַרטראַג־זאַלן געוואָרן פוסט און פאַשיסטישע אַנטיסעמיטן האָבן אים צוגערופן: „זשידעק", הגם ער איז געווען געשמדט... איך האָב דאַן פּראָפעסאָר ראַפּאַעל טאַובענשלאַג — דאָס איז געווען זיין נאָמען — באַגעגנט אין רוים, וווּ ער האָט געפּרוווט צו באַקומען אַ קאַטעדרע, ווייל דער קלימאַט אויף דעם יאַגעלאָנישן אוני־ווערסיטעט איז אים אין יאָר 1936 געוואָרן צו הייס. איך האָב אים דאַן שפּעטער געזען אַ „יידישער" גע־ונד אין ניו־יאָרק. און היינט איז ער ווי־דער געוואָרן פּראָפעסאָר אויף דעם אוניווערסיטעט אין וואַרשע, אין דעם קאָמוניסטיש־רעגירטן פוילן!

פּראָפעסאָר טאַובענשלאַג איז געווען אַ באַרימ־טער ספּעציאַליסט אין דער וויסנשאַפט פון עגיפּטישע פּאַפּירוסן. איך וייס נישט, צי גאַמאַל אַבדול נאַסער — ווייס דערפון!

אַזוי אַרום איז די יידישע נאַציאָנאַלע יוגנט אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט געווען פאַראיינזאַמט און אַליין. דאָס באַטירלעכע וואָס מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן, נעמליך מאָראַלישע און מוטיקע שוץ מצד די ווינציקע יידישע פּראָפעסאָרן איז בדרך כלל נישט געווען בנמצא. פאַרקערט, די יידישע נאַציאָנאַלע יוגנט האָט זיך געמוזט היטן פאַר דעם איינפלוס פון די מערסטע פון די דאָזיקע „אַזואַעליטישע פּראָפעסאָרן". זאָלן זיי נישט בלייבן פאַרגעסן. עס איז אַ טרויעריקער קאַפּיטל.

די איינזאַמקייט פון דער יידישער יוגנט איז נאָך געווען גרעסער, ווייל אויך אין דעם קריסטלעך־פוילישן גרויסן טייל פון דער פּראָפעסאָרן־קאָלעגיע האָט די יידישע יוגנט געהאַט גאָר ווייניקע אונטערשטיצער. דער גרעסטער רוב פון דער פּראָפעסאָרן־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון קולטי־ווירטע קאָנסערוואַטיוון, פון קלעריקאַלע מיט אַ יעזואיטישן קאָליר, פון ענדעקעס, מיליטאַנטע און באַהאַלטענע אַנטיסעמיטן, פון קריסטלעכע דע־מאָקראַטן, וואָס זענען געווען אונדזערע קעגנער מיט אַ צוגאָב פון העפ־לעכקייט. נאַטירלעך האָט די יידישע יוגנט נישט געקאָנט האָפן אויף קיין אמתדיקער אונטערשטיצונג נישט פון די קאָנסערוואַטיווע און נישט פון די קריסטלעכע דעמאָקראַטן. זי איז געווען אין דער פּוילישער סביבה פאַראיינזאַמט. דאָס האָט בולט באַוויזן די באַרימטע אַנקעטע וועגן דעם „נומערוס קלאוזוס" און וועגן דער פּראָצענט־נאָרמע, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט איינגעאָרדנט אין אַלע הויכשולן אין פּוילן. עס איז גע־ווען אַ תהום־אַרטיקער קאָנטראַסט צווישן די לאָזונגען פון דער קאָנסטי־טוציע פונעם יאָר 1921 און דער פּראַקטיק.

## ליכטשטראַלן צווישן די פּוילישע פּראָפעסאָרן

אָבער איך וויל דאָ נישט פאַרגעסן די עטלעכע ל י כ ט ־ ש ט ר אַ ל ן, וועלכע זענען געווען אין דער פינצטערניש. איך וויל דאָס בילד אויס־מאָלן אַזוי ווייט אָביעקטיוו ווי נאָר מעגלעך. עס זענען געווען אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט ווייניק ליבעראַלן אין דער פּראָפעסאָרן־קאָ־לעגיע און קיין שום סאָציאַליסט, יעדנפאַלס קיין שום אָפענער סאָציאַ־ליסט. אָבער דאָך זענען געווען עטלעכע יחידים, וואָס האָבן אַרויסגע־וויזן פאַרשטענדעניש און אַ געפיל פון גערעכטיקייט פאַר אונדזערע פאָ־דערונגען. זיי האָבן עס נישט באַוויזן צו שטאַרק, ווייל זיי זענען געווען דערשראָקן פון דער פּאָליטישער טענדענץ און זיי האָבן נישט געוואָלט איינשטעלן זייער פּאָזיציע אין דער מערהייט פון אַנטי־יידישע פּראָפע־סאָרן. און אַזוי ווי די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע טענדענץ האָט זיך וואָס מער און מער פאַרשטאַרקט, איז אויך דער מוט ביי די דאָזיקע פריינט אונדזערע שוואַכער געוואָרן. עס איז צווישן די דאָזיקע פּראָפעסאָרן נישט

געווען קיין קעמפער. אָבער אונדזער שווערער ביטערער קאַמף קעגן די געטאָ־בענק האָט געפונען אַ סימפּאַטישן אָפּקלאַנג ביי יחידים פון דער פּראָפעסאָרן־קאָלעגיע. זאָלן זייערע נעמען דאָ ווערן אָנגערופן.

אָט זענען זיי: פּראָפעסאָר פרידעריק צאָל, דער ייִנגערער, פּראָפ. אַדאַם קושיזשאַנאָווסקי, פּראָפ. ווילקאָש, דער סעמיטאָלאָג און העברעיסט פּראָפ. אַדאָ בויוויד, אַ באַקטעריאָלאָג, אויך איין פּראָפעסאָר אויף דעם טעאָלאָגישן פאַקולטעט, דער גלח אַרכוטאָווסקי.

אין דער פראַגע פון נומערוס קלאַוזוס און פון דער פּראָצענט־נאָרמע האָבן אויך לגבי יידן אָנגענומען אַ מער ליבעראַלע שטעלונג דער רעקטאָר פּראָפעסאָר פּיריך, אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט; פּראָפעסאָר קומאַנעצקי, במשך פון אַ געוויסער צייט אונדזער קאָלעגע אין שטאָט־ראַט פון קראָקע; פּראָפעסאָר פון ציוויל־רעכט וו. ל. יאַוואָרסקי, אַ קאָנסערוואַטיווער, אַ מאַן פון ווייטער אייראָפּעישער בילדונג, אַ גאָר שיינע געשטאַלט אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט; און פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו ווראָבלעווסקי, איינער פון די קלאָרסטע יורידישע אַנאַליטיקער, אַ מאַן פון גרויסער אויטאָריטעט אויף דעם אוניווערסיטעט.

זאָלן דאָ די דאָזיקע שטראַלן אין דער פינצטערניש דערמאָנט ווערן. זיי האָבן די פינצטערניש געמאַכט מילדער, אָבער זיי האָבן זי נישט פאַרטריבן. דאָס קאָן טאָן נאָר אַ זון און נישט עטלעכע שטראַלן און עס האָט געפעלט אַ זון פון הומאַניטאַרן פאַרשריט צווישן דער מערהייט פון דעם פּראָפעסאָרן־קאָלעגיום פון דער קראָקעווער אוניווערסיטעט. עס איז געווען בפרט פינצטער לגבי אונדז יידן אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט.

לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזערע אַקאַדעמישע פאַרבינדונגען.

דער פּעכער פון פאַרשיידנאַרטיקע און אָפט קעגנערישע אַקאַדעמישע יידישע פאַרבינדונגען — „פשיטשוויט־השחר", „קדימה", „אמונה". די „גורדוניה" (התאחדות), דער „פאַרבאַנד" (זוויאָנזעק), „בונד" און אַפילו די שוואַכע אַקאַדעמישע פאַרבינדונג פון די אַסימילאַטאָרן מיט דעם נאָמען „פאַרייניקונג" (זיעדנאָטשעניע) האָט געהאַט אַ גאָר שווער לעבן! דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַפילו אין דער פּראַקטיק נישט געמאַכט קיין גרויסע אונטערשיידן צווישן אַסימילאַטאָרישן „זיעדנאָטשעניע" און דעם ציוניסטישן „השחר".

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט

# אונדזער חלוציִשע יוגנט

און איצט וויל איך מיך דערנענטערן צו אַן אַנדערן גרויסן צווייג פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג, צו דער נישט־אַקאַדעמישער יוגנט־באַוועגונג. זי איז געווען אַ כוח. אַן אמתדיקער כוח. און פון דער ווייטנס, נאָך אַ תקופה פון 17 יאָר, זע איך נאָך קלאָרער דעם דאָזיקן כוח ווי איך האָב אים געזען אין קראָקע. דאָס אָפּטישע געזעץ האָט דאָ נישט קיין אָנווענדונג. וואָס ווייטער, וואָס בעסער זע איך, וואָס גרעסער דערשיינט מיר די דאָזיקע יוגנט־באַוועגונג אונדזערע.

און עס איז געווען אַ פּלאַן אין דער אַרבעט פון דער דאָזיקער יוגנט־באַוועגונג. מיר האָבן אין דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד געהאַט אַ באַזונדערן יוגנט־רעסאָרט, וואָס האָט צענטראַליזירט די יוגנט־אַרבעט אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און לאַנגע צייטן איז דער דאָזיקער יוגנט־רעסאָרט געפירט געוואָרן דורך אונדזער, יצחק שטערן, און זיין ברודער דר. נתן שטערן. זיי האָבן מיט התלהבות געטאָן זייער אַרבעט. יצחק איז היינט דער לייטער פון אַ קליינער וועש־פאַבריק אין תל־אביב און נתן איז אַן אַדוואָקאַט אויך אין תל־אביב, אין דעם לאַנד, פאַר וועלכן זיי האָבן אַזוי פיל אַרבעט און ליבע אָפּגעגעבן.

דער פּלאַן פון דער טעטיקייט, וועלכן איך האָב דערמאָנט, איז באַשטאַנען אין אָנהאַלטן דעם סינטעז פון חלוצישער דערציִאונג צוזאַמען מיט דערציִאונג פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אונדזער שטח. נאַטירלעך האָט מען נישט געקאָנט פאַרבינדן ביידע ביי די זעלביקע פּערזאָנען, אָבער עס איז געווען די לאָזונג, אַז אַזוי לאַנג ווי די יוגנט איז אויפן אָרט, האָט זי דעם חוב צו זיין טעטיק פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, אין אונדזער שטח און אין פּוילן. אונדזער יוגנט האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אירע פליכטן אויפן אָרט איידער זי איז עולה געווען קיין ארץ ישראל. עס איז געווען דער ארץ־ישראל־גלות־סינטעז, וועלכן איך האָב דערמאָנט ביים סאַמע אָנהייב פון מיינע זכרונות אַלס דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דעם ספּעציפישן אַלגעמיינעם ציוניזם פון מערב־גאַליציע און שלעזיע.

לאָמיר אַ קוק טאָן אויף אַ ווייל צו דעם ערשטן טייל פון אָט דער

יוגנט־באַוועגונג — דער חלוצישער, וואָס איר פּנים איז געווען געווענדט צו ארץ ישראל אַלס דער באַזע פון איר לעבנס־פאַרווירקלעכונג. איך וויל מיך דאָ באַגרענעצן נאָר צו עטלעכע אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער, איז אַ לאַנגע און אַן אינטערעסאַנטע.

דער הויפּט־טייל פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען בלי ספק די „עקיבא״ (אגודת הנוער העברי). זי איז געווען פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן שטח. אין יאָר 1932 איז אין אירע רייען אַנטשטאַנען אַ שפּאַל־טונג אַרום אינערלעכע דערציאונגס־פּראָבלעמען און אַרום דער פראַגע פון דיסציפּלין לגבי דער עקזעקוטיווע פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס איך האָב שוין אויבן דערמאָנט. די דאָזיקע יוגנט־באַוועגונג איז תמיד גע־וואַקסן אין אונדזער שטח. אין יאָר 1935 האָט אין אירס אַ באַריכט, די „עקיבא״ באַצייכנט איר באַוועגונג אַלס אַ מחנה פון צוועלף טויזנט מיטגלידער מיט 147 לאָקאַלע צווייגן, מיט אַ וואָכנשריפט „עקיבא״, וואָס איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין 3.000 קאָפּיעס און מיט אַ צוויי־וואָכנשריפט פאַר די גאָר יונגע מיטגלידער פון דער „עקיבא״.

די צווייטע גרופּע איז געווען דער „הנוער הציוני״. די דאָזיקע באַ־וועגונג האָט געהאַט אַן אָפּגעזונדערטע אָרגאַניזאַציע אין קאָנגרעס־פּוילן. דער „הנוער הציוני״ אין גאַליציע איז געווען מייסטנס פאַרשפּרייט אין מזרח־גאַליציע. ער איז געווען שוואַכער אין מערב־גאַליציע. אומגעקערט די „עקיבא״ האָט געהאַט איר פעסטונג אין מערב־גאַליציע און האָט תמיד געפּרוווט אַריינצודרינגען אין מזרח־גאַליציע און דאָס מיט אַ באַשיידע־נעם דערפאָלג. אַט דער „הנוער הציוני״ אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, האָט אין דעם זעלביקן יאָר 1935 אָנגעגעבן זיין כוח אויף פינף טויזנט מיטגלידער מיט 70 לאָקאַלע אָפּטיילונגען אין דעם שטח אַליין.

וואָס איז געווען דער אידייאישער אונטערשייד צווישן די צוויי באַ־וועגונגען? פאַר וואָס זענען אַנטשטאַנען צוויי באַוועגונגען, הגם זיי האָבן געהערט צו איין אידייאי־שער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? די סיבה איז געווען אַ גאַנץ וואַגיקע. די „עקיבא״ האָט געהאַט אַ טענדענץ צו בויען איר הכשרה

רוחנית אויף אַ סינטעז צווישן מאָדערנער יידישער קולטור מיט רעלי־גיעזער טראַדיציע, אָבער נישט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך מיט רעליגיע־זער פּראַקטיק. דר. יהודה אָרענשטיין און יואל דרייבלאַט זענען געווען די הויפּט־טרעגער פון דעם דאָזיקן רעליגיעזן געדאַנק. אָרענשטיין איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און יואל דרייבלאַט — אַ גייסטיקער טרוימער.

דער „הנוער הציוני״ איז ביי אונדז געווען וועלטלעך אָריענטירט. יידישע טראַדיציע איז פאַר אים געווען אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור, אָבער נישט קיין לעבנסוועג אין דער קעגנוואַרט. אַט דער דאָזיקער אונטערשייד איז געווען די עיקרדיקע סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייאונג פון צוויי סעפּאַראַטע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, הגם ביידע זענען געווען אַלגעמיין־ציוניסטיש. די אָרגאַ־נישע אַנטוויקלונג פון אידעאָלאָגישע דיפערענצן כאַפּט זיך אָפּט איבער אויף אַנדערע געביטן — פון אָרגאַניזאַטאָרישע אַמביציעס צווישן אָרגאַ־ניזאַציעס און פון פּערזענלעכע שפּאַנונגען צווישן די פירער. וואָס עס ווערט דאַן דאָס עיקרדיקע און וואָס דאָס סעקונדערע איז אַ פראַגע פון צופאַל. מיר וועלן דאַן שפּעטער זען אויף אַ ברייטערן געביט, אויף דעם געביט פון פרוון צו פאַרייניקן די דריי אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין וואַרשע, לעמבערג און קראָקע אין איינע, ווי די דאָזיקע סעקונדערע סיבות ווערן ערשטקלאַסיקע סיבות.

דער וויכטיקסטער פירער אין דעם „הנוער הציוני״ אין גאַליציע, איז געווען יצחק שטייגער. אַ לאַנגע צייט, אָבער נישט לאַנג גענוג. ער איז גאָר פריצייטיק געשטאָרבן אין חיפה. אָרענשטיין איז געווען אימפּולסיוו און עמאָציאָנעל. שטייגער איז געווען מער געלאַסן כלפּי חוץ, אָבער אַן אויפגערעגטער כלפּי פּנים. אָרענשטיין איז געווען אַ שלאַנקער און אומ־רואיקער, שטייגער איז געווען אַ קליינער אין וווקס, אָבער אַ קאָנסעק־ווענט געביטערישער. איך בין אַמאָל אין 1935, צוזאַמען מיט אים גע־פאָרן אויף דער שיף „פּאָלאָניאַ״ פון קאָנסטאַנצע קיין ארץ ישראל און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט גענוי צו באַאָבאַכטן דעם דאָזיקן יונגנמאַן. אַ שיינעם מאָנומענט האָט אים זיין באַוועגונג אויסגעבויט אין קיבוץ תל־יצחק.

די אָפּט שנאהדיקע באַציאונגען צווישן די צוויי ברידער־אָרגאַניזאַ־

ציעס זענען געווען אומאנגענעם, אָבער פון דער רעטראָספּעקציע, פון כמעט צוואַנציק יאָר וויל איך זי היינט ליבער באַטראַכטן ווי צוויי טייכן, וואָס זענען סוף כל סוף אַריינגעפאַלן אין דעם זעלביקן ים פון ליבע און טעטיקייט פאַר ארץ ישראל. אין קראָקע גופא האָב איך נישט געהאַט די דאָזיקע רעטראָספּעקציע. איך בין נישט זעלטן געווען דער פּוסק אחרון אין די קאָנפליקטן צווישן ביידע באַוועגונגען. און ווען איך האָב אַמאָל אַרויסגעגעבן דעם פּסק לטובת דער „עקיבא" — האָב איך שפּעטער גוט דערשפּירט דעם אימפּעט פון דעם „הנוער הציוני". ביידע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זייער ערנסט אויפגענומען דעם ענין הכשרה. הכשרה איז אין פּוילן נישט געווען קיין סאַלאָן־ענין. אין עטלעכע פּונקטן אינעם לאַנד זענען געווען הכשרות, צייטנווייז אין גאָר שווערע באַדינגונגען. איך האָב אָפט זומער־צייט באַזוכט די דאָזיקע פּונקטן. ווען איך בין דאָ אין אַמעריקע, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געווען אין דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן הכשרה־פּונקט מיט דעם אינדיאַנישן נאָמען פּאָקיפּסי, נישט ווייט פון ניו־יאָרק, — דער דאָזיקער הכשרה־פּונקט עקזיסטירט היינט נישט מער — און ווען איך האָב דאָרט אַדרעסירט די חלוצים און חלוצות איז מיר אויפן וועג פון קאָנטראַסט געקומען אין זכרון דער הכשרה־פּונקט אין נאָווי טאַרג, נישט ווייט פון זאַקאָפּאַנע. דאָ אין פּאָקיפּסי — אַ באַקוועמער בנין מיט שיינע חדרים; דאָרט — אַ פּויעריש הויז, אָרעם און פּרימיטיוו. דאָ פּאָרטראַגן וועגן ציוניזם אין אַ קילן לאָגישן אַנאַליז, און דאָרט, אין דער אַלטער היים, האָבן די יוגנט־פירער געקנעלט און געפּראַוועט תורה פון ציוניזם אין אַ דאַך־שטיבל מיט חסידישער איבערגעבנקייט. צייטנווייז אַכט ביז צען שעה אין טאָג און הכשרה איז געווען הכשרה. געאַרבעט האָט מען אין שטאַל, געטאָן די שווערסטע פיזישע אַרבעט אויפן פעלד, כדי זיך פּראַקטיש צוצוגרייטן צו די ראַנגלענישן מיט דער נאַטור אין ארץ ישראל, און מיט דעם דחקות פון די באַדינגונגען אין דער צוקונפטיקער היים. און דערפאַר זענען פון חלוצים אין פּוילן געוואָרן עולים אין די הונדערטער און פון דער הכשרה אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער און אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זענען עס געווען ווינציקע אויסנאַמען.

ווען איך האַלט שוין אין דערמאָנען די חלוץ־באַוועגונג אין פּוילן

און בפרט אין אונדזער שטח, וויל איך דאָ דערמאָנען אויך דעם חלוץ־בנין אין דער שיינער שטאָט ביעלסקאָ, אין שלעזיע. עס איז געווען אַן אויפטו. פאַרשיידענע האַנטווערקער־באַרופן האָבן זיך אונדזערע חלוצים דאָרט געלערנט פּראַקטיש. זאָל אויך נישט פאַרגעסן ווערן דער „טשיכי קאָנ־ציק״ אין קראָקע, ביים סוף פון דער אַזוי גערופענער „בלאָניע״ און אויך נישט די פאַרם אין באַרעק פאַלענצקי און די וויכטיקסטע הכשרה־פּונקטן אין נאָווי טאַרג, אין ראַדימנאָ און אין גאָרליצע. עס איז אויך כדאַי צו דערמאָנען די קאָלאָניעס פאַר אינסטרוקטאָרן, וועלכע אונדזערע חלוצישע יוגנט־באַוועגונג האָט שוין אין יאָר 1930 געפירט אין בוסטריק, אין טאַר־נאָוו און אין דעם קליינעם אָרט דאַבראַ. איך מאַך דאָ נישט קיין שום אונטערשייד צווישן די חלוץ־אינסטיטוציעס און הכשרה־פּונקטן פון די צוויי פאַרשיידענע אַלגעמיין־ציוניסטישע חלוץ־אָרגאַניזאַציעס. איך מאַך בכיוון נישט קיין אונטערשייד. געאָגראַפיע פון ארץ ישראל איז כמעט געוואָרן אַ הייליקער קעגנשטאַנד. עס קלינגען מיר אין די אויערן די הייסע פאַרטראַגן וועגן אַ קוצו־של־יוד אין דעם ציוניסטישן פּראָגראַם. איך זע אויך די פריילעכע פּנימער אין טאָג פון אָפּרו, אין שבת. און די „הוראַ״ האָט מען געזונגען און געטאַנצט ווי עס וואָלט פון איר געווען אָפּהענגיק די גאולה פון אונדזער פאָלק. פרומקייט האָט געהערשט בפרט אין די הכשרה־פּונקטן פון דער „עקיבא״. הכשרה איז געווען באמת אַ מיסיע. דאָס צוגרייטן זיך צו קדושה. צייטנווייז זענען אָבער יחידים אַוועק אין דעם שווערן לעבן. אָבער די גרויסע מערהייט פון הלוצים איז געבליבן געטריי צו דער מיסיע פון חלוציות. און ווי ערנסט די דאָזיקע באַווע־גונג איז געווען, איז צו זען פון דעם פאַקט, אַז זי האָט געטראָגן פּירות. זי איז נישט געבליבן אויפן פּאַפּיר. דער הויפּט־ציל פון הכשרה איז נאַ־טירלעך עליה, דאָס גרינדן פון קיבוצים. דער דאָזיקער ציל איז ביי אונדז נישט געווען קיין שפּיל. עס איז געווען אַ פראַגע פון לעבן: בית יהושע, געשאַפן פון „עקיבא״ אויפן נאָמען פון דר. יהושע טאָן און דער דער־מאָנטער „תל יצחק״ זענען געוואָרן די הויפּט־פּונקטן פון דער פאַרווירקלע־כונג פון דעם חלוצישן אידעאַל דורך אונדזערע אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב באַזוכט „בית יהושע״ און „תל־יצחק״. דאָ און דאָרט גע־

שיקט אונדזערע יונגע פרייגט. ביידע קיבוצים זענען נאָר עטלעכע מינוט איינער פון דעם צווייטן. איך האָב מיך באמת געפרייט וואָס צוויי קיבוצים זענען אויפגעבויט געוואָרן במקום פון איינעם. אָבער איך האָב געפילט אַ ווייטיק, ווען איך האָב געזען, אַז די צוויי קיבוצים, הגם טאָפּאָגראַפיש אַזוי נאָענט, זענען אַזוי ווייט צווישן זיך גייסטיק און געזעלשאַפטלעך. זיי זענען געווען נישט קיין גוטע שכנים. זיי זענען געווען אָפּגעשיידט ווי צוויי וועלטן. היינט איז מיין צוגאַנג צו דער דאָזיקער דערשיינונג אַ מילדערער ווי אין יענער צייט. כמעט אַלצדינג ווערט מילדער פון דער רעטראָספּעקציע. איך זאָג „כמעט", ווייל צייטנווייז העלפט די רעטראָספּעקציע צו זען דערשיינונגען בולטער, קלאָרער, טראַגישער, שאַרפער, ווי צום ביישפיל, אונדזער לעצטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע, וועלכע ווערט וואָס קלאָרער, וואָס שרעקלעכער, וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון איר.

אָבער לאָמיר צוריקגיין פון די גרויסע דערינערונגען צו דעם פּראָבלעם פון אונדזערע קיבוצים. קיבוצים פון אַ קלענערן פאַרנעם זענען געגרינדעט געוואָרן פון אונדזער חלוץ־באַוועגונג אין רחובות, חדרה, פתח־תקוה, מעוז. דער אידעאָלאָגישער קאָנפליקט צווישן „הנוער הציוני" און „עקיבא" איז נישט געקומען צו אַ שטילשטאַנד אין ארץ ישראל. אין דער „עקיבא" גופא איז אַרום דעם רעליגיעזן פּראָבלעם אויך געקומען צו אַ קליינער שפּאַלטונג, וואָס האָט זיך אָרגאַניזאַטאָריש אויסגעדריקט אין דער גרינדונג פון אַ באַזונדערן קיבוץ אין נוה איתן. זעלבסטפאַרשטענדלעך זענען אין אונדזער שטח געווען וואַקע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהערט צו דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און צום השומר הצעיר. איך רעגיסטריר דעם פאַקט, אָבער די באַהאַנדלונג פון דעם ענין געהערט נישט צו מיין טעמע. צו מיין טעמע געהערט אָבער יאָ דער ברית טרומפּלדור, ווייל ער איז אַנטשטאַנען פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער. דער ברית טרומפּלדור איז נישט געווען קיין שטאַרקע באַוועגונג לויט דעם כמות, אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ חלוצישן ווילן. דער צענטראַלער אינטערעס פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען גיכער אַ פּאָליטישער, אָבער זי האָט געוואָלט דאָך באַווייזן, אַז זי איז אויך אויף דעם געביט פון חלוציות נישט הינטערשטעליק.

כדי נישט צו פאַרווישן דאָס בילד, וויל איך מיך דאָ נישט אַריינ־לאָזן אין באַשרייבונגען פון קלענערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען, ווי דער שטייגער איז, אַנטשטאַנען פון אומצופרידענע אָדער ווייל אַ מער ענערגישע פּערזאָן האָט זיך געוואָלט שאַפן אַ קלייזל פאַר זיך. אָבער איך וויל דאָ דערמאָנען כאָטש איינע. דאָס איז געווען דער „השומר הטהור״, וואָס איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דעם ענערגישן דר. ר. פעלדשו. די דאָזיקע קליינע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפּרוווט פאַראייניקן מיט דעם „השומר הלאומי״ אין קאָנגרעס־פּוילן, אָבער אָן רעזולטאַט.

## די גלות־טעטיקייט פון אונדזער יוגנט

אַן אַנדערער טייל פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג, איז געווען געווענדט מיט זיין פּנים מער צו פּראַקטישער טעטיקייט אין גלות גופא. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהאַט אַ לאַנגע טראַדיציע אין אונדזער שטח. די וואָ־גיקסטע גרופּע אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען די „בני־ציון״־אָרגאַניזאַציע. זי האָט געהאַט צווייגן, לויט איר באַריכט, אין אַרום 50 ערטער. זי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו דערציען די יוגנט פון אַלע שיכטן, אָבער בפרט נישט־סטודענטישע יוגנט אין ציוניסטישער אידעאָ־לאָגיע און פאַר ציוניסטישער אַרבעט. עס איז כדאַי אויך צו דערמאָנען די צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין קראָקע „יהודה״ און „העתיד״. אויך דער „העתיד״ האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ. די עקזעקו־טיווע פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געפּרוווט נישט איין מאָל צו פאַר־אייניקן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אין איין צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַ־ציע, אָבער נאַטירלעך — אָן דערפאָלג. עס איז כדאַי צו דערמאָנען די סטודענטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „אבוקה״ און „מסדה״. די דאָזיקע יוגנט־גרופּעס האָבן זיך געשטעלט אַ גרויסע אויפגאַבע צו געווינען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג די שטודירנדיקע יוגנט פון מיטלשולן. עס איז געווען אַ מין צוגרייטונג־אָרגאַניזאַציע פאַר שפּעטערדיקע יוגנט־אָר־גאַניזאַציעס. ווי מיר זעען, איז אין דעם גאַנצן פּלאַן געווען אַן אָרגאַנישער געדאַנק און איך האָב עס שוין פריער דערמאָנט, אַז פּלאַנמעסיקע אַקציע איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג.

איך חזר איבער — עס איז געווען אַ בינשטאָק, פול מיט לעבן און רעש און — האַניק. עס איז געווען אַן אמתדיקע לאַבאָראַטאָריע פון ציוניזם, איך גלויב, אַז אַרום טויזנט חלוצים זענען ביז צום יאָר 1935 אַרויס קיין ארץ ישראל פון אונדזער הכשרה. ווען מען נעמט אין באַטראַכט די פּאָליטישע און פינאַנציעלע שוועריקייטן, אויף וועלכע עס האָט זיך וואָס מער און מער אָנגעשטויסן די עליה, איז דער דאָזיקער רעזולטאַט נישט קיין קליינער.

אין אונדזערע דיסקוסיעס האָבן מיר נישט זעלטן באַרירט די טעמע: די אַטאָמיזירונג פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געזען אַ רפואה קעגן דעם דאָזיקן פּראָצעס. אָט פון דעם געדאַנק איז אַרויס אַ באַוועגונג, וועלכע איך וויל דאָ ביים סוף פון דעם קאַפּיטל וועגן אונדזערע יוגנט־באַוועגונגען דערמאָנען. זי איז געבוירן געוואָרן נישט אין אונדזער שטח, אָבער אין דער גרענעץ־שטאָט צווישן מזרח־ און מערב־גאַליציע, דער באַקאַנטער שטאָט פּשעמישל. שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָרט דר. לעאָן לאַוטערבאַך געגרינדעט, צוזאַמען מיט דר. ב. קנאָפּף, אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען הסתדרות אקאדמים ציוניים (ה.א.צ.). דער דאָזיקער אַקאַדעמישער וויכטיקער טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג געהערט ניט אַריין אין דער תקופה פון 1919 ביז 1939, מיט וועלכער איך האָב מיך ראשית כל צו פאַרנעמען. אָבער אין אָט דער תקופה האָט אונדזער לאַנדעס־עקזעקוטיווע אונטערגענומען שריט, כדי ווידער אויפצולעבן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געקומען צו אַ נאַטירלעכן שטילשטאַנד ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914, ווען דער רוב פון יידישע סטודענטן איז אַוועק אין דער מלחמה. די דאָזיקע באַמיאונגען אויפצולעבן דעם ה.א.צ. האָבן זיך נישט איינגעגעבן. איך וויל אָבער דאָ כאָטש נאָטירן די אויבנדערמאנטע באַמיאונגען מצד דער לאַנדעס־עקזעקוטיווע אין דער ריכטונג פון צענטראַליזאַציע פון אונדזער אַקאַדעמישער יוגנט־באַוועגונג.

און נאָך איין טענדענץ וויל איך דאָ דערמאָנען. די דאָזיקע טענדענץ האָט אַרומגענומען אַ ברייטערן שטח ווי גאַליציע גופא. איך פּערזענלעך האָב תמיד געקלערט וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון סטודענטן פון הויכשולן. איך האָב אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע גע־

וואָלט דערגרייכן אַ העכערע מדרגה פון אחריות מצד אונדזער ציוניס־טישער אינטעליגענץ אין קאַמף פאַר ייִדישקייט און קעגן אַסימילאַציע, מיט וועלכער די אינטעליגענץ איז געווען בפרט באַדראָט. מיר האָבן אין אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אָפט דעבאַטירט וועגן דער גרינדונג פון אַזאַ ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון סטודענטן. שוין אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין די ערשטע יאָרן פון מיינע יורידישע סטודיעס אויף דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט — איך גלויב אין דער צייט, ווען איך בין געווען פאָרזיצער פונעם „פשיטעשוויט־השחר״, אַרום 1910 — האָב איך וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַ־ציע פון ציוניסטישע סטודענטן אַריינגעשיקט אַן אַרטיקל צו דעם אָפּי־ציעלן וואָכנבלאַט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג: צו „די וועלט״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך טעאָדאָר הערצל בכבודו ובעצמו. ווי גרויס איז געווען מיין שמחה, ווען איך האָב באַקומען דעם נומער פון „די וועלט״ מיט מיין אַרטיקל. איך דערמאָן מיך, — איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון שטאָלץ און שמחה. געדרוקט זיין אין „די וועלט״ איז פאַר אונדז, יונגע ציוניסטן, געווען ווי אַ הויכע אויסצייכענונג פאַר אַ סאָלדאַט. איך דערמאָן היינט דעם קליינעם פרט ווי אַ העלן שטראַל.

דער ציוניסטישער וועלט־פאַרבאַנד פון סטודענטן איז טאַקע געגריב־דעט געוואָרן. מיין אַרטיקל איז זיכער נישט געווען דער דעצידירנדיקער אימפולס, אָבער איך האָב מיך געפרייט, וואָס אין אונדזער קליינעם שטח פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן די עיקר איניציאַטיוו, אָדער אפשר נאָר דער מיט־איניציאַטיוו פאַר דעם דאָזיקן פלאַן.

## די יונגע ייִדישע פרוי אין אונדזער רענעסאַנס

און אחרונה, אחרונה חביבה: אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ציוניסטי־שער באַוועגונג צווישן דער פרויען־יוגנט. וועגן יונג־„וויצאָ״ האָב איך שוין געשריבן. אָבער דאָ וויל איך נישט פאַרגעסן וועגן דעם אָנטייל פון דער ייִדישער סטודענטקע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער שטח. די דאָזיקע ציוניסטישע סטודענטקע פאַרדינט אַ באַזונדערן שבח,

ווייל זי האָט רעפּרעזענטירט אַן איינזאַמען מיעוט. עס זענען געווען סטודענטקעס אין אונדזערע אַקאַדעמישע פאַרבינדונגען, אָבער געציילטע. די יידישע סטודענטקע, וואָס איר צאָל איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, איז געווען ברוב אין דעם לאַגער פון נישט־ציוניסטישן סאָציאַליזם און קאָס־מאָפּאָליטיזם. די יידישע סטודענטקע האָט אין אַ גרויסער מאָס אָנטייל־גענומען אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער, סיי געמעסיקטער, סיי ראַ־דיקאַלער באַוועגונג און אין דעם „בונד" שטאַרקער ווי ביי אונדז ציוניסטן.

וואָס זענען געווען די סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג? ראשית כל דאָס פעלן פון אַ יידישן פונדאַמענט אין דער דערציאונג פון מיידלעך אין זייערע היימען. בדרך כלל — איך האָב שוין וועגן דעם געשריבן אויבן — דאָס יידישע מיידל האָט געהאַט אַ היתר פון יידישקייט, איז זי נאַטירלעך לייכטער אַריינגעוואַקסן אין באַוועגונגען, וואָס האָבן מיט יידישקייט, מיט יידישער געשיכטע און יידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ גאָר־נישט, אָדער ווייניק געהאַט צו טאָן.

אפשר האָט דאָ געווירקט אויך אַ צווייטע סיבה. צוליב דעם מער רעאַליסטישן צוגאַנג פון געבילדעטע יידישע מיידלעך צו פּראָבלעמען פון קעגנוואַרט און צוקונפט, זענען זיי נישט געווען רייף מיטצוגיין און צו זיין אחריותפול אַקטיוו לטובת דער ציוניסטישער באַוועגונג. צו יענער צייט איז דער ציוניזם געווען מער אַן אידעאַליסטישע ווי אַ פּראַקטיש־רעאַליסטישע באַוועגונג. אוודאי קאָן מען פרעגן: אָבער דער סאָציאַליזם איז דאָך אויך געווען אַן אידעאַליסטישע באַוועגונג און פון דעם שטאַנד־פּונקט פון אוממיטלבאַרער קעגנוואַרט גאָר ווייניק פּראַקטיש און טראַצ־דעם, האָט די יידישע סטודענטקע לייכטער געשטראָמט צו דער נישט־ציוניסטישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב שוין צו יענער צייט געזוכט אַן אויפקלערונג פאַר דער דאָזיקער דערשיינונג. איך ווייס נישט צי איך בין גערעכט מיט מיין אַנאַליז. אָבער דער ענטפער, וועלכן איך האָב פאַר מיר אַליין געפונען, איז ברוב ווידער געלעגן אין דעם רעאַ־ליסטישן געדאַנקען־גאַנג פון דער אינטעלעקטואַלער יידישער סטודענט־קע. נישט־ציוניסטישער סאָציאַליזם איז בדרך כלל געווען אַן אידעאַל, וואָס איז געווען אויפגעבויט ראשית כל אויף דעם קאַמף פון דאַאיקייט, קאַמף פאַר מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען און אַ מאַטעריעלע באַזע

אויפֿן אָרט. אוודאי איז דער נישט־ציוניסטישער סאָציאַליזם געווען איינ־געוויקלט אין אַ מיסיע, אָבער צוזאַמען מיט אוממיטלבאַרע, נאָענטע און פּראַקטישע צילן. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם און ציוניזם בכלל איז געווען אַ דאָפּלטער חלום, אַ חלום אין זיין קאָנצעפּציע, ווייל ער האָט זיך געשטיצט אויף צוקונפטיקע באַדינגונגען, וואָס זענען געווען אָפּגע־ריסן פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און אַחוץ דעם, אַ חלום, וואָס איז גע־ווען אויסגעמאָלן ערגעצווו אין אַ ווייטן לאַנד, וואָס איז געווען צו יענער צייט כמעט אַ מדבר. דאָס האָט נישט אַפּעלירט צו דער רעאַליסטישער נאַטור פון דער יידישער סטודענטקע, הגם עס זענען געווען אויסנאַמען אויך אין זייערע רייען. מיר האָבן געהאַט אַ ריי פון גאָר פיינע אידעאַ־ליסטקעס אין אונדזער ציוניסטישער פּרויען־באַוועגונג. אָבער זיי זענען געווען בנמצא נישט אין די אַקאַדעמישע פאַרבינדונגען, נאָר אין דער חלוצישער באַוועגונג. אַלע חלוצישע ריכטונגען פון ציוניזם האָבן פאַר־מאָגט אַזעלכע אידעאַליסטישע מיידלעך און איך וואָלט געקאַנט אָנרופן אַ ריי פון נעמען, ווען איך וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט דאָ צו בלע־טערן אין די באַריכטן פון אונדזערע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. איך האָב ליידער די דאָזיקע מעגלעכקייט נישט. מוז איך מיך באַגנוגענען מיט אַן אַלגעמיינער פעסטשטעלונג.

אָט דאָס איז דאָס אַלגעמיינע בילד פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג: זי איז געווען קאַלירפול, התלהבותדיק און טיף ערנסט אין דעם צוגאַנג צו דער חלוצישער מיסיע.

## דער כוח פון אונדזער יידישער פּרעסע

### די באַדייטונג פונעם „נאָווי דזעננִיק״

אין מיין קאַליידאָסקאָפּישער באַשרייבונג וויל איך איצט באַטראַכטן דעם איינפלוס פון אונדזער פּרעסע. און ביים סאַמע אָנהייב וויל איך דער־מאָנען דעם צווייטן בנין פון אונדזער שטאָלץ. איך האָב שוין פריער געוויזן דעם ערשטן, דעם בנין פון אונדזער שול. דער צווייטער בנין איז דער בנין פון אונדזער טאָג־צייטונג, פון דעם „נאָווי דזעננִיק״. די דאָ־

זיקע טאָג־צייטונג איז געווען דער שפּיגל פון אונדזער לעבן און דער אינסטרומענט פון איינפלוס, סיי אין אונדזער יידישן לעבן, סיי — אַזוי ווייט ווי דאָס איז געווען מעגלעך — אין דער נישט־יידישער סביבה.

איך וועל ראשית כל אָנצייכענען מיט עטלעכע שטריכן דעם גאַר גרויסן כוח פון דער יידישער פּרעסע אין ג אַ נ ץ פּ ו י ל ן. בפרט אויף דעם געביט איז עס נישט כדאַי אָפּצורייסן דעם ענין פּרעסע אין אונדזער קליינעם שטח פון דעם אַלגעמיין־יידישן הינטערגרונט אין גאַנץ פּוילן. בפרט אויף דעם געביט איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן די איינצלנע רעדלעך אין דער גרויסער מאַשין פון אונדזער פּרעסע געווען אַן אינטעגראַלער, אויפגעבויט אויף קעגנזייטיקן איינפלוס.

וואָס איז געווען דאָס פּנים פון אונדזער יידישער פּרעסע אין פּוילן?

אַרום דריי מיליאָן, דריי מאָל הונדערט טויזנט יידן, האָבן געלעבט אין פּוילן פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין יאָר 1926 זענען, לויט די מאַטעריאַלן פון דעם „ייוואָ", געווען אין פּוילן 20 יידישע טאָג־צייטונגען, 51 וואָכנבלעטער און 34 חודש־זשורנאַלן און ביים סוף פון דער 20־יאָריקער תקופה, ווען וועלכער עס קומט מיר אויס צו שרייבן, אַרום דעם יאָר 1938, זענען אין פּוילן שוין געווען 27 טאָג־צייטונגען, 100 וואָכנבלעטער, 24 צוויי־וועכנטלעכע אויסגאַבן, 58 חודש־זשורנאַלן און 16 אומרעגלמעסיק דערשיינענדיקע פּובליציסטישע מאַגאַזינען.

אָט די ציפערן זענען אַ באַווייז פון דעם שטאַרקן פּובליציסטישן אינטערעס פון אונדזער וויבריַרנדיקן ישוב. אָבער נישט נאָר דאָס. די סטאַטיסטיק, וואָס איך האָב דאָ אָנגעגעבן, באַווייזט אַ שטאַרקן וווּקס פון דער צאָל טאָג־צייטונגען. נאַטירלעך, אַז דער יידישער לייענער־קרייז איז נישט נאָר נישט געפאַלן, נאָר געוואַקסן און מיט אים — דער אינטערעס צו יידישקייט און דאָס נישט געקוקט אויף די וואַקסנדיקע שוועריקייטן אָנצוהאַלטן יידישקייט און טראָץ דעם וואַקסנדיקער אָרעמקייט פון די יידישע מאַסן, פאַר וועלכע עס איז אַלץ שווערער געוואָרן צו קויפן צייטונגען און פּעריאָדישע פּובליקאַציעס. יאָ, יידישקייט איז געווען אין פּוילן ווי אַ בוים מיט טיפע וואָרצלען, צוליב דעם האָבן די אומרואיקע

ווינטן געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו בייגן דעם בוים און ברעכן האָבן זיי אים זיכער נישט געקאָנט.

איך האָב צו שרייבן וועגן מערב־גאַליציע. איך האָב געגעבן דעם דאָזיקן הינטערגרונט פון גאַנץ פוילן, כדי אונטערצושטרייכן דעם ברייטערן אָרגאַנישן פונדאַמענט פון אונדזער פרעסע אין אונדזער קליינעם טייל פון פוילן.

אָבער עס איז נאָך דאָ אַ צווייטע סיבה צוליב וועלכער איך ברענג די דאָזיקע דאַטן, איידער איך טרעט צו צו אַ קורצער באַלייכטונג פון אונדזער פרעסע אין מערב־גאַליציע גופא. איך לעב איצט אין דעם גרעסטן יידישן ישוב אין דער גאָרער וועלט. אין די פאַרייניקטע שטאַטן לעבן מיט צוויי מיליאָן יידן מער ווי אין פוילן, דעם גרעסטן יידישן ישוב אין אייראָפּע, אין יאָר 1939. פאַר מיר ליגט די סטאַטיסטיק פון דער יידישער פרעסע אין די פאַרייניקטע שטאַטן אין יידיש, אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן. איך קוק אויף די יאָרן 1926 און 1937, דיזעלביקע יאָרן וועגן וועלכער איך ציטיר די סטאַטיסטיק פאַר אונדזער ישוב אין פוילן. איך מוז מיך באַגנוגענען מיט אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק, מיט וואָס איך זע. דער כוח פון דער יידישער פרעסע אין דער יידישער שפּראַך איז אין אַמעריקע אין יאָר 1926 געווען שטאַרקער ווי ער איז היינט. ביי אונדז אין פוילן איז עס געווען אין דעם פּעריאָד 1926־1937 אַ וועג פון אויפשטייג און דאָ, אין אַמעריקע, איז עס דער וועג פון ירידה. און נישט נאָר דאָס אַליין. היינט־צו־טאָג זענען דאָ אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, מיט אירע פינף מיליאָן דריי הונדערט טויזנט יידן, נאָר צוויי טאָג־צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך! ביידע אין ניו־יאָרק. אַ דריטע טאָג־צייטונג איז געדרוקט אין יידישע אותיות — די קאָמוניסטישע. און אַפילו נישט איין יידישע טעגלעכע צייטונג איז געדרוקט אין אַן אַנדערער שפּראַך, אין די גאַנצע פאַרייניקטע שטאַטן. אָט דאָס איז דער קאָנטראַסט! ליידער, ווייל אַלע וואָלטן מיר דאָך זיך געווונטשן, אַז עס זאָל אויך דאָ זיין אַזוי ווי עס איז געווען אין פוילן. די צאָל פון פּעריאָדישע פּובליקאַציעס אין די פאַרייניקטע שטאַטן דערגרייכט איצט דאָ די ציפער פון אַרום 180 אין אַלע שפּראַכן. דאָס איז נישט ווייניק, אָבער אין פוילן איז עס געווען 230 אַרום דעם יאָר 1937. אויב פרעסע איז דער פּולס

פון גייסטיקן לעבן — און זי איז עס — דאַן האָבן מיר דאָ דעם פּולס פון יידישקייט אין פּוילן און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און ווען מיר אונטערשטרייכן נאָך, אַז דער מאַטעריעלער רייכטום פונעם אַמעריקאַנער יידנטום איז אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער ווי די מאַטעריעלע כוחות פון דעם געוועזענעם פּוילישן יידנטום, דאַן פאַרשטאַרקט דאָס נאָך מער דעם פאַרגלייך לטובת אונדזער געוועזענעם ישוב אין פּוילן. נאַטירלעך זענען דאָ אַנדערע סימנים פון — איך וואָלט געזאָגט — אַרכיטעקטאָנישע סימנים פון יידישן כוח אין אַמעריקע: בנינים, סינאַגאָגעס, קהילה־צענטערס, יוגנט־צענטערס, ספּאָרט־צענטערס, בנינים פאַר יידישער וויסנשאַפט — גאָט צו דאַנקען, אָבער דער שטראָם פון פּ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ע ר יידישקייט, וואָס איז געווען אַזוי רייסנדיק, פול מיט זאָרגן און פרייד, חלומות און מעשים אין פּוילן, איז דאָ, אין אַמעריקע, אַ סך, אַ סך שוואַכער.

אָט אויף דעם באָדן פון דער אַלגעמיינער, טיף יידישער אַטמאָספער איז אויך אויסגעוואַקסן די יידישע פּרעסע אין אונדזער מערב־גאַליציע און שלעזיע און איך אונטערשטרייך, אין דעם אַמערסטן אַסימילירטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. דאָס איז דער פאַרדינסט פון דער ציוניסטישער טרייבקראַפט, פון דעם ציוניסטישן אומרו, געטריבן פון דעם אומדערמידלעכן ווילן פון בויען, פון פּראָדוצירן, וועקן, נישט לאָזן שלאָפן, געפינען בייע וועגן פון קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט, אָנצינדן — ליכט. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען דער אמתדיקער „דינער ביי דעם דאָזיקן ליכט". און דערפאַר איז עס מעגלעך געווען, אַז אַ קהילה פון קוים 60 טויזנט נפשות, ווי אין קראָקע, האָט געשאַפן אַ יידישע טאָג־צייטונג! דאָ אין אַמעריקע זענען דאָ עטלעכע שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון מער ווי דריי הונדערט טויזנט נפשות. און קיינע פון זיי האָט נישט קיין יידישע טאָג־צייטונג. דאָ זענען דאָ עטלעכע שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון הונדערט ביז צוויי הונדערט טויזנט יידישע נפשות. קיינע פון זיי האָט נישט קיין יידישע טאָג־צייטונג. דאָ זענען דאָ אַ סך שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון איבער 50 טויזנט ביז 100 טויזנט און קיינע האָט נישט קיין יידישע טאָג־צייטונג, נישט אין יידיש און נישט אין ענגליש אָדער אַן אַנדערער

שפּראַך. אמת, גרויסע נישט־יידישע טאָג־צייטונגען ברענגען דאָ אומפּאַר־גלייכלעך מער יידישע ידיעות ווי די רעלאַטיוו גרויסע נישט־יידישע פּויִלישע טאָג־צייטונגען אַמאָל אין פּוילן (אַחוץ די אַנטיסעמיטישע, וואָס האָבן געשפּראָצט מיט שנאהדיקע נאָטיצן וועגן אונדזער לעבן). דער דאָזיקער צושטאַנד, וואָס נישט־יידישע צייטונגען אין אַמעריקע ברענגען אין אַ געוויסער מאָס ידיעות וועגן יידישן לעבן, נישט נאָר וועגן דעם אַרטיקל, נאָר אויך וועגן דעם אַלגעמיינעם, איז איינע פון די סיבות צוליב וועלכע עס ווערט אָפּגעשוואַכט די טענדענץ צו אַן אייגענער יידישער פּרעסע. אָבער וועלנדיק זיין אָביעקטיוו, וויל איך אויך דאָ אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז אַ צוגאָב־סיבה און נישט די הויפּט־סיבה פון דער דערשיינונג, וואָס דער פאַרגלייך צווישן דער יידישער פּרעסע אין די ישובים אין פּוילן און אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַלט אויס אַזוי שטאַרק לטובת דעם געוועזענעם פּויליש־יידישן ישוב.

אָבער ער איז נישט מער דאָ, דער דאָזיקער ישוב אונדזערער. דער פאַרגלייך איז אויסגעשלאָסן!...

איך דערמאָן מיך, עס איז געווען אין אַ נאָכמיטיק, אין האַרבסט 1918, ווען איך האָב שעהנלאַנג געוואַרט פאַר אַ צייטונג־געשעפט אין לובלין, וו איך האָב דעמאָלט געדינט, אַלס געהילף־ריכטער אין דעם פעלד־געריכט פון דער עסטרייכישער אַרמיי, ווייל איך האָב געוווסט, אַז אין דעם טאָג דאַרף אָנקומען פון קראָקע דער ערשטער נומער פון דעם „נאָווי דזיענניק", דעם יידישן טאָגבלאַט געדרוקט אין פּויליש.

איך האָב מיך דערוואַרט.

עס האָט זיך באַלד באַשטעטיקט, ווי שטאַרק נייטיק עס איז געווען די דאָזיקע טריבונע פון ציוניזם, פון יידישן כבוד, פון ווילן צום קאַמף פאַר יידישע אינטערעסן און יידישע רעכט, ווייל באַלד האָבן זיך די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם געהייבן און פאַרסמט מיט ביין־וויליקייט און רכילות אונדזער לעבן.

זאָל איך דאָ דערציילן די 20־יאָריקע געשיכטע פונעם „נאָווי דזיענניק"? איך וואָלט עס גערן געטאָן, אָבער עס איז נישט מעגלעך.

איך זיץ דאָ איצט אין מיין ביורא אין דעם בנין פונעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די שענסטע טיילן

פון ניו־יאָרק. צוויי מינוט פון דאַנען געפינט זיך דער וווּנדערלעכער צענ־טראַל־פּאַרק פון ניו־יאָרק, וואָס איז אויסגעבויט אויף אַ גראַניטענעם באָדן. אויפן וועג פון קרובהשאַפט פאַרוואַנדלט זיך דער דאָזיקער צענ־טראַל־פּאַרק אין מיינע געדאַנקען אין דער באַשיידענער ביימער־אַלייע פון דער דיטלס־גאַס אין קראָקע. זכרונות פון דער יוגנט האָבן אַ כישוף־כוח. דאָ אַ הערלעכער פּאַרק, וואָס ציט זיך אין דער לענג פון 50 גאַסן, און דאָרט אַן אַלייע מיט בידנע ביימער, וואָס האָט זיך געצויגן אין אַ וועלט, וועלכע איז פאַר מיר געווען מער ווי הונדערטער גאַסן. דאָרט האָב איך אין מיין יוגנט געשפּילט פאַרשיידענע שפּילן. די דיטלס־גאַס האָט זיך געצויגן נישט ווייט פון דעם ווייסל ביז צום אַנדערן סוף פון דעם כמעט אין גאַנצן יידישן קוואַרטאַל. איך מייד אויס די באַראַקן, אין וועלכע עס איז געווען די יידישע שול, איך גיי ווייטער און זע פאַר מיר איצט אַ רואיק קליין געסל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער באַרימטער פּוילישער שרייבערין, עליזאַ אָזשעשקאָוואַ, דער אויטאָרן פון „מייער עזאַ־פּאָוויטש". דאָס יידישע טעאַטער פון דעם היינטיקן וואַרשע (סוף 1956) האָט נישט לאַנג שטאָלצירט מיט דער פּיעסע אין... פּאַריז! דאָ אין דער נאָענט פון דעם בנין פונעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, ביי דער באַ־רימטער פינפטער עוועניו געפינט זיך אַ גאַנצע ריי פון הערלעכע בנינים פון יידישע אָרגאַניזאַציעס. דער יידישער מוזיי, די יידישע אַגענץ, דער קאָנסולאַט פון מדינת ישראל, דער בנין פונעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, דער בנין פון דער הסתדרות, דער בנין פונעם קולטור־קאָנגרעס, דער טעמפּל עמנואל, דער בנין פונעם „ייוואָ", דער הערלעכער בנין פון יידי־שער וויסנשאַפט, דער בנין פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, און דאָך זע איך איצט פאַר מיר דעם בנין פונעם „נאָווי דזיענניק". דאָ זענען דאָ שיינע א י נ ס ט י ט ו צ י ע ס פון יידישן לעבן. דאָרט, אין דער דיטלס־גאַס איז געווען דאָס סאַמע יידישע לעבן — אויף די גאַסן, אין די היימען, נישט נאָר אין די אינסטיטוציעס.

עס איז נישט געווען קיין קליינער אויפטו פאַר אונדזער קליינער אָרגאַניזאַציע צו פאַרווירקלעכן די אַמביציע פון אַן אייגענעם בנין פאַר אַן אייגענער טאָג־צייטונג. גרויסע געלטער זענען געווען נייטיק כדי אויפ־צובויען דעם באַשיידענעם דריישטאָקיקן בנין מיט אַן אייגענער דרוקעריי,

אייגענע ליניאָטיפּן, מיט אייגענע מאַגאַזינען, מיט אייגענע צימערן פאַר דער גאַנצער רעדאַקציע. איך דערמאָן מיך נאָך, ווען די גאַנצע רעדאַקציע האָט געאַרבעט אין אַ גאָר קליינעם לאָקאַל ביי דער סטראַדאָם־גאַס. דאָרט האָט עס זיך אָנגעהייבן. אָבער ווייל אונדזער ווילן איז געווען אַזוי יידיש, איז דער חלום פון אַן אייגענעם בנין געוואָרן אַ — יש.

פריער אַכט, שפּעטער צוועלף, צייטנווייז זעכצן, און אַפילו פיר־און־צוואַנציק זייטן אַ טאָג, און מער אין ימים־טובים. און דאַן, שפּעטער, אַ נאָכמיטיק־אויסגאַבע אויך! מיט בילדער, מיט ביילאַגעס פאַר דער יוגנט, פאַר פרויען, פאַר ווירטשאַפט... עס ליגן פאַר מיר דאָ אויפן טיש פאַטאָ־קאָפּיעס פון מאַנכע זייטן פונעם „נאָווי דזיענניק״ און די אותיות לאַכן צו מיר טרויעריק! עס איז באמת נישט געווען קיין שום פּראָבלעם אין דער גאָרער יידישער וועלט, וועלכע זאָל נישט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין אונדזער „נאָווי דזיענניק״. אָט ליגט פאַר מיר די פאָטאָקאָפּיע פונעם „נאָווי דזיענניק״ פון דאָנערשטיק דעם 18 יאַנואַר 1934: „העלפט דעם יידישן קאָמיטעט פאַר אַרבעטלאָזע... די אָרעמקייט אין דער יידישער גאַס שרייט נאָך אייער הילף!״ און באַלד שפּעטער: „מפעל אוסישקין״. אַן אויפרוף אונטערגעשריבן פון דעם עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע. — „פאַרטיילט לעגיטימאַציעס צו די וואַלן פון דער לאַנד־קאָנפערענץ״; אונטערגעשריבן פון דער עקזעקוטיווע פון דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע און שלעזיע. „נייע יידישע אונטערנעמונגען אין פאַלעסטינע: 19 נייע יידישע געזעלשאַפטן, צווישן זיי פינף בענק, צוויי פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן, אַ פאַבריק פון מעטאַל־פּראָדוקציע, אַ פאַבריק פון כעמישע פּראָדוקטן און אַ פאַבריק פון מאַנו־פאַקטור און צום סוף — אַ יידישע טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיווע״; „דייטשע יידן פון דיסלדאָרף האָבן געגרינדעט אַ מעטאַל־פאַבריק ב. פרידלענדער און קאָמפּאַניע״. (דייטשע יידן האָבן אָנגעהייבן צו קומען נאָך דעם יאָר 1933). און דאַן „צוגרייטונגען צום יידישן וועלט־קאָנגרעס״. און דאַן: „דייטשן פינאַנצירן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין גריכנלאַנד!״ און דאַן: דער תמצית פון אַן אַרטיקל פון דר. גאָטליב פונעם „היינט״, מיט אַן אַטאַקע קעגן דעם פּוילישן מיניסטער פון קאָמוניקאַציע, בוטקיעוויטש. און שפּעטער: אַ נאָטיץ וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין טיראָל קעגן יידי־

שע טוריסטן. און... — גאַנץ אינטערעסאַנט — אַן אַרטיקל מיט דער אי־בערשריפט „די אַנטשלאָסענע האַלטונג פון דער רומענישער רעגירונג קעגן אַנטיסעמיטן". און סוף־כל־סוף אַ באַריכט וועגן דער זיצונג פונעם פּאַרטיי־ראַט פון אונדזער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע. עס האָט זי געעפנט דער פּאַרזיצער פון דער עקזעקוטיווע, ל. סאָלפּעטער. ער האָט געהאַלטן אַן אזכרה־רעדע פאַר אונדזער אומפאַרגעסלעכן דר. לעאָ מאָצקין. און דאַן קומט דער רעפעראַט פון סאָלפּעטער וועגן „מפעל אַרלאָזאָראָוו", „מפעל אוסישקין", די וואַלן צו די געמיינדע־ראַטן, דער פּעטיציע־אַקציע צו דער מאַנדאַטאַר־מאַכט, וועגן די פּראָבלעמען פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַל־געמיינע ציוניסטן און וועגן די צענטריפוגאַלע טענדענצן צווישן די ציו־ניסטישע פּאַרטייען אין זייער באַציאונג צום אַלגעמיינעם ציוניזם...

אַט אַ קווערשניט פון עניני־דיומא פון איין טאָג אויף איין זייט פון דעם „נאָווי דזיענניק"! און דאַן קומט נאָך אויף דער זעלביקער זייט אַ באַריכט וועגן דער דיסקוסיע אויף דעם פּאַרטיי־ראַט. עס נעמט דאָס וואָרט דר. שענקער — נישט מער דאָ; חיים בייגער — נישט מער דאָ; אונדזער פּרעזידענט, דר. יהושע טאָן — נישט מער דאָ; דירעקטאָר וויזנ־פעלד — נישט מער דאָ; דר. יהודה צימערמאַן — נישט מער דאָ; דר. שטענדיק — נישט מער דאָ; פּריינט שיף — נישט מער דאָ; אינזשיניער שפּאַץ — נישט מער דאָ; אונדזער אומפאַרגעסלעכער דר. ש. פעלדבלום — נישט מער דאָ! און נאָך עטלעכע, וועלכע זענען דאָ: דר. כאַמעט, דר. גרינשטיין, דר. העכט, דר. אַרענשטיין, דר. קאַהאַנע, דירעקטאָר פינקעל־שטיין, און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות...

איך מאַך צו די אויגן... איך זע דעם קאָנפערענצן־זאַל... דעם לע־בעדיקן, ברויזנדיקן... איך הער אים...

במשך פון די 20 יאָר פון זיין דערפאָלגרייכער עקזיסטענץ האָט דער „נאָווי דזיענניק" געהאַט אַ ריי פון שעף־רעדאַקטאָרן. איך וויל זיי דאָ דערמאָנען צום געדענקען. זיי זענען דאָך געווען די טרעגער פון דעם גייסטיקן אינהאַלט פון אונדזער טאָג־טעגלעכער צייטונג: דר. ווי ל־העלם בערקעלהאַמער פונעם סאַמע אָנהייב, אַ ריי פון יאָרן. נאָך אים איז געקומען דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות, אויך פאַר אַ ריי פון יאָרן. און דאַן ווידער דר. ווילהעלם

ב ע ר ק ע ל ה אַ מ ע ר ביז צו זיין פּריצייטיקן טויט. נאָך אים איז גע־וואָרן שעף־רעדאַקטאָר דר. ע ל י אַ ס ט י ש, לעצטנס איז ער געווען אַ באַאַמטער אין יוסטיץ־מיניסטעריום פון ירושלים. ער איז געשטאָרבן פרילינג 1956. נאָך אים האָט די דירעקציע פונעם „נאָווי דזענניק" נישט באַשטימט פאָרמעל קיין שעף־רעדאַקטאָר, אָבער דער פאַקטישער לייטער פון דער רעדאַקציע איז אין דעם לעצטן פּעריאָד ביז צו דער ליקווידאַ־ציע פונעם „נאָווי דזענניק" דורך היטלערן, געווען דר. ד ו ד ל א ז ע ר.

דר. ווילהעלם בערקעלהאַמער איז געווען אַן אינטעלעקטואַל פון גרויסן קאַליבער. אַמאָל געווען די נשמה פון דער גלענצנדיקער ציוניס־טישער צייטשריפט „מוריה", זיין פּוילישער סטיל איז געווען איינפאַך און נאַטירלעך. קלאָר ווי אַ קוואַל. ער האָט גאָר נישט אין זיך געהאַט פון פּלפול. געשריבן לייכט און איבערצייגנדיק. זיין באַזונדער געביט איז געווען דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ער איז באמת געווען אַ מייס־טער אין דעם דאָזיקן קאַמף. איך האָב געפירט דעם פאָרזיץ אויף אַ ציר־גיסטישער זיצונג, ווען אַ באַזונדערער שליח האָט מיר מיטגעטיילט, אַז דר. ווילהעלם בערקעלהאַמער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף מיט אַ קראַנקייט. איך זע פאַר מיר די הויכע געשטאַלט, אַ ביסל געבויגן. איך זע זיינע ערלעכע אימפּולסיווע אויגן.

דר. עליאַס טיש איז געווען אַ פיינער אינטעלעקטואַל, באַהאַוונט באַזונדערס אין יידישער און העברעישער ליטעראַטור און צוליב דעם איז דער טיפזיניקער אַנאַליטישער פּעליעטאָן געווען זיין ספּעציאַליטעט אין „נאָווי דזענניק".

דר. דוד לאַזער איז היינט מיטרעדאַקטאָר פון דער פּאָפּולערער צייּ־טונג אין ישראל „מעריב".

דער צוזאַמענשטעל פון דער רעדאַקציע איז באַשטאַנען במשך פון די 20 יאָר פון אַ קאַלירפולער גאַלעריע פון פּובליציסטן, זשורנאַליסטן און וויסנשאַפטלער, שטענדיקע און צייטווייליקע מיטאַרבעטער. באמת אַ רייכע גאַלעריע פון גייסטער און טאַלאַנטן. איך וויל דאָ מאַנכע פון זיי דערמאָנען.

בראש פון די שרייבערס פונעם „נאָווי דזענניק" איז געשטאַנען דר. יהושע טאָן. ער איז געווען דער וויכטיקסטער פּאָליטישער פאַקטאָר אין

דעם „נאָווי דזשעננִיק״. ער איז געווען די „גרויע עמינענץ״ אין די פּאָ־ליטישע ענינים פון דער צייטונג. צייטנווייז נישט אָן אָפּאָזיציע. פון דעם וואַלד פון זיינע גלענצנדיקע אַרטיקלען וויל איך דאָ דערמאָנען היינט איינעם, וועלכער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער זשורנאַליסטי־שער און פּאָליטישער וועלט אין גאַנץ פּוילן. דאָס איז געווען דער אַרטיקל אין טאָג פונעם טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי... איך וויל דערמאָנען דר. משה קאַנפער, דער אייביק טרויעריקער פעליעטאָניסט. ער האָט געשריבן ווי עס שפּילט אַ וויאָלאָנטשעל. מיקאָליי שענברון מיט דעם פּסעוודאָנים „וואדיאס״ פון לובלין, פון אַן אַסימילירטער פאַמיליע. דער קאָנטראַסט פון משה קאַנפער, תמיד פריילעך. אַריינגעקומען אין דער פרי אין דער רעדאַקציע שטענדיק מיט אַ שמייכל, מיט זיין באַרימטער לאָזונג: „דאָס לעבן איז נישט קיין ראָמאַנס״ און מיט אַ קליין ביכעלע מיט ציטאַטן פון די גרעסטע שרייבער פון דער וועלט. און מיט אַ זעלבסט־איראָניע האָט ער געפרעגט: „צו וועלכן ציטאַט זאָל איך היינט זאַמלען דאָס מאַטע־ריאַל״? און געשריבן האָט ער אָפט, אַז מען האָט באמת אים אַליין גע־קאָנט ציטירן. עס איז ווערט געווען. איך האָב אים דאַן שפּעטער, פון לאָנדאָן, בעת דער וועלט־מלחמה, געשיקט פּאַפּיראָסן אין אַ געפאַנגענ־לאַגער פון פּוילישע אָפיצירן אין דייטשלאַנד.

לאַנגע יאָרן איז דער רעדאַקטאָר פון דער ווירטשאַפטלעכער, זייער פאַראַנטוואָרטלעכער אָפּטיילונג אין דער צייטונג געווען דער רואיקער, זייער פאַרלאָזלעכער דר. בענאָ זיידען. זיינע ווירטשאַפטלעכע אַנאַליזן האָבן געפונען אָנערקענונג אין ווייטע, אויך נישט־יידישע קרייזן. אַ זו־ניקע נאַטור אין אונדזער רעדאַקציע איז געווען אויך לעאָפּאָלד ראָזנער. זיינע מאָמענט־אויפנאַמען „אין פלאַגראַנטי״ פון געשעעענישן אין יידישן לעבן האָבן געהאַט חן. קלאַסיש רואיק איז געווען רפאל פּעפער און אַזוי זענען אויך געווען זיינע אַרטיקלען. זיי האָבן נישט געצונדן, אָבער זיי האָבן אָנגערעגט צו געדאַנקען. אַ געוויסע צייט איז אין אונדזער רעדאַק־ציע געווען אַ פּרוכטבאַרער מיטגליד זיגמונט עלענבערג, וועלכער האָט דאַן געמאַכט זיין קאַריערע אַלס אַ געניטער לערער אין לאָדזש און שפּע־טער אין מדינת ישראל, ווו ער לעבט היינט. אַ גאָר אינטערעסאַנטע פּער־זאָן איז געווען יעקב פריינד. אַ פאַרחלומטער ציוניסט אין בעסטן זין

פון וואָרט און אַ גוטער זשורנאַליסט. גאָר גיך עולה געווען קיין ארץ ישראל מיט זיין קרישטאָלרייגער ציוניסטישער מיסיע אין זיין האָרץ. דאָרט לעבט ער היינט. ראָזנער, פעפער און זיידען, זענען אומגעקומען בעת אונדזער קאַטאַסטראָפע.

צוויי היינט זייער באַקאַנטע פערזאָנען האָבן מיטגעאַרבעט אין דער רעדאַקציע פונעם „נאָווי דזענניק". איינער איז דעמאָלט געווען אַ לער־לינג אין דער קונסט פון זשורנאַליסטיק. ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע שריט אַלס זשורנאַליסט. באַלד האָט ער אָבער באַוויזן זיין גרויסן שרייבער־טאַלאַנט. געהאַט גאָר אַ שטורמישן וואַנדערוועג. געשטאַמט האָט ער פון גאָר אַ חנעוודיקער מאַמע און אַ גאָר באַשיידענעם טאַטן. איך האָב זיי ביידן גוט געקענט. איך בין מיט אים דאַן אָפט צוזאַמענגעקומען בעת דער מלחמה אין שאָטלאַנד און אין ענגלאַנד. ער איז היינט דער אָנער־קענטער שרייבער וועגן סטאַלין און טראָצקי, אַ מומחה אין רוסישע ענינים — איזאַק דויטשער איז זיין נאָמען. און אַן אַנדערער — ער האָט געשריבן פון לאָנדאָן צום „נאָווי דזענניק" וועגן ספּאָרט, וועגן דעם סטאַדיום אין וועמבלעי, וועגן ענגלישער קולטור. דאָס איז דער היינטי־קער סער הערש לאַוטערפּאַכט, דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון גרויס־בריטאַניע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן געריכט אין האַאַג, פּראָפעסאָר פון דער אוניווערסיטעט אין קעמברידזש, ענגלאַנד, און... ריטער פון איר מאַיעסטעט, דער קעניגן עליזאַבעט.

אַ געניטער קאָרעספּאָנדענט פון איינעם פון די וואָגיקסטע וועלט־צענטערן פון פּאַריז, איז געווען אַהרן אַלפּערין, דער היינטיקער מיסרע־דאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק.

דער דאָ נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער דר. עזריאל קאַרלעבאַך האָט באַרייכערט דעם „נאָווי דזענניק" מיט זיינע דינאַמישע בריוו פון שפּאַ־ניע. דר. מאַטעוש מיזעס, די פאַרקערפּערונג פון אַן ענציקלאָפּעדיע מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, האָט געשריבן אין „נאָווי דזענניק" עסייען וועגן אַנטיסעמיטיזם. זיין האַנטשריפט איז געווען אַ קוואַל פון פיין פאַר די שעף־רעדאַקטאָרן.

דריי קאָלעגן וויל איך דאָ דערמאָנען, רעפּאָרטערס פון דער צייטונג. די דאָזיקע מיטאַרבעטער, וואָס טוען די גרויע אַרבעט און וואָס מען פאַר־

געסט דערפאַר וועגן זיי, הגם די דאָזיקע אַרבעט איז אַזוי וויכטיק פאַר דער לעבהאַפטיקייט פון אַ צייטונג. זיגפריד מאַזעס, אַ קלאַסיש־פּינקט־לעכער און געוויסנהאַפטער רעפּאָרטער גלייך ווי זיין קאַליגראַפישע שריפט. דער אומרואיקער און אַקטיווער עדוואַרד ראָסטאַל. היינט אַ זשור־נאַליסט פון דער פּוילישער צייטונג אין תל־אביב און דער פּעאיקער און זייער באַליבטער אויך פון אונדזערע קעגנער געשעצטער, פריילעכער ראָ־מאַן געהאַרזאַם. ער איז נישטאָ מער.

און אַ מחנה, אַ לעגיאָן פון שרייבער אויף אַלע געביטן, דעפּוטירטע, סענאַטאָרן, צייטנווייז אויך קריסטן. דער „נאָווי דזשענניק" איז באמת געווען אַ פאַרבנרייכע, אינטערעסאַנטע צייטונג.

וויפל קאָן מען שרייבן וועגן צוואַנציק יאָר? אַ סך. בפרט, ווען מען לעבט זיי אדורך...

אָבער אַזוי ווי אַ סך איז נישט מעגלעך, וויל איך פון מיין זכרון אַרויסנעמען ווי פון אַן אַרכיוו נאָר דריי פּאַקטן. זיי זענען אַ טייל פון דעם דערנער־וועג פון דעם „נאָווי דזשענניק":

דעם ביטערן קאַמף, וועלכן דער „נאָווי דזשענניק" האָט געמוזט פירן קעגן אַ סיסטעם פון רכילותדיקע אַטאַקעס קעגן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג מצד דעם איינפלוסרייכן אָרגאַן, דעם „קוריער צאַדזיענני", דער פּריוואַטער אונטערנעמונג פון הער מאַריאַן דאַמבראָווסקי. ימים שנאה האָבן זיך געגאָסן פון דער דאָזיקער צייטונג, בפרט אין די יאָרן 1919־1924 קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. משומדים האָבן, ווי גע־שיקט זיך, אין דער צייטונג אויך מיטגעאַרבעט.

דאָס צווייטע געשעעניש איז די באָמבע, וועלכע מען האָט ביינאַכט געוואָרפן אויף דעם בנין פון „נאָווי דזשענניק". אַרום דעם יאָר 1922, אַזוי גלויב איך. איך געדענק, עס איז געווען אַרום 12 אַזייגער ביינאַכט, ווען אַ טעלעפאָן האָט מיך אויפגעוועקט, איך זאָל תיכף ומיד קומען אין דער רעדאַקציע. איך בין דעמאָלט געווען שעף־רעדאַקטאָר. עס איז געווען גאַנץ ווייט. דער דריטער שטאָק פון אונדזער בנין איז געווען גרינטלעך צעשטערט. די לינאָטיפּן האָבן ווייטער געאַרבעט. אין אַ ווינקל פון דער דרוקעריי האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן דער נאַכט און געשריבן אַ נייעם קורצן לייטאַרטיקל וועגן דער געשעעניש. די צייטונג איז דער־

שינען. פאַרקלענערט, אָבער זי האָט נישט איבערגעריסן איר דערשיינען אַפילו אויף איין טאָג. מיר זענען קיינמאָל נישט געוויר געוואָרן ווער עס האָט עס געטאָן, אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז דער באָמבען־אַטענטאַט איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון פוילישע פאַשיסטישע קרייזן.

און דער דריטער פאַקט איז די פאַרעפנטלעכונג, אין מיין צייט, אין דעם „נאָווי דזענניק" פון אַ גאַנצער ריי פון פעליעטאָנען מיט נעמען פון משומדים אונטערן טיטל: „די גאַלעריע פון משומדים". (גאַלעריאַ וויק־שטווו). די קהילה האָט געפירט אַ רשימה פון משומדים און אַזעלכע, וועלכע זענען סתם ארויסגעטראָטן פון דער קהילה און זענען געבליבן „קאָנפעסיאָנסלאָז". צום שבח פון דר. רפאל לאַנדאַו, דעם פרעזידענט פון דער קהילה, וויל איך דאָ באַטאָנען, אַז ער האָט אונדז איבערגעגעבן צום דרוקן די דאָזיקע רשימה. ער האָט שפּעטער געהאַט צוליב דעם אַ סך צרות און ער האָט עס דאָן מחמת יורידישע טעמים נישט געקאָנט ווייטער טאָן. אָבער דאָס דרוקן פון דער רשימה איז געוואָרן **אונדזער** באַמבע, וועלכע **מיר** האָבן געלאָזט עקספּלאָדירן קעגן די משומדים. דער רושם, דער כעס פון איין זייט און די צופרידנקייט פון דער אַנדערער זייט, זענען געוועזן געוואַלטיק. די גאַלעריע האָט דעמאַסקירט הונדערטער דעזערטערן, בוגדים און פּחדנים אין אונדזער געזעלשאַפט. אַ סך פון זיי האָבן יאָרנלאַנג ווייטער געלעבט מיט יידן ווי יידן און קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז זיי האָבן פאַרלאָזן אונדזער שיף אין אַן עת צרה, ווי די שטשורעס.

איך וויל איצט דערמאָנען, פון דער צייט פון מיין אייגענער טעטי־קייט אין „נאָווי דזענניק" **איין** אַרטיקל, וועלכער האָט מיר פאַר־שאַפט די גרעסטע שוועריקייט: פּאָליטיש און סטיליסטיש. אָבער איך געדענק אים נאָך היינט. אין דער גרויסער דאָמיניקאַנער קירכע אין קראָקע האָט איינעם אַ זונטיק געהאַלטן די פּרעדיקט דער אַרציבישאָף אַליין, בכבודו ובעצמו, אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם העכסטן מאָראַלישן און קירכלעכן רעספּעקט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. באמת אַ נישט טאָג־טעגלעכע געשטאַלט: פירשט אַדאַם סאַפּיעהאַ. עס האָבן אונדז דערגרייכט ידיעות, אַז דער אַרציבישאָף האָט געמאַכט אין זיין פּרעדיקט פיינע, אַריסטאָקראַטישע, אָבער גאַנץ קלאָרע אַנטיסעמי־

טישע רמזים קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אַריסטאָקראַטיש און פיין, אָבער קלאָר. און דאָס איז געווען אַ סך ערגער ווי צענדליקער אַנטיסעמי־טישע גאַסן־אַרטיקלען צוליב דער געוואַלטיקער אויטאָריטעט פון פירשט אַדאַם סאַפּיעהאַ. איך האָב באַשלאָסן צו אַטאַקירן די פּרעדיקט. עס האָט געמוזט געטאָן ווערן אויך אויף אַ פיינעם אַריסטאָקראַטישן אופן, אָבער אויך אָפן. עס איז געווען איינע פון די שווערסטע טעמעס, וואָס איך האָב געהאַט גובר צו זיין אויף דעם וועג פון מיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט, ווייל עס האָט געקאָנט אין דער דעמאָלטיקער צייט ווערן אַ שפּיל מיט פייער. איך האָב דעם אַרטיקל געדרוקט און דאַן אַריינגעשיקט צום אַר־ציבישאָף. שווייגן — איז געווען דער ענטפער. נאַטירלעך, אָבער איך ווייס, אַז אין דער פּוילישער עפנטלעכער מיינונג, אַזוי ווייט ווי זי האָט אונדז נישט געהאַסט, איז דער אָפּקלאַנג געווען אַ פּאָזיטיווער. עס איז געווען אַ דערלייכטערונג פאַר אונדז. עס זענען נאַטירלעך געווען אויך יידן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז עס וואָלט פאַר אונדז געווען בעסער צו שווייגן... אַרונטערצושלינגען...

וואָס געפינט זיך היינט, 1956, אין דעם בנין אויף אָזשעשקאָוואַ זיבן?... אַרום און אַרום קיין יידן מער... פּוסט... אויסגעמאָרדעט...

---

דער „נאָווי דזיענניק" איז פאָרמעל נישט געווען קיין אָרגאַן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. אָבער נאָר פאָרמעל נישט. ער האָט געדינט דער גאַנצער באַפעלקערונג און דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געווען די ערשטע יידישע טאָג־צייטונג אין פּויליש, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן אין דעם פרייען פּוילן. דאַן איז געקומען די „כווילאַ" אין לעמבערג און דער „נאַש פּשעגלאָנד" אין וואַרשע. (דער לעצטער האָט אין אָנהייב געהאַט אַן אַנדערן נאָמען). זעלבסטפאַרשטענדלעך איז דער פּאָליטישער איינפלוס פון דעם „נאַש פּשעגלאָנד" אַלס די צייטונג פון דער גרויסשטאָט געווען אַ סך גרעסער ווי דער איינפלוס פון די „פּראָווינ־ציעלע" טאָג־צייטונגען: „נאָווי דזיענניק" אָדער פון דער „כווילאַ". וועגן דער קוואַליטעט און זשורנאַליסטישן ניוואָ פון די דריי צייטונגען זענען געווען חלוקי־דעות און נישט תמיד האָט דער ענין הויפּטשטאָט איבער־געוויגן.

דער וווקס פון „נאָווי דזיענניק״, זיין אויסברייטערונג, איז נאַטיר־לעך געווען אויך אַ פועל־יוצא פון דער אָרגאַניזאַטאָרישער טיכטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם „נאָווי דזיענניק״ און איך וויל דאָ די דאָזיקע פאַרוואַלטונג, אַזוי ווייט איך געדענק, דערמאָנען: לאַנגע יאָרן איז בראש פון דער דירעקציע פונעם „נאָווי דזיענניק״ געשטאַנען דר. סאַמועל לי־בעסקינד. ער האָט אין אַ געלאַסענער, רואיקער און דערפאָלגרייכער פאָרם געפירט די ענינים פון דעם פינאַנציעלן קיום פון דער צייטונג. די טאָג־טעגלעכע דורכפירונג פון דער פינאַנציעלער פּאָליטיק און אַדמיניסטראַ־ציע איז במשך פון 20 יאָר געלעגן אין דער האַנט פון דעם ענערגישן זיגמונט האָכוואַלד. ער לעבט היינט אין מדינת ישראל. דער וואָכנדיקער גייסט פון דער גאַנצער דירעקציע איז געווען דר. חיים הילפשטיין.

יידישע צייטונגען גייען נישט זעלטן אונטער, ווייל די פינאַנציעלע ווירטשאַפט איז הינטערשטעליק צו די גייסטיקע קוואַליטעטן פון דער צייטונג, אָבער אין „נאָווי דזיענניק״ זענען ביידע געווען האַרמאָניש. דער אויפזיכט־ראַט און דער דירעקטאָרן־ראַט איז באַשטאַנען פון ציוניסטישע פירער פון אַזאַ הויכן מאַסשטאַב ווי דר. שמעון פעלדבלום און באַלעבאַ־טים מיט אַ פּראַקטישן עקאָנאָמישן חוש ווי מאַקס לאַוטערבאַך, דר. יהודה צימערמאַן, בערנאַרד לײנקראַם, עמיל האָלענדער, און מאַנכע אַנדערע איבערגעגעבענע ציוניסטן, ווי דער געטרייער דר. משה יאַסעם, דר. שמעון גאָטעסמאַן און אַנדערע.

## אונדזערע וואָכנבלעטער

אין אונדזער קליין מדינהלע זענען אָבער אויך געווען צוויי שטענ־דיקע וואָכנבלעטער. איינע אין פּויליש, געדרוקט אין טאָרנע, אונטערן נאָמען „טיגאָדניק זשידאָווסקיע״ (דאָס יידישע וואָכנבלאַט). רעדאַגירט דורך דעם אומרואיקן דר. אַבֿרהם כאָמעט אויף אַן אינטעליגענטן און זייער אינפאָרמאַטיוון אופן. נאַטירלעך איז דער דגש געווען געלייגט אויף דעם יידישן לעבן אין טאָרנע גופא, אָבער עס האָבן נישט געפעלט אין דעם וואָכנבלאַט קריטישע און צייטגעוויז בייסנדיקע אַלגעמיין־יידישע אַרטיק־לען. פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער, הגם אויך אינטערעסאַנט, איז געווען

דאָס וואָכנבלאַט, געדרוקט אין דער דייטשער שפּראַך, אין דער שיינער שטאָט ביעלסקאָ־ביעליץ (שלעזיע). עס איז געשטאַנען אונטער אַ רעדאַק־ציע־קאָלעגיע, פון וועלכער די הויפּט־מיטגלידער זענען געווען דער קלאַ־סיש פאָרזיכטיקער אינזשיניער וועקסבערג, דער רירעוודיקער אינזשיניער בלייכער און דר. שטערנהעל, שטענדיק פול מיט נייע איינפאַלן. דאָס וואָכנבלאַט האָט געהאַט אַ זייער ערנסטן כאַראַקטער מיט אידעאָלאָגישע אַמביציעס. די דאָזיקע דריי אָרגאַנען, דער „נאָווי דזענניק" און די צוויי וואָכנבלעטער זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, די רעגירונגס־פּרעסע פון דעם ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד. נו, און ווו עס איז אַ רעגירונג, איז נאָר־מאַל אויך דאָ אַן אָפּאָזיציע. בפרט אין אמתדיק דעמאָקראַטישע באַדינ־גונגען ווי אין אונדזער שטח. איז אַלזאָ פון דער רעכטער זייט געווען אין דער לעצטער צייט פון דער דאָזיקער 20־יאָריקער תקופה אַ רעוויזיאָניס־טיש וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „גאַשאַ טריבונאַ" (אונדזער טריבונע), אונ־טער דער רעדאַקציע פון דר. יעקב רובין (ער איז היינט דער קאָרעספּאָנ־דענט פונעם תל־אביבער „הבקר" אין ניו־יאָרק). און ווי געשיקט זיך, דאָס בלאַט האָט נישט געזשאַלעוועט קיין אַטאַקעס אויף דער „רעגירונגס־פּרע־סע", מחמת זי איז נישט געווען גענוג — רעכטס אָריענטירט. און אין יאָר 1938 איז אַנטשטאַנען אין קראָקע אַן אַנדער וואָכנבלאַט, אויך אין פּויליש, מיטן נאָמען „צופים", רעדאַקטירט פון צוויי געניטע אינטעלעק־טואַלן, דר. קלמן שטיין (היינט אין ניו־יאָרק) און דר. רובין וואָלף, וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט. און די דאָזיקע לעבהאַפט רעדאַגירטע וואָכנצייטונג האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קיין אַטאַקעס קעגן דער דע־מאָלטיקער „רעגירונג" פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, מחמת זי איז גע־ווען צו ווייניק — לינקס. בקיצור, מיר האָבן געהאַט אַ פול קליין וועלטל אין אונדזער פּרעסע. היינט, פון דער רעטראָספּעקציע פון אַזוי פיל יאָרן און אין פאַרגלייך מיט די געשעענישן, וועלכע מיר האָבן אַלע דורכגע־מאַכט, זעען די דאָזיקע האַמערישע קאַמפן אויס אַזוי מיקראָסקאָפּיש, אָבער דעמאָלט — יאָ, דעמאָלט, איז עס געגאַנגען אין לעבן, די קאַמפן זענען געווען פול מיט ביטערקייט און פאַרביטערונג! אָפּטימיסטן רופן דאָס — „קאַלירפול לעבן"! זאָל זיין.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען דעם בונדיסטישן חודש־זשורנאַל אין

פויליש, וואָס איז דערשינען אין קראָקע במשך עטלעכע יאָר, — איך גלויב אַרום 1924 ביז 1927 — אונטערן נאָמען „וואַלקאַ״ (דער קאַמף). דער חודש־זשורנאַל האָט גאַטירלעך געפּרוּווט וויסנשאַפטלעך באַגרינדן זיין אַנטי־ציוניסטישן כאַראַקטער.

אַרום אָט דעם דאָזיקן בילד איז כדאַי צו דערמאָנען צייטווייליקע דערשיינונגען פון אונדזער פּרעסע און אין אונדזער פאַרלאַג־טעטיקייט, יאָ, אין אונדזער שפּראַצנדיקן פּרעסע־גאָרטן זענען אויך אַרויסגעוואַקסן בלומען, וואָס האָבן נישט לאַנג געלעבט.

ציים ביישפּיל: דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט געפּרוּווט אַרויסגעבן, לאַנג פאַר דעם יאָר 1938, אַ חודש־זשורנאַל אויך מיטן נאָ־מען „צופים״. דער אָרגאַן איז געווען גאַר באַשיידן און האָט געהאַט אַ קורצן קיום צוליב מאַנגל פון פינאַנציעלע מיטלען! אין די יאָרן 1931 ביז 1935 איז געדרוקט געוואָרן — אין יידיש — דורך דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות אַ פּעריאָדישע צייטונג, וואָס איז געווען דער וואָרטזאָגער פון די אידייען פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס זיין זיץ־אָרט איז געווען אין קראָקע. דער דאָזיקער אָרגאַן האָט אויך געלעבט קורץ און געהייסן האָט ער „דער רוף״ און געווען איז ער כמעט אַ קול־קורא־במדבר. אַחוץ דעם איז כדאַי צו דערמאָנען אַ פּעריאָ־דישע צייטשריפט, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די יוגנט־באַוועגונג „הנוער העברי״, באַשיידן, „רעוואָלוציאָנער״ נאַטירלעך אין יוגנט־פראַגן. איך וויל נישט פאַרגעסן אין אַ גאַנצער ריי פון בראָשורן, וואָס זענען געווען געווידמעט צו פאַרשיידענע ציוניסטישע פּראָבלעמען. דאָ וויל איך דער־מאָנען בפרט אַ בראָשור געווידמעט „פופציק יאָר פון חיבת ציון״, אַרויס־געגעבן אין יאָר 1932. און זיכער איז געשטאַנען אויבנאָן פון דער דאָ־זיקער פאַרלאַג־טעטיקייט דאָס זאַמלבוך פון דר. יהושע טאָנס עסייען, אונטערן טיטל „עסייען צו דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע״, וואָס אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן ביי דער געלעגנהייט פונעם 60־יאָריקן יובל פון דר. יהושע טאָן, אין יאָר 1936.

דער לייענער וועט זיכער פרעגן: און וואָס שייך העברעישער פּרע־סע? די פאַרלאַג־טעטיקייט אויף דעם העברעישן געביט בין איך דאָ נישט אימשטאַנד צו רעגיסטרירן, אָבער גאַנץ אַלגעמיין וויל איך דערמאָנען

דריי נעמען — בן־ציון ראַפּאַפּאָרט, משה ראַט און שבח וואַלקאָווסקי. דער ערשטער אויף דעם געביט פון פילאָזאָפישע שריפטן, די צוויי אַנדערע אויף דעם געביט פון העברעישע לערנביכער. איך וואָלט געזאָגט, אַז ראַט און וואַלקאָווסקי זענען געווען פּיאָנערן אויף דעם דאָזיקן געביט. דאָס לערנבוך פון ראַט איז פאַרשפּרייט געווען אין אַ ריי פון לענדער און די באַרימטע העברעישע לערן־בריוו פון וואַלקאָווסקי זענען געווען אַ נייע מעטאָדע פון לערנען פון דערוואַקסענע, אָן דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַ לע־רער. אָבער איך וויל נישט פאַרגעסן אין דעם וואָכנבלאַט „המצפה", וואָס איז געווען רעדאַגירט דורך ש. מ. לאַזאַר אין קראָקע. איך וויל עס דאָ דערמאָנען, הגם עס האָט עקזיסטירט נאָר אַ זייער קורצע צייט אין דעם פּעריאָד, וועלכן איך באַהאַנדל דאָ. דאָס וואָכנבלאַט איז געגרינדעט גע־וואָרן אין יאָר 1904, האָט געלעבט ביז 1915, און דאַן איז עס אונטער־געגאַנגען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווידער דערשינען ביז עס איז ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן אין יאָר 1922.

דער ענין העברעישע פּרעסע אין פּוילן פאַרדינט אַ באַזונדערע באַ־האַנדלונג. אין דער גאַנצער צייט פון 1919 ביז 1939 האָט עס זיך נישט איינגעגעבן אין פּוילן צו באַפעסטיקן אַ העברעיש טאָגבלאַט. די „הצפירה" איז דערשינען אַ קורצע צייט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אין צוויי פּעריאָדן. דאָס טאָגבלאַט האָט נישט געהאַט קיין קיום. די יידישע פּרעסע אין דער פאָלקסשפּראַך איז געווען גאָר שטאַרק און אַ העברעישע טאָג־צייטונג, האָט נישט געקאָנט געפינען קיין שטענדיקן לייענער־קרייז, הגם די קענטעניש פון העברעיש איז געווען ברייט געגוג און די העברעישע שפּראַך האָט זיך צווישן דער יוגנט כסדר אנטוויקלט. דער דאָזיקער פּע־נאָמען זעט אויס אַן אומפאַרשטענדלעכער. איך וויל נישט פּרווון אים דאָ אויפצוקלערן. איך לאָז עס איבער צו פאָרזאָנען, וואָס זענען מער באַ־רעכטיקט ווי איך וועגן דעם ענין צו שרייבן.

ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט

# די באַציאונג פון דער פוילישער פרעסע

## איר ליבעראַליזם און אַנטיסעמיטיזם

דאָס בילד וואָלט געווען נישט פול, אויב איך וואָלט נישט געגעבן אַ פּאָר שטריכן וועגן דער באַציאונג פון דער פוילישער פּרעסע אין קראָקע צו יידישע ענינים. דער ניווֹאָ פון דער פוילישער פּרעסע אין קראָקע איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. אָבער פאַר אַ שטאָט פון אַ נישט גאַנצן פערטל מיליאָן איינוווינער איז די פּרעסע געווען אַ גאָר שטאַרקע. טאָג־בלעטער ווי דער „טשאַס" (די צייט), דער אָרגאַן פון דער קאָנסערוואַטי־ווער ריכטונג, די „נאָווא רעפאָרמאַ" (די נייע רעפאָרם), דער אָרגאַן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זענען געווען צייטונגען פון אַ גאָר הויכן ניווֹאָ, אויך אין אַן אייראָפּעישן מאַסשטאַב. דער „טשאַס" איז געווען רעדאַגירט פון אַ פיינעם זשורנאַליסט מיט אַ פראַנצויזישן נאָמען, באַפּרע. די צייטונג האָט געהאַט די שענסטע גייסטיקע רעפּרעזענטאַנטן פון דער פוילישער געזעלשאַפט צווישן זיינע מיטאַרבעטער. איר באַציאונג צו יידישע פּראָבלעמען איז געווען — אַריסטאָקראַטישער פילאָסעמיטיזם פאַרבונדן מיט — אַריסטאָקראַטישן אַנטיסעמיטיזם, ביידע! צייטנווייז האָבן מיר געהערט אַ גוט וואָרט, נישט זעלטן האָט אונדז דער „טשאַס" דערלאַנגט אַ שטאָך. אין אַלע פאַלן סוווערען און אין אַ קולטורעלער פאָרם. דער ציוניזם איז געווען נישט גערן געזען דורך דער דאָזיקער צייטונג, אָבער די טענדענץ פון ציוניזם צו אונטערשטיצן יידישע עמיגראַציע האָט געשאַפן אויך פאַרן „טשאַס" — אַ פריינטלעכן טאָן. די „נאָווא רעפאָר־מאַ" איז רעדאַגירט געווען דורך אַן אמתן דעמאָקראַט און אַ שרייבער פון אַ גרויסן קאַליבער: קאָנסטאַנטי סראָקאָווסקי. עס איז געווען דער טיפּ פון דער פוילישער דעמאָקראַטיע, מיט אַ גייסטיקן קוראַזש אין דעם — אַנאַליז און — פחדנות אין די פּראַקטישע קאָנקלוזיעס פון דעם אַנאַליז. פון דעם איז אַרויסגעדרונגען אַ באַזונדערע באַציאונג צו דעם יידישן פּראָבלעם: אַ טענדענץ צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם און אַ פחד איינצו־רייסן זיך צופיל מיטן אַנטיסעמיטישן פליגל. אַ טענדענץ צו פלירטעווען אַביסל מיטן פוילישן סאָציאַליזם, אָבער זיך נישט אַנגאַזשירן פאַר שטי־

מען פאַר דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער לייענער־קרייז פון דער „נאָווא רעפאָרמאַ" איז צווישן יידן געווען אַ גרויסער און דער לייענער־קרייז פונעם „טשאַס" צווישן יידן איז געווען נישט קיין קליי־נער. עס האָבן נישט געפעלט קיין יידן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי נאָבילירן זיך דורך לייענען דעם „טשאַס" (די צייט). עס האָט געהערט צום גוטן טאָן צו ווייזן זיך עפנטלעך מיט דעם „טשאַס" אין דער האַנט.

די „נאָווא רעפאָרמאַ" איז שוין אין דעם ערשטן פּעריאָד פון פוילנס באַנייטער אומאָפּהענגיקייט ליקווידירט געוואָרן. דאָס איז געווען אויך אַ סימפּטאָם פון דער שוואַכקייט פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע אין קראָקע און אין פוילן בכלל און עס איז אפשר אויך געווען כאַראַקטע־ריסטיש, וואָס דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער „נאָווא רעפאָרמאַ", קאָנס־טאַנטי סראָקאָווסקי, איז אַריבער אַלס איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דעם אַנטיסעמיטישן „קוריער צאָדזיענני". הגם סראָקאָווסקי האָט זיך זיכער נישט אידענטיפיצירט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם פון דעם דאָזיקן איינפלוסרייכן בולוואַר־בלעטל.

די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט נאַטירלעך אויך געהאַט איר אייגענע טאָג־צייטונג. זי האָט געהייסן „נאַפּשוד" (פאָרויס). אין אַ קלענערן פאָרמאַט, אָבער גוט רעדאַגירט. אָפּאָזיציע אַליין איז שוין אַ פאָרטייל פאַר אַ צייטונג, ווייל זי שאַפט דעם באָדן פאַר לעבהאַפטיקייט. דער שעף־רעדאַקטאָר איז לאַנגע יאָרן געווען אַ געשמדטער ייד, עמיל העגער. אַ קליינער, מיט קלוגע באַוועגלעכע אויגן, מיט אַ רוקנביין פון אַ געשמדטן ייד. דער ניוואָ האָט נישט דערגרייכט דעם ניוואָ פון דעם „טשאַס" און פון דער „נאָווא רעפאָרמאַ". צו יידישע ענינים איז די באַ־ציאונג געווען אַ פּאַלגנדיקע: נאַטירלעך באַקעמפט יידישע בורזשואַזיע. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז געווען סאָ־ציאַליסטישער קאַטעכיזם. באַקעמפט נאַטירלעך ציוניזם, ווייל נאָר פּוי־לישער נאַציאָנאַליזם איז געווען באַרעכטיקט. די פוילישע סאָציאַליסטי־שע פאַרטיי איז געווען אַ באמת נאַציאָנאַל־געשטימטע, קאַמפּס־באַוועגונג פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן. צייטנווייז האָט דער „נאַפּשוד" גענומען אין שוץ יידישע אָרעמקייט קעגן יידישער בורזשואַזיע. נאַטיר־לעך אונטערשטיצט דעם „בונד" און באַקעמפט די פּועלי־ציון, אָבער

אויך דעם „בונד״ נישט צו שטאַרק אונטערשטיצט אין זיינע פּאָזיטיווע פאָדערונגען. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָט דער „נאַפּשוד״ נישט זעלטן געגומען — וואַסער אין מויל אַריין. דער איינפלוס פונעם „נאַפּשוד״ אין דער יידישער געזעל־שאַפט איז געווען נישט קיין קליינער, בפרט צווישן דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ.

דאָ לאָזט זיך אויס די שורה פון פּוילישע טאָג־צייטונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעלאַטיוו דערטרעגלעכע באַציאונג צו יידישע ענינים. דאָס זענען געווען די איין־אויגיקע צווישן בלינדע. און איצט קום איך צו דער שורה פון בלינדע.

דריי טאָג־צייטונגען איז כדאַי צו דערמאָנען אויך אין דער שורה פון די בלינדע: אַ געוויסע צייט איז דערשינען דער ענדעקישער, שאַרף אַנ־טיסעמיטישער, מיליטאַנטישער „גאָניעץ״ (דער לויפער), אין הסכם מיט דער ענדעקישער פילאָזאָפיע איז די צייטונג געווען געווענדט קעגן יידן בכלל. די ענדעקישע פּאַרטיי איז נישט געווען איבעריק שטאַרק אין קראָקע און דערפאַר האָט דער „גאָניעץ״ געמוזט זיך ליקווידירן. עס איז געווען די צייטונג פון גאָסן־אַטאַקעס קעגן יידן. די צווייטע אַנטיסעמי־טישע צייטונג מיט אַ וואָגיקער טראַדיציע און אַן ערנסטן פּאַרנעם איז געווען די טאָג־צייטונג פון דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דער „גלאָס נאַראָדו״ (די שטים פון פאָלק). זי האָט פאַרטראָטן דעם עקסטרע־מען קלעריקאַליזם. זי איז געווען דער ניט־אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם פּאַלאַץ פון דעם אַרציבישאָף. אין דער פראַנצישקאַנער גאַס לעבן דער באַרימטער פראַנצישקאַנער קירך. נישט ווייט פון די באַרימטע קראָקע־ווער „פּלאַנטאַציעס״ איז געשטאַנען אַ גרויער אומעטיקער פּאַלאַץ. דאָרט האָט רעגירט דער אַרציבישאָף. פון דאָרט זענען אַרויסגעגאַנגען די פעדים פון רעליגיעזן אַנטיסעמיטיזם. נאַטירלעך אין נאָמען פון „נעכסטן־ליבע״. דער „גלאָס נאַראָדו״ איז געווען הונדערט־פּראָצענטיק אַנטיסעמיטיש, אָבער אין אַ יעזואיטישער פאָרם. זיין רעדאַקטאָר — איך מיין עס איז כדאַי אָנצורופן דעם נאָמען — האָט געהייסן מאַטיאַשיק. ער האָט געהאַט דעם פאַרברענטן עקשנות פון אַ פּויער (ער האָט געשטאַמט פון פּויערים) אָבער ער איז געווען אַ מענטש פון אַ נישט קליינעם וויסן און אַ נישט

קליינער אינטעליגענץ. ער האָט נאַטירלעך געוואָלט פּטור ווערן פון יידן אויף אַ „פרידלעכן אופן". זאָל גאָט אָפּהיטן, נישט דורך רציחה ווי דער „גאַניעץ", אָבער סתם בשלום. דאָס איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער יעזואיטישער שטריך. די דריטע טאָג־צייטונג פון דעם טיפּ איז געווען דער אין פּוילן „באַרימטער" „אילוסטראָוואַני קוריער צאַדזיענני" (דער אילוסטרירטער טעגלעכער קוריער). זיין הויפּט־רעדאַקטאָר האָט געהייסן מאַריאַן דאָמבראָווסקי, אַ געוועזענער קליינער גימנאַזיע־לערער, דווקא פון דער גימנאַזיע, אין וועלכער איך בין געווען אַ תלמיד. פון צייט צו צייט פלעג איך אים אין די לעצטע יאָרן זען דאָ, אויפן בראָדוויי, אין ניו־יאָרק אָן איינגעבויגענעם און אַן אויסגעטריקנטן. מאַנכעס מאָל האָט ער געהאַט אַ שמועס מיט מיר. ער איז געבליבן דער זעלבער, דער אַלטער. ווען איך האָב אים דערמאָנט אין זיין אַנטיסעמיטיזם און אים געפרעגט צי ער פרייט זיך וואָס ער האָט דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט — פּוילן אָן יידן — איז ער אַ בייזער אַוועקגעגאַנגען. דער אמת האָט אים ווי געטאָן, אָדער אפשר נישט אַזוי ווי געטאָן ווי אים בייז געמאַכט. מענטשן ענדערן זיך גאָר זעלטן. דער דאָזיקער רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג, וואָס האָט אונדז דאָס לעבן פאַרביטערט, לעבט היינט אין פלאָרידאַ. ער האָט ביי אונדז, וואָס לעבן נאָך, איבערגעלאָזט דעם ערגסטן אָנדענק.

אויף דעם פּלאַץ ביים אָנהייב פון דער באַקאַנטער סטאַראָוויסלנאַ גאַס און דער גאַס וויעלאָפּאָלע, וווּ עס האָט זיך לעצטנס געפונען דער לאָקאַל פון דעם ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד, אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, מיט דעם אויסבליק אויף דער שטאָלצער הויכער גאָטישער מאַריענקירכע, האָט זיך דערהייבן אַ בנין. ער האָט געהייסן זייער באַשיידן „דער פּאַלאַץ פון דער פּרעסע". דאָס איז געווען דער בנין פון דעם „קוריער צאַדזיענני". די איינציקע טאָג־צייטונג, וואָס האָט אַחוץ דעם „נאָווי דזיענניק" געהאַט איר אייגענעם בנין מיט אַלע איינריכטונגען. אָבער דער „נאָווי דזיענניק" איז געווען אָרעם אין פאַרגלייך מיטן „קוריער צאַדזיענני", וועלכער איז געווען צעשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן. זיין אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ גלענצנדיקע. די נעץ פון זיינע קאָרעספּאָנדענטן אין פּוילן און אין אויסלאַנד איז געווען גאָר גרויס. און זיין איינפלוס האָט

אַפילו מ׳ט דערפאָלג קאָנקורירט מיט דער גרויסער בולוואַר־פּרעסע פון דער הויפּטשטאָט וואַרשע.

די ערשטע דריי פּוילישע טאָג־צייטונגען, וואָס איך האָב דאָ דער־מאָנט, האָבן סוף־כל־סוף געדינט אַ געוויסער אידעאָלאָגיע, אַ געוויסן פּאָליטישן פּראָגראַם און מען קאָן דאָס אויך באַהויפּטן פון די ווייטער־דיקע צוויי, ווי שלעכט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע זאָל נישט געווען זיין פאַר אונדז יידן. זייערע אידעאָלאָגיעס זענען געווען אַ טייל פון דעם פּוילישן פּאָליטישן געדאַנקען־ים. אָבער פונעם „קוריער צאַדזיענני״ קאָן מען דאָס נישט באַהויפּטן. זיין אידעאָלאָגיע איז געווען — דערפאָלג, מסחר, קאָנ־יונקטור. און אַזוי ווי אַנטיסעמיטיזם איז געלעגן אַט אויף דער ליניע, פון קאָניונקטור און גאַסן־געשמאַק, איז די צייטונג געווען — אַנטיסע־מיטיש. עס איז נישט געווען קיין סוף צו די רכילות, וואָס די דאָזיקע צייטונג זאָל נישט האָבן געוואָרפן אויפן יידישן כלל. איך האָב שוין איין מאָל אויבן דערמאָנט, אַז עס איז געווען דער פאַרדינסט פון דער דאָזי־קער צייטונג, צו האָבן אַרויסגעפונען און פאַרשפּרייט דאָס גיפט פון דעם לאָזונג: „זשידאָ־קאָמונאַ״ (די יידן־קאָמונע). אַזוי ווי די צייטונג איז געווען אַ פאָלקס־צייטונג, רעדאַגירט צו באַפרידיקן די נידעריקסטע אינס־טינקטן פון די מאַסן, האָט זי ממילא פאַרביטערט דאָס יידישן לעבן אין פוילן און אין אונדזער שטח בפרט, ווייל אין קראָקע איז זי דאָך געדרוקט געווען. יידישע משומדים האָבן דאָרט מיטגעאַרבעט. ווי דאָס איז דער שטייגער געווען אין אַלע צענטערן פון אַנטיסעמיטיזם, אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אַפילו אין דעם הייליקן סינאָד פון פּעטערבורג זענען געווען טעטיק משומדים.

אַט אין אַזאַ „אַנסאַמבל״ פון טאָג־צייטונגען איז אויסגעקומען צו קעמפן פאַר יידישע רעכט און יידישן כבוד אונדזער „נאָווי דזיענניק״!

פּאָליטיש און לויטן כמות זענען די שטאַרקסטע פּאַרטייען אין קראָ־קע געווען די פּוילישע סאָציאַליסטישע און די פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. אָבער דאָס ספּעציפישע פּאָליטישע געוויכט איז געווען דאָס שטאַרקסטע ביי די קאָנסערוואַטיון. די פּאָליטישע באַדייטונג פון דער קריסטלעכער דעמאָקראַטיע איז נומעריש נישט געווען איבעריק שטאַרק, אָבער אַזוי ווי קראָקע איז געווען די שטאָט פון קרוב צו פּערציק קירכעס

מיט אַן אומגעהייער שטאַרקן קלעריקאַליזם, איז דער איינפלוס פון דעם „גלאָס נאַראָדו״ געווען אַ סך שטאַרקער ווי דער איינפלוס פון זיין פּאַר־טיי. דער איינפלוס פונעם „קוריער צאָדזיענני״, הגם ער איז געווען אומ־פּאַרטייאיש — אַביסל האָט ער געפלירטעוועט מיט דער פויערים־פּאַרטיי, וואָס איז נישט געווען אין דער אמתן אַן אָרגאַניזירטער כוח אין קראָקע — איז געווען ווי דער איינפלוס פון אַ גאַנץ פון אַ ספּעציפישן ריח. גאַנץ ברייטערן זיך אויס אין אַלע ריכטונגען אַן שווערקייטן.

למען האמת וויל איך אָבער אונטערשטרייכן, אַז די מעטאָדן פון דעם „קוריער צאָדזיענני״ זענען צייטנווייז באַקעמפט געוואָרן פון די ערשטע דריי פּוילישע צייטונגען, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט. די אָפּעגסיווע פון דעם „קוריער״ איז געווען ווילד. די פּוילישע אָפּעגסיווע קעגן דעם „קוריער״ איז געווען זייער דעליקאַט, מיטן אויסנאַם פון דעם סאָציאַליסטישן „נאַפּשוד״, וואָס האָט זייער אָפּט אַטאַקירט דעם „קו־ריער״. אָבער נישט דווקא וועגן יידישע ענינים נאָר וועגן דער רעאַקציאָ־נערער ריכטונג פונעם „קוריער״, פון וועלכער דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ טייל. בקיצור, דער איינפלוס פונעם „נאָווי דזיענניק״ אויף דער יידישער געזעלשאַפט אין מערב־גאַליציע איז געווען אַ גאָר שטאַרקער. ער האָט געהייבן דאָס יידישע באַוווסטזיין, געשטאַרקט דעם מוט צום קאַמף, הגם דאָ און דאָרט האָט ער אויך באַגעגנט שנאה אין די קרייזן פון די אַסימילאַטאָרישע פּחדנים. אין דער פּוילישער געזעלשאַפט איז דער „נאָווי דזיענניק״ געווען אָנערקענט אַלס ערנסטע צייטונג. די באַהערדן האָבן זיך גערעכנט מיט זיינע מיינונגען. מען האָט אַפילו אָנערקענט זיין פּאַט־ריאָטיזם. מען האָט אים רעספּעקטירט, אָבער ליב געהאַט האָט מען אים נישט. ער איז געווען צו יידיש, כדי צו זיין באַליבט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, וואָס איר גייסטיקער מהות איז געווען רעפּרעזענטירט דורך די אויבנדערמאָנטע זעקס פּוילישע טאָג־צייטונגען.

בלייבט נאָך איבער צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם איינפלוס פון דעם „נאָווי דזיענניק״ אויף דעם ווייטערן געביט פון דעם פּאָליטישן לעבן אין גאַנץ פּוילן, און בפרט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָזיציע פון דעם יידישן כלל אין גאַנץ פּוילן. איך מיין, אַז עס וועט נישט זיין קיין לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם, ווען איך וועל פעסטשטעלן, אַז דער איינ־

פּלוס פונעם „נאַווי דזיענניק" האָט איבערגעשריטן די ענגע סביבה פון אונדזער ווינקל. אין די מיניסטעריומס אין וואַרשע האָט מען מיט רעס־פּעקט רעגיסטרירט זיין שטים. די פוילישע פּרעסע אין פוילן האָט נישט זעלטן ציטירט זיינע אַרטיקלען. אָבער... זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט זיין איינפלוס נישט אויפגעהערט צו זיין אַ פּראָווינציעלער, ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דעם פּאָליטישן איינפלוס פון אונדזער שוועסטער־צייטונג, דעם „נאַש פּשעגלאָנד", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע. דער געאָגראַפישער פאַקט אַליין אין געווען אַ פּאָליטישער. און דאָס האָט נישט געקאָנט אַנדערש זיין. אַזוי ווי קראָקע איז אין דעם נייעם פוילן נישט געווען די הויפּטשטאָט, אַזוי האָט אויך די גאַנצע פּוילישע פּרעסע אין קראָקע, נישט נאָר דער „נאַווי דזיענניק", נישט געקאָנט האָבן דעם איינפלוס פון דער פּרעסע פון דער הויפּטשטאָט.

דאָרט אין וואַרשע, און נישט אין קראָקע, איז געווען די רעגירונג, דאָרט און נישט אין קראָקע זענען געפאַלן אַנטשיידונגען.

די מסקנה דערפון?

אָט איז זי. דער כוח פון אונדזער פּרעסע איז געווען ראשית כל וואָגיק און שטאַרק אין אונדזער אייגענעם שטח. אונדזער פּרעסע איז געווען מוטיק אין איר קאַמף, שטאָלץ אין איר שטעלונג, בקיצור, זי איז געווען אַ פּאָזיציע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געקאָנט מיט רעכט באַ־רימען.

דערמיט וויל איך פאַרענדיקן דאָס בילד פון דער טעטיקייט פונעם ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, וואָס שייך זיינע אינערלעכע ענינים. אָבער דער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז נישט גע־האַנגען אין דער לופט. ער איז געווען אַ צענטער. דאָס איז אמת. אָבער אַרום אים איז אויך געווען יידיש לעבן און עס וואָלט געווען נישט גע־רעכט, נישט צו דערמאָנען די אַרומיקע סביבה בפרט אַז אין דער סביבה האָט דער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויך אַנטוויקלט זיין טעטיקייט און השפעה.

ראשית כל וויל איך דאָ דערמאָנען די באַציאונגען מיט אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס. די דאָזיקע גרופּעס זענען געווען אַ סך שוואַכער ווי דער לאַנדעס־פאַרבאַנד, אָבער זיי זענען געווען אויך זייער טעטיק. איך האָב נישט בדעה צו שרייבן וועגן זייער טעטיקייט, ווי איך האָב שוין

דערמאָנט אין מיין אַריינפיר, ווייל דאָס געהערט נישט צו מיין טעמע. אָבער איך האָב יאָ בדעה צו דערמאָנען די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס.

## די באַציאונגען צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן די לאַבאָראַטאָריע, די קוזניע, אין וועלכער עס איז במשך פון צענדליקער יאָרן אויסגעהאַמערט געוואָרן אונדזער באַוווסטזיניקייט פון נאַציאָנאַלער צוזאַמענגעהעריקייט — באַשטעטיקט אין מעשים. מיר האָבן עס געהאַט תמיד אין אַ רעליגיעזן זין, אָבער מיר האָבן עס נישט געהאַט געגוג שטאַרק אין אַ נאַציאָנאַלן זין. דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אָפט געווען אַ טריבונע פון קאַמפן צווישן פּאַרטייען, אָפט פון זייער ביטערע קאַמפן, נישט זעלטן קאַמפן ווי אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט. אָבער במשך פון יאָרן האָבן זיך אין אונדזערע רייען אַנטוויקלט עטלעכע סימנים פון נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. ווען דער פּרעזידענט פונעם קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל אָדער ווען די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט אַרויסגעגעבן אַן אַנטשיידונג, אָדער ווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס־געריכט האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אָדער ווען דער קאָנגרעס גופא האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, איז עס געווען דאָס בינדנדיקע געזעץ פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. די כוואַליעס אויף דעם שטורמישן ים האָבן זיך באַרואיקט. זעלבסטפאַרשטענדלעך נאָר אויפן אויבערפלאַך — אינעווייניק האָבן זיך די טעמפּעראַמענטן ווייטער געעגבערט, אָבער הגם מיט פאַרביסענע ציין — האָבן די פּאַרטייען דעם פּסק אָנגענומען אַלס אַ פּסק. אין אַ היסטאָריאָזאָפישן זין איז דאָס געווען די עקספּערימענטאַלע שולע פון איינהייט קעגן דער עקספּערימענטאַלער אַטאָמיזאַציע פון אונדזער געשיכטע. עס וואָלט געווען כדאַי, אַז עס זאָל געשריבן ווערן די געשיכטע פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג דווקא פון אָט דעם שטאַנדפּונקט.

האָט זיך במילא געשטעלט די פראַגע: ווערט די דאָזיקע אידייע פון עקספּערימענטאַלער איינקייט פאַרווירקלעכט אויך אינערהאַלב פון די

פאַרשידענע לענדער? אָדער נאָר אין וועלט־מאַסשטאַב? דרינגט די דאָזי־קע אידייע פון אייניקייט אַריין אין די אברים פון דעם גרויסן ציוניס־טישן אָרגאַניזם?

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פראַגע אויף דעם ווייטן מהלך פון צענדליקער לענדער אין דער גאַרער וועלט, אין וועלכע עס האָבן געלעבט און געווירקט ציו־ניסטישע לאַנדעס־פאַרבאַנדן און זאנדער פאַרבאַנדן. אָבער עס איז יאָ מיין פליכט צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, אויף ווי ווייט עס האַנדלט זיך וועגן מערב־גאַליציע און שלעזיע. און דאָס וויל איך פרוווּן צו טאָן.

לאָמיר צוערשט געבן אַ קורצן בילד פון די באַציאונגען מיט איינצל־נע גרופּעס און דאַן ציען די מסקנות. לאָמיר ווײַלן דעם אינדוקטיוון וועג.

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אַלס די אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן איז בטבע געווען גרייט צו זוכן פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענ־אַרבעט מיט אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס. בטבע — ווייל דער אַלגעמיי־נער ציוניזם איז געווען דער צענטער פון דער באַוועגונג און ביי אונדז איז ער געווען אַדאַנק זיין כמות דער גאָר גרויסער צענטער, האָט ער זעלבסטפאַרשטענדלעך אויסגעשטרעקט זיינע צוויי אָרעמס צו דער לינ־קער און צו דער רעכטער זייט, כדי צוזאַמענצושליסן די כוחות. אָבער נישט נאָר אַדאַנק זיין כמות. די אַלגעמיין ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז געוואָרן די אידעאָלאָגיע פון צוזאַמענאַרבעט. איך פּערזענלעך האָב תמיד באַקעמפט דעם סיסטעם פון צו גרויסע קרבנות מצד דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אויפן וועג פון אייגהייט, ווייל די דאָזיקע קרבנות האָבן געפירט דערצו, אַז דער צענטער אונדזערער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אויסגע־דאַרט, און ער האָט געמוזט במילא ווערן איינגעשרומפּן און סוף־כל־סוף האָט ער נישט געקאָנט דערפילן זיין אייגענע אידעאָלאָגישע מיסיע. מיין גערעאַנגל קעגן דער דאָזיקער זעלבסטמערדערישער פּאָליטיק פונעם אַל־געמיינעם ציוניזם האָט זיך נישט איינגעגעבן. אונדזער אַלגעמיין ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע האָט געבויט מיט אירע מיטלען אינסטיטוציעס, וועל־כע זיינען נישט געשטאַנען אויף דער ליניע פון איר אידעאָלאָגיע. ביי מאַנכע האָט עס געהייסן, אַז זי שטעלט זיך איבער די פּאַרטייען און אַז

זי האָט דעם חוב צו אונטערשטיצן אַלצדינג, וואָס ווערט געבויט אין ארץ ישראל. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז געווען אַ פּאָליטישע פילאַנטראָפּיע, אַ ריכטונג, וואָס גלויבט אין איר אייגענער אידעאָלאָגיע, מוז שאַפן פּאָזיציעס, וועלכע פאַרווירקלעכן איר אייגענע אידעאָלאָגיע. דאָס האָט אויך ביי אונדז דער אַלגעמיינער ציוניזם נישט געטאָן, אָדער געטאָן נאָר זייער ווייניק. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פאַלשער פּאָליטיק זענען בולט און קלאָר אין דער הייַנטיקער פּאָליטישער איגערלעכער סטרוקטור פון מדינת ישראל.

דער וויכטיקסטער עלעמענט אויסערהאַלב דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען די פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען נישט אי־בעריק שטאַרק, אָבער רעלאַטיוו די שטאַרקסטע צווישן די ציוניסטישע מינדערהייט־גרופּן. אונדזערע געמיינזאַמע באַציאונגען זענען געווען אין „פריידנסצייטן”, דאָס הייסט, נישט בעת וואַלן, גאַנץ גוטע. די לייטער פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי זענען נישט געווען קיין היץ־קעפּ, בירנהאַק, האַלפּערן יצחק, ס. וועלנער, פרידבערג און אַ רייע אַנדערע האָבן געפירט דעם פּועלי־ציוניסטישן וואָגן אין אַ געמעסיקטן טעמפּאָ. דאָס זעלבע איז חל אויף דער התאחדות, וועלכע איז ביי אונדז געווען אַ באַזונדערע גרופּע דורך לאַנגע יאָרן. די פירער פון דער דאָזיקער גרופּע, ד״ר וו. בערקעלהאַמער, ד״ר ס. שפּיראָ, גור אריה טערלאָ, האָבן געהערט צו דעם זעלבן טיפּ פון ציוניסטישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן — קעמפנדיק פאַר זייער געמעסיקטן סאָציאַליזם נישט פאַרלוירן דעם בליק פאַר יענע עלעמענטן, וואָס האָבן אונדז פאַרבונדן אויך אויף די קאָנגרעסן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ קליינע גרופּע פונעם לינקן פּועלי־ציון, געציילטע יחידים מיט דעם אַדוואָקאַט ד״ר יוסף מאַרגוליעס אַלס רעפּרעזענטאַנט.

די מזרחי איז אין אונדזער שטח נישט געווען קיין שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט אַמאָל אַליין אָפּעלירט צו דעם פּרעזידענט פון דעם פּוילישן מזרחי, דעם פּרעזידענט פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע, דעם געוועזענעם סיים־דעפּוטאַט העשל פאַרבשטיין, ער זאָל שטאַרקן די מזרחי־באַוועגונג אין אונדזער שטח. איך האָב עס געטאָן, ווייל איך בין אין מיין פאַרגאַנגענהייט געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום און ווייל — די אגודה איז

אין אונדזער שטח געווען זייער מיליטאַנט. הרב ד״ר ס. הירשפעלד — ער איז געווען אַ רב אין ביעלסקאָ — ד״ר מאַרקוס און ביגעלאייזן, זענען געווען די וויכטיקסטע פּאַרטרעטער פון דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע אין אונדזער שטח. די געמיינזאַמע באַציאונגען מיט דעם מזרחי זענען געווען פרידלעך. אָבער ביי אַלע יענע געלעגנהייטן, ביי וועלכע עס האָט זיך געהאַנדלט „צו ברעכן" די העגעמאָניע פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד איז נאַטירלעך דער מזרחי, נישט אָן אַמפּערנישן, געגאַנגען יד־אחת מיט דעם פּועלי־ציון, התאחדות און רעוויזיאָניסטן. אָבער דאָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. מינדערהייטן פּאַראייניקן זיך טאַקטיש קעגן אַ מערהייט. דערין אַליין איז נאָך נישט געלעגן קיין סימן פון שנאה. די רעוויזיאָניסטישע גרופּע איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד, אָבער נאָך דעם ווי רעוויזיאָניסטן זענען אַרויסגעטראָטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און האָבן געשאַפן די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, זענען זיי זעלבסטפאַרשטענדלעך געוואָרן אַ באַזונדערע גרופּע. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאַט אַ וואַקלדיקע פּאָליטיק אין זיינע באַציאונגען צו די רעוויזיאָניסטן, אָבער די רעוויזיאָניסטן האָבן געהאַט וואָס מער און מער אַ נעגאַטיווע פּאָליטיק צום לאַנדעס־פאַרבאַנד. נאָך דעם באַרימטן צוזאַמענפאַר פון רעוויזיאָניסטן אין דער פראַנצויזישער שטאָט קאַלע, האָבן זיך די באַציאונגען נאָך מער פאַרשאַרפט. איך האָב געזאָגט די באַציאונגען זענען פון אונדזער צד געווען וואַקלדיקע, דאָס הייסט, מיר האָבן געפּרווט די דאָזיקע גרופּע צוציען, אָבער אַ טייל פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זי זייער שטאַרק באַקעמפט. די גרופּע איז געווען נישט שטאַרק, אָבער זי האָט געהאַט די פונקציע פון הייוון, דאָס הייסט, זי האָט אַרויסגערופן פערמענטאַציע. דאָס איז די נאַטור פון דער דאָזיקער באַוועגונג. ד״ר יעקב שעכטער, היינט אין מדינת ישראל, ד״ר י. באַדער, היינט אַ פירנדיקער מיטגליד פון דער כנסת, און ד״ר יעקב דאַם, היינט אין אַרגענטינע, ד״ר טרעלער, היינט אין מדינת ישראל, און אַ געוויסע צייט ד״ר דוד וודאָווינסקי, דעמאָלט אין ביעלסקאָ, שפּעטער אין וואַרשע און היינט אין ניו־יאָרק, האָבן געהערט צו די לייטנדיקע פּערזאָנען פון דער רעוויזיאָניסטישער גרופּע. ווען אַ גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן יודענשטאַט פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע,

האָט זי ביי אונדז אויך געהאַט אַ קליינע צעלע, אַ פּאָר יחידים, גיכער אַ נאָמען ווי אַן אָרגאַניזאַציע.

אין דעם קאַפּיטל וועגן יוגנט האָב איך דערמאָנט מיט עטלעכע ווער־טער דעם השומר הצעיר. אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ פּאַרטיי. זי איז אויך צוליב דעם שפּעטער געוואָרן אַ „זאַנדער פּאַרבאַנד" אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. די באַציאונגען מיט דער דאָזיקער גרו־פּע זענען געווען אָנגעשטרענגט, אויך אין „פרידנס־צייטן". די באַרירונגס־פּונקטן זענען געווען נאָר אויף דעם געביט פון דער ארץ־ישראל־אַרבעט, ווייל דער השומר הצעיר איז געווען, וואָס מיר האָבן גערופן „אַ פּאַלעס־טינאָ־פּעטאַלע באַוועגונג". גוט אָרגאַניזירט, אידעאַליסטיש העברעאיש, פּאָרעקשנט אויסגעהאַלטן, ראַדיקאַל סאָציאַליסטיש איז די דאָזיקע גרופּע געגאַנגען איר וועג, וועלכער האָט אַפילו פון קעגנער געמוזט רעספּעקטירט ווערן. דער פירער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען מאיר יערי (וואָלד פון זשעזשאָוו), ער איז דער הייַנטיקער אנערקענטער פירער פון מפ"ם־השומר הצעיר אין מדינת ישראל. איך מוז זיך דאָ אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן ביי דער דאָזיקער טעמע, ווייל די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן אונ־דזער לאַנדעס־פּאַרבאַנד און דער דאָזיקער גרופּע זענען געקומען בולט צום אויסדרוק און דווקא נישט אין שייכות מיט דער דירעקטער ארץ־ישר־ראל־טעטיקייט פון אונדזער השומר הצעיר. עס זענען פון השומר הצעיר נישט זעלטן אָפּגעפאַלן יחידים, און די צאָל פון די דאָזיקע יחידים האָט געהאַלטן אין וואַקסן. וווהין זענען די דאָזיקע יחידים געגאַנגען? זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון ציוניזם און זענען אַריין אין דער קאָמוניסטישער אונ־טערגרונט־באַוועגונג. די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן איז געווען נישט קיין לעגאַלע. וויבאַלד דער לאַנדעס־פּאַרבאַנד האָט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס פון אָפּפאַל פון השומר הצעיר הערט אויף צו זיין אַ יוצא מן הכלל, האָבן מיר, און בפרט דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרו־נות, געגלייבט, אַז עס איז די צייט צו זוכן די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג.

דער מאָטיוו פון אונדזער ווייטערדיקער האַנדלונג איז געווען ציוו־ניסטישע באַאומרואיקונג סיי אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער ציוניסטי־שער טעטיקייט אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, ווי אויך אין שייכות מיט

אונדזערע אַלגעמיינע שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען אין פּוילן. דער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זיך דערפאַר געווענדט צו דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אויסצופאָרשן די סיבות פון דער אויבן־דערמאַנטער דערשיינונג. עס איז אַ לאַנגע, לאַנגע מעשה און אין מיינע אַרכיוון האָב איך אַ סך דאָקומענטן וועגן דעם ענין. דאָ וויל איך אָבער דערציילן כאָטש בלויז די אונטערשטע שורה. איך וויל דאָ היינט נישט דערמאַנען די פּרטים פון די באַציאונגען פונעם השומר הצעיר צו דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אויך אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, און איך וויל ליבער דערמאַנען, אַז ווען איך בין אין יאָר 1944 געקומען אין אַ באַזונדערער שליחות בעת דער מלחמה, פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק, האָט דער קיבוץ גימל פונעם השומר הצעיר אין ברוקלין (ניו־יאָרק) פאַר מיר געמאַכט אַ קבלת־פנים־אָוונט, אַלס דאַנק פאַר מיין אינפאָרמאַציע־הילף, וואָס איך האָב בעת דער מלחמה אַרויסגע־וויזן דעם השומר הצעיר. איך האָב תמיד געהאַט אין זכרון, אַז די מעלות פון דער דאָזיקער ציוניסטישער יוגנט האָבן אַריבערגעוואויגן די חסרונות און אפשר איז אויך דווקא די ציוניסטישע שולע, וואָס איך האָב איר מי־סיע אויבן כאַראַקטעריזירט, „שולדיק" אין דעם וואָס איך האָב זיך גע־לערנט פאַרגעסן אין שלעכטס און געדענקען נאָר גוטס, פאַרגעסן אין דעם וואָס טיילט פונאַנדער און געדענקען אין דעם, וואָס פאַראייניקט אונדז אין איין פאָלק. אַ סומע פון פאַרטייען איז נאָך נישט קיין פאָלק. ד אָ ס וו אָ ס פ אַ ר א יי נ י ק ט ז יי, מ אַ כ ט ז יי פ אַ ר אַ פ אָ ל ק.

די עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן האָט געשיקט אַ באַזונדערן שליח אין דער פּערזאָן פון דעם גאָר געשעצטן אַדאָלף בעם, דעם באַקאַנטן יידישן ציוניסטישן היסטאָריקער, פון ווין קיין קראָקע, כדי אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין.

דעם 17טן און 18טן אַפּריל 1930 איז אין דער ביוראָ פונעם שריי־בער פון די דאָזיקע זכרונות, אונטער דער לייטונג פון אַדאָלף בעם, אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג וועגן דעם גאַנצן פּראָבלעם פון די פּראָ־בלעמען, וואָס האָבן געפירט צו דער מערקווירדיקער דעזערציע פון יחי־דים פון השומר הצעיר צום קאָמוניזם. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דער

השומר הצעיר איז ביי אונדז געווען אַ סך ראַדיקאַלער אין זיין מאַרק־סיזם ווי אין אַנדערע טיילן פון דער השומר הצעיר באַוועגונג. אַחוץ דר. בעם זענען געווען אַנוועזנד פּראַי, דר. סאַהאַר און שוואַרץ, אַלע פונעם השומר הצעיר. און מצד דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד אַ ריי פון עקזעקוטיוו־מיטגלידער מיט מיר בתוכם. די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט לאַנגע באַריכטן, דאַן מיט אַ גאַר אינטערעסאַנטער קאָרעספּאַנדענץ צווישן דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן. דער פּסק איז אויסגעפאַלן טיילווייז פאַרדאַמענדיק דעם השומר הצעיר, טיילווייז מיט פאַרשטענדעניש פאַר דעם השומר הצעיר — לויט דעם אַלטן רעצעפּט פון אַ דיפּלאָמאַטישן קאָמפּראָמיס. אָבער — דער השומר הצעיר איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג. אין אונדזערע קרייזן, דאָס הייסט, אין די קרייזן פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד, האָט איבערגעוויגן די איבערצייגונג, אַז אונדזער איניציאַטיוו האָט יעדנפאַלס אָפּגערייניקט די לופט.

אַט דאָס זענען געווען די באַציאונגען צו די איינצלנע גרופּעס במשך פון 20 יאָר: פיל פון קאָנפליקטן און — פאַרשטענדיקונגען. די וואַרשטאַטן פון צוזאַמענאַרבעט זענען געווען אַ סך: קרן־היסוד, קרן־קימת, פּאַלעסטינע־אַמט, חלוצישע עזרה (אָבער נאָר טיילווייז), שקל־קאָמיסיע, געמיינזאַמע פייערונגען אין גרויסע ציוניסטישע יום־טובים, מכבי — דאָס אַלץ זענען געווען אינסטיטוציעס פון צוזאַמענאַרבעט.

אָבער איז דאָס געווען אין אונדזער שטח אַ באַזונדערע נאָטע, אַ באַזונדערער אַקצענט, וואָס באַגרינדעט די באַהויפּטונג, אַז ביי אונדז איז געווען בעסער ווי אין אַנדערע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג? צייטנווייז האָב איך געגלויבט אַז יאָ, אָבער צייטנווייז האָב איך נישט געזען קיין סימנים וואָס זאָלן באַרעכטיקן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף מ׳יין פראַגע. אין דעם באַריכט פון אונדזער ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד צו אונדזער ציוניסטישער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון דעם יאָר 1932 לייען איך איצט אַ כאַראַקטעריסטיק פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געגעבן די איניציאַטיוו פאַר אַן אַרבעטס־געמיינשאַפט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען. גור אריה טערלאָ, פון „התאחדות" האָט איבערגענומען די אויפגאַבע צוצוגרייטן דעם פּראָיעקט. אַט וואָס איך לייען אין דעם באַריכט:

„די פאַרערגערונג פון די באַציאונגען צוליב דעם וואַל־קאַמף האָבן שוין אין גאַנצן באַגראָבן דעם דאָזיקן פראָיעקט (ד. ה. וועגן דער אַרבעטס־געמיינשאַפט). די באַציאונגען פון די פראַקציעס פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד האָבן זיך אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר נישט פאַרבעסערט. אַזוי ווייט עס האַנדלט זיך וועגן מזרחי, זיינען זיי גאַר ערגער געוואָרן. דער פאַרייניקטער פראָנט פון פראַקציעס ביי די וואַלן צום קאָנגרעס האָט אַנטפּלעקט זיין קאַמף־רוף און דעם קאַמף־רוף איז געווען נישט זייער אייגענער נצחון, נאָר די פאַרניכטונג פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד.

„מיר גלויבן — לייען איך ווייטער אין דעם באַריכט — אַז נאָך דעם אָפּוואָרפן פון דער דאָזיקער פאַרייניקטער אַטאַקע האָבן זיך די פראַקציעס סוף־כל־סוף איבערצייגט, אַז זייערע באַמיאונגען זענען צוועקלאָז און זיי וועלן טראַכטן צו קומען צו אַ צוזאַמענלעבן מיט אונדז. פון אונדזער זייט וועט נישט פעלן קיין גוטער ווילן. אָבער די באַדייטונג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע מוז ווערן פול רעספּעקטירט".

אַט דאָס איז דער ציטאַט פון אַ באַריכט, געשריבן מיט 25 יאָר צוריק. אין דער לעצטער תקופה פון זיבן יאָר ביז 1939 האָבן זיך די באַציאונגען צווישן דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד און די איינצלנע פראַקציעס געבעסערט. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין סך פון איינקייט־פּראָזעאָלאָגיע, אויב זי איז נישט געווען באַשטעטיקט דורך מעשים. מיר האָבן אין אונדזערע ציוניסטישע רייען געהאַט אַ טענדענץ צו באַנוצן זיך מיט דער איינקייט־לאָזונג ביי יעדער געלעגנהייט. אָבער די איינקייט־לאָזונג איז געוואָרן זייער ביליק. און דערפאַר מוז איך באַווייזן אַז מיין השערה פון דער פאַרבעסערונג פון די באַציאונגען איז נישט קיין פוסטע. זי איז באַשטעטיקט דורך דעם פאַקט, וואָס עס האָט זיך דורך דער כסדרדיקער פּאָליטישער דערציערישער טעטיקייט מצד אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איינגעגעבן אין די לעצטע יאָרן פון דער תקופה, וועגן וועלכער איך שרייב, צו אָרגאַניזירן אין קראָקע אַ שטענדיקן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, אין וועלכן עס זענען אריין אַלע ציוניסטישע גרופּעס אַחוץ דעם השומר הצעיר, און

דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אַפילו אַריינגענומען די אגודה. דער פּראָגראַם פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַל־ראַט איז אין תוך געווען באַגרע־נעצט צו אונדזער „לאַנדעס־פּאָליטיק" און צו אונדזער פּאָליטיק אין די שטאָט־ראַטן. זיין פּראָגראַם איז נישט געווען חל אויף דער טעטיקייט אין די קהילות און נאַטירלעך אויך נישט אויף דעם ריין ציוניסטישן גע־ביט, אָבער במילא האָט דער באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַל־ראַט געהאַט אַ מילדערנדיקן איינפלוס אויך אויף די קאָנפליקטן אין די צוויי לעצטע געביטן, ווייל עס איז דאָך פּסיכאָלאָגיש שווער — מאַנטיק און מיטוואָך צו זיצן ביי אַ געמיינזאַמען טיש און דינסטיק צו פירן אַ ביי־טערן קאַמף.

בזה האופן קום איך צו אַ מער קלאָרן ענטפער אויף מיין פראַגע: צי איז אין אונדזער שטח געווען אַ גרעסערע מאָס פון עקספּערימענטאַ־לער אייניקייט ווי אין אַנדערע טיילן פון פּוילן? דער ענטפער איז: אין דער ערשטער צייט נישט, אין דעם לעצטן פּעריאָד — יאָ. ביים סוף פון אָט דער תקופה פון 1919 ־ 1939 איז נישט אין קאָנגרעס־פּוילן און נישט אין מזרח־גאַליציע געווען בנמצא אַזאַ נאַציאָנאַל־ראַט, אָבער צוליב היס־טאָרישער גענויקייט וויל איך דאָ פעסטשטעלן, אַז אין אָנהייב פון דער תקופה 1919 ביז 1939 איז צוערשט אַ נאַציאָנאַל־ראַט פון אַזאַ פּאַר־נעם אַנטשטאַנען אין וואַרשע אונטער דעם איינפלוס פון יצחק גרינבוים און אין דער תקופה פון דעם ערשטן מינדערהייטן־בלאָק (1922) האָט דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־ראַט צייטווייליק אַרומגענומען אויך די אגודה. עס איז לכן אין קאָנגרעס־פּוילן געווען דער היפוך ווי ביי אונדז. די ערש־טע תקופה איז געווען וואָס שייך אייניקייט בעסער און דאַן איז דער פּאַרטיי־קאַמף דאָרט געוואָרן גאָר פאַרביטערט, בעת ביי אונדז איז גע־ווען דער פּראָצעס אַ פאַרקערטער. עס איז בעסער געוואָרן ביים סוף פון דער תקופה.

וואָס האָט געבראַכט ביי אונדז צו אָט דער אייגנאַרטיקער אַנטוויק־לונג, צוליב וועלכער מיר קאָנען היינט פון דער רעטראָספּעקציע פעסט־שטעלן, אַז מערב־גאַליציע און שלעזיע איז באמת געווען אַן עקספּערי־מענטאַלע לאַבאָראַטאָריע פון יידישער אייניקייט? ווען איך קוק היינט

צוריק אין דער פאַרבלאַסטער פאַרגאַנגענהייט — איך חזר איבער, מען זעט אין דער געשיכטע קלאָרער אין אַ רעטראָספּעקציע, הגם דאָס בילד איז פאַרווישט ווי אין אַ שטאַרק און פריש אַקצענטירטער קעגנוואַרט — קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז עס זענען געווען בעצם עטלעכע סיבות פאַר דער דאָזיקער דערשיינונג. די ערשטע איז געווען, וואָס דער אַלגע־מיינער ציוניזם, אַלזאָ אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, איז אין אונדזער גע־ביט געווען אַן אַבסאָלוט דאָמינירנדיקער כוח לויטן כמות פון דעם אָר־גאַניזירטן טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט.

אין יאָר 1921, ביים אָנהייב פון דער תקופה 1919 ביז 1939, זענען צום צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד געוויילט געוואָרן 14 דעלעגאַטן, 10 פון זיי זענען געווען אַלגעמיינע ציוניסטן, דריי פון פועלי־ציון און „התאחדות" און איינער איז געווען אַ מזרחי. איך האָב נישט פאַר מיר די גענויע סטאַטיסטיק פון די שפּעטערדיקע קאָנגרעסן און מוז מיך דערפאַר באַנוגענען מיט אַן אַלגעמיינער פעסטשטעלונג באַזירט אויף מיין זכרון. ביי יעדן שפּעטערדיקן קאָנגרעס איז די צאָל פון אַלגעמיין־ציוניסטישע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס געווען די מערהייט, אָפט די אַב־סאָלוטע מערהייט צווישן די דעלעגירטע פון אונדזער שטח. נישט זעלטן איז די דאָזיקע מערהייט דערגאַנגען ביז צו צוויי דריטל. די דאָזיקע רעזולטאַטן פון קאָנגרעס־וואַלן ווערן נאָך מער איינדרוקספול, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז די פראַקציעס און באַזונדערס די פועלי־ציון און התאחדות האָבן פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך שטאַרקער אָנטיילגענומען אין די וואַלן צום קאָנגרעס ווי די מער באַקוועמע אַלגעמיינע ציוניסטן. דער דאָזיקער העגעמאָנישער כאַראַקטער פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט נאַטירלעך געצוווּנגען די פראַקציעס צו זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַ דעצידירנדיקן כוח, בפרט נאָך דערפאָלגלאָזע פּרוּוון פון אַ פראָנטאַלן קאַמף קעגן דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד, ווי עס באַווייזט דער ציטאַט, וועלכן איך האָב אויבן איבערגעגעבן.

די צווייטע סיבה פון דער דערמאָנטער דערשיינונג איז געווען די פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע קולטור אין אונדזער שטח. זי איז געווען אויפגעבויט אויף דער טראַדיציע פון דעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, פון

דעם גאַליצישן סיים, פון אַ גרעסערער מאָס פון פרייהייט אין פאַרגלייך מיט קאָנגרעס־פּוילן און פון דער טראַדיציע פון דעם פאַרשריגענעם „גאַליצישן" אָפּאָרטוניזם, וואָס האָט געזוכט דעם מיטל־וועג צווישן עקסטרעמען, און דאָס הייסט דאָך פאַרשטענדיקונג. די דאָזיקע טראַדיציע האָט אויך אונדז יידן אין אַ געוויסער מאָס דערצויגן צו זוכן פאַרשטענדיקונג. עס זענען געווען אויסנאַמען אין דער געשיכטע פון דער פּויליִשער געזעלשאַפט אויך אין גאַליציע פון דעם דאָזיקן כלל. נו, זענען אויך געווען אויסנאַמען אין דער יידישער געזעלשאַפט פון דעם דאָזיקן כלל.

און די דריטע סיבה פון דער דערמאָנטער דערשיינונג איז געווען דער פאַקט, וואָס אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, זייענדיק דער דאָמינירנדיקער כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער שטח און דער אַלץ וואַקסנדיקער כוח אין דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, האָט אַליין גישט אויסגענוצט אין שאַרפע פאָרמען זיין דאָמינירנדיקע פּאָזיציע. ער האָט אַליין געפירט די מילדערע פּאָליטיק פון פאַרשטענדיקונג, ווייל ער האָט געהאַט די פילאָזאָפיע — די פירער פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד האָבן געהאַט די דאָזיקע פילאָזאָפיע — פון בויען און נישט זיין זיגרייך פאָרמעל, די פילאָזאָפיע פון מילדער טאַקטיק און נישט פון פּאָליטישער רציחה.

די דאָזיקע מעלות זענען אין די אויגן פון אונדזערע ליבע פריינט פון קאָנגרעס־פּוילן באַצייכנט געוואָרן אַלס „גאַליצישער אָפּאָרטוניזם". ווען איך קוק היינט צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, בין אין שטאָלץ אויף דעם דאָזיקן „גאַליצישן אָפּאָרטוניזם", וואָס האָט מיט חכמה תמיד געזען א י נ ע ר ל ע כ ע פאַרשטענדיקונג אַלס ציל אין די לעבנס־באַדינגונגען פון אַ פאָלק, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט קעגנער, וואָס פאַר זיי איז אונדזער צעריסנקייט געווען — זייער נצחון. איך אונטערשטרייך: אינערלעכע פאַרשטענדיקונג.

פייערוועדק זענען זיכער שענער און מער איינדרוקספול ווי אַ שטענדיקע, מילדע וואַרעמקייט, אָבער פייערווערק פאַרלעשן זיך און די וואַרעמקייט באַפרוכטעט וווקס און אַנטוויקלונג.

איך קוק איצט צו אַן אַנדערן טייל פון אונדזער פּראָבלעם: צו די

באַציאונגען פונעם לאַנדעס־פאַרבאַנד און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל צו אונדזערע יידישע נישט־ציוניסטישע פאַרטייען און גרופּעס.

## אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און די יידישע נישט־ציוניסטישע פאַרטייען און גרופּעס

### די אגודה און די חרידים. — די אַסימילאַנטן. — דער „בונד". די פירער פון די דאָזיקע פאַרטייען.

מיר האָבן נישט געהאט אין אונדזער שטח די אַזוי גערופענע „פּאָלקיסטן", די צייטווייליקע פאַרטיי, וואָס נח פּרילוצקי האָט געשאַפן אין קאָנגרעס־פּוילן. עס זענען געווען פּרוּוון צו פאַרפלאַנצן די דאָזיקע פאַרטיי אויך ביי אונדז, אָבער דער באָדן איז געווען, זעט אויס, אַ נישט פּאַסיקער פאַר דער דאָזיקער אידייע פון אַ סאָרט בירגערלעכן „בונדיזם".

איך וועל אָנהייבן מיט דער „אגודה", וואָס איר פולער נאָמען איז געווען „אגודת שלומי אמונת ישראל". איך וויל דאָן איבערגיין צו איר פאַרבינדעטן, דעם לאַגער פון די אַסימילאַנטן און ענדיקן מיט אַ יוצא מן הכלל, און איך מיין עס אין ווערטלעכן זין פון וואָרט, אַ י ו צ א מ ן ה כ ל ל, דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער „בונד".

די אגודה איז בלי ספק געווען דער אַמבעסטן אָרגאַניזירטער טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע. אונדזער קהילה, דער רוב בנין פון איר, איז געווען אַ רעליגיעזע. רעליגיאָזיטעט האָט אַרומגענומען נישט נאָר די אָרטאָדאָקסיע אין שטרענגן זין פונעם וואָרט, נאָר אויך מאַסן פון סתם יידן. די פאַרגאַנגענהייט פון דער גאָר אינטערעסאַנטער יידישער קהילה אין קראָקע מיט אירע אַלטע בכבודיקע געדענק־ערטער, האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון חשיבות, טיילווייז פאַרגליווערטער חשיבות, אָבער פאָרט חשיבות, וואָס האָט געטראָגן אַ סך הונדערטער יאָרן אין איר געשיכטע. דריי לאַגערן זענען ביי אונדז געווען בנימצא, אָבער עס האָבן זיך נאָר צוויי אויסקריסטאַליזירט, פון דעם דאָזיקן גרויסן רעזערוואָר פון אָרטאָדאָקסיע אין אונדזער שטאָט קראָקע און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין דער פּראָווינץ. אָבער דאָרט איז דער שווערפּונקט פון דער פאַרטיי־

לונג געווען אַנדערש לאָקאַליזירט. דער נאַציאָנאַלער טייל פון דער אָר־טאָדאָקסיע איז געווען דער מזרחי. איך האָב וועגן אים שוין געשריבן. אין צענטער איז געשטאַנען די אגודה — און אין דער גאָר רעכטער זייט איז געווען אַן אַמאָרפע, נישט אָרגאַניזירטע, פּאַרביסן אומטאָלעראַנטע, אין זיך פאַרשלאָסענע און צווישן זיך צעקריגטע מאַסע, וועלכע מיר קאָנען אָנרופן מיט דעם וואָרט „חרידים" סתם פרומע יידן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום רבנישע הייפן, רבנישע קלייזלעך, רבנישע אינ־טערעסן, שאַפנדיק צייטנווייז — איך זוך אַ חשובן נאָמען — אַ געיעג פאַר איינפלוס פון שבת צו שבת.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אגודה: אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט: קאַמף קעגן ציוניסטישע „פּושעים". דאַן האָבן די אגודיסטן שריט־ביי־שריט איבערגענומען די אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, במקום פון חדרים געגרינדעט שולן, במקום פון קאַמף קעגן פרויען אין דער סאָציאַלער טעטיקייט, געשאַפן אייגענע פרויען־אָרגאַני־זאַציעס, במקום קאַמף קעגן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג פון יידן, געשאַפן אַן אייגענע אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אָרגאַניזאַציע, במקום קאַמף קעגן קאָנגרעסן, געשאַפן אסיפות, במקום קאַמף קעגן סעקולאַריזירטער פּאָליטיק פאַרלאָזן פאַמעלעך די מויערן פון די געטאָס און אַרויס צו וואַלן אין שטאָט־ראַטן און אין סיים; בקיצור, געוואָרן נישקשהדיק סעקולאַרי־זירט אין די פאָרמען פון טאָג־טעגלעכער טעטיקייט. און אַזוי ווי עס איז צו דער דאָזיקער טעכניש־טאַקטישער מעטאַמאָרפאָזע נאָך צוגעקומען די אַמביציע צו ווערן דער רעגירנדיקער כוח אין דעם גאַנצן אָרטאָדאָקסישן רעזערוואואַר און די אַמביציע איז געווען געשפּייזט מיט אַ היפּש ביסל „הייליקער" שנאה צו ציוניזם, איז די באַוועגונג געוואָרן אַ מיליטאַנטע און ווו עס איז דאָ מיליטאַנטישקייט, נעמט מען נישט זייער אָפּט סקרו־פּולן, מען שפּרינגט זיי אַריבער, כדי צו — זיגן. און די אגודה האָט עס געטאָן מיט גאָר גרויסער פעאיקייט. זי האָט געבראַכט דערצו, אַז ביי אַ גרויסן טייל פון די חרידים איז זי געוואָרן כמעט — טריפה, ווייל דער אָרגאַניזאַטאָרישער פּראָגרעס פון דער אגודה איז נישט געווען אין הסכם מיט די אָפּגעשטאַנענע לעבנס־פאָרמען פון די קלייזלעך פון די חרידים. די אגודה האָט זיך באַמיט צו געווינען די דאָזיקע אַמאָרפע מאַסע פון

חרידים. ווייל סוף כל סוף האָט זי דאָך אין תוך געהערט צו דער דאָזיקער מאַסע. ציון — נישט, סיידן — מן השמים! דאָס האָט די אגודה נאַטירלעך פאַרבונדן מיט דעם העכסטן קאָנסערוואַטיוון און רע־אַקציאָנערן טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע, יענעם טייל, וועלכער האָט צווישן זיך געהאַט אַ היפּשן פּראָצענט פון דעם, וואָס מיר רופן הייַנט — נטורי קרתא. אויפן געביט פון דעם קהילה־ראַט איז די אגודה נאַטירלעך געווען פאַרבונדן מיט די חרידים, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך פאַרבונדן מיטן מזרחי און דורך דער דאָזיקער בריק אויך אַביסל געוואָרן שוואַכער אין איר קאַמף קעגן ציוניזם. סוף־כל־סוף איז חיבת ציון געווען אַ באַ־שטאַנדטייל פון דעם אני מאמין פון דער אָרטאָדאָקסיע, הגם אויף גאָר אַנדערע וועגן, ווי עס האָט דאָס געוואָלט פאַרווירקלעכן דער ציוניזם. נו, און די וועלטלעכע פאָרמען פון אָרגאַניזירן זיך האָבן זיי אויך דערוויי־טערט פון פאַרגליוורטקייט. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין די שטאָט־ראַטן און פון צייט צו צייט אַפילו אין פאַרלאַמענט זענען די אגודיסטן געגאַנגען צוזאַמען מיט ציוניסטן. אָבער אַ סך אָפטער צוזאַ־מען מיט אַסימילאַנטן. אין אונדזער שטח איז אַפילו די אגודה פּאַמעלעך געוואָרן ווייניקער מיליטאַנט צוליב דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קלימאַט, וואָס איך האָב אויבן כאַראַקטעריזירט, און צוליב דעם געלאַסענעם טעמ־פּעראַמענט פון מאַנכע וויכטיקע פירער פון דער אגודה.

דריי נעמען וויל איך דאָ דערמאָנען פון קראָקע גופא און איינעם פון דער שטאָט זשעזשאָוו. איך האָב אים שוין דערמאָנט אַמאָל, פּריער. דאָס זענען געווען די פיר פּערזאָנען, וואָס האָבן אין אונדזער געביט במשך פון דעם דאָזיקן פּעריאָד פון 20 יאָר אין קורצע אָפּשניטן פון צייט געהאַט פּאָליטישע פּאָזיציעס אין דעם סיים און אין סענאַט פון דער פּוילישער רעפּובליק. משה דייטשער, אַ קורצע צייט אַ סענאַטאָר אין דער פּוילישער רעפּובליק. ער איז געווײלט געוואָרן אין יאָר 1922 אין דעם קיעלצער קרייז, אין דער צייט פון דעם מינדערהייטן־בלאָק. געהאַט אַ דרוקערײַ אין דעם סאַמע צענטער פונעם יידישן לעבן אויף דער קראַ־קאָווסקאַ גאַס, אין דעם „קוזמאַרק". הייַנט איז דאָס אין גאַנצן אַ קריסט־לעכער קוואַרטאַל. משה דייטשער איז געווען אַ קלוגער ייד. ער האָט נישט גערעדט קיין סך, אָבער ער האָט זיך גוט צוגעהערט. ער אַליין איז

נישט געווען רייך און ווי דער שטייגער איז, האָט דער דאָזיקער פאַקט נישט איבעריק פאַרשטאַרקט זיין פּאָזיציע אַלס פירער פון דער אגודה. צו זיין אַביסל אַ גביר האָט קיינמאָל נישט געשאַדט. דער איינפלוס פון משה דייטשער איז געווען אַ רעספּעקטירטער, אָבער נישט קיין אַנטשיידנ־דיקער. ער האָט נישט געהאַט די טבע צו זיין איבעריק אנגענעם צו זיין סביבה, ווייל ער איז געווען פאַרשלאָסן, אָבער טראָצדעם זענען מיינע זכרונות וועגן אים גיכער אנגענעמע, אפשר דווקא צוליב דעם, וואָס נישט דאָס רייכטום איז געווען דער מקור פון זיין פּאָזיציע. דייטשער איז גע־שטאָרבן אין יאָר 1939, ביים אָנהייב פון דער מלחמה, אַ קרבן פון היט־לעריזם.

דער צווייטער סענאַטאָר פון דער אגודה איז געווען איזאַק באָומינ־גער, אַ גאָר אַן אַנדערער טיפּ ,אַן אינדוסטריעלער, געוואָרן אַ גביר און זיך דערשלאָגן צו דער פּאָזיציע פון אַ ראש פון אַ פּאַטריציער פאַמיליע. זיין פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ רואיקע, איך וואָלט געקאָנט זאָגן, מער וויסנשאַפטלעך, אַ „סטאַטישע" אַלס היפּוך פון דינאַמיש. ער איז אַריין אין סענאַט אין יאָר 1923 אַלס דער נאָכפאָלגער פון דעם פאַר־שטאָרבענעם מזרחיסטישן סענאַטאָר רב קאָוואַלסקי, פון קאָנגרעס־פּוילן. באָומינגער איז געשטאָרבן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פייוול סטעמפּעל איז ווידער געווען אַן אַנדערער טיפּ. מער פאָלקס־טימלעך, מער דעמאָקראַטיש, באַוועגלעך אין זיין פּראַקטישקייט און דער־פאַר אויך מער נוטה צו קאָמפּראָמיסן מיט אַנדערע פּאַרטייען. ער איז געווען אַ מחותן פון דעם באָבאָווער רבי, וואָס האָט נאַטירלעך צוגעגעבן חשיבות צו זיין פּאָזיציע. אין יאָר 1922, בעת דעם מינדערהייטן־בלאָק ביי די וואַלן צום סיים, איז אין מערב־גאַליציע געווען אַ באַזונדערע ליס־טע, וואָס איז נישט געווען אנגעשלאָסן צו דער מינדערהייטן־ליסטע. סטעמפּעל האָט קאַנדידירט אויף דער דאָזיקער ליסטע, אויף וועלכער עס איז אויפן ערשטן אָרט אין קראָקע געשטאַנען דר. יהושע טאָן און דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות אויפן צווייטן אָרט פון דער קראָקעווער ליסטע. אויפן סמך פון אַ קאָמפּראָמיס צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער אגודה האָט סטעמפּעל קאַנדידירט אין זשעזשאָוו. דר. טאָן איז

געוויילט געוואָרן אין קראָקע און גלייכצייטיק אָבער אויך אויף דער מלוכהשער ליסטע פונעם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק. דר. יהושע טאָן האָט אָבער אָנגענומען דעם מאַנדאַט פון קראָקע. סטעמפעל איז געוויילט געוואָרן אין זשעזשאָוו. סטעמפעל איז אויך געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פונעם שטאָט־ראַט אין קראָקע און אויך פון דעם ראַט פון אונדזער קהילה. אין שטאָט־ראַט האָט ער לאָיאַל צוזאַמענגעאַרבעט מיט אונדז ציוניסטן און אין דער קהילה, ווו ער האָט געהאַט אַ סך אַ שווערערן שטאַנדפונקט, איז ער אויך געווען גרייט צו פאַרשטענדיקונג, הגם ער איז געווען זייער לאָיאַל צו זיין אייגענער פאַרטיי. סטעמפעל איז דערהרגעט געוואָרן פון היטלערס באַנדעס אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די מיליטאַנטסטע פערזאָן און די שטאַרקסטע פערזענלעכקייט אין דער אגודיסטישער סביבה אין אונדזער שטח און אויך אַ באַדייטנדיקע פערזאָן אין דער אגודיסטישער באַוועגונג בכלל, איז געווען רב אהרן לעווין, פון סאַמבאָר און דאַן שפעטער פון זשעזשאָוו, אַ פּיקח, נישט נוטה צו וועלכן ס׳איז קאָמפּראָמיס, אַ מאַן פון גרויסן איינפלוס אין זיין סביבה. אין יאָר 1922 איז ער געוויילט געוואָרן צום פּוילישן סיים אין סאַמבאָר, און אין יאָר 1927 אין זשעזשאָוו. אויך ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך היטלעריסטן אין חודש יולי 1941. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען און מיט אים גערעדט דעם 17טן סעפּטעמבער 1939, ביי דער סאַמע גרענעץ פון רומעניע אין דעם גאַליצישן שטעטל קוטי, אַ שעה אָדער צוויי איידער די רוסישע אַרמיי איז אַריין קיין גאַליציע, כדי זיך צוטיילן מיט פּוילן צוזאַמען מיט דער היטלעריסטישער אַרמיי.

ווען איך טראַכט היינט צוריק צו יענער צייט, אין וועלכער מיר ציוניסטן האָבן געהאַט אויסצוקעמפן נישט איין האַרטן קאַמף קעגן דער אגודה, ווען איך טראַכט צוריק צו יענער צייט, ווען ביטערקייט האָט נישט איינמאָל פאַרסמט אונדזערע באַציאונגען, זע איך פאַר מיר די אַלע פיר פערזאָנען. אַחוץ פון איינעם זע איך פאַר מיר מילדע פּנימער באַדעקט מיט אַ נעפּל פון אַ יידישן שמייכל. איך זע סטעמפּלען ז״ל ביים געמיינזאַמען וואַרשטאַט אין קראָקעווער שטאָט־ראַט, איך זע אים צוזאַמען מיט אַלע ציוניסטישע גרופּעס אין אונדזער נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכן



דער באבאווער רבי, הרב בן־ציון האַלבערשטאַם, דער אגודה־סענאַטאָר
פייוויש סטעמפעל און דער איידעם פון באבאווער רבין מ׳. סטעמפעל.

איך האָב אויבן דערמאָנט, און אין זכרון איז מיר געבליבן — די תמציתדיקע ליבשאַפט צו אונדזער פאָלק, וואָס איז געווען די טרייבקראַפט אויך אין דער אגודה, ווי פאַלש עס זאָלן נישט געווען זיין אירע פּראַקטישע, פּאָליטישע קאַמף־וועגן — אין אונדזערע, ציוניסטישע אויגן. מיר זענען אויך נישט געווען אָן חטאים. דער מקור פון אונדזער פאָלק און דער חלום פון אונדזער אייביקייט האָט אונדז דאָך סוף־כל־סוף פאַרבונדן און אַ ביטערער גורל האָט אונדז אַלע פאַרייניקט.

דער פּאָליטישער פאַרבינדעטער פון דער אגודה און פון די חרידים זענען געווען — די אַסימילאַנטן. עס איז געווען אַ מאָדנער שידוך. פאַר דעם פּרייז פון פּאָליטישער אונטערשטיצונג מצד דער אגודה און מצד די חרידים האָבן די אַ־רעליגיעזע אַסימילאַנטן אונטערשטיצט דעם רעליגיעזן פּראָגראַם פון די צוויי אָרטאָדאָקסישע גרופּן, ווו נאָר זיי האָבן געקאָנט, אין דער קהילה, אין שטאָט־ראַט, אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און — אויף די הינטער־טרעפּ פון פאַרשיידענע אַמטן. דערפאַר האָבן די דאָזיקע צוויי רעליגיעזע גרופּן אונטערשטיצט די אַסימילאַנטן אין זייער פּאָליטישן קאַמף, וועלכער איז לרוב געווען אַ קאַמף קעגן דעם איינפלוס פון ציוניסטן. אויב עס איז בכלל פאַראַן אַ זאַך, וואָס הייסט אוממאָראַלישקייט אין דער פּאָליטיק — און איך האָב די נאַאיווע איבערצייגונג, אַז אַזוינס איז דאָ — איז דער שידוך געווען נישט קיין מאָראַלישער שידוך, ווייל עס איז געווען אַ שידוך צווישן שטרענגער רעליגיעזיטעט און אַנטינאַציאָנאַלער אַ־רעליגיעזיטעט אָדער אינדיפערענץ. אַ סך מאָל איז עס געווען ביי די אַסימילאַנטן ווייניקער ווי אינדיפערענץ. אָט טראָצדעם איז דער שידוך געווען אָן אויסגעהאַלטענער. ער האָט אויסגענומען אין די עסטרייכישע צייטן און ער איז געווען ווייטער דערפאָלגרייך אין דעם באַנייטן פּוילן. דער דאָזיקער שידוך איז געווען דער סוד פון דער דערשיינונג צוליב וועלכער דער אָרטאָדאָקסישער פליגל האָט אין דער קהילה אין קראָקע געהאָלפן צו האַלטן ביי דער לייטונג פון דער קהילה אַ פאַרטרעטער פון אַ מיעוט, דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער.

אין די פּראָווינץ־שטעט — ווי איך האָב שוין באַמערקט — איז די סיטואַציע געווען אַביסל אַנדערש: וואָס קלענער די קהילה, וואָס ווייני־

קער איז געווען פאראן אסימילירטע אינטעליגענץ און די ארטאדאקסיע האט זיך, על פי רוב, געמוזט אליין אן עצה געבן. אין די מיטעלערע קהילות האט דער שידוך אנגעהאלטן, אבער די ציוניסטישע פאליטיק, איז אין די דאזיקע קהילות געווען צוליב די לאקאלע באדינגונגען מער נוטה צו קאמפראמיסן מיט דעם ארטאדאקסישן לאגער און אזוי ארום איז דער שידוך פון דער ארטאדאקסיע מיט דעם הייפל פון אסימילאנטן פארביטן געווארן אפט דורך א שידוך מיט די — ציוניסטן. דאס איז מער־ווייניקער געווען די אלגעמיינע לאגע אין אונדזער געביט.

איידער איך וועל ענדיקן דעם דאזיקן קאפיטל וועגן אונדזערע אסימילאנטן, וויל איך נאך דערמאנען — אחוץ דר. רפאל לאנדאו, דעם בעסטן און יידישסטן צווישן זיי, און אחוץ דר. סאמועל טילעס און טאדעוש עפשטיין, וועלכע איך האב שוין דערמאנט אין אנהייב פון די דאזיקע זכרונות — פיר גאר פארשיידענע, אבער גאנץ אינטערעסאנטע פערזאנען פון דעם אזוי גערופענעם אסימילאטארישן לאגער אין אונדזער צייט פון 1919 ביז 1939. איך זע זיי בולט פאר מיר איצט ביים שרייבן די דאזיקע שורות. דער אריגינעלסטער צווישן די דאזיקע פיר, איז געווען א מאן, וואס האט געהאט געשפילט א גאר וואגיקע ראלע אין אונדזער יידישן לעבן אין קראקע. א קליינער, א קיילעכדיקער, מיט אומגעהייער אינטעליגענטע, באוועגלעכע אויגן, א גלענצנדיקער פאלעמיקער, א גערניטער יוריסט, אן אומאויסשעפלעכער קוואל פון ענערגיע, א דעמאקראטישער שתדלן. זיין נאמען איז געווען דר. אדאלף גראס. איך זע אים איצט פאר מיר, ווי ער איילט זיך אויף די גאסן פון קראקע לויפנדיק ערגעצוווּ צו דינען יידישע ענינים. מענטשן גריסן אים אויף דער גאס, שטעלן אים אפ באווארפן אים מיט בקשות. ער איז געווען דער גרינדער פון א לאקאלער פארטיי, וואס האט געהייסן די „גראס־פארטיי״. זי איז נישט געווען גרויס, אבער זי האט געשאפן א קרייז פון אן אינטערעסןגעמיינשאפט, פון אינטערעסן פון בויען ביליקע הייזער, פון גרינדן קאנסום־קאאפעראטיוון, אבער נישט נאר דאס אליין, פון קאמף קעגן אומגערעכטיקייט, פון קאמף פאר אמתדיקער דעמאקראטיע, נישט זעלטן צוזאמען מיט דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי און ברוב מיט דער פוילישער דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע איך האב שוין אויבן דער־

מאַנט. דר. אַדאָלף גראָס האָט זיך אויסגעקעמפט אַ גאַר גרויסע לאָקאַלע פּאָפּולאַריטעט. ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־זיילן אין דעם קראָקעווער שטאָט־ראַט, אין וועלכן ער איז געווען טעטיק זינט דעם יאָר 1897. זיין פּאָפּולאַריטעט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַן גרויסע שוועריקייטן געוואונען דעם מאַנדאַט צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט אין די יאָרן 1907 און דאָס צווייטע מאָל אין 1911, און דאָרט איז ער געווען נאָמינירלעך אַ מיטגליד פון דעם פּוילישן פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב. אין פּאַרלאַמענט פון עסטרייך זענען אין יאָר 1907 געווען פיר נאַציאָנאַלע יידן, ב. שטראַוכער, אַדאָלף שטאַנד, דר. מאַלער און דר. ה. גאַבעל. די דריי לעצטע ציוניסטן. עס איז זייער זעלטן געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אונדזער נאַציאָנאַלן קלוב פונעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט צו יענער צייט און דר. אַדאָלף גראָס, ווייל אונדזער נאַציאָנאַלער קלוב האָט געקעמפט פאַר פונדאַמענטאַלע רעכט און דר. אַדאָלף גראָס און אויך זיין קאָלעגע, ה׳ ראַוך פון גאַליציע, זענען געווען מער אינטערעסירט אין עקאָנאָמישע און טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס יידישע פאָלק האָט זיי נישט אינטערעסירט, אָבער איינצלנע יידן און גרופּעס האָבן געהאַט אין זיי אַן אונטערשטיצונג. איך דערמאָן די דאָזיקע פּרטים, הגם זיי געהערן נישט צו דעם צייט־פּעריאָד, וועלכן איך האָב צו באַהאַנדלען, דערפאַר ווייל דער איינפלוס פון דר. אַדאָלף גראָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געדויערט ביז צום יאָר פון זיין טויט אין 1937 און נישט איינמאָל האָט דער דאָזיקער פּעאיקער מאַן מיט ריינע כוונות און ענגע פּראָווינציעלע האָריזאָנטן געקרייצט דעם וועג פון אונדזער נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט אויסקעמפן פאַרן יידישן פ אָ ל ק אַ נייע בעסערע פּאָזיציע.

דער צווייטער פון די דאָזיקע פיר, וועלכן ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, איז געווען יאָזעף סאַרע. אַ באַשיידענער מאַן און אַ ריינער כאַראַקטער, אַן אַסקעטישע, כמעט איינגעשרומפּענע געשטאַלט. ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט יידישע זאָרגן און יידישער אומרו, אָבער ווייל ער איז געוואָרן דער וויצע־פּרעזידענט פון דער שטאָט קראָקע, וויל איך אים דאָ דערמאָנען. ער איז אָפט געווען אַ שטערונג פאַר אונדזער קאַמף אין דער

קהילה. דער לייענער וועט זיך דערמאָנען פון מיינע זכרונות וועגן דער קהילה, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז געווען די צווייטע אינסטאַנץ פאַר דעם בודזשעט פון דער קהילה און אויך דערפאַר האָבן מיר נישט איין מאָל געהאַט שוועריקייטן אין דער פּערזאָן פון יאָזעף סאַרע, דעם וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט־ראָט. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין וויכוחים מיט אונדז. ער איז געבליבן רואיק און געלאַסן. ער האָט זיך נישט אויפ־געערגט מיט יידישע צרות און דורכגעזעצט זיין מיינונג. און מיט דעם האָט זיך דער ענין געענדיקט. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן אים צו רעספּעקטירן, ווייל ער איז געווען אַ ריינער כאַראַקטער און מיר האָבן עס געלערנט אין אונדזער סביבה, אויך צו רעספּעקטירן קעגנער, ווען זייערע כוונות זענען געווען ריין.

דער דריטער, וועלכן איך וויל דאָ דערמאָנען, איז געווען דר. איג־נאַץ לאַנדאַו. די לאַנדאַו־פאַמיליע איז ברוב געווען אַ גאַר יידישלעכע, אָבער זי האָט אויך לרוב געהערט צום אַסימילאַטאָרישן לאַגער. אַסימי־לאַציע אין דעם פּאָליטישן זין און אויך אין דער קולטור־זין פון דעם וואָרט איז געווען די לאָזונג פון דער לאַנדאַו־יידישקייט. דער נאָכפאָל־גער פון יאָזעף סאַרע אויפן אַמט פון וויצע־פּרעזידענט פון דער שטאָט קראָקע איז ביז צום אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט־קריג געווען דר. איגנאַץ לאַנדאַו. אַ גוטער יוריסט, אַ שוויגער, אַ קאַלטער, אַ גאַליקער, געגאַנגען מיט אַביסל אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, וואָס האָט געשאַפן דעם איינדרוק, ווי ווען ער וואָלט נישט געקוקט אין די אויגן פון אַנדערע. ער איז געווען אַ מער אַקטיווער קעגנער פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן רעיון ווי יאָזעף סאַרע. מען האָט מער רעספּעקטירט זיינע פעאיקייטן ווי אים ליב געהאַט. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך געהערט צו דער „גראָס־פּאַרטיי״.

און צום סוף וויל איך דאָ דערמאָנען איין מענטש, וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט אין סאַמע אָנהייב פון דער תקופה 1919 - 1939, כמעט עטלעכע טעג פאַר דעם אויפקום פון פּוילן. איך דערמאָן אים דאָ, ווייל זיין איינפלוס אָדער גיכער דער איינפלוס פון זיינע ווערק האָט געדויערט אויך נאָך זיין טויט. ער איז נישט פאַרגעסן געוואָרן דורך אַ טייל פון דער יידישער אינטעלעקטועלער יוגנט. און נאָך צוליב אַן אַנ־

דערער סיבה דערמאָן איך אים: ער האָט געשטאַמט פון אַ שטרענג אָר־טאָדאָקסישער קליין־שטאָטישער פאַמיליע אין זבאַראַזש, אין מזרח־גאַלי־ציע; ער איז געווען אַ חדר־יינגל, געגאַנגען אין זיין יוגנט אין אַ קאַפּאָ־טע און האָט זיך — אויף זיין טויטן־בעט, אין עלטער פון 51 יאָר — געשמדט, אָדער — ווי מען האָט דערציילט — איז אָפּגעשמדט געוואָרן. זיין נאָמען איז ווילהעלם פעלדמאַן. ער האָט מיט יידישער פּאָליטיק נישט געהאַט קיין סך צו טאָן. די וואַנדלונגען, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט פון חדר ביז צו שמד, פון דעם קאַנדידאַט צו ווערן אַ רב ביז צו דעם פּאָפּולערסטע היסטאָריקער פון דער פּוילישער ליטעראַטור אין יענער צייט, די וואַנדלונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, פון אַ באַשיידענעם אויטאָדידאַקט ביז צו דעם שאַרזשע ד'אַפער פון דער ערשטער פּוילישער רעגירונג נאָך דער אַנטשטייאונג פון פּוילן, און דאָס דווקא אין — בער־לין, אָט די דאָזיקע וואַנדלונגען וואָס איך וואָלט אַזוי גערן דאָ באַשריבן אַלס אַן אינטערעסאַנטן און אומנאַטירלעכן פענאָמען — געהערן נישט צו דער איצטיקער אַרבעט מיינער. זיין געשיכטע פון דער פּוילישער לי־טעראַטור, זיין גלענצנדיקע צייטשריפט „קריטיקאַ", וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן פונעם יאָר 1901 ביז 1914, האָבן אים דערהויבן צו אַ זייער שטאַרקער פּאָזיציע אין דער פּוילישער גייסטיקער וועלט און די יידישע יוגנט האָט ממש פאַרשלונגען ווילהעלם פעלדמאַן, בפרט יידישע — מייד־לעך. פּוילישע שרייבער האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר אים, ווייל ער האָט געהאַט אַ בייסיקע שאַרפע פעדער, וואָרשיינלעך בירושה פון זיין יידישער אָפּשטאַמונג. מען האָט מורא געהאַט אים צו קריטיקירן, ווייל אין דער קריטיק האָט ער נישט פאַרשטאַנען קיין שום „פּאַרדאָן". ער האָט אַמאָל געשריבן אַ פּיעסע — און אויף דעם געביט איז ער דווקא נישט געווען זייער גוט — די פּיעסע האָט געהייסן „ציען" (שאָטן), האָבן פּוילישע שרייבער זיך נוקם געווען אין אים און קורסירט אַ זאָץ, וועלכן איך וועל דאָ ציטירן אין פּויליש: „טאָקי נאַ פעלדמאַנאַ דזיען, יאַקי יעסט יעגאָ — ציען" (די פריייע איבערזעצונג איז: אַזאַ יאָר אויף פעלדמאַנען אַליין, ווי עס איז זיין „שאָטנס" מיין).

אָט דאָס איז געווען דער קלאַסישער גייסטיקער רעפּרעזענטאַנט פון דער אַסימילאַציע ביז צום סאַמע סוף: שמד. בדרך אגב וויל איך דאָ

דערמאָנען, אַז מיט אַ סך יאָרן פריער האָט דאָס יידנטום אין פוילן אַרויסגעגעבן אַ געשטאַלט פון אַן ענלעכער קאַריערע, אָבער אין אַ סך אַ גרעסערן פאָרמאַט. די געשטאַלט איז געווען טיפער, מער אנערקענט. פעלדמאַן איז קיינמאָל נישט געווען אָנערקענט דורך דער פוילישער געזעלשאַפט. עס האָט אים נישט געהאָלפן, וואָס ער איז אַוועק פון יידן און יידישקייט. זיין געשטאַלט האָט געהאַט נישט זייער קיין אָנציִענדיקע שטריכן און ער איז געבליבן אויף תמיד ביי אַ זייער גרויסן טייל פון דער פוילישער געזעלשאַפט — דער „זשיד". די דאָזיקע אַנדערע געשטאַלט האָט געשטאַמט פון ירושלים ד׳ליטע, פון ווילנע, פון אַ טיף־אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. דער מאַן איז געווען באַהאַונט אין דער העברעישער ליטעראַטור און שפּראַך. ער האָט אַפילו (אין יאָר 1842) אַלס ערשטער איבערגעזעצט אַדאַם מיצקעוויטש, דעם גרעסטן פוילישן דיכטער, אין דער העברעישער שפּראַך און אויך איינע פון די לינגוויסטיש שווערסטע פּאָעמעס פון מיצקעוויטש, די פּאָעמע „פּאַריז" (אַ ווילדער רייטער). אָט דער דאָזיקער זון פון ירושלים ד׳ליטע האָט זיך אויך געשמדט און ער איז געוואָרן אין דער געשיכטע פון דעם פוילישן יידישן פאָלק אין פוילן אין 19טן יאָרהונדערט, אַ גאָר פּאָפּולערע פערזענלעכקייט, פּאָזיטיוו פאַר דעם פוילישן פאָלק און,ליידער, נעגאַטיוו פאַר אונדזער פאָלק. זיין נאָמען איז געווען יודל און דאַן שפּעטער יוליאַן קלאַטשקאָ. אין קעגנזאַץ צו פעלדמאַן איז קלאַטשקאָ געווען גאָר אנערקענט פון דער פוילישער געזעלשאַפט און ער איז געוואָרן אַפילו איינער פון די זיילן און שעפער פון דער פּאָליטישער פילאָזאָפיע פון דער פוילישער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וועלכע איז באַשטאַנען פון — אַריסטאָקראַטן! יידל קלאַטשקאָ פון ווילנע איז געוואָרן דער אַרכיטעקט פון דער פוילישער קאָנסערוואַטיוו־אַריסטאָקראַטישער סאָציאַל־פּאָליטישער פילאָזאָפיע!

זענען מיר נישט אַן אינטערעסאַנט פאָלק?

האָבן די אַסימילאַנטן ביי אונדז אין קראָקע און אין מערב־גאַליציע און שלעזיע געהאַט אַ ברייטערן אָנהאַלט צווישן די מאַסן פון יידישע אינטעלעקטועלע?

אין אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט און שפּעטער, וואָס ווייניקער און ווייניקער. אָבער זיי האָבן אויך אין דער צייט פון 1919 ביז 1939

געהאט עטלעכע פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט אַלס ז יי ע ר ע פּאָזיציעס. ראשית כל דער בני ברית. דאָס איז געווען לאַנגע יאָרן אַ פעסטונג פון דער אַסימילאַציע אין קראָקע. אָבער אויך דאָ איז פּאַמע־לעך אַריין דער גייסט פון נאַציאָנאַלע חלומות און ער האָט זיך דאָרט פאַרשפּרייט אַדאַנק פּערזאָנען, ווי דער באַקאַנטער ציוניסטישער פירער אין אונדזער שטח דר. שמעון פעלדבלום, וואָס איז שפּעטער יאָרנלאַנג געשטאַנען בראש פון דעם בני ברית פאַרבאַנד „סאָלידאַריטעט" אין קראָקע. אַפילו די פּרעזידענטן פון דעם אַלגעמיין פּוילישן בני ברית אין זיין מלוכהשן פאַרנעם, דר. לעאָן אַדער און שפּעטער דר. לודוויג ראַטלער, האָבן זיך פּאַמעלעך געבייגן פאַר דער נייער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג — נישט צו שטאַרק געבייגן. אין יאָר 1939 האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות, אַלס סיים־דעפּוטאַט — אָן אירגאַנישע פאַרקניפּונג — זייענדיק אַ ציוניסט, געפירט די דעלעגאַציע פון די צוויי פירנדיקע פער־זאָנען פון בני ברית, דר׳ לודוויג ראַטלער פון קראָקע און דר. פאַרנאַס פון לעמבערג, צוויי עקספּאָנירטע אַסימילאַנטן, צום דירעקטאָר פונעם אינערן־מיניסטעריום, כדי צו פאָדערן דאָס מבטל מאַכן פון דער — אויפלייזונג פון בני ברית! אַפילו דער בני ברית, מיט זיין שטאַרק אַסימילאַטאָרי־שער פאַרגאַנגענהייט, איז נישט מער געווען „לאָיאַל" אין די אויגן פון דעם אַנטיסעמיטישן רעזשים. אַ צווייטע קליינע פעסטונג פון דער אַסי־מילאַציע אין קראָקע איז געווען דער „קלוב פון קאָמבאַטאַנטן". (איך דערמאָן מיך נישט מער, צי דער קלוב האָט געהאַט דעם מוט צו טראָגן אין זיין טיטל דאָס וואָרט „יידישע קאָמבאַטאַנטן"). דאָרט האָבן זיך פאַר־זאַמלט אַסימילאַטאָרישע אינטעלעקטועלע פון דעם ייגגערן דור און גע־פּראָוועט — אַסימילאַציע. עס האָט זיי נישט געהאָלפן. אַ פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער גרופּע, מיטן נאָמען לעאָפּאָלד ספּירא, האָט קאַנדידירט צום פּוילישן סיים אין יאָר 1935 אין קראָקע און איז — דורכגעפאַלן. גאָר וואַזשנע דורכגעפאַלן.

אַ דריטע קליינע „פעסטונג" פון דער אַסימילאַציע איז געווען דער אַקאַדעמישער פאַרבאַנד „זיעדנאָטשעניע" (אייניקייט), וועלכן איך האָב שוין אויבן דערמאָנט אין דעם קאַפּיטל וועגן אונדזער יוגנט. די דאָזיקע אַלע דריי „פעסטונגען" האָבן סאָציאַל נישט געהאַט קיין גרויסע באַדיי־

טונג, אָבער אַזוי ווי די דאָזיקע גרופּע איז געווען די אָנגענעמסטע פאַר דער ממשלה, ווייל זי האָט כמעט גאָר נישט פאַרלאַנגט, איז נאַטירלעך איר איינפלוס אַלס הילף־מיטל צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער יידי־שער אידייע געווען געזען זייער גערן דורך דער ממשלה. דאָ איז געלעגן דער כוח פון דער אַסימילאַטאָרן־גרופּע, אַ שטיין אויף אונדזער וועג, צייטנווייז אַ דאָרן אויף אונדזער וועג!

די גרויסע אידייע פון דער אַסימילאַציע, דער קינסטלעך קאָנסטרו־אירטער חלום פון ווערן דער עטישער מיסיאָנער צווישן פעלקער, האָט אין דעם קרייז פון אונדזערע אַסימילאַנטן נישט געהאַט קיין שום באַ־דייטונג. עס איז געווען סתם אַסימילאַציע צוליב באַקוועמלעכקייט. אין די מיטעלע שטעט פון מערב־גאַליציע איז דער איינפלוס פון די אַסימי־לאַטאָרישע יחידים געווען כמעט אידענטיש מיט איינפלוס ביים — סטאַ־ראָסטע. האָט ער געוואָלט, איז דער אַסימילאַנט געווען קרוב למלכות. האָט ער נישט געוואָלט — איז געווען אויס איינפלוס!

אין די גאָר קליינע שטעטלעך — איך האָב עס שוין דערמאָנט — האָט די פאָרם פון אַסימילאַציע געהאַט אַ סך אַ טראַגישערן פנים, ווייל דאָרט איז עס געווען די אַסימילאַציע אין דער — קאַפּאָטע. גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט פּוילישער קולטור און זיך אויסגעשעפּט אין פּאָליטי־שער — חניפה.

עס האָט נישט געהאָלפן נישט אין די מיטעלערע שטעט און נישט אין די קליינע שטעט, די נאַציאָנאַלע אידייע פונעם קעמפנדיקן יידנטום האָט מאַרשירט ווייטער. מיט שוועריקייטן, אָבער ווייטער!

דער ביטערסטער קעגנער פון אונדזער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען דער „בונד“. מחיצות זענען אַ באַרעכטיקטע דערשיינונג צווישן פּאַרטייען. יעדע פּאַרטיי האָט דאָס רעכט צו קעמפן פאַר איר איינפלוס און איר איבערצייגונג. די פראַגע איז נאָר צי די פּאַרטייען אנערקענען געוויסע צייטן און געוויסע פּראָבלעמען, אין וועלכע זיי מוזן זיך פאַר־בינדן אין אינטערעס פונעם כלל. אין דער הינזיכט איז צווישן אונדז און דעם בונד נישט באַשטאַנען קיין מחיצה, נאָר אַ תהום. און עס איז נישט געווען קיין שום בריק, נישט קיין אויסנאַם פּראָבלעם און נישט אין אויס־נאַם־צייטן האָט דער „בונד“ פאַרבונדן מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַ־

ציעס. ניין! דאָך איין אויסנאַם! אין מערב־גאַליציע און שלעזיע דערמאָן איך מיך אין דער איינציקער אויסנאַם. דאָס איז געווען דאָס יאָר 1919, ווען מיר האָבן אין דער היץ פון דעם רעוואָלוציאָנערן איבערברוך און גרויסע האָפענונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווערסאַילער טראַקטאַט און מיט דעם נייעם פוילן צוגעגרייט אַן אויפרוף מיט אַ פּלאַטפאָרם פאַר דעם שוץ פון דער יידישער מינדערהייט. איך גלייב, אַז דעמאָלט האָבן פירנדיקע מיטגלידער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (זשעט פ. ס.), דעם שפּעטערדיקן „בונד" ביי אונדז, אונטערגעשריבן דעם געמיינזאַמען אויפרוף. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס געווען דער איינציקער אויסנאַם פון צוזאַמענאַרבעט פונעם „בונד" מיט אַנדערע פאַרטייען אין אונדזער שטח!

דער תהום צווישן דעם „בונד" און אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל האָט געהאַט אַ סך סיבות. איך וויל דאָ דערמאָנען צוויי, וואָס זעען מיר אויס צו זיין די וויכטיקסטע. איינע איז דווקא געווען אַ מעלה פונעם „בונד" און די צווייטע איז געווען אַן אָרגאַנישער חסרון פונעם „בונד". די מעלה איז געווען, וואָס דער „בונד" איז געווען אַן אידעאָלאָגישע באַוועגונג, וואָס האָט גאַטירלעך אויפריכטיק געגלייבט אין דער ריכטיקייט פון איר אידעאַל. און דער אידעאַל איז געווען אַ גאָר גרויסער: די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, בפרט אין פוילן און דאָס איינאָרדענען פון דער יידישער געזעלשאַפט אַלס אַן אינטעגראַלן באַשטאַנדטייל פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין די איינצלנע מלוכות. מען קאָן זיין אַ קעגנער פון סאָציאַליזם, אָבער רעספּעקטירן מוז מען דעם אידעאַל גופא. זינט 1897, גלייכצייטיק מיט דעם אַנטשטייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט דער „בונד" געקעמפט פאַר דער רעאַליזירונג פון זיין אידעאַל מיט אַ בונדיסטישער אויסגעהאַלטנקייט.

אין אַלגעמיינע שטריכן זענען דאָ געווען אינעם יידישן לעבן דריי הויפּט־ריכטונגען, וואָס האָבן געפּרוווט פאַרענטפערן די קיום־פראַגן פון אונדזער פאָלק אויף גאָר פאַרשיידענע וועגן. עס וואָלט געווען כדאַי צו שרייבן אַ בוך וועגן זיי אַלס אַ סינטעז פון יידישער באַזאָרגטקייט פאַר דעם קיום און צוקונפט פון אונדזער פאָלק. די דאָזיקע דריי ריכטונגען

זענען געווען: ציוניזם, וואָס האָט ראשית כל געזען די פאַרענטפערונג פון דעם יידישן פּראָבלעם אין ארץ ישראל; בונדיזם, וועלכער האָט אונדזער גאולה געזען אין דאָאיזם, אין אַ באַנייטער, גערעכטער סאָציאַליסטישער וועלט־אָרדענונג, אין וועלכער אונדזער פאָלק וועט געפינען פּלאַץ און אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע; און די דריטע שיטה איז געווען די אָרטאָדאָקסיע מיט איר וווּנדערבאַרער האָפענונג אויף משיחן אין דער צוקונפט און מיט איר פאָדערונג פון תורה־טריי לעבן אין דער קעגנוואַרט, ווייל זי האָט געגלייבט, אַז נאָר אַזאַ תורה־טריי לעבן קאָן צוגרייטן דאָס קומען פון משיחן.

די מעלה פון בונדיזם איז געווען, וואָס ער האָט געדינט אַ גרויסער אידייע פון ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק דורך סאָציאַליזם. דאָס האָט יעדער קעגנער געמוזט רעספעקטירן, אָבער דער טיפער אידעאָלאָגישער אונטערשייד צווישן דער טעריטאָריעלער לייזונג פון דער יידישער פראַגע דורך ציוניזם און דער אַ־טעריטאָריעלער לייזונג פון יידישן קיום דורך בונדיזם האָט אַ פאַרשטענדיקונג ממש געמאַכט אומגעהייער שווער. דער חסרון פונעם „בונד" איז געלעגן אין דעם, וואָס ער האָט זיך אָרגאַניזירט און קריסטאַליזירט אַלס אַ „קלאַס", אַלס אַ פאָלק פאַר זיך, און האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז ער איז אַ טייל פון דעם היסטאָרישן יידישן פאָלק. עס האָט אונדז נישט פאַרבונדן, נישט יידישע געשיכטע, נישט יידישע רעליגיע און טראַדיציע, נישט די העברעישע שפּראַך, נישט די בענקשאַפט פאַר אַן אייגענעם מלוכהשן לעבן אין דעם אַלטן היימלאַנד — גאָר נישט האָט אונדז פאַרבונדן אַחוץ דער נאָמען ייד און אַ קורצער וועג פון דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער יידישער שפּראַך. דערפאַר זענען אַלע פּרווון מצד אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, צו שאַפן כאָטש צייטווייליקע בריקן, כאָטש אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם צוזאַמען מיטן „בונד" געווען אין גאַנצן אָן דער־פאָלג. אַז דער „בונד" אין אונדזער שטח האָט באַקעמפט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. מיר זענען געווען ברוב אַ בירגערלעכע באַוועגונג און דער „בונד" איז געווען אַ מאַרקסיסטישע באַוועגונג. איז נאַטירלעך נישט געווען קיין שום בריק צווישן די צוויי באַוועגונגען. אָבער דער „בונד" איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער

האט קיינמאל נישט אנגענומען קיין פארשלאגן פון א בשותפותדיקער אקציע פון אן אלגעמיין נאציאנאלן כאראקטער, אפילו נישט מיט דער פועלי־ציוניסטישער פארטיי, וואס איז דאך געווען אויך סאציאליסטיש. (איך האב שוין דערמאנט, אז אין יאר 1919 האט דער „בונד" אין אונ־דזער שטח, צו יענער צייט איז עס געווען דער זשעט פ. ס. געמאכט אן אויסנאם און דאן שפעטער נאך א צווייטן אויסנאם אין קאנגרעס־פוילן, בעת איינער פון די וואלן צום פוילישן סיים). די ארבעטער־באוועגונג אין יאפאן איז פאר דעם „בונד" געווען א סך נאענטער ווי די הסתדרות אין ארץ ישראל. און איך האב דאס געקאנט פארשטיין, ווייל די הסתדרות אין ארץ ישראל האט חרוב געמאכט די בונדיסטישע אנטי־ישראל־אריענ־טאציע און די סאציאליסטישע באוועגונג אין יאפאן האט עס נישט גע־טאן. בקיצור, דער „בונד" איז געווען אן אמתדיקע יוצא מן הכלל, דאס הייסט, אן ארגאניזאציע, וואס שליסט זיך אויס פונעם כלל. ער איז גע־ווען א מין שבט פון סאציאליסטישע קאראיטן.

צייטנווייז האבן די פארמען פון דעם בונדיסטישן קאמף קעגן ציו־ניזם דערגרייכט די מאראלישע מדרגה פון אויפשריפטן קעגן ציוניסטן ווי „ימח שמם", וואס זענען צייטנווייז באנוצט געווארן קעגן ציוניזם אין קראקע פון אונדזער היימישער — נטורי קרתא. נישט איינמאל האב איך געזען אויף די מויערן פון די הייזער אין קראקע דעם דאזיקן „ימח שמם" אויפגעקלעפט פון אונדזערע עקסטרעמע ארטאדאקסישע פאנאטיקער. נו, איז עס טראצדעם געווען בעסער ווי די הייניטיקע בקשות פון די נטורי קרתא אין ירושלים צו דער רעגירונג פון יארדאניע זיי אריינצולאזן אין דער אראבישער מדינה. אבער וואס איז געווען דער אנאלאגישער ביי־שפיל מצד דעם „בונד"? עס איז געווען אן אויפרוף, וואס איז געקומען פון בונדיסטישע רייען קעגן דער גרינדונג פון דער העברעישער אוניווער־סיטעט אין יאר 1925; אדער ארטיקלען וועגן ציוניסטיש־בריטישן אימפע־ריאליזם אין דער צייט, ווען די פינסטערסטע אראבישע עפענדיס האבן ארגאנזירט אנטי־יידישע פאגראמען אין חברון און אין צפת. אבער דאס זענען געווען אויסנאמען. על פי רוב איז דער בונד געגאנגען זיין וועג מיט קלאפן איבער די אויערן. די ווירקלעכקייט ארום אים האט פאר דעם „בונד" נישט עקזיסטירט.

אין יאָר 1919 איז ביי אונדז פאָרמעל נישט געווען דער „בונד״-בנמצא. אָנגעהייבן האָט זיך זיין געשיכטע ביי אונדז מיט אַ באַשיידע-נער סעקציע אינערהאַלב פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון איר איז אַרויסגעוואַקסן דער „זשעט פּ. ס.״ די יידישע סאָציאַליס-טישע פּאַרטיי אַלס אַ סעקציע אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַר-טיי. ערשט שפּעטער האָט זיך דער זש.פּ.ס. אָרגאַניזירט אַלס אַ זעלבסט-שטענדיקע פּאַרטיי. און ערשט אין די ערשטע יאָרן פון דעם ניי-אויפגע-בויטן פּוילן האָט זיך דער זש.פּ.ס. פאַרבונדן מיטן „בונד״ פון קאָנגרעס-פּוילן אַלס זיין אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל מיט אַ געוויסער לאָקאַלער אויטאָנאָמיע. דאָס וואָס מיר, אַלגעמיינע ציוניסטן, האָבן נישט געקאָנט דורכפירן במשך פון 20 יאָר, נעמלעך די פאַרייניקונג פון אונדזערע גרו-פּעס אין די דריי פּראָווינצן פון פּוילן, האָט דער „בונד״ יאָ דורכגעפירט און דאָס איז געווען אַ סימפּטאָם פון זיין אָרגאַניזאַטאָרישער רייפקייט. נאַטירלעך האָט דער „בונד״ געפּרוווט צוזאַמען צו אַרבעטן מיט דער פּוי-לישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, הגם נישט מיט דעם פּועלי-ציון. די דאָזיקע ליבע איז געווען ברוב אָן אייגזייטיקע. דער פּ.פּ.ס. איז — ווי ווייט איך געדענק — קיינמאָל נישט געגאַנגען צוזאַמען מיטן „בונד״ צו די וואַלן צום סיים! וואָס מער דער „בונד״ האָט ביי אונדז געפּרוווט אונטערצושטרייכן פּראָבלעמען פון יידישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אַלץ אומאַנגענעמער איז ער געוואָרן פאַר דער פּוילישער סאָציאַליסטי-שער פּאַרטיי, ראשית כל ווייל די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אַליין געווען שטאַרק נאַציאָנאַל, אויב נישט נאַציאָנאַליסטיש, און אַחוץ דעם, ווייל אַ ריי פון סאָציאַליסטישע פירער פון יידישער אָפּשטאַמונג זענען געבליבן אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָבן דאָרט, נאַטירלעך, ווי דאָס איז דער שטייגער, להבדיל, מיט דער יעוו-סעקציע אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, געבונטעוועט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קעגן דעם „בונד״. נו, האָט זיך די סאָלידאַרי-טעט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אַזוי שטאַרק אַקצענטירט אין דעם לעצטן זאַץ פון קאַרל מאַרקס׳ס „מאַניפעסט״ אויסגעדריקט דעם 1טן מאַי אין אַ מאָדנער פאָרם „סאָלידאַריטעט״: דער פּ.פּ.ס. האָט זיך געהאַט זיין דעמאָנסטראַציע און דער „בונד״ האָט געהאַט זיין אייגענע סעפּאַראַטע

דעמאָנסטראַציע. און אַפילו אין דעם דעמאָנסטראַטיוון מאַרש צו דעם מאָנומענט פון אָדאַם מיצקעוויטש, אויף דעם רינגפּלאַץ אין קראָקע, האָבן די צוויי חברישע פּאַרטייען מאַרשירט אין אַ בכבודיקער דיסטאַנץ, און דאָס איז שוין אַזוי געבליבן תּמיד, ביז צום יאָר 1939! זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט די פּועלי־ציון געמוזט איינאָרדענען איר באַזונדערע דעמאָנסטראַציע און איר באַזונדערן מאַרש; אָבער סוף־כּל־סוף איז פאַר דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דער „בונד" נאַטירלעך געווען דער רעלאַטיוו נאָענטסטער, טאָלערירטער פאַרבינדעטער.

וואָס איז געווען דער כּוח פונעם „בונד" אין אונדזער שטח? ער האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט קיין מאַנדאַט צום פּוילישן פּאַרלאַמענט. ווי איך האָב שוין דערמאָנט ביים אָנהייב, האָט ער דורכגעפירט איין רעפּרעזענטאַנט אין דעם קהילה־ראַט, און איין רעפּרעזענטאַנט אין דעם שטאָט־ראַט און צולעצט, אין יאָר 1938, ווען די קאָניוקטור פאַרן „בונד" איז געוואָרן אַ הויכע, צוליב דער רעזולטאַטלאָזיקייט פון די פריערדיקע יידישע פּאָליטיק־סיסטעמען, האָט ער דערגרייכט צוויי מאַנדאַטן אין שטאָט־ראַט אין קראָקע. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון זיין פּאָליטישן כּוח אין קראָקע.

דער „בונד" ביי אונדז האָט געהאַט אַ נישקשהדיקן איינפלוס אויף מאַנכע פון די יידישע „טרייד יוניאָנס" און ער האָט, ווי איך האָב שוין אויך פריער דערמאָנט, בייגעשטייערט זיין טייל צו דער אויפהאַלטונג פון דער יידישער קולטור, ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען. ער האָט געהאַט אַ גוט אָרגאַניזירט קעמערל אין דער אַקאַדעמישער יוגנט, אָבער ווי מיר האָבן שוין אויבן באַוויזן, דערמאָנענדיק דעם פאַרבאַנד פון יידישער אַקאַדעמישער יוגנט „אַגניסקאַ", האָבן די ציוניסטישע גרופּעס ביי די וואַלן צו דער אָרגאַניזאַציע געהאַט תּמיד אַ דערדריקנדיקע מערהייט. אָבער דער אמתדיקער כּוח פון דעם „בונד" ביי אונדז, טראָצדעם וואָס ער איז געווען אַ קליינע מינדערהייט סיי אין קראָקע, סיי אין טאַרנאָוו, וווּ ער האָט געהאַט אויך אַ גוטע אָרגאַניזאַציע, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי פון זייער איבערגעגעבענע, צייטנווייז אויך גאָר פעאיקע פירער, וואָס האָבן פון דער גרופּע געמאַכט אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דר. מיכאל שולדענפריי, דער רואיקסטער און געלאַסנסטער (זיין

זון איז איצט אַ הייסער ישראל־פּאַטריאָט אין חיפה), איז אין מיין זכרון געבליבן אַלס דער רעפּרעזענטאַנט פונעם „בונד“, הגם ער איז נישט געווען קלאַסיש פאַרן „בונד“. ער איז היינט אַ הויכער באַאַמטער אינעם יוסטיץ־מיניסטעריום אין וואַרשע. דער סאַלאָן־רעדנער איז געווען דר. יעקב בראָס, דער אויפגעפּלאַמטער פּראָפּאַגאַנדיסט אויף מאַסע־פאַרזאַמלונגען איז געווען יאַנאַ בלום. ווען ער וואָלט געלעבט אין די צייטן פון יריחו וואָלט זיין שטים געווען געקאַנט איינלייגן די מויערן פון יריחו און ממילא איז ער אין די אַטאַקעס קעגן ציוניזם געווען ווי אַ שטורעם־ווינט פון ווערטער.

תמיד וויציק, אויפגעלייגט און שמייכלענדיק איז געווען דר. יהושע פענסטערבלאו, תמיד גרייט צו קרבנות פאַר דער בונדיסטישער פּאַרטיי. דר. הענריק שרייבער — איך האָב אים שוין דערמאָנט פריער — האָט געהערט צו יענע, פאַר וועלכע בונדיזם איז געווען אַ דאָגמע. דר. איגנאַץ אַלעקסאַנדראָוויטש, דר. ווילהעלם אַלעקסאַנדראָוויטש, דר. עמנואל שערער און דר. יאַפע, זענען געווען די טעאָרעטישע זיילן פון בונדיזם אין אונדזער שטח. ערנסט, איינגעטונקען אין עקאָנאָמישער וויסנשאַפט זענען זיי געווען די שרייבער פון דעם בונדיזם. אויב עס האָט עפּעס נישט געשטימט מיט זייער טעאָריע אין לעבן, איז עס געווען נישט ריכטיק — אין לעבן, אָבער נישט אין דער בונדיסטישער טעאָריע. דר. איגנאַץ אַלעקסאַנדראָוויטש איז היינט אַ פּראָפעסאָר אויף איינער פון די קלענערע אוניווערסיטעטן אין דעם שטאַט ניו־יאָרק און דר. עמנואל שערער איז אין דעם צווייטן פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען מיין קאָלעגע אין דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן. איך האָב נישט איין מאָל געהאַט די געלעגנהייט פעסטצושטעלן, אַז לויט זיין טעטיקייט געהערן מיר ביידע — צו צוויי פאַרשיידענע פעלקער. ער איז היינט די טרייבקראַפט פון דעם נעאָ־בונדיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַ גוטער רעדאַקטאָר פון אַן ערנסטן אַנטיציוניסטישן חודש־זשורנאַל „אונדזער צייט“. און צולעצט האָב איך איבערגעלאָזט דר. לעאָ פיינער. מיינער אַ קאָלעגע אין דער אַדוואָקאַטור. ער איז געווען איינער פון די קאַפּיטאַנען פון בונדיזם אין אונדזער שטח. אָבער נישט קיין פאָלקאָווניק. איך דערמאָן אים דאָ באַזונדער, ווייל ער איז געווען בעת דער מלחמה

אין דער בונדיסטישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין וואַרשע און אין פּוילן בכלל געוואָרן דער — גענעראַל. ער איז געוואַקסן גאָר שטאַרק און זיינע פאַרדינסטן זענען געווען גרויס. איך האָב נישט איין מאָל געלייענט אין לאָנדאָן זיינע געהיימע באַריכטן, אונטערגעשריבן מיט אַ פּסעוודאָנים. ער איז געשטאָרבן אין לובלין אין 1945, ביים אָנהייב פון דעם איצטיקן רעזשים אין פּוילן.

איך האָב דאָ דערמאָנט אַ באַזונדער גרויסע צאָל פון בונדיסטישע פירער, ווייל זיי זענען עס געווען, וואָס האָבן דער בונדיסטישער גרופּע פאַרשאַפט רעספּעקט כלפּי פּנים. עס איז צייטנווייז געווען פאַר אונדז ציוניסטן זייער שווער צו רעספּעקטירן די מעטאָדן פונעם „בונד" און אָפטמאָל האָבן מיר קעגן דעם בלינדן אַנטיציוניסטישן האַס פון „בונד" געמוזט ענטפערן נישט נאָר מיט פאַרדאַמונג, נאָר אויך מיט פאַראַכטונג.

אַ סך פון די פריערדיקע פּוילישע בונדיסטישע פירער, וואָס לעבן היינט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן געביטן זייער שטאַנדפּונקט לגבי מדינת ישראל, אָבער נישט ווייניק פון זיי גייען אין די אַלטע דרכים. עס איז כמעט צו באַוואונדערן, ווי בלינד אַ זעעוודיקער קאָן זיין. זיי וואַרטן, זיי וואַרטן. איך מיין עס איז בעסער, נישט צו דערמאָנען, אויף וואָס זיי וואַרטן וואָס שייך מדינת ישראל. איך גלייב באמונה שלימה, אַז זייערע דערוואַרטונגען וועלן נישט מקוים ווערן.

אָבער אין איין פּרט איז דער „בונד" דאָך געוואָרן אָרגאַניזאַטאָריש ענלעך צו דער אגודה. ביידע האָבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו־גענומען דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָרגאַניזאַטאָרישן פאַרנעם. די אגודה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיין און ביין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ צו גרינדן איר אייגענע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. זי האָט דער־פון געמאַכט אַ פאַרוואורף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער דאַן האָט זי געגרינדעט איר אייגענע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. און דער „בונד" האָט תמיד געהאַלטן, אַז זיין אָרגאַניזאַציע קאָן באַשטיין נאָר אין די ראַמען פון איעדער מלוכה באַזונדער, אָבער חס וחלילה נישט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם. דער בונד האָט געהערט צו דעם צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער אַליין האָט ער די אידייע פון אַן אייגענער יידישער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע באַקעמפט. אָבער

גאָכן חורבן, נאָך דעם שרעקלעכן חורבן, אין וועלכן עס זענען אויך נאָ־טירלעך זיינע רייען חרוב געוואָרן, בפרט אין דער מלוכה פון זיין כוח, אין פוילן, האָט דער „בונד״ דאָך באַשלאָסן, פון די לעצטע פראַגמענטן זיינע אין עטלעכע לענדער צו גרינדען זיין אייגענע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. ער רופט זי, שעמעוודיק, „קאָאָרדינירקאָמיטעט״. דער נאָ־מען איז אָבער נאָר אַ קאָמופלאַזש פון אַן אמתדיקער אינטערנאַציאָנאַ־לער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האַלט אָפּ אירע אייגענע אינטער־נאַציאָנאַלע קאָנפערענצן.

## די באַציאונגען מיט דער פוילישער באַפעלקערונג

און אָט דערנעענטער איך מיך צו דעם לעצטן אָפּשניט פון דעם ערשטן טייל פון די דאָזיקע זכרונות: אין אונדזער ווינקל. צו די ראַמען פונעם בילד.

איך האָב שוין אויבן, אין דעם אָפּשניט וועגן פּרעסע כאַראַקטערי־זירט די באַציאונגען פון דער פּוילישער פּרעסע אין קראָקע צו יידישע פּראָבלעמען. דאָ וויל איך דאָס בילד אַביסל דערגאַנצן. איך מיין — עס איז נייטיק.

ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, האָט אונדזער לאַנדעס־פּאַרבאַנד, הגם אַ בירגערלעכע אָרגאַניזאַציע, באַזירט אירע האָפענונגען אינעם קאַמף פאַר אמתדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אויף — דער פּוילי־שער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. עס איז געווען אַ סתירה אין דעם סאָ־ציאַלן צוגאַנג צו דער דאָזיקער האָפענונג, אָבער אַזוי איז עס געווען. פאַרוואָס? צוליב אַ ריי סיבות. ראשית כל איז די קאָנקורענץ צווישן דעם יידישן און קריסטלעכן מיטלשטאַנד געווען אַ זייער שטאַרקע. דער יידי־שער מיטלשטאַנד איז געווען אַ גאַר וויכטיקער. דער קריסטלעכער מיטל־שטאַנד האָט געוואָלט איינעמען יידישע פּאָזיציעס. איז ממילא געווען זינלאָז צו האָפן אויף אונטערשטיצונג מצד די פּוילישע בירגערלעכע פּאַר־טייען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אין דער פּוילישער געזעלשאַפט גע־ווען אַ סך שטאַרקער ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער יידישער געזעלשאַפט, ווייל די פּוילישע אינדוסטריע איז געווען אַ סך שטאַרקער

ווי די יידישע און אַפילו די יידישע אינדוסטריע האָט באַשעפטיקט סרוב נישט־יידישע אַרבעטער. איז די קאָנקורענץ מצד דעם פּוילישן אַרבעטער קעגן דעם יידישן אַרבעטער געווען כמעט אַ נישטיקע. האָבן יידן מער געקאָנט האָפן אויף אונטערשטיצונג מצד דער סאָציאַליסטישער גרופּע. חוצדעם האָט דער סאָציאַליזם אַנטהאַלטן די לאָזונג פון קאַמף צו שיצן די אָרעמע מענטשן און אָרעמע האָבן נישט געפעלט אין דער יידישער גע־זעלשאַפט צוליב דעם וואַקסנדיקן עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם.

און אין דער סאָציאַליסטישער אידייע איז בטבע געלעגן די אידייע פון קאַמף פאַר גערעכטיקייט און גלייכהייט.

## די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

### אירע פירער און איר באַציאונג צום יידישן פּראָבלעם די דעמאָקראַטישע און די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען

דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ מאָדנע דערשיינונג, אַז יידן האָבן מאַסנ־ווייז געשטימט פאַר דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט איגנאַצי דאַשינסקי צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, דעם גרויסן טריבון און פלאַמפּייערדיקן רעדנער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן פאַר אים געשטימט אין דער האָפענונג, אַז ער וועט זיי שיצן צוליב אַט די סיבות, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט. און ע ר האָט די שטימען געדאַרפט, ווייל אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָט ער נישט געהאַט גענוג שטי־מען כדי צו זיגן. איגנאַצי דאַשינסקי איז בכלל געווען אַ גאַנץ אומגע־ווייגלעכע פערזענלעכקייט. שוין אַליין אויסערלעך. יידן האָבן ממש גע־האַנגען אויף זיינע ליפּן, ווען ער האָט געהאַלטן זיינע רעדעס אין דעם יידישן קוואַרטאַל. ער איז געווען אַ שלאַכציץ. ער האָט אונדז אין האַרץ נישט ליב געהאַט. מיר האָבן עס געפילט.

דאַשינסקי איז אין יאָר 1918, ביים אָנהייב פון דער באַנייטער פּוי־לישער מלוכה, געווען דער ערשטער פּוילישער פּרעמיער, אַ קורצע צייט. ער האָט דאַן אויך ווייטער געשפּילט אַ וואָגיקע ראָלע אין דעם פּוילישן פּאָליטישן לעבן. אָבער קיין פּאָזיטיווע הילף פאַר דער יידישער באַפעל־

קערונג איז פון דעם נישט אַרויסגעקומען. נאַטירלעך זענען די באַציאונ־גען צווישן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דעם „בונד" אידעיש געווען נאָענטע. אויך די לאָקאַלע פּאַרטיי פון דר. אַדאָלף גראָס האָט געהאַט גאַנץ פריינטלעכע באַציאונגען מיט דער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי אין דער צייט פון דאַשינסקי.

עס איז כדאי אויך צו דערמאָנען עטלעכע פירנדיקע פּערזענלעכ־קייטן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אונדזער שטח, ווייל זיי האָבן געשפּילט אַ שטאַרקע ראָלע אין יידישע פראַגן אין דער תקופה פון 1919 ביז 1939. ראשית כל זיגמונד זשולאַווסקי, אַן ערנסטע פּערזענלעכקייט. זיין איינפלוס אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי איז געווען אַ דאָמינירנדיקע. ער האָט זיין גרויסן מוט און שטאַרקן כאַראַקטער בולט באַוויזן אין דעם קאָמוניסטישן סיים אין פּוילן נאָך דער מלחמה, דורך אַ אומפאַרגעסלעכער רעדע, וואָס ער האָט געהאַט דעם מוט צו האַלטן אין סיים און צו קריטיקירן דעם קאָמוניסטישן רעזשים. אַזוי גרויס איז געווען דער רעספּעקט פאַר אים, אַז אַפילו דער ריקזיכט־לאָזער קאָמוניסטישער רעזשים האָט נישט געוואָגט אים צו רירן. מיר האָבן נישט זעלטן געווענדט אונדזער האָפענונג צו אים אַלס פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אונדזער קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם.

אַ צווייטן נאָמען וויל איך דאָ דערמאָנען, דאָס איז אַדאָם טשאַל־קאָש. אַ סך יינגער ווי זשולאַווסקי, אָבער אויך מיט גרויסן מוט און שטאַרקע פּויליש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען. ער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען אַ קעגנער פון ציוניזם, אָבער טראָצדעם האָבן מיר געקאָנט רעכענען אויף אים אין אונדזער קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם. אונדזער אָנטייל אין די וואַלן צום לעצטן סיים, פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט אים נישט געמאַכט פאַר אונדזערס אַ פריינט. אונדזער ציוניסטישע אָפּאָזיציע אין דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס האָט באַקעמפט דעם אָנטייל אין די סיים־וואַלן איז אים געווען נענטער ווי דער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס האָט באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין די סיים־וואַלן. דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך. עס איז מיר דאַן שפּעטער אויס־געקומען צוזאַמען צו אַרבעטן מיט אַדאָם טשאַלקאָש אין דעם גלות־פאַר־

לאַמענט פון פוילן אין די יאָרן 1940 ביז 1945 אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד און נישט איינמאָל האָב איך אין דער שווערער פּאָזיציע מיי־נער אין דעם דאָזיקן גלות־פּאַרלאַמענט, געפונען הילף און שטיצע מצד טשאַלקאַש אין מיינע פּאָליטישע אונטערנעמונגען בפרט, איידער דער פּאַרטרעטער פונעם „בונד" איז אין יאָר 1942 נאָמינירט געוואָרן צו זיין אַ מיטגליד אין דעם גלות־פּאַרלאַמענט. דער פויליש־סאָציאַליסטישער קלוב אין גלות־פּאַרלאַמענט, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף מיטגלידער, האָט אויך געהאַט צוויי מיטגלידער, וואָס זענען געווען נישט פריינטלעך צו יידן (אַדאַמציזניק און שצזירעק).

זשולאַווסקי לעבט היינט נישט מער און טשאַלקאַש איז איינער פון די פירנדיקע פּאָליטיקער פון דער פוילישער עמיגראַציע אין לאָנדאָן.

מאַנכע סאָציאַליסטישע פירער, ווי יאַן סטאַנטשיק, ראַמואַלד שומ־סקי, דר. באָלעסלאַוו דראָבנער, האָב איך שוין דערמאָנט פריער אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם שטאָט־ראַט אין קראָקע. אָבער דאָ וויל איך צום סוף נאָך דערמאָנען איין נאָמען פון אַ מענטש, וואָס האָט נישט געהאַט קיין לייטנדיקע ראָלע אין דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין קראָ־קע, אָבער ער איז אין מיין זכרון געבליבן זייער טיף איינגעקריצט, ווייל ער האָט נישט איינמאָל מיט באַוווּנדערונגסווירדיקן מוט געקעמפט קעגן אומרעכט לגבי יידן אין דער פוילישער אַדוואָקאַטן־קאַמער אין קראָקע אין דער לעצטער תקופה פאַר דער מלחמה. ער האָט נישט איינמאָל ווי אַן אמתדיקער דעמאָקראַט אין דעם פּאָליטישן און מאָראַלישן זין פונעם וואָרט, אויפגעהויבן זיין שטים פאַר אונדז יידן, הגם דאָס האָט אים דאָס לעבן נישט לייכטער געמאַכט. עס איז דאָ נאָך איין סיבה, צוליב וועל־כער איך וויל אים דאָ דערמאָנען. ער האָט געפירט די פוילישע אונטער־גרונט־באַוועגונג אין דער צייט פון היטלערן אין קראָקע און איז געפאַלן אַ קרבן פון דער דאָזיקער טעטיקייט. ער איז געשטאָרבן מיט אַ מאַרטי־רער־טויט אין אוישוויץ, צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער יידן.

איך דערמאָן אים צום אייביקן אָנדענק. זיין נאָמען איז געווען דר. יוזעף וואָזניאַקאָווסקי.

נאָך צוויי אַנדערע פוילישע פּאַרטייען, די דעמאָקראַטישע און די קאָנסערוואַטיווע, וועלכע איך האָב שוין טיילווייז כאַראַקטעריזירט, ווען

איך האָב באַהאַנדלט דעם ענין פון דער פּרעסע, זענען געווען רעלאַטיוו נאָענט צו געוויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ גאַנץ היפּשער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט געשטיצט די פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די אַזוי גערופענע יידישע „נאַטאַבלען" האָבן געשטיצט די פּוילישע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי. די פּאָליטישע קעגנלייסטונג מצד די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען נישט צו אונטערשאַצן. בפרט אויף דעם געביט פון אָפּשוואַכן דעם אימפּעט פון די אַנטיסעמיטישע פּוילישע פּאַרטייען קעגן יידן.

אָבער וואָס זענען געווען די באַציאונגען צווישן אונדזער לאַנדעספאַרבאַנד, ד. ה. צווישן דעם לאַגער פון אַלגעמיינע ציוניסטן צו די דאָזיקע דריי פּוילישע פּאָליטישע פּאַרטייען? די באַציאונג פון זיי צו אונדז איז געווען אַ נעגאַטיווע. מילד אין דער פאָרם, אָבער אויסגעהאַלטן אין פּראַקטישע ענינים. אונדזער באַציאונג צו די דאָזיקע דריי פּאַרטייען איז צוליב דעם געווען אַ פאַרזיכטיקע. און אַט פון דער נעגאַטיווער באַציאונג צו ציוניזם, בפרט צו אונדזער בירגערלעכן ציוניזם, איז אַנטשטאַנען לאָגיש די נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזירן אַן אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי אין ענינים פון אונדזער קיום אין פּוילן. אין מערב פון אייראָפּע, און אין אַמעריקע, האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין און קאָן אויך היינט נישט פאַרשטיין די אָרגאַניזירונג פון באַזונדערע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען. די אידעאָלאָגישע לאָזונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק וואָלט אפשר אַליין נישט געקלעקט אַלס שטויסקראַפט צו שאַפן באַזונדערע פּאַרטייען אין דער לאַנדעס־פּאָליטיק, ווען פּוילישע פּאַרטייען וואָלטן שטאַרק געשטיצט די לאַנדעס־פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן און בפרט די פאָדערונג פון גרינדן אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון קהילות, די פאָדערונג פון אַ געוויסער קולטור־אויטאָנאָמיע מיט מלוכהשער אָדער קאָמונאַלער אונטערשטיצונג פאַר די בודזשעטן פון יידישע שולן און די פאָדערונג פון אַן אמתדיקער ווירטשאַפטלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון אונדז יידן אין טאָג־טעגלעכן פּראַקטישן לעבן. מיר האָבן דאָ אַ ביישפּיל אין דעם היינטיקן אַמעריקע, וווּ דער יידישער ישוב איז פריי און צוליב דעם פירט ער נישט קיין פּאָליטיק פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט.

# די סימפּאָזיומס פון פאַרשטענדיקונג

דאָס לעבן האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך געפאָדערט, אַז מיר זאָלן זוכן בריקן פון פאַרשטענדיקונג מיט דער מערהייט אין אַלע באַדינגונגען, וואָס זיי זאָלן נישט זיין. און דערפאַר האָט נאַטירלעך אויך אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די יידישע באַפעלקערונג מוז זוכן בריקן צו דער פוילישער באַפעלקערונג טראָץ דעם אַנטיסעמיטיזם, אָדער דווקא מחמת דעם אַנטיסעמיטיזם. מיר זענען דאָך געווען אַ מינדערהייט און אַ מינדערהייט איז תמיד אָפּהענגיק פון דער מערהייט, בפרט ווען די מערהייט איז די היסטאָריש רעגירנדיקע נאַציע. אין די ערשטע יאָרן פון דער צוריק־אויפגעבויטער פוילישער מלוכה האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געגעבן די איניציאַטיוו צו אַ ריי פון סימפּאָזיומס אין אונדזער שטח. מיר האָבן געהאָפט, אַז די דאָזיקע סימפּאָזיומס קאָנען ווערן אַ בריק פון פאַרשטענדיקונג. ווי אַזוי האָבן מיר דאָס פאַרווירקלעכט? מיר האָבן זיך געווענדט צו וואָגיקע פּאָליטישע און גייסטיקע פירער פון דער פוילישער געזעלשאַפט און האָבן פאָרגעשלאָגן אַן אויסטויש פון מיינונגען. די דאָזיקע פאָרטראָגן זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם זאַל פון דער „איזבאַ לעקאַרסקאַ“ (דאָקטוירים־קאַמער), וואָס איז געווען אין דער רואיקער ראַדזיווילאָווסקאַ גאַס אין קראָקע. איך דערמאָן מיך היינט גאַנץ גענוי אין די דאָזיקע פאָרטראָגן, אין וועלכע ס'האָבן אָנטיילגענומען פון דער פוילישער זייט אַ ריי אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן. איך געדענק די נעמען פון פּראָפעסאָר קוטשעבאַ און פּראָפעסאָר ניעטש. ביידע זענען געווען דאַן פּרעזידענטן פון דער פוילישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט. איך דערמאָן מיך אויך אין דעם נאָמען פון דעם פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו עסטרייכער. מיר האָבן געוווסט, אַז די פוילישע באַפעלקערונג ווייס גאָר ווייניק וועגן אונדזערע גייסטיקע שטרעמונגען און מיר האָבן געוואָלט אָנהייבן מיט אַן אויפקלערונגס־אַקציע. פירער פון ציוניזם, נישט בלויז פון קראָקע, נאָר אויך פון וואַרשע, האָבן אָנטיילגענומען אין די דאָזיקע סימפּאָזיומס. דאָ וויל איך דערמאָנען בפרט דעם נאָמען פון דר. יהושע טאָן און אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, פון וואַרשע. אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט אין די דאָזיקע סימפּאָזיומס אַקטיוו אָנטיילגענומען.

וואָס איז אָבער געווען דער רעזולטאַט פון די דאַזיקע סימפּאָזיומס? אַ פאַרערגערונג פון די באַציאונגען! אַזוי לאַנג ווי די פירער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבן נישט געוווסט, וואָס מיר פאָדערן, האָבן זיי אונדז פּשוט נישט ליב געהאַט. מיטן מאָמענט, ווי מיר האָבן קריסטאַליזירט אונדזערע באַשיידענע קולטור־פאָדערונגען, תמיד אונטערשטרייכנדיק מיט אמתדיקער אויפריכטיקייט אונדזער פּאַטריאָטישן מלוכהשן אַגיטאַמין, האָבן זיך די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנטן פון פּוילישער וויסנשאַפט און פּאָליטיק ממש דערשראָקן. נאָך מיינער אַ רעדע אין אַזאַ סימפּאָזיום — און עס איז נישט געווען מיין טבע צו רעדן פּראָוואָצירנדיק — האָט פּראָפעסאָר קוטשעבאַ דערקלערט: איצט ווייס איך כאָטש, אַז יידן פאַרלאַנגען — אַ מלוכה אין אַ מלוכה! די דאָזיקע באַמערקונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש. זי האָט ווי אַ בליץ באַלויכטן אונדזער סיטואַציע. דער דאָזיקער סלאָגאַן פון „אַ מלוכה אין אַ מלוכה" האָט זיך ווי אַ פייער פאַרשפּרייט אין דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער סביבה און איז באַנוצט געוואָרן ביי יעדער געלעגנהייט, ווען מיר האָבן געהאַט די „חוצפּה" צו פאַרלאַנגען אַ געוויסע מאָס פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע. נישט נאָר קעגן אונדז ציוניסטן, נאָר אויך קעגן בונדיסטן איז דער דאָזיקער סלאָגאַן באַנוצט געוואָרן. די „דאָאיקייט" האָט די בונדיסטן אויך נישט געהאָלפן. יאָ, די פּאָליאַקן זענען נאָכגעלאָפן נאָך די אוקראַינער, כדי זיי צו געווינען און די אוקראַינער זענען אַוועקגעלאָפן. מיט אונדז יידן איז עס געווען פּונקט פאַרקערט. מיר האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער פּוילישער געזעלשאַפט — מיר זענען דאָך נישט געווען קיין טעריטאָריעלע מינדערהייט — אָבער די פּוילישע געזעלשאַפט איז אין איר געוואַלטיקער מערהייט פון אונדז אַוועקגעלאָפן.

## דער קרבן פון יידישן בלוט אין פּוילנס קאַמף

איך וויל אויף אַ מאָמענט פאַרלאָזן דעם צייט־פּעריאָד, וועגן וועלכן איך האָב דאָ צו שרייבן, כדי צו פאַרשטאַרקן די אויביקע טעזע אויך מיט שפּעטערדיקע פאַקטן: בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען יידן געווען די איינציקע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין פּוילן, וואָס איז געווען

פאַרטראַטן אין דעם פוילישן גלות־פּאַרלאַמענט. די פוילישע גלות־רעגי־רונג האָט געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו געפינען אַ רעפּרעזענ־טאַטיוון אוקראַיִנער און אַ ווייס־רוס פאַרן פוילישן פּאַרלאַמענט. עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. און אַ צווייטער ביישפּיל: פוילנס אַרמיי האָט גאַטירלעך געפירט אַ קאַמף פאַר פוילנס פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. זי האָט געקעמפט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט: אין נאַרוויק (נאָרוועגן), אין דעם אַפריקאַנישן טאָברוק (ליביע) און אין דעם איטאַ־ליעינשן מאָנטע קאַסינאָ, כדי נאָר צו דערמאָנען די ערטער, וואָס זענען געוואָרן סימבאָלן. און אין אַלע דריי ערטער זענען עס געווען יידן די איינציקע מינדערהייט פון פוילן, וואָס האָט געקעמפט אין די רייען פון דער פוילישער אַרמיי און וואָס אירע זין זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט.

עס האָבן אונדז נישט געהאָלפן די סימפּאַזיומס. אונדזער גוטע כוונה צו עפענען דעם וועג צו אַ פאַרשטענדיקונג איז צערונען געוואָרן ביים סאַמע אָנהייב. עס האָט אונדז אַפילו נישט געהאָלפן דאָס יידישע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פאַר פוילן אויף די שלאַכטפעלדער. ווען מען האָט עמיצן נישט ליב, געפעלן נישט אַפילו זיינע מעלות.

מיר זענען געבליבן פאַראיינזאַמט. אונדזער אויסגעשטרעקטע האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

וואָס איז געווען די סיבה פון דער דאָזיקער טראַגישער דערשיינונג? איז עס געווען אונדזער שולד? ניין! דער ענטפער איז אַ פשוטער. דער פוילישער צד האָט סתם נישט געוואָלט האָבן די יידישע „סובסטאַנץ" אין פוילן, די יידן גופא, טאָ וואָס האָבן געקאָנט העלפן סימפּאָזיומס, דע־קלאַראַציעס, געמיינזאַמע קרבנות, געמיינזאַם פאַרגאָסן בלוט?

אונטער דעם דרוק פון אָט דער טראַגישער סיטואַציע איז אַרויסגע־וואַקסן אונדזער אינערלעכע סאָלידאַריטעט. מיר האָבן געמוזט ווערן שטאַרקער פ אַ ר  אַ  ק אַ מ ף, ווייל מיר האָבן נישט געקאָנט דער־גרייכן אַ  פ אַ ר ש ט ע נ ד י ק ו נ ג. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז אין ביידע ריכטונגען געווען אויסגעהאַלטן: געזוכט פאַרשטענדיקונג און געזאַמלט אָרגאַנישע כוחות פאַר אונדזער קאַמף. אָבער דער קאַמף האָט אויך נישט געהאָלפן. אין דער אינערלעכער פּאָליטיק זענען דאָ גאָר אַנ־

דערע געזעצן ווי אין דער אויסערן־פּאָליטיק. אַ מינדערהייט, אַפילו אַ שטאַרקע, קאָן ווערן אָפּהענגיק נישט נאָר פון דער מערהייט, נישט נאָר פון דער רעגירונג, נאָר אויך פון דער שנאה פונעם פשוטן מענטש אין גאַס און פון דעם קלענסטן באַאַמטן אין אַ ביוראָ. עס וועט מיר אויס־קומען שפּעטער אַביסל ברייטער צו באַלייכטן אונדזערע פאַרשיידענע פּאָ־ליטישע קאַמף־סיסטעמען, ווען איך וועל שרייבן וועגן אונדזער פּאַרלאַ־מענטאַרישן קאַמף אין פּוילן.

מיר האָבן זיך, ווי אַ קראַנקער, געוואָרפן פון איין סיסטעם צו אַן אַנדערן, ווייל יעדער סיסטעם איז געבליבן אָן דערפאָלג. יעדע זייט פון אונדזער גוף האָט ווײ געטאָן.

בקיצור, אונדזער פּאָליטישער קאַמף איז געווען אַ פאַרצווייפלטער געיעג נאָך אַ — „פאַטאַ מאָרגאַנאַ״. וואָס מער מיר האָבן געטאָן, כדי זיך צו דערנענטערן צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם פּוילישן פאָלק, אַלץ מער האָט זיך דאָס פּוילישע פאָלק אין זיין געוואַלדיקער מערהייט דער־ווייטערט פון אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם יידישן ישוב אין פּוילן...

צווייטער טייל

# די ראָלע פון דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד אין קראָקע אינעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין פוילן

# וועלכע זענען געווען די פּראָבלעמען?

„אונדזער ווינקל" איז געווען נישט קיין ווינקל פאַר זיך אַליין. עס איז געווען אַ ווינקל פון אַ גרויסן בנין פון מער ווי דריי מיליאָן יידן צווישן כמעט 35 מיליאָן בירגער פונעם לאַנד. אַלס פּוילישע יידן זענען מיר געווען ענג פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון דעם יידנטום אין גאַנץ פּוילן. אַלס ציוניסטן זענען מיר געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ציוניס־טישער באַוועגונג פון גאַנץ פּוילן. אַלס אַלגעמיינע ציוניסטן זענען מיר געווען פאַראינטערעסירט אין דעם כוח פון דעם גאַנצן אַלגעמיינעם ציו־ניזם אין פּוילן. און אַלס בירגער פון דער מלוכה זענען מיר נאַטירלעך געווען ענג פאַראינטערעסירט אין דעם גאַנצן לעבן אין אַ גערעכטער דעמאָקראַטיע און ווילזיין פון דער מלוכה. טאָ שטעלט זיך די פראַגע: האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געשפּילט וועלכע ס'איז ראָלע אין די דאָזיקע געביטן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין דער מלוכה? אָדער האָט זיך אונדזער קליינער שטח פאַרוואַנדלט אין אַ קלייזל פאַר זיך מיט אַ מעגאַלאָמאַנישן לעבן אין ענגע האָריזאָנטן, מיט אַן עגאָצענט־רישן צוגאַנג צו זיינע פּראָבלעמען?

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאט די אַמביציע צו ברעכן די מויערן פון ווינקל און אַרויסצוגיין אויף די ברייטערע שליאַכן פון אַל־געמיין־יידישן לעבן און אַלגעמיין־מלוכהשן לעבן פון פּוילן. מיר האָבן געהאט די אַמביציע צו באַאיינפלוסן ווי ווייט מעגלעך דעם גאַנג פון די געשעענישן אין די דאָזיקע געביטן. און דערפאַר וויל איך איצט אין מיינע שילדערונגען און זכרונות אויך אַרויסגיין פון די גרענעצן פון אונ־דזער ווינקל צו דעם ברייטערן געביט פון גאַנץ פּוילן און פּרווון צו באַ־לייכטן די דאָזיקע ראָלע אונדזערע אויף דעם דאָזיקן ווייטן מהלך פון לעבן און קאַמף.

די טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד גופא וואָלט נישט גע־

ווען אָביעקטיוו באַלויכטן, ווען איך וואָלט נישט אַריינגעשטעלט אונדזער שטח אויף דער אַרענע פונעם לעבן אין דער גאַנצער מלוכה.

איך האָב מיר אַליין אָפּטמאָל געשטעלט די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע אַמביציע אין דעם רואיקן פאַרחלומטן קראָקע? פון וואַנען נעמט זיך דער ווילן צו שפּילן אַ גרעסערע ראָלע ווי זי איז געוואָרן אָנ־געצייכנט דורך דעם רעלאַטיוו קליינעם נומערישן כוח פון אונדזער גאַ־ליצישער און שלעזישער ספערע. איך ווייס נישט צי דער ענטפער, וועלכן איך האָב מיר געגעבן איז אַ ריכטיקער. אָבער איך וועל אים דאָ איינ־שליסן אין מיינע שילדערונגען און זכרונות.

# די פּאָליטישע טראַדיציע פון קראָקע

די פּאָליטישע טראַדיציע פון קראָקע אין דעם מלוכהשן לעבן פאַר דער יאַגעלאָנישער עפּאָכע איז געווען אַ גרויסע. די פּאָליטישע ראָלע פון קראָקע אַלס אַ צענטער פון פּוילישער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייטס־אידייע איז אין דער צייט פון עסטרייך אויך געווען אַ זייער גרויסע, ווייל די באַוועגונג־פרייהייט פון דעם טייל פון דעם פריערדיקן פּוילן איז גע־ווען די רעלאַטיוו גרעסטע אין פאַרגלייך מיט דעם „רוסישן" און „פּריי־סישן" טייל פון פּוילן. און פּלוצלונג איז נאָך דעם יאָר 1918 קראָקע און דער טייל פון פּוילן געוואָרן אַ פּראָווינץ אָן אַ באַזונדערער פּאָליטישער חשיבות. האָט זיך אין דער פּוילישער באַפעלקערונג פון קראָקע און אונ־דזער טייל פון פּוילן אַנטוויקלט אַן אינערלעכער רעוואָלט קעגן דער דאָ־זיקער ירידה און דער ווילן אָנצושפּאַנען די פּאָליטישע כוחות ביז גאָר, כדי כאָטש טיילווייז צוריקצודערגרייכן די פריערדיקע מער צענטראַלע ראָלע. די דאָזיקע אַמביציע האָט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך אַריבערגע־טראָגן אויך אויף דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך דאָ אין דעם טייל פון פּוילן געפילט זייער פּויליש און האָט באמת געפילט און גע־טראַכט אין פּוילישע מלוכה־באַגריפן.

אָבער אַחוץ דעם האָט אויך מיטגעווירקט אַ ספּעציפישער יידישער עלעמענט. די טראַדיציע פון דעם קראָקעווער יידנטום אַליין איז אויך געווען אַ גרויסע. עס וואָלט געווען נישט שווער דאָס צו באַווייזן אין

פֿאַרשיידענע געביטן פֿון יידישער טעטיקייט. און פּלוצלונג האָט דער שווער־געוויכט און דער כמות פֿון דער איבערוועלטיקנדער מערהייט פֿון יידן אין קאָנגרעס־פּוילן, אַרויפֿגעלייגט זיין חותם אויף דער יידישער פּאָליטיק און געדאַנקען־וועלט. דאָס פּוילישע יידנטום אין אונדזער שטח און בפֿרט אין קראָקע — איך האָב דאָס שוין פֿריער באַמערקט — האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקטן מיט אונדזערע ברידער פֿון קאָנגרעס־פּוילן במשך פֿון איבער 120 יאָר. אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער נאַטירלעכער איבערגעוויכט פֿון וואַרשע איבער קראָקע געוועזן אַ פֿאַקטאָר, וואָס האָט פּסיכיש אַרויסגערופֿן דעם זעלביקן אינערלעכן רעוואָלט ווי ביי דער פּוילישער געזעלשאַפֿט בכלל. אָט פֿון די דאָזיקע צוויי פּסיכישע און פּאָליטישע קוואַלן איז געשפּייזט געוואָרן די אַמביציע צו שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין דעם אַלגעמיינעם לעבן מצד אונדזער לאַנדעס־פֿאַרבאַנד. ער איז דאָך געוועזן בלי ספֿק דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין דעם יידישן לעבן אין אונדזער שטח. די דאָזיקע אַמביציע קלערט אויף פֿאַרוואָס עס חזרן זיך איבער תמיד אין אונדזערע באַריכטן צו אונדזערע לאַנד־קאָנפֿערענצן טענער פֿון זעלבסט־קריטיק, אומצופֿרידנקייט מיט זיך אַליין, טראָצדעם וואָס די דערגרייכונגען אונדזערע זענען אויף פֿאַרשיידענע געביטן געוועזן רעלאַטיוו גרעסער אין אונדזער שטח ווי אין אַנדערע טיילן פֿון פּוילן. די דאָזיקע אומצופֿרידנקייט מיט זיך אַליין איז געוועזן פּסיכאָלאָגיש דאָס מיטל שטענדיק צו סטימולירן אונדזערע אייגענע אָנשטרענגונגען, כדי מיר זאָלן קאָנען דערפֿילן די גרעסערע ראָלע, וועלכע מיר האָבן געוואָלט שפּילן.

מיר וועלן שפּעטער זען, אַז די דאָזיקע אַמביציע אונדזערע האָט צייטנווייז אויך גורם געווען צו אַן אומפֿרייטלעכער רעאַקציע מצד וואַרשע קעגן קראָקע. און שפּעטער האָט די דאָזיקע רעאַקציע אַרויסגערופֿן אַ קעגן־רעאַקציע מצד קראָקע. קראָקע האָט זיך אָפּטמאָל געקווייקלט און הגם עס האָט זיך געגייטיקט, זייענדיק אַ מיעוט, צו גיין צוזאַמען מיט אַנדערע טיילן פֿון יידנטום אין פּוילן, האָט קראָקע דאָך תמיד אַקצענטירט זיינע אייגענע וועגן, ווי מיר וועלן דאָס זען בפֿרט אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם יידישן פּאַרלאַמענטאַריזם. די דאָזיקע שפּאַנונג, די אַקציעס און רעאַקציעס, דער ביטול מצד וואַרשע און דער שטאָלץ מצד

קראָקע, האָט אויך גורם געווען צו טאַקטישע פעלערן מצד מאַנכע פירער פון אונדזער יידישן לעבן נישט בלויז אין וואַרשע נאָר אויך אין קראָקע.

און איצט וויל איך, נאָך דער דאָזיקער פּרינציפּיעלער אויפקלערונג פון דעם הינטערגרונט פון דעם פּראָבלעם, אַריבערגיין צו מאַנכע קאָנקרעטע געביטן, אויף וועלכע אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געפּרווּט צו אַקצענטירן זיין ווילן צו שפּילן אַ גרעסערע ראָלע, אַ ברייטערע, אַ מלוכהשע און נישט נאָר אַ רעגיאָנעלע.

די געביטן זענען אַ סך. אָבער איך וויל זיי דאָ באַגרענעצן נאָר צו עטלעכע. דאָס זענען זיי:

**א ו י ף  ד ע ם  א י נ ע ר ל ע כ ן  י י ד י ש ן  ג ע ב י ט :** די פּערמאַנענטע שטרעבונג מצד אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו ברענגען צו אַ פולער פאַרייניקונג פון די דריי צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, לעמבערג און קראָקע.

**א ו י ף  ד ע ם  אַ ל ג ע מ י י ן ־ פּ אָ ל י ט י ש ן  ג ע ב י ט :** די ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און בכלל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מערב־גאַליציע און שלעזיע אין דעם **י י ד י ש ן  פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט אַ ר י ש ן  ק אַ מ ף** — פאַר פּוילן בכלל און פאַר דעם ווילזיין פון דעם פּוילישן יידנטום.

די ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דעם באַקאַנטן עקספּערימענט צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דער פּוילישער רעגירונג פון וולאַדיסלאַוו גראַבסקי, אין יאָר 1925, און דעם פּוילישן יידנטום, דעם עקספּערימענט, וואָס גייט אַריין אין דער געשיכטע פונעם פּוילישן יידנטום אונטערן נאָמען „**א ו ג אָ ד אָ**" (אויסגלייך).

די שטעלונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דעם לעצטן פּעריאָד פון אונדזער קאַמף אין פּוילן קעגן דער אַנטי־יידישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק, וואָס איז געווען רעפּרעזענטירט דורך דער רעגירונג סלאַוואָ־סקלאַדקאָווסקי־בעק, בפרט אין די יאָרן 1938 ביז 1939. די דאָזיקע תקופה וועט בלייבן אין דער געשיכטע פונעם פּוילישן יידנטום אונטערן נאָמען : **ע וו אַ ק ו אַ צ י אַ נ י ז ם**.

# דער קאַמף פאַר דער פאַרייניקונג פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין פוילן

מיר וועלן שפּעטער זען מיט וואָס פאַר אַן ענערגיע עס האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, אין דער תקופה פון יאָר 1929 ביז 1935, געפּרווט צו פאַרייניקן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם א י נ ע ם ו ו ע ל ט ־ מ א ס ־ ש ט א ב. עס איז אָבער פון אָנהייב אָן, דאָס הייסט, שוין אין יאָר 1920 געווען פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד קלאָר, אַז ראשית כל מוזן מיר מאַכן אָרדענונג אין דעם אייגענעם הויז, איידער מיר ווילן די פאַרייני־קונג דורכפירן אין איבער פערציק אַנדערע לענדער. מאַכן אָרדענונג ביי זיך אין הויז האָט געהייסן, פאַרייניקן די צענטראַלעס פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין וואַרשע, לעמבערג און־קראָקע. איך האָב שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן אויף די שוועריקייטן, וואָס קאָנען כאַראַקטעריזירט ווערן מיט עטלעכע ווערטער: אָפּפרעמדונג במשך פון 120 יאָר צווישן קראָקע און לעמבערג פון איין זייט און וואַרשע פון דער אַנדערער זייט, דאָס לעבן אין פּרינציפּיעל פאַרשיידענע פּאָליטישע סיסטעמען און אין גאָר פאַר־שיידענע פּאַרלאַמענטאַרישע באַדינגונגען און דריטנס, די פּסיכישע שפּאַ־נונגען, וואָס אַנטוויקלען זיך געוויינלעך צווישן טיילן פון אַ פאָלק, וואָס לעבט צעריסן, ווי צום ביישפּיל, די פּסיכישע אונטערשיידן צווישן אשכ־נזים און ספרדים, צווישן דייטשע יידן און פּוילישע יידן, צווישן רוסישע און פּוילישע יידן, צווישן ליטווישע יידן און גאַליציאַנער יידן, א.א.וו.

די לאָזונג פון שאַפן אייניקייט איז נאַטירלעך תמיד אַ פּועל־יוצא פון מאַנגל פון אייניקייט. אַזוי ווי דער פאַרבאָט „לא תגנב" איז אַ פּועל־יוצא פון דער מידה פון — גנבענען.

די אויבנדערמאַנטע דריי הויפּט־סיבות באַווייזן שוין אַליין, אַז דער באַשלוס פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אונטערצונעמען דעם קאַמף פאַר אייניקייט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן לאַגער איז הגם טעאָרעטיש אַ נאַטירלעכער דאָך פּראַקטיש געווען אַן אומגעהייער פּראָוואָקאַטער. טע־אָרעטיש איז ער געווען נאַטירלעך, ווייל וואָס קאָן שוין זיין נאַטיר־לעכער ווי די פאַרייניקונג פון איין פּרינציפּיעלער שיטה אויף דעם גע־ביט פון איין מלוכה. דער „בונד", די מזרחי, די אגודה, דער פּועלי־ציון

האָבן עס גוט פאַרשטאַנען און דורכגעפירט, זעלבסטפאַרשטענדלעך מיט אַ געוויסער מאָס פון רעגיאָנעלער אויטאָנאָמיע אין דעם איבערגאַנג־פּע־ריאָד, ביז אַ ב אַ ש ל ו ס פון איינהייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ג ע פ י ל פון איינהייט. מיר אַלגעמיינע ציוניסטן אין פּוילן, זענען געווען אַ יוצא מין הכלל פון דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פּרינציפּ. און אַזוי ווי די פאַריי־ניקונג איז נישט געוואָרן קיין פאַקט שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער באַנייטער פּוילישער מלוכה, האָבן זיך פּאַמעלעך אַנטוויקלט אויך פער־זענלעכע שפּאַנונגען צווישן די פּראָמינענטסטע פירער אין וואַרשע, לעמ־בערג, קראָקע — לאָמיר זיי אָנרופן ביי די נעמען — יצחק גרינבוים, לעאָן רייך, יהושע טאָן. דאָס האָט זיכער נישט פאַרלייכטערט די באַ־ציאונגען צו ברענגען צו אַ פאַרייניקונג.

די טעטיקייט צו ברענגען צו אַ פאַרייניקונג האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אָנגעהייבן שוין אין דעם סאַמע יאָר 1920 אָדער 1921, באַלד נאָך דער באַנייטער גרינדונג פון דער פּוילישער מלוכה. יאָר־אויס, יאָר־איין, האָבן אונדזערע לאַנדעס־עקזעקוטיוועס און אונדזערע פּאַרטיי־ראַטן אין אונדזערע לאַנד־קאָנפערענצן אָנגענומען שריט אין דער ריכטונג פון דער פאַרייניקונג. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז באמת געווען די טרייב־קראַפט, דאָס געוויסן און סוף־כל־סוף ליידער אויך דער דאָן קיכאָט פון דער דאָזיקער פאַרייניקונג־אידייע.

זאָל איך דאָ דערציילן די גאַנצע געשיכטע יאָר נאָך יאָר? עס וואָלט געווען גאָר אינטערעסאַנט אַלס אַ קאַפּיטל פון אַלגעמיין־ציוניסטישער — פּאַטאָלאָגיע. אָבער איך זועל עס נישט טאָן. די געשיכטע פון דער דאָזיקער פּאַטאָלאָגיע פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין פּוילן איז אַ צו לאַנגע, זי וואָלט פאַרדינט אַ בוך און אין דעם סינטעטישן איבערבליק מוז איך מיך דערפאַר באַגרענעצן צו אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק. במקום פון אַ כראָנאָלאָגישער שילדערונג, יאָר נאָך יאָר, וועל איך דעם גאַנצן פּעריאָד פון אונדזערע באַמיאונגען במשך פון די 20 יאָר איינטיילן אין צוויי כאַראַקטעריסטישע פּעריאָדן און וועגן יעדן פון זיי פּרווון צו געבן אַ סך־הכל.

דער ערשטער פּעריאָד הייבט זיך אָן אין יאָר 1919 און ענדיקט זיך מיט דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין באַזעל

אין חודש יולי 1931. דער צווייטער פעריאָד הייבט זיך אָן נאָך דער דאָזיקער קאָנפערענץ און ענדיקט זיך אין אויגוסט 1939, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די איינטיילונג אין די דאָזיקע צוויי פעריאָדן איז נישט קיין מע־כאַנישע אָדער אַ צופעליקע. אין דעם ערשטן פעריאָד איז דער עניין פון פאַרייניקונג פון אַלע דריי צענטראַל־קאָמיטעטן אין פוילן נישט געווען באַאיינפלוסט פון דער עקזיסטענץ פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. און צוליב דעם איז דער פּראָבלעם פון פאַרייניקונג געווען אַ ריין פוילישער און דערפאַר אַ לייכטערער. אין דעם צווייטן פעריאָד איז דער דאָזיקער פּראָבלעם פון פאַרייניקונג שוין יאָ געווען באַאיינפלוסט דורך דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. דער דאָזיקער איינ־פלוס איז געווען אַ נעגאַטיווער, ווייל מערב־גאַליציע און מזרח־גאַליציע האָבן געהערט צו דעם וועלט־פאַרבאַנד בעת קאָנגרעס־פוילן (מיטן אויסנאַם פון דער „עת ליבנות״־גרופּע, וואָס איז געווען געפירט דורך לעאָן לע־וויטע) איז נישט צוגעטראָטן צום וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציו־ניסטן. אין יאָר 1935, ווען דער וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן האָט זיך אָפּן געשפּאָלטן אין צוויי וועלט־אָרגאַניזאַציעס, דעם „וועלט־פאַרבאַנד״, וואָס איז זינט דעמאָלט געוואָרן דער וועלט־פאַרבאַנד נאָר פון דער גרופּע (ב) און די „וועלט־פאַרייניקונג״, וואָס איז פון דעמאָלט אָן געווען נאָר די פאַרייניקונג פון דער גרופּע (א), זענען די אויסזיכטן פון אַ פאַרשטענדיקונג צווישן וואַרשע, קראָקע און לעמבערג געוואָרן נאָך ערגער, ווייל יצחק גרינבוימס און משה קליינבוימס צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער „וועלט־פאַרייניקונג״, בעת קראָקע און לעמבערג זענען געבליבן אין „וועלט־פאַרבאַנד״. אַזוי אַרום איז צו דער אינערלעכער פוילישער שפּאַלטונג נאָך צוגעקומען די שפּאַל־טונג פון וועלט־מאַסשטאַב און דאָס האָט באַדייט, אַז די אינערלעכע פוילישע פאַרשטענדיקונג קאָן צושטאַנד קומען נאָר ווען עס וועט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דעם וועלט־פאַרבאַנד און דער וועלט־פאַ־רייניקונג פון אַלגעמיינע ציוניסטן. און די האָפענונג אויף אַזאַ פאַר־שטענדיקונג איז געווען אַ גאָר קליינע.

טאָ לאָמיר איצט צוגיין צו דער ערשטער תקופה.

די הויפּט־דערגרייכונג בעת דער דאָזיקער ערשטער תקופה איז נאָך לאַנגע, שווערע אונטערהאַנדלונגען געווען די גרינדונג פון אַן אויבער־ראַט פון אַלע דריי לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. דער אויבער־ראַט איז זיך פון צייט צו צייט צונויפגעקומען און האָט זיך בּאַראַטן מער איבער אַקטועלע ענינים פון דער לאַנד־פּאָליטיק, ווי איבער אַלגעמיין ציוניסטישע ענינים. סוף־כל־סוף האָבן אויך די דאָזיקע בּאַראַטונגען פונעם אויבער־ראַט געהאַט אַ געוויסע מאָראַלישע און אַ פּראַקטישע בּאַדייטונג. ביים סוף פון דעם דאָזיקן ערשטן פּעריאָד האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געפּרוווט צו גיין אַ שריט ווייטער און האָט געפאָדערט אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ אין אַ מלוכהשן מאסשטאַב, בּאַזירט אויף דעמאָקראַטישע וואַלן.

אַט וויל איך דאָ ציטירן אַ קליינעם טייל פון דעם בּאַריכט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו דער לאַנד־קאָנפערענץ אונדזערער אין אָנהייב פון יאָר 1929. דאָס איז דער ציטאַט:

„אין הסכם מיטן בּאַשלוס פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד בּאַטראַכט אונדזער עקזעקוטיווע (דאָס הייסט, די עקזעקוטיווע פון מערב־גאַליציע און שלעזיע), אַזוי ווי זי האָט עס בּאַטראַכט שוין פריער, דאָס צושטאַנדקומען פון דער פאַרייניקונג פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן אַלס איר הויפּט־אויפגאַבע. די דאָזיקע אַקציע איז אומגעהייער שווער. כדי די שוועריקייטן צו כאַראַקטעריזירן — לייענען מיר אינעם בּאַריכט ווייטער — האָבן אונדזערע דעלעגאַטן אין דעם אויבער־ראַט געפאָדערט אויף דער זיצונג פונעם אויבער־ראַט אין לעמבערג, אַז די אַלגעמיין פּוילישע קאָנפערענץ זאָל צונויפגערופן ווערן אַזוי בּאַלד ווי נאָר מעגלעך. אונטערן דרוק פון לעמבערג האָט מען דעם טערמין פון דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ בּאַשטימט אויף דעם 1טן אַפּריל. אָבער איצט פאַרלאַנגט די גרופּע „על המשמר״ (דאָס איז געווען דער חוט־השדרה פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע), די רעוויזיאָניסטן, און די „אומאָפּהענגיקע ציוניסטן״ (דאָס איז געווען די מינדערהייט־גרופּע פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אָנגעפירט געווען דורך לעאָן לעוויטע), אַז דער אַלגעמיין־פּוילישער צוזאַמענפאָר זאָל אָפּגעלייגט

ווערן ביז נאָך דעם קאָנגרעס (דאָס הייסט, נאָך דעם 16טן קאָנ־גרעס). קעגן דעם דאַזיקן פּרוּוו צו פאַרשלעפּן די קאָנפערענץ האָבן מיר טעלעגראַפיש פּראָטעסטירט און אונדזער מיינונג מיטגעטיילט דער גרופּע „על המשמר" און די אומאָפּהענגיקע ציוניסטן. דעם 11טן מערץ האָבן מיר באַקומען פון לעאָן לעוויטע די מעלדונג, אַז דער נייער צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע וועט באַשטימען די טעכנישע באַדינגונגען פון דער קאָנפערענץ. אָבער די דאַטע פון דער קאָנפערענץ איז עד־היום נישט פעסטגעשטעלט.

„די עקזעקוטיווע — לייענען מיר ווייטער אינעם באַריכט — האָט אַחוץ דעם אונטערגענומען געוויסע שריט, וואָס זענען געווען אויסן צוצוגרייטן די פאַראייניקונג. נאָך אין חודש דעצעמבער האָבן מיר פאָרגעשלאָגן אַן אויסטויש פון רעדנער צווישן אונדז און די אָרגאַניזאַציעס אין קאָנגרעס־פּוילן און מזרח־גאַליציע. וואַרשע האָט אַקצעפּטירט אונדזער פאָרשלאָג, אָבער מחמת אייגענע לאָקאַלע זאָרגן איז זי נישט צוגעטראָטן צו דער רעאַליזירונג פון דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. און לעמבערג האָט בכלל נישט געענטפערט".

איך מיין, אַז פירושים צו דעם דאָזיקן ציטאַט זענען איבעריק.

לשם היסטאָריע וויל איך דאָ דערמאָנען, אַז סוף־כל־סוף האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע צוגעגרייט אַ וואַל־אָרדינאַציע פאַר דער אַלגעמיין־פּוילישער קאָנפערענץ. לויט דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָט די אַל־געמיין־פּוילישע פאַראייניקונג־קאָנפערענץ געזאָלט באַשטיין פון דריי הונ־דערט דעלעגירטע, זיבן און פופציק פּראָצענט פון די מאַנדאַטן האָבן גע־זאָלט צופאַלן צום צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע. אונדזער לאַנדעס־עקזעקוטיווע האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

אָנהייב 1930 האָבן דר. ה. גאָטליב און דר. עמיל שמאָראַק געהאלטן רעדעס אויף דער יערלעכער קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע אין קאָנגרעס־פּוילן, אין דער אָנוועזנהייט פון פיר הונדערט דעלע־גאַטן און האָבן געפאָדערט די גיכע פאַראייניקונג פון די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס אין וואַרשע, לעמבערג און קראָקע. דערמיט האָט זיך פאַר־ענדיקט דער ערשטער פּעריאָד און עס האָט זיך אָנגעהייבן דער צווייטער פּעריאָד.

אין יאָר 1932 האָט אונדזער עקזעקוטיוו צוגעשטעלט צו אונדזער לאַנד־קאָנפערענץ אַ יערלעכן באַריכט, אין וועלכן איך לייען אויף זייט 8 אונטערן קעפל „פאַרייניקונג פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן״ אַ קורצן זאַץ: „דער דאָזיקער ענין האָט זיך אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר נישט ווייטער גערוקט אַפילו אויף איין שריט, הגם דער צענטראַל־קאָמי־טעט אין וואַרשע האָט איבערגענומען די איניציאַטיוו אין דעם דאָזיקן ענין״.

דעם 12 פעברואַר 1935 איז דערשינען אין אונדזער „נאָווי דזעניק״ אַ באַריכט וועגן מיינעם אַ פאָרטראַג, געהאַלטן אויף דער 16טער לאַנד־קאָנפערענץ אין קראָקע. איך האָב די פאָטאָקאָפּיע פון דער דאָזיקער זייט פונעם „נאָווי דזעניק״ פאַר מיר און אָט וואָס איך לייען אינעם „נאָווי דזעניק״ וועגן מיין באַריכט:

„אַ שטאַרקערער קאָנפליקט באַשטייט מיט דער אָרגאַניזאַציע אין דעם געוועזענעם קאָנגרעס־פוילן, וואָס איר חוט־השדרה איז יע־נער טייל פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס איז צונויפגעבונדן מיט אַן אַנדערן וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, ד. ה. מיט דעם וועלט־פאַרבאַנד פון די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלע ציוניסטן. דער פירער פון דעם דאָזיקן סעקטאָר, דעפּוטאַט גרינבוים, שטעלט זיך אַנטקעגן דער פאַרייניקונג. (דאָס הייסט, דער פאַרייניקונג מיט קראָקע און לעמבערג). אויף דער קראָקעווער קאָנפערענץ (געמיינט איז די וועלט־קאָנפערענץ פונעם פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן פון 1934) האָט מען דערפירט צו אַ פאַרשטענדיקונג אין די פּראָ־גראַם־ענינים. עס זענען בלויז נאָך געבליבן אומווערטיקע פּראָבלע־מען, אין וועלכע עס איז נאָך נישט געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. אין די קומענדיקע וואָכן וועלן מיר זען, צי עס וועט זיך געפינען אַ בריק צווישן דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן און דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע. יעדנפאַלס שטעלט דער רעדנער פעסט, אַז די שולד פאַר דעם איצטיקן צושטאַנד פון דעם פאַרייני־קונג־פּראָבלעם ליגט אין צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע״.

נאָך דעם דאָזיקן באַריכט קומט אַ באַריכט וועגן דעם צושטאַנד אין דעם וועלט־פאַרבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, אָבער דער דאָזיקער

עגין וועט באַטראַכט ווערן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל שפּעטער. פון דעם אויבּיקן ציטאַט פון חודש פעברואַר 1935 איז צו זען, אַז דער עגין פון דער פאַרייניקונג פון וואַרשע, לעמבערג, קראָקע, איז סוף־כּל־סוף געבליבן אַ נישט־פאַרווירקלעכטע האָפענונג און דער ענדגילטיקער ריס איז אַנט־שטאַנען אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עס איז אויף דער לעצטער, פערטער וועלט־קאָנפערענץ פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין קראָקע געקומען צו דעם ענדגילטיקן ברוך צווישן דער גרופּע (א) און דער גרופּע (ב) און צו אַן אָפענער גרינדונג פון צוויי באַזונדערע אַלגע־מיין־ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, דעם פאַרבאַנד (גרופּע ב) און דער פאַרייניקונג (גרופּע א) — דעם „ברית" און דער „התאחדות". אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער קאַמף פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אַרום דער פאַ־רייניקונג פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין פּוילן.

היינט, אין דער רעטראָספּעקציע פון די לעצטע 17 יאָר, די שרעק־לעכסטע אין אונדזער געשיכטע, היינט אין פאַרגלייך מיט די אַקטועלע נאַציאָנאַלע קיום־זאָרגן פון אונדזער פאָלק און אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער אינערלעכער צעריסנקייט פון דער באַנייטער קאָנפעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן, זעט אויס דער דאָזיקער גאַנצער ענין אַזוי נישטיק און אומוויכטיק! אָבער בשעת מעשה, אין יענע יאָרן, איז דער פּראָבלעם פון דער צעריסנקייט פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער אין פּוילן געווען אַ זייער אַן אָנגעווייטיקטער. נישט נאָר צוליב דער נאַטיר־לעכער טענדענץ פון שאַפן אייניקייט, נאָר צוליב ממשותדיקע אינטערעסן, וואָס זענען נעגאַטיוו באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם פאַקט פון דער צעריסנקייט אין דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער. די צוויי הויפּט־גע־ביטן פון פּראַקטישן לעבן, וועלכע זענען געווען שטאַרק נעגאַטיוו באַ־איינפלוסט פון דער דאָזיקער צעריסנקייט זענען געווען: די אָפּגעשוואַכ־טע טעטיקייט פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין ארץ ישראל און דער אָפּ־געשוואַכטער קאַמף־פראָנט פון אונדזער ישוב אין פּוילן אין דער לאַנד־פּאָליטיק און בפרט אויף דעם פאַרלאַמענטאַרישן געביט. אויף דעם דאָ־זיקן לעצטן געביט האָבן זיך די אַלגעמיין־ציוניסטישע כּוחות זייער אָפּט פּאַראַליזירט און דערפאַר געבראַכט שאָדן צו די אינטערעסן פון דעם

יידישן ישוב אין פוילן בכלל. און דאָס ברענגט מיך צו דער שילדערונג פון דעם קאַפּיטל יידישער פּאַרלאַמענטאַריזם אין פוילן.

## פון האָפענונג ביז צום תהום

### דער יידישער קאַמף אין די זעקס פּוילישע פּאַרלאַמענטן אין דער צייט פון 1919־1939. — די ראָלע פון דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף.

די ראָלע פון דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין אונדזער פּאַר־לאַמענטאַרישן קאַמף, איז די אייגנטלעכע טעמע פון דעם איצטיקן אַנאַ־ליז. אָבער דער דאָזיקער קאַמף אין אונדזער שטח איז געווען אין גאַנצן און ענג צונויפגעבונדן מיטן פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף פון אונדזער גאַנצן ישוב אין פוילן, ווייל ער האָט זיך דאָך אָפּגעשפּילט נישט אין אונדזער שטח אַליין, נאָר ראשית כל אין דעם פּאַרלאַמענט אין וואַרשע. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז כדי צו פאַרשטיין די ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, מוז זי זיין איינגעבויט אין דעם גאַנצן פּראָבלעם פון אונדזער יידישע פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. איך קאָן דאָ נישט געבן די אינ־טערעסאַנטע געשיכטע, איך וואָלט געזאָגט, די דראַמאַטישע געשיכטע פון דעם דאָזיקן יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף אין פוילן. אָבער איך וויל יאָ געבן דעם הינטערגרונט, אַ קיצור פון דער דאָזיקער געשיכטע, כדי מיר זאָלן קאָנען בעסער פאַרשטיין די ראָלע פון מערב־גאַליציע און שלעזיע.

האָט אונדזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד באמת געגעבן זיין צו־שטייער צו דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף אין אַ וואָגיקן פאַר־נעם? און אויב יאָ, אין וועלכער ריכטונג?

איך וויל פּרוּוון צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע.

איז דאָך דער דאָזיקער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף געווען דער סאַמע לעבנס־קאַמף פון אונדזער ישוב אין פוילן, ווייל ער איז געווען אויסן אויסצוקעמפן די לעגאַלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע פונדאַמענטן פאַר דעם גאַנצן לעבן פון אונדזער גרויסן ישוב. די אַקטיוויטעט פון אַ פּאַרלאַמענט

באַאיינפלוסט יעדעס קעמערל פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. די אַטמאָס־פער פונעם פּאַרלאַמענט, זיין געזעצגעבונג, די מאָראַלישע שפּאַנונג און דער גייסט פונעם פּאַרלאַמענט דרינגען אַריין אין יעדן ווינקל פון דעם מלוכהשן לעבן. דער גאַסנקערער און דער מיניסטער, ווערט פון דער געדאַנקען־וועלט פון דעם פּאַרלאַמענט באַאיינפלוסט, און זעלבסטפאַרשטענדלעך דאָס לעבן פון אַ מינדערהייט. עס איז דערפאַר אויך גאַר אינטערעסאַנט צו אָבסערווירן דעם דראַמאַטישן קאַמף פון אונדזער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם פּאַרלאַמענט. דער דאָזיקער דראַמאַטישער קאַמף איז, ליידער, געפירט געוואָרן נישט נאָר כלפּי חוץ, כדי אויסצוקעמפן אַ בכבודיקע און רואיקערע פּאָזיציע פון אונדזער ישוב אין פּוילן, נאָר אויך כלפּי פנים, כדי אויסצוהאַמערן די בעסטע פּאָליטישע אָריענטאַציע, וואָס האָט געזאָלט פירן צו דער פאַרבעסערונג פון דעם קיום פון אונדזער ישוב אין פּוילן. איך האָב געניצט דאָס וואָרט „ליידער", ווייל אַ סך מער ענערגיע וואָלט געקאָנט געזאַמלט ווערן אין אונדזער קאַמף כלפּי חוץ, ווען עס וואָלט נישט פאַרנוצט געוואָרן אַזוי פיל ענערגיע אין אונדזער קאַמף כלפּי פנים. ביי אַן אינדיווידואַליסטישן פאָלק ווי אונדזער פאָלק, ביי אַ פאָלק וואָס פאַרגעטערט אַזוי שטאַרק דעם אינערלעכן פּאַרטיי־סיסטעם, איז נאַטירלעך דער דאָזיקער אינערלעכער קאַמף אַ פאַרשטענדלעכער. דער קאַמף איז געווען דראַמאַטיש כלפּי חוץ, אָבער ער איז אויך געווען טראַגיש כלפּי פנים, ווייל ער האָט נישט דערפירט אָדער גאָר זעלטן און נאָר אויף אַ קורצער צייט דערפירט צו אַ פאַראייניקונג פון אונדזערע כוחות אין דעם שווערן קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער שיטה, וואָס האָט באַהערשט די באַציאונג פון דעם רוב פונעם פּוילישן פאָלק צו יידן אין פּוילן. עס האָט אונדז גאָר נישט געהאָלפן, וואָס יעדע פון די אינערלעכע יידישע שיטות האָט איר אייגענעם וועג באַטראַכט אַלס דעם בעסטן. פון אַזוי פיל „בעסטע" אָריענטאַציעס איז אויסגעוואַקסן — איין שלעכטע, אָפּגעשוואַכטע, צעריסענע.

לאָמיר איצט פּרווון אַריבערצוגיין צום עצם פון דער טעמע.

זעקס מאָל האָט פּוילן געוויילט איר פּאַרלאַמענט במשך פון די 20 יאָר פון 1919 ביז 1939 — אין די יאָרן 1919, 1922, 1928, 1930, 1935, און סוף 1938. ווי וואַקלדיק עס איז געווען די פּאָליטישע

סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז צו זען דערפון ווי עס האָט זיך געוואַקלט די צאָל פון דער יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין די דאָזיקע זעקס פוילישע פאַרלאַמענטן.

דער ע ר ש ט ע ר פאַרלאַמענט איז באַשטאַנען נאָר פונעם סיים. ער האָט נישט געהאַט קיין סענאַט. אין דעם ערשטן סיים זענען אויף 444 דעפוטאַטן געווען 13 יידן, צוזאַמען מיט די צוויי נאָמינירטע יידישע סיים־דעפוטאַטן פון מזרח־גאַליציע, וואָס איז צו יענער צייט געשטאַנען נאָך אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון פוילן און איז אינטערנאַציאָנאַל נאָך נישט געווען אַ טייל פון פוילן.

אינעם צ ו יי ט ן פאַרלאַמענט איז די דאָזיקע צאָל אַרויפגעשפרונגען צו אַן אימפּאָנירנדיקן כוח פון 47 יידן. פון די 47 זענען 35 געווען סיים־דעפוטאַטן און 12 סענאַטאָרן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז די צאָל פון דער יידישער פאַרטרעטערשאַפט צום ד ר י ט ן סיים געפאַלן מיט מער ווי אַ העלפט אין פאַרגלייך מיטן צווייטן פאַרלאַמענט. פון די 22 יידישע פאַרלאַמענטאַריער זענען געווען 16 דעפּוטאַטן און 6 סענאַטאָרן (שוין צוזאַמען מיט די דריי יידן פון דער „פוילישער ליסטע פון דעם אומפּאַרטייאישן בלאָק״ ב.ב.וו.ר.).

די ירידה איז געוואָרן נאָך גרעסער אין דעם פ ע ר ט ן פאַרלאַמענט, אין וועלכן עס זענען אַריין נאָר 11 יידן און דאָס שוין צוזאַמען מיט די דריי יידישע דעפוטאַטן און איין סענאַטאָר פון דער פוילישער ליסטע, וואָס איך האָב זיי שוין דערמאָנט ביים דריטן סיים. אָט דער סענאַטאָר איז געווען דער איינציקער יידישער סענאַטאָר אין פערטן פוילישן סיים בכלל. (אשר מענדעלזאָן). דער באַרג־אַראָפּ האָט זיך נאָך טיפער אַנטוויקלט אין דעם פ י נ פ ט ן סיים, דאָס איז אין דעם ערשטן סיים לויט דער נייער פוילישער קאָנסטיטוציע פון 1935 און דער נייער פוילישער וואַל־אָרדינאַציע. נאָר זעקס יידן זענען געווען אין דעם דאָזיקן פאַרלאַמענט — פיר געוויילטע דעפוטאַטן און צוויי נאָמינירטע סענאַטאָרן (פּראָפ. מ. שאָר און י. טראָקנהיים). כמעט די זעלביקע ירידה האָט אָנגעהאַלטן אין דעם ז ע ק ס ט ן און לעצטן פאַרלאַמענט, אין וועלכן עס זענען געווען נאָר זיבן יידן — פינף געוויילטע אין סיים און צוויי נאָמי־

נירטע אינעם סענאַט. דער סיים האָט שוין דעמאָלט געציילט נאָר 222 מיטגלידער.

אָט דאָס איז דאָס ריין נומערישע בילד פון די וואַקלענישן. עס איז געווען דאָס בילד פון ירידה.

וואָס איז געווען די פאַרטרעטערשאַפט פון מערב־גאַליציע און שלעזיע אין די דאָזיקע זעקס פאַרלאַמענטן — צאָלנמעסיק?

דר. יהושע טאָן איז געווען סיים־דעפּוטאַט פון אונדזער שטח אין דעם ערשטן, צווייטן, דריטן און פערטן סיים. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז געווען דער פאַרטרעטער פון אונדזער שטח אין דעם זעקסטן סיים, דעם לעצטן פוילישן סיים פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דעם צווייטן און פערטן סיים איז אויך געווען איין פאַרטרעטער פון דער אגודה, געוויילט אין זשעזשאָוו: אין דעם צווייטן סיים — פייוויש סטעמפּעל און אין פערטן סיים — רב אַהרן לעווין. אין דעם פינפטן פאַרלאַמענט האָט מערב־גאַליציע נישט געהאט קיין שום פאַרטרעטער. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט דעמאָלט די וואַלן באָיקאָטירט. דר. יהושע טאָן האָט נישט קאַנדידירט. עס האָט קאַנדידירט אַ ייד, אַ פאַרטרעטער פון דער פוילישער רעגירונגס־פּאַרטיי (ב.ב.וו.ר.), לעאָפּאָלד ספּירא, און ער איז ביי די וואַלן גאָר איינדרוקספול דורכגעפאַלן.

אינעם סענאַט פון די לעצטע פינף פאַרלאַמענטן האָט מערב־גאַליציע נישט געהאט קיין שום פאַרטרעטער, וואָס זאָל געווען געוויילט זיין אין וואַלן אין מערב־גאַליציע גופא. עס זענען אָבער געווען צוויי מאָל סענאַטאָרן יידן, וואָס האָבן געוווינט אין מערב־גאַליציע, און דאָס: פון דער אגודה, מ. דייטשער און י. באָומינגער. זיי זענען אָבער נישט געווען געוויילט אין מערב־גאַליציע.

וואָס איז די מסקנה פון אָט דער סטאַטיסטיק? זי איז קלאָר. ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די צאָל פון דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן כסדר אין די זעקס רעספּעקטיווע פינף פוילישע פאַרלאַמענטן פון איין זייט און זעען אַז אונדזער שטח האָט געהאט נאָר איין דעפּוטאַט און העכסטנס צוויי אין צוויי פאַלן, איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז לויט דעם כמות פון אונדזער פאַרטרעטערשאַפט איז אונדזער שטח געווען אין אַ זייער

בידנער סיטואַציע. אין דער פּאָליטיק און בפרט אין אַ דעמאָקראַטישן סיסטעם איז דער כמות כמעט דער איכות.

און טראָצדעם האָט אונדזער קליינער שטח געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקן איינפלוס אויף אַלע וואָגיקע פּראָבלעמען פונעם יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף, ווי מיר וועלן דאָס באַלד ווייטער זען. איז דאָ נישט קיין סתירה אין מיין באַהויפּטונג? ניין, עס איז נישט קיין סתירה. פאַרוואָס? ווייל צייטנווייז באַדייט אויך דער איכות אַ קראַפט, וואָס פאַרטרעט דעם כמות ביז צו אַ געוויסער מדרגה. עס איז נאַטירלעך אַן אידעאַלער צו־שטאַנד, אויב דער כמות טרעפט זיך צונויף מיטן איכות. בקיצור: דער פאַקט, וואָס אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאַט אַ שיטה אין דער פּויליש־יידישער פּאָליטיק, הגם מיט אַ וואַקלדיקער טאַקטיק און דער פאַקט וואָס די דאָזיקע שיטה האָט געהאַט אין די ערשטע פיר סיימען, אין וועלכע דער קאַמף אַרום די יסודות פון אונדזער פּאָליטיק אין פּוילן האָט בכלל נאָך געהאַט ממשות, אַזאַ פּראָמינענטן פאַרטרעטער ווי דר. יהושע טאָן, האָט גורם געווען דערצו, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף דער אָריענטאַציע און אויף דער סטראַטעגיע פון דער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטערשאַפט, הגם אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאַט נאָר איין פאַרטרעטער אין סיים. דער דאָזיקער איינפלוס איז בפרט געקומען צום אויסדרוק אין דעם ערשטן און אין דעם פערטן סיים.

איידער איך גיי אַריין אין דעם עצם ענין וויל איך דאָ פאַרענדיקן דעם קאַפּיטל סטאַטיסטיק כאָטש מיט נאָך איין אויספיר. איך טו עס דערפאַר, ווייל אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט רעפּרעזענטירט די אַלגע־מיין־ציוניסטישע באַוועגונג אין אונדזער שטח. ער איז נאַטירלעך אויך געווען אַ טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן בכלל און פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג אין גאַנץ פּוילן בפרט. צוליב ביי־דע סיבות וועט זיין נישט אומאינטערעסאַנט אויפצווייזן דעם כוח פון דער ציוניסטישער פאַרטרעטערשאַפט אין די זעקס פּוילישע פּאַרלאַמענטן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יידישע גרופּעס און אפשר אויך אונטערצו־שטרייכן בפרט דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן פאַקטאָר אינערהאַלב פון דער ציוניסטישער גרופּע, ווייל דער דאָזיקער פאַקטאָר איז געווען דער דאָמי־

גירנדיקער. אַזוי ווי די וואַלן צום פּאַרלאַמענט זענען געווען אַלגעמיינע, איז דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן געווען אויך אַ שפּיגל פון דעם פּראָפּאָרץ פון די יידישע כוחות אין אונדזער לאַנדעס־פּאָליטיק. דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע אַלגעמיינע וואַלן קאָן דערפאַר ריין אָביעקטיוו דינען אַלס אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן דעם געראַנגל פון די אי־נערלעכע יידישע כוחות און אויך פאַר אַ פּסק מצד דעם היסטאָריקער וועגן דער פראַגע ווער עס האָט געטראָגן צווישן די יידישע פּאַרטייען אין פּוילן דעם הויפּט־טייל פון עול און אחריות אין דעם קאַמף פאַר אַ בע־סערער קעגנוואַרט און צוקונפט פון דעם גרויסן יידישן ישוב אין פּוילן.

אין דעם ע ר ש ט ן סיים זענען אויף 13 דעפּוטאַטן געווען 6 ציו־ניסטן און איינער אַ נאַציאָנאַלער ייד, אַ סימפּאַטיקער פון ציוניזם (דר. שלמה וויינציער, פון בענדין). אין דעם צ וו יי ט ן פּאַרלאַמענט — זענען אויף 47 יידישע סיים־דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן — 33 ציוניסטן (און דער זעלבער דר. וויינציער) און פון די 33 ציוניסטן זענען געווען 20 אַלגעמיינע ציוניסטן. אין דעם ד ר י ט ן פּאַרלאַמענט זענען אויף 22 יידישע סיים־דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן געווען 16 ציוניסטן און פון זיי זענען געווען 12 אַלגעמיינע ציוניסטן! אין דעם פ ע ר ט ן פּאַר־לאַמענט זענען אויף 11 יידישע מיטגלידער (צווישן זיי נאָר איין נאָמי־נירטער סענאַטאָר) געווען 6 ציוניסטן. אַלע זעקס זענען געווען אַלגעמיינע ציוניסטן; אין דעם פ י נ פ ט ן פּאַרלאַמענט זענען אויף זעקס יידישע מיטגלידער פון סיים און סענאַט (די צוויי סענאַטאָרן זענען געווען נאָ־מינירט) געווען דריי ציוניסטן און איינער אַ נאָענטער סימפּאַטיקער פון ציוניזם (פּראָפ. שאָר) און אויף די דריי (אויב מיר ציילן נישט צו פּראָפ. שאָר), זענען געווען צוויי אַלגעמיינע ציוניסטן; און אין דעם לעצטן זעקסטן פּאַרלאַמענט זענען געווען זיבן יידן, פון זיי צוויי סענאַטאָרן און צווישן די זיבן זענען געווען פיר ציוניסטן און צווישן די פיר, דריי אַלגעמיינע ציוניסטן. *)

*) מיר דרוקן דאָ די רשימות פון די יידישע מיטגלידער פון די זעקס פּוילישע פּאַרלאַמענטן, לויט זייער פּאַרטיי־צוגעהעריקייט — לשם אָנדענק פאַר אונדזערע פּאַר־לאַמענטאַריער.

# יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן אין פּוילן

## דער ערשטער פּאַרלאַמענט (געזעצגעבערישער סיים)

## (1919 - 1922)

**אַלגעמיינע ציוניסטן:** יצחק גרינבוים; ד״ר יהושע טאָן; אַדוואָקאַט אַפּאָלי־נאַרי מאַקסימיליאַן האַרטגלאַס און ד״ר יעזשי ראָזענבלאַט.

**פֿאָלקיסטן:** אדוו. נח פּרילוצקי און שמואל הירשהאָרן (אויפֿן אָרט פֿון אַדוו. נח פּרילוצקי איז שפּעטער אַריין ה. ד. נאָמבערג און נאָך זיין אָפּזאָגן זיך פֿון מאַנדאַט — חיים ראַסנער).

**אגודה:** הרב אברהם פּערלמוטער און הרב משה אליהו האַלפּערן.

**מזרחי:** העשל פאַרבשטיין.

**פּועלי־ציון:** ד״ר יצחק שיפּער (אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרשטאָרבענעם ד״ר מאַקס ראָזענפעלד).

**אומפּאַרטייאישער:** ד״ר סאַלאָמאָן ווײַנציער.

**אַסימילאַטאָרן:** (באַשטימט דורך דער רעגירונג אַלס פֿאַרשטייער פֿון מזרח־גאַליציע): ד״ר נאַטאַן לעווענשטיין און ד״ר שטיינהאַוז.

**צוזאַמען 13 יידישע דעפּוטאַטן**

## דער צווייטער פּאַרלאַמענט (סיים און סענאַט)

## (1922 - 1928)

**אַלגעמיינע ציוניסטן:** יצחק גרינבוים; ד״ר יהושע טאָן; אַדוו. אַפּאָלינאַרי מ. האַרטגלאַס; אַדוו. ישראל מיכאל סטוטשינסקי; ד״ר יעזשי ראָזענ־בלאַט; ד״ר יעקב וויגאָדסקי; ד״ר מרדכי ברוידע; אינזש. משה קער־נער; קאַרל אייזענשטיין; ד״ר משה פּראָסטיק; ד״ר אברהם אינזלער;

ראובן יאַנאַס; פרוי רוזשאַ מעלצער; ד״ר העינריק ראָזמאַרין; ד״ר לעאָן רייך; ד״ר דוד שרייבער; ד״ר עמיל זאָמערשטיין; ד״ר פישל ראָטענ־שטרייך; ד״ר מיכאל רינגעל און ד״ר יוליוש וורצעל.

**מזרחי:** הרב שמואל בראט; העשל פאַרבשטיין; שמעון פעלדמאַן; משה העל־מאַן; הרב יהודה לייב קאָוואַלסקי; הרב יצחק רובינשטיין; הרב ד״ר שמעון פעדערבוש און ד״ר בערנאַרד הויזנער.

**התאחדות־פועלי־ציון:** אברהם לעווינסאָן; ד״ר יצחק שיפּער; ד״ר צבי הע־לער; ד״ר אַדאָלף זילבערשטיין און ד״ר מאַקס יעקב בינעשטאָק.

**אומפּאַרטייאישע:** ד״ר סאַלאָמאָן וויינציער; רפאל שערעשאָווסקי; אברהם טרוסקער; ד״ר העינריק רייצעס און וואַצלאַוו ווישליצקי.

**אגודה:** אליהו קירשברוין; לייב מינצבערג; פּייוול סטעמפּל; לייזער סירקין; הרב מאיר שאַפּיראָ; הרב אהרן לעווין; משה דייטשער און אשר מענ־דעלסאָן.

**פאָלקיסטן:** נח פּרילוצקי.

**צוזאַמען 47 יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן**

# דער דריטער פּאַרלאַמענט

## (1928 - 1930)

**אַלגעמיינע ציוניסטן:** יצחק גרינבוים; ד״ר יהושע טאָן; אַפּאָלינאַרי מ. האַרטגלאַס; ד״ר יעזשי ראָזענבלאַט; ד״ר יעקב וויגאָדסקי; ד״ר לעאָן רייך; ד״ר מאַוריצי (מאַקס) לעזער; ד״ר העינריק ראָזמאַרין; קאַרל איי־זענשטיין; אינזש. משה קערנער; ד״ר יוסף דאַווידזאָן און ד״ר דוד שרייבער.

**מזרחי:** הרב שמואל בראט; הרב יצחק רובינשטיין און העשל פאַרבשטיין.

**התאחדות:** ד״ר צבי העלער.

**אגודה:** אליהו קירשברוין און שלום בודזינער.

**אומפּאַרטייאישע:** אליהו דאל; וואַצלאַוו ווישליצקי און אינזש. אַדאַם טשער־ניאַקאָוו (דער לעצטער, וואָס איז געווילט געוואָרן אַלס סענאַטאָר פון וואָלין האָט שוין נישט באַוויזן אָפּגעבן די שבועה צוליבן פונאַנדערלאָזן דעם פּאַרלאַמענט).

**פאָלקיסטן:** ד״ר צמח שאַבאַד און חיים ראַסנער.

**צוזאַמען 23 יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן**

# דער פערטער פאַרלאַמענט

## (1930 - 1935)

אַלגעמיינע ציוניסטן: יצחק גרינבוים; ד״ר יהושע טאָן; ד״ר יעזשי ראָזענבלאַט; ד״ר עמיל זאָמערשטיין; ד״ר העניריק ראָזמאַרין און ד״ר פישל ראָטענשטרייך.

אגודה: הרב אהרן לעווין; לייב מינצבערג און אשר מענדעלסאָן (די לעצטע צוויי אַלס קאַנדידאַטן פון פּילסודסקיס רעגירונגס־ליסטע).

אומפּאַרטייאישע (אַלס קאַנדידאַטן פון דער רעגירונגס־ליסטע): איגנאַצי יעגער און וואַצלאַוו ווישליצקי.

צוזאַמען 11 יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן

# דער פינפטער פאַרלאַמענט

## (1935 - 1938)

אַלגעמיינע ציוניסטן: ד״ר עמיל זאָמערשטיין און ד״ר יהושע גאָטליב.

מזרחי: הרב יצחק רובינשטיין.

אגודה: לייב מינצבערג און יעקב טראָקענהיים (דער לעצטער באַשטימט דורכן מלוכה־פּרעזידענט).

אומפּאַרטייאישער: הרב פּראָפ. ד״ר משה שאָר (באַשטימט דורכן מלוכה־פּרעזידענט).

צוזאַמען 6 יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן

# דער לעצטער פאַרלאַמענט

## (1938 - 1939)

אַלגעמיינע ציוניסטן: ד״ר עמיל זאָמערשטיין; אַדוו. שמעון זיידעמאַן און ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט.

אגודה: לייב מינצבערג און יעקב טראָקענהיים.

מזרחי: הרב יצחק רובינשטיין.

אַסימילאַטאָר: פּראָפ. דזשיסלאַוו זמיגרידער־קאָנאָפּקאָ (באַשטימט דורכן פּרעזידענט).

צוזאַמען 7 יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן

און איצט די טעזע:

די דאָזיקע סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז דער נומעריש־דעציִדירנדיקער כוח אין אונדזער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט איז געווען, ראשית כל, די ציוניסטישע גרופּע און אין דער ציוניסטישער גרופּע, די אַלגעמיין־ציוניסטישע גרופּע. דאָס באַווייזט דעם צוטרוי פון דער יידישער באַפעלקערונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער לאַנד־פּאָליטיק, אָבער דאָס באַווייזט אויך דעם פאַרנעם פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געטראָגן אין דער לאַנד־פּאָליטיק. די וואַלן צו די מוניציפּאַליטעטן פון יאָר 1938 און ביים אָנהייב פון יאָר 1939 זענען געווען אַן אָנזאָג פון אַן ענדערונג אין דער ריכטונג, אָבער דער דאָזיקער אָנזאָג איז געבליבן נאָר אַן אָנזאָג און נישט קיין פּאָליטישער פאַקט, ווייל עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די פּראָ־בונדיסטישע ריכטונג האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט דורכצוגיין דעם עקזאַמען ביי אַלגעמיינע פּאַרלאַמענטאַרישע וואַלן.

קראָקע האָט זיך אַליין במשך פון דעם גאַנצן פעריאָד, מיטן אויסנאַם פון דעם פינפטן פּאַרלאַמענט, געפונען אינעם לאַגער פון דער ציוניסטישער פּאַרלאַמענטאַרישער מערהייט.

און איצט קום איך צו אונדזער עצם פּראָבלעם. מיר וועלן בעסער פאַרשטיין האָבנדיק פאַר אונדזערע אויגן דעם אויבנדערמאָנטן סטאַטיסטישן הינטערגרונט.

דער עצם פּראָבלעם איז: ווי האָט זיך אַנטוויקלט במשך פון די דאָזיקע צוואַנציק יאָר אידעאָלאָגיש און אין דער פּאָליטישער טאַקטיק די שיטה פון מערב־גאַליציע אין די ערשטע פיר פּאַרלאַמענטן? אין דעם זעקסטן פּאַרלאַמענט האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד בכלל וועגן אַ שיטה, עס איז געווען דאָס לעשן פון אַ שריפה, כדי צו ראַטעווען דעם רעשט פון יידישן קיום.

לאָמיר צוגיין כסדר צו דער תקופה באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער באַנייטער פּוילישער מלוכה, דאָס הייסט, צו דעם ערשטן פּוילישן סיים. דריי דעקלאַראַציעס וויל איך דאָ אַרויסנעמען אַלס גרונטלאַגע פאַר דער הנחה, אַז טראָץ דער אינערלעכער צעריסנקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהייבן די אָרגאַניזירונג פון דער יידישער פאַרטרעטערשאַפט

פון דריי טיילן פון פוילן, אָדער אייגנטלעך צו יענער צייט פון נאָר צוויי טיילן פון פוילן (קאָנגרעס־פוילן און מערב־גאַליציע) אַז טראָץ דער דאָזיקער צעריסנקייט איז די פּאָליטישע ליניע פון אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף געווען אין אָנהייב אַן איינהייטלעכע אין פונדאַמענטאַלע ענינים. די דיפערענצן האָבן זיך אָנגעהייבן אין פראַגן פון אונדזער טאַקטיק, אָבער טאַקטיק איז אין דער פּאָליטיק נישט קיין ענין פון פאָרם, נאָר דער סאַמע עצם ענין.

## די דעקלאַראַציעס פון האָפענונג

די דריי דעקלאַראַציעס זענען: 1) די דעקלאַראַציע פונעם 11טן נאָוועמבער 1918, וואָס יצחק גרינבוים האָט פאָרגעלייגט אין נאָמען פון דעם זייער איינפלוסרייכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָנגרעס־פוילן, בעת ער האָט אָנגעפירט מיט דער דעלעגאַציע צו יוזעף פּילסודסקי, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט דעם טיטל קאָמענדאַנט.

2) די צווייטע דעקלאַראַציע איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם 24 פעברואַר 1919 אויף דער פינפטער זיצונג פונעם פּוילישן סיים. זי איז געווען אַ קאָלעקטיווע און איז באַשטאַנען פון דריי דעקלאַראַציעס, געהאַלטן אין נאָמען פון די דריי יידישע סיים־קלובן, וואָס זיי זענען געווען פאַראייניקט אין דער אַזוי גערופענער „פרייער פאַראייניקונג״. די דעקלאַראַציעס זענען געהאַלטן געוואָרן דורך יצחק גרינבוים, נח פּרילוצקי און רב א. פּערלמוטער. די געלעגנהייט צו אָט דער קאָלעקטיווער דעקלאַראַציע איז געווען די דעבאַטע וועגן דער גרויסער עקספּאָזע פונעם מיניסטער פּרעזידענט איגנאַצי פּאַדערעווסקי.

3) די דריטע דעקלאַראַציע, וואָס איך האָב אין זינען, איז די דעקלאַראַציע, וועלכע דר. יהושע טאָן האָט געמאַכט אויף דער זיצונג פונעם 31טן יוני 1919, ווען דער סיים האָט דיסקוטירט די ראַטיפיקאַציע פון דעם ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט. איך קאָן דאָ ליידער נישט ציטירן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, דעם גאַנצן נוסח פון די אַלע דעקלאַראַציעס.

אין דער ערשטער דעקלאַראַציע האָט יצחק גרינבוים קלאָר געזאָגט: „... אויך מיר קומען צו דיר (געמיינט פּילסודסקי) מיט דעם

פולסטן צוטרוי מיט אונדזערע פאָדערונגען, שטייענדיק אויפן באָדן פון אן אומאָפּהענגיקער און פאַרייניקטער רעפּובליק, אנערקענענדיק די נויטווענדיקייט פון אַ תיכפדיקער גרינדונג פון אַ קאָאַליציע — פאָלקס־רעגירונג און פון דעם צונויפרופן פון דער קאָנסטיטואַנטע פון דער רעפּובליק, ווילן מיר אַז עס זאָלן אויך אין יידישן לעבן פאַרקומען דעמאָקראַטישע ענדערונגען גלייכצייטיק מיט די ענדע־רונגען אין דעם לעבן פון דער רעפּובליק".

און אין דער צווייטער דעקלאַראַציע, וואָס גרינבוים האָט געמאַכט דעם 24טן פעברואַר 1919, שוין אין סיים, איז נאָך בולטער געקומען צום אויסדרוק די פּראָ־מלוכהשע שטעלונג פון דער פּאָליטישער גרופּע, וואָס גרינבוים האָט פאַרטראָטן:

„...אַ שטאַרקע צונויפגעבונדנקייט און אַ פולע סוווערעניטעט פון דער פוילישער מלוכה זענען פאַר אונדז (יידן) אַ סתם פּאָליטי־שער אַקסיאָם, וועגן וועלכן ס'קאָן נישט זיין קיין שאָטן פון אַ ספק. אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט פאָדערן מיר דאָס רעכט פון אייגענער עקזיסטענץ אָדער אויטאָנאָמיע. מיר אַפּעלירן צו אייך — דערוויי־טערט נישט (ניע אָדטראָנצייציע) דריי מיליאָן בירגער פון דער צוזאַמענאַרבעט פאַר דעם אויפבוי פון דער פוילישער מלוכה. גיט אונדז אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, אַז יעדער פוילישער ייד אויף דער גאָרער וועלט זאָל קאָנען אויסרופן מיט שטאָלץ: „איך בין אַ פוילישער בירגער און גאָר נישט וואָס איז חל אויף דער פוילישער מלוכה באַטראַכט איך אַלס פרעמד". (גרינבוים האָט עס געזאָגט אין דער לאַטיינישער שפּראַך, ציטירנדיק אַ וואַריאַציע פון דעם באַ־קאַנטן זאַץ: „ציוויס פּאָלאָנוס סום עט ניהיל ציוויטאַטיס פּאָלאָניע אַ מע אַליענום פּוטאָ).

עס איז איבעריק צו ציטירן די דעקלאַראַציעס פון פערלמוטער און פרילוצקי אין דעם צוזאַמענהאַנג. זיי זענען נאָך אַ סך ווייטער געגאַנגען אין דעם אַקצענט פון פּאַטריאָטיזם. דער ערשטער האָט נאָר פאַרלאַנגט רעליגיעזע רעכט און דער צווייטער האָט זייער שטאַרק אונטערגעשטראָכן די דאָאיקייט. אָבער עס איז יאָ כדאַי צו ציטירן כאָטש אַ טייל פון דער זייער כאַראַקטעריסטישער דעקלאַראַציע פון דר. יהושע טאָן, וואָס איך

האָב אויבן דערמאָנט. שוין מיט פיר חדשים פריער, דעם 7טן פעברואַר 1919, האָט דר. יהושע טאָן אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום פוילישן פאָלק. אין זיין דעקלאַראַציע בעת דער דעבאַטע אין סיים וועגן דער ביל־דונג פון דער ערשטער פוילישער אַרמיי. דעם 31טן יוני 1919 האָט ער געמאַכט פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„...איך בעטל נישט קיין רחמים, איך בעט נישט קיין חסד, איך פאַרלאַנג גלייכבאַרעכטיקונג פאַר מיין פאָלק אין דער פויליש־שער מלוכה. איך דערקלער, אַז מיר גיבן איבער צו אייך (געמיינט די פוילישע מלוכה) אונדזער גאַנצע פאַרבונדנקייט (איך דערקלער) אַז מיר גייען צו אייך אויף דינסט און מיר געבן אייך אונדזער גאַנצע געטריישאַפט, נאָר שטויסט אונדז נישט אָפּ. באַנוצט זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק פון נעגאַציע און אויסראָטונג. באַנוצט זיך מיט אַ פּאָליטיק פון בויען און שאַפן״.

מיר זעען פון די דאָזיקע אַלע דערקלערונגען, טראָץ דעם אונטער־שייד אין זייער טאָן און סטיל, אַז דער געמיינזאַמער תמצית פון זיי אַלע איז געווען די א ו י ס ג ע ש ט ר ע ק ט ע ה אַ נ ט פון יידן צו דער פ ו י ל י ש ע ר מ ל ו כ ה און צום פ ו י ל י ש ן פ אָ ל ק. עס האָט זיך אַלזאָ פון אונדזער יידישער זייט אָנגעהייבן מיט אַ געמיינזאַ־מען יידישן אַקאָרד טראָץ דער אָרגאַניזאַטאָרישער שפּאַלטונג אין אונ־דזערע רייען. די שיטה פון מערב־גאַליציע איז דעמאָלט געווען די שיטה פון קאָנגרעס־פוילן, הגם — איך חזר איבער — די שפּראַך איז אַ ביסל געווען אַן אַנדערע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשיידענער פּאָליטי־שער טראַדיציע אין דער פאַרגאַנגענהייט אין קאָנגרעס־פוילן און אין גאַליציע. דער יידישער אָפּטימיזם און אונדזער גלויבן אין גערעכטיקייט האָבן זיך נאָך בולטער אויסגעדריקט אינעם אָנהייב פון דר. טאָנס דע־קלאַראַציע אין דעם דערמאָנטן טאָג פון 31טן יוני 1919:

„...איך גלייב אין פוילן! איך גלייב, ווי פאַטאַליסטיש דאָס זאָל נישט קלינגען, אין דעם גליקלעכן שטערן פון פוילן. איך ווייס, אַז די מערהייט פונעם פוילישן פאָלק וועט נישט תמיד זיך צוהערן צו די רייד פון יענע, וואָס דענקען, אַז מען קאָן בויען מיט אַ נע־

גאַטיווער טעטיקייט, אַז מען קאָן בויען דורך אַוועקשטויסן אין אַ זייט דריי מיליאָן יידן...״

דר. טאָן האָט אין דעם דאָזיקן ערשטן סיים, וואָס האָט געדויערט נישט קיין גאַנצע דריי יאָר, נישט אייננמאָל גענומען דאָס וואָרט און האָט אַנטוויקלט אין אַ ברייטן סטיל די פונדאַמענטאַלע ענינים פון דער נייער אָרדענונג אין דער באַנייטער מלוכה. ער האָט זיך אַרויסגע־זאָגט קעגן דער אינסטיטוציע פון אַ סענאַט, קעגן נאָמינירטע מיטגלי־דער אין דעם סענאַט, אויב ער זאָל צושטאַנד קומען. ער האָט, צוזאַמען נאָטירלעך מיט אַנדערע יידישע דעפוטאַטן, בפרט מיט יצחק גרינ־בוים משפיע געווען, אַז די אַרטיקלען 95, 96, 109, 110, 111, 113, 115 און 117 פון דער ערשטער פוילישער קאָנסטיטוציע, וואָס איז גע־וואָרן אַ געזעץ דעם 17טן מערץ 1921, זאָל אַריינגענעמען די אַנטשפּרעכנ־דיקע באַשלוסן פון דעם ווערסאַילער טראַקטאַט וועגן רעכט פאַר מינ־דערהייטן. דאָס איז געווען אַ גאָר שווערער ענין, ווייל ער האָט אַנגע־רירט די באַקאַנטע עמפּינדלעכקייט פונעם פוילישן פאָלק, בפרט אין דער אָנהייב־תקופה פון דער באַנייטער זעלבסטשטענדיקייט. פאַר די מינדער־הייטן איז עס אָבער געווען וויכטיק, אַז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ זאָל ווערן דאָס לאַנד־געזעץ, ווייל בזה האופן איז עס געווען לייכטער פאַר זיי, צו שטיין אויף דער וואַך פון דער דורכפירונג פון די דאָזיקע פּאַראַגראַפן. דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַרדינסט פון דער ערשטער פּאַרטייער פאַרייניקונג פון יידישע דעפוטאַטן פון דעם פוילישן סיים. אויף דעם געביט איז צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אונדזערע חברים אין קאָנגרעס־פוילן געווען אין יענער צייט נישט נאָר אַ פּראַגראַמאַטישע, נאָר אויך אַן אָרגאַניזאַטאָרישע און טאַקטישע צוזאַמענאַרבעט, ווייל צו דעם דאָזיקן ערשטן סיים האָט מערב־גאַליציע נישט אַרויסגעשטעלט קיין אייגענע ליסטע, נאָר עס איז געווען אַ געמיינזאַמע ליסטע פון ציוניסטן אין קאָנגרעס־פוילן מיט ציוניסטן אין מערב־גאַליציע אויף דער ליסטע פון „צייטווייליקן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט״.

די דאָזיקע אידיליע אין דעם „האָניק־חודש״ פון דעם באַגייטן פוילן האָט — ווי מיר וועלן באַלד זען — נישט לאַנג געדויערט.

דער סך־הכל פון דעם דאָזיקן ערשטן פעריאָד איז: מערב־גאַליציע איז געווען אַ זייער אַקטיווער פאַקטאָר אין די ערשטע שריט פונעם יידישן פאַרלאַמענטאַריזם פון דעם ערשטן סיים. איך אונטערשטרייך נאָכאַמאָל — אין מזרח־גאַליציע זענען נישט געווען קיין שום וואַלן צום ערשטן סיים. נאָר צוויי אַסימילאַנטן, ביידע זייער פעאיקע, נאַטאַן לעווענשטיין און דר. שטיינהויז, זענען אַריין אין סיים בדרך נאָמינאַציע און האָבן געטאָן אַלצדינג, וואָס נאָר מעגלעך, כדי דעם נאַציאָנאַלן לאַגער צו פאַר־ביטערן דאָס לעבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך אין אַ קולטיווירטער פאָרם, אַלס אַסימילירטע דזשענטלמענער.

און איצט קומען מיר צום צווייטן פאַרלאַמענט.

דער דאָזיקער פעריאָד פון דעם צווייטן פוילישן פאַרלאַמענט, וואָס האָט געדויערט פון 1922 ביז 1928, איז געווען אפשר די וואָגיקסטע און די אַמערסטן פּראָדוקטיווע צייט אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאַרלאַמענטאַריזם אין פוילן. איך וועל פרוון מאַנכע פאַקטן אויפצו־פרישן, הגם זיי זענען נאָטאָריש. איך וועל אויך פרוון בולט צו מאַכן — ווי דאָס איז מיין חוב — די באַזונדערע ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד און אונדזער דעפוטירטן אין דעם דאָזיקן פאַרלאַמענט.

אין דער לאַנגער תקופה פון מער ווי פינף יאָר זענען די טעטיקייטן פון דעם גרויסן יידישן קלוב געווען פילזייטיקע. דער קלוב האָט געהייסן דאָס מאָל דאָס יידישע „קאָלאָ״ און ער האָט געהאַט 46 מיטגלידער פון אַלע ריכטונגען — 34 סיים־דעפוטאַטן און 12 סענאַטאָרן. נאָר נח פּרי־לוצקי איז נישט געווען קיין מיטגליד פון דעם דאָזיקן „קאָלאָ״, ווייל אַ מערהייט פון שטימען אין דעם „קאָלאָ״ האָט באַשלאָסן אים נישט אַריינצונעמען, צולים דער פאָרם פון זיין וואַל־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע, זעט אויס, ... נאָר נח פּרילוצקי האָט באַטראַכט אַלס קולטיווירט. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, איז אַזאַ „קאָלאָ״ געווען אַ מאַכט־פּאָזיציע אויך צאָלנ־מעסיק.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט: די אידיליע האָט זיך אויסגעלאָזט, אָבער נאָך נישט אינגאַנצן. אונדזער מערב־גאַליציע

איז צו דעם צווייטן סיים געגאַנגען מיט אַ באַזונדערער ליסטע און נישט מער צוזאַמען מיט קאָנגרעס־פּוילן און אויך נישט צוזאַמען מיט מזרח־גאַליציע, וואָס האָט שוין צום צווייטן סיים אָנטיילגענומען אין די וואַלן. די זעלבסטשטענדיקייט פון מערב־גאַליציע אין דער וואַל־אַקציע האָט זיך אָנגעהייבן.

וואָס איז געווען די סיבה דערפון? די סיבה דערפון איז געווען, וואָס אין וואַרשע איז געשאַפן געוואָרן דער מינדערהייט־בלאָק, וועלכן סיי מערב־גאַליציע, סיי מזרח־גאַליציע, האָבן נישט באַטראַכט אַלס צוועקמעסיק. איך האָב געזאָגט, אַז די אידיליע האָט זיך נישט אינגאַנצן אויסגעלאָזט. נישט אינגאַנצן, ווייל די צוויי דעפּוטירטע פון מערב־גאַליציע, דר. טאָן און פּייוויש סטעמפּעל פון זשעזשאָוו, זענען נאָך די וואַלן צוגעשטאַנען צום פּאַרייניקטן יידישן קאָלאָ, צוזאַמען מיט די יידישע דעלעגירטע פונעם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק (17) און מיט דער גרויסער צאָל יידישע דעפּוטירטע פון מזרח־גאַליציע (15).

אין וואָס איז באַשטאַנען די באַזונדערע ראָלע פון מערב־גאַליציע און שלעזיע אין דער צייט פון אונדזער קאַמף אינעם צווייטן פּוילישן פּאַרלאַמענט? עס איז געווען די אַזוי גערופענע „אוגאָדאַ״, וועלכע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 4טן יולי 1925 און אין וועלכער אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דר. יהושע טאָן האָבן, צוזאַמען מיט דר. לעאָן רייך און דר. הענריק ראָזמאַרין פון מזרח־גאַליציע, געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע. איך נעם אָבער דעם דאָזיקן ענין פון דער „אוגאָדאַ״ אַרויס פון דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטל וועגן דעם יידישן פּאַרלאַמענטאַריזם און וועל אים שפּעטער ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

דער ענין פאַרדינט עס, הן צוליב זיין פּאָזיטיווער, הן צוליב זיין נעגאַטיווער באַדייטונג. אין דעם „אוגאָדאַ״־פּעריאָד איז דר. לעאָן רייך געווען דער פאָרזיצער פונעם יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קאָלאָ. דאָס איז געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון דער „אוגאָדאַ״, פון וועלכער דר. רייך איז געווען דער פּראָמינענטסטער אונטערשטיצער. אָבער נאָך דעם 12טן מאַי 1926, ווען עס איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז די „אוגאָדאַ״ איז אַ דורכפאַל, איז געוואָרן פאָרזיצער פונעם יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קאָלאָ

אַ קעגנער פון דער „אוגאַדאַ״, אַפּאָליטישער האַרטגלאַס. אויך דאָס איז געווען אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דעם דורכפאַל פון דער „אוגאַדאַ״.

## דער פּראָבלעם פונעם מינדערהייט-בלאָק

דאָ באַגרענעץ איך מיין טעמע נאָר צו עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער ראָלע פון מערב־גאַליציע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם צענטראַלן פּאַרלאַמענטאַרישן פּראָבלעם פון יענער צייט, דעם פּראָבלעם פונעם בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און צו אַ צווייטן געביט, צום קאַמף פון אונדזער דעפּוטירטן קעגן די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען. עס איז שוין דעמאָלט געווען אין גאַנצן קלאָר, אַז די פּאַטריאָטישע דעקלאַראַציעס, וועלכע איך האָב אויבן ציטירט, זענען געבליבן אַ קול קורא במדבר. עס האָט זיך שפּעטער אַביסל פאַרבעסערט אין דער צייט פון דעם פּרעמיער מיניסטער, פּראָפ. קאַראָל באַרטעל, אָבער נאָר אויף אַ זייער קורצער צייט.

טאָ, לאָמיר נעמען אין באַטראַכט דאָס פּראָבלעם פון דעם מינדערהייטן־בלאָק.

אַרום 30 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין פּוילן זענען געווען נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און יעדע פון זיי האָט געהאַט באַזונדערע צילן, אַקטועלע און מאַקסימאַלע. די מאַקסימאַלע צילן פון אוקראַינער, דייטשע, ווייסרוסן, זענען געווען טעריטאָריעלע. און דאָס באַדייט אירעדענטיסטישע, ווייל יעדע פון די דריי מינדערהייטן האָט געגרענעצט מיט לענדער, וועלכע זי האָט באַטראַכט אַלס איר מוטערלאַנד: אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, דייטשלאַנד. די יידישע מינדערהייט האָט אַזאַ ציל זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געהאַט. זענען דאַן געקומען צום אויבערפלאַך, ווי תמיד אין פּאָליטישן לעבן, די אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען זייער וויכטיק פאַר די מינדערהייטן. די אַקטועלע פּראָבלעמען פון די מינדערהייטן זענען געווען: סטראַטעגיש פאַרגרעסערן אין אַ געמיינזאַמען פראָנט די פאַרטרעטערשאַפט אין פּאַרלאַמענט, כדי צו ברעכן די מניעות אין דער וואַל־אָרדינאַציע, און שפּעטער, דורך אַ שטאַרקערער פאַרטרעטערשאַפט אין פּאַרלאַמענט, מיט מער האָפענונג צו קעמפן פאַר די טאָג־טעגלעכע,ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע פּאָסטולאַטן פון די מינדער־

הייטן. די דאָזיקע אַקטועלע געמיינשאַפטלעכקייט פון צילן האָט געשאַפן דעם מינדערהייטן־בלאָק.

דער איניציאַטאָר איז געווען אַ דייטש, ערווין האַסבאַך. אָבער דער שטאַרקסטער פאַרקעמפער און פאַרווירקלעכער פון דעם דאָזיקן בלאָק איז געווען יצחק גרינבוים. די דייטשן אין פוילן האָבן דאָס זעלביקע געטאָן אין פוילן, וואָס דייטשלאַנד אַלס מלוכה האָט געטאָן דורך געבן איני־ציאַטיוו פאַר אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פעלקער־בונד אין גענף, כדי צו באַנוצן די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פון מינדערהייטן פאַר דייטשלאַנד און פאַר די דייטשע מינדערהייטן אין גאָר דער וועלט.

די קעגנערשאַפט אין יידישע קרייזן קעגן דעם בלאָק פון נאַציאָנאַ־לע מינדערהייטן פונעם צווייטן סיים האָט זיך געשטיצט אויף פאָלגנדיקע אַרגומענטן: צוליב די פּרינציפּיעלע דיפערענצן צווישן טעריטאָריעלע מינ־דערהייטן און דער יידישער מינדערהייט, וועט דער מינדערהייטן־בלאָק נישט האָבן — האָבן די קעגנער געזאָגט — קיין פּעולה אין דעם סיים גופא. צווייטנס, דער בלאָק וועט פלאַצן שוין ביי די שפּעטערדיקע וואַלן, ווייל די מינדערהייטן זענען נישט האָמאָגען און האָבן פאַרשיידענע פאַר־טיי־איינשטעלונגען, סיי קלאַסנמעסיק, סיי אין דעם אַקצענט פון די נאַ־ציאָנאַלע פאָדערונגען. דריטנס, דער נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק וועט אָרגאַ־ניזירן אַ פראָנטאַלע קעגנערשאַפט פונעם גאַנצן פוילישן פאָלק און וועט אוועקרוקן פון אונדז אפילו די רעלאַטיוו פריינטלעכערע גרופּעס אינער־האַלב דעם פוילישן פאָלק און בפרט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אַזוי ווי אין דער אינערלעכער פּאָליטיק האָבן אַ באַדייט — האָבן די קעגנער מיט רעכט געזאָגט — גאָר אַנדערע געזעצן ווי אין דער אויסערן־פּאָליטיק, וועט די פּוילישע מערהייט געפינען וועגן צו ברעכן דעם מינדערהייט־בלאָק און זיך נוקם זיין אין זיינע שוואַכסטע הויפּט־פּראָטאַגאָניסטן, דאָס הייסט, אין דעם פאַל — די יידן. עס לוינט זיך דער־פאַר נישט — האָבן די קעגנער פונעם מינדערהייטן־בלאָק געטענהט — צוליב אַ צ יי ט וו יי ל י ק ן נומערישן נצחון, וואָס קאָן האָבן נאָר אַ רעלאַטיווע באַדייטונג, גורם צו זיין צו אַ שטענדיקן פּסיכאָלאָגיש־פּאָלי־טישן האַס מצד דעם גרעסטן טייל פון פוילישן פאָלק.

כדי די אַרגומענטאַציע אויסצושעפּן, וויל איך דאָ מיט פולער אָב־יעקטיוויטעט אונטערשטרייכן, אַז די יידישע אָנהענגער פון דעם מינדער־הייטן־בלאָק האָבן אויף דעם געענטפערט, אַז די האַס־פּאָליטיק פון דער דאָזיקער גרויסער מערהייט פון דעם פּוילישן פאָלק איז סיי ווי סיי שוין דאָ און דאַס מוותר זיין אויף אַ שטאַרקערער פאַרטרעטערשאַפט פון יידן אין פּאַרלאַמענט וועט סוף־כּל־סוף מוזן נאָר אָפּשוואַכן די אויסזיכטן פון אונדזער קאַמף.

אָט דאָס איז געווען דאָס בילד פון דעם אידעאָלאָגישן וויכוח. ער האָט געהאַט אַ פּרינציפּיעלן און אַ פונדאַמענטאַלן באַדייט פאַר אונדזער פּאָליטישן קאַמף־מעטאָד.

וואָס איז געווען די שטעלונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו דעם דאָזיקן וויכוח? טעאָרעטיש איז די מערהייט פון אונדזער עקזעקוטיווע געשטאַנען אין דעם לאַגער, וואָס האָט נישט אונטערשטיצט די אידייע פון אַ מינדערהייטן־בלאָק. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט געהערט צו דעם לאַגער, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט דער אידייע פונעם מינדערהייטן־בלאָק. דאָס פּראָבלעם איז נישט געווען לייכט, ווייל ביידע זייטן האָבן געהאַט וואָגיקע אַרגומענטן. אָבער אין מיינע אויגן האָט דער אַקטועלער מאָמענט איבערגעוויגן, ווייל אויף דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק אין פּוילן האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט, אין ליכט פון די פּאָ־ליטישע טענדענצן ביי דער מערהייט פונעם פּוילישן פאָלק, אַ פּעסימיס־טישן צוגאַנג. אָבער אַזוי ווי דער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז אין זיין מער־הייט געווען קעגן דער אידייע פונעם מינדערהייטן־בלאָק, האָב איך אָנ־טיילגענומען אין וואַרשע אין די באַראַטונגען פאַר דער גרינדונג פון דעם מינדערהייטן־בלאָק נאָר צייטווייליק און נאָר אַלס אַ באַאָבאַכטער. פּראַק־טיש איז אָבער די שטעלונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געווען אַ וואַקלדיקע, אַ נישט אויסגעהאַלטענע. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין פאָלגנדיקע פאַקטן: דער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זיך נישט אָנגע־שלאָסן אין דער ליסטע פונעם מינדערהייטן־בלאָק און האָט אַרויסגע־שטעלט אַן אייגענע ליסטע צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן, וואָס האָט געהייסן „דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון יידן אין מערב־גאַליציע״. די דאָזיקע ליסטע איז געווען אַ קאָנגלאָמעראַט פון זיבן פאַרשיידענע גרופּעס. בראש

פון דער ליסטע איז געשטאַנען דר. יהושע טאָן און אויפן צווייטן אָרט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. אָבער טראָץ דער קעגנערשאַפט קעגן דער ליסטע פונעם מינדערהייטן־בלאָק, האָט זיך אונדזער וואַל־ליסטע פון מערב־גאַליציע אָנגעשלאָסן אין דער מלוכהשער ליסטע פונעם מינדער־הייטן־בלאָק! אין קראָקע איז דער מינדערהייטן־בלאָק געווען פּאָליטיש טריף, אָבער די מלוכהשע ליסטע פונעם מינדערהייטן־בלאָק איז געווען כשר! און ווען דר. יהושע טאָן איז געווײלט געוואָרן סיי אין קראָקע און אויך אויף דער ליסטע פונעם מינדערהייטן־בלאָק, האָט ער אָנגענומען דעם מאַנדאַט פון קראָקע און זיין פּלאַץ אויף דער מלוכהשער ליסטע פונעם מינדערהייטן־בלאָק איז צוגעפאַלן — אַ דייטש. די סיבה פון דעם דאָזיקן שריט איז געווען אָט דאָס, וואָס איך האָב אָנגערופן — וואַקלדיקייט, נישט־אויסגעהאַלטנקייט.

בעת דעם לאַנגן פּעריאָד פון דעם צווייטן פּאַרלאַמענט ביז 1928, איז די יידישע „קאָלאָ" געבליבן אַן איינהייט און דאָס איז געווען אַ רע־לאַטיווער נצחון. אָבער אין דער אמתן האָבן זיך די לויזע באַשטאַנדטיילן פון דער דאָזיקער איינהייט אָפּט פונאַנדערגעקלעפּט און זענען געגאַנגען זייערע אייגענע פּאָליטישע וועגן. בפרט נאָך דער „אוגאָדאַ".

און איצט דער צווייטער ענין:

די טעטיקייט פון אונדזער פאַרטרעטער אינעם צ ו ו יי ט ן סיים איז געווען אַ זייער קאָלירפולע. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהייבן דער קאַמף פאַר דער אַנולירונג פון די גזעצלעכע און אַדמיניסטראַטיווע אויסנאַם־פאַרשריפטן, וואָס זענען אין דעם געטיילטן פוילן געוואָרן איינגעפירט מצד די אָקופּאַנטן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהייבן דער קאַמף פאַר אַ פאַר־ברייטערטער קאָמפּעטענץ און פאַר אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון די יידישע קהילות אין פוילן. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט דער רעכטער, זייער פּראָמינענטער טייל פונעם פוילישן פּאַרלאַמענט אָנגעהייבן אַן אָפּענעם קאַמף פאַר דער איינפירונג פונעם „נומערוס קלאַוזוס" און אַ „פּראָצענט־נאָרמע" פאַר יידישע סטודענטן אין די הויכשולן. דעם 19טן יולי 1925 האָט די קולטור־קאָמיסיע פונעם סיים אָנגענומען אַ באַשלוס אין דער פראַגע. די רעגירונג האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן אַלע פאַקול־טעטן אויף די פוילישע הויכשולן וועגן דעם „נומערוס קלאַוזוס" און פּראָ־

צענט־נאָרמע פאַר יידישע סטודענטן. אויף 36 פאַקולטעטן אין אַלע הויכ־שולן פון פוילן האָבן זיבנאונצוואַנציק פאַקולטעטן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם „נומערוס קלאַוזוס״ און פאַר דער פראָצענט־נאָרמע פאַר יידישע סטודענטן און נאָר ניין (9) האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן „נומערוס קלאַו־זוס״ און קעגן דער פראָצענט־נאָרמע. איך האָב דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פון דער דאָזיקער אַנקעטע געלייענט. אַמשטאַרקסטן האָט זיך קריסטאַ־ליזירט די שנאה צו יידן אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין דעם רואיקן... קראָקע!

אין דער דאָזיקער תקופה האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט דער ווירט־שאַפטלעכער קאַמף קעגן יידן אונטער דער פרעמיערשאַפט פון וולאַדיס־לאַוו גראַבסקי.

אין דעם קאַמף אַרום די אַלע פּראָבלעמען האָט דר. יהושע טאָן גע־האַט אַ וואָגיקן, מיט־פירנדיקן אַנטייל. אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט דר. טאָנס רעדע אין סיים קעגן דער רעגירונג פון דעם פרעמיער וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי. שיקאָרסקי האָט די קהילות אַנגערופן אַלס אַ פּריווילעגיע. וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי איז געווען אַ גענעראַל, האָט דר. טאָן אין זיין רעדע סאַרקאַסטיש אַטאַקירט זיינע „גענעראַלסקע לאַמפּאַסן״. אין אַן אַנדערן ענין, דעם ענין פון די געטאָ־בענק פאַר יידישע סטודענטן אויף די הויכשולן האָט דר. יהושע טאָן, אינמיטן פון אונדזער הייסן קאַמף, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט צוגעגעבן מוט די יידישע סטודענטן אין זייער ווייטערדיקן קאַמף. אין דעם אַרטיקל האָט, ער פאַר־שטייט זיך, פאַרדאַמט די אַנטיסעמיטישע טענדענץ פון דעם „קולטור־קאַמף״ קעגן יידן, אָבער ער האָט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז אונדזער פאָלק איז נישט איינמאָל געווען אין די געטאָס און דאָרט געשאַפן גרויסע ווערטן. דאָס איז געווען אַן אָריגינעלער אַרויסטריט פון דעם היסטאָ־ריאָזאָף דר. יהושע טאָן און נישט פון דעם פּאָליטיקער. אין אַ צייט, ווען דאָס יידישע קאָלאָ איז געשטאַנען אין אַ פראָנטאַלן קאַמף קעגן דעם „נומערוס קלאַוזוס״, קעגן דער פראָצענט־נאָרמע און קעגן די געטאָ־בענק פון יידישע סטודענטן, איז פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט דער דאָזיקער היסטאָריאָזאָפישער טרייסט, טראָץ זיינע בעסטע כוונות, געווען אַן אום־דירעקטע שטאַרקונג פון די אַנטיסעמיטן. דר. יהושע טאָן איז געווען

אנגעפילט מיט צער און זיין ארטיקל איז געווען א מין נחמו, נחמו, עמי.
אבער אין יידישע קרייזן האט דער ארטיקל געמאכט א שווערן רושם.

ווי מיר זען, האט אונדזער קליינער לאנדעס־פארבאנד געשפילט אין דעם שווערן פארלאמענטארישן געראנגל א וואגיקע ראלע, טראצדעם וואס ער האט געהאט נאר איין פארטרעטער אין דעם גרויסן יידישן קאלא, וואס איז באשטאנען צו יענער צייט פון 46 מיטגלידער.

אין חודש מערץ 1928 זענען אפגעהאלטן געווארן די וואלן צום ד ר י ט ן סיים. יצחק גרינבוים איז דעם 13טן יוני 1928 געוויילט געווארן אלס פרעזעס פונעם יידישן „קאלא" און ער איז עס געווען ביז צום 12טן פעברואר 1930. און ווען גרינבוים האט פארלוירן די מערהייט אין דעם קאלא, צוליב זיין עקשנותדיקער פאליטיק און ווען דער מזרחי איז ארויסגעטראטן פון דער גרינבוים־מערהייט, איז געווארן פרעזעס פון יידישן קאלא דער מאן, וואס האט גרינבוימס מערהייט צונישט געמאכט. דאס איז געווען העשל פארבשטיין, דער פירער פונעם פוילישן מזרחי. פארבשטיין איז געווען אן ענערגישער מענטש מיט אן עלאסטישער טאקטיק. ער איז געבליבן פרעזעס פונעם יידישן „קאלא" נאר עטלעכע חדשים, ביז צום 31טן אויגוסט 1930.

וואס איז געווען די ראלע פון דעם מערב־גאליצישן לאנדעס־פארבאנד אין דעם דאזיקן דריטן פעריאד פון דעם יידישן פארלאמענטארישן קאמף אין פוילן? לאמיר צוערשט זען, וואס עס איז געשען בעת די דאזיקע וואלן מיטן בלאק פון מינדערהייטן, ווייל דאס איז דאך געווען דער דעציִדירנדיקער מאמענט אין דעם יידישן פארלאמענטארישן קאמף אין פוילן. אין צווייטן פארלאמענט האבן זיך די באשטאנדטיילן פון דעם מינדערהייטן־בלאק פונאנדערגעקלעפט, ווי עס האבן דאס פארויסגעזאגט די קעגנער פונעם מינדערהייטן־בלאק. אבער טראצדעם איז אויך ביי די וואלן צום דריטן פוילישן סיים ארגאניזירט געווארן א מין מינדערהייטן־בלאק, אבער שוין אין א קלענערן פארנעם. בעת דער ערשטער מינדערהייטן־בלאק האט ארומגענומען כמעט אין גאנצן די דייטשן, אוקראאינישע און ווייס־רוסישע מינדערהייטן — וואס שייך יידן, האט ער ארומגענומען נאר די יידן פון קאנגרעס־פוילן — איז אין יאר 1928 דער מינדערהייטן־בלאק געשאפן געווארן אויף א שמעלערן באזיס. דעם 22טן יאנואר

1928 האָט דער ניי־געשאַפענער מינדערהייטן־בלאָק אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז געווען אונטערגעשריבן נאָר פון ט יי ל ן פון אַלע פיר מינדערהייטן. ווידער איז מערב־ און מזרח־גאַליציע געבליבן מחוץ פון דעם בלאָק. די לינקע פּאַרטייען אין דער דייטשער, אוקראַיניישער און ווייס־רוסישער מינדערהייט זענען אַוועק פונעם בלאָק און אין דעם זענען פאַרבליבן צום גרעסטן טייל די נאַציאָנאַליסטישע גרופּעס פון די דריי מינדערהייטן — די אוקראַינישע מיט דר. דימיטראָ לעוויצקי בראש, די ווייס־רוסישע מיטן געוועזענעם סענאַטאָר וו. באָכדאַנאָוויטש בראש, און די דייטשע מיטן געוועזענעם סענאַטאָר ערווין האַסבאַך בראש. אַחוץ דעם זענען די אוקראַינער פון מזרח־גאַליציע בכלל נישט צוגעשטאַנען מער צום מינדערהייטן־בלאָק נאָך דעם ריס, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן יידן און אוקראַינער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערמאָרדונג פון פעטליוראַ דורך שלום שוואַרצבאַרד, אַלס ענטפער אויף פעטליוראַס פּאָגראָמען אויף יידן.

ווער איז געבליבן מצד יידן אין מינדערהייטן־בלאָק? דער ציוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָנגרעס־פּוילן, די מזרחי און התאחדות אין אַט דעם דאָזיקן געביט, אַ טייל פון די פאָלקיסטן, מיט דר. צמח שאַבאַד פון ווילנע בראש, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יידישע האַנטווערקער און אַ גרופּע פון אומפּאַרטייאישע רעליגיעזע יידן מיט דעם רבין פון אַלעקסאַנדראָוו בראש, און אַחוץ דעם דער פאַרבאַנד פון יידישע פרויען אין קאָנגרעס־פּוילן. דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון יידישע סוחרים אין קאָנגרעס־פּוילן האָט איבערגעלאָזט זיינע מיטגלידער פריי הענט. אַ גאַנץ קאַלירפולע און אינטערעסאַנטע צוזאַמענשטעלונג, אָנהייבנדיק פונעם רבין פון אַלעקסאַנדראָוו ביז צום פריי־זיניקן ראַדיקאַל יצחק גרינבוים! אָבער אויך דער יידישער סעקטאָר איז געווען אַ שמעלערער ווי ביים ערשטן מינדערהייטן־בלאָק. דער נייער בלאָק האָט זיך אַליין אָנגערופן אַלס אַ „טעכנישער בלאָק”, וואָס דאָס האָט באַדייט, אַז ער האָט אַליין אַרויסגענומען פון דער מינדערהייטן־קאָנצעפּציע דעם פּאָליטישן פּראָגראַם פון אַ געמיינזאַמען קאַמף פאַר פונדאַמענטאַלע מינדערהייטן־רעכט.

דער דאָזיקער אָפּגעשוואַכטער צוזאַמענשטעל פון דעם מינדערהייטן־

בלאָק האָט נאַטירלעך באַדייט אַ באַשטעטיקונג פון די אידעאָלאָגישע אַרגומענטן קעגן דעם בלאָק, וואָס די לאַנדעס־פאַרבאַנדן פון מערב־גאַליציע און שלעזיע און פון מזרח־גאַליציע האָבן אַרויסגעבראַכט בעת די וואַלן צום צווייטן פאַרלאַמענט.

האָבנדיק אַט דאָס בילד פון דעם הינטערגרונט אין דעם דאָזיקן דעצידירנדיקן וואַל־פּראָבלעם, איז איצט לייכטער צו ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געטאָן בעת די וואַלן צום דריטן פאַרלאַמענט?

אַט וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט זיך דאָס מאָל פאַרבונדן מיטן ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד אין מזרח־גאַליציע און ביידע האָבן אויפגעשטעלט אַ געמיינזאַמע ליסטע (נומער 17) אונטערן נאָמען „די פּאַרייניקונג פון יידישע פּאַרטייען אין קליין פּוילן". אַלזאָ: צום ערשטן סיים איז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געגאַנגען צוזאַמען מיטן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע. צום צווייטן סיים איז ער געגאַנגען גאַנץ אַליין, נישט מיט וואַרשע און נישט מיט לעמבערג, און דאָס מאָל איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט לעמבערג. די דאָזיקע פאַרשיידנקייט פון דער טאַקטיק איז נאַטירלעך ראשית כל געווען דיקטירט דורך דעם פאַקט פון דער נומערישער שוואַכקייט פון אונדזער שטח, וואָס האָט געצוווּנגען אַזוי ווייט ווי מעגלעך צו זוכן און צו געפינען אַ פאַרבינדעטן. די פּאַרייניקטע ליסטע פון קליין פּוילן האָט נאַטירלעך אויך געהאַט אַן אייגענע מלוכהשע ליסטע. עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו געבן אַ בילד פון דעם פּאַראַדאָקסאַלן כאַאָס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די איבעריקע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן אויסערהאַלב די גרופּעס, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צום מינדערהייטן־בלאָק און אויסערהאַלב פון דעם ציוניסטישן לאַגער אין קליין פּוילן. אָבער עס געהערט נישט צו דער טעמע.

צוויי פּיקאַנטע פּרטים וועל איך אָבער דאָך דערמאָנען, כדי דער לייענער זאָל זיך קאָנען אָפּרוען פון דער שווערער ערנסטקייט פון דעם אַנאַליז: פאָלקיסטן האָבן געשאַפן אַ געמיינזאַמע ליסטע מיט דער... אַגודיסטישער פּאַרטיי! און 35 רבנים האָבן צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ אין טאַרנע, אין אונדזער מערב־גאַליציע (דעם 5טן דעצעמבער 1927) און

281 רבנים האָבן צונויפגערופן אַן ענלעכע קאָנפערענץ אין לעמבערג (דעם 27טן דעצעמבער 1927) דאָס הייסט, אויף דעם געביט פון דער פּאַרטיי־ניקטער ציוניסטישער ליסטע פון קליין פּוילן, און האָבן דעקלאַרירט אַ פּאָליטיק פון אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג — אָ ן ב אַ ד י נ ־ג ו נ ג ע ן ! ! !

איך דערמאָן די דאָזיקע פּרטים, כדי אויסצומיידן אַן איינדרוק, אַז די ציוניסטישע איינהייטלעכע ליסטע אין קליין פּוילן האָט געהאַט אַ לייכטן שפּאַציר בעת די וואַלן. און די צווייטע סיבה, צוליב וועלכער איך דערמאָן עס איז, צו אונטערשטרייכן ווי טיף עס האָט זיך אָנגעהייבן איינ־צוגראָבן צווישן אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג דער פּחד פאַר זעלבסטשטענדיקער פּאָליטיק און דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעפּרע־סיעס מצד דער רעגירונג, וואָס דאָס צושטאַנד קומען פונעם מינדערהייטן־בלאָק האָט פאַרשטאַרקט. די צעשפּליטערונג פון די פּאָליטישע כוחות אינערהאַלב דער יידישער באַפעלקערונג האָט געמאַכט גרויסע פאַרשריטן און דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט געוואָלט דערגרייכן מיט איר פּאָליטיק פון „צעטייל און הערש״!

דער רעזולטאַט פון די וואַלן צום דריטן סיים איז געווען, ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, 22 געוויילטע יידישע מיטגלידער פונעם פאַר־לאַמענט: פונעם מינדערהייטן־בלאָק 7 סיים־דעפּוטאַטן און פינף סענאַ־טאָרן און פון דער פאַראייניקטער ליסטע אין קליין פּוילן זעקס סיים־דעפּוטאַטן (צווישן זיי דר. יהושע טאָן) און איין סענאַטאָר. איין יידי־שער סיים־דעפּוטאַט און צוויי יידישע סענאַטאָרן זענען אריין אין פאַר־לאַמענט פון דער פּוילישער רעגירונגס־ליסטע פון דעם „אומפּאַרטייאישן בלאָק פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער רעגירונג״ (ב.ב.וו.ר.). זיי זענען אַריינגערעכנט אין די צוויי־און־צוואַנציק. ווייניקער ווי אַ העלפט אין פאַר־גלייך מיטן צווייטן פּאַרלאַמענט. דער פּראָצעס פון קעגנזייטיקער ניווע־לירונג פון יידישע כוחות ווערט בולטער!

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער געקומען שפּעטער, נאָך די וואַלן. דאַכט זיך, אַז ציוניסטן פון קאָנגרעס־פּוילן און ציוניסטן פון קליין פּוילן האָבן אין פונדאַמענטאַלע ענינים פון יידישע פאָדערונגען געהאַט דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן צוגאַנג. דאָס וואָלט זיך געלייגט אויפן שכל. איך

האָט געהאַט אַ זייער אינטערעסאַנטן פריינד, אַ זייער איבערגעגעבענעם יידישן פירער אין לאַנדאָן, וועלכער האָט כמעט יעדן טאָג איבערגעחזרט אַ ווערטל: „אַחוץ פּאַרלאַמענטאַריזם מוז מען נאָך האָבן שכל". נו, האָבן מיר דעמאָלט אין יענער צייט געהאַט — פּאַרלאַמענטאַריזם.

וואָס איז געשען? די זיבן דעפּוטאַטן און פינף סענאַטאָרן פון קאָנ־גרעס־פּוילן האָבן געשאַפן אַן אייגענעם „קאָלאָ", אָבער די זעקס דעפּו־טאַטן און איין סענאַטאָר פון קליין פּוילן האָבן זיך צעטיילט אין — דריי קלובן! פיר דעפּוטאַטן און איין סענאַטאָר האָבן געשאַפן אַן אייגענעם קלוב און יעדער פון די צוויי איבערגעבליבענע האָט זיך געשאַפן זיין אייגענעם „קלוב". איינער פון די צוויי איז געווען דר. יהושע טאָן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין קיינעם פון די צוויי קלובן און צום שבת פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די הויפּט־סיבה פון דער דאָזיקער איזאָלירטקייט איז געווען, וואָס זיין פאָ־דערונג פון פאַרייניקן ביידע קלובן פון קאָנגרעס־פּוילן און קליין פּוילן אין איינעם, איז געבליבן אָן רעזולטאַטן. און דער צווייטער „ווילדער" איז געווען דער התאחדות־דעפּוטאַט הערש העלער, פון מזרח־גאַליציע. ער לעבט היינט אין מדינת ישראל.

אַזוי אַרום האָט דער מערב־גאַליצישער לאַנדעס־פאַרבאַנד ווידער געשפּילט אַן אָריגינעלע ראָלע אין דעם פּאָליטישן גערانגל. אָבער סוף־כּל־סוף האָט זיך געשאַפן אַ „פרייע פאַרייניקונג" פון די דאָזיקע גרופּעס, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט.

דער פּאַרלאַמענט האָט בכלל געהאַט אַ קורצן קיום. דעם 29טן מאַי 1928 האָבן די דעפּוטאַטן פון מזרח־גאַליציע פאַרלאָזט דעם פאַרייניקטן יידישן „קאָלאָ" און דאָס אַלס פּראָטעסט קעגן יצחק גרינבוימס פּאָליטיק און בפרט איר ראַדיקאַלן טאָן. אָבער דר. יהושע טאָן האָט ווידער אויס־געוויילט אַ זעלבסטשטענדיקע אָריגינעלע ליניע. ער איז נישט אַרויס פון דער פאַרייניקונג צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דער געמיינזאַמער וואַל־ליסטע פון מזרח־גאַליציע. ער איז געבליבן אין דער פאַרייניקונג מיט דער גרינבוים־גרופּע. אָבער זייענדיק פּראַגמאַטיש אין דער מינדער־הייט, האָט ער זיך דעם 4טן יוני 1928 אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס וואָרט אין דעם פּלענום פונעם סיים אין נאָמען פון דער „קאָלאָ". און דאָס מיט

רעכט, ווייל ער האָט נישט רעפּרעזענטירט די מיינונגען פון דער מער־הייט פונעם „קאָלאָ״. אַרום וואָס האָט זיך די מיינונג־פאַרשיידנקייט גע־רעדט? אַרום אַ תמציתדיקן ענין — אַרום דעם מלוכה־בודזשעט. גרינ־בוים האָט געפאָדערט, אַז די „קאָלאָ״ זאָל שטימען קעגן דעם בודזשעט אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דער רעגירונגס־פּאָליטיק. די מזרח־גאַליצישע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן תמיד געהאט אַ מילדערע טאַקטיק, האָבן געפאָדערט אָפּצוהאַלטן זיך פון דער אָפּשטימונג. אַזוי ווי זייער מיינונג איז נישט אַקצעפּטירט געוואָרן, זענען זיי אַוועק פון דער פאַרייניקונג. און דר. טאָן האָט ווידער באַוויזן דעם גייסט פון מערב־גאַליציע: ער האָט נישט געוואָלט ברעכן די פאַרייניקונג דורך אַרויסגיין פון איר און ער האָט זיך אונטערגעגעבן אָרגאַניזאַטאָריש דער ריכטונג פון דער מער־הייט, וואָס איז נישט געווען מיט זיין ריכטונג. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז אין חודש פעברואַר 1930 האָט אָבער אויך די מזרחי פאַר־לאָזן די מערהייט פון גרינבוים, בלייבנדיק אין דער „קאָלאָ״. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט אָבער שוין נישט אָנטיילגענומען דער פּראָמינענטער פאַרטרעטער פון דער מזרח־גאַליצישער גרופּע, דר. לעאָן רייך. ער איז פּלוצלינג, אין עלטער פון 50 יאָר, נאָך אַן אָפּעראַציע דעם 6טן דעצעמ־בער 1929, געשטאָרבן. מיט אים איז אַוועק אַ קאָלירפולע, אינטערע־סאַנטע פּערזענלעכקייט פון דעם יידישן פּאַרלאַמענטאַריזם פון פוילן און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. עס איז אַוועק אַ מאַן פון אַ ראָמאַנ־טישן ברויזנדיקן סטיל, אויסגעכאַוועט אין דער פראַנצויזישער אָראַטאָ־רישער שול. דער דאָזיקער ראָמאַנטיקער אין סטיל איז געווען אַ גאָר עקסטרעמער רעאַליסט, ביז צו די גרענעצן פון אָפּאָרטוניזם, אין זיין צוגאַנג און טאַקטיק צו פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער איז געווען דער סאַמע היפוך פון יצחק גרינבוים, וועלכער האָט געגלייבט, אַז מיט אַ ראַדיקאַלער טאַקטיק אין דער קעגנוואַרט קאָן מען צוגרייטן אַ בעסערע צוקונפט. און די זעלביקע האָפענונג האָט לעאָן רייך געהאט מכוח אַ מילדערן צוגאַנג צו די אַקטועלע פּראָבלעמען.

מיט דר. לעאָן רייכס אַוועקגיין זענען נאָר געבליבן אויף דעם קאַמף־פּלאַץ פון דער דראַמע, וואָס הייסט יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף אין פוילן, נאָר צוויי פון די „גרויסע דריי״ (ביג טרי) — יצחק גרינבוים

און יהושע טאָן, זיין מאַיעסטעט, דער טויט האָט צוגעהאַלפן אפשוואַכן די אינערלעכע ביטערע קאַמפן אין דער יידישער פאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם סיים. ווען איך האָב געהערט פונעם באַלקאָן פון דעם בית־החיים אין לעמבערג, אויף דער לוויה פון דר. לעאָן רייך, האָב איך געהאַט אין זינען די גריכישע טראַגעדיע, אין וועלכער דער טראַגישער קאָנפליקט איז געלייזט געוואָרן זייער אָפט דורך — דעם „דעוס עקס מאַכינאַ" — איך וואָלט איבערגעזעצט פריי — דורך אַ פלוצימדיקער אינטערווענץ מצד דער השגחה.

דאָס לעבן איז, נאַטירלעך, געגאַנגען ווייטער, ווי תמיד.

דרויסן, אויף דעם גרויסן מהלך פון דער פוילישער רעפובליק, אין וועלכער עס האָבן געלעבט איבער דריי מיליאָן יידן, איז דער דרוק קעגן דער יידישער באַפעלקערונג געוואָרן מיט יעדן טאָג אַ שאַרפערער. דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואַקסן אויף שריט און טריט און אין דער יידישער פאַרלאַמענטאַרישער רעפּרעזענטאַנץ זענען ווייטער אָנגעגאַנגען די רייסענישן וועגן דער ריכטיקער ליניע פון אונדזער פּאָליטיק. אַלע קלאַווישן פון דער פּאָליטיק זענען געווען בנמצא אויף דעם קלאַוויר פון דער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטערשאַפט. עס איז געווען — אַ קאַקאָפאָניע! עס איז נישט געווען קיין דערפרייענדיקער באַווייז פאַר אונדזער פּאָליטישער רייפקייט. אָבער אפשר קאָן איין מאָמענט אויפקלערן די דאָזיקע רייסענישן: די יידישע צרות זענען געווען אַזוי גרויס און דאָס טעמפּאָ פון דער יידישער ירידה איז געווען אַזוי שטאַרק און אונדזער איזאָלירטקייט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז ס'איז געוואָרן וואָס מער און מער פאַרשטענדלעך דאָס פאַרצווייפלטע זוכן פון אַ האַלבוועגס בעסערן דרך פאַר רעטונג. דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג האָט געוואָרפן דעם וואָגן פון דער יידישער פּאָליטיק היינט אין דער ריכטונג, מאָרגן אין יענער ריכטונג; היינט אין דער ריכטונג פון אַ ראַדיקאַלן קאַמף, מאָרגן אויפן וועג פון פשרות, אין וועלכע עס זענען געווען אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע ניואַנסן. מיט דעם ראַדיקאַלן וועג האָט מען דעם פּוילישן האָס נישט געקאָנט ברעכן און אויך נישט מיט דער טאַקטיק פון פשרות. אין אַ פאַרצווייפלטער סיטואַציע ווייסט מען נישט, וואָס עס איז גוט און וואָס עס

איז שלעכט. שפּעטער, אין ליכט פון דער געשיכטע, האָבן זיך אַלע סיס־טעמען אַרויסגעוויזן אַלס דערפּאָלגלאָזן. אָבער די שיטה פון גרינבוים האָט כאָטש געהאַט די דאָזיקע מעלה, וואָס זי האָט בולטער אָפּגעהיט דעם יידישן כבוד אין אַ — דערפּאָלגלאָזער פּאָליטיק!

מיר קומען איצט צום פ ע ר ט ן פּאַרלאַמענט, וועלכער איז שוין געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון אַ האַלב־פאַשיסטישער רעגירונגס־פּאָ־ליטיק. נאָך דער אויפלייזונג פונעם דריטן פּאַרלאַמענט און פאַר די וואַלן צום פערטן פּאַרלאַמענט, אין חודש נאָוועמבער 1930, זענען פאַרגעקו־מען די באַקאַנטע רדיפות קעגן פּוילישע אָפּאָזיציאָנעלע פירער מיט דעם פּראָצעס אין ברעסט־ליטאָווסק (בריסק), אין אָקטאָבער 1930 אַלס די הויפּט־געשעעניש. די יידישע פּאָליטיק האָט זיך געפונען אין אַ פּאַסטקע. דער מינדערהייטן־בלאָק האָט געליטן אַ מפּלה. עס איז פון אים געבליבן נאָך אַ ווינציקער רעשט בעת די וואַלן צום פערטן פּאַרלאַמענט. דער ציו־ניסטישער בלאָק אין קאָנגרעס־פּוילן האָט געשלאָסן ריין טעכנישע לאָ־קאַלע וואַל־פּאַקטן מיט די דייטשן! אין זעקס וואַל־קרייזן און דאָס איז געווען אַלצדינג. די אוקראַינער זענען אַוועק כמעט אין גאַנצן אויף דעם אירעדענטיסטישן וועג און האָבן געפלירטעוועט מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. די דייטשן האָבן געשפּירט די ערב־תקופה פון היטלער און אויך ביי די ווייס־רוסן האָבן די אירעדענטיסטישע גרופּעס מנצח געווען. דאָ האָט זיך די יידישע פּאַסטקע נישט אויסגעלאָזט. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז נישט געווען קיין שום רייד פון אַ פאַרבינדונג מיטן רעכטן אָדער מיטן לינקן צענטער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. אַ טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע און אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט געפּרוווט זיך צו „איינ־טעגרירן" אין דעם ב.ב.וו.ר., (אַזוי ווי אַ טייל יידן האָט געפּרוווט צו געהערן אַ סך שפּעטער צו דער מאַלאַן־פּאַרטיי אין דרום־אַפריקע), אָבער אויך דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. גרינבוימס שיטה האָט זיך דע־מאָלט געשטיצט אויף דער האָפענונג פון אַ צוזאַמענאַרבעט מיטן לינקן צענטער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, דאָס הייסט, מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און מיט די מער לינקע עלעמענטן פון דער פּויערים־פּאַרטיי (וויזוואָלענצעס). דער דאָזיקער לינקער צענטער (צענ־טראָ לעוו) האָט אַפילו פאַרבעטן טיילן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן

צו אַ באַראַטונג דעם 18טן יוני 1930 און אין נאָמען פון די ייִדן האָט אנטיילגענומען אין דער דאָזיקער באַראַטונג סענאַטאָר אינזש. מ. קערנער. עס איז גאָרנישט דערפון געוואָרן. דאָס זוכן פון אַ נייעם אָנשפּאַר האָט זיך נישט איינגעגעבן. צו דעם לינקן צענטער האָט אויך געהערט די קריסטלעך דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און די פויערים פּאַרטיי מיטן נאָמען „פּיאַסט" (די וויטאָס־פּאַרטיי), ביידע בעצם אַנטיסעמיטישע גרופּעס, הגם נישט אַזוי אויסגעהאַלטן ווי די נאַציאָנאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אָדער ווי די אָ.נ.ר., די פאַשיסטישע פּאַרטיי. אונטערן דרוק פון די דאָזיקע טיילן פון דעם צענטראַ־לעוו, האָט דער לינקער טייל פון דעם לינקן צענטער, דאָס הייסט, די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די פּוילישע ראַדי־קאַלע פויערים פּאַרטיי „וויזוואָלעניע" — געשוויגן, ווייל נאַטירלעך איז פאַר די צוויי לעצטע גרופּעס געווען וויכטיקער דאָס צוזאַמענגיין מיט דער קריסטלעך דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און דעם „פּיאַסט" קעגן דעם גאָר רעכטן פליגל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, ווי אַ בלאָק מיט ייִדן אינעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט פאַר ייִדן.

און אַזוי אַרום איז די ייִדישע אָריענטאַציע געבליבן אין גאַנצן פּאָ־ליטיש איזאָלירט. זי איז געבליבן הענגען אין דער לופט. ווי ווייט עס איז דערגאַנגען די דאָזיקע איזאָלירטקייט איז צו זען דערפון, אַז אַפילו דער „בונד", וואָס האָט נאַטירלעך געזוכט אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף קעגנליבע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און עס איז געשען אַ... נס ערב די וואַלן צום פּערטן סיים, באמת אַ נס. איך האָב דעם נס שוין אויבן דערמאָנט. דער בונד האָט זיך פאַרייניקט מיט די... רעכטע פּועלי־ציון אין אַ געמיינזאַמער וואַל־ליסטע אין קאָנגרעס־פּוילן!

וואָס איז אין אַזאַ סיטואַציע געבליבן צו טאָן? היות פּאָליטיק איז נישט קיין לירישע באַטראַכטונג, נאָר — האַנדלונג, האָט מען געמוזט עפּעס טאָן. דער אויסוועג איז געווען אַ קלאָרער. אויף דעם דנאָ פון דער פּאָליטישער ירידה, וועלכע איך האָב אויבן כאַראַקטעריזירט, האָט יצחק גרינבוים אַרויסגעשטעלט די לאָזונג פון אַ ציוניסטישן בלאָק אין גאַנץ פּוילן!!! ענדלעך! שפּעט! צו שפּעט! אין אַ עת צרה פאַרשטייט מען זיך צייטנווייז בעסער. דאָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין

אונדזער יידישער פּאָליטיק, אַז מיר פאַרשטייען זיך ערשט ווען דער חלף ליגט אויפן האַלדז. ערשט דאַן באַקומען די עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער שותּפותדיקער געמיינשאַפטלעכקייט די אויבערמאַכט איבער די צענטרי־פוגאַלע און אַטאָמיזירנדיקע טענדענצן אין אונדזערע אינערלעכע באַצי־אונגען. יעדעס פאָלק האָט סיכסוכים צווישן זיינע פּאַרטייען. די גרויסע פראַגע איז, אין וועלכן צייטפונקט פון אַ קאָנפליקט קומט צום אויסדרוק דער עלעמענט פון נאַציאָנאַלער אייניקייט. ביי די ענגלענדער רופט ער זיך אָפּ גאָר פרי, כמעט ביים אָנהייב פון אַ נאַציאָנאַלער סכנה. ביי די פראַנצויזן גאָר שפּעט, ווען די סכנה פון דרויסן ווערט בולט. ביים פּוי־לישן פאָלק האָט זיך דאָס געפיל פון דער דאָזיקער אייניקייט אין 18טן יאָרהונדערט אָפּגערופן שוין צו שפּעט, ביי דעם אַזוי גערופענעם „פיר־יאָריקן סיים״.

ווו ליגט דער צייטפונקט, אין וועלכן עס קומט צום וואָרט דאָס איי־ניקייט־געפיל ביי אונדז יידן? — פרי, שפּעט, אָדער צו שפּעט? איך מיין אַז יעדנפאַלס נישט פרי. און איך מיין, אַז גאָר, גאָר שפּעט, און צייטנ־ווייז — צו שפּעט!

עס איז געווען שפּעט, גאָר שפּעט! עס איז שוין געווען ווייער קלאָר, אַז דאָס אייניקייט־געפיל האָט געדאַרפט זיך אָפּרופן. אָט וואָס עס איז געשען:

בעת דער ציוניסטישער בלאָק פון גאַנץ פוילן האָט געהאַלטן ערב דער רעאַליזירונג, האָט פּלוצלינג דער לאַנדעס־פאַרבאַנד פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע פון מזרח־גאַליציע אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז אויך די אגודה זאָל אַריין אין דעם דאָזיקן ציוניסטישן בלאָק. ווי געוויינ־לעך זענען דאָ אין דער פּאָליטיק צוויי סיבות וואָס מאָטיווירן אַ דער־שיינונג. איינע, וואָס מען מאַכט באַקאַנט כלפּי חוץ, און די צווייטע, די אמתדיקע, וואָס מען — פאַרשווייגט. די ערשטע סיבה פון דעם דאָזיקן שריט מצד אונדזער ברודער־אָרגאַניזאַציע אין לעמבערג איז געווען דאָס אַרויסציען פון דער אגודה פון אירע ביז איצטיקע דרכים אין דער פּאָ־ליטיק, כדי זי איינשליסן אַלס אַ טייל פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. און די צווייטע סיבה איז געווען, כדי מיט דער הילף פון דער אגודה אָפּ־צושוואַכן דעם איינפלוס פון דער גרינבוים־גרופּע און נישט צו דערלאָזן,

אַז זי זאָל אין דעם צוקונפטיקן יידישן קלוב אין פּאַרלאַמענט האָבן די מערהייט.

אַ מאָדנע זאַך איז געשען.

יצחק גרינבוים, וועלכער האָט גאַנץ גוט געקאַנט צוזאַמענזיצן און צוזאַמענאַרבעטן מיט דער אגודה אין דעם מינדערהייטן־בלאָק אין יאָר 1922, האָט נישט מסכים געווען צו גיין צוזאַמען מיט דער אגודה אויף דעם אינערלעכן, ריין־יידישן פראָנט. נו, עס איז זיכער אַן אונטערשייד צווישן די באַדינגונגען אין אַ מינדערהייטן־בלאָק און די באַדינגונגען אין דעם אייגענעם יידישן אינערלעכן פראָנט. אָבער די סכנה פאַר יידן איז אין יאָר 1922 געווען אַ סך קלענער ווי אין יאָר 1930. און אַזוי ווי גרינבוים האָט רעפּרעזענטירט דעם רוב מנין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן, האָט ער מנצח געווען אין זיין עקשנות און דער ציוניסטישער בלאָק פון גאַנץ פּוילן איז נישט צושטאַנד געקומען! און דער רוף צו איינהייט איז געבליבן אין דער פּראַקטיק אַ פּוסטער.

וואָס איז אָבער געווען דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן וויכוח? די גרינבוים־ליסטע אונטערן נאָמען „בלאָק פאַר פּאַרטיידיקן די נאַציאָנאַל־יידישע רעכט אין פּוילן" האָט אין קאָנגרעס־פּוילן, ביי די וואַלן צום פּערטן סיים „דעראָבערט" — גאַנצע צוויי מאַנדאַטן! (גרינבוים און דר. ראָזענבלאַט פון לאָדזש). דער „נאַציאָנאַל־יידישער בלאָק פון גאַליציע (קליין פּוילן)", וווּ עס האָט אפילו נישט געלעבט אַ דריטער טייל פון פּוילישן יידנטום, האָט באַקומען — פיר מאַנדאַטן (זאָמערשטיין, ראָזמאַרין, ראָטענשטרייך און טאָן). אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ גאָר אָריגינעלע סיטואַציע. די מערהייט פון קאָנגרעס־פּוילן האָט געהאַט אַ מינדערהייט אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער פּאַרטרעטערשאַפט!

אָבער וואָס האָט געטאָן דער פּאַרטרעטער פון דעם לאַנדעס־פּאַרבאַנד פון מערב־גאַליציע און שלעזיע? ער איז דאָס מאָל געגאַנגען צוזאַמען מיט מזרח־גאַליציע! די וואַקלדיקע פּאָליטיק פון אונדזער לאַנדעס־פּאַרבאַנד, וואָס איך האָב זי שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך ווידער באַוויזן. כדי דאָס בילד זאָל זיין פול, וויל איך אויך דערמאָנען, אַז עס איז ביי די דאָזיקע וואַלן געווען אַ דריטע יידישע ליסטע — די ליסטע פון דער „אגודה" צוזאַמען מיט אירע וואַל־פריינט. און זי האָט דורכגעפירט

נאָר איין מאַנדאַט! (רב אַהרן לעווין). בסך הכל זיבן יידישע דעפּוטאַטן. פון 47 איז די צאָל געפאַלן אויף 22, און פון 22 אויף — זיבן! אבער דאָס בילד איז נאָך נישט פול. עס זענען אין דעם פערטן פּאַרלאַמענט געוויילט געוואָרן יידן אויך אויף דער פּוילישער ליסטע. אין דער אמתן אַ קאַליקפּול בילד פון יידישער אייניקייט און פון פּאָליטישער רייפקייט, משטיינס געזאָגט! פון דער דאָזיקער פּוילישער ליסטע איז געוויילט געוואָרן דער אגודיסט לייבל מינצבערג, און צוויי אומפּאַרטייאישע זייער רירעוודיקע האַלבע אַסימילאַנטן, מיט די נעמען יעגער און ווישליצקי. אָבער דאָס בילד איז פאָרט נישט פול. עס איז אויך געוויילט געוואָרן אַן אגודיסטישער סענאַטאָר מיטן נאָמען מענדעלזאָן. אויב מיר זאָלן די דאָזיקע פיר יידן — און יידן זענען זיי געווען — וואָס זענען געוויילט געוואָרן פון דער פּוילישער ליסטע, צורעכענען צו די זיבן, וועלן מיר האָבן די צאָל פון 11 און דאָס איז ווייניקער ווי אַ פערטל פון דער צאָל יידישע פּאַרלאַמענטאַריער אינעם יאָר 1922.

די דאָזיקע צאָל סימבאָליזירט דעם באַרג־אַראָפּ. טיפער און טיפער האָט זיך געקייקלט דער וואָגן פון דעם יידישן פּאַרלאַמענטאַריזם. די האָפענונג איז שוין כמעט פאַרשוואונדן, אָבער עס איז נאָך געווען אַ שטיקל וועג ביז צום — תהום.

וואָס איז געשען מיט די 11 יידן נאָך די וואַלן?

זעקס יידישע פּאַרלאַמענטאַריער האָבן זיך פאַרייניקט אין אַ געמיינזאַמען פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב. צוויי פון די זעקס זענען געווען פון קאָנגרעס־פּוילן און פיר פון קליין פּוילן. איז נאַטירלעך די פירערשאַפט אין דעם יידישן „קאָלאָ״ אין דעם פערטן סיים אַריבערגעגאַנגען צו אַ פאַרטרעטער פון דער מערהייט און אַלס פאַרזיצער פון דעם קליינעם „קאָלאָ״ איז געוויילט געוואָרן דווקא אונדזער קראָקעווער דעפּוטאַט — דר. יהושע טאָן. און אַזוי אַרום האָט אין אַ זייער קריטישן פעריאָד אין אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף, אונדזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער יידישער פּאָליטיק אויפן געביט פון פּאַרלאַמענטאַריזם. קראָקע איז געוואָרן אויך פאָרמעל דער בעל־עגלה פון דעם יידישן פּאָליטישן וואָגן.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער פּרט פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן פון דעם

דעמאָלטיקן פּאָליטישן יריד. דר. יהושע טאָן האָט בעת די צוגרייטונגען צו די וואַלן אונטערשטיצט יצחק גרינבוימען אין זיין פּאָדערונג צו שאַפן אַ ציוניסטישן וואַל־בלאָק פון גאַנץ פּוילן. אַפילו אָן דער אגודה. אָבער ווען מזרח־גאַליציע האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם בלאָק אָן דער אגודה און ווען גרינבוים האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם בלאָק מיט דער אגודה, איז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דאַן אויך דר. יהושע טאָן צוגעשטאַנען צו אַ געמיינזאַמער וואַל־ליסטע, אָבער נישט מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָנגרעס־פּוילן, נאָר דווקא מיטן לאַנדעס־פאַרבאַנד פון מזרח־גאַליציע! דער אַלטער אמת, אַז קאָנסעקווענץ איז נישט קיין טבע פון פּאָליטיק, איז דאָ ווידער געקומען צום אויסדרוק.

דעם 9טן דעצעמבער 1930 איז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, גע־ווילט געוואָרן דר. יהושע טאָן אַלס פּאָרזיצער פונעם „קאָלאָ" און דר. הענריק ראָזמאַרין פון לעמבערג, אַלס וויצע־פּאָרזיצער. דער „נצחון" פון דער גאַליצישער גרופּע איז געווען אַ לאָגישער, אָבער ער איז פּאָרט גע־בליבן נאָר אַ פאָרמעלער. די פּאָליטישע ריכטונג פון דעם דאָזיקן קליינעם יידישן „קאָלאָ" האָט זיך אין דער אמתן אַנטוויקלט אויף דער ליניע פון דער מינדערהייט, דאָס הייסט, אויף דער ליניע פון דער קליינער גרופּע פון די צוויי דעפּוטאַטן גרינבוים און ראָזענבלאַט. פאַרוואָס? ווייל די מינדערהייט האָט ליידער געהאַט אַ שטאַרקן פאַרבינדעטן קעגן איר איי־גענעם ווילן — דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם פון דער רעגירונג, וואָס האָט די מילדערע איינשטעלונג פון דער מערהייט אין דעם „קאָלאָ" פאַר־וואַנדלט אין אַן — אילוזיע. אַזוי שוידערלעך איז שוין געווען די סי־טואַציע פון אונדזער פאָלק אין פּוילן, אַזוי גרויס איז שוין געווען דער אַנטסעמיטישער דרוק אויף דעם עקאָנאָמישן און מאָראַלישן געביט, אַזוי האָפענונגסלאָז איז געוואָרן דאָס וואַרטן אויף אַן אונטערשטיצונג מצד דעם לינקן צענטער פונעם פּוילישן פאָלק, אַז דאָס גאַנצע „קאָלאָ" האָט געשטימט קעגן דעם מלוכהשן בודזשעט פאַרן יאָר 1935־1934! דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאַרלאַ־מענטאַריזם. עס איז כמעט שוין גאָר נישט געווען צו פאַרלירן. דר. יהושע טאָן, אַלס פאָרזיצער פון דעם קליינעם „קאָלאָ", האָט געהאַט אַ גאָר שווערן עול צו טראָגן. אין די יאָרן 1930 ביז צו דער אָפּשטימונג

קעגן דעם מלוכה־בודזשעט האָט דאָס קליינע יידישע „קאָלאָ" מיט דר. טאָן בראש, נאָך תמיד געפּרוווט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אויסצו־שטרעקן די האַנט צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער פּוילישער רעגירונג. נאָך אין יאָר 1931 - 1932 באַשליסט דאָס „קאָלאָ" זיך אָפּצוהאַלטן פון דער אָפּשטימונג קעגן דעם בודזשעט. אָבער גרינבוים ברעכט די דיס־ציפּלין און שטימט קעגן דעם בודזשעט. און שוין אין 1932 שטימט דאָס „קאָלאָ" קעגן פולמאַכטן פאַר דער רעגירונג, קעגן דעם נייעם געזעץ פון דער וואַל־אָרדינאַציע פאַר שטאָט־ראַטן, אָבער — צוליב פּרינציפּיעלע טעמים — פאַרן געזעץ פון אויטאָנאָמיע פאַר די הויכשולן. דאָס „קאָלאָ" האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אינערהאַלב פון דער פּראָפעסאָרן־קאָלעגיע וועלן זיך געפינען מער ליבעראַלע עלעמענטן ווי אין דער רעגירונג. און עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז אין דער צייט פון דער פאָרזיצערשאַפט פון דר. יהושע טאָן, איז נאָך ראַנגלענישן במשך פון אַ סך יאָרן דורך דעם פּאַרלאַמענט סוף־כּל־סוף באַשלאָסן געוואָרן דאָס געזעץ, וואָס האָט ליק־ווידירט די אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען פון דער צייט פון די דריי אָקו־פּאַנטן. דאָס איז געשען דעם 13טן מערץ 1931. דאָס געזעץ האָט בפירוש נישט דערמאָנט די אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען. עס האָט דערמאָנט „באַגרענעצונגען, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן דורך די אָקופּאַנטן אין צוזאַמענהאַנג מיט אָפּשטאַמונג, נאַציאָנאַליטעט, שפּראַך, ראַסע און רע־ליגיע". די דעפּוטאַטן האַרטגלאַס און זאָמערשטיין (האַרטגלאַס איז נישט געווען אין דעם פערטן סיים) האָבן געהאַט אַ באַזונדערן פאַרדינסט אין דעם קאַמף אַרום דעם דאָזיקן געזעץ. בעת דעם פּעריאָד פון דר. טאָנס פאָרזיצערשאַפט אין דעם יידישן „קאָלאָ" איז אין יאָר 1932 געגעבן גע־וואָרן דאָס עפנטלעכע רעכט פאַר צוויי יידישע גימנאַזיעס און אין יאָר 1933 דאָס זעלביקע רעכט פאַר אַ דריטער גימנאַזיע מיט יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך.

דאָס זענען געווען פאַראיינצלטע העלע שטראַלן אין דער פינצטער־ניש!

לאָמיר נישט פאַרגעסן צוויי ענינים, וואָס פאַלן אַריין אין דער דאָ־זיקער דראַמאַטישער תקופה פון אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. אָנ־הייב 1933 נעמט איבער היטלער די פולע ממשלה אין דייטשלאַנד און

עס הייבט זיך אָן אַ תקופה פון איינע פון די אומגאַטירלעכסטע פּאָלי־טישע פריינטשאַפטן צווישן פוילן און — היטלער דייטשלאַנד!

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו דער טעמע — צו דעם פערטן סיים. דאָס יידישע „קאָלאָ" אין פּאַרלאַמענט האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך אַדאַנק דעם גרויסן אחריות־געפיל פון זיין פּאָרזיצער דר. יהושע טאָן, אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף קעגן די רדיפות פון היטלערן, וואָס זענען געווענדט געווען קעגן יידן. דעם 2טן אַפּריל 1933 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַזונדערע קאָנפערענץ פון פּוילישע יידן אין דער פראַגע פונעם גורל פון דייטשע יידן. עס איז באמת וואונדערלעך וואָס דאָס פּוילישע יידנטום און זיין פאַר־טרעטערשאַפט האָבן, טראָץ אונדזער אייגענער עת צרה, געפונען האַרץ און צייט, זיך צו פאַרנעמען מיטן גורל פון די דייטשע יידן. יאָ, דאָס איז געווען א ו נ ד ז ע ר נאַציאָנאַלער צוגאַנג צו גורל־פראַגן פון אונדזער פאָלק. דער רוב פון דייטשע יידן האָט ליידער נישט געהאט דעם דאָזיקן צוגאַנג. איך וואָלט געקאנט דאָ ציטירן אַ גאַנצע ריי פון פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז מיין פאָרוואורף איז גערעכט, מיר האָבן געהאט דעם אחריות־געפיל אין אונדזער בלוט, אין אונדזער טראַדיציע. דער רוב פון די דייט־טשע יידן איז געווען „צו קלוג" צו האָבן אַזעלכע געפילן. ליידער!

אַן אַנדערן ענין וויל איך דאָ דערמאָנען, כדי אַזוי וויט ווי מעגלעך צו געבן אַן אָביעקטיוו בילד פון דער סיטואַציע. מיר יידן האָבן באמת נישט גייטיק זיך צו פאַרטיפן אין אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען, שוין דערפאַר נישט, ווייל זיי זענען אַזוי בולט. עס איז אָבער נייטיק פאַר אונדז צו זען אויך דערשיינונגען לטובת אונדזער פאָלק, וואָס עס זאָלן נישט זיין די אמתדיקע מאָטיוון פון די דאָזיקע דערשיינונגען. וויל איך דאָ דערמאָנען די שטים פון דעם צענטראַלן רעגירונגס־אָרגאַן אין וואַר־שע, דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ". אַ צייטונג פון אַ גאַנץ הויכן ניוואָ, איג־טעליגענט רעדאַגירט און נאַטירלעך אָפּשפּיגלענדיק דעם רעגירונגס־אַנ־טיסעמיטיזם. אָט די דאָזיקע צייטונג האָט אין יענער צייט אויפגעהייבן איר שטים לטובת יידן אין דייטשלאַנד! מאהבת מרדכי צי משנאת המן? וואַרשיינלעך משנאת המן! עס איז איבעריק זיך אַריינצוגראָבן אין דעם דאָזיקן ענין. עס איז אָבער כדאַי צו נאָטירן דעם פאַקט. דאָס אָפיציעלע פּוילן האָט זיך שוין דעמאָלט געחברט מיט היטלער־דייטשלאַנד און דער־

פאַר איז נאַטירלעך פאַר אונדז געוועזן קלאָר אויך דער מאָטיוו פון דער פריינטלעכער שטים לטובת יידן אין דייטשלאַנד בפרט, אַז די מערהייט פון די דאָזיקע „דייטשע יידן", וואָס זענען געווען אין אַן אוממיטלבאַ־רער געפאַר צו יענער צייט, זענען געווען — פוילישע יידן אין דייטש־לאַנד.

אָבער אַן אַנדערער אָרגאַן, אויך אַ טאָג־צייטונג, דער אָרגאַן פון דער אַלטער אַנטיסעמיטישער ענדעציע, „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", ליידער אויך אַ זייער גוט רעדאַגירטע צייטונג, האָט דעם 23טן נאָוועמבער 1933 געשריבן אַ האַס־אַרטיקל קעגן די פוילישע יידן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין דייטשלאַנד, און דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געהאַט דעם קלאָרן טיטל „מ י ר  מ ו ז ן  אַ ר ו י ס ט ר ײ ב ן  י י ד ן  פ ו נ  פ ו י ל ן". צום קרעדיט פון דער דאָזיקער צייטונג זאָל געזאָגט ווערן, אַז זי האָט זיך נישט פאַרשטעלט צביעותדיק הינטער הומאַניטאַרע מאָ־טיוון ווי די „גאַזעטאַ פאָלסקאַ", נאָר זי האָט ווולגאַר, גראָב און אָפן אַרויסגעשריען איר אני מאמין — די דאָזיקע הונדערט־פּראָצענטיקע קריסטלעכע צייטונג.

אויך די פוילישע קאָנסולאַטן אין דייטשלאַנד האָבן „גענומען אין שוץ" די יידן אין דייטשלאַנד קעגן היטלערס רדיפות, מחמת, ווי איך האָב שוין באַמערקט, עס זענען צווישן די דאָזיקע באַדראָטע יידן געווען טויזנטער יידן פון פוילישער אָפּשטאַמונג. נאַטירלעך האָבן די דאָזיקע קאָנסולאַטן געהאַט אינסטרוקציעס פון דער פוילישער רעגירונג און נאַ־טירלעך איז די מורא, אַז די דאָזיקע יידן וועלן צוריקקומען קיין פוילן, געווען די טרייבקראַפט פון — „הומאַניטאַריזם". אָדער צי איז אפשר דאָך אויך געווען אַ ביסל מענטשלעכקייט, אַ ביסל גערעכטיקייט־געפיל אין דער דאָזיקער פוילישער האַנדלונג? איך זוך תמיד העלע פונקטן אין אַ פינצטערער סיטואַציע. און סוף־כל־סוף זענען צווישן דעם פוילישן פאָלק אויך געווען מענטשן מיט אַ גערעכטיקייט־געפיל. די נאַטור פון דעם פוילישן פאָלק איז נישט געווען אַן אויסגעהאַלטן אכזריותדיקע ווי ביי די היטלער־דייטשן. די פוילישע, די סלאַווישע נאַטור איז געווען וואַקל־דיק. אָבער האָבן די דאָזיקע עלעמענטן געהאַט השפעה אויף דער האַנד־לונג פון דער רעגירונג? איך בין זיכער, אַז יחידים צווישן דער פוילי־

שער געזעלשאַפט האָבן פאַראורטיילט דעם עקסטרעמען פוילישן אַנטיסע־מיטישן קורס. אָבער האָט זייער באַציאונג צו אונדז געהאַט אַ השפעה אויף דער פּרינציפּיעלער פּאָליטישער באַציאונג פון דעם פוילישן קורס לגבי יידן? איך מיין אַז נישט, ווייל די מעשים מצד דער פוילישער רע־גירונג האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק, אַז דער איינפלוס פון „גוטע פּאָליאַקן" איז געבליבן דערפאַלגלאָז.

אונדזער סיטואַציע איז אין פוילן דעמאָלט שוין געווען אַזוי מרה־שחורהדיק, אַז די דאָזיקע פּראָ־יידישע שטימונג מצד מאַנכע פוילישע ספערן האָבן ריין פּסיכאָלאָגיש אַרויסגערופן אין מאַנכע פון אונדזערע רייען צופרידנקייט און אין מאַנכע פון אונדזערע קרייזן האָבן זיך אָנ־געהייבן צו אַנטוויקלען פונקען פון האָפענונג, אַז דורך אויסדריקן עפנט־לעכע אנערקענונג צו דער פוילישער רעגירונג, מחמת דעם דאָזיקן פּראָ־יידישן שוץ אין דייטשלאַנד, קאָן זיך אפשר פאַרבעסערן די פּרינציפּיעלע באַציאונג פון דער פוילישער רעגירונג צו די קיום־פּראָגן פון יידן אין פוילן. ווען מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי. מיר ווייסן, אַז אויך די דאָזיקע האָפענונג איז געבליבן אַן אילוזיע. און געטריבן פון דער האָפענונג האָט דער פאַרזיצער פונעם יידישן „קאָלאָ", אונדזער דר. יהושע טאָן, אין חודש נאָוועמבער 1933 געהאַלטן אַ רעדע פון דער טריי־בונע פונעם סיים, אַדרעסירנדיק די פוילישע רעגירונג. איך וויל דאָ ציטירן לשם היסטאָריע דעם דאָזיקן — דראַמאַטישן אני מאמין פון דר. טאָן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גלויבן אין דער פוילישער מלוכה:

„דערמאָנענדיק — האָט דר. טאָן געזאָגט — די שרעקלעכע געשעענישן פון דער לעצטער צייט, פיל איך דאַנקבאַרקייט און דריק אויס אנערקענונג דער רעגירונג, וואָס זי פאַרטיידיקט דורך אירע אונטערגעגעבענע אָרגאַנען אירע בירגער (געמיינט די פוילישע יידן אין דייטשלאַנד) וואָס לעבן אין דעם שרעקלעכן גיהנום. איך פיל דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פאַר דער רעגירונג, וואָס זי שיצט אויך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע די אינטערעסן פון די באַעוולהטע... איך בין שטאָלץ, אַז איך געהער צו אַ מלוכה, וועלכע האָט זיך געשטעלט האַרט אויף דעם באָדן פון ציוויליזאַציע, אויף דעם באָדן פון קולטור אין אַ היסטאָרישן קאַמף צווישן באַרבאַריזם

און ציוויליזאַציע און אַז די מלוכה האָט נישט פאַרראַטן איר טויזנט־יאָריקע גלאָררייכע טראַדיציע״. — (ציטירט פון „יידן אין דעם באַנייטן פוילן״, זאַמלבוך, באַנד 2, זייט 357).

דער צווייטער ענין, וועלכן איך וויל דאָ דערמאָנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעטיקייט פון אונדזער פאַרזיצער פונעם „קאָלאָ״, דר. יהושע טאָן, איז געווען זיין שטימען קעגן דער נייער האַלב־פאַשיסטישער קאָנסטיטוציע, וואָס די רעגירונג־פּאַרטיי האָט אדורכגעזעצט אין דעם פּערטן סיים. דורך איר איז די ערשטע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פון פוילן פונעם יאָר 1921 בטל געוואָרן. זיין שריט איז געווען אַן אַקט פון פּאָליטישער געטריישאַפט צו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. ווי שוואַרץ די צייטן זענען שוין געווען, זענען זיי געוואָרן שפּעטער נאָך פינצטערער, אין דער צייט פונעם פינפטן און זעקסטן סיים, נאָך דעם ווי די נייע קאָנסטיטוציע האָט געברוקירט דעם וועג פאַר דעם האַלב־פאַשיסטישן רעזשים. אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף האָט זיך וואָס מער פאַרוואַנדלט אין פאַרצווייפלונג.

איך דערנעענטער מיך צו דעם פ י נ פ ט ן פוילישן פּאַרלאַמענט, וואָס איז געוויילט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1935 און האָט געדויערט ביז סעפּטעמבער 1938. דעם 12טן מאַי 1935 איז געשטאָרבן יוזעף פּילסודסקי. בלי ספק די גרעסטע פוילישע פּאָליטישע פּערזענלעכקייט אין דער תקופה פון 1919 ביז 1939. מיט אַלע זיינע דיקטאַטאָרישע חסרונות איז יוזעף פּילסודסקי געווען אַן אָנהאַלט אין דער מלוכה צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער, דעמאָקראַטישער, סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט. מיט זיין טויט איז אויך אַוועק פאַר אונדז יידן דער רעשט פון אַ שוואַכן אַנהאַלט און עס איז געקומען די תקופה פון אַ ברוטאַלער, אין גאַנצן אוממאָראַלישער דיקטאַטור, געפירט דורך דעם פּולקאָווניק סלאַוועק!

ווי זענען אויסגעפאַלן די וואַלן אין דעם יידישן סעקטאָר און וואָס פאַר אַ ראָלע האָט בעת די דאָזיקע וואַלן געשפּילט מערב־גאַליציע און שלעזיע? אַ מאָדנע קאָנסטעלאַציע האָט זיך אַנטוויקלט און זי באַווייזט ווידער ווי אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זיך געראַנגלט צווישן רעאַליזם און אידעאַליזם, צווישן דעם געבאָט צו העלפן יידן אין זייער טאָגטעגלעכן קאַמף און דער האָפענונג צו ענדערן מיט דער הילף פון דעמאָ־

קראַטישע עלעמענטן די פונדאַמענטאַלע יסודות פון דער מלוכה. וואָס איז געשען?

די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מזרח־גאַליציע האָט געשלאָסן אַ בלאָק מיט דער דאָרטיקער אגודה און האָט באַשלאָסן צו גיין צו די וואַלן. אין קאָנגרעס־פוילן האָט דער סוחרים־פאַריין געשלאָסן אַ בלאָק מיט דער דאָרטיקער אגודה און האָט אויך באַשלאָסן צו גיין צו די וואַלן. אָבער דער ציוניסטישער לאַנדעס־פאַרבאַנד פון מערב־גאַליציע און שלעזיע האָט זיך אין דעם פאַל פאַרבונדן אידעאָלאָגיש מיט די ציוניסטישע גרופּעס אין קאָנגרעס־פוילן און האָט, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם נייעם רעזשים באָיקאָטירט די וואַלן. דר. יהושע טאָן האָט נישט קאַנדידירט. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין קאָנגרעס־פוילן האָבן ביי די דאָזיקע וואַלן צווישן דער נויטווענדיקייט פון קאַמף פאַר די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון יידן און דער האָפענונג צו ענדערן דעם גאַנצן רעזשים מיט דער הילף פון מאַנכע פוילישע פאַרטייען, געוויילט דעם צווייטן וועג. ע ס א י ז ג ע ו ו ע ן ד ע ר ל ע צ ט ע ר ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט א י ן ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר ריכטונג. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט דריי יאָר שפּעטער שוין געוויילט דעם ערשטן וועג, ווייל די סיטואַציע איז שוין געווען אין גאַנצן האָפענונגסלאָז. אין קראָקע, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט צו דעם פינפטן סיים קאַנדידירט אַ פאַרטרעטער פון דער רעגירונג־פּאַרטיי, דער ייד לעאָפּאָלד ספּירא. ער האָט עס גוט געמיינט, אָבער זיין פּאָליטישער האָריזאָנט איז געווען איינגעקלעמט אין דער רעגירונג־פּאַרטיי. די יידישע באַפעלקערונג האָט אים געגעבן אַן ענטפער און ער איז, ווי איך האָב שוין אויך פריער דערמאָנט, מיט בושה דורכגעפאַלן ביי די וואַלן! און דאָס האָט ווידער באַוויזן ווי שטאַרק עס איז געווען די השפעה פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף דער יידישער וויילערשאַפט אין אונדזער שטח.

דער רעזולטאַט פון די וואַלן אין אונדזער יידישן סעקטאָר און אין גאַנץ פוילן, אַ גאָר מאָגערער. אין מזרח־גאַליציע איז געוויילט געוואָרן נאָר איין דעפּוטאַט, דר. עמיל זאָמערשטיין, און אין קאָנגרעס־פוילן זענען געוויילט געוואָרן דריי דעפּוטאַטן בסך־הכל, דר. ה. גאָטליב, אַן אַלגע־

מיינער ציוניסט, לייב מינצבערג, דער אגודיסט, און הרב יצחק רובינ־שטיין פון דער מזרחי. די דאָזיקע קליינע רעפּרעזענטאַנץ איז פאַר־שטאַרקט געוואָרן דורך צוויי נאָמינירטע סענאַטאָרן, יעקב טראַקענהיים פון דער אגודה, און פּראָפ. מ. שאָר, אַ סימפּאַטיקער פון ציוניזם. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַלץ מער און מער געבושעוועט. געטאָ־בענק, פּאָ־גראָמען — דער שטאַרקסטער אין ברעסט־ליטאָווסק, אָפענע עקסטערמי־נאַציע־לאָזונגען מצד דער רעגירונג קעגן יידן; די עקספּעדיציע קיין מאַ־דאַגאַסקאַר, אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטיילגענומען צוויי יידן, כדי צו געפינען אַ שטח פאַר קאָלאָניזירן פּוילישע יידן! צום ערשטן מאָל באַ־וויזן זיך האַלב־אָפיציעלע פאַרשלאָגן צוצונעמען ביי יידן דאָס וואַלרעכט בכלל און אַפילו אַ געזעץ איז צוגעגרייט געוואָרן אין דעצעמבער 1938, געשטיצט פון 117 פּוילישע דעפּוטאַטן, פּראָקלאַמירנדיק, אַז יידן זענען נישט קיין פולע בירגער. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אָרגאַניזירט צו פּראָטעסטן, יידישע אַרבעטער האָבן געשטרייקט, דאָ און דאָרט מיט דער הילף פון פּוילישע אַרבעטער, אָבער די לאַווינע קעגן יידן איז שוין געווען אין באַוועגונג.

## דער לעצטער פּוילישער פּאַרלאַמענט

### דער פּראָיעקט פון נירענבערגער געזעצן אין פּוילן. — דער ביטערער קאַמף פאַר און קעגן באַניקאָטירן די וואַלן.

צוויי ענינים וויל איך דאָ דערמאָנען, איידער איך וועל מיך דער־נעענטערן צו דעם לעצטן ז ע ק ס ט ן פּוילישן פּאַרלאַמענט און דער ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד בעת די וואַלן צו אָט דעם לעצטן פּוילישן פּאַרלאַמענט.

איינער פון די צוויי ענינים איז דאָס באַרימטע געזעץ פון דעם 30טן אַפּריל 1938, וואָס האָט באַשלאָסן, אַז פּוילישע בירגער, וואָס זענען אין אויסלאַנד לענגער ווי פינף יאָר, פאַרלירן זייער בירגערשאַפט. עס איז געווען אַ באַזונדערע אַטאַקע קעגן יידן. דער צייטווייליקער „אימפּולס“ צו נעמען אין שוץ פּוילישע יידן אין אויסלאַנד, וועלכן איך האָב דאָ

אָקערשט דערמאָנט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קלאָרער אַנטי־יידישער פּאָליטיק. דאָס, וואָס איז געשען אַלס אַן „הומאַניטאַרער אימפּולס" האָט געדויערט זייער קורץ. עס האָט געפּלאַצט ווי אַ קאָלירפולע זייפנבלאָז.

און דער צווייטער ענין, וואָס איך וויל דאָ דערמאָנען, איז די האַלב־אָפיציעלע צוגרייטונג — יאָ, דאָס איז אמת — פון אַ פ ר אָ י ע ק ט פ ו ן נ י ר ע נ ב ע ר ג ע ר ג ע ז ע צ ן, ל ו י ט ן מ אָ ד ע ל פ ו ן ה י ט ל ע ר ן פ אַ ר פ ו י ל ן. דער פּראָיעקט איז קיינמאָל נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין סיים און איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געוואָרן קיין געזעץ, ווייל דער קריג איז אויסגעבראָכן. צום ערשטן מאָל וויל איך דאָ פאַרעפנטלעכן כאָטש אַ טייל פון דעם דאָזיקן פאַר־טרוילעכן פּראָיעקט, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט נישט פריער ווי אין יאָר 1942 אין לאָנדאָן, ווען איך בין געווען דער רעפע־רענט פונעם בודזשעט פון יוסטיץ־מיניסטעריום פון דער גלות־רעגירונג, אַלס מיטגליד פונעם פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט. דער פּראָיעקט איז צו־געגרייט געוואָרן פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן די „יוניע פון אַקטיווער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק" (אוניאַ טשיננעי פּאָליטיקי גאָספּאָדאַרטשעי), וואַרשע, רינעק סטאַרעגאָ מיאַסטאַ 27. צו דער דאָ־זיקער אָרגאַניזאַציע האָבן געהערט זייער וואָגיקע פּוילישע פּאָליטיקער און דער לייענער קאָן זיך פאָרשטעלן דעם אמתדיקן גייסט פון דער דאָ־זיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויך אונטערשטיצט געוואָרן פון דעם „באַרימטן" פּוילישן מיליטאַנטן היטלעריסט, גלח סטאַניסלאַוו טשע־טשאָק. איך וויל דאָ ציטירן די זעקס פּאַראַגראַפן פון דעם פּראָיעקט:

„אַ ר ט י ק ל 1. — כדי צו פאַרזיכערן דאָס פּוילישע פאָלק קעגן אַ פולשטענדיקער אונטעריאָכונג אויפן עקאָנאָמישן און קול־טורעלן געביט און כדי אים צו פאַרזיכערן די געהעריקע מעגלעכ־קייטן פון אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט, ווערן די בירגער־רעכט פון אַלע יידן אין פּוילן אָוועקגענומען.

„אַ ר ט י ק ל 2. — אַ ייד איז אין זין פון דעם דאָזיקן געזעץ יעדער, וועלכער איז איינגעשריבן אין די עווידענץ־ביכער אין דעם טאָג פון דער באַקאַנטמאַכונג פון דעם דאָזיקן געזעץ אַלס אַנ־

הענגער פונעם תלמוד רעספּעקטיווע אַלס אָנהענגער פון דער מאָ־זאַישער רעליגיע.

„אַ ר ט י ק ל 3. — מיט דעם טאָג פון דער באַקאַנטמאַכונג פון דעם געזעץ וועלן אַלע יידן אַזיווי זיי ווערן פרעמדע, זיין אונ־טערגעוואָרפן אונטער די יורידישע פאַרשריפטן, דעקרעטן און דורכפירונגס־באַשלוסן פון באַהערדן, וואָס זענען חל אויף פרעמדע אין פוילן.

„אַ ר ט י ק ל 4. — נאָך דריי חדשים פון דעם טאָג פון דער באַקאַנטמאַכונג פון דעם געזעץ וועלן אַלע יידן זיין פאַרפליכ־טעט, זיך צו פאַרזאָרגן מיט אידענטיטעטס־סערטיפיקאַטן פון דער פּאַלעסטינעזישער מלוכה, אָדער צו באַקומען די בירגערשאַפט פון אַן אַנדערער מלוכה.

„אַ ר ט י ק ל 5. — דער מיניסטאָרן־ראַט וועט אַרויסגעבן אַ דורכפירונגס־פאַראָרדענונג פון דעם דאָזיקן געזעץ במשך פון צוויי וואָכן פון דער דאַטע פון דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם געזעץ.

„אַ ר ט י ק ל 6. — דאָס דאָזיקע געזעץ איז אויך גלייכצייטיק אַן ענדערונג פונעם אַרטיקל 7 פון דער קאָנסטיטוציע.״

אָט דאָס איז דער פּראָיעקט. אין חודש אָקטאָבער 1952 בין איך דאָ אין ניו־יאָרק געוואויר געוואָרן דעם נאָמען פון אַ וואָגיקן מיטגליד פון דער פּוילישער רעגירונג פון יענער צייט, וועלכער האָט זיין פריינד — אַ יידישן אַסימילאַטאָרישן מנהיג אין וואַרשע געוואָרנט, אַז אַזאַ געזעץ זאָל אַריינגעבראַכט ווערן אין סיים און ער גיט אים צוליב דעם די עצה, זיך צו שמדן. דער ייד האָט עס נישט געטאָן. ער לעבט היינט אין ניו־יאָרק.

נאָך די זעקס פּאַראַגראַפן קומט אַ לאַנגע באַגרינדונג פונעם פּראָ־יעקט. דער פּראָיעקט טראָגט די דאַטע פונעם 28סטן פעברואַר 1937 און האָט די אונטערשריפט פון אַ פּאָלאַק מיט דעם נאָמען א. בראָדזיזש־לי־פּינסקי, און די איבערשריפט פון דער אויבן־דערמאַנטער פּוילישער אָר־גאַניזאַציע.

אָט דאָס זענען די דראַסטישע סימפּטאָמען פון יענעם פּעריאָד פונעם פּינפטן סיים, אין וועלכן עס איז נישט געווען קיין פאַרטרעטער פון אונ־דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. דאָס איז דער פּעריאָד, וועלכן מען קאָן בקיצור

אַנרופן דער פּעריאָד פון  פּ ש י ט י ק, דעם קליינעם שטעטל נישט ווייט פון ראַדאָם, ווו עס איז דעם 9טן מערץ 1936 אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די אַנטיסעמיטן אַ פּאָגראָם פון אַן אומגעוויינלעכן פאַרנעם און אכזריות, דאָס איז געווען נישט דער איינציקער פּאָגראָם אין דעם פּעריאָד. איך וועל דאָן שפּעטער אין דעם קאַפּיטל וועגן דער „אוגאָנדאַ" און וועגן דעם „עוואַקואַציאָניזם" האָבן נאָך צוצוגעבן אַ פּאָר פּרטים כדי אויפצוקלערן דעם וועג וואָס האָט געבראַכט הן צו דעם פאַרצווייפלונגס־אַקט פון דער „אוגאָדאַ" הן צו דעם לעצטן פאַרצווייפלונגס־פּראָיעקט פון „עוואַקואַציאָניזם".

און אַזוי קום איך צום לעצטן, דעם  ז ע ק ס ט ן  פּוילישן פּאַרלאַמענט אין דעם פּוילן, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים נאָך אַ תקופה פון קנעכטשאַפט, וואָס האָט געדויערט איבער 120 יאָר.

די וואַלן צום לעצטן פּוילישן סיים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהייב נאָוועמבער 1938, נאָך אַ פּעריאָד פון וואַלן צו די מוניציפּאַליטעטן, אין וועלכע דער „בונד" איז געווען דער זיגער. דעם פּאָליטישן הינטערגרונט פון דעם דאָזיקן נצחון האָב איך אַנאַליזירט אין דעם אָפּשניט וועגן די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן.

די וואַל־אָרדינאַציע צום פּאַרלאַמענט איז צו יענער צייט באַשטאַנען פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל האָט זיך פאַרנומען מיט דעם ענין: באַשטימען קאַנדידאַטן און דער צווייטער טייל מיט דעם ענין פון דירעקטע וואַלן פון די דעפּוטאַטן דורכן פאָלק. דער ערשטער טייל איז געווען אַן אומדעמאָקראַטישער, אַ קאָרפּאָראַטיוו־פאַשיסטישער. דער צווייטער טייל איז געווען באַזירט אויף דירעקטע און געהיימע וואַלן. ער איז אַלזאָ געווען דעמאָקראַטיש. אָבער דער כאַראַקטער פון דעם ערשטן טייל פון דער וואַל־אָרדינאַציע האָט ממילא די גאַנצע וואַלן דעגראַדירט צו אַן אומדעמאָקראַטישן סיסטעם. אין וואָס איז דער דאָזיקער אומדעמאָקראַטישער און אַפילו האַלב פאַשיסטישער כאַראַקטער באַשטאַנען? די קאַנדידאַטן זענען נישט באַשטימט געוואָרן פריי דורך פּאַרטייען, נישט דורכן פאָלק גופא, נאָר דורך אַ וואַל־קאָלעגיע. די וואַל־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון דעלעגירטע, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פון שטאָט־

ראַטן און ווירטשאַפטלעכע קאָרפּאָראַציעס, ווי האַנדלס־קאַמערן, האַנט־ווערקער־קאַמער, סוחרים־פאַריין און — אויב איך האָב נישט קיין טעות — אויך פון אוניווערסיטעטן. נאָר דער, וואָס האָט באַקומען נישט ווייניקער ווי 25 פּראָצענט פון די שטימען אין דעם דאָזיקן קאָלעגיע, האָט געקאָנט ווערן אַ קאַנדידאַט. איז ער עס געוואָרן, דאַן האָט דאָס פאָלק געקאָנט פאַר אים פריי שטימען. אָבער דער פאַקט, — איך אונטער־שטרייך נאָכאַמאָל — וואָס די באַשטימונג פון אַ קאַנדידאַט איז געווען אָפּהענגיק פון אַט דער קאָלעגיע, האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך אָפּגעקוילעט דעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דעם גאַנצן וואַל־אַקט.

עס איז אַנטשטאַנען אַ ריס סיי אין דעם פּוילישן פאָלק, סיי אין יידישן פאָלק אין פּוילן אַרום דער פראַגע: אנטיילנעמען אין אַזעלכע וואַלן אָדער באָיקאָטירן?

פאַר אָנטיילנעמען אין די וואַלן איז אין פּוילישן פאָלק געווען נאָטירלעך דער אַזוי גערופענער „אָזאָן“, די אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַלער איינהייט, אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען דורך פּאָליטישן טעראָר, און וואָס איר צוזאַמענשטעל איז געווען אַ קאָנגלאָמעראַט פון טיילן פון פאַרשיידענע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. פאַר באָיקאָטירן די וואַלן זענען אין דעם פּוילישן פאָלק געווען אַ ריי פון פּאַרטייען, וואָס זענען געווען אין דער פראַגע פון באָיקאָט פאַרבונדן דורך קעגנער־שאַפט צום „אָזאָן“, אָבער וואָס זענען צווישן זיך נישט געווען אידעאָלאָגיש פאַרבונדן. אין אַט דעם לאַגער, וואָס האָט פּראָפּאַגירט דעם באָיקאָט פון די וואַלן ביי די פּאָליאַקן, זענען געווען די מיליטאַנטע אַנטיסעמיטן, ווי דער פאַשיסטישער „אָ.נ.ר.“ — דער עקסט־רעכטער פליגל פון דער „ענדעציע“, ווייטער די הונדערט־פּראָצענטיק אַנטיסעמיטישע און רעאַקציאָנערע, זייער איינפלוסרייכע „ענדעציע“ גופא, אָבער גלייכצייטיק אויך דער מאָדערירט לינקער פליגל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, די איינפלוסרייכע פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס איז געווען זיכער דעמאָקראַטיש. און צווישן די צוויי פליגלען, דעם רעאַקציאָנער אַנטיסעמיטישן און דעם סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישן, זענען אין דער מיט געווען גרויסע טיילן פון דער פויערים־פּאַרטיי, טיילן פון דער קריסטלעך־דעמאָ־

קראַטישער פּאַרטיי, וואָס זענען געווען דעמאָקראַטיש אין פּוילישע פראַגן און רעאַקציאָנער און „פרײַדלעך"־אַנטיסעמיטיש צו אונדז ייִדן.

אָט דאָס איז געווען דער „קאָלירפולער" פּרצוף פון דער פּוילישער באַיקאָט־אָריענטאַציע פון די וואַלן. די סיבות פונעם באַיקאָט זענען געווען פאַרשיידענע. דער רעאַקציאָנערער טייל פון דעם באַיקאָט־פראָנט האָט באַיקאָטירט די רעגירונג, ווייל זי איז געווען אויסן צו ליקווידירן די דאָזיקע פּאַרטייען כדי צו שאַפן איין טאָטאַליטאַרע פּאַרטיי: אַנדערע סיבות האָט געהאַט דער דעמאָקראַטישער און בפרט דער סאָציאַליסטישער פליגל פון דעם באַיקאָט־פראָנט. ער האָט באַיקאָטירט די רעגירונג צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, כדי אונטערצוגראָבן איר טאָטאַליטאַרן, דיקטאַטאָרישן כאַראַקטער. וואָס עס האָט די ביידע טיילן פון דעם באַיקאָט־פראָנט פאַרבונדן איז געווען, ווי געוויינלעך אין דער פּאָליטיק, דער קאַמף פאַר מאַכט, דער קאַמף פאַר פּאָליטישער עקזיסטענץ. אָבער דער קאַמף האָט נישט געהאַט קיין ביאָלאָגישע סיבות. די רעגירונג האָט נישט געוואָלט די דאָזיקע באַיקאָטירנדיקע פּאַרטייען אַרויסטרייבן פון פּוילן, זי האָט נישט געוואָלט צונעמען ביי די פּאַרטייען זייער פּאָטערלאַנד, אָדער ביי די פּוילישע פאַמיליעס פון די דאָזיקע פּאַרטייען — זייערע היימען, ביי יחידים — זייער ברויט, ביי די קינדער — די שולן. קיין שום ספקטאָר פון לעבנס־רעכט אין דעם ביאָלאָגישן און גייסטיקן זין איז נישט געווען אין אַ סכנה אין דעם דאָזיקן קאַמף צווישן דער אָפּאָזיציע און דער רעגירונג. סקלאַדקאָווסקי און דער באַלעבאָס פון דער רעגירונג, מאַרשאַל רידז־שמיגלי זענען געווען עטניש פּאָליאַקן אַזוי ווי די פירער פון דעם אָ.נ.ר., פון דער ענדעציע, פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער פּויערים־פּאַרטיי אָדער פון דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער גאַנצער קאַמף צווישן די פּוילישע באַיקאָט־פּאַרטייען און דער רעגירונג איז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, געווען אַ קאַמף וועגן פּאָליטישער מאַכט אינערהאַלב פון פּוילן.

גאָר אַנדערש איז געווען די סיטואַציע פון אונדז ייִדן אין פּוילן. מיר האָבן געמוזט פירן אַחוץ דעם פּאָליטישן קאַמף אויך אַ ריין ביאָלאָגישן קאַמף. אַ קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ אַלס מענטשן, אַלס בירגער, פאַר אונדזערע קינדער, פאַר אונדזערע היימען, אַ קאַמף באמת פאַר דעם

נאָקעטן לעבן. דעם פויער פון אַ דאָרף האָט די רעגירונג געוואָלט איינ־אָרדענען אין דער אינדוסטריע. דעם קליינהענדלער, דעם יידישן פון די קרעסן, האָט זי געוואָלט צווינגען צו עמיגראַציע. און דערפאַר איז די ביטערקייט ביי אונדז געווען פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער ווי ביי די פוילישע פאַרטייען.

מיר יידן האָבן געהאַט און געמוזט האָבן פאַר אונדזערע אויגן די פראַגע: וואָס וועט מיט אונדז געשען אין פוילן, ווען עס וועלן זיגן די פאַרטייען פונעם באַיקאַט־פראָנט, וואָס זיינען חוט־השדרה זענען געווען די ענדעציע מיט דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַרטיי אַלס „שטורעם־טרופע״.

עס איז געווען אַ טראַגעדיע, עס איז געווען אַן על פרשת דרכים סי־טואַציע. פאַרוואָס? דאָס אָנשליסן זיך אין דעם באַיקאָט־פראָנט צוזאַמען מיט אונדזערע ערגסטע שונאים איז געווען איין וועג, און דאָס נישט אָנ־שליסן זיך צו דעם באַיקאָט־פראָנט האָט באַדייט, אַז מיר שליסן זיך נישט אָן צום צווייטן טייל פון דעם באַיקאָט־פראָנט, דעם לינקן פליגל און דער לינקער צענטער האָט אונדז אין אונדזער קאַמף נישט אונטערשטיצט אָדער נאָר זייער שוואַך און זייער זעלטן אונטערשטיצט. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז אין דער פּאָליטיק איז בדרך כלל נישט פאַראַן קיין אויסוואַל צווישן גוט און שלעכט, נאָר צווישן שלעכט און ווייניקער שלעכט. מיר האָבן געוווּסט, אַזביידע וועגן, הן דאָס אָנשליסן זיך אין דעם באַיקאָט־פראָנט, הן דאָס גיין צו די וואַלן קעגן דעם ווילן פון דער גרויסער מער־הייט פון יידן, איז שלעכט. וואָלט דאָס יידישע פאָלק אין פוילן געהאַט איין דיסציפּלינירטע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס וואָלט געווען באַרעכטיקט צו באַשליסן אויפן סמך פון אַ מערהייט־באַשלוס, וואָלט נאַטירלעך די אַנט־שיידונג געווען געפאַלן אין דער ריכטונג פון אָנשליסן זיך אין דעם באַי־קאָט־פראָנט. אָבער אַזאַ צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ איז נישט געווען בנמצא. האָט קאָנגרעס־פוילן באַשלאָסן פאַר זיך און גאַליציע פאַר זיך.

איך וועל פּרווון צו געבן אַ בילד פון דעם טיפן סכסוך אין אונדזערע רייען, איך מיין אַזוי אָביעקטיוו ווי נאָר מעגלעך, הגם איך אַליין בין געווען אַקטיוו אין דעם סכסוך און האָב געהאַט גאַנץ קלאָרע מיינונגען וועגן דעם ענין וואָס מיר האָבן צו טאָן אין אינטערעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענער צייט, אין דעם אינטערעס פון דער יידישער

יוגנט, דעם יידישן סוחר, דעם יידישן האַנטווערקער, בקיצור, דעם נאָ־קעטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק צו יענער צייט.

## די פוילישע רעגירונג און היטלער־דייטשלאַנד

די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם זענען אונדז דערגאַנגען שוין נישט נאָר ביז צום האַלדז, נאָר ביז צו די אויגן. דאָס אייגנציקע געביט, אין וועלכן דער ייד האָט נאָך געקאָנט אָטעמען, איז געווען דאָס רעליגיעזע געביט. ער האָט געקאָנט דאַווענען, הגם נישט זעלטן האָט ער שוין מורא געהאַט צו גיין אין בית־המדרש, ווייל אונטערוועגס האָבן געקאָנט פאַלן שטיינער. אויף דעם עקאָנאָמישן געביט האָט שוין געבושעוועט דער באַ־רימטער „אָווּשעם" — אדרבה — פון דעם פרעמיער סקלאַדקאָווסקי. דער דאָזיקער דזשענטלמען מיט די גענעראַלסקע לאַמפּאַסן, כדי צו ציטירן דר. טאָן, האָט אָפן דערמוטיקט די ווירטשאַפטלעכע אונטערדריקונג פון די יידן אין פוילן. אָבער ווי יעדע רעגירונג האָט ער נאָך געמוזט צייטנ־ווייז קאָנסטרואירן אַן אַליבי פון גערעכטיקייט כלפי חוץ. די פּאָליטישע דעקלאַראַציע פון דעם פאַסקודנעסטן אַנטיסעמיט אַדאַם קאָץ איז געווען אַ פּשוטע אויסראָטונג־דעקלאַראַציע. דער מלוכה־פּרעזידענט פון טראַגישן אָנדענק, הער מאָשציצקי, האָט שוין אין יאָר 1937 עפנטלעך געבענטשט דעם אַנטיסעמיטיזם. די באַציאונגען צווישן פוילן און היטלער־דייטשלאַנד זענען — ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען — געווען וואָס מער אינטים אַדאַנק דעם קורס פון דעם אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק. צווישן דעם געשיכטלעכן האַס מצד פוילן צו דייטשלאַנד און רוסלאַנד, האָט דער פּילסודסקי־פּולקאָווניק, יוזעף בעק, געוויילט פריינטשאַפט מיט היטלער־דייטשלאַנד. דער האַס צו רוסלאַנד איז אין דעם דאָזיקן לאַגער געווען אַ סך שטאַרקער ווי דער האַס צו דייטשלאַנד. דער גאָר רעכטער פליגל פון דעם פּוילישן פאָלק, וואָס איז געווען געפירט דורך דעם ענדעקישן לאַגער, האָט אין זיין פּאָליטישן פּראָגראַם געהאַט אַ סך אַ שטאַרקערן האַס קעגן דייטשלאַנד ווי קעגן רוסלאַנד. די רעגירונג פון סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי און מאַרשאַל רידז שמיגלי האָט פאַרגעסן אַן אַדאַם מיצקעוויטשעס וואָרע־נונג, אַז „די שלאַנג פון די קרייצריטער קאָן מען נישט צוימען".

די דאָזיקע חניפה־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג צו היטלער־דייטשלאַנד איז נאַטירלעך פאַרלייכטערט געוואָרן דורך צוויי עלעמענטן: ראשית כל דורך דעם פאַקט, וואָס די פּוילישע רעגירונג איז אין יאָר 1938 שוין געווען האַלב טאָטאַליטאַר אין דער פּראַקטיק און אין גאַנצן טאָטאַליטאַר אין אירע פּלענער אַזוי ווי די נאַציסטישע רעגירונג אין דייטשלאַנד און דער צווייטער עלעמענט, וועלכער האָט דערנעענטערטביידע רעגירונגען איז געווען דער האַס קעגן יידן. פּוילן האָט שווער באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער בלינדקייט אין די 17 טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער היטלעריסטישער פּרייבט האָט ממש צעשמעטערט פּוילן.

אָט דער צווייטער „גייסטיקער" בשותפותדיקער עלעמענט האָט גורם געווען, אַז דער פּאָליטישער עקסטערמינאַציע־סיסטעם קעגן יידן האָט געווילדעוועט אין פּוילן באמת מיט ווילדקייט. אין די פרייע באַרופן, אין די אוניווערסיטעטן, אַפילו אין די גימנאַזיעס, אין דעם שטייער־סיסטעם, אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין דעם צוגאַנג צו פּאָליטישער פרייהייט, אויף דעם געביט פון צוגרייטן שריט נאָך שריט נירענבערגער געזעצן — אין שטאָט, אין שטעטלעך און אין דאָרף און בפרט אויף די קרעסן, איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַקציע, כדי עוקר מן השורש צו זיין די יידישע פּאָזיציעס אין פּוילן. די דאָזיקע גייסטיקע קרובהשאַפט צווישן דעם דעמאָלטיקן פּוילן, אָדער גיכער צווישן איר רעגירונג, און היטלער דייטשלאַנד, האָט זיך בולט מאַניפעסטירט אין די באַזוכן מצד גערינג, געבעלס, פראַנק, אין פּוילן. עס איז פאַר מיר דעמאָלט געווען ווי פאַר הונדערטער טויזנטער פון אונדז, אומפאַרשטענדלעך, ווי עס האָבן געקאַנט צושטאַנד קומען די דאָזיקע באַזוכן אין פּוילן. איך האָב מיר געפילט נישט נאָר דערדריקט אַלס ייד, נאָר דערנידעריקט אַלס אַ פּוילישער בירגער. די אַטמאָספער איז פאַר אונדז געוואָרן פול מיט גיפט. אָט אין דער אַטמאָספער איז עס באמת נישט קיין וווּנדער, וואָס די גרויסע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אין יענער צייט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באָיקאָט־אַגיטאַציע בעת די וואַלן. עס האָבן צו דעם באָיקאָט־לאַגער געהערט די גרויסע מערהייט פון דעם ציוניסטישן לאַגער אין קאָנגרעס־פּוילן, דער „בונד" אין גאַנץ פּוילן, און אַ מינדערהייט פון ציוניסטן אין גאַליציע, די גרופּע „עת לבנות", וואָס איז געווען

אַנגעפירט פון לעאָן לעוויטע, האָט אין דעם שווערן קאַמף צווישן די צוויי וועגן זיך דעקלאַרירט קעגן דעם באָיקאָט. די סיבות דערפון האָב איך שוין אָנגעגעבן. אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי די אגודה, האָבן זיך דערקלערט קעגן אַנשליסן זיך אין באָיקאָט.

ביידע זייטן פון דעם יידישן פראָנט האָבן געהאַט אַן אידעאָלאָגישן צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם: „יאָ באָיקאָט" אָדער „נישט באָיקאָט". ביידע זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי דינען אַמבעסטן דעם יידישן כלל. דער באָיקאָט־לאַגער צווישן אונדז איז געווען איבערצייגט, אַז דורך דעם באָי־קאָט קאָן ער צוגרייטן אַ פונדאַמענטאַלע ענדערונג אין דער פּוילישער פּאָליטיק, בעת דער אַנטי־באָיקאָט לאַגער האָט נישט געגלויבט אין אַזאַ ענדערונג און ער האָט געוואָלט ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך אין דער קעגנוואַרט. ער האָט געגלויבט, אַז מען מוז טאָן אַלצדינג, כדי צו ראַטע־ווען די סיטואַציע אָדער כאָטש צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון יחידים און יידישע פאַמיליעס. דער קאַמף פאַר אַ גערעכטן פּרינציפּ אויף אַ ווייַ־טערער טעמע האָט זיך נישט געלאָזט ברענגען אין האַרמאָניע מיט דעם אוממיטלבאַרן קאַמף פאַר ברויט. דאָס איז געווען דער הויפּט־פּראָבלעם.

ווער איז געווען גערעכט? קיינער! ניין חדשים שפּעטער איז געקו־מען היטלער און האָט דעם גאַנצן קאַמף אין אונדזער אייגענעם לאַגער פאַרוואַנדלט אין אַש. אָבער במשך די ניין חדשים האָבן די פינף דעפּו־טאַטן און איין סענאַטאָר פון דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן לאַגער (איך רעכן נישט אַריין אַ יידישן סענאַטאָר פון דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער) געפירט אַ העראָישן קאַמף צו פאַרלייכטערן דאָס יידישע „לעבן". די דאָ־זיקע זעקס מיטגלידער פון דעם לעצטן פּוילישן פּאַרלאַמענט האָבן זיך ממש מקריב געווען אויף דעם מזבח פון אַן אומגעהייער שווערער מיסיע, וועלכע מיר, די דעפּוטאַטן פונעם לעצטן סיים, האָבן אויף זיך גענומען מיט דעם גרעסטן ווידערווילן, ווייל מיר האָבן גוט געפילט, אַז די מער־הייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קאָנגרעס־פּוילן איז קעגן אונ־דזער אָנטיילנעמען אין די וואַלן. ווי עס געשיקט זיך, וואַרפט מען אין אַ פּרינציפּיעלן קאַמף אַריין גאַל און אומגערעכטע אָנקלאַגעס. פּאָליטיק איז נישט קיין שפּאַציר. האָט דער באָיקאָט־לאַגער געשטעמפּלט דעם אַנטי־

באַיקאַט־לאַגער אַלס העלפער פון רעאַקציע און גאָט ווייס, וואָס פאַרא אַנדערע פערזענלעכע באַליידיקונגען עס זענען געפאַלן.

און איצט עטלעכע ווערטער לשם געשיכטע וועגן דער אייגנטלעכער טעמע, וועגן מערב־גאַליציע און שלעזיע. וואָס איז דאָ געשען? וואָס פאַר אַ שטעלונג האָט אָנגענומען אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד? ווידער אַ וואַקלדיקע, ווייל אַ קלענערע אָרגאַניזאַציע מוז דאָך תמיד זוכן אַ פאַר־בינדעטן אין איר קאַמף און זי גייט אָפט אין דער ריכטונג, וווּ זי קאָן דעם פאַרבינדעטן געפינען און נישט ווו זי וואָלט אים גערן געפונען. דאָס זעלביקע מערב־גאַליציע און שלעזיע און בפרט זיין צענטער — קראָקע, וואָס האָט דורך אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד באַשלאָסן אין יאָר 1935 בכלל נישט צו גיין צו די וואַלן — ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט — האָט דווקא אין יאָר 1938 אָנגענומען אַ גאָר אַנטקעגנגעזעצטן באַשלוס. דער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן דאָס מאָל יאָ צו גיין צו די וואַלן. אין דעם סכסוך צווישן קאַמף פאַר אַ גערעכטן פּרינציפּ און קאַמף פאַר דעם גאַקעטן לעבן פון דער אוממיטלבאַרער שעה האָט אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד געוויילט — דעם צווייטן וועג.

אין קאָנגרעס־פוילן איז דער אמתדיקער פירער פון דער ציוניסטישער עפנטלעכער מיינונג במשך פון לאַנגע יאָרן, יצחק גרינבוים, שוין זינט יאָרן געווען אין ארץ ישראל: ער האָט איינגעזען, אַז זיין ראַדיקאַלע קאַמף־ליניע פירט אויך נישט מער צו קיין פּאָזיטיוון רעזולטאַט און ער האָט געצויגן די מסקנות פון זיין ציוניסטישן אני מאמין און האָט דעם גלות מיט זיין שווערן קאַמף פאַרביטן מיט ארץ ישראל, און דאָרט איז ער אין יאָר 1948 געוואָרן דער ערשטער גליקלעכער אינערן־מיניסטער פון דער פּראָוויזאָרישער יידישער רעגירונג און האָט געהאַט די גרויסע סאַטיס־פאַקציע דורכצופירן די ערשטע וואַלן, צו דער ערשטער כנסת, ריין און אין דער פולסטער דיסציפּלין, אָן אַ מינדערהייטן־בלאָק.

אין מערב־גאַליציע איז שוין מער נישט געווען דר. יהושע טאָן. ער איז געשטאָרבן נאָך אַ קאַמפּרייכן לעבן נאָך אין יאָר 1936. אין מזרח־גאַליציע איז שוין לאַנג — ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט — נישט געווען דער קאָלירפולסטער און אינטערעסאַנטסטער פירער פון יענעם

שטח, דר. לעאָן רייך, וועלכער איז אין עלטער פון 50 יאָר געשטאָרבן, סוף 1929.

מיט דעם מאָמענט, ווען אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער יידי־שער נאַציאָנאַל־ראַט אין מערב־גאַליציע און שלעזיע, וואָס איז אָרגאַני־זירט געוואָרן דורך אונדז און צו וועלכן עס האָבן געהערט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין זיין געוואַלטיקער מערהייט, די מזרחי, די אגודה און מאַנכע וירטשאַפטלעכע יידישע פאַריינען, האָבן באַשלאָסן צו גיין צו די וואַלן, איז נאַטירלעך אויפגעקומען די פראַגע — וואָס זאָל מען טאָן, כדי גובר צו זיין מיט אייגענע כוחות די שוועריקייט פון דערגרייכן דעם מינימום פון 25 פּראָצענט שטימען אין דער וואַל־קאָלעגיע פאַר דעם יידישן קאַנדידאַט. דער יידישער קאַנדידאַט צום סיים, וואָס איז אַרויסגע־שטעלט געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַל־ראַט, איז געווען דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות. פּאָליאַקן זענען נאַטירלעך געווען די געוואַלטיקע מערהייט אין דער וואַל־קאָלעגיע. די דאָזיקע מערהייט האָט נאַטירלעך געהערט צו דעם רעגירונגס־לאַגער. איך האָב בולט דערקלערט, אַז איך וועל די קאַנדידאַטור אָננעמען נאָר פון יידישע הענט. די וואַל־אָרדינאַציע איז געווען זייער נישט סימפּאַטיש, אָבער דער ביטערער צושטאַנד האָט סוף־כל־סוף פאַר אונדז געקאָנט ווערן ווייניקער ביטער, ווען דער יידישער קאַנדידאַט וועט כאָטש געוויילט ווערן אין דער וואַל־קאָלעגיע נאָר פון יידישע שטימען, אָן דער הילף פון דעם פּוילישן טייל, וואָס איז ברוב באַשטאַנען — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — פון מיטגלידער פון דער אַנטיסעמיטישער רעגירונגס־פּאַרטיי. אָבער אויף 79 מיטגלידער פון דער וואַל־קאָלעגיע זענען געווען נאָר 10 יידן, אַלזאָ אַ סך ווייניקער ווי 25 פּראָצענט. האָט אָבער די וואַל־אָרדינאַציע געהאַט אַ פאַרשריפט, וואָס האָט אַביסל געמילדערט דעם האַלב־טאָטאַליטאַרן כאַראַקטער פון די פאַר־שריפטן, וואָס זענען געווען נוגע דער באַשטימונג פון אַ קאַנדידאַט. אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע מילדערונג? די וואַל־אָרדינאַציע האָט געהאַט אַ פּאַראַגראַף, וועלכער האָט באַשטימט אַז פינף הונדערט וויילער קאָנען מיט זייער אַ נאָטאַריעל באַשטעטיקטער אונטערשריפט דעלע־גירן צו דער וואַל־קאָלעגיע אַ מיטגליד.

במשך פון צוויי טעג פון חול המועד סוכות האָט די עקזעקוטיווע פון

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אָרגאַניזירט אַן אַקציע, אין וועלכער איבער זיבן טויזנט יידישע וויילער האָבן אויסגעוויילט 13 יידישע מיטגלידער צום וואַל־קאָלעגיום. לאַנגע רייען פון יידן זענען געשטאַנען שעהנלאַנג פאַר די לאָקאַלן פון די נאָטאַרן! און אַזוי אַרום איז די צאָל פון די מיטגלידער פון דעם וואַל־קאָלעגיום פון 79 געוואַקסן אויף 92 און די צאָל פון יידן אין דעם וואַל־קאָלעגיום פון 10 אויף 23 און דאָס איז געווען אַקוראַט 25 פּראָצענט. האָט זיך דאַן נאָך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז אַלע 23 יידן זאָלן קומען צו דעם וואַל־אַקט און אַז אַלע 23 זאָלן אָפּגעבן די שטימע פאַר דעם יידישן קאַנדידאַט. אַזוי טיף איז געווען די פאַרצווייפ־לונג אין דער יידישער גאַס, אַזוי הייס איז געווען די האָפענונג, אַז מען וועט פון דער טריבונע פון דעם טאָטאַליטאַרן פאַרלאַמענט קאָנען כאָטש דערהויבן די שטים צו דער גאַנצער וועלט און צו די רעשטלעך פון דעם געוויסן פון דעם פּוילישן פאָלק, — דאָס דאָזיקע געוויסן איז ביי דער געוואַלטיקער מערהייט פונעם פּוילישן פאָלק געווען שוין טיף פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם — אַזוי אומעטיק, אָבער אויך אַנטשלאָסן איז געווען דער ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע צו ראַטעווען וואָס מען קאָן, אַז אַלע 23 יידן זענען געקומען צו דעם וואַל־אַקט אין דעם וואַל־קאָלעגיום און אַלע 23 — מאַנכע פון זיי נישט קיין ציוניסטן — האָבן אָפּגעגעבן זייער שטים פאַר דעם ציוניסטישן קאַנדידאַט, דעם קאַנדידאַט פון דעם פאַראייניקטן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. ביז צו דער לעצטער מינוט איז נאָך געווען די סכנה, אַז די קריסטן וועלן וויילן צוויי אָדער דריי צוגאָב־מיטגלידער צו דעם קאָלעגיום אויף דעם זעלביקן וועג פון 500 נאָטאַריאַלע אונטערשריפטן און בזה האופן וועלן פּלוצלינג די 23 נישט מער זיין גענוג פאַר 25 פּראָצענט. אָבער דאָס איז נישט געשען און דער קאַנדידאַט, דער ציוניסט, איז געוויילט געוואָרן מיט נאָר יידישע שטי־מען אין קראָקע צו זיין דער קאַנדידאַט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

און דאַן זענען געקומען די וואַלן. און וואָס איז געשען? די וואַלן האָבן ווידער באַוויזן, ווי שטאַרק עס איז געווען דער ווילן פון די מאַסן ביי אונדז אין קראָקע צו וויילן אַ יידישן דעפּוטאַט און צו געבן אים די לעגיטימאַציע כאָטש אויסצושרייען פון דער פאַרלאַמענטאַרישער טריבונע וועגן דער שרעקלעכער עוולה קעגן אונדזער פאָלק אין פּוילן.

אין דער צייט פון די ערשטע פיר פּאַרלאַמענטן איז די גאַנצע שטאָט קראָקע געווען איין וואַל־קרייז, און פּאַר דר. טאָן האָבן געקאָנט שטימען יידן פון דער גאַנצער שטאָט; אָבער ביי די וואַלן צום לעצטן סיים אין חודש נאָוועמבער 1938, איז קראָקע געווען איינגעטיילט אין צוויי וואַל־קרייזן. אַזוי ווי אַ קאַנדידאַט האָט געמעגט קאַנדידירן נאָר אין איין וואַל־קרייז, האָט נאַטירלעך אַ טייל פון יידן פונעם צווייטן וואַל־קרייז נישט געקאָנט שטימען פּאַר דעם יידישן קאַנדידאַט.

און אָט וואָס עס איז געשען. אין דעם איינעם וואַל־קרייז האָבן קרוב צו 20 טויזנט יידן געשטימט פּאַר דעם ציוניסטישן קאַנדידאַט. קראַנקע פון שפּיטעלער האָט מען געבראַכט צו דעם וואַל־לאָקאַל. מער ווי ווען עס איז פריער געפאַלן פּאַר דר. טאָן אין ג אַ נ ץ קראָקע. איך אונטער־שטרייך, אַזוי גרויס איז געווען די פּאַרצווייפלונג און די האָפענונג, אַז דער יידישער דעפּוטאַט וועט קאָנען כאָטש אַ ביסל העלפן. גלייכצייטיק איז דער דאָזיקער גרויסער אנטייל אין די וואַלן געווען אַ פולער דעמאָ־קראַטישער ענטפער אויף דעם פאָרוואורף, אַז די קאַנדידאַטור איז נישט באַזירט אויף דעם ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

פינף יידישע דעפּוטאַטן און צוויי יידישע סענאַטאָרן זענען אַריין אין דעם דאָזיקן לעצטן פּוילישן פּאַרלאַמענט, וועלכער איז געווען אַ מאַרטי־רער־פּאַרלאַמענט פּאַר די יידישע דעפּוטאַטן. טאָ זאָלן כאָטש דערמאָנט ווערן די נעמען: יעקב טראַקענהיים און לייב מינצבערג, פון דער אגודה אין קאָנגרעס־פּוילן. ביידע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך היטלערס באַנדעס. אַדוואָקאַט סאַלאָמאָן זיידענמאַן, דער פּאַרטרעטער פון „עת לבנות" אין קאָנגרעס־פּוילן, די דאָזיקע גרופּע איז געשטאַנען אין דער אָפּאָזיציע אין צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע. אַדוואָקאַט זיידענמאַן איז געווען אַן איבערגעגעבענער, רואיקער אַלגעמיינער ציוניסט. ער איז גע־שטאָרבן אין מדינת ישראל. צוויי אַלגעמיינע ציוניסטן פון גאַליציע, איי־נער פון לעמבערג, דר. עמיל זאָמערשטיין, און דער צווייטער פון קראָקע, דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות. דר. עמיל זאָמערשטיין איז געווען פּאָרזיצער פון דעם קליינעם יידישן „קאָלאָ" אין דעם פינפטן און זעקסטן סיים. ער איז נישט געווען קיין דעפּוטאַט אין דעם ערשטן און אין דעם דריטן סיים. אָבער אין די אַנדערע פיר סיימען האָט ער געהערט צו די

אַמערסטן פּראָדוקטיווע דעפּוטאַטן, בפּרט אויף דעם געביט פון געזעצ־געבונג און אין פאַרשיידענע סעקטאָרן פון דער אינערלעכער פּאָליטיק. דעם 14טן סעפּטעמבער 1939 האָב איך אויף מיין וואַנדערוועג פון דער לעצטער זיצונג פונעם סיים אין וואַרשע באַזוכט דר. זאַמערשטיין אין לעמבערג. דר. זאַמערשטיין האָט נישט געקאָנט קומען צו דער לעצטער זיצונג פונעם סיים. ער איז געבליבן מיט זיין פאַמיליע אין לעמבערג, בעת איך האָב נישט מער געקאָנט דערגרייכן מיין פאַמיליע אין קראָקע און בין געצוווּנגען געווען צו וואַנדערן קיין רומעניע. דר. זאַמערשטיין איז דאַן פון די רוסן פאַראורטיילט געוואָרן פאַר זיין טעטיקייט אין דעם פּוילישן סיים צו לאַנגיאָריקער תפיסה. איך האָב נישט געוווּסט, ווו ער געפינט זיך. אין דעם יאָר 1941, זייענדיק אַ מיטגליד פון דעם פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט, זייענדיק שוין צוזאַמען מיט מיין פרוי אין לאָנדאָן, האָב איך אונטערגענומען פאַרשיידענע שריט, כדי אויסצוגעפינען צי דר. זאַמערשטיין לעבט און ווו ער געפינט זיך. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין רוסלאַנד. איך האָב מיך געווענדט צו פּרעזידענט חיים ווייצמאַן ז״ל ער זאָל ביים אַמבאַסאַדאָר מייסקי אין לאָנדאָן פּועלן, אונ־טערצונעמען די געהעריקע שריט, אויסצוגעפינען דעם אָרט פון דר. זאַ־מערשטיינס אויפהאַלט. ווי נאָר עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן דיפּלאָ־מאַטישע באַציאונגען צווישן דער פּוילישער לאָנדאָנער רעגירונג און מאָסקווע, האָב איך מיך געווענדט אין אַ לאַנגן בריוו צום פּוילישן אַמ־באַסאַדאָר, פּראָפ. סטאַניסלאַוו קאָט, ער זאָל טאָן וואָס ער קאָן אין דעם ענין פון דר. עמיל זאַמערשטיין, מיין קאָלעגע פון דעם יידישן קאָלאָ אין דעם לעצטן פּוילישן סיים. אין דעם זעלביקן מעמאָראַנדום האָב איך גע־בעטן פּראָפּ. קאָט אויסצוגעפינען פּרטים וועגן דעם גורל פון אַנדערע פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דעם פּויליש־יידישן פּאָליטישן לעבן, צווישן זיי אויך פון רב דר. אַהרן לעווין ז״ל. איך האָב נישט געוווּסט אַז ער איז שוין פריער געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער־טויט.

פּאַרטייען זענען פאַרשוווּנדן אין תהום פון אונדזער אומגליק. פּראָפּ. קאָט האָט איבערגעשיקט צו מאָלאָטאָוו אַן „עד מעמואר״ בפּרט וועגן דר. עמיל זאַמערשטיין. דאַן האָב איך אונטערגענומען שריט דורך דעם פּוי־לישן גענעראַל־שטאַב און זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם וואַטיקאַן, כדי

אויסצוגעפינען, אז דאָס איז געווען דער אָרט סיזראַני אין רוסלאַנד. ווען רוסלאַנד האָט איבערגעריסן די באַציאונגען מיט דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג, האָב איך מיך געווענדט צו דער אויסטראַלישער רעגירונג, וועלכע האָט געהאַט דעם שוץ איבער פּוילישע בירגער אין רוסלאַנד, זי זאָל געבן יעדע הילף וואָס איז נאָר מעגלעך פאַר דר. עמיל זאָמערשטיין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ וואָגיקע פּערזענלעכקייט אין דער לובלינער און וואַרשעווער רעגירונג.

און נאָך איין מיטגליד איז געווען אין דעם לעצטן קליינעם יידישן קאָלאָ, דער סענאַטאָר, דער מזרחיסט הרב יצחק רובינשטיין. איך האָב מיט אים געוווינט טיר ביי טיר אין דעם סיים־האָטעל אין וואַרשע בעת דער קורצער קאַדענץ פון דעם לעצטן פּוילישן פּאַרלאַמענט. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

איך וויל דאָ דערמאָנען נאָך איין יידישן סענאַטאָר פונעם זעקסטן פּאַרלאַמענט. אָבער ער האָט נישט געהערט צום יידישן קאָלאָ. ער איז געווען אַ לעגיאָניסט. ער איז געווען אַ נאָמינירטער סענאַטאָר. גאָר אַ סימפּאַטישער מענטש. זיין נאָמען איז געווען: פּראָפעסאָר זדזשיסלאַוו זשמיגרידער־קאָנאָפּקאַ.

עס האָט זיך אָנגעהייבן דער קורצער, אָבער פאַרצווייפלטער קאַמף פון די זעקס יידישע מיטגלידער פון דעם לעצטן פּוילישן פּאַרלאַמענט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. זאָל עס דאָ נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז זיי אַלע זענען געווען קאַנדידאַטן אויפן סמך פון די באַשלוסן פון זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען און נישט אַלס קאַנדידאַטן לויט זייער אייגענעם ווילן.

## דער דערנער־וועג פון די לעצטע יידישע דעפּוטאַטן

עס האָט זיך אָנגעהייבן דער קאַפּיטל זבאָנשין. שוין דעם 28טן אָקטאָבער 1938, איידער דער לעצטער פּוילישער פּאַרלאַמענט איז זיך צונויפגעקומען, האָבן די דייטשן צוזאַמענגעטריבן 12 טויזנט פּוילישע יידן פון דייטשלאַנד צו דעם גרענעץ־שטעטל זבאָנשין, צווישן פּוילן און דייטשלאַנד. עס איז געווען ווי מיט די יידן פון מצרים. הינטער זיי מצרים און

פאַר זיי דער רויטער ים. אָבער עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דעם ים שפּאַלטן. אונדזער יידישע קאַלאָ, אַלע זיינע מיטגלידער, זענען געווען פאַרנומען אין גאַנצן מיט דער טעטיקייט צו פאַרלייכטערן דעם אומגליק פון אונדזערע ברידער אין זבאָנשין. און אונדזערע באַמיאונגען זענען נישט געבליבן אָן אַ געווינסן רעזולטאַט. אָבער גאָט אַליין ווייס, וואָס פאַראַ מסירת נפש און וואָס פאַראַ פּאָליטישע דערנידערונגען מיר, די לעצטע יידישע דעפּוטאַטן, האָבן אויף זיך גענומען, כדי צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן פון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער.

אויף דעםווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביט האָט געווילדעוועט אַן אכזריותדיקע כוואַליע פון עקסטערמינאַציע. אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געביט איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף קעגן דער יידישער אָרעמקייט אויף די קרעסן מיט דער הילף פון אַן אינערלעכער קאָלאָני־זאַציע פון סוחרים פון פּויזן, וועלכע האָבן איבערגענומען יידישע צע־שטערטע פּאָזיציעס. אַ סטראַגאַן אין יידישע הענט איז געווען אַ פאַר־שימלטע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע, אָבער אין דער האַנט פון אַ פּאָזנאַ־ניאַק איז ער געוואָרן אַ פּאַטריאָטישע פּאָזיציע. די געטאָ־בענק אויף די הויכשולן האָבן אַריינגעפירט די יידישע יוגנט אין אַ מצב רוח פון פאַר־צווייפלונג. דער אָ.נ.ר., די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט מיט זשילעט־מעסערלעך אונטערשטיצט זייער אידעאָלאָגיע, וואָס זיי אַליין האָבן אָנ־געררופן מיט דעם נאָמען „קריסטלעך“ אויף די הויכשולן, בפרט אויף דעם פּאָליטעכניקום אין לעמבערג און אויף דעם אוניווערסיטעט אין ווילנע, האָט געווילדעוועט אַן אומבאַשרייבלעכער באַרבאַריזם. אין ווילנע איז אַ יידישער פּראָפעסאָר פון מעדיצינישן פאַקולטעט, פּראָפעסאָר ראַזע, צוזאַ־מענגעפאַלן אויף טויט בעת זיין פאָרטראַג אויף דעם סטעפאַן באַטאָרי אוניווערסיטעט אין ווילנע, ווען ער האָט געזען, אַז פּוילישע סטודענטן שלעפּן מיט געוואַלט זיין טאָכטער, אויך אַ סטודענטקע, זי זאָל זיצן אויף דער לינקער זייט פונעם זאַל. אָבער זאָל עס דאָ דערמאָנט זיין, אַז עס זענען געווען אויך נישט ווייניק פּוילישע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם דאָזיקן באַרבאַרישן רעזשים פון היטלעריסטישער אַנטיסעמיטישער רציחה, וואָס איז געווען איבערגענומען פון פּוילישע פאַ־שיסטן, — געהאַלטן זייערע פאָרטראַגן שטייענדיק די גאַנצע צייט. דער

אַרישער פּאַראַגראַף האָט געווילדעוועט אין די אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס פון די פרייע באַרופן. אַפילו אין די מיטלשולן האָט זיך אַריינגעריסן דער עקסטערמינאַציע־פּראָצעס.

די רעשטלעך פון סובווענציעס פאַר יידישע שולן זענען אין גאַנצן ליקווידירט געוואָרן. אויף דעם פּאָליטישן געביט האָט די רעגירונגס־פּאַר־טיי אָפן פּראָקלאַמירט, אַז יידן זענען צייטווייליקע בירגער, אָדער בכלל גישט קיין בירגער. די ווילדסטע אינטערפּרעטאַציע פון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע איז געוואָרן איבערגענומען פון פירנדיקע יוריסטן קעגן יידן. דער פּאַראַגראַף פונעם פּוילישן שטראָף־געזעץ וועגן שוץ פון דער פּוילישער נאַציע האָט געפירט צו שרעקלעכע ליגנערישע דענונציאַציעס וועגן מכלומרשטע באַליידיקונגען פון דער פּוילישער נאַציע דורך יידן. אָבער איך האָב אַליין אַלס אַן אַדוואָקאַט געהאַט אַ דערפאַרונג, אַז אין דעם אַפּעלאַציע־געריכט פון קראָקע האָט אַ ריכטער — זיין נאָמען איז געווען לאַבאַ — געהאַט דעם מוט נישט צו גלויבן אַ פּאָליציאַנט, וועל־כער האָט „געהערט" אַ באַליידיקונג. עס איז געווען אַ שרעקלעכע נעץ פון עקסטערמינאַציע אויף אַלע געביטן.

פון דער טריבונע פונעם פּוילישן פּאַרלאַמענט האָבן מיר, דאָס קליי־נע הייפל יידישע דעפּוטאַטן, געמוזט פירן אַ קאַמף קעגן אַ קאָכעדיקן האַס. דר. זאָמערשטיינס אויפגאַבע איז געווען גאָר אַ שווערע. איך דער־מאָן מיך אין איינער פון מיינע רעדעס פון דער טריבונע פונעם לעצטן סיים, בעת דער בודזשעט־דעבאַטע, ווען איך האָב געמאָנט גערעכטיקייט פאַר פּוילישע יידן, האָבן זיך פּוילישע פאַשיסטן, מיטגלידער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, מיט די פויסטן געוואָרפן אויף מיר. מיין פרוי איז געזעסן אַ בלאָסע און דערשראָקענע אויף דער גאַלעריע. איך דערמאָן מיך אין אַן אַנדער סצענע, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש. אויף דעם סיים־האָטעל האָט געהאַנגען אַ גרויסער פּלאַקאַט, וועלכער האָט געוויזן די באַ־רימטע מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס און אויף איר האָט אַ גאַסן־קערער צונויפ־געקערט שמוץ און דער שמוץ איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס מענטשן מיט יידישע פּנימער... איך האָב גענומען דאָס וואָרט אין דעם סיים. אויף דער רעגירונגס־באַנק זענען געזעסן כמעט אַלע מיניסטאָרן מיט דער לע־כערלעכער פיגור פון דעם פּוילישן פּרעמיער סלאַוואָי סקלאַדקאָווסקי

בראש. מיט כעס און ביטערקייט האָב איך מיך געווענדט צו דעם אַנווענז־דיקן מיניסטער פאַר „יוסטיץ״, הערן גראַבאָווסקי, מיט אַן אָנקלאַגע, וואָס ער שווייגט, ווען יידן ווערן געגליכן צו שמוץ. אַ ציינישער געלעכטער אויף זיין פנים איז געווען דער ענטפער! הער גראַבאָווסקי איז היינט, ווי איך הער, אַ הויכער יוסטיץ־באַאַמטער אין עטיאָפּיע, אין אַדיס אַבעבאַ, און הער סלאַוואָי סקלאַדקאָווסקי לעבט היינט אין לאָנדאָן, נאָך דעם ווי ער האָט געגאָסן די וואַרעמע גאַסטפריינטלעכקייט פון יידן אין ארץ ישראל במשך פון עטלעכע יאָר...

איך וואָלט געקאָנט אָן אַ שיעור אויפציילן די ליידן פון אונדזער פאָלק אין דער דאָזיקער לעצטער תקופה.

די פּאָליטיק פון חניפה פון דער פּוילישער רעגירונג צו היטלער־דייטשלאַנד, האָט נישט געהאָלפן! די קאַטאַסטראָפע האָט זיך דערנענ־טערט. איך דערמאָן מיך אין דער רעדע פון דעם אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק אין חודש יוני 1939 אין פּוילישן סיים. זי איז געווען דער לעצטער אויסגעשריי פון אַ מיניסטער, וועלכער האָט געטראָגן אַ גרויסן טייל פון דער שולד פאַר דער פּוילישער מפּלה און פאַר דער שרעקלעכער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם. אַ הויכער, עלעגאַנטער דזשענטלמען מיט דיפּלאָמאַ־טישע מאַניערן און טראָצדעם איינער פון די ערגסטע און מיאוסטע פּאָ־ליטישע דערשיינונגען אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון דער לעצטער תקופה.

איך וועל נישט פאַרגעסן אין די דעלעגאַציעס פון אונדז, יידישע דע־פּוטאַטן פונעם לעצטן סיים צו דעם פּרעמיער־מיניסטער סלאַוואָי סקלאַד־קאָווסקי. מיר זענען נישט איינמאָל ביי אים געווען. מיר האָבן נישט איין מאָל פאָרגעלייגט דעם הער גענעראַל און פּרעמיער־מיניסטער די ליסטעס פון ליידן און עוולות פון די יידן אין פּוילן. ער האָט זיך געוויצלט, דער הער מיניסטער, און אין אונדז האָט דאָס האַרץ געפּלאַצט. עס איז געווען אַ שרעקלעכער קרבן צו גיין צו דעם „אָושעם״־מיניסטער, אָבער מיר האָבן עס געמוזט טאָן, ווייל מיר האָבן דאָך געהאָפט, אַז מיר וועלן כאָטש אַ ביסל פאַרלייכטערן די לעבנס־באַדינגונגען פון יידישע פאַמיליעס.

עס איז געווען אַ דערנער־וועג, דער וועג פון אונדז, יידישע דעפּו־טאַטן, אין לעצטן סיים. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ציינישע



באַראַטונג וועגן שחיטה־געזעץ, וואַרשע, 1938. עס זיצן (פון רעכטס): דאָזאָר יצחק שטיקגאָלד, הרב ר׳ מנחם זעמבא, וואַרשעווער ראש־הקהל אלי׳ מאַזור, דער סאכאטשעווער רבי, דער באבאווער רבי, הרב קאַנאַל, פאַביאַניצער רב, הרב אלטער, ד״ר לאַנגלעבן, נאָוואָגראָדקער רב, ד״ר ישראל מילייקאָווסקי און דער מזרחי־דאָזאָר י. שטשעראַנסקי. עס שטייען: הרב רובין פון ניי־סאנטש, הרב האַלבערשטאַם, מ. סטעמפעל, שטיין, ר. ניימאַן, אברהם מאנדעלבוים, ש. ביטערספעלד, א. א.

ענטפערס פון דעם מיניסטער פאַר קולטור, פּראָפעסאָר שוויענטאָסלאַווס־סקי, בעת מיר האָבן פון אים געפאָדערט, ער זאָל מבטל מאַכן דעם אַרישן פּאַראַגראַף קעגן יידישע סטודענטן. דער הער „קולטור״־מיניסטער האָט דערקלערט, אַז דער פּאַראַגראַף איז נייטיק, כדי... איינצוהאַלטן אָרדענונג אויף די אוניווערסיטעטן!

מיר, דאָס הייפל פון די לעצטע יידישע מאָהיקאַנער אין דעם פּויליש סיים, זענען זיך סוף חודש יוני 1939, נאָך דער לעצטער זיצונג פונעם סיים, אויף וועלכער דער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק האָט געהאַלטן זיין באַרימטע פּאַרשפּעטיקטע אַנטי־דייטשע רעדע, פונאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיך אַהיים.

אויף איין מאָמענט האָט נאָך אויפגעפלאַקערט אַ פּוילישער חניפה־שמייכל צו אונדז יידן. דער פּוילישער גענעראַל־שטאַב האָט נישט געגלויבט אין אַ קריג מיט דייטשלאַנד. זעלטן אַמאָל האָט אַ רעגירונג און אַ גענעראַל־שטאַב זיך געלאָזט אַזוי אָפּנאַרן פון אַ פּאָליטישן פיינד ווי דאָס איז געשען מיט דער פּוילישער רעגירונג אין באַציאונג צו היטלער־דייטשלאַנד (אַ צווייטערביישפּיל איז געווען פּרעמיער־מיניסטער טשעמבערליין). און ווען די סכנה פון אַ קריג איז שוין געוואָרן בולט, נאָך דעם ענין גדאַנסק, האָט די רעגירונג פּראָקלאַמירט אַ פרייוויליקע הלוואה צו פאַרגרעסערן דעם פּוילישן לופט־פלאָט. די רעגירונג האָט אַפּעלירט צום פּאַטריאָטיזם פון די יידן בפרט! יאָ, צו דעם פּאַטריאָטיזם פון יידן! מיר זענען פּלוצלינג געוואָרן אָנערקענטע פּאַטריאָטן. מיר האָבן ווידער געגלויבט אין דעם שמייכל און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו ליציטירן אין אונדזער פּאַטריאָטיזם. יידן האָבן געגעבן אַ סך מער ווי זיי האָבן געקאָנט געבן. דער יידישער נאַיווער אָפּטימיזם, וואָס איז באמת אייביק ביי אונדז, ווייל קיינמאָל ווערט ער נישט שוואַכער דורך דערפאַרונגען, אָט דער אָפּטימיזם האָט ווידער אויפגעלויכטן. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אין אַ מלחמה, אין אַן עת צרה, אין אַ געמיינזאַמער סכנה, וועט זיך אַלצדינג ענדערן צום בעסערן און עס וועט קומען אַ בעסערע צייט פאַר די יידן אין פּוילן.

---

וואָס עס איז געשען שפּעטער, ווייס יעדער פון אונדז. די באַשריי־

בונג פון דער ווייטערדיקער געשיכטע געהערט נישט מער צו מיין היינ־טיקער טעמע.

עס איז מיר אויסגעקומען, אָנהייבנדיק פון 1940, צוערשט אין פראַנקרייך און נאָך דעם חודש יוני 1940 אין ענגלאַנד, בסך־הכל במשך פון קנאַפּע זעקס יאָר ממשיך צו זיין דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר דעם פּויליש יידנטום, אַלס מיטגליד פון דעם פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט, וואָס איז געווען אַ באַראַטונג־פּאַרלאַמענט פאַר דער רעגירונג פון גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי און שפּעטער פון סטאַניסלאַוו מיקאָלייטשיק.

אויך אין דער דאָזיקער תקופה, אין אירע ערשטע יאָרן, האָב איך געהאַט אין מיר אונדזער אַלטע יידישע האָפענונג. דרויסן, אויף דעם קריגס־פעלד פון אייראָפּע, זענען יידן געפאַלן נישט נאָר אויף דעם מילי־טערישן קאַמף־פעלד, נאָר זיי זענען פאַרפייניקט געוואָרן אין אַן אָרגאַני־זירטער אויסראָטונג־קאַמפּאַניע פון היטלער און זיינע העלפער. עס איז געווען איינע פון די דערפרייענדע מיינע פון יענער צייט אויף דעם געביט פון פויליש־יידישע באַציאונגען, וואָס איך האָב געזען אַזוי אָפט די שמחה פון אַזוי פיל פּאָליאַקן איבער אונדזער אונטערגאַנג.

עס איז ווידער געווען אַ שרעקלעכער וועג — צו פירן דעם קאַמף מיט האָפענונג אויף בעסערע צייטן, ווען עס איז טאָג־אויס, טאָג־איין, אויסגעראָט געוואָרן די סובסטאַנץ פון אונדזער פאָלק.

אין מיינע „זכרונות״ פון דעם דאָזיקן פעריאָד פון 1939־1945 וועל איך דעם היסטאָריקער פון דער דאָזיקער תקופה איבערגעבן נישט ווייניק מאַטעריאַל, וואָס איז איינגעטונקען אין בלוט, טרערן, פּיין און — צע־טראָטענע האָפענונגען!

## די „אוגאָדאַ״ און דער „עוואַקואַציאָניזם״ — די קינדער פון אונדזער פאַרצווייפלונג

ביידע, די „אוגאָדאַ״ און דער „עוואַקואַציאָניזם״, זענען געווען רע־זולטאַטן פון אַ פאַרצווייפלונג־פּאָליטיק. די „אוגאָדאַ״ האָט די פאַר־צווייפלונג געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ האָפענונג פאַר פאַרבעסערונג פון דעם יידישן גורל — אין פּוילן, און דער „עוואַקואַציאָניזם״ האָט

קאַפּיטולירט און האָט מיט דער העכסטער פאַרצווייפלונג געוואָלט ראַטעווען פּוילישע יידן — מ ח ו ץ  פ ו ן  פ ו י ל ן. ביידע זענען געווען עקס־פּערימענטן אָן אַ רעזולטאַט. די אוגאַדאַ, ווייל דער עוואַקואַציאַניזם איז שוין צו יענער צייט, דאָס הייסט, אין יאָר 1925, געווען די באַהאַלטענע, אמתדיקע טענדענץ פון דעם פּוילישן „רעזאָן ד׳עטאַט״ כלפּי יידן אין פּוילן. און דער עוואַקואַציאַניזם איז געבליבן אָן רעזולטאַט, ווייל עס איז נישט געווען קיין שום אָרט אויף גאָטס וועלט אין יענער צייט, ארץ־ישראל איינגעשלאָסן, פאַר אַ גרעסערער איינוואַנדערונג.

דער פאַקט, וואָס מיר רופן אים „אוגאַדאַ״ איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם פּרעמיער־מיניסטער וולאַדיסלאַוו גראַבסקי און דעם קולטור־מיניסטער סטאַניסלאַוו גראַבסקי פון איין זייט, און דר. יהושע טאָן, דר. לעאָן רייך און דר. הענריק ראָזמאַרין, פון דער אַנדערער זייט, דעם 4טן יולי 1925. וואָס איז געווען די סיבה פון דעם דאָזיקן אויסטערלישן פאַקט? אויסטערליש איז דאָך זיכער אַ פאַקט צווישן אַ רעגירונג און אַ טייל פון אירע בירגער. זשאַן זשאַק רוסאָ האָט בכלל באַטראַכט, אַז דאָס לעבן אין אַ מלוכה איז אויפגעבויט אויף אַן אָפּמאַך צווישן בירגער און אַ רעגי־רונג. אָבער די „אוגאַדאַ״ האָט נישט געהערט צו דעם מין פאַקט.

אין דער פּוילישער זייט איז די סיבה פאַר דעם דאָזיקן פאַקט געווען: ברעכן דעם איינפלוס פון יידן אין פּוילן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם עקספּערימענט פון אָרגאַניזירן דעם מינדערהייטן־בלאָק. דער מיטל דערצו איז געווען דער פּאַראַגראַף פון יענער „אוגאַדאַ״, אַז יידן פאַרפּליכטן זיך צו א ו נ ט ע ר ש ט י צ ן  י ע ד ע רעגירונג. דווקא דער היפּוך פון דעם ציל פון דעם מינדערהייטן־בלאָק, וואָס זיין ציל איז געווען  ק אַ מ ף  פאַר רעכט מיט יעדער פּוילישער רעגירונג, וואָס וועט די דאָזיקע רעכט נישט געבן די מינדערהייטן. דאָס מיטל, מיט וועלכן ביידע גראַבסקיס האָבן געפּרווט צו בלענדן אַ טייל פון די פּויליש־יידישע פירער, איז געווען דער צוזאָג פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג — וואָס איז סיי ווי סיי געווען גאַראַנטירט אין דער קאָנסטיטוציע פאַר אַלע בירגער — און אַ געוויסע קולטור־אויטאָנאָמיע. פּוילישע אַנטיסעמיטן — (די בייד־דע גראַבסקיס זענען עס געווען) זענען געווען נוטה צו געבן יידן אַ געוויסע מאָס פון קולטורעלע אויטאָנאָמיע, ווייל זייער צוגאַנג צום פּראָבלעם איז

געווען, אַז יידן זאָלן נישט „באַפלעקן" די פויליש־קריסטלעכע קולטור מיט זייער יידישער קולטור אויפן וועג פון אַסימילאַציע. זיי האָבן געוואָלט האָבן פון אונדז — געהאָרכזאַמקייט, אָבער נישט אַסימילאַציע.

פון דער יידישער זייט, איז די סיבה צו דער דאָזיקער „אוגאָדאַ" געווען פאָלגנדיקע: די האָפענונג צו פאַרבעסערן דעם קיום פון יידן אין פוילן; די האָפענונג צו בויען אַ בריק מיט דעם פאָלק פון דער מערהייט אין פוילן, מיט דעם היסטאָרישן — ווי פאָליאַקן האָבן עס געזאָגט — באַלעבאָס פונעם לאַנד. אַ וויכטיקע סיבה איז געווען דער פולשטענדיקער אומצוטרוי צו אַ שטיצע אין אונדזער קאַמף מצד אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. און אין דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטישער סיטואַציע האָבן די אויבנדערמאָנטע פירער פון דער יידישער פּאָליטיק געוויילט אַ וועג, וואָס איז אין זייערע אויגן געווען דער רעלאַטיוו בעסטער אין די געגעבענע, שוין זייער שווערע באַדינגונגען.

בלי ספק איז די „אוגאָדאַ" געווען נישט אין הסכם מיט דעם פּרינציפּ פון זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער פּאָליטיק. אויף דעם פּרינציפּ איז דאָך געווען געבויט אונדזער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק; בלי ספק איז די „אוגאָדאַ" געווען נישט אין גייסט מיט דעם עלעמענט פון כבוד, וואָס ליגט אין זעלבסטשטענדיקייט. דאָס אורטייל פון דער געשיכטע וועט — גלויב איך — נישט קאָנען אַנדערש אויספאַלן איבער דער דאָזיקער „אוגאָדאַ", הגם מיט מילדערונגס־אומשטענדן.

די „אוגאָדאַ" איז באַשטאַנען פון 42 פּאַראַגראַפן, וועלכע האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן פּראָבלעם פון קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער רעגירונג און יידן אין פוילן. אָבער די רעגירונג האָט נאָר פאַרעפנטלעכט 12 פון די דאָזיקע פּאַראַגראַפן, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן פון די אַנדערע קאָן איר שאַטן אין די אויגן פון דער פוילישער באַפעלקערונג. זי האָט פון די אַנדערע פּראָ־יידישע פּאַראַגראַפן נישט געוואָלט מאַכן קיין היסטאָרישע, דאָקומענטאַרישע, קיין עפנטלעכע פאַרפליכטונג.

דאָס אַליין איז שוין געווען אַ שלעכטער אָנזאָג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער „אוגאָדאַ".

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז די „אוגאָדאַ" איז געווען דאָס קינד

פון אַ מאַמע, וואָס האָט געהייסן פאַרצווייפלונג. פאַרצווייפלונג איז געוויינלעך אַ שלעכטער עצה־געבער. אָבער דער קיום פון פּוילישע יידן אין יאָר 1925, האָט שוין אַרויסגעוויזן סימנים, וועלכע זענען געווען זייער באַאומרואיקנד. דאָס אַמייסטן באַאומרואיקנדע איז געווען די קליינע האָפענונג, אַז יידן וועלן זיך קאָנען שטיצן אין זייער קאַמף פאַר רעכט אויף דער פּוילישער געזעלשאַפט. איך האָב שוין פריער אַנאַליזירט דעם דאָזיקן מצב־רוח.

וואָס איז געווען די שטעלונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו דעם דאָזיקן ענין? אַ פּאָזיטיווע, מיט קליינע אויסנאַמען. איינער פון די אַרכיטעקטן פון דער „אוגאָדאַ“, דר. יהושע טאָן, האָט געהאט די אונטערשטיצונג פון דער מערהייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין זיינע אונטערהאַנדלונגען. דער אמתדיקער הונדערט־פּראָצענטיקער „רעאַליסט“ אָן סענטימענטן אין די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, איז געווען דר. לעאָן רייך ז״ל און אויך דר. הענריק ראָזמאַרין ז״ל. דר. טאָן ז״ל האָט געהאט אַ ביסל אַן אַנדערן צוגאַנג צו דעם גאַנצן פּראָבלעם. ער איז געווען מער נוטה צו ראָמאַנטיזם אין דער פּאָליטיק. ער האָט געחלומט וועגן פּויליש־יידישער פאַרברידערונג. מאַנכע ציטאַטן, וואָס איך וועל שפּעטער ברענגען פון זיינע רעדעס, וועלן עס בולטער באַווייזן. איך דערמאָן מיך אין מיינע געשפּרעכן מיט דר. יהושע טאָן וועגן דעם דאָזיקן ענין. ער איז געווען כמעט אין אַן עלית־רוח. ער איז געווען גליקלעך וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערגרייכן די „אוגאָדאַ“. ער, דער קלוגער מאָן, האָט פאַרלוירן דעם זין פון רעאַליטעט אין דעם דאָזיקן ענין. ער איז געווען אַזוי אָנגעזאַפּט מיט ליבע צו אונדזער פאָלק, אַז די ליבע האָט אים בלינד געמאַכט צו דער דאָזיקער רעאַליטעט. די געשיכטע וועט אויך מוזן אין איר פּסק נעמען אין באַטראַכט די דאָזיקע זאָרג פאַר אונדזער פאָלק אַלס מאָטיוו פון האַנדלונג ביי אַלע דריי פּאָליטיקער.

בקיצור, די „אוגאָדאַ“ האָט געפּלאַצט אין אַ זייער קורצער צייט ווי אַ זייפן־בלאָז. די רעגירונג האָט נישט איינגעהאַלטן אירע צוזאָגן. עס איז געבליבן — אַ קאַצניאַמער. איך חזר איבער: אָבער דער מאָטיוו איז געווען ריין פון דער יידישער זייט. נאָר דאָס מיטל איז געווען פּאָליטיש שלעכט. אָבער יעדעס מיטל וואָלט געווען שלעכט, ווייל „עוואַקואַציאָ־

ניזם״ איז געווען אויפן דנאָ פון דער פוילישער פּאָליטיק לגבי יידן און די „אוגאַדאַ״, האָט נאָר געקאָנט שפּילן אַ ראָלע פון אַ צייטווייליקער טאַק־טישער בלענדעניש. די רעגירונג פון וולאַדיסלאַוו און סטאַניסלאַוו גראַב־סקי האָט אין דער אמתן געהאַנדלט קאַלט, ציניש און — ווי די שפּע־טערדיקע געשיכטע באַווייזט — געהאַנדלט אין פאַרויס מיט דער כוונה נישט צו האַלטן דעם אָפּמאַך.

די גרויסע מערהייט פון דער דריי־מיליאָן־שטאַרקער יידישער באַ־פעלקערונג אין פוילן און כמעט די גאַנצע יידישע פּרעסע, האָט די „אוגאַדאַ״ אָפּגעוואָרפן, ווייל זי האָט נישט געגלויבט אין דעם גוטן ווילן פון דער רעגירונג און דערפאַר אויך נישט אין דער צוועקמעסיקייט פון דעם דאָזיקן מיטל — פון פאַרצווייפלונג.

אַרום צען יאָר שפּעטער האָט זיך קריסטאַליזירט ביי דער פוילישער רעגירונג און אין אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט די אַנדערע אי־דייע, די אידייע פון „עוואַקואַציאָניזם״. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז זי האָט דעם שווערפּונקט פון אונדזער רעטונג געלייגט מחוץ פון פוילן. במשך פון די 10 ביז 12 יאָר פון דער צייט פון דער „אוגאַדאַ״, האָט זיך די סיטואַציע פון אונדז יידן אַזוי פאַרערגערט אין יעדער ריכטונג, אַז אַ לייזונג אינערהאַלב פון פוילן איז געוואָרן האָפענונגסלאָז דער „עוואַקואַ־ציאָניזם״ איז געווען אַ מין „אוגאַדאַ״ מיט דעם דגש מחוץ פון פוילן.

מאַנכע פאַקטן, וואָס האָבן געפירט צו דעם דאָזיקן עוואַקואַציאָניזם, האָב איך שוין דערמאָנט אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם יידישן פּאַרלאַמענ־טאַריזם. דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז די פוילישע רעגירונג האָט דורך איר אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק געפאָדערט, אַז יידישע באַנקירן פון פוילן זאָלן צושטעלן דאָס געלט, וואָס איז נייטיק פאַר אַ מאַסן־עמיגראַציע פאַר יידן פון פוילן. די רעגירונג האָט עס געפאָדערט אין גאַנץ קלאָרע דיבורים. די אַנטיסעמיטן אין פוילן האָבן אַרויסגערופן פּאָגראָמען, נישט ווייל די אַנטיסעמיטן אין פוילן האָבן באמת געוואָלט פּאָגראָמען, נאָר ווייל די פּאָגראָמען זענען געווען פאַר זיי אַ מיטל אוממעגלעך צו מאַכן דאָס לעבן פון יידן אין פוילן און בזה האופן אונדז צו צווינגען צו עמי־גראַציע. אָבער די דאָזיקע פּאָגראָמען האָבן געמאַכט אַ שווערן רושם אין דער דרויסנדיקער וועלט. זיי האָבן יעדנפאַלס נישט געהויבן דעם קרעדיט

פון פוילן אין דער וועלט. פוילן איז געווען אַ מלוכה, וואָס האָט 120 יאָר געלעבט אין אונטערדריקונג. האָט די וועלט נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דאָס אונטערדריקטע פאָלק אונטערדריקט איצט אַליין און פאַרפאָלגט אירע לאָיאַלע מינדערהייטן. די רעגירונג האָט דערפאַר געוואָלט אויסמיידן דעם דרוק פון די ראַדיקאַלע אָפּאָזיציאָנעלע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן סטימולירט די פּאָגראָמען און אַ ווירטשאַפטלעכן עקסטערמינאַציע־קאַמף אויף אַ נאָך מער דראַסטישן אופן, ווי דאָס האָט געטאָן די רעגירונג אַליין. דער אָפענער קאַמף פון דער ענדעציע און פון דער פאַשיסטישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער גרופּע איז נישט געווען באַקוועם פאַר דער רעגירונג. די רעגירונג האָט בעצם געוואָלט דאָס זעלבע, אָבער זי האָט עס געוואָלט מאַכן אין האָמעאָפּאַטישע דאָזעס און מיט אַ „פרידלעכן" סלאָגאַן. דאָס האָט זי נייטיק געהאַט כלפּי דער אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלעכער מיינונג. אָבער אַזוי ווי זי האָט געוואָלט דאָס זעלבע וואָס די עקסטרעמע פּאַרטייען מיט אַ בולטן אַנטיסעמיטישן פּראָגראַם און אַזוי ווי זי האָט געוואָלט דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל אויף אַ פרידלעכן וועג, האָט דאָס באַדייט, אַז זי האָט געמוזט איבערצייגן די יידישע געזעלשאַפט גופא, אַז יידן האָבן נישט קיין שום צוקונפט אין פוילן און זיי מוזן דערפאַר אַליין זיך צוגרייטן, מיט אייגענע מיטלען, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. האָט די פוילישע רעגירונג אָנגעהייבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט יידישע פירער, און די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען זענען געוואָרן די געבוירן־שעה פון דעם עוואַקואַציאָניסטישן אָפּמאַך, צו וועלכן עס זענען צוגעשטאַנען עטלעכע פירער פון דער יידישער געזעלשאַפט, מערסטנס אויס פאַרצווייפלונג וועגן אונדזער לאַגע.

אין נאָמען פון דער רעגירונג האָבן געפירט די אונטערהאַנדלונגען סלאַוואָי סקלאַדקאָווסקי און יוזעף בעק. די מאָטיוון פון ביידע צדדים זענען זיך נאַטירלעך פונאַנדערגעגאַנגען. ביי דער פוילישער רעגירונג, איז דאָס געווען אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם, ביי די עטלעכע יידישע פירער איז עס געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, הויפּטזעכלעך פאַרצווייפלונג. פון וועמען איז באַשטאַנען דער יידישער צד? עטלעכע אגודיסטישע פירער, ווינציקע ציוניסטישע פירער פון קאָנגרעס־פוילן, וואָס האָבן נישט געהאַט די הסכמה פון דעם ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין קאָנגרעס־פוילן,

געציילטע פירער פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג אין מזרח־גאַליציע. בראש פון דער דאָזיקער טרויעריקער פאַרצווייפלונגס־גרופּע האָט זיך געשטעלט פּראָפעסאָר מ. שאָר. אַ שיינע געשטאַלט אין דער יידישער קולטורעלער וועלט אין פּוילן, אָבער נישט איבעריק דערפאַרע־נער פּאָליטיקער. עס איז אַנטשטאַנען אַ יידישע קאָלאָניזאַציע־קאָמפּאַניע, וואָס מען האָט זי גערופן מיט ביטול „קאָקאָ". די אַוואַנטוריסטישע מאַדאַ־גאַסקאַר־מיסיע, וואָס איז אויסן געווען צו געפינען פּלאַץ אין מאַדאַגאַס־קאַר פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון פּוילישע יידן, האָט זיך נאַטירלעך אויס־געלאָזט מיט גאָרנישט. עס איז געווען אַ קאָמישער פּרט אין דער דאָזיקער מיסיע. די מאַדאַגאַסקאַר־מיסיע האָט אויסגעפונען, אַז געוויסע טיילן פון מאַדאַגאַסקאַר זענען יאָ גוט פאַר קאָלאָניזאַציע. האָבן אָבער דאָן די פּוי־לישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן געחלומט וועגן קאָלאָניעס פאַר פּוילן, גע־וואָלט דעם דאָזיקן גוטן שטח פון מאַדאַגאַסקאַר פאַר זיך. דער גאַנצער ענין איז געווען טראַגיקאָמיש און ליידער האָבן אין דער דאָזיקער מיסיע אויך אָנטיילגענומען יידן.

וואָס איז געווען דער פאַרשלאַג פון דער רעגירונג? קלאָר — געלט! איז אַ דעלעגאַציע מיט פּראָפעסאָר שאָר בראש געפאָרן קיין לאָנדאָן צו אונטערזוכן די מעגלעכקייטן ווי צו געפינען פינאַנציעלע מיטלען פאַר אַ יידישער מאַסן־עמיגראַציע פון פּוילן. וווהין? קיינער האָט עס נישט גע־ווּסט, ווייל אימיגראַציע־מעגלעכקייטן זענען פאַר יידן כמעט נישט גע־ווען צו יענער צייט.

די גרויסע מערהייט פונעם יידישע פאָלק אין פּוילן האָט זיך אַנט־קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן עוואַקואַציאָניסטישן אָפּמאַך. דער „בונד", ווייל דאָס האָט צעשטערט זיין פילאָזאָפיע פון דאָאיקייט. אָבער אויך אַ געוואַלטיקע מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויך דער לאַנדעס־פאַרבאַנד פון מערב־גאַליציע און שלעזיע האָט זיך אַנטקעגנגע־שטעלט דעם דאָזיקן אָפּמאַך. די רעוויזיאָניסטישע אידעאָלאָגיע, לויט וועל־כער לאָזונגען זענען געווען דאָס וויכטיקסטע, אָן ריקזיכט אויף מעגלעכ־קייטן פון רעאַליזירונג, האָט זיך אויך דאָ בולט באַוויזן. זשאַבאָטינסקי האָט אויפגעשטעלט אַ צען־יאָריקן פּלאַן פאַר דעם עוואַקואַציאָניזם און ער האָט נאַטירלעך נושא־חן געווען ביי דער פּוילישער רעגירונג.

הלוואי, וואָלט דער עוואַקואַציאָניזם געווען געקאָנט זיין דערפאָלג־רייך. מיר וואָלטן אפשר געווען אָפּגעראַטעוועט אַ גרעסערן טייל פון די פּוילישע יידן פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע אין פוילן בעת דער היטלער־צייט, אָבער ליידער — איז נישט געווען וווהין צו גיין.

דער טעאָרעטישער חשבון פון דעם עוואַקואַציאָניזם איז געווען צדק, אָבער ער האָט געהאנגען אין דער לופט און דערפאַר איז ער געווען אַן אומפּאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטישע קאָנצעפּציע. ער האָט קאַפּיטולירט צו דעם אַנטיסעמיטיזם, נישט געבנדיק קיין שום קאָנסטרוקטיווע לייזונג במקום פון דער דאָזיקער קאַפּיטולאַציע. וואָלט אין יענער צייט באַשטאַנען מדינת ישראל מיט איר געזעץ פאַר פרייער איינוואַנדערונג פון יעדן יידן, וואָלט דער עוואַקואַציאָניזם געהאַט אַ ממשותדיקן זין און יידן וואָלטן זיכער געגאַנגען, אַפילו מאַנכע בונדיסטן. דער קוואָטע־סיסטעם אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט אַ מאַסן־אימיגראַציע געמאַכט אומ־מעגלעך. די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער זענען געווען כמעט צוגעמאַכט פאַר יידישער אימיגראַציע, קיין ענגלאַנד איז געווען כמעט אוממעגלעך צו עמיגרירן, און אין די אַנדערע עטלעכע לענדער האָט געקאָנט אַריינ־קומען נאָר אַ גאָר ווינציקער טייל פון יידן, יחידים, אפשר הונדערטער, און אין פוילן האָבן געלעבט דריי מיליאָן דריי הונדערט טויזנט יידן!

איז עס נאַטירלעך געקומען צו אַ דורכפאַל פון דעם עוואַקואַציאָניס־טישן פּראָיעקט.

די פאַרצווייפלונג איז געבליבן איינגעקלעמט אין דעם צוגעמאַכטן קעסל פון דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. עס איז נישט געווען קיין ווענטיל, דורך וועלכן עס זאָלן אַרויסקומען יידן פון דער דערשטיקנדיקער לופט פון דעם אַנטיסעמיטישן קעסל אין פוילן.

אַפילו — זאָל עס דאָ דערמאָנט זיין — דער באַקאַנטער פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון יידישן אָפּשטאַם, פעליקס פּערל, נישט אַבי ווער אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור, וואָס האָט אונטערשטיצט יידישע עמיגראַציע פון פוילן! די בראָשור איז נאַטירלעך פאָרמעל נישט אַרויסגעגעבן גע־וואָרן דורך דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער — די פּאַר־

טיי האָט דיפּלאָמאַטיש געשוויגן און נישט דעזאַוואירט די בראָשור פון פעליקס פערל!

באַדויערט דאָס פּוילישע פאָלק, די 27 מיליאָן פּאָליאַקן, וואָס לעבן היינט, סוף 1956, אין פּוילן, אַז מיליאָנען פון פּוילישע יידן זענען אויס־געראָט געוואָרן? באַדויערט דאָס פּוילישע פאָלק אין דעם היינטיקן פּוילן, אין וועלכן עס לעבן קוים אַרום 50 טויזנט בירגער יידן, דאָס וואָס עס איז געשען מיט דעם פּוילישן יידנטום?

ווען מען לייענט היינט די ידיעות וועגן שוידערלעכע דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם מצד אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט אין דעם היינטיקן פּוילן, קאָן מען אָן שווערקייטן פאַרענטפערן די דאָ־זיקע פראַגן.

זיכער זענען אויך דאָ היינט אין פּוילן יחידים, וואָס האָבן נישט פאַר־לוירן זייער מענטשלעכן צוגאַנג צו דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פון פּוילישע יידן אָבער דער רוב, דער געוואַלטיקער רוב, זעט אויס, איז צו־פרידן, וואָס עס האָט אונדז, פּוילישע יידן, געטראָפן אַזאַ שרעקלעכער גורל. ווי אָפט האָב איך, ליידער, אין די אויגן פון מיינע קריסטלעכע מיטבירגער אין לאָנדאָן, אין דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט און בעת מיינע באַזוכן ביי דער פּוילישער אַרמיי אין סקאָטלאַנד, געזען שטראַלן פון שמחה, ווען עס זענען אָנגעקומען ידיעות פון אונדזער אויסראָטונג. אין דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט האָב איך אַריינגעבראַכט אַן אינטערפּעלאַ־ציע וועגן איינעם פון אַזאַ מין דראַסטישן שמחה־אויסדרוק ביי דער פּוי־לישער אַרמיי אין סקאָטלאַנד!

דריטער טייל

# דער צושטייער פון דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד צום וועלט־ציוניזם און צו ענינים פון וועלט־יידנטום

די ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זיך אָבער נישט אויס־געשעפּט מיט זיין טעטיקייט אינערהאַלב פון דעם פוילישן ציוניזם און דעם פוילישן יידנטום. אונדזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געהאַט ווייטערדיקע אַמביציעס אין דעם גוטן זין פונעם וואָרט. ער האָט געוואָלט זיין אַזוי ווייט מעגלעך אַ פאַקטאָר אין דעם וועלט־ציוניזם און אויך אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק בכלל.

איז דאָס אַ באַזונדערער כאַראַקטעריסטישער צייכן פון דער טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד? זיכער נישט און דאָך יאָ. זיכער נישט, ווייל יעדער טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, ווי קליין ער זאָל נישט געווען זיין, האָט געמאַכט זיין צושטייער צו דער גרויסער ציוניסטישער משפחה אין גאָר דער וועלט. די משפחה איז געווען גרויס. עס איז גענוג צו עפענען כאָטש איין באַריכט וועגן אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, כדי צו זען ווי גרויס די דאָזיקע משפחה איז געווען און ווי גרויס די ראָלע פון דעם ציוניזם אין דער וועלט איז געווען אין אַלע ריכטונגען פון אונדזער לעבן. עס איז דערפאָר קיין שום באַזונדערער זכות, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, זייענדיק אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער גרויסער פאַמיליע, האָט געבראַכט זיין צושטייער צו דעם לעבן פון דער דאָזיקער פאַמיליע.

און טראָצדעם איז דאָ אַ סיבה צו באַהויפּטן, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, האָט איבערגעשטיגן די נאָרמאַלע גרענעצן פון אַ צושטייער לויט זיין כמות און אַז ער האָט געמאַכט אַ צושטייער אין אַזאַ מאָס־שטאַב, אַז מיר קאָנען מיט אָביעקטיוויטעט און מיט שטאָלץ באַהויפּטן, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז אַדאַנק זיין איניציאַטיוו און באַמי־אונגען געווען רעלאַטיוו אַ גאָר שטאַרקע פּאָזיציע אויף דעם געביט פון וועלט־ציוניזם און אויך, הגם אין אַ באַשיידענער מאָס, אין ענינים פון וועלט־יידנטום.

עס איז זייער לייכט דאָס צו באַהויפּטן, אָבער עס וועט מיר אויך נישט זיין שווער דאָס צו באַווייזן.

ווען איך קוק היינט אַדורך אַ ריי באַריכטן, וועלכע אונדזערע לאַנדעס־עקזעקוטיוועס האָבן צוגעשטעלט צו אונדזערע לאַנד־קאָנפערענצן; ווען איך האָב ווידער אַמאָל געלייענט עטלעכע רעדעס פון אונדזערע דעלעגאַטן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווען איך האָב אַצינד ווידער געבלעטערט די קאָרעספּאָנדענץ פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן, האָב איך ממש ווידער איבערגעלעבט דעם דאָזיקן אמת, אַז אונדזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען אומרואיק אין זיין אחריות־געפיל און עס איז באמת נישט געווען קיין פּראָבלעם פון אַ ווייטערן פאַרנעם, אין וועלכן ער האָט נישט אויפגעהויבן זיין קול. אָבער נישט נאָר דאָס. דאָס האָבן אויך אַנדערע פאַרבאַנדן געטאָן. אָבער עס זענען געווען בנמצא אַ סך וויכטיקע פּראָבלעמען אין וועלט־ציוניזם און עטלעכע אין וועלט־יידנטום, אין וועלכע אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געפּרוווט צו זיין אַ וועקער, אַן איניציאַטאָר. און דאָס איז זיכער נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל קראָקע איז געווען אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, נאָר אַ פּראָווינץ, אַ חשובע פּראָווינץ, אָבער אַ פּראָווינץ. אָבער טראָצדעם איז קראָקע צוליב איר שטענדיקער איניציאַטיוו געוואָרן אַ מין צענטער.

נאַטירלעך האָט דער רייך־געאָגראַפישער פאַקטאָר געהאַט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם איניציאַטיוו מצד אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אַ גאָר שטאַרקע נעגאַטיווע באַדייטונג. און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך. עס איז אונדז דערפאַר געווען גאָר שווער צו באַאיינפלוסן מאַנכע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַפילו אין אונדזער ראָלע אַלס צענטער פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, ווייל דער אָרגאַניזאַטאָרישער צענטער איז געווען געאָגראַפיש אַ פּראָווינץ־צענטער. דער נאָמען קראָקע האָט נישט געהאַט קיין פאַסצינירנדיקן איינפלוס אויף דער גרויסער ציוניסטישער פּעריפעריע טראָץ זיין גאָר חשובער פּאָזיציע אויף דער וועלט־מאַפּע פון ציוניזם. כדאַי דאָס אויסצודריקן אין אַ בילד: קראָקע איז נישט געווען וואַרשע און נישט ניו־יאָרק און נישט ירושלים. אין מיינע ווייטערדיקע דערפאַרונגען אַלס ערשטער פּרעזידענט פונעם וועלט־

פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, האָב איך נישט איין מאָל געהאַט שוועריקייטן אויף אונדזער וועג גובר צו זיין דעם ווידערשטאַנד קעגן ווערן „רעגירט" פון קראָקע.

דאָס וויכטיקסטע געביט, אויף וועלכן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע אין וועלט־ציוניזם, סיי אין איניציאַטיוו און סיי אין דער דורכפירונג, איז געווען דאָס גרינדן פון אַ וועלט־פאַר־באַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם.

## דער וועלט-פאַרבאַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם

די ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דער גרינדונג און פי־רונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן איז היינט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן. דער המשך פון דעם וועלט־פאַרבאַנד — די היינ־טיקע קאָנפעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן — האָט ממש באַגראָבן אין פאַרגעסנקייט דעם פעריאָד פון 1929 ביז 1939. די קאָנפעדעראַציע האָט דעם וועלט־פאַרבאַנד „אָפּגעקוילעט" דורך שטילשווייגן, הגם עס איז אין דעם דאָזיקן ערשטע פעריאָד געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע און דער פּראָגראַם פון אַלגעמיינעם ציוניזם אויף אַלע געביטן פון ציוניס־טישער טעטיקייט. די היינטיקע שאָטן־קאָנפעדעראַציע באַטראַכט זיך אַלס דעם „בראשית" פון דער „קאָנסאָלידאַציע" פונעם אַלגעמיינעם ציו־ניזם, דאָס איז אַ היסטאָרישע אומריכטיקייט, כדי נישט צו נוצן אַ שאַר־פערן אויסדרוק. און איך וויל דערפאַר דעם דאָזיקן גרויסן פאַרדינסט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף דעם געביט פון אַלגעמיינעם ציוניזם דאָ אָפּראַטעווען פון פאַרגעסן ווערן.

די ראַמען פון די דאָזיקע זכרונות דערלויבן מיר נישט דאָ צו שרייבן די געשיכטע פון דעם דאָזיקן שווונגפולן פעריאָד פון דער טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. איך מוז מיך באַנוגענען כמעט מיט ראשי פּרקים.

אויף דעם 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1929, האָט דער אַלגעמיינער ציוניזם דערגרייכט זיין אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאָ־ליטישע ירידה. אין וואָס איז די ירידה באַשטאַנען?

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט

# די ירידה

דער אַלגעמיינער ציוניזם איז געווען גאָר שוואַך אין ארץ־ישראל, דעם הויפּט־פּלאַץ פון ציוניסטישער אַרבעט. זיין צושטייער אין וועלט־מאסשטאַב צו דעם אויפבוי פון יידישע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל בכלל איז פינאַנציעל געווען גאָר גרויס. אָבער די אַלגעמיין־ציוניסטישע פּאָזיציעס, וועלכע ער האָט געשאַפן אין ארץ־ישראל, זענען געווען כמעט נישטיקע. זיין צושטייער איז געגאַנגען ברוב לטובת אַנדערע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און בפרט לטובת די פּאָזיציעס פון דעם לינקן טייל פון אונדזער באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט בעסער פאַרשטאַנען כסדר צו בויען דאָס נייע ארץ־ישראל אין גייסט פון זיין סאָציאַלער פילאָזאָפיע. מיר האָבן אויך געהאַט אונדזער סאָציאַלע פילאָזאָפיע, אָבער מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם אמת, אַז פּאָליטישער איינפלוס קאָן נישט זיין באַזירט אויף אַ ריכטיקער פילאָזאָפיע אַליין, נאָר אויף פּאָזיציעס, וואָס פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פילאָזאָפיע. דאָס האָבן אונדזערע פריינט פון דעם לינקן פליגל פון ציוניזם — און איך אונטערשטרייך דאָס צו זייער שבח — אַ סך בעסער פאַרשטאַנען ווי מיר, אַלגעמיינע ציוניסטן.

דער ווייטערדיקער סימפּטאָם פון דער ירידה פון אַלגעמיינעם ציוניזם איז געווען אַ גאָר געפערלעכער פאַר זיין באַשטאַנד. אין צאָלן האָט זיך די פאַרטרעטערשאַפט פון אַלגעמיינע ציוניסטן במשך פון די ערשטע 16 קאָנגרעסן אַראָפּגעקייקלט פון אַ דאָמינירנדיקער שטעלונג צו אַ גאָר נעבעכדיקער שטעלונג. אָבער די דאָזיקע נעבעכדיקע שטעלונג — איך וויל דאָ די דאָזיקע זכרונות נישט אָנפילן מיט ציפערן און פאַרגלייכנדיקער סטאַטיסטיק, הגם איך האָב זי דאָ אויף מיין טיש, וויל איך די דאָזיקע זכרונות זאָלן זיין פריי פון דעם שווערן באַלאַסט — איז נאָך געוואָרן מער נעבעכדיק צוליב אַ פולשטענדיקער דעזאָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין וועלט־מאסשטאַב, אַ דעזאָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פון צענדליקער אָפּטיילונגען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער מחנה נישט געשאַפן קיין אַקטיווע איינהייט־אַרמיי. און דער קאָנטראַסט איז געווען נאָך גרעסער, ווייל די זאָנדער־פאַרבאַנדן פון דער ציוניסטי־

שער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט, די פּאַרטייען, ווי צום ביישפּיל, פּועלי־ציון, התאחדות, דער מזרחי, דער השומר הצעיר, האָבן געהאַט זייערע וועלט־צענטערן און האָבן צווישן די קאָנגרעסן און אויף די קאָנגרעסן געשיקט צום קאַמף זייערע אָפּטיילונגען ווי אַן אַרמיי צו דער אַטאַקע פאַר זייערע פּאָזיציעס און פאַר זייערע אידעאָלאָגיעס, כדי וואָס מער און מער אַרויפצודריקן זייער אייגענעם שטעמפּל אויף דעם סאָציאַלן פּרצוף פון דער נייער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל.

די רעזולטאַטן פון דעם זעען מיר היינט — איך אונטערשטרייך עס ווידער — אויף שריט און טריט אין מדינת ישראל. אַמאָל איז אין פּוילן באַקאַנט געווען אַ לאָזונג: „פּאָלסקאַ ניעזאַנדעם סטאָי" — פּוילן שטייט אויף רעגירונגסלאָזיקייט. — דער זעלבער פּרינציפּ איז אַנאַלאָגיש געווען דער הערשנדיקער פּרינציפּ אין דעם לאַגער פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם. יעדער לאַנדעס־פאַרבאַנד פאַר זיך — קאָמפּאַניעס אָן אַ רעגימענט, רעגימענטן אָן אַ דיוויזיע און דיוויזיעס אָן אַ גענעראַל־שטאַב. דאָס האָבן אַ טייל פירנדיקע מענטשן פון אונדזער לאַגער גערופן — פרייהייט, אומפּאַרטייאישקייט און אין תוך איז עס געווען אַנאַרכיע. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געטאָן בשותפות, איז געווען פאַרצולייגן צוזאַמען אויפן קאָנגרעס אַ געמיינזאַמע ליסטע פון אַלגעמיינע ציוניסטן צום אַקציאָנס־קאָמיטעט. נאַטירלעך אויפן סמך פון אַ לאַנדעס־שליסל! און נאָך וואָס פאַראַ שווערע אינערלעכע קאָנפליקטן איז אַזאַ ליסטע געוואָרן מעגלעך.

אַ לעגאַליזירטער תוהו ובוהו איז געווען דער דעמאָלטיקער צושטאַנד פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם. לעגאַליזירט, ווייל ער איז געווען באַזירט אין דער ציוניסטישער קאָנסטיטוציע. און אַחוץ דעם האָבן די וואָגיקסטע אַלגעמיין־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי צום ביישפּיל, אין אַמעריקע, אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד, אין קאָנגרעס־פּוילן, געהאַט פּשוט נחת פון דעם דאָזיקן כאַאָס אין וועלט־מאַסשטאַב, ווייל דער דאָזיקער מישמאַש האָט זיי משטיינס געזאָגט געגעבן „סוווערעניטעט" אין זייער אייגענעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. אַלגעמיינער ציוניזם איז געווען אַ כאַאָס, אַ סטאַדע אָן פּירערשאַפט, אַ צאן בלי רועה.

ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט

# די דערוואַכונג

אַט אין אַזאַ צושטאַנד פון ירידה און אַנאַרכיע אין דעם לאַגער פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם האָב איך אין נאָמען פון די דעלעגירטע פון דעם לאַנדעס-פאַרבאַנד אין מערב-גאַליציע און שלעזיע צונויפגערופן אויף דעם 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (1929) די דעלעגאַטן פון אַלגעמיין-ציוניסטישע לאַנדעס-פאַרבאַנדן פון צענדליקער לענדער, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער אַנאַרכיע אינעם אַלגעמיינעם ציוניזם. האָט אָבער אַנאַרכיע איר אייגן שווערגעוויכט און איר אייגענע לאָגיק. עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו דערציילן, ווי אַזוי די דאָזיקע ערשטע קאָנפערענץ פון אַלגעמיין-ציוניסטישע דעלעגאַטן אויף דעם 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז צושטאַנד געקומען. אַ גרויסע מינדערהייט איז געבליבן אין די קאָר-לואַרן און אין די גאַסן פון באַזעל. אָבער עס איז געקומען צו דער קאָנ-פערענץ אַ קליינע מערהייט פון די דעלעגאַטן און... כמעט פאַל איך שוין אַריין אין אַ שילדערונג פון דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן אָנהייב-פּע-ריאָד און איך וויל עס דאָך נישט טאָן, וועל איך דערפאַר געבן דאָ נאָר די אונטערשטע שורה. אַ צייטווייליקער אָרגאַניזאַציע-סטאַטוט איז צוגע-גרייט געוואָרן דורך דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות פאַר אַ וועלט-אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן. אַ גלייכגילטיקייט, וואָס איך פיל זי נאָך היינט, איז געלעגן איבער דעם גאַנצן זאַל, אָבער סוף-כל-סוף האָט די פאַרזאַמלונג שלעפּערדיקערהייט איינגעוויליקט, אַז אַ פּראָוויזאָרישער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט זאָל פונקציאָנירן אין קראָקע, אונטער דער לייטונג פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות. דער דאָזיקער אָרגאַניזיר-קאָ-מיטעט האָט באַקומען דעם אויפטראַג צו מאַכן אַלע צוגרייטונגען, כדי ביים נאָענטסטן ציוניסטישן קאָנגרעס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אַ וועלט-קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס זאָל שאַפן אַ וועלט-אָרגאַני-זאַציע פון דעם דאָזיקן וואַגיקן באַשטאַנד-טייל פון דער ציוניסטישער וועלט-באַוועגונג. אַט אַזוי האָט אונדזער לאַנדעס-פאַרבאַנד געגעבן דעם ערשטן שטויס צו אַ רענעסאַנס פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, צו אַן אי-בערבוי פון זיין סטרוקטור און צו אַ באַנייטן ווילן צו בויען ארץ-ישראל אויף די יסודות פון זיין אייגענער פילאָזאָפיע.

האָט זיך דער דאָזיקער פּרווו אָפּצושטעלן דעם באַרג־אַראָפּ און צו געבן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַ שוווּנג באַרג־אַרויף איינגעגעבן?

עס זענען היינט שוין אַוועק 27 יאָר זינט יענער צייט. אויף דעם שליאַך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיך אַ סך געענדערט. איך שרייב די דאָזיקע שורות (אָקטאָבער 1956) ערב אַ נייער באַראַטונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן, דאָ אין ניו־יאָרק, וואָס זענען באַשטאַנדטיילן פון דער קאָנפעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן, דעם המשך פון דעם וועלט־פאַרבאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1931.

עס איז מיר גאָר נישט שווער צו ענטפערן אויף מיין פראַגע, וועלכע איך האָב אויבן געשטעלט, ווייל די ווירקלעכקייט איז אין גאַנצן קלאָר און זי אַליין גיט דעם ענטפער. דער פרווו האָט זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן.

אָבער איך וויל מיך אומקערן צו דער צייט פון יאָר 1931.

מיט דעם דאָזיקן איניציאַטיוו מצד אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף דעם 16טן קאָנגרעס אין יאָר 1929, האָט זיך דער איינפלוס פון אונדזער שטח אויף דעם ווייטערדיקן גורל פון אַלגעמיינעם ציוניזם נישט פאַרענדיקט.

אַ גאַנצער באַרג פון דאָקומענטן, וואָס נעמען אַרום די געשיכטע פון דעם וועלט־פאַרבאַנד, ליגט איצט פאַר מיר. אַ פילם פון קאָפּיעס פון דאָקומענטן, וואָס נעמט אַרום מער ווי 1200 זייטן, פון דער תקופה 1929 ביז 1939 ליגט פאַר מיר און דערציילט פּרטים פון דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס איר באַדייטונג איז היינט בלאָס אויסערהאַלב פון די גרענעצן פון מדינת ישראל, ווו דער אַלגעמיינער ציוניזם פירט זיין ווייטערדיקע ראַנגלעניש פאַר פּאָליטישן און סאָציאַלן איינפלוס. אין יענער צייט פון 1929 און 1931 איז דער מצב פון דעם חולה, וואָס האָט געהייסן אַלגעמיינער ציוניזם, געווען אַזאַ, אַז דער חולה אַליין האָט נישט געוואָלט געזונט ווערן. דאָס איז געווען די שטאַרקסטע מניעה פאַר דער רפואה.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס איז געוויילט געוואָרן אויפן 16טן קאָנגרעס אין יאָר 1929, מיטן זיץ־אָרט אין קראָקע, האָט זיך גענומען מיט דעם גאַנצן ברען צו דער אַרבעט, כדי צוצוגרייטן דעם ערשטן וועלט־

קאָנגרעס פון אַלגעמיין־ציוניסטישע פאַרבאַנדן אין דער וועלט. און דער דאָזיקער קאָנגרעס איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1931, צוזאַ־מען מיטן 17טן קאָנגרעס אין באַזעל. אַ דרום־אַפריקאַנער רייכער ציוניסט, מיטן נאָמען האַסקעל, האָט מיר אין פּאַריז געגעבן פאַר דער טעטיקייט פונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט די ערשטע 50 פונט. ער אַליין איז געווען אַן אייגנטימער פון גאָלד־גרובן. עס איז געווען אוממעגלעך צו באַקומען וועלכע ס׳איז גרעסערע פינאַנציעלע מיטלען פון אַלגעמיינע ציוניסטן, אַחוץ פון עטלעכע יחידים אין קראָקע.

אין וואָס איז באַשטאַנען די צוגרייטונג פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ? דער אַפּאַראַט אין דער עקזעקוטיווע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, איז געווען צו דער דיספּאָזיציע פון דער דאָזיקער טעטיקייט. אַ פּראָוויזאָרישער סטאַטוט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם אָרגאַ־ניזיר־קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן געהערט אויך דר. פעלדבלום און לעאָן סאָלפעטער. קאָנטאַקטן זענען איינגעשטעלט געוואָרן מיט כמעט אַלע לאַנדעס־פאַרבאַנדן אין דער וועלט. אַן אידעאָלאָגישער פּראָגראַם פאַר דער צוקונפטיקער טעטיקייט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן. עס איז געווען אַן אומגעהייערע אַרבעט, וואָס אירע אידעאָלאָגישע רעזולטאַטן זענען אויך היינט דער פונדאַמענט פון דער קאָנפעדעראַציע.

## דער פּאָליטישער קריזיס אין ציוניזם

אין יאָר 1930 קומט עס צו אַ שטאַרקן קאָנפליקט אין אַקציאָנס־קאָ־מיטעט אין בערלין אַרום דער פּאָליטיק פון חיים ווייצמאַן קעגן פּראָקלאַ־מירן פון אַ יידנשטאַט־פּאָליטיק. דער גאַנצער ציוניזם פאַרטיילט זיך אין צוויי לאַגערן — פאַר ווייצמאַן און קעגן ווייצמאַן, פאַר זיין פּאָליטיק און קעגן זיין פּאָליטיק, און דער שניט פון דער צעטיילונג גייט דורך אַלע פּאַרטייען און זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך דורך דער אַלגעמיין־ציוניס־טישער באַוועגונג. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע, אַז אין דער תקופה פון 1929 ביז 1931, אין דער תקופה פון די גרעסטע אָנשטרענ־גונגען פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד פאַר דער אָרגאַניזירטער איינהייט פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, איז אומדערוואַרט אַריינגעפאַלן אַ פּאָליטי־

שער ריס אַרום דעם פונדאַמענט פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. און דאָס האָט נאַטירלעך געהאַט אַ ווירקונג, ווי עס וואָלט עמיצער וואָס לויפט פאָראויס פלוצלונג געכאַפּט געוואָרן ביי דער פּלייצע, כדי אָפּגעשטעלט צו ווערן. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פּראָ־וויייצמאַן גרופּע אין דעם אַל־געמיין־ציוניסטישן לאַגער אונטער דער לייטונג פון דר. עדער פון לאָנ־דאָן, און אַ לאַגער קעגן זיין פּאָליטיק אונטער דער לייטונג פון מ. מ. אוסישקין, סטיפען וויז און דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות. און בעת מיר האָבן זיך באַמיט צו שאַפן איינהייט, האָבן מיר אַליין געמוזט נעמען אַ שטעלונג. אָבער דער ווילן צו שאַפן אַן אַלגעמיין־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד איז ביי מיר געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב טראָץ מיין קלאָ־רער איבערצייגונג און מיין שטעלונג קעגן דער וויצמאַן פּאָליטיק, באַ־שלאָסן פאַרצולייגן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, אַז מיר זאָלן פּרווון אויף דעם 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס שאַפן אַ בריק צווישן די צוויי פּאָליטיש־צעשפּאָלטענע אַלגעמיין־ציוניסטישע לאַגערן. ווי מאַכט מען אַן איינהייט טראָץ דער אידעאָלאָגישער צעשפּליטערונג אין אַ זייער וואָגיקן טייל פון אונדזער אני מאמין? מען פּרווט צו פאַרבינדן אַנדערע פּונקטן פונעם אני מאמין און מען לאָזט אויס פון דער איינהייטס־פּראָגראַם אָט דעם פּונקט, וועגן וועלכן די לאַגערן זענען נישט אייניק. עס אַנשטייט דערפון אַ געלאַטעטער אנצוג, אָבער פאָרט אַן אנצוג. און אַזוי איז עס געשען. עטלעכע טעג פאַר דעם 17טן קאָנגרעס בין איך געפאָרן קיין ווין, כדי זיך צו באַגעגענען מיט דעם פירער פון אַמעריקאַנער ציוניסטן, ריכטער דזשו־ליאַן מאַק ז״ל, כדי צו געפינען אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם אין דער טאַק־טיק אויף דעם 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס און בנוגע דער שאַפונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. דאָס איז געווען דער עצם־פּונקט ווייל די וואָגיקסטע און די שטאַרקסטע צווישן די גלות־לענדער. די איינהייט צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע אין ביידע פּונקטן איז אין אַן עלאַסטישער פאָרם אויפגעבויט געוואָרן, דאָס איז געווען אַ גרויסער אויפטו פון אונ־דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. די קליינע אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרמאָסטן צו נעמען דעם רודער אין דער האַנט און צו קערעווען דעם גורל פונעם אַל־געמיינעם ציוניזם. אָבער זי האָט עס געקאָנט אָ נ ה יי ב ן צו טאָן

אַליין, אָבער פ אַ ר ע נ ד י ק ן האָט זי עס געקאָנט נאָר מיט דער הילף פון דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע, ווייל דעמאָקראַטיע באַדייט דאָך סוף־כל־סוף די צאָל פון מענטשן, וואָס שטימען אין דעם לעצטן מאָמענט. די אַלגעמיין־ציוניסטישע דעלעגאַציע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף דעם 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז באַטירלעך געווען רעלאַטיוו אַ קליי־נע, זי איז באַשטאַנען פון זיבן דעלעגאַטן: ד״ר טאָן, ד״ר שפּאָן, ח. ניי־גער, ד״ר גרינשטיין, ד״ר פראַנט, אברהם האָפּשטעטער און דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות.

אָנקומענדיק קיין באַזעל האָט אונדזער דעלעגאַציע פעסטגעשטעלט, אַז אויך ד״ר סטיפען ווייז איז מסכים הן מיט דער אַנטי־ווייצמאַן־פּאָלי־טיק הן מיט דער גרינדונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. איך וועל נישט פאַרגעסן אין דעם געשפּרעך מיינעם מיט ד״ר סטיפען ווייז אין יענער צייט, ווייל עס איז מיר נישט לייכט געווען צו איבערצייגן ד״ר סטיפען ווייז, וואָס איז דעמאָלט געווען פול מיט כעס קעגן חיים ווייצמאַנס פּאָליטיק און צוליב דעם גענייגט צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די רעוויזיאָניסטן, אַז אַן אָרגאַניזאַטאָרישע פאַראייניקונג מיט די רע־וויזיאָניסטן אָדער אַפילו דאָס שאַפן פון אַ קאָאַליציע מיט זיי, וואָלט פון דעם שטאַנדפּונקט פון די אונטערהאַנדלונגען צו פאַראייניקן די אַלגעמיי־נע ציוניסטן געווען אַ זייער שווערער פעלער. איך פערזענלעך בין צו יע־נער צייט זייער נאָענט געווען צו דעם פּאָליטישן פּראָגראַם פון די רעווי־זיאָניסטן. אָבער די טאַקטיק פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי און איר צוגאַנג צו די צענטראַלע פּראָבלעמען האָט מיך דערווייטערט פון דער רע־וויזיאָניסטישער גרופּע. און האָבנדיק פאַר מיר דעם קלאָרן ציל — די פאַראייניקונג פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער האָב איך קלאָר גע־פילט, אַז אַ דערנענטערונג מצד ד״ר סטיפען ווייז מיט די רעוויזיאָניסטן וואָלט אויך געקאָנט האָבן אַן איינפלוס אויף אַ טייל פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און בזה האופן באַשווערן די דורכפירונג פון מיין הויפּט־אויפגאַבע — די שאַפונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַל־געמיינע ציוניסטן. פאַר דער גרופּע פון ד״ר עדער און קורט בלומענפעלד וואָלט אַ פּראָ־רעוויזיאָניסטישער שריט פון ד״ר סטיפען ווייז באַדייט אַ דורכפאַל פון די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען וועגן דער פאַראייניקונג.

בדרך אגב, היינט, נאָך 25 יאָר חזרט זיך איבער דיזעלבע געשיכ־טע. די אַלגעמיינע ציוניסטן זענען ווידער געשטאַנען אין אונטערהאַנד־לונגען מיט דער חירות וועגן אַ געמיינזאַמען פראָנט אין מדינת ישראל און די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָבן ווידער געליטן אַ דורכפאַל. צווישן די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דעם דורכפאַל, איז אויך דיזעלבע סיבה, וואָס האָט געווירקט מיט 25 יאָר צוריק: די זאָרג אין די רייען פון אַ טייל פון אַלגעמיינע ציוניסטן, אַז אַזאַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם חרות וואָלט אויף תמיד איבערגעריסן יעדן פרווו צו געפינען סוף־כל־סוף אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער אַזוי גערופענער פּראָגרעסיווער גרופּע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. לויט מיין אייגענער איבערצייגונג האָבן די דערפאַ־רונגען פון דעם לעצטן פעריאָד פון אַכט יאָר אין מדינת ישראל בולט באַ־וויזן, אַז אַן אמתדיקע פאַראייניקונג פון אַלגעמיינע ציוניסטן מיט פּראָ־גרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן איז געוואָרן האָפנונגסלאָז. די צייט פאַר אַ גט איז לויט מיין מיינונג רייף געוואָרן, אַזוי ווי ביי דער אחדות עבודה וואָס איז אָוועקגעגאַנגען פון דער מפא״י. איך גלייב אַפילו, אַז נאָך אַ פונאַנדערגיין זיך, דאָס הייסט, נאָך אַ פאָרמעלער ליקווידירונג פון דער קאָנפעדעראַציע, וואָס זי פירט סיי־ווי־סיי אַ פיקטיווע עקזיסטענץ, וועלן די באַציאונגען צווישן ביידע גרופּעס זיין פריינטלעכער, ווייל זיי וועלן זיין אויפגעבויט אויף קעגנזייטיקער אומאָפּהענגיקייט. די אחדות עבודה זיצט אויך היינט צוזאַמען מיט דער מפא״י אין דער רעגירונג. אָבער עס פעלט די פירער פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם דער מוט צו ציען די מסקנות פון אַ קלאָרער סיטואַציע, ווייל דאָס געזעץ פון אינערציע האָט אין פּאָ־ליטישן לעבן גאָר אַ גרויסע באַדייטונג. אין מיין צייט איז עס נאָך געווען די האָפענונג, וואָס האָט געשטאַרקט די אונטערהאַנדלונגען אין זייער אָנהייב. היינט איז עס די אינערציע, וואָס דערלויבט נישט די רייסענישן, וואָס ווערן גערופן אונטערהאַנדלונגען, צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּאַראַלע־לער קעגנזייטיק רעספּעקטירטער טעטיקייט.

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט

# די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ און די ערשטע וועלט־לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם

אין באַזעל איז אין יאָר 1931 געבוירן געוואָרן דער וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם. זיין ערשטע לייטונג האָט געהאַט איר זיץ־אָרט אין קראָקע.

ווי איז אַנטשטאַנען דער וועלט־פאַרבאַנד? איך מיין אַז עס כדאי דאָ צו דערציילן, הגם נישט פּרטימדיק, די דאָזיקע געשיכטע.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין באַזעל האָב איך דערזען אויף דעם בנין פון דעם סוחרים־פאַראיין, אין וועלכן עס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן דער ציוניסטישער קאָנגרעס, אַ מודעה, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון ד״ר עדער פון לאָנדאָן. ד״ר עדער איז געווען אַ זייער רעספּעקטירטע פּערזענלעכקייט. פאַרשלאָסן, נישט זייער פריינטלעך, אָבער ערנסט און אויפריכטיק און קריסטאַל־ריין אין זיינע איבערצייגונגען. ער איז צוליב דעם געווען זייער געאַכטעט און אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אַ בכבו־דיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון ציוניזם. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער ערשטער ציוניסטישער קאָמיסיע, וואָס איז נאָך דער באַלפור־רעקלאַ־ראַציע ארויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל כדי אויסצופאָרשן די לאַגע. ער איז געווען אַ פאַרכישופטער אָנהענגער פון חיים ווייצמאַן. זיין מודעה האָט נאַטירלעך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט. וואָס איז אין דער מודעה געשטאַנען? נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אויפרוף צו אַלע אַל־געמיינע ציוניסטן, וואָס שטיצן די פּאָליטיק פון חיים ווייצמאַן, אַז זיי זאָלן זיך פאַרזאַמלען צו אַ פאַר־קאָנפערענץ אין דעם זאַל (א), אין דעם בנין פון דעם סוחרים־פאַראיין. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס אַזאַ מודעה האָט באַדייט פאַר דעם מענטש וואָס איז געקומען קיין באַזעל, כדי אויפצובויען אַן איינהייטלעכן בנין פון אַ ל ע אַלגעמיינע ציוניסטן. איך בין ממש געווען פאַרצווייפלט. אָבער די בעסטע פאַרשטענדיקונג איז צו שאַפן זיין אייגענעם כוח. האָב איך אויף דעם זעלבן בנין פאַרעפנט־לעכט אַ צווייטע מודעה און אין איר האָב איך פאַרבעטן אַלע אַלגעמיינע ציוניסטישע דעלעגאַטן, וואָס זענען נישט מסכים מיט חיים ווייצמאַנס

פּאָליטיק (געמיינט איז געווען די ווייצמאַן־פּאָליטיק קעגן פּראָקלאַמירן פון אַ פּראָ־מלוכה־פּאָליטיק) זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין דעם זעלבן בנין אין אַ צווייטן זאַל, וואָס האָט דורך צופאַל געהייסן, דער זאַל (ב). און אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן די גרופּע (א) און די גרופּע (ב) פון אַל־געמיינע ציוניסטן. אָט ווי עס קאָן אַמאָל אַן איינפאַכער אלף־בית גורם זיין צו אַ צעשפּליטערונג פון אַ באַוועגונג!

און פון יענער צייט אָן איז פיל יאָרן לאַנג אָנגעגאַנגען דער קאַמף פון דער גרופּע (א) און (ב) ביז דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט אין 1935 מיט אַ ברוך. וועלכער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט? דער קאַמף פ אַ ר פ אַ ר ב י נ ד ן שטאַרקער דעם (א) מיט דעם (ב). שפּעטער, פון 1935 ביז צו דער שאַפונג פון דער נייער קאָנפעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציו־ניסטן, דאָס הייסט, ביז צום 1946, איז עס געווען אַ קאַמף קעגן אַ דער־נענטערונג פון (א) קעגן (ב) און פון (ב) קעגן (א).

אָבער לאָמיר צוריקגיין צום יאָר 1931. ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, איז די טענדענץ פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט געווען צו שאַפן איינהייט טראָץ דער פּאָליטישער צעשפּליטערונג. מפא״י איז אויך געווען אין דעם פּאָליטישן פונקט צעשפּליטערט, אָבער האָט זיך אָרגאַניזאַטאָריש נישט געשפּאַלטן. איך דערמאָן מיך אין אַ גייסטרייכער קאַריקאַטור פון אַ זייער פּעאיקן קאַריקאַטוריסט, ד״ר ביקל, אַ דאָקטאָר פון לעמבערג. ער האָט פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון צוויי דעלעגאַציעס, וואָס מאַרשירן פון פאַר־שידענע זייטן, צו דעם טראָן פונעם ענגלישן קעניג. איין דעלעגאַציע, גע־פירט פון חיים ווייצמאַן קעגן דער יידישער מלוכה און ביים סוף פון דער דעלעגאַציע איז געשטאַנען איינער פון די הערלעכסטע פערזענלעכקייטן פון דער מפא״י־באַוועגונג, דער געשעצטער און געליבטער ציוניסטישער חסיד — בערל קאַצענעלסאָן. און פון דער אַנדערער זייט האָט מאַרשירט צום טראָן פונעם ענגלישן קעניג אַ צווייטע דעלעגאַציע, געפירט דורך מ. מ. אוסישקין, פאַר דער יידישער מלוכה. און ביים סוף פון דער דאָזיקער דעלעגאַציע איז געשטאַנען אויך — בערל קאַצענעלסאָן.

די דאָזיקע קאַריקאַטור, אין וועלכער עס איז פאַרגעשטעלט געוואָרן איינע פון די שענסטע פערזענלעכקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַ דאָפּלטער ראָלע, ב. קאַצענעלסאָן, איז געווען אַ סימבאָל פון די גע־

שפּאַלטענע שטימונגען אין כמעט אַלע פּאַרטייען אַרום דעם דאַזיקן פּאָ־ליטישן פּראָבלעם, דעם עצם־פּראָבלעם פון ציוניזם, דעם פּראָבלעם פון אַ יידישער מלוכה. עס איז געווען אַ קליינע טרייסט, וואָס די חלוקי־דעות אַרום דעם דאָזיקן פּראָבלעם, וואָס האָבן צעטיילט דעם אַלגעמיין־ציוניס־טישן לאַגער, האָבן אויך צעטיילט אַנדערע פּאַרטייען, מיט דעם אויסנאַם פון רעוויזיאָניסטן און השומר הצעיר. די טרייסט איז געווען אַ קליינע, ווייל דער שניט אין אונדזערע רייען האָט ממש געדראָט אוממעגלעך צו מאַכן דאָס גרינדן פון דעם וועלט־פאַרבאַנד. אין דער מפא״י־באַוועגונג איז דער שניט נישט געווען אַזוי געפערלעך ווי ביי אונדז אַלגעמיינע ציו־ניסטן, ווייל ביי דער מפא״י האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַ שפּאַלטונג אין אַ באַשטייענדיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שוין געווען פאַראייניקט, און ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַ שפּאַל־טונג אויפן וועג צו שאַפן אַ פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע.

אָט דאָס איז געוואָרן די גרויסע שוועריקייט פאַר וועלכער עס זענען געשטעלט געוואָרן די דעלעגאַטן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דעם סאַמע אָנהייב פון זייער טעטיקייט צו צעמענטירן אַ וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן.

אָבער עס האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבן גובר צו זיין די דאָזיקע פּאָליטישע שוועריקייט. עס איז געווען כמעט די לייזונג פון דער קוואַד־ראַטור פונעם קרייז. מיט אַביסל ליטעראַרישער גוזמא וואָלט איך געזאָגט, אַז מיר זענען געזעסן, קורט בלומענפעלד און איך, ימים ולילות. מיר האָבן צוזאַמענגעלאַטעט אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם פאַר אַ פאַראייניקטן וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, פאַראייניקט — רחמנא ליצלן! די דעלעגאַטן פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צום קאָנגרעס זענען געווען די טרייבקראַפט פון צוזאַמענברענגען דעלעגירטע פון אַלגעמיינע ציו־ניסטן פון קאָנגרעס צו דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ אין אַ גרויסן זאַל. איך וועל היינט דאָ נישט דערציילן מיין פּערזענלעכן דערנער־וועג אין די דאָזיקע קריטישע עטלעכע טעג פאַר דער דערעפענונג פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין באַזעל, הגם זייענדיק אַ דעלעגאַט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָלט איך געהאַט דאָס רעכט עס צו דערציילן, ווען איך שרייב צום ערשטן און וואַרשיינלעך צום לעצטן

מאָל וועגן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. אָבער עס וואָלט געווען אָנגעפּילט מיט צופיל פּערזענלעכע דעראינערונגען, אפשר צו עגאָצענטריש, און דער־פאַר וויל איך בעסער שווייגן.

סוף־כל־סוף האָט די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ באַשלאָסן אַ געמיינ־זאַמען, עלאַסטישן פּראָגראַם, אַ געמיינזאַמען אָרגאַניזאַטאָרישן סטאַטוט און האָט געוויילט אַ לייטונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד אין וועלט־מאַס־שטאַב צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ציוניזם. דאָס אַלץ איז געווען באמת דער פאַרדינסט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און פון זיי־נע דעלעגאַטן. אַ גרינדונגס־דאָקומענט איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך דעלעגאַטן פון צענדליקער לענדער — איך גלייב צווישן 35 און 40 — מיט ד״ר לעאָ מאָצקין, לואיס ליפּסקי און סטיפען ווייז בראש. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב קיינמאָל נישט געמאַכט קיין קאָפּיע פון דעם דאָזיקן דאָקומענט. איך האָב אים געהאַלטן אין מיין אַרכיוו אין קראָקע ווי אַ טייערן אוצר, באַזונדערס טייער פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט דעם דאָזיקן דאָקומענט דורכגעוויטיקט. דער דאָקומענט איז צוזאַמען מיט מיין גאַנצן אַרכיוו פון דער צענטראַלע פונעם וועלט־פאַרבאַנד אין קראָקע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון היטלער, ווען איך האָב דעם 2טן סעפּטעמ־בער 1939 פאַרלאָזט די שטאָט קראָקע, כדי אָנטיילצונעמען אין דער לעצ־טער זיצונג פונעם פּוילישן סיים אין וואַרשע. איך האָב זינט יענעם טאָג קיינמאָל מער נישט געזען קראָקע. דער אַרכיוו איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. אָבער במשך פון דער גאַנצער צייט פון מיין פאַרזיצערשאַפט פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן האָב איך קאָפּיעס פון די מערסטע דאָ־קומענטן געשיקט צו דער עקזעקוטיווע אין ירושלים און שפּעטער אויך צו דער וועלט־צענטראַלע פון דער גרופּע (א) פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין לאָנדאָן נאָכן יאָר 1935 און אַזוי אַרום איז דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע דאָקומענטן געראַטעוועט געוואָרן. אַרום 200 זייטן פון די דאָזיקע דאָקומענטן ליגן איצט פאַר מיר און אַחוץ דעם אַ פילם פון דאָקומענטן, וואָס נעמט אַרום מער ווי טויזנט זייטן. כ׳מוז מיך דערפאַר נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף מיין זכרון. די לייענער פון די דאָזיקע זכרונות, וואָס זאָלן באַרייביקן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וועלן זיכער נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף מיר, ווען איך וועל דאָ אַרויסראַטעווען פון דער פאַרגעסנ־

קייט די ליסטע פון דער ערשטער לייטונג פון דעם ערשטן וועלט־פאַר־באַנד פון אַלגעמיינעם ציוניזם: פאָרזיצער ד״ר י. שוואַרצבאַרט, מיטגלי־דער פונעם פּרעזידיום: ד״ר יהושע טאָן ז״ל, ד״ר שמעון פעלדבלום ז״ל; מיטגלידער פאַר קאָנגרעס־פוילן: לעאָן לעוויטע ז״ל און מתתיהו הינדעס ז״ל (דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער ישראל־מיניסטער אין אורוגווײַ); פאַר מזרח־גאַליציע: ד״ר ע. שמאָראַק ז״ל, ד״ר אברהם סטופּ (דער איצ־טיקער וויצע־פּרעזידענט פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט); פאַר דייטשלאַנד: קורט בלומענפעלד און ד״ר לאַנדסבערג; פאַר די פאַראייניק־טע שטאַטן פון אַמעריקע: אַברהם גאָלדבערג ז״ל, פרוי ראָזאַ האַלפּערין; פאַר רומעניע: אַדאָלף בערנהאַרד; פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע: ד״ר יוסף ריפאַייזען ז״ל; פאַר עסטרייך: ד״ר אָסקאַר גרינבאַום; פאַר ארץ־ישראל: מ. מ. אוסישקין ז״ל, ד״ר בן־ציון מאָסינזאָן ז״ל, יהושע סופּראַסקי ז״ל, ד״ר משה גליקזאָן ז״ל, אליהו בערליגנע, ד״ר יהודה אָרענשטיין. דער זיץ־אָרט פון דער לייטונג איז געווען קראָקע, אָבער די מיטגלידער פון דער לייטונג אין ארץ־ישראל זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס אַן אייטאָנאָמער צווייג פון דער לייטונג אין ענינים פון קאָלאָניזאַציע.

## דער קאַמף פאַר אייניקייט גייט ווייטער

אַט דאָס איז געווען די ערשטע לייטונג פון דעם ערשטן ברית עולמית של ציונים כלליים, צוזאַמענגעשטעלט פון ביידע ריכטונגען „א“ און „ב“. איך מוז מיך צואיילן אין דעם טעמפּאָ פון מיינע זכרונות, הגם דווקא אין דעם דאָזיקן ענין בעטן זיך ממש אַזויפיל זכרונות איך זאָל אין זיי נישט פאַרגעסן. אָבער איך מוז זיי לאָזן אַן אַ זייט. איך וויל דאָ אין אַ טעלע־גראַפישן סטיל אונטערשטרייכן, אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט במשך פון דעם פּעריאָד ביז 1935 געשפּילט אַ באמת אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דעם קאַמף פאַר שאַפן פון ביידע גרופּעס פון אַלגעמיינע ציוניסטן אַן אמתדיקן סינטעז מיט אַ פאַרטיי־דיסציפּלין וואָס זאָל זיין אויפגעבויט אויף מערהייטס באַשלוסן און אין מער פּרינציפּיעלע ענינים אויף אַ קוואַליפיצירטער מערהייט פון דריי פערטל. אָבער די מחיצה צווישן ביי־דע גרופּעס איז געוואָרן אַלץ טיפער און ברייטער און דערפאַר איז די מי

פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געוואָרן וואָס אַמאָל אַ שווערערער, אָבער אין ליכט פון דער געשיכטע איז זי אַ פאַרדינסטפולע. זאָל איך דאָ געבן דעם תמצית פון די וויטערדיקע פּראָיעקטן פון אַ דעטאַלירטן פּראָגראַם, פון די דיפערענצן צווישן ביידע גרופּעס אויף דעם סאָציאַלן געביט, אויף דעם געביט פון אַרבעטער־פּראָבלעם? אין אַ געוויסער מאָס האָט עס געטאָן פאַר דער דאָזיקער שטורעם־ און דראַנג־תקופה פונעם וועלט־פאַרבאַנד דער שעף־רעדאַקטאָר פון „העולם“, משה קליינמאַן ז״ל, אין אַ העברעישער בראָשור געדרוקט אין ירושלים אין 1945 אונטער דעם טיטל „הציונים הכלליים“ און שפּעטער, אין יאָר 1954, האָב איך באַשריבן, אין ראשי פרקים דעם דאָזיקן פּעריאָד אין אַ בראָשור, אונטערן טיטל „אַלגעמיינער ציוניזם“ אין ענגליש, געדרוקט אין 1954 אין ניו־יאָרק. בקיצור, די דאָקומענטן פון יענער צייט באַווייזן עס, אַז די גאַנצע פונדאַמענטאַלע אידעאָלאָגיע פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, זיין פילאָזאָפיע און די מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן דער גרופּע (א) און (ב) זענען שוין אין יענער צייט (1935—1931) קריסטאַליזירט געוואָרן אין די דאָזיקע דאָקומענטן, וואָס ליגן איצט פאַר מיר. איך לייען זיי איצט ווידער און זע, אַז מיין באַהויפּטונג איז אַ באַזירטע, ווען איך שרייב, אַז די דאָזיקע אַלגעמיין־ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז געשאַפן געוואָרן אין דער תקופה ביז 1935. איך אונטערשטרייך עס אַזוי בולט, ווייל די באַנייטע קאָנפערעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1946 אין באַזעל, נאָך דעם חורבן פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע, מאַכט אַן אָנשטעל ווי דער בראשית וואָלט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1946.

וויטערדיקע וועלט־קאָנפערענצן פון דעם וועלט־פאַרבאַנד זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּראַג אין יאָר 1933 בעת דעם 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס, דאַן ווידער אין קראָקע אין יאָר 1934 און די לעצטע וועלט־קאָנפערענץ פון דעם וועלט־פאַרבאַנד ווידער אין קראָקע אין יאָר 1935. דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישע קאָנפערענץ און די לוויה פונעם פאַראייניקטן וועלט־פאַרבאַנד. זינט יענער צייט איז דער וועלט־פאַרבאַנד געשפּאַלט געוואָרן און געבליבן אינגאַנצן ביז 1946 אויך כלפי חוץ. ביז צום יאָר 1935 איז דער וועלט־פאַרב. געווען געשפּאַלטן, אָבער נאָר כלפי פנים. און דער פאַקטאָר, וועלכער האָט איינגעוויקלט דעם וועלט־פאַרבאַנד אין

אַן איינהייט, איז געווען די לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד אין קראָקע, וואָס איר טרייבקראַפט איז געווען די עקזעקוטיווע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אירע פירער. אין די יאָרן 1933 ביז 1935 האָט אָבער שוין עקזיסטירט אַ באַזונדערע צענטראַלע פונעם וועלט־פאַרבאַנד אויך אין ארץ־ישראל פאַר ענינים פון ארץ־ישראל, נישט נאָר פאַר קאָלאָניזאַציע.

אונדזערע לאַנדעס־קאָנפערענצן האָבן אין דער צייט פון 1929 ביז 1935 זיך תמיד פאַרנומען מיט דעם פּראָבלעם פון אַ פאַראייניקטן אַל־געמיינעם ציוניזם אין דער גאַנצער וועלט. די שריפטלעכע באַריכטן, וואָס אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט צוגעשטעלט צו זיינע יערלעכע לאַנדעס־קאָנפערענצן אין יענער צייט, אַנטהאַלטן רעזאָלוציעס וועגן דעם וועלט־פאַרבאַנד. עס איז אפשר כדאַי דאָ לשם היסטאָריע צו ציטירן רעזאָלוציעס כאָטש פון איין קאָנפערענץ אַלס באַשטעטיקונג פון מיין באַהויפּטונג. אָט דאָס זענען די רעזאָלוציעס פון אונדזער לאַנדעס־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קראָקע אין חודש פעברואַר 1935, דאָס איז, אויף דער קאָנפערענץ פאַר דער ענדגילטיקער שפּאַלטונג פונעם וועלט־פאַר־באַנד אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך געווען אַ האָפענונג, אַז דער וועלט־פאַרבאַנד וועט בלייבן איינהייטלעך כאָטש כלפּי חוץ:

„1. די לאַנדעס־קאָנפערענץ ווענדט זיך צו דער לייטונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן מיט דער בקשה, צונויפצורופן אין דער נאָענטסטער צייט אַ קאָנפערענץ פון גאַנץ פוילן פון אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, כדי ענדגילטיק צו רעגולירן די באַציאונגען און כדי צו שאַפן אַ געמיינזאַמע לייטונג און אַ נאָרמאַלע טעטיקייט (פון דעם פאַראייניקטן אַלגעמיינעם ציוניזם אין פוילן).

2. די לאַנדעס־קאָנפערענץ דריקט אויס אַ דאַנק דער לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד מיט ד״ר שוואַרצבאַרט בראש פאַר זיין אַר־בעט צו פאַרשטאַרקן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם.

3. זי ווענדט זיך צו דער לייטונג פון וועלט־פאַרבאַנד פון אַל־געמיינע ציוניסטן מיט דעם פאָרשלאַג, אַנצונעמען שריט כדי גיך צו ליקווידירן דעם קריזיס אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין ארץ־

ישראל און דאָס אין גייסט פון דער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין קראָקע.

4. די לאַנדעס־קאָנפערענץ ווענדט זיך צו דער לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן מיט דער בקשה, זי זאָל צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט כדי אַרומצוריידן די גרונטלאַגן פון צוזאַמענ־אַרבעט פון די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אינערהאַלב פונעם וועלט־פאַרבאַנד.

5. די לאַנדעס־קאָנפערענץ ווענדט זיך צו דער לייטונג פו־נעם וועלט־פאַרבאַנד מיט דער בקשה, אַז די לייטונג זאָל פאָדערן פון דער יוגנט־באַוועגונג הנוער הציוני זי זאָל אַ סוף מאַכן צו דער וואַקלדיקער האַלטונג אירער און זי זאָל צושטיין אין קאָנגרעס־פוילן צו דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין קאָנגרעס־פוילן, וואָס געהערט צום וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיי־נע ציוניסטן (עלטערע לייענער וועלן זיך נאָך דערמאָנען, אַז די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין פוילן, די אָפּי־ציעלע פאַרטרעטערשאַפט פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אין וועל־כער יצחק גרינבוים און משה קליינבוים האָבן געשפּילט די ער־שטע ראָלע, איז נישט צוגעטראָטן צום וועלט־פאַרבאַנד און אַז עס איז נאָר צוגעטראָטן צום וועלט־פאַרבאַנד אַ נישט גרויסע מינדער־הייט אין קאָנגרעס־פוילן, די גרופּע „עת לבנות“, וואָס איז אָנגע־פירט געוועזן פון לעאָן לעוויטע און העשל גאָטליב. די דאָזיקע גרו־פּע האָט געשאַפן איר אייגענע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע און אָט די דאָזיקע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע איז געמיינט אין דער ציטירטער רע־זאָלוציע).

6. די לאַנדעס־קאָנפערענץ אָנערקענט די באַשלוסן, וואָס זע־נען אָנגענומען געוואָרן אויף דער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ פו־נעם וועלט־פאַרבאַנד אַלס אירע אייגענע און פאָדערט אויף אונ־דזער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע צו מאַכן אַן אַנטשפּרעכנדן צושטייער צו די הכנסות פונעם וועלט־פאַרבאַנד, כדי צו דעקן דעם בודזשעט פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן.“

אַט די דאָזיקע רעזאָלוציעס זענען אַ באַווייז ווי שטאַרק עס האָט זיך אידענטיפיצירט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד מיט די אויפגאַבן פונעם וועלט־פאַרבאַנד און אַז אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט באמת געהאַנדלט אין דעם גייסט פון דעם וועלט־פאַרבאַנד, ווייל ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט לאָקאַלע אָדער רעגיאָנאַלע ענינים פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און אַפילו אויך נישט מיט דעם גורל פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין גאַנץ פוילן, אָבער ער האָט אַרומגענומען מיט זיין זאָרג דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין צענדליקער אַנדערע לענדער. דאָס איז נאַטירלעך געווען דער רעזולטאַט פון דעם פאַקט, וואָס דער זיץ פון אונדזער לאַנדעס־עקזעקוטיווע און דער זיץ פון אונדזער וועלט־פאַרבאַנד זענען ביידע געווען אין קראָקע.

ביי אַט דער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון 1935 איז געוועזן פאָרזיצער פון אונדזער עקזעקוטיווע לעאָן סאלפעטער, וואָס האָט זיך מיט איבערגעגעבנקייט פאַרנומען מיט די ענינים פונעם וועלט־פאַרבאַנד. ביי דער זעלבער קאָנפערענץ האָבן מיר טאַקע אויסגעדריקט אָנערקענונג און דאַנק לעאָן סאלפעטערן אַלס דעם אומדערמידלעכן פאָרזיצער פון דער לאַנדעס־עקזעקוטיווע.

איך קאָן אויך נישט גובר זיין דעם דראַנג צו דערמאָנען אין אַט דעם בוך כאָטש עטלעכע כאַראַקטעריסטישע געשעענישן. זיי זענען זיכער נאָר פּרטים, אָבער זיי וואַרפן אַ ליכט אויף דעם דעמאָלסדיקן דראַמאַטישן קאַמף פון דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד און פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פונעם וועלט־פאַרבאַנד, וואָס ביידע האָבן זיך מיט אַזויפיל התלהבות באַמיט צו שאַפן דעם וועלט־פאַרבאַנד. טייל פון די פּרטים דערמאָן איך צום ערשטן מאָל און איך דערמאָן זיי אויך, ווייל איך קאָן נישט גובר זיין דעם יצר־הרע, אַביסל אונטערצושטרייכן אויך מיין צו־שטייער אין דעם דאָזיקן געראַנגל. איך אונטערשטרייך עס בפרט דערפאַר, ווייל הגם איך בין מיט מיין גאַנצער איבערצייגונג געווען אַן אַנהענגער פון דער שיטה פון אַלגעמיינעם ציוניזם (ב), האָב איך דאָך צו יענער צייט געזען דעם העכערן צוועק און אַ מעגלעכקייט צו פאַרבינדן די גרופּע (ב) מיט דער גרופּע (א). איך האָב דעמאָלט געגלייבט אַז עס איז

ווערט מותר צו זיין אויף אייניקע פונקטן פון דעם פּראָגראַם פון דער גרופּע (ב) כדי צו אַמאַלגאַמירן די באַוועגונג פון ביידע גרופּעס.

## חיים ווייצמאַנס פאַלשער שריט

אַט דאָס איז די ערשטע דעראַינערונג, וועלכע איך וויל דאָ אויפפרישן: אויף דעם 17טן קאָנגרעס אין יאָר 1931 האָט די גרופּע (ב) געהאַט 59 דעלעגירטע און די גרופּע (א) 25. דער קאַמף פאַר ווייצמאַן און קעגן ווייצמאַן איז געגאַנגען צוריק צום חודש אָקטאָבער 1930 און אַפילו נאָך פריער. ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, האָבן די אונטערהאַנדלונגען פון אונדזער וועלט־עקזעקוטיווע מיט דעם קאָלאָניאַל־מיניסטער פּאַספילד (אַ פירנדיקער מיטגליד פון דער לייבאָר פּאַרטיי) באַוויזן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווייס־בוך, אַז עס קומען גאָר פינצטערע צייטן פאַר ארץ־ישראל אויף דעם פּאָליטישן און קאָלאָניזאַטאָרישן געביט. די קאָמיסיע פון סימסאָן האָט אָפּגעגעבן אַ זייער מרה־שחורהדיקן באַריכט קעגן דער ציוניסטישער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. ווייצמאַן האָט געפילט, אַז זיין פּאָליטיק, וואָס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך פּראָ־בריטיש, ווייל גרויס־בריטאַניע איז דאָך געווען דער פּאָליטישער באַלעבאָס פון ארץ־ישראל, פירט צו אַ מפּלה. ער אַליין האָט דערפאַר דערקלערט די גרייטקייט צו רעזיגנירן. דער רעספּעקט פאַר חיים ווייצמאַן אין אונדזער באַוועגונג, פאַר זיין פּערזענלעכקייט, איז געווען אַ געוואַלטיקער, אַפילו ביי די קעגנער פון זיין פּאָליטישער ריכטונג. זיין פּאָזיציע איז מאָראַליש געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז באמת געווען אויך פאַר דער אָפּאָזיציע שווער צו קעמפן קעגן זיין אויטאָריטעט. איך פּערזענלעך האָב אַלס דעלעגאַט און אַלס פּאַרזיצער פונעם וועלט־פאַרבאַנד אויך געהערט צו די אַנטשלאָסענע קעגנער פון זיין פּאָליטישער ריכטונג. אונדזער גרופּע איז געווען איבערצייגט, אַז ווייצמאַנס פּאַציפיסטישע פּאָליטיק דערפירט צו גאָרנישט. ליידער האָבן מיר אַחוץ אַן אַנדערן אני מאמין אַליין נישט געהאַט זיכערע מיטלען צו דערפירן צו אַ נצחון פון אַן אַנדערער פּאָליטיק. דאָס האָט נאַטירלעך צוריקגעהאַלטן אויך די קעגנער פון ווייצמאַנס פּאָליטיק פון אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן אים. ווייצמאַן האָט זיך ווייי־

טער געהאַלטן אין זיין פּאָליטיק הגם ער האָט געוואָלט רעזיגנירן. שוין אויף דער אַקציאָנס־קאָמיטעט־זיצונג אין בערלין אין יאָר 1930 — איך אונטערשטרייך ווידער — איז עס בולט געקומען צום אויסדרוק, אַז ווייצמאַן באַטראַכט אַן אָפענע יידנשטאַט־פּאָליטיק אין דעם דאָזיקן מאָמענט און אויך אַ פּאָליטיק פאַר דעם קאַמף פון אַ יידישער מערהייט אין ארץ־ישראל אַלס שעדלעך. עס זענען דאָ אין דער פּאָליטיק אימפּאָנדעראַבי־ליען, וואָס וועגן אָפטמאָל זייער שטאַרק. ווייצמאַן, דער אומגעהויער קלו־גער מענטש, האָט געהאַט ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר דער דינאַמיק פון אימפּאָנדעראַביליען אין דער פּאָליטיק. ער איז דאָך געווען באמת אַן אַנ־טי־הערצליאַנער און אין אמתן אַן אַזוי גערופענער „פּראַקטישער ציוניסט״. זיין מאַנגל פון פאַרשטענדעניש פאַר דער וואָגיקייט פון אימפּאָנדעראַבי־ליען אין אונדזער קאַמף האָט פאַרטיפט די ביטערקייט מצד דער אָפּאָזי־ציע קעגן דער פּאָליטיק פון ווייצמאַן.

אין דער צייט, ווען די גרופּע (ב) האָט געפירט אַ גאַר שווערן קאַמף מיט דער גרופּע (א) כדי צו שאַפן דעם וועלט־פאַרבאַנד טראָץ דער קלאָ־רער מחיצה צווישן דער גרופּע (א) און דער גרופּע (ב) אין פּאָליטישע ענינים, זענען פאָרגעקומען געשעענישן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס גופא, וועלכע האָבן די דאָזיקע מחיצה נאָך מער פאַרטיפט. ווייצמאַן האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין אַן אינטערוויו מיט דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור. זיין דערקלערונג האָט באַשטעטיקט זיין נעגאַטיוון שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע פון אויפנעמען אין יענער צייט אַן אָפענעם קאַמף פאַר אַ יידישער מערהייט אין ארץ־ישראל און פאַר אַ יידישער מלוכה. דאָס פּאַספילד ווייסבוך, וואָס האָט זיך קלאָר אַנטקעגנגעשטעלט די דאָזיקע צוויי פאָדערונגען, האָט זיך דווקא געצייטיקט אין אַ קלאָרן אני מאמין פאַר דער יידישער מלוכה און פאַר אַ מערהייט מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג. האָט אָבער ווייצמאַן אין דעם אינטערוויו זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן אַזעלכע פּראָ־מלוכהשע דערקלערונגען און דאָס האָט ממילא באַדייט דאָס אונטערוואַרפן זיך אונטער דער ריכטונג פון פּאַספילד. די אויטאָ־ביאָגראַפיע פון פּרעזידענט ווייצמאַן גיט, לויט מיין מיינונג, נישט גענוג אויפקלערונג וועגן זיין דעמאָלטיקער גאָר וויכטיקער ראָלע אין דעם גאַנצן ענין. איך האָב דאָס געפיל, אַז זיכער זענען נישט אַלע דאָקומענטן פון

דעם ציוניסטישן אַרכיוו פון יענער צייט געקומען צום אויסדרוק אין „ער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע. די באַציאונג פון דעם ערשטן שפּעטערדיקן פּרעזידענט פון מדינת ישראל צו דעם ענין פון אַ „ברית שלום" בי־נאַ־ציאָנאַלער פּאַלעסטינאַ מלוכה ברייטיקט זיך נאָך אין ווייטערדיקע אויפ־קלערונגען. אפשר וועט אַמאָל קומען די צייט דעם ענין קלאָרער צו מאַכן. אָבער לאָמיר צוריקגיין צום יאָר 1931.

עס האָט געקאָכט אין דעם לאַגער פון דער אָפּאָזיציע צו פּרעזידענט וויצמאַן נאָך דעם דאָזיקן אינטערוויו פון וויצמאַן. דער שטן מקטרג פון דעם דאָזיקן אינטערוויו הינטער די קוליסן איז אונדז געוועזן גוט באַקאַנט. עס איז געוועזן דווקא אַ פירנדיקער ציוניסט פון דער גרופּע (א) פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. די אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען נישט נאָר פון דער גרופּע (ב) פון אַלגעמיינע ציוניסטן. דער מזרחי, די רעוויזיאָניסטן און — די ראַדיקאַלע אַלגעמיינע ציוניסטן, געפירט פון נ. גאָלדמאַן און י. גרינבוים, זענען אויך געווען אויפגעקאָכט קעגן דעם אינטערוויו פון וויצ־מאַן. וויצמאַן האָט אַרויפגעגאָסן אויל אין פייער.

חיים וויצמאַן האָט געהערט צו דעם לאַגער פון אַלגעמיינע ציו־ניסטן. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן קוק אויף דער פּראָבלעם פון אַלגע־מיינעם ציוניזם. אָבער חיים וויצמאַן האָט געהאַט דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענעם קוק. אין דער געשפּאַנטער סיטואַציע, ווען דער קאָנגרעס איז געווען צעטיילט, איז וויצמאַן נאַטירלעך געווען אויסן צו באַקומען אַ מערהייט פונעם קאָנגרעס פאַר זיין אני מאמין.

ווי באַקומט מען אָבער די דאָזיקע מערהייט? ער איז געווען זיכער אין די 25 שטימען פון דער גרופּע (א), אָבער ער איז נישט געווען זיכער אין די 59 שטימען פון דער גרופּע (ב). אין אַ פּריוואַטן אַוונט בעת דעם קאָנגרעס זענען צו דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות געקומען אין נאָ־מען פון חיים וויצמאַן צוויי דעלעגירטע, מיס דאגדעיל, אַ פּלימעניצע פון לאָרד באַלפור, און פּראָפעסאָר לואיס בערנשטיין־נאמיער, דער פּאָ־ליטישער ראַטגעבער פון דער עקזעקוטיווע (דער הייגטיקער סער לואיס). די דעלעגירטע האָבן מיך אין מיין אייגנשאַפט אַלס פאָרזיצער פונעם וועלט־פאַרבאַנד פאַרבעטן צו וויצמאַנען. איך בין נאַטירלעך געגאַנגען. ביי וויצמאַנען אין זיין צימער, אין דעם באַרימטן האָטעל „דריי קעני־

גע״ אין באַזעל, איז אויך געווען יצחק ביידיטש ז״ל און ד״ר מאַרטין ראָ־זענבליט. לאַנג, לאַנג האָט ווייצמאַן אַנטוויקלט זיין פּאָליטישן אני מאמין. עס איז געווען צו זען, אַז ער ליידט. עס האָט זיך געלאָזט פילן, אַז די פּאָליטיק, וועלכע ער פּרעדיקט איז אַ מין פאַרצווייפלונגס־פּאָליטיק. איך האָב מיך צוגעהערט מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד. עס איז געווען אַ באמת דערשיטערנדיקער מאָמענט אין מיין אייגענער ציוניסטישער טעטיקייט, ווייל איך בין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַ גרויסן פירער, וועלכער האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר זיינע פּאָליטישע געדאַנקען אין דעם שיידוועג פון ציוניזם. דער צוועק איז נאַטירלעך געווען קלאָר: דורך מיר צו געווינען דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן פאַר זיין דעמאָלטיקער פּאָליטיק. אָבער פּאָליטיש האָט מיך די רירנדיקע רעדע פון פּראָפעסאָר ווייצמאַן נישט איבערצייגט. איך האָב נישט געענטפערט מעריטאָריש, איך האָב נאָר דערקלערט, אַז איך וועל זיינע געדאַנקען איבערגעבן אויף דער זיצונג פון דער גרופּע (ב) פון אַלגעמיינע ציוניסטן. איך האָב עס געטאָן אַזוי אָביעקטיוו, ווי עס קען נאָר זיין אַ פּאָליטישער קעגנער. די קעגנערשאַפט האָט — איך אונטערשטרייך עס — גאָרנישט געהאָט צו טאָן מיט דער פּערזאָן פון חיים ווייצמאַן אַלס אַזעלכער. פאַרקערט, און איך חזר עס איבער, עס איז געווען זייער שווער זיך אַנטקעגנצושטעלן ווייצמאַנען, ווייל ער איז געווען אַ גאָר גרויסע פּערזענלעכקייט. די דעבאַטע אין אונדזער וועלט־פאַרבאַנד איז אויסגעפאַלן נעגאַטיוו. און אַזוי איז אויך געווען מיין פּערזענלעכע שטעלונג. מיר האָבן אויך געקעמפט פאַר אַ שיטה, פאַר אונדזער שיטה. מיר האָבן אויך געהאַט איבערצייגונגען וועגן דעם, וואָס איז גוט אָדער שלעכט פאַרן ציוניזם. און ווער עס איז באמת גערעכט אין אַ קאַמף פון צוויי אויפריכטיקע מיינונגען, אַנטשיידט דאָך נישט אַ באַשלוס, נאָר — דאָס לעבן.

איך האָב דאַן פּראָפעסאָר ווייצמאַן מיטגעטיילט דעם נעגאַטיוון באַשלוס פון דער גרופּע (ב) פון אַלגעמיינע ציוניסטן און דאָס האָט, נאַטירלעך, גורם געווען אויך אויף אַ נאָך שטאַרקערער פאַרטיפונג פון דער מחיצה צווישן דער גרופּע (ב) און דער גרופּע (א) פון אַלגעמיינע ציוניסטן. אָבער סוף־כל־סוף איז דער ענין פונעם גורל פון אַלגעמיינע ציוניסטן, ווי וויכטיק ער זאָל נישט געווען זיין, דאָך געווען נאַטירלעך אַ סך

ווייניקער וויכטיק ווי דער פּראָבלעם פון דער בריטישער פּאָליטיק קעגן דער פּאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

## דער גרויסער פּאָליטישער וויכוח אויף דעם 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס

אַ דראַמאַטישער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט אויף דעם דאָזיקן 17טן קאָנגרעס, איינעם פון די וויכטיקסטע קאָנגרעסן, אַרום דעם ענדציל פון ציוניזם. בעצם איז דאָס געווען אַ קאַמף צווישן צוויי גרויסע, אָבער גאָר אַלטע שיטות. די איינע: ענדצילן מוז מען לאַנגזאַם, אָרגאַניש פּ אַ ר־ ווירקלעכן, דאַן וועלן זיי אַן ענדציל — האָט דער עוואָלוציאָ־ ניסט ווייצמאַן געפּרעדיקט. און די צווייטע: ענדצילן מוז מען פּ ר אָ־ קלאַמירן, כדי אָנצושפּאַנען די כוחות, דעם ווילן, מעשים פּאַו זייער פּאַרווירקלעכונג — האָט גערופן דער אַנטי־ווייצמאַן לאַגער. ווייצמאַן האָט נאַטירלעך גוט געפילט און פאַרשטאַנען די שווערקייט פון זיין פּאָ־ זיציע נאָך דעם בריטישן „ווייסבוך“. נאָך אומגעהויערע באַמיאונגען איז עס ווייצמאַנען געלונגען צו באַקומען פון דעם פּרעמיער־מיניסטער ראַמ־ זאַי מאַקדאָנאַלד אַ בריוו, וואָס האָט דיאַלעקטיש אָפּגעשוואַכט דעם אינ־ האַלט פון דעם „ווייסבוך“. און דעם דאָזיקן בריוו האָט ווייצמאַן באַנוצט אַלס אַ קאַמף־מיטל קעגן דער אָפּאָזיציע. אָבער דאָס האָט נישט איינגע־ שטילט די אָפּאָזיציע, ווייל מאַקדאָנאַלדס בריוו האָט דאָס ווייסבוך נאָר איינגעוויקלט אין שיינע ווערטער, אָבער די נשמה פון דעם ווייסבוך, די אמתדיקע באַדראָאונגען פאַרן ציוניזם זענען געבליבן. זעלבסטפאַרשטענד־ לעך וויל איך דאָ נישט באַשרייבן די גאַנצע געשיכטע פון דעם דאָזיקן דראַמאַטישן קאָנפליקט. אָבער זי האָט אַ דירעקטן שייכות מיט די דעמאָל־ טיקע אונטערהאַנדלונגען צווישן ביידע טיילן פון אַלגעמיינעם ציוניזם. און דערפאַר מוז איך דאָ באַשרייבן דעם הינטערגרונט פונעם קאַמף אַרום ווייצמאַן און דער פאָרמולירונג פונעם ענדציל. נאָר דאַן קאָן עס ווערן פאַרשטענדלעך ווי גרויס עס איז געווען דער דערפאָלג פון אונדזער לאַנ־ דעס־פאַרבאַנד, אַז מיר האָבן טראָץ די אַלע אינערלעכע פּאָליטישע מחי־ צות אין דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער גופא דאָך רעאַליזירט די גרינ־

דונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן און דאָס אויף דעם זעלבן ציוניסטישן קאָנגרעס.

זייט יענער צייט זענען אַוועק גאַנצע 25 יאָר, די צייט פון אַ גאַנ־צער גענעראַציע, און דערפאַר איז עס כדאַי כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן אויפצופרישן דעם דאָזיקן הינטערגרונט, כדי בעסער צו פאַרשטיין, וואָס עס זענען געווען די שוועריקייטן פאַר דער היסטאָרישער איניציאַטיווע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד.

די אַנטשיידונג איבער אַ צוטרוי צו פּרעזידענט ווייצמאַן אין צוזאַ־מענהאַנג מיט זיין אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן דער יידישער טעלע־גראַפן־אַגענטור איז דורך דעם קאָנגרעס איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע. דאָרט האָט זיך דער ענין אויסגעקאָכט. און אויס־געקאָכט האָט ער זיך אין אַ זייער הויכער טעמפּעראַטור. אַ מערהייט פון אַלע פּאַרטייען, חוץ מפא״י און אַחוץ די אַלגעמ׳יינע ציוניסטן פון דער גרופּע (א) האָט זיך אין דער קאָמיסיע אַרויסגעזאָגט קעגן דער פּאָ־ליטיק פון ווייצמאַן. די באַראַטונגען פון דער קאָמיסיע האָבן לאַנג גע־דויערט. דער פּלענום פונעם קאָנגרעס האָט געוואַרט מיט אומגעדולד. דער רעפערענט פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע איז געווען איינער פון אונ־דזערע שוין אין יענער צייט געניטסטע טאַקטיקער און פּאָליטישע סטראַ־טעגן, ד״ר נחום גאָלדמאַן, דער היינטיקער נאָכפאָלגער פון ווייצמאַן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ער איז א ו י ך געווען אין יענער צייט אין דעם אַנטי־ווייצמאַן לאַגער צוזאַמען מיט זיין „ראַדיקאַלער״ גרופּע, וואָס זי האָט געהאַט בסך־הכל אַכט מאַנדאַטן אויפן קאָנגרעס. די ראַדיקאַלע גרופּע איז אַנטשטאַנען אַלס אַן אָפּאָזיציע אין דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער. דער 17טער קאָנגרעס האָט געציילט 254 געוויילטע דעלעגירטע. עס איז געווען אַ בולטע אָנערקענונג פאַר דער פּאָליטישער פעאיקייט פון ד״ר נחום גאָלדמאַן, וואָס מען האָט אים אַלס פאַרטרעטער פון אַ קליינער גרופּע געוויילט אַלס רעפערענט אין דעם וויכטיקסטן ענין פונעם קאָנגרעס. די נערוועזיטעט פונעם קאָנגרעס איז געוואַקסן, די שטימונג איז געווען אָנגעלאָדן ביז גאָר.

אָט אין אַזאַ סיטואַציע איז דער רעפערענט געקומען צום פּלענום — ער האָט דעמאָלט געהאַלטן איינע פון זיינע גלענצנדסטע אָפּאָזיציע־רע־

דעס. און דאָן האָט ער אין נאָמען פון דער מערהייט פון דער קאָמיסיע פאָרגעלייגט דעם ע ר ש ט ן פ אָ ר ש ל אַ ג :

„דער קאָנגרעס באַדויערט די דעקלאַראַציע, וואָס ד״ר וויצמאַן האָט געמאַכט אין זיין אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור, און באַטראַכט זיין ענטפער אויף דער אינטערפּעלאַציע אַלס נישט צופרידנשטעלנדיק.״

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר פ אָ ר ש ל אַ ג, וועלכן ד״ר נ. גאָלדמאַן האָט פאָרגעלייגט פאַרן פּלענום פונעם קאָנגרעס, אויך אין נאָמען פון דער מערהייט פון דער קאָמיסיע, איז געווען אַ פּאָליטישער אני מאמין־פאָרשלאַג וועגן אונדזערע ענדציִלן. ער איז גאָר אַ לאַנגער און איך מוז מיך דאָ צוליב דעם באַנוגענען נאָר מיט אַ תמצית. דער פאָרשלאַג אונטערשטרייכט די נויטווענדיקייט פון אַ גרויסער און אומאונטערגעבראָכענער אימיגראַציע צו דער היסטאָרישער היים פונעם יידישן פאָלק און די נויטווענדיקייט צו שאַפן דאָרט אַ נאָרמאַלע עקזיסטענץ. אויף אַ גאָר שטאַרקן אופן דריקט די רעזאָלוציע אויס דעם באַדויערן כלפּי אַלע פּאַרזוכן צו פאַרקלענערן דעם דאָזיקן פונדאַמענטאַלן ציל פון ציוניזם. דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט אָבער נישט בפירוש גענוצט דאָס וואָרט „יידישע מלוכה״. ער האָט אָבער אויפגעציילט די תמציתדיקע אַטריבוטן פון אַ מלוכה. און אין דעם איז געלעגן דער קאָמפּראָמיס, כדי צו געווינען די שטימען פון די וואַקלדיקע דעלעגאַטן, וואָס זייערע איבערצייגונגען זענען געווען מיט דעם אַנטי־וויצמאַן לאַגער, אָבער וואָס זייער האַרץ איז געווען מיט וויצמאַנען. די דאָזיקע אַטריבוטן, וואָס זענען אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דער רעזאָלוציע זענען געווען דער היפוך פון דעם וואָס עס האָט אויסגעדריקט וויצמאַן אין זיין אינטערוויו מיט דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור.

ד ע ר ד ר י ט ע ר פ אָ ר ש ל אַ ג, אָדער גיכער, אַ צוגאָב־פאָרשלאַג איז געווען אַ פאָרשלאַג פון יצחק גרינבוים. ער האָט געפאָדערט צוצוגעבן אין דער רעזאָלוציע פון דער מערהייט די ווערטער: „מלוכהשע עקזיסטענץ״, כדי בפירוש דאָס אויסצודריקן, וואָס וויצמאַן האָט אויסגעמיטן און כדי צו צעשטערן דעם אינהאַלט פון אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איך האָב אים דאָ אָקאָרשט כאַראַקטעריזירט.

ד ע ר פ ע ר ט ע ר פאַרשלאַג איז געווען דער פאַרשלאַג פון די רעוויזיאַניסטן, וואָס זיי זענען געווען אָנגעפירט פון וולאַדימיר זשאַבאָ־טינסקי און מאיר גראָסמאַן. זיי האָבן געציילט אויף דעם דאָזיקן קאָנ־גרעס 52 דעלעגירטע, וואָס האָט באַטראָפן 21 פראָצענט פונעם קאָנגרעס. די רעוויזיאָניסטישע רעזאָלוציע איז אויך געווען אַ לאַנגע און איר תמצית איז געווען, אַז דער ענדציל איז די יידישע מלוכה פון ביידע זייטן ירדן.

און דאַן איז געקומען דער פ י נ פ ט ע ר פאַרשלאַג פון חיים אַרלאָזאָראָוו ז״ל, איינעם פון די הייסעסטע אונטערשטיצער פון ווייצמאַ־נען, אַ רעזאָלוציע געשטעלט גיכער אין זיין אייגענעם נאָמען ווי אין נאָ־מען פון דער מערהייט פון מפא״י. די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט געפאָ־דערט נישט מער און נישט ווייניקער ווי איבערצוגיין צום סדר־היום אי־בער אַלע פריערדיקע רעזאָלוציעס און אַזוי אַרום אויסצודריקן צוטרוי צו ווייצמאַנס פּאָליטיק.

עס האָט געקאָכט אויפן קאָנגרעס, ווייל דאָס איז דאָך געווען אַ קאַמף וועגן דער נשמה פונעם ציוניזם, די גרויסע אידייע פון איינהייט, וואָס דער ציוניזם האָט רעפּרעזענטירט און דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט פאַרווירקלעכט, די דאָזיקע גרויסע אידייע האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען.

ווי האָט זיך אין דעם בילד פון די אָפּשטימונגען איבער די דאָזיקע פאָרשלאַגן אויסגעדריקט דער פּראָבלעם פון דער איינהייט פון ׳ אַ ל ג ע־מ יי נ ע ם צ י ו נ י ז ם? ווי האָט זיך אויסגעדריקט די איינהייט פון אונדזער אייגענער מערב־גאַליציישער דעלעגאַציע פון אַלגעמיינע ציו־ניסטן, וואָס האָט געציילט זיבן דעלעגירטע. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז די דאָזיקע לעצטע פראַגע געווען נומעריש אָן אַ גרעסערער באַדייטונג. אָבער וויכטיק איז געווען די ערשטע פראַגע, ווייל ביידע גרופּעס פון אַל־געמיינע ציוניסטן האָבן געציילט 84 דעלעגירטע פון צווישן 254.

נאָך איבער דעם פאַרשלאַג פון אַרלאָזאָראָוו און איבער אַ זעקסטן פאַרשלאַג איבערצוגיין צום סדר־היום פון דעם רעוויזיאָניסטישן פאַר־שלאַג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אָפּשטימונג לויט נעמען און דערפאַר קאָן נאָר וועגן די צוויי אָפּשטימונגען געגעבן ווערן אַ מער דעטאַלירטער ענטפער אויף מיינע צוויי פראַגן. אַרלאָזאָראָווס פאַרשלאַג איבערצוגיין צום סדר־היום איבער אַלע פאַרשלאַגן, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ

קלײנער מערהײט פון 120 שטימען קעגן 103 און צווישן די 120 איז גע־וועז נאָר אַ טײל פון די זיבן דעלעגירטע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. דער גרויסער רוב פון די 59 דעלעגירטע פון דער גרופּע (ב) פון די אַל־געמײנע ציוניסטן האָט געהערט צו דער צאָל פון 120. צווישן דער מינ־דערהײט פון 103 שטימען זענען געווען כמעט אַלע דעלעגירטע פון דער גרופּע (א) פון די אַלגעמײנע ציוניסטן, אָבער אויך אַ טײל פון די זיבן דעלעגירטע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. אין אָט דעם בוך, וואָס איז ראשית־כל געווידמעט זכרונות וועגן דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד וועט עס נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַ פּראָווינציעלער עגאָצענטריזם, ווען איך וועל פּרטימדיק איבערגעבן, וויאַזוי די זיבן דעלעגאַטן פון מערב־גאַ־ליציע שלעזיע האָבן געשטימט: פאַר דעם פאָרשלאַג פון אָרלאָזאָראָוו האָבן געשטימט חיים נײגער, וואָס האָט ליב געהאַט שלום און איזאַק גרינשטײן, וואָס האָט נישט געהאַט ליב — קאַמף. קעגן דעם פאָרשלאַג פון אָרלאָזאָראָוו האָבן געשטימט ד״ר יאַקאָב פּראַנט, אברהם האַפּשטעטער און ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט, וואָס אַלע דרײ זענען געווען נאָענט צום פּאָליטישן פּראָגראַם פון די רעוויזיאָניסטן. כדי די צעריסנקײט זאָל זײן נאָך אינטערעסאַנטער האָבן זיך צוויי מיטגלידער פון אונדזער דעלעגאַ־ציע אָפּגעהאַלטן פון דער אָפּשטימונג. דאָס איז געווען ד״ר סאַמועל שפּאַן, וואָס עס האָט אים געצויגן אַביסל צו ווײצמאַנען, און דער פירער פון אונ־דזער דעלעגאַציע, ד״ר יהושע טאָן, וואָס עס האָט אים ווײ געטאָן אָפּצור־קוילען דעם גאַנצן ענין אין אַ פאָרמעלער אָפּשטימונג.

אַ דערלײכטערונג האָט זיך געפילט אין זאַל, ווען דער פאָרשלאַג פון אָרלאָזאָראָוו איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אָרלאָזאָראָוו איז געווען אַ טעמ־פּעראַמענטפולער רעדנער. ער איז געווען יונג, זײער אינטעליגענט און נישט איבעריק באַשײדן, האָבן זײנע רעדעס געצונדן און די וואַקלדיקע אַריבערגעצויגן צו זײן לאַגער. איז עס באמת נישט געווען אין גאַנצן זי־כער, ווי עס וועט אויספאַלן די אָפּשטימונג. פון דער אָפּשטימונג איז טאַ־קע צו זען, ווי קלײן עס איז געווען דער אונטערשייד פון שטימען צווישן די ביידע לאַגערן. און דערפאַר איז די דערלײכטערונג אין זאַל געווען אַזוי גרויס. איך בין שטאַרק חושד אַ טײל פון דער מינדערהײט, אַז זי איז דע־מאָלט געווען אין האַרצן צופרידן, אַז זי איז דורכגעפאַלן. פּאַרטײ־דיס־

ציפּלין האָט זי געצוווּנגען צו שטימען פאַר דעם פאַרשלאַג פון אַרלאָזאָ־ראָוו, אָבער עס האָט איר פּאַרט ווייַ געטאָן איבערצוגיין צום סדר־היום איבער אַ נשמהדיקן ענין אין אונדזער באַוועגונג — דער יידישער מלוכה.

אָבער די שפּאַנונג האָט נישט נאָכגעלאָזט. די דערלייכטערונג איז געווען ווי אַ קורצער זיפץ... נישט מער. עס איז געקומען באַלד צו דער אָפּשטימונג פון דעם צוגאָב־פאַרשלאַג פון יצחק גרינבוים, וואָס איך האָב אים אויבן באַצייכנט אַלס דעם דריטן פאַרשלאַג. דער שטאַטסמענישער חוש פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס מיט זיין גרויסער פּאָליטישער שולע און געניטקייט האָט זיך דאָ ווידער באַוויזן. גרינבוים האָט געוואָלט מיט הערנער אדורכשטויסן די וואַנט. ער האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט, וואָס דער נומערישער כוח פון די צוויי לאַגערן איז געווען כמעט אַ גליי־כער. אָבער דער קאָנגרעס האָט געטראַכט וועגן דער גאַנצקייט פון דער באַ־וועגונג, האָט זיך גערעכנט דערמיט, אַז מען טאָר נישט צו שטאַרק פאַר־גוואַלטיקן אַ שטאַרקע מינדערהייט. ער האָט נישט געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם ריס אין אַ תהום. דער ריס איז שוין סיי ווי סיי געווען גענוג טיף. האָט דער קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן דעם צוגאָב־פאַרשלאַג פון יצחק גרינבוים מיט 115 שטימען, אָבער די מינדערהייט איז צוזאַמענגעשרומפּן פון 103 אויף 60. און אַזוי אַרום האָט זיך געעפנט דער וועג פאַר די מעריטאָרישע קאָמפּראָמיס־פאַרשלאַגן פון דער מינדערהייט. ווי נאָר די דאָזיקע צוויי פאַרשלאַגן פון אַרלאָזאָראָוו און גרינבוים זענען דורכגעפאַלן, איז געקו־מען דער סדר פאַר די צוויי מעריטאָרישע פאַרשלאַגן. דער ערשטער פון זיי, וואָס דריקט אויס באַדויערן וועגן ווייצמאַנס דערקלערונג, איז אָנגע־נומען געוואָרן אין אַ פּשוטער אָפּשטימונג, מיט 123 שטימען פאַר און 106 קעגן. דאָס איז געווען נאַטירלעך אַ קלאָרער אויסדרוק פון אומצו־טרוי צו ווייצמאַנס פּאָליטיק און ממילא אויך צו אים. די שפּאַנונג איז ווידער געוואַקסן. דאָס בלאַסע און שטאָלצע פּנים פון חיים ווייצמאַן איז געוואָרן נאָך בלאַסער און נאָך שטאָלצער. די ליבשאַפט צו דעם ענדציל אונדזערן האָט זיך אָבער באַוויזן שטאַרקער, נאָך שטאַרקער ווי דער רעס־פּעקט צו אַ פירער פון ווייצמאַנס קאַליבער.

נאָך דער דאָזיקער אָפּשטימונג איז די אַנטשפּאַנונג געוואָרן גרעסער, ווייל דער הערצליאַנישער ציוניזם איז צוריק אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף

זיין טראַן. און אַ ווייטערדיקער אונטערברעכונג איז דאַן אָפּגעשטימט גע־וואָרן דער צווייטער מעריטאָרישער מערהייטס־פּאָרשלאַג, וועגן וועלכן עס האָט רעפערירט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע דר. נחום גאָלדמאַן. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי דער טערמאָמעטער פון די אָפּשטימונגען שטייגט און פאַלט לויט דעם ציוניסטישן „רעזאָן ד'עטאַ". די מערהייט פאַר דעם פאָרשלאַג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע איז פּלוצלינג גע־שטיגן ביז צו 162! דאָס איז שוין געווען אַן אַבסאָלוטע מערהייט פון דער גאַנצער צאָל דעלעגירטע פון 254. די סטראַטעגיע אַריבערצוציען אַ טייל פון דער פּראָ־ווייצמאַן גרופּע האָט זיך אַדאַנק דער נישט־פּראָוואָצירנדי־קער פאָרמולירונג פון דעם מערהייטס־פּאָרשלאַג באַוויזן אַלס ריכטיק. פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט און פאַר ענגלאַנד איז עס דורך דער דאָזיקער אָפּשטימונג געווען קלאָר, אַז אַ מערהייט פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, פון אונדזער העכסטער קערפּערשאַפט, איז פאַר אַלע אַטריבוטן, וואָס זייער אינהאַלט איז אַ — מלוכה, הגם דאָס וואָרט „מלוכה" איז נישט באַנוצט געוואָרן. עס איז שוין געווען אין גאַנצן איבעריק צו ציילן די שטימען קעגן, ווייל אַ קלאָרע מערהייט איז געווען פאַר דעם פאָרשלאַג. און דער פּרעזידענט פונעם קאָנגרעס האָט אויך נישט מער געפאָדערט פון דעם קאָנגרעס אַז עס זאָלן געציילט ווערן די שטימען קעגן דעם פאָרשלאַג.

עס איז באמת געווען אַ היסטאָרישע זיצונג!

איז דאָס, דאָס גאַנצע בילד? ניין.

עס איז נאָך איבערגעבליבן דער מינדערהייטס־פאָרשלאַג פון די רע־וויזיאָניסטן (אויבן באַצייכנט אַלס פּערטער). דער קאָנגרעס האָט געפּילט, אַז אָפּוואַרפן מעריטאָריש אַ רעזאָלוציע, וועלכע דריקט אויס די סאַמע חלומות פון אונדזער געשיכטע, די חלומות פון דער צייט פון שלמה המלך און דוד המלך, וואָלט געווען אַ פּאָליטישער פעלער. און דערפאַר איז געשטעלט געוואָרן אַ פאָרשלאַג — און דאָס איז געווען דער זעקס־טער פאָרשלאַג — איבערצוגיין צום סדר־היום איבער דער רעוויזיאָ־ניסטישער רעזאָלוציע. נאָך דעם אָננעמען פון דער מערהייטס־רעזאָלוציע פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, האָט אַזאַ פאָרשלאַג נישט מער געהאַט דעם שאַרפן אַקצענט ווי דאָס שטימען קעגן דער רעוויזיאָניסטישער רע־

זאָלוציע גופא. און אַט דאָ איז ווידער געקומען צו אַן אָפּשטימונג לויט די נעמען פון די דעלעגאַטן. עס איז געווען אַ לאַנגע פּראָצעדור. אָבער מיט אַ באַוווּנדערונגסווירדיקער געדולד האָבן אונדזערע קאָנגרעסן אָפּט־מאָל דורכגעפירט שעהנלאַנגע אָפּשטימונגען לויט נעמען לשם דעמאָקראַטיע און איך זאָג עס מיט יראת הכּבוד.

וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָפּשטימונג, אי־בערצוגיין צום סדר־היום איבער דער רעוויזיאָניסטישער רעזאָלוציע?

אַ זייער אינטערעסאַנטער.

מיט 127 שטימען קעגן 57 האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן איבער־צוגיין צום סדר־היום איבער דער רעוויזיאָניסטישער רעזאָלוציע. און אַזוי ווי די אָפּשטימונג איז געווען לויט נעמען און רעוויזיאָניסטישע מאַנדאַטן זענען געווען 52, איז עס קלאָר, אַז כמעט דער גאַנצער קאָנגרעס, אַחוץ די רעוויזיאָניסטן (52), איז געווען פאַר איבערגיין צום סדר־היום. דער קאָנ־גרעס האָט נישט געוואָלט פירן דעם קאַמף ביז גאַר, ווייל דער קאַמף קעגן דער „סבלנות״־פּאָליטיק פון ווייצמאַן איז שוין געווען סיי ווי סיי אַנט־שידן קעגן דער פּאָליטיק פון ווייצמאַן.

אָבער איך וויל דאָ ווידער לשם היסטאָריע פון אַ פּראָווינץ דערמאָ־נען ווי עס האָבן געשטימט די זיבן אַלגעמיין ציוניסטישע דעלעגאַטן פון מערב־גאַליציע און שלעזיע ביי דער דאָזיקער אָפּשטימונג, לויט נעמען. אַ צווייטער אינטערעסאַנטער פּרט, ווייל ער איז אַ ווייטערדיקער באַווייז אַז די דעמאַרקאַציע־ליניע אין פּאָליטישע ענינים איז נישט געווען אַ פּאַרטייאישע אָדער אַ טעריטאָריעלע. צוויי דעלעגירטע פון אונדזערע זיבן האָבן געשטימט פאַר דעם איבערגאַנג צום סדר־היום וועגן דער רעווי־זיאָניסטישער רעזאָלוציע (נייגער און גרינשטיין), פיר האָבן זיך אָפּגע־האַלטן פון דער אָפּשטימונג (טאָן, שפּאַן, האָפּשטעטער, שוואַרצבאַרט) און נאָר איינער האָט געשטימט קעגן דעם איבערגאַנג צום סדר־היום, דאָס הייסט, מיט די רעוויזיאָניסטן (דר. יעקב פראַנט ז״ל). (עס איז אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס געווען אויך דר. יהודה אָרענשטיין, פון קראָקע אַלס דעלעגירטער, אָבער געוויילט איז ער געוואָרן אין מזרח־גאַליציע, און דערפאַר דערמאָן איך אים דאָ נישט צווישן אונדזערע שטימען).

אַט דאָס איז געווען דאָס בילד: צעשניטן איז געווען דער וועלט־

פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין אַ צייט, ווען עס האָט געזאָלט געבוירן ווערן זיין איינהייט אויף דעם קאָנגרעס. צעשניטן איז אויך געווען די דעלעגאַציע פון אונדזער קליינעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. ווי שווער איז עס דערפאַר אויסגעקומען צו גרינדן דעם וועלט־פאַרבאַנד. און טראָץ דעם — איך חזר איבער — איז ער געגרינדעט געוואָרן. דאָס אויפוואַכן פון אונדזערע רייען און דער ווילן צו ווערן ווידער אַ כוח, זענען — זעט אויס — געווען אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס שטאַרקער ווי די מחיצות. עס איז געווען אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס האָט דערוועקט דעם דאָזיקן ווילן צווישן אַלגעמיינע ציוניסטן צוריק צו ווערן אַ כוח. און דערפאַר דערמאָן איך היינט די ראָלע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד מיט שטאָלץ. הגם די דינע בריק, וועלכע מיר האָבן אויפגעבויט צווישן ביידע גרופּעס פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, האָט דאַן שפּעטער נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון אונדזערע אינערלעכע — דיפערענצן.

די פּאָליטישע דעבאַטע אויפן קאָנגרעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דראַמאַטישער סצענע! נאָך דעם ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן איבער־צוגיין צום סדר־היום איבער דער רעוויזיאָניסטישער רעזאָלוציע, האָט זשאַבאָטינסקי — איך זע אים פאַר מיר איצט, דעם דאָזיקן ציוניסטישן פּראָמעטעאוס — צעריסן דעמאָנסטראַטיוו זיין לעגיטימאַציע אַלס דע־לעגירטער, און האָט דראַמאַטיש אַריינגעוואָרפן אין דעם קאָנגרעס־זאַל די צעריסענע טיילן פונעם פּאַפּיר! נאָר פונעם — פּאַפּיר. די רעוויזיאָניס־טישע גרופּע האָט אַרויסמאַרשירט פונעם קאָנגרעס־זאַל און — טאָ זאָל עס דערמאָנט ווערן דאָ — די רעוויזיאָניסטישע גרופּע איז דאָך געווען דאָס קינד פון אַלגעמיינעם ציוניזם. זי איז דאָרט אַנטשטאַנען און איז פון דאָרט אַוועק.

דעם נעכסטן טאָג איז אָבער מאיר גראָסמאַן, דער מילדערער פון די צוויי רעוויזיאָניסטישע פירער, צוריק אַריינמאַרשירט אין קאָנגרעס־זאַל צוזאַמען מיט דער רעוויזיאָניסטישער גרופּע און אָפּגעגעבן אַ לאָיאַליטעט־דערקלערונג צו זיין מאַיעסטעט — דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

די וואָסערן זענען געוואָרן רואיקער און דער קאָנגרעס איז אַריבער־געגאַנגען צו דער דעבאַטע וועגן — קולטור־פּראָבלעמען.

דער אַלגעמיינער ציוניזם איז אַרויס אַ פאַרוווּנדעטער, אָבער מיט

ווילן געזונט צו ווערן. און דערפאַר איז דער וועלט־פאַרבאַנד געוואָרן גע־
גרינדעט — טראָץ אַלע מניעות!

אונדזער חיים ווייצמאַן האָט זיך אין דער ווייצמאַנישער פאָרם נוקם
געווען אין די — אַלגעמיינע ציוניסטן, אָדער בעסער געזאָגט, אין דער
גרופּע (ב) פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. ווייצמאַן, דער גרויסער מאַן, האָט
אָפּט געגלייבט, אַז ווען ער פאַרשווייגט געשעענישן, וועלכע האָבן גע־
קרייצט זיין וועג, וועלן די דאָזיקע געשעענישן פאַרשווונדן ווערן פון דער
געשיכטע. אָט וואָס דער ערשטער פּרעזידענט פון דער יידישער מלוכה
שרייבט וועגן דער דאָזיקער דראַמאַטישער געשעעניש אין זיין אויטאָ־
ביאָגראַפיע „נסיון און טעות" (געדרוקט אין ענגליש אין ניו־יאָרק אין
יאָר 1949), אויף זייט 338:

'... דער קאָנגרעס האָט זיך איינגעשפּאַרט אַריינצוגיין אויפן
וועג פון דעם פאָרשלאָג פון אָננעמען אַ רעזאָלוציע פון אומצוטרוי
צו מיין פּאָליטיק אין אַן אָפּשטימונג לויט נעמען, אין וועלכער די
רעוויזיאָניסטן, מיט זשאַבאָטינסקי בראש, האָבן געשפּילט אַ פּירנ־
דיקע ראָלע צוזאַמען מיטן מזרחי, דעם רעליגיעזן פליגל פון דער
באַוועגונג, אַלס שטאַרקן אונטערשטיצער".

נישט קיין וואָרט וועגן דער ראָלע פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַל־
געמיינע ציוניסטן, און נישט קיין וואָרט וועגן דער גרופּע (ב) פון אַלגע־
מיינע ציוניסטן און אירע 59 שטימען — מער ווי די רעוויזיאָניסטן און
מער ווי דער מזרחי — און אַפילו נישט קיין וואָרט פון אנערקענונג פאַר
דער פּראָ־ווייצמאַן שטעלונג פון מפא״י און פון די אַלגעמיינע ציוניסטן
פון דער גרופּע (א)! פאַרשוויגן! אויסגעמעקט פון ז י י ן געשיכטע! —
אָבער נישט פון דער צ י ו נ י ס ט י ש ע ר געשיכטע.

ווען איך האָב אין יאָר 1949 געלייענט די אויטאָביאָגראַפיע פון
חיים ווייצמאַן, האָב איך אין דער דאָזיקער נקמה געפונען אַ טרייסט,
איך מיין מענטשלעך אַ טרייסט, ווייל אַ סך אַנדערע וויכטיקע געשעע־
נישן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע זענען נישט געווען צום
האַרצן ווייצמאַנען, זענען פּשוט פאַרשוויגן געוואָרן אין זיין אויטאָביאָ־
גראַפיע, שוין גאָר נישט צו רעדן פון ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן, און
זיינע מיטאַרבעטער, וואָס זענען פּשוט כמעט אויסגעמעקט געוואָרן אין

ווייצמאַנס אויטאָביאָגראַפיע. אַ גרויסע פערזענלעכקייט און אַ — קליי־נע נקמה!

טאָ איז עס אפשר כדאַי צו ציטירן איצט עטלעכע שטימען פון יע־נער צייט פון פירנדיקע אַלגעמיין־ציוניסטישע מנהיגים וועגן דעם רעזול־טאַט פונעם 19טן קאָנגרעס, וועגן ווייצמאַנס רעזיגנאַציע און וועגן דער נייער עקזעקוטיווע. אין דער נייער עקזעקוטיווע זענען געווילט געוואָרן נחום סאָקאָלאָוו אַלס פּרעזידענט, חיים אַרלאָזאָראָוו און בערל לאָקער פון דער מפא״י, הגם די מפא״י האָט נישט אונטערשטיצט אין דער פּערמאַ־נענץ־קאָמיסיע די קאַנדידאַטור פון סאָקאָלאָוו אַלס פּרעזידענט, פּראָפ. זעליק בראָדעצקי, פון דער גרופּע (א) פון אַלגעמיינע ציוניסטן, עמנואל ניומאַן, פון דער גרופּע (ב) פון אַלגעמיינע ציוניסטן און העשל פאַרב־שטיין, פונעם מזרחי. אַלזאָ, פאַרטרעטער פון צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן געשטימט פאַר דער רעזיגנאַציע פון ווייצמאַן, און פאַרטרעטער פון צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן געשטימט קעגן זיין רעזיגנאַציע.

אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע , די „ניו פּאַלעסטיין" פון דעם 11טן סעפּטעמבער 1931, אַלזאָ באַלד נאָך דעם קאָנגרעס, האָבן צוויי פון די הייסטע אָנהענגער פון חיים ווייצמאַן, געשריבן:

ל ו א י ס  ל י פּ ס ק י :

„...דר. ווייצמאַן האָט בייגעטראָגן צו זיין אייגענער מפּלה דורך אַ דערקלערונג אין באַזעל, וואָס ער האָט געמאַכט אין מיטן פון דעם אָנגעווייטיקטן קאַמף בעת ער האָט אין דער דיסקוסיע וועגן דעם ענדציל פון ציוניזם צוגעשיקט מאַטעריאַל, וואָס איז געווען נישט צום הארצן פון אַ גרויסער מערהייט און בזה האופן האָט ער דערמעגלעכט אַן אומצוטרוי־וואָטום, וואָס האָט אים דערפאַלגרייך עלימינירט אַלס פירער".

י ע ק ב  פ י ש מ אַ ן, אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון ווייצמאַנען (רעדאַקטאָר פונעם „מאָרגן־זשורנאַל") האָט דערקלערט:

„וואָס איז שייך די נייע וועלט־עקזעקוטיווע פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, קאָן איך נאָר זאָגן, אַז זי איז געבוירן גע־וואָרן אין אַ גליקלעכער שעה. דאָס איז קלאָר פון דעם פאַקט, אַז

באַלד נאָך די וואַלן איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע בריטישע רעגירונג, וועגן וועלכער מיר זענען שטאַרק באַרעכטיקט צו דערוואַרטן אַ מער פריינטלעכע באַציאונג צו דער יידישער נאַציאָנאַלער היים״.

און דער שפּעטערדיקער הייסער קעמפער פאַר דר. חיים ווייצמאַן, דר. ס ט י פ ע ן ס. ו י י ז, האָט געשריבן:

„דער פּאָליטישער פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, אַזוי ווי ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט אַ צייט צוריק, איז געוואָרן דער פּאָליטישער פּראָגראַם פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס און פון דער נייער עקזעקוטיווע בראש מיט נחום סאָקאָלאָוו. די קאָנטינויטעט פון דער אַדמיניסטראַציע איז געזיכערט דורך דעם אויסוואַל פון סאָקאָלאָוו און פּראָפ. בראָדעצקי פון דער אַלטער עקזעקוטיווע, און פון עמנואל ניומאַן, אַ מאַן פון גרויסער פעאיקייט און באַדייטנדיקע פאַרדינסטן, אַלס אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין דער עקזעקוטיווע״.

אין דעם זעלבן נומער פון „ניו פּאַלעסטיין״ איז אויך געדרוקט אַן אַרטיקל פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות מיט אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אונטער דעם טיטל: „די נויטווענדיקייט פון קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט״, דער טיטל איז געווען אַ טייל פון דעם גייסט פון דעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אין י ע ד ע ר ס י ט ו אַ צ י ע, תמיד אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, נישט קוקנדיק דערויף, וועלכע פּאַרטיי עס האָט געזיגט און וועלכע עס איז באַזיגט געוואָרן. אַזוי ווי איך בין דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פון דעם ערשטן וועלט־פאַרבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועל איך אויך דאָ ציטירן כאָטש איין זאַץ פון דעם דאָזיקן אַרטיקל:

‚...די צייט וועט אפשר קומען, ווען ווייצמאַן וועט זען פאַקטן, ווי זיי זענען אין דער רעאַליטעט און דעמאָלט וועט ער זיין דער ריכטיקער מאַן, איבערצונעמען ווידער זיין אַמט. אָבער דער וועג, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט לעצטנס פאַר די אַקטיוויטעטן פונעם פּאָליטישן ציוניזם, האָט געקאָנט בייטראָגן נאָר צו זיין נידערלאָגע... ער האָט פאַרנאַכלעסיקט צו סטימולירן די שעפערישע מעג־

לעכקייטן פון די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס פאַרייניקן זיך אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס איז איצט געקומען די צייט גוט־צו־מאַכן דעם דאָזיקן פעלער: אָט דאָס איז די טיפערע באַדייטונג פון ווייצמאַנס רעזיגנאַציע".

און אַזוי ארום איז ווייצמאַן אַוועק אויף גאַנצע פיר יאָר און צו זיין שבה זאָל עס געזאָגט ווערן, אַז באַלד נאָך זיין רעזיגנאַציע איז ער געפאָרן אויף אַ קרן־היסוד קאַמפּיין קיין דרום־אַפריקע. פאָליטיש האָט די רעזיגנאַציע געמאַכט אַ סוף צו אַ פעריאָד פון קאַפּיטולאַציע פאַר דער בריטישער פאָליטיק פון ליקווידירן ציוניזם שריט ביי שריט.

## דער פאָרשלאָג פונעם פרעזידענט פון וועלט־פאַרבאַנד צו ווייצמאַן, איבערצונעמען די לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן

און איצט קום איך צו דער דריטער דערינערונג מיינער.

אין די יאָרן 1931 ביז 1935 האָט די לייטונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד אין קראָקע ממשיך געווען אירע שטענדיקע קאָנטאַקטן מיט די ציוניסטישע לאַנדעס־פאַרבאַנדן אין גאָר דער וועלט. דער וועלט־פאַרבאַנד האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלט, צו אַנטוויקלען אַ גרעסערע טעטיקייט. אַרום 3 טויזנט זלאָטעס — זאָל עס דאָ דערמאָנט ווערן — קרוב צו 750 דאָלאַר, איז אַריינגעפלאָסן אין דער קאַסע פונעם וועלט־פאַרבאַנד דורך אַ גאַנץ יאָר! מיט אַזאַ סכום האָט זיך געזאָלט אויפהייבן דער אַלגעמיינער ציוניזם פון זיין אָרגאַניזאַטאָרישער ירידה. דער רוף וועגן פינאַנציעלער אונטערשטיצונג איז געבליבן כמעט אַ קול קורא במדבר. דאָס איז נאַטירלעך געווען אויך אַ סימפּטאָם פון דער אינערלעכער קראַנקייט פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם. אָבער עס האָט מיך אַלס דעם פרעזידענט פונעם וועלט־פאַרבאַנד געבראַכט אויך צו אַנדערע געדאַנקען. אַלגעמיינע ציוניסטן און אַלגעמיינע ציוניסטישע לאַנדעס־פאַרבאַנדן האָבן געפונען געלט פאַר אַלצדינג און כמעט פאַר יעדער ציוניסטישער גרופּע, נאָר נישט פאַר דעם אויפבוי פון דער אייגענער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַר דעם אויפבוי פון אַלגעמיין־ציוניסטישע פּאָזיציעס

אין אר״ץ ישראל; פאַר פּאָזיציעס, וואָס זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן גייסט פון פרידן צווישן קלאַסן. דער וויכטיקער צענטראַל־קאָמיטעט אין קאָנגרעס־פּוילן איז געשטאַנען ווייט פון דעם וועלט־פאַרבאַנד. יצחק גרינבוים, וואָס האָט היינט — 1956 — ווי ער האָט עס מיר מיט טעלעכע יאָר צוריק אַליין געזאָגט אין מדינת ישראל — גאָר נישט מער קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און אויך נישט מיט זיין פּראָגרעסיווער גרופּע, איז געשטאַנען פון דער ווייטנס. די גרויסע האָפענונג פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם פון יענער צייט, דאָס וווּנדערקינד פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, משה קליינבוים, איז צו יענער צייט אויך געשטאַנען פון דער ווייטנס און נישט נאָר דאָס. ער האָט באַקעמפט דעם וועלט־פאַרבאַנד מיט זיין שפּרודלדיקן טעמפּעראַמענט און זיין עקוויליבריסטישער לאָגיק. מיר ווייסן זייער גוט, וווּ ער שטייט היינט לגבי נישט נאָר דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, נאָר אויך לגבי דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. אויף זיין וואַנדערוועג איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אַזש אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. איך קלער היינט נישט זעלטן וועגן דעם, צי איז דער מקור פון זיין היינטיקן אני מאמין נישט געווען אַקטיוו שוין אין זיין דעמאָלטיקן יחס צו דער אויפלעבונג פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם. נישט איינמאָל קומט מיר אין מיין זכרון אַ פאַרגלייך וועגן דעם דאָזיקן נישט דורכשניטלעך פעאיקן מענטשן פון מיינע יונגע יאָרן, ווען איך האָב געלייענט ציצעראָס אויסגעשריי צו קאַטילינאַ: „קוואָוסקווע טאַנדעם״... ווי לאַנג נאָך?...

דער וועג צו תשובה איז קיינמאָל נישט פאַרמאַכט.

לאָמיר צוריקגיין צו דעם פּעריאָד 1931 ביז 1935.

די וואָגיקע אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין גרויס בריטאַניע איז אויך געשטאַנען פון דער ווייטנס. דאָס איז געווען איינס פון די ווינציקע לענדער, אין וועלכן דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט תמיד רעפּרעזענטירט דעם רוב מנין און דעם רוב בנין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אויסגעהאַלטן און בריטיש רואיק איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געווען. סוף־כל־סוף איז איר פּרעזידענט געווען נישט קיין אַנדערער ווי חיים וויצמאַן. די דרום־אַפריקאַנישע ציוניסטישע פעדעראַציע, מיט איר אייגענעם קוק אויף ציוניסטישע ענינים, מיט איר ריין פּראַקטישן צו־

גאנג צו ציוניסטישע פראבלעמען, און מיט איר עקשנות, וואס שטאמט פון דעם ליטווישן מקור, איז געווען אזוי ווייט פון דעם וועלט־פארבאנד ווי יאהאנעסבורג פון קראקע. און די פאטענציעל גרויסע אלגעמיין ציוניסטישע באוועגונג אין די פאריייניקטע שטאטן פון אמעריקע מיט איר אומפארטייאישער פילאזאפיע, מיט איר דעמאלטיקן אויבנאויפיקן ציוניזם, האט זיך נישט געמאכט קיין סך זארגן וועגן דעם, צי דער אלגעמיינער ציוניזם וועט ווערן א ברויזנדיקער, קאנסטרוקטיווער, שאפנדיקער כוח. אבי געבויט. ווי געבויט, פון וועמען געבויט, איז נישט געווען די זארג פונעם אמעריקאנער אלגעמיינעם ציוניזם. די נעמען פון די גרעסטע פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע האבן פיגורירט אויף דעם גרינדונגס־דאקומענט פונעם וועלט־פארבאנד. אבער זיי האבן באמת נאר — פיגורירט. אפשר מיט איין אויסנאם, אברהם גאלדבערג ז״ל, ער האט זיך געזארגט וועגן דעם עתיד פון אלגעמיינעם ציוניזם.

בקיצור, עס איז געווען — אפילו אן דראמאטיזירונג — א דערנער־וועג.

אבער די לייטונג פונעם וועלט־פארבאנד האט זיך נישט געלאזט אפשרעקן. זי האט נישט פארלוירן דעם מוט. זי האט געקעמפט ווייטער. די ציוניסטישע שול איז געווען א גוטע שול אויך פאר אונדז. מען האט אונדז געלערנט זיך נישט אונטערצוגעבן. אבער פריילעך איז עס נישט געווען. דאס וויכטיקסטע, וואס איז דערגרייכט געווארן, איז געווען א דערנעענטערונג פון די לאנדעס־פארבאנדן אין צענדליקער לענדער. אבער בעת דער דאזיקער דערנעענטערונג האבן זיך אויך קריסטאליזירט די דיפערענצן, ווי דאס איז דער שטייגער. אן קאנטאקט שלאפן די דיפערענצן, בעתן קאנטאקט ווערן זיי אויפגעוועקט. און אזוי איז עס אויך געשען. די אקטיוויטעט פון דער לייטונג פון דעם וועלט־פארבאנד האט געהאט דעם באדייט פון דעם „לאקמוס״־בלאט אין דער כעמיע. זי האט בולט פעסטגעשטעלט, וואס עמיצער איז, וואס פארא שטעלונג ער פארנעמט אין דעם אינערלעכן געראנגל פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם און צו די אקטועלע פראבלעמען פון אלגעמיינעם ציוניזם.

די פראבלעמען זענען געווען פאלגנדיקע: זאל דער וועלט־פארבאנד נעמען באשלוסן אויפן סמך פון א מערהייט־אפשטימונג אדער איז איינ־

שטימיקייט נויטווענדיק? זאָל דער וועלט־פאַרבאַנד גרינדן אַן אייגענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל נישט געהערן צו דער הסתדרות אַזוי לאַנג איר אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועט נישט ווערן אַ כוח אָדער צי זאָלן די אַלגעמיין־ציוניסטישע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס נישט שאַפן קיין איי־גענעם אירגון און געהערן שוין איצט צו דער הסתדרות? זאָל דער פאַר־באַנד זיך פאַרבינדן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פּאָליטיק מיט דער מפא״י אָדער צי זאָל ער זיך פאַרבינדן מיט די רעוויזיאָניסטן אָדער צי זאָל ער בלייבן זעלבסטשטענדיק? זאָל דער וועלט־פאַרבאַנד בינדן די לאַנדעס־פאַרבאַנדן אויך אין דער צייט צווישן די ציוניסטישע קאָנגרעסן אָדער נאָר אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן? זאָל דער וועלט־פאַרבאַנד אָנ־נעמען אַ קלאָרע פּאָליטיק פאַר אַ יידישער מלוכה אָדער זאָל ער אין דעם אַנגעוויטיקטן קאַמף צווישן דער אידייע פון אַ יידישער מלוכה און אַ בי־נאַציאָנאַלן פּאַלעסטינעזישן שטאַט געבן פרייע הענט?

אָט דאָס זענען אַלצדינג געווען פראַגן, וואָס האָבן פונאַנדערגעטיילט טיילן פונעם וועלט־פאַרבאַנד מער אָדער ווייניקער לויט דער דעמאַרקאַ־ציע־ליניע צווישן דער גרופּע (א) און דער גרופּע (ב). ווי תמיד אין לעבן זענען דאָ געווען אין דער גרופּע (א) עלעמענטן, וואָס זענען געווען נוטה צו פאַרשטענדיקונג מיט דער גרופּע (ב) און פאַרקערט. איך האָב דעמאָלט געהאַט די איבערצייגונג, וואָס איך האָב היינט נישט מער, אַז די דאָזיקע חלוקי־דעות זענען ניואַנסן פון איין אַלגעמיין־ציוניסטישער פילאָזאָפיע, פון וועלכער דער פונדאַמענט איז געווען ליבעראַליזם און סאָציאַלער פרידן צווישן אַרבעט און קאַפּי־טאַל אין דינסט פונעם גאַנצן פאָלק. עס איז נאָר געווען איין געביט, אין וועלכןביידע גרופּעס זענען געווען איי־ניק, דאָס איז געווען די פאָדערונג פון אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַלן שול־נעץ אין ארץ־ישראל און די קעגנערשאַפט קעגן פּאַרטיי־שולן. מיר האָבן אין דעם דאָזיקן נעץ פון פּאַרטיי־שולן געזען אַן אומגליק, ווייל דער דאָזי־קער שול־סיסטעם האָט פאַרשטאַרקט די מחיצה צווישן די פּאַרטייען, און די אַטאָמיזירונג אינעם פאָלק גופא און בזה האופן איז ער געשטאַנען אין אַ הונדערט־פּראָצענטיקן ווידערשפּרוך מיט דעם אינערלעכן הויפּט־ציל פון ציוניזם צו צעמענטירן צעריסענע טיילן אין איין פאָלק. ווי

איך האָב שוין דערמאָנט, האָב איך צו יענער צייט אין די דאָזקע חלוקי־דעות געזען נאָר ניואַנסן פון דערזעלבער פונדאַמענטאַלער — ווי מיר האָבן דאָס פאַלש אָנגערופן אין אונדזער פּאָליטישן זשאַרגאָן — „וועלט־אָנשויאונג”. אָבער ווען איך האָב געפּרווט צו זאַמלעןביישפּילן אין דער געשיכטע פונעם ציוניזם, כדי צו געפינען אַ באַפעסטיקונג פאַר מיינע באַמיאונגען און פאַר מיין איבערצייגונג, אַז די חלוקי־דעות אין דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער זענען נישט מער ווי ניואַנסן, איז מיר געקומען אין זכרון נאַטירלעך, אַז אין דעם לאַגער פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, וואָס זיין באַדייטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז כסדר געוואַקסן, איז פאָרגעקומען אַ דיפערענציאַציע־פּראָצעס טראָץ דער געמיינשאַפטלעכקייט פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרם, אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס די לינקע פּועלי־ציון און די אַזוי גערופענע אחדות עבודה האָבן זיך אויך אָרגאַניזאַטאָריש אָפּגעריסן פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס זענען אָבער געווען באמת נומעריש נישט גרויסע טיילן פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז לרוב געבליבן אָרגאַניזאַטאָריש אייניק, הגם אין דעם לאַגער פון דעם דאָזיקן רוב זענען אויך באַשטאַנען חלוקי־דעות וועגן פאַרשיידענע וויכטיקע ענינים. טראָצדעם איז דער דאָזיקער גרויסער רוב פון דער מפא״י געבליבן אָרגאַניזאַטאָריש אייניק און ער איז עס ביז היינט. איך האָב אַלזאָ פאַר מיר געזען צוויי פּראָצעסן: אַ צעברעקלונג־פּראָצעס און אַן אייניקייט־פּראָצעס. איז פאַר מיר געשטאַנען די פראַגע, וועלכער פון זיי איז הל אויף דעם איצטיקן צושטאַנד פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. איך האָב נישט ווייניק צייט אין מיין לעבן אָפּגעגעבן פאַר לייענען געשיכטע פון פאַרשיידענע פעלקער און פון דער מענשלעכער געזעלשאַפט בכלל. דאָס האָט מיך געפירט צו דער איבערצייגונג, אַז אין דער דאָזיקער מענטשלעכער געשיכטע איז פאַראַן אַ געוויסער פּאַראַלעליזם פון פאַרשיידענע אָפּט קעגנזייטיקע שטרעמונגען. איך האָב דעם דאָזיקן פּאַראַלעליזם פון צוויי שטרעמונגען אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, דעם לינקן צענטער און דעם רעכטן צענטער, אויך געזען. אין תוך איז דאָס געווען דער סאַמע אונטערשייד צווישן דער גרופּע (א) און דער גרופּע (ב): דער לינקער צענטער און דער רעכטער צענטער. צו יענער צייט בין איך געקומען צו

דער איבערצייגונג, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַרויסצולאָזן דאָס וואָרט „לינקס״ און דאָס וואָרט „רעכטס״ און דאַן וואָלט במילא געקאָנט בלייבן דאָס וואָרט צענטער. אפשר איז מיין האַריזאָנט צו יענער צייט געווען פאַרנעפּלט דורך מיין אייגענעם ווילן צו ברענגען צו אַ נצחון פון מיינע באַמיאונגען. היינט זע איך עס קלאָרער, אָבער דעמאָלט בין איך געווען טיף איבערצייגט פון דער רעאַליסטישער מעגלעכקייט צו שאַפן אַ דיס־ציפּלינירטן וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. אָבער אונטער איין באַדינג. אַזוי ווי עס זענען געווען חלוקי־דעות איז נאַטירלעך אַנטשטאַ־נען די פּראַקטישע פראַגע, ווי אַזוי פאַרוואַנדלט מען די דיסקוסיע אין אַ באַשלוס און דעם באַשלוס אין מעשים. דער איינציקער וועג איז געווען אָנצונעמען באַשלוסן מיט דער מערהייט. אפשר אין געוויסע פאַלן מיט אַ קוואַליפיצירטער מערהייט. און דאָס האָב איך פאָרגעשלאָגן. אָבער וואָגיקע טיילן פון דער באַוועגונג האָבן פאַרלאַנגט איינשטימיקייט. איינ־שטימיקייט איז אין מיינע אויגן געווען — אַנאַרכיע. די פאַטאַלע אינס־טיטוציע פון דער פוילישער געשיכטע, דער טרויעריק באַרימטער „ליבע־רום וועטאָ״, צוליב וועלכן דער פּראָטעסט פון איין דעפּוטאַט האָט געקאָנט צונישט מאַכן דעם באַשלוס פון דעם גאַנצן פּאַרלאַמענט, איז פאַר מיר געווען אַן ערנסטע וואָרענונג. איינשטימיקייט באַדייט דאָך, אַז אַ מינ־דערהייט קאָן צווינגען אַ מערהייט זיך אונטערצוגעבן. איך האָב מיט מיין גאַנצן כוח געקעמפט פאַר דעם, אַז דער וועלט־פאַרבאַנד זאָל אָננעמען דעם מערהייט־סיסטעם. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז וואָגיקע טיילן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיין פאָדערונג. און ראשית כל די גרויסע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, מיט לואי ליפּסקי אַלס איר גייסטיקן פירער בראש און אויך אַ ריי פון אַנדערע קלענערע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס. עס איז געווען מאָדנע, געשווירענע דעמאָקראַטן, אמתדיקע דעמאָקראַטן, האָבן געקעמפט פאַר אַ טאָטאַליטאַרן פאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם.

מיר, דאָס הייסט, אַלע מיינע חברים, וואָס זענען געווען מסכים מיט מיר, האָבן אָבער ווייטער געקעמפט פאַר דעם מערהייט־סיסטעם. אָבער ווי קאָן מען דערגרייכן אַ פאָזיטיוון רעזולטאַט אין אַ פרייוויליקער אָר־גאַניזאַציע? עס איז אַנטשטאַנען אַ פאַרכישופטער קרייז, ווייל דער באַ־

שלום, זיך צו אייניקן אויף אַ מערהייט־סיסטעם האָט דאָך געמוזט אַנגע־גומען ווערן — איינשטימיק. אַנישט האָט אונדז געדראָט, אַז די איבער־געשטימטע וועלן אַרויסטרעטן פונעם וועלט־פאַרבאַנד ביים סאַמע אָנ־הייב.

פאַר דער לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד איז געווען אַ „סיזיפוס"־אַרבעט, אָבער נאָך נישט — אַ „דאַנאַידען"־אַרבעט! אמת, מען האָט גע־מוזט דעם שטיין תמיד ציען אַרויף אויפן שפּיץ פונעם באַרג, הגם ער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, אָבער עס איז פאַרט נישט געווען דאָס שיטן פון ענערגיע אין אַ פאַס אָן אַ דנאָ. און דאָס איז געווען אַ קליינער טרייסט, וואָס האָט מיר און מיינע פריינט צוגעגעבן מוט פאַר דעם ווייטערדיקן קאַמף.

ווי האָט זיך דאָן אונדזער טעטיקייט אַנטוויקלט?

אין דער צייט פון 1931 ביז 1935 איז דער כוח פון דער גרופּע (א) איבערהאַלב פונעם וועלט־פאַרבאַנד כסדר געשטיגן. אין יאָר 1933 זענען ביידע גרופּעס אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראָג געווען רעגיסטרירט אַלס פאַרייניקט (74 דעלעגאַטן). אָבער די טענדענץ פון וווקס פון דער גרופּע (א) איז געווען בולט. אויף דעם 19טן קאָנגרעס אין יאָר 1936 אין לוצערן האָט די גרופּע (א) שוין געהאַט 99 דעלעגאַטן (אַרום 20 פּראָצענט פונעם גאַנצן קאָנגרעס) און די גרופּע (ב) נאָר 50 דעלעגאַטן, דאָס איז, אַרום 10 פּראָצענט פונעם קאָנגרעס. די דאָזיקע פאַרשיבונג פון כוחות לטובת דער גרופּע (א) איז נאָך בולטער אַרויסגעקומען אויף דעם 20טן קאָנגרעס אין יאָר 1937 אין ציריך, ווו די גרופּע (א) האָט שוין געהאַט 128 דעלעגאַטן (26 און פיר צענטל פּראָצענט) און די גרופּע (ב) 43 דעלעגאַטן (8 און 9 צענטל פּראָצענט) און אויף דעם 21טן קאָנגרעס אין גענף פון יאָר 1939 — דאָ לאָזט זיך אויס די תקופה, וועגן וועלכער איך שרייב — האָט די גרופּע (א), דאָס הייסט, די דעמאָלט שוין גאַנץ אָפּ־געזונדערטער וועלט־פאַרייניקונג פון אַלגעמיינע ציוניסטן, געהאַט 159 דעלעגאַטן (30 און צוויי צענטל פּראָצענט) בעת דער וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, גרופּע (ב), האָט געהאַט נאָר 33 מאַנדאַטן (וואָס האָט אויסגעמאַכט קוים 6 און צוויי צענטל פּראָצענט) פונעם קאָנגרעס.

איך האָב געפילט שוין אין יאָר 1934 די דאָזיקע טענדענץ. עס איז

נישט געווען שווער דאָס צו זען, ווייל די אַלגעמיינע ציוניסטן פון די פאַרייניקטע שטאָטן, צוזאַמען מיט דער הדסה, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָנגרעס־פוילן (אָן דער גרופּע „עת לבנות״), די דרום־אַפריקאַנער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך דעמאָלט שוין געהאַט איינגעגלידערט אין דער גרופּע (א) פון די אַלגעמיינע ציוניסטן (היינט באַלאַנגט די געוואַלטיקע מערהייט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פאַרייניקטע שטאָטן צו דעם לאַגער, וועלכן מיר וואָלטן היינט גערופן גרופּע (ב), אָבער די שטאַרקע הדסה און אַ קליינע מינדערהייט פון אַלגעמיינע ציוניסטן באַלאַנגט פּאַרט צו דער גרופּע (א) וואָס רופט זיך היינט „פּראָגרעסיווע״.

דאָס האָט נאַטירלעך איבערגעוויגן די נומערישע פּראָפּאָרץ פון כוחות. פאַרשיידענע סיבות האָבן גורם געווען דערצו. איינע פון זיי איז געווען דער פאַקט, וואָס ווייצמאַן האָט זיך נאָך פיר יאָר אומגעקערט צו דער פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (1935) און ער איז געווען בלי ספק דער טרעגער פון דער פאָן פון דער גרופּע (א). אין די יאָרן צווישן 1931 און 1935 האָט די לייטונג פונעם וועלט־פאַר־באַנד איינגעאָרדנט רעגיאָנעלע קאָנפערענצן, צוגעגרייט אַ ריי פון מעמאָ־ראַנדומס וועגן דעם פּראָגראַם פון וועלט־פאַרבאַנד, צוגעגרייט אָרגאַניזאַ־טאָרישע סטאַטוטן, וואָס זייער צוועק איז געווען צו פאַרטיפן די באַצי־אונגען צווישןביידע גרופּעס — בקיצור, עס איז געטאָן געוואָרן טראָץ די קליינע טיטלען אַ טאָג־טעגלעכע אַרבעט, כדי פון זאַמד און קאַלך צו בויען אַ בנין.

איך האָב דאָ שוין פריער דערמאָנט, אַז דער אָנציאונגס־כוח פון קראָקע אַלס צענטראַלע איז נישט געווען זייער גרויס טראָץ דער חשיבות פון דער שטאָט און פון דער יידישער קהילה. קראָקע איז נישט געלעגן אויף דעם הויפּט־וועג, ווי איך האָב שוין באַמערקט, פון דער יידישער וועלט און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם רעזאָנאַנס־כוח פון זיין טעטיקייט אין דער גרויסער ציוניסטישער פּעריפעריע. אַחוץ דעם האָט דער לאַנ־דעס־פאַרבאַנד אין קראָקע און דאָס מיט פולער באַגרינדונג, געהאַט דעם שם אַלס דער צענטער פון דער גרופּע (ב). און אַזוי ווי די גרופּע (א) איז אַליין געוואַקסן אינערהאַלב פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, האָט דאָס אַלצ־דינג מיך דערפירט צו דער מסקנה, אַז די פירערשאַפט פונעם וועלט־

פֿאַרבאַנד מוז איבערגענומען ווערן דורך דער גרופּע (א), ווייל זי ווערט דער רוב. עס איז פֿאַר מיר געווען קלאָר, אַז אין די רייען פֿון דער גרופּע (א) מוז צוליב איר וואַקסנדיקן כוח אַנטשטיין אַ נאַטירלעכע קעגנער־שאַפֿט קעגן דעם פֿאַקט, וואָס די לייטונג פֿונעם וועלט־פֿאַרבאַנד איז ברוב אין דער האַנט פֿון דער גרופּע (ב) און בפֿרט פֿון מיר, אַלס אַ פּראָנאָנ־סירטן רעפּרעזענטאַנט פֿון דער גרופּע (ב). ביז צום יאָר 1934 איז עס געווען די גרופּע (ב), וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַר דעם איינהייטלעכן פּראָגנט פֿון אַלגעמיינע ציוניסטן, בעת די גרופּע (א) האָט תמיד נאָר מאַרקירט דעם ווילן צו דעם דאָזיקן איינהייטלעכן פּראָגנט, אָבער אין דער אמתן האָט זיך די גרופּע (א) שריט נאָך שריט אָרגאַניזירט צו ווערן אַ זעלבסט־שטענדיקער כוח. עס איז מיר נאַטירלעך געווען זייער שווער זיך אָפּצו־זאָגן פֿון דער ווייטערדיקער פֿירנדיקער טעטיקייט אין דעם וועלט־פֿאַר־באַנד, ווייל איך האָב אים אויסגעטראָגן און בין געווען מיט אים אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן, אַז עס איז כמעט געווען אַ ליבע. אָבער סענטימענטן האָבן נישט געקאָנט זיין דער אַנטשיידנדיקער פֿאַקטאָר. איך האָב געמוזט דיסציפּלינירן מיין התלהבות פֿאַר דעם וועלט־פֿאַרבאַנד. און אַזוי אַרום בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז לאָגיש אין דעם אינטערעס פֿון דעם וועלט־פֿאַרבאַנד, אַז איך זאָל מיך אָפּזאָגן פֿון דער לייטונג, בע־מענדיק אין באַטראַכט דעם שטענדיקן וווּקס פֿון דער גרופּע (א). איך האָב מיין באַשלוס זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער פֿירערשאַפֿט פֿאַרגעלייגט דער עקזעקוטיווע פֿון דעם לאַנדעס־פֿאַרבאַנד פֿון מערב־גאַליציע און שלעזיע. איך האָב דער עקזעקוטיווע פֿאָרגעלייגט מיין פּלאַן זיך צו ווענדן צו פּראָ־פֿעסאָר חיים וויצמאַן, ער זאָל איבערנעמען די לייטונג פֿון דעם וועלט־פֿאַרבאַנד. עס איז מיר באמת געווען זייער, זייער שווער צו מאַכן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג. אָבער איך האָב עס געהאַלטן פֿאַר אומבאַדינגט נייטיק און די עקזעקוטיווע פֿון אונדזער לאַנדעס־פֿאַרבאַנד האָט אויך סוף־כל־סוף הגם אָן ענטוזיאַזם, צוגעשטימט צו מיין פֿאָרשלאָג.

פּרעזידענט וויצמאַן איז צו יענער צייט, סוף יולי 1934, געווען אין קאַרלסבאַד. אונדזער לייטונג האָט צונויפֿגערופֿן אַן אויסערגעוויינלעכע וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון אַלגעמיינע ציוניסטן קיין קראָקע פֿאַר די טעג פֿון דעם 26טן ביז צום 28טן אויגוסט. דעם 31טן יוני 1934 האָב איך גע־

שיקט צו פּראָפ. ווייצמאַן פאָלגנדיקן בריוו קיין קאַרלסבאַד. איך וויל אים דאָ אין געטרייער איבערזעצונג פון דער דייטשער שפּראַך איבערגעבן:

„הויכגעשעצטער הער פּראָפעסאָר:

איך דערלויב מיר דאָ בייצולייגן אַ צירקולאַר מכוח דעם צונויפ־רופן פון אַן אויסערגעוויינלעכער וועלט־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן קיין קראָקע פאַר דעם 26טן ביז צום 28טן אויגוסט.

„הגם די ענגלישע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן איז פאָרמעל נישט אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד, האָט זי דאָך שוין מיטגעטיילט דער לייטונג פונעם פאַרבאַנד, אַז רב גאָלדבלום און מאָריס מייער וועלן קומען צו דער קאָנפערענץ אין קראָקע.

„די קאָנפערענץ פאַרשאַפט מיר גרויסע זאָרגן. זי קאָן אָבער באַדייטן דעם אָנהייב פון געזונט ווערן פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און דורך אים פון דער גאַנצער באַוועגונג אָדער זי קאָן באַדייטן דאָס פונאַנדערפאַלן פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם.

„עס איז געווען פון אָנהייב אָן מיין ציל צונויפצוגיסן די צע־ריסענע כוחות פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, כדי צו שאַפן אַ דאָמי־נירנדיקן כוח אינעם צענטער פון אונדזער באַוועגונג. די צענטראַ־פעטאַלע טענדענצן אינעם אַלגעמיינעם ציוניזם זענען שטאַרק גע־וואָרן ביי דער מאַסע. די צענטריפוגאַלע טענדענצן זענען שטאַרק געוואָרן ביי די פירער אין די איינצלנע לענדער.

„מיר שטייען איצט פאַר אַ גורלהאַפטער אנטשיידונג. אויב די צוויי גרופן פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם זאָלן זיך אָפּזונדערן, דאַן איז די מיסיע און די ראָלע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אויסגע־שפּילט. די אידעאָלאָגישע פּרינציפּן פוןביידע גרופּעס זענען אי־דענטיש. די דיפערענצן זענען, לויט מיין מיינונג, פון אונטערגע־אָרדנטער נאַטור. דאָס זענען דיפערענצן ווי ביי איעדער פונקציאָ־נירנדיקער באַוועגונג. מען טאָר זיי נישט אונטערשאַצן, אָבער זייער סובאָרדינירונג אונטער אַ העכערן צוגאַנג מוז פאַרווירקלעכט ווערן, אויב מיר זענען אַ רייף פאָלק. די דאָזיקע סובאָרדינירונג קאָן גע־

שען נאָר אויפן וועג פון אַ דיסציפּלינירטן פאַרבאַנד. אויפן סאַמע וועג פון אַ שעפערישער טעטיקייט פונעם פאַרבאַנד וועט זיך אַנט־וויקלען די אַסימילירונג פון מיינונגען בתוכם פונעם פאַרבאַנד. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ פאַרבאַנד קאָן נאָר דעמאָלט זיין לעבנספעאיק און אַרבעטס־פעאיק, אויב ער וועט אַלס אַ גאַנצער געפירט זיין פון דעם באַוווסטזיין, צו פאַרייניקן אונדזער פאָלק אין אַ גרויסער צייט.

„צוליב דעם בין איך נאָך לאַנגע באַטראַכטונגען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איר, הויך פאַרערטער הער פּראָפעסאָר, זענט אפשר באַרופן פון דער השגחה איבערצונעמען אין דעם דאָזיקן גייסט די פירערשאַפט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַלס רעטער פון דער באַוועגונג.

„איך האָב געהאט די גליקלעכע געלעגנהייט דאָ נישט לאַנג צוריק אייך פאָרצולייגן מיינע געדאַנקען. איך באַרוף מיך אויף אונ־דזער געשפּרעך.

„איצט שרייב איך צו אייך פאַרטרויליך. דער דאָזיקער בריוו איז אַ פּועל יוצא פון אַ טיפער באַזאָרגטקייט. מיין געדאַנק איז געווען: איר, הער פּראָפעסאָר, קומט צו אונדזער קאָנפערענץ קיין קראָקע. איר מאַכט באַקאַנט דאָ אייער פּראָגראַם. איר, וואָס אייער אויטאָריטעט איז אַזוי גרויס, וועט זיך ווענדן מיט אַ קול קורא צו אונ־דזער פאָלק פון אָט דער אָפּיציעלער טריבונע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, וואָס קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ. איר שטעלט זיך בראש פונעם פאַרבאַנד. איר אייניקט ביידע גרופּעס פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם און פריי פון פאַרטייאישער געבונדנקייט בויט איר אַ בריק פון צוזאַמענשליסן די שעפערישע כוחות פון אונדזער באַוועגונג.

„איך וויל פאַר היינט נישט מער זאָגן. האָט אַ ישוב הדעת מיט זיך אַליין. עס איז כמעט שפּעט. אויב איר וועט אין זיך אַליין אדורכקעמפן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, וואָלט איך גערן פאַר דער קאָנ־פערענץ געקומען צו אייך, כדי אַלצדינג אַרומצורעדן, אויב דאָס וועט זיין איירע ווונטש. איך דערוואַרט אייער תשובה און איך בעט אייך

דעם דאָזיקן בריוו לעת עתה צו באַטראַכטן אַלס אַ פולשטענדיק קאָנ־
פידענציעלן.

„מיט דרך ארץ און האַרציקן ציון־גרוס,

אייער דר. י. שוואַרצבארט״.

# דער ענטפער פון ווייצמאַן

עס איז באַלד אָנגעקומען צו מיר אַ טעלעגראַמע פון פראָפ. ווייצמאַן, אַז לײדער וועט ער נישט קאָנען אָנטײלנעמען אין דער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע. און ערב דער וועלט־קאָנפערענץ גופא האָב איך באַקומען פון פראָפ. ווייצמאַן אַ לאַנגן און אַ זייער וואַרעמען בריוו, דאַטירט דעם 22טן אויגוסט 1934, פון האָטעל עדען אין אַראָזאַ, אין דער שווייץ. איך וואָלט געוואָלט דאָ ציטירט דעם גאַנצן בריוו, אָבער איך קאָן עס לעת עתה נישט טאָן צוליב צוויי טעמים: פראָפ. ווייצמאַן בעט דעם בריוו נישט צו פאַר־עפנטלעכן. און אַחוץ דעם זענען אין דעם בריוו אַנטהאַלטן פּאָליטישע באַ־טראַכטונגען, וואָס עס וואָלט געוווען נישט די צייט היינט צו פאַרעפנט־לעכן. אָבער עטלעכע אַרויסגעריסענע זאַצן וויל איך דאָ ציטירן:

„איך וויל, שרייבט פראָפ. ווייצמאַן, אין די דאָזיקע שורות ראשית כל אייך דאַנקען האַרציק פאַר דער פריינטלעכער איינלאַ־דונג און צווייטנס, אייך ווינטשן דעם בעסטן דערפאָלג אין אייערע שווערע באַמיאונגען. איך הער מיט שמחה, אַז אַ סך דעלעגירטע פון דער אַזוי געררופענער גרופּע (א) האָבן זיך אַנטשלאָסן אָנטיילצונע־מען אין דער קאָנפערענץ און איך זע אין דעם אַ מעגלעכקייט פון אַן איינהייטלעכן „אַלגעמיינעם״ ציוניזם, וואָס קאָן ווידער געשאַפן ווערן און שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אין דער באַוועגונג. איך פאַר־שטיי זיכער אייער גרויסע זאָרג און קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכער ציוניסט קאָן נישט אויסמיידן די דאָזיקע זאָרג. פול מיט ווייטיק בין איך דאָס לעצטע יאָר צוריקגעקומען פון ארץ ישראל און איך האָלט תמיד אַזוי ווי פריער אַז די אינערע סכנות זענען די גרעסטע מניעה אויף אונדזער וועג צום ציל״.

און דאַן קומט אַ לאַנגער, גאַר אינטערעסאַנטער אויספיר פון דר. וויצמאַנס פּאָליטישן און סאָציאַלן אַני מאמין. דר. ווייצמאַן רעדט וועגן די נביאי־השקר און ער ענדיקט דעם בריוו מיט אַן אַנזאָג, אַז אויב זיין פּראָגראַם וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט אפשר קומען די צייט פאַר אים איינצונעמען דעם פּלאַץ „אין אַ גרעסערער טעטיקייט אין דער אָרגאַני־זאַציע".

דער בריוו איז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אָנגעפילט מיט דעם היכן מאָראַלישן ניוואָ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר ווייצמאַנס צוגאַנג צו אַ ריי פון פּראָבלעמען און מיט פּאָליטישע מיינונגען, וואָס זיי זענען געשטאַנען אין ברען פון דעם ציוניסטישן קאַמף. עס איז גוט מאַכ־בעסמאַל צו הערן פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט מיינונגען, וועלכע מען טיילט נישט.

בקיצור, פּראָפ. ווייצמאַן איז נישט געקומען. די אויסעראָרדנטלעכע קאָנפערענץ האָט געהאַט אַ דראַמאַטישן פאַרלויף. אָבער נאָך נישט אַ טראַגישע. די לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד, פון וועלכער איך האָב גע־האַט דעם כבוד און דעם עול, צו שטיין בראש, האָט ווייטער געפירט די ענינים אין דער ריכטונג פון איינהייט פונעם וועלט־פאַרבאַנד. אָבער עס איז געווען כמעט שוין אַ סיזיפוס־טעטיקייט. נייע מניעות זענען אַנט־שטאַנען אויפן וועג פון דער אָנגעשטרענגטער טעטיקייט פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד און פון דער לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד. זיי גע־הערן צו דער גרעסערער געשיכטע פון „אונדזער" ווינקל.

## די ענדגילטיקע שפּאַלטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד

וואָס איז אָבער געשען?

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע — בערל לאָקער איז געווען צו יענער צייט דער לייטער פונעם אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט פון דער עקזעקו־טיווע אין לאָנדאָן — האָט געשטעלט וואָס גרעסערע שוועריקייטן פאַר דער אנערקענונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד אַלס אַ באַזונדערע וועלט־גרופּע און אויך פאַר דער אָנערקענונג פון דער „עת־ליבנות"־גרופּע אין קאָנגרעס־

פוילן. א ריירעוודיקע קארעספאנדענץ איז אנגעגאנגען צווישן דער לייטונג פון דעם וועלט־פארבאנד אין קראקע און דער לאנדאנער עקזעקוטיווע. קראקע איז געווארן נאך מער דער צענטראל־פונקט פון דעם ארגאניזאטא־רישן גורל פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם און דער רעזולטאט פון דעם דא־זיקן קאמף איז געווען — א באזונדערע קאנפערענץ, וואס די עקזעקוטיווע אין לאנדאן האט צונויפגערופן וועגן די ענינים פונעם וועלט־פארבאנד. די דאזיקע קאנפערענץ איז אפגעהאלטן געווארן צווישן דעם 13טן און 17טן אקטאבער 1934, אין לאנדאן. עס האבן אין איר אנטיילגענומען מצד דער עקזעקוטיווע: פראפעסאר ז. בראדעצקי אלס פארזיצער, דוד בן־גוריון, בערל לאקער און דער גענעראל־סעקרעטאר, דר. לעאן לאוטערבאך. און מצד דעם וועלט־פארבאנד האבן זיך באטייליקט פריץ בערנשטיין פון ראט־טערדאם, דר. עמיל שמאראק פון לעמבערג, קורט בלומענפעלד פון ירו־שלים און דר. מארטין ראזענבלום פון לאנדאן, ווי אויך דער שרייבער פון די דאזיקע זכרונות. די פראטאקאלן פון דער דאזיקער קאנפערענץ ליגן איצט פאר מיר. אפשר וועט קומען די צייט צו פארעפנטלעכן אויך די דאזיקע פראטאקאלן צוזאמען מיט אנדערע דאקומענטן פונעם וועלט־פארבאנד. הייינט מוז איך מיך צואיילן און גיך דערנעענטערן זיך צו דער לעצטער לוויה־וועלט־קאנפערענץ פון דעם וועלט־פארבאנד, וואס איז שפעטער אפגעהאלטן געווארן אין יאר 1935, אויך אין קראקע, ווי איך האב שוין פריער דערמאנט.

די ירידה פונעם אלגעמיינעם ציוניזם איז געווען סימבאליזירט דורך דעם פאקט, וואס צו די וואלן צום 18טן קאנגרעס פון יאר 1935 זענען בסך־הכל פון 535 טויזנט שטימען ביי די וואלן צו דעם דאזיקן 18טן קאנגרעס געווען נאר 88 טויזנט אלגעמיינע ציוניסטן. און אמאל האט דער אלגעמיין־ציוניסטישער לאגער געציילט 73 פראצענט פונעם קאנ־גרעס. נאך א ריי פון זיצונגען פון דער צענטראלע אין קראקע אין חודש מערץ 1935 און נאך א זיצונג פון דעם צווייג פון דער צענטראלע אין תל־אביב סוף מערץ 1935, בעת א קאנפערענץ פונעם אקציאנס־קאמי־טעט, איז סוף כל סוף צונויפגערופן געווארן די פערטע און לעצטע וועלט־קאנפערענץ פונעם וועלט־פארבאנד אין קראקע. און מיט איר איז פאר־בונדן א דעפרימירנדיקע דערינערונג, אן אלגעמיינע און א פערזענלעכע.

דאָס וועט זיין די לעצטע דערינערונג. וואָס איך וויל דאָ דערמאָנען פון דעם מבול פון פאַרשיידנאַרטיקע דערינערונגען, וואָס זענען אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט קראָקע. וואָס איז די דאָזיקע דערינערונג?

די וועלט־קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ באַקאַנטן האָטעל אויף דער גערטרודאַ גאַס. אין דעם זעלביקן האָטעל האָט „אָבסערווירט״ די וועלט־קאָנפערענץ — בערל לאָקער. די קאָנפערענץ האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי קאָנפערענצן — פון דער גרופּע (א) און פון דער גרופּע (ב). איך האָב אַרומגעפּענדלט צווישן איינער און דער צווייטער, כדי צו שאַפן די בריק. אָבער די בריק איז צוזאַמענגעבראָכן. די גרופּע (א) האָט געהאַט אַ קלאָרן ווילן פונאַנדערצורייסן כלפּי חוץ, וואָס איז סיי ווי סיי שוין געווען פונאַנדערגעטיילט כלפּי פּנים. אין דער לעצטער געמיינזאַמער זיצונג פון ביידע פונאַנדערגעטיילטע גרופּעס, אין דער יתגדל־זיצונג, אין וועלכער עס האָט געהאַט דעם פּאָרזיץ דר. עמיל שמאָראַק ז״ל, האָט מען אָנגעהייבן ביים סוף צו זינגען די התקווה. עס האָט אין מיר אויפגעקאָכט: מיט דעם גאַנצן כוח, וואָס איך האָב פאַרמאָגט אין מיר, האָב איך איבערגעריסן די ערשטע טענער פון התקווה און נישט דערלויבט צו זינגען דאָס ליד פון האָפענונג אויף אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער די האָפענונג פון דער איינהייט פון אַלגעמיינעם ציוניזם איז שענדלעך באַגראָבן געוואָרן.

עס איז געווען אַרום פיר אַזייגער אין דער פרי, ווען איך בין מיט מיין פריינט לעאָן סאַלפּעטער געגאַנגען אַ דערשלאָגענער דורך דעם הערלעכן רינג־פּלאַץ פון קראָקע, וועלכער האָט אין די דאָזיקע פריע שעהן געהאַט אַ באַזונדערן צויבער. די אַרבעט פון זעקס יאָר איז צערונען געוואָרן. פון אָט יענעם טאָג אָן איז די לייטונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד געווען נאָר די לייטונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן פון דער גרופּע (ב) מיט מיר בראש אין קראָקע און מיט יהושע סופּראַסקי ז״ל בראש, אין ארץ־ישראל. און גלייכצייטיק איז אַנטשטאַנען די וועלט־פאַראייניקונג פון אַלגעמיינע ציוניסטן פון דער גרופּע (א) מיט דער צענטראַלע אין לאָנדאָן און מיט הרב גאָלדבלום אין לאָנדאָן בראש.

איך האָב דאַן טראָצדעם ממשיך געווען קאָנטאַקטן מיט דער וועלט־פאַראייניקונג פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין לאָנדאָן דורך צושיקן צו דער

וועלט־פאַרייניקונג קאַפּיטעס פון אונדזערע דאָקומענטן. אָבער דאָס איז אויך ווייטער געווען אַן איינזייטיקע ליבע. וואָס עס איז שפּעטער געשען, וועל איך ביים סוף פון די דאָזיקע זכרונות דערמאָנען. יעדנפאַלס פונעם יאָר 1935 ביז 1939, ביז צום סוף פון דער תקופה, וועגן וועלכער איך שרייב, זענען די צוויי גרופּעס פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם געווען אין גאַנצן אָפּגעזונדערט. זייער אַנטוויקלונג אין ציפערן האָב איך איבערגעגעבן פריער. אָבער דער תהום איז געווען טיפער ווי די סטאַטיסטיק. עס האָבן זיך אָנגעהייבן צו קריסטאַליזירן צוויי פונדאַמענטאַל פאַרשיידענע — ווי מיר פלעגן זאָגן אין אַ מיסברויכטן און פאַלשן וואָרט — „וועלט־אַנשויאונגען" וועגן ציוניזם. אין דער דאָזיקער תקופה פון פיר יאָר האָט דער אַלגעמיינער ציוניזם כמעט גאָר נישט געבויט אין ארץ־ישראל. ער איז געווען פאַרנומען מיט דעם אינערלעכן קאַמף. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט מער פאַרשטענדעניש פאַר רעאַליטעט ווי מיר אַלגעמיינע ציוניסטן און זי האָט געבויט ארץ־ישראל לויט איר אידעאָלאָגיע, הגם זי האָט געהאַט רייבונגען אין איר אייגענעם לאַגער. און דערפאַר איז די דאָזיקע אַרבעטער־באַוועגונג געוואָרן דער כוח, וועלכן זי רעפּרעזענטירט היינט אין מדינת ישראל.

## דער באַזונדערער אָרגאַניזאַטאָרישער צושטייער פונעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ווען מיר פאַרגלייכן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן צושטייער פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד מיט אַנדערע יידישע ישובים פון מער אָדער ווייניקער דעמזעלבן נומערישן כוח, און אַפילו ווען מיר פאַרגלייכן זיין אָרגאַניזאַטאָרישן צושטייער מיט אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס אין קאָנגרעס־פּוילן אָדער אין מזרח־גאַליציע, פאַלט אויס דער פּסק אומגעהייער שטאַרק לטובת אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. איך וויל דאָס דאָ אין אַלגעמיינע שטריכן באַווייזן.

צו יענער צייט זענען געווען צוויי ישובים אין דעם גרויסן נעץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געהאַט כמעט דיזעל־

ביקע צאָל יידישע באַפעלקערונג ווי מערב־גאַליציע און שלעזיע — אַר־גענטינע און פראַנקרייך. אַרגענטינע, וואָס דער צוזאַמענשטעל פון איר ישוב איז געווען ברוב אַ מזרח־אייראָפּעישער און דער ישוב אין פראַנק־רייך, ווו זיין צוזאַמענשטעל איז געווען זייער שטאַרק אַ מזרח־אייראָפּעי־שער, אָבער די ממשלה פונעם ישוב איז געלעגן אין די הענט פון די אַזוי גערופענע „אמתדיקע פראַנצויזישע יידן” און דערפאַר איז זייער ממשלה געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גייסט פון דעם דאָזיקן ישוב. איך קאָן דאָ נישט דורכפירן אַ פאַרגלייך מיט אַלע צען קאָנגרעסן אין דער תקופה פון 1919 ביז 1939. איך וויל דאָ באַגרענעצן דעם פאַרגלייך נאָר צו איין קאָנגרעס, דעם לעצטן אין דער דאָזיקער תקופה, דעם 21טן קאָנגרעס אין זשענעווע פון דעם יאָר 1939, פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה.

צו דעם דאָזיקן קאָנגרעס האָט אַרגענטינע געוויילט נאָר צוויי דעלע־גאַטן אויף דער ליסטע פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן צוזאַמען מיט דער מזרחי, נאָר איינער פון די צוויי דעלעגאַטן איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט. אָבער מערב־גאַליציע און שלעזיע האָט צו דעם זעלביקן קאָנגרעס געוויילט נ י י ן אַלגעמיין־ציוניסטישע דעלעגאַטן, אַלע פון דער גרופּע (ב). אין פראַנקרייך איז צו דעם זעלבן קאָנגרעס אויך נישט געווען קיין שום אַלגעמיין־ציוניסטישע ליסטע און עס זענען געוויילט געוואָרן נאָר דריי דעלעגאַטן פון דעם „גוש הדמקרטי”, פון וועלכע נאָר איינער איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט. און איך חזר דאָ איבער: ניין אַלגעמיין־ציוניסטישע דעלעגאַטן האָט דערוויילט מערב־גאַליציע און שלעזיע. דאָס איז דער קאָנטראַסט! איז דאָס נישט קיין גע־נוגנדיקער באַווייז פון דעם אומגעהייער רעלאַטיוון אָרגאַניזאַטאָרישן כוח פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין פאַרגלייך מיט די צוויי גלייך שטאַר־קע ישובים?

און איצט דער צווייטער פאַרגלייך, אויך באַגרענעצט צו דעם זעל־ביקן 21טן קאָנגרעס פון 1939. אויך דאָ וויל איך מיך באַנוגענען מיט איין קאָנגרעס, הגם איך האָב פאַר מיר אויך די סטאַטיסטיק פון אַנדע־רע קאָנגרעסן.

אין קאָנגרעס־פּוילן האָט אונדזער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע, דער צענטראַל־קאָמיטעט, געהאַט אַ ניין (9) מאָל גרעסערע יידישע באַפעלקע־

רונג אין פאַרגלייך מיט מערב־גאַליציע און שלעזיע. האָט קאָנגרעס־פּוילן געוויילט עלף אַלגעמיינע ציוניסטן פון דער גרופּע (א) און איין אַלגע־מיינעם ציוניסט פון דער גרופּע (ב) צום 21טן קאָנגרעס. בעת מערב־גאַ־ליציע און שלעזיע, ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, האָט געהאַט ניין אַלגעמיין־ציוניסטישע דעלעגאַטן, דאָס הייסט, נאָר מיט דריי ווייניקער ווי דער גרויסער ישוב פון קאָנגרעס־פּוילן. און מזרח־גאַליציע, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי גרויס ווי מערב־גאַליציע און שלעזיע, האָט צו דעם זעלביקן קאָנגרעס געוויילט 9 דעלעגאַטן פון דער גרופּע (ב) און קיינעם נישט פון דער גרופּע (א). דאָס הייסט די זעלביקע צאָל ווי אונדזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד.

אוודאי איז עס לייכטער צו אָרגאַניזירן אַן אַקציע אין אַ קלענערן ישוב ווי אין אַ גרויסן ישוב. אָבער סוף־כל־סוף באַשטייט אַ גרויסער ישוב פון קליינע ישובים און דער גרויסער ישוב האָט נאַטירלעך אַ סך מער רעזערוו־כוחות צו אָרגאַניזירן זיין אַקטיוויטעט ווי אַ קליינער ישוב.

עס איז דערפאַר, אַזוי גלייב איך, באַגרינדעט די באַהויפּטונג, אַז אונדזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען אין דעם גרויסן נעץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אַ וואַגיק אויג, טראָץ דעם וואָס זיין נומערישער כוח איז געווען קליין.

## קאָנסטרוקטיווע קריטיק פונעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן

אָבער אַחוץ דעם איז נאָך געווען איין כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער טעטיקייט פון אונדזערע דעלעגאַציעס צו די פאַרשידענע ציו־ניסטישע קאָנגרעסן. נאַטירלעך האָט אַ דעלעגאַציע פון 7 אָדער 11 דע־לעגירטע נישט געקאָנט שפּילן אַ וואָגיקערע ראָלע אין אַ דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס ווערן כוחות ראשית־כל געציילט. אָבער אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן באַשרענקטן נומערישן כוח האָבן די דעלע־גאַציעס פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן דאָך געשפּילט אַ באַזונדערע ראָלע. די ראָלע איז באַשטאַנען ראשית־כל אין צוויי ריכטונגען: די רעדנער פון די רייען פון אונדזערע דעלעגאַציעס

האָבן סיי אויף דער טריבונע פון די פלענאַרע זיצונגען פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס, סיי אין די קאָמיסיעס — איך האָב איצט ווידער דורכגעקוקט עטלעכע פּראָטאָקאָלן פון ציוניסטישע קאָנגרעסן פון יענער צייט — גע־קעמפט פאַר צוויי פּרינציפּן: „קריטיקיר די האַנדלונגען פון דער עקזעקו־טיווע אַזוי ווי דו וואָלסט וועלן זיין קריטיקירט, ווען דו אַליין וואָלסט גע־ווען אין דער עקזעקוטיווע". און דער צווייטער פּרינציפּ, פאַר וועלכן עס האָבן געקעמפט די דעלעגירטע פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז גע־ווען: „אונטערשטרייך תמיד דאָס וואָס פאַרבינדט די פּאַרטייען אַפילו אויף קאָסטן פון צייטווייליקע נצחונות פון דיין אייגענער פּאַרטיי, כדי בזה האופן גובר צו זיין די רעזולטאַטן פון דעם דעסטרוקטיוון אַטאָמיזי־רונגס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אונדזער געשיכטע צוליב דער געאָגראַפישער צעשפּרייטקייט פון טיילן פון אונדזער פאָלק איבער דער גאָרער וועלט".

אַוודאי האָבן די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן, וואָס זענען געקומען פון אַ קליינער צאָל דעלעגירטע נישט געקאָנט אַ סך ענדערן דעם כאַראַקטער פון דעם איינגעוואָרצלטן פּאַרטייען־סיסטעם. אָבער די שטים פון אונ־דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט דאָך אַריינגעטראָגן אַ קאָאָרדינירנדיקן טאָן פון סופּערמאַציע פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן איבער די צענטריפוגאַלע טענדענצן פון אונדזער היפּערטראָפישן פּאַרטיי־קאַמף.

איך וואָלט געקאָנט ציטירן פאַרשידענע רעדעס, וואָס אונדזערע דע־לעגירטע אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן געהאַלטן, רעדעס אין וועלכע דער רוף אין דער ריכטונג פון די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן ווערט פול באַ־שטעטיקט. אַ רירנדיקע רעדע האָט אין דעם פּרט געהאַלטן ד״ר יהושע טאָן אויף דעם לעצטן קאָנגרעס, אין וועלכן ער איז געווען אַנוועזנד, אין יאָר 1935.

אַוודאי איז אונדזער דעלעגאַציע אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט געקעמפט פאַר די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן. און אויב איך געפין עס פאַר נייטיק טראָצדעם צו אונטער־שטרייכן אַלס אַ באַזונדערן שטריך אין דעם גייסטיקן צוגאַנג פון אונ־דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו דעם פּראָבלעם פון אונדזער קאָנגרעס־פּאַרלאַ־מענטאַריזם, איז עס דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער צוגאַנג איז ביי אונדז

געווען אַ ש ט ע נ ד י ק ע ר און נישט קיין צייטווייליקער און נישט אַ מאָטיווירטער דורך מאָמענטאַנע אינטערעסן. ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ טיפער זאָרג וועגן די דעסטרוקטיווע רעזולטאַטן פון אונדזערע פּאַרטיי־באַציאונגען. און איך קאָן מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז עס האָט זיך במשך פון יאָרן אַנטוויקלט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן אַ שטאַרקער רעספּעקט פאַר די פּאַראייניקנדיקע מאָמענטן. די אויטאָריטעט פון באַשלוסן פון דעם קאָנגרעס איז תמיד געשטיגן. זאָל עס בלייבן אַלס אַ שבח פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס ער האָט געהאַט אין אָט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער אויטאָריטעט פון אונדזערע קאָנגרעסן אַ חשובן אַנטייל.

און איך וויל דאָ איצט ווידער ווי ביי טייל אַנדערע געלעגנהייטן אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז ראשית־כל געווידמעט דעם ציוניזם אין אונדזער שטח, דערמאָנען אַזוי ווייט ווי איך קאָן, די נעמען פון אונדזערע חברים און חברות, וואָס האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו זיין מיטגלידער פון די העכסטע אינסטאַנצן אין אונדזער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

וואָס האָט שוין געקאָנט זיין פאַר אַ ציוניסט אַ גרעסערער כבוד בפרט אין דער צייט פאַר דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה, ווי צו ווערן אַ דעלעגירטער צום קאָנגרעס אָדער אַ מיטגליד פון די אייבערשטע אינסטאַנצן פון אונדזער וועלט־באַוועגונג. די קאָנגרעסן האָבן גובר געווען אונדזער צעשפּרייטקייט. דאָ האָבן זיך די שטראַלן פון אונדזער גלות באַגעגנט ווי אין אַ לענס פון אונדזער נשמה.

אָט דאָס זענען די נעמען:

עס איז קיינער פונעם קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד נישט געווען אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פון 20 יאָר אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע. אין דער צווייט־העכסטער אינסטאַנץ פון אונדזער באַוועגונג, אין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, איז תמיד געווען ד״ר יהושע טאָן אונדזער פאַרטרעטער, דורך לאַנגע יאָרן אַלס אַ מיטגליד און דאַן שפּעטער אַלס אַ וויריליסט. דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות איז אין דעם צווייטן טייל פון דער דאָזיקער תקופה געווען אַ מיטגליד פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט און אַ רייע יאָרן וויצע־פּרעזידענט פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט און שפּעטער מיט די יאָרן אויך געוואָרן אַ וויריליסט, וואָס ער

איז עד־היום. אַלס שטעל־פאַרטרעטער אין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט איז שוין פונעם יאָר 1923 געוויילט געוועז חיים נייגער און — צייטווייליק אויך ד״ר שמואל וואַרהאַפטיק. אין דעם קאָנגרעס־געריכט איז דורך אַ ריי פון יאָרן געוועזן אַ מיטגליד ד״ר שמואל שפּאַן און אין דעם ערן־גע־ריכט פונעם קאָנגרעס איז געוועזן דורך אַ גאַנצער ריי פון יאָרן מיטגליד ד״ר שמעון פעלדבלום.

און איצט קום איך צו דער ליסטע פון אונדזערע דעלעגירטע ביי פאַרשידענע קאָנגרעסן. איך צייל נישט אויף ביי וועלכע. די נעמען, וואָס עס איז מיר געלונגען צוזאַמענצושטעלן — אפשר האָב איך עמיצן אויס־געלאָזט, האָב איך עס געטאָן אָן כוונה.

ש. ארצט (ביעלסקאָ), מאַריאַ אַפּטע, ד״ר הערבערט בעטער, אליעזר בירמאַן, סאַמועל בלייכער, פּאַול בראַון, ד״ר יעקב בלעך, ד״ר יעקב פּראַגער, ד״ר סאַמועל פרידמאַן, אינזש. דוד פעלדמאַן, איזאַק גרינשטיין, ד״ר יהושע הערשדערפער, ד״ר חיים הילפשטיין, אברהם האָפשטעטער, חיים קלאַקסבאַלד, ישראל קראַוס, פּרוי קאַהאַנע, קאָפּלאָוויץ (קאַטאָוויץ), פּרוי רחל־רוזשע נעמער (זשעשאָוו), ד״ר יהודה אָרענשטיין, ד״ר ישראל ראַבי־נאָוויטש, ד״ר אַזיאַש ראַפּאַפּאָרט (קאַטאָוויץ), יודל רונדשטיין (קראָקע), פּרוי עלזאַ זילבערשטיין, ד״ר מאַרקוס שפּיגעל, י. שיף (סאַנאָק), שרע־טער (ביעלסקאָ), פּרוי נינאַ זיידענפּראַו, ווילהעלם סאָבעל, אינזש. מ. שפּאָץ, ס. זיידען (זשעשאָוו), לעאָן סאַלפּעטער, ד״ר פיליפּ טירק, לעאָן וואַנדער, עליאַש וואַנג, ד״ר יהודה צימערמאַן, ד״ר אברהם כאַמעט, פּרוי רעגינאַ ציומערמאַן און זעלבסטפאַרשטענדלעך די אויבן־דערמאַנטע מיט־גלידער פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, פון דעם קאָנגרעס־געריכט און פון דעם ערן־געריכט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זאָלן די נעמען פון די דאָזיקע חברים דאָ זיין צונויפגעבונדן אין אַ קראַנץ פון געדענקען צוליב זייער שטענדיקן אחריות־געפיל פאַר דעם גורל פון אונדזער באַ־וועגונג, צוליב זייער מסירות נפשדיקער איבערגעגעבנהייט צו אונדזער רעיון, וואָס זיין ראָלע — איך גלייב אַז אַפילו קעגנער פון ציוניזם וועלן דאָס מודה זיין — האָט געהאַט אַ היסטאָרישן איינפלוס אויף דער פּאָזי־ציע פון אונדזער פאָלק אין דער וועלט.

דער רוב פון די אָנגערופענע חברים און חברות איז נישט מער דאָ

צווישן אונדז. אַ גרויסער טייל פון זיי איז פאַרפּייניקט געוואָרן דורך היטלער־דייטשלאַנד.

## קראָקע אַלס שטאָט פון יידישע וועלט־קאָנפערענצן

קראָקע אַלס שטאָט האָט געהאַט חן. און חן האָט אַן אַנציאונגס־כוח. קראָקע האָט אָבער אויך געהאַט די טעכנישע באַדינגונגען פאַר וועלט־קאָנפערענצן. קראָקע האָט אויך געהאַט דעם שם פון וואַרעמער גאַסט־פריינטלעכקייט. און אַחוץ דעם איז דער קראָקעווער יידישער ישוב געווען אַ ישוב פון אַ לאַנגער, לאַנגער טראַדיציע. געלעגן איז די שטאָט אויף דער הויפּט־באַן־ליניע פון צענטראַל־אייראָפּע און דאָס אַלצדינג האָט גורם געווען דערצו, אַז די שטאָט איז געוואָרן נישט זעלטן אַן אָרט פאַר יידישע וועלט־קאָנפערענצן, הגם זי איז געווען אַ פּראָווינץ־שטאָט.

נישט נאָר ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענצן זענען דאָ צייטנווייז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן, נאָר אויך נישט־ציוניסטישע יידישע קאָנפערענצן.

די צווייי וועלט־קאָנפערענצן פון אַלגעמיינע ציוניסטן, די ערשטע אַ דראַמאַטישע און אַ קאָנסטרוקטיווע, די צווייטע אַ טראַגישע און אַ דעס־טרוקטיווע, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קראָקע. די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון מזרחי האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט, כדי דער מזרחי־באַוועגונג אין פּוילן צו געבן אַ שטויס־קראַפט. דער זעלבער מאָטיוו האָט די רעוויזיאָ־ניסטישע באַוועגונג באַוויגן דאָ אָפּצוהאַלטן איר וועלט־קאָנפערענץ. שוין פאַר דער תקופה וועגן וועלכער איך שרייב דאָ, איז אין קראָקע פאָרגע־קומען אַ וועלט־קאָנפערענץ — איך גלייב עס איז געווען די גרינדונגס־קאָנפערענץ — פון דער וועלט־באַוועגונג פון פּועלי־ציון. אויך אַגודיסטי־שע וועלט־קאָנפערענצן זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קראָקע. און אַזוי אַרום איז די פּוילישע קעניגלעכע שטאָט און די יידישע שטאָט פון רמ״א געוואָרן אַ מין צענטער, אין וועלכן אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט גע־קאָנט אַ סך לערנען פון אַנדערע טיילן פון אונדזער פאָלק, באַקענען זיך מיט זיינע פירער, קאָנטראָלירן זיינע אייגענע מיינונגען אין שפּיגל פון די אני מאמינס פון אַנדערע באַוועגונגען און נישט ווערן פאַרגליווערט אין אַ גאַווהדיקער, עגאָצענטרישער פּראָווינציאַלישקייט. דער שם פון אונ־

דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז צוליב דעם אין דער ציוניסטישער און אין דער יידישער וועלט בכלל געווען אַ סך, אַ סך גרעסער און שטאַרקער, ווי מיר האָבן דאָס געקאָנט דערוואַרטן לויט דעם נומערישן כוח פון אונדזער קהילה.

## די קאָלירפולע גאַלעריע פון פראָמינענטע באַזוכער אין קראָקע

**חיים וויצמאַן — נחום סאָקאָלאָוו — וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי — חיים נחמן ביאַליק — נחום גאָלדמאַן — מ. מ. אוסישקין — קורט בלומענפעלד — שמריהו לעווין — לייב יאָפע**

וועלט־קאָנפערענצן האָבן נאַטירלעך אויך צוגעצויגן די פראָמינענטסטע פירער פון די פאַרשידענע באַוועגונגען. און אַזוי אַרום איז צווישן אונדזער קליינעם לאַנדעס־פאַרבאַנד און דער דרויסנדיקער ציוניסטישער און בכלל יידישער וועלט געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערער קאָנטאַקט. די סכנה פון אַ פראָווינץ־שטאָט צו ווערן צו טיף פאַרליבט אין אירע אייגענע ווערטן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווייל די דאָזיקע פראָמינענטע פערזענ־לעכקייטן האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער יידיש לעבן אַ דערפרישנדיקן שטראָם פון ברייטערע און קאָלירפולע האָריזאָנטן. אַזוי אַרום איז ביי אונדז אַנטשטאַנען אַ פאַרלאַנג מיטצוגיין מיט דעם גייסטיקן קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן אַנדערע יידישע ישובים. עס איז אמת, אונ־דזער קליינער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט נישט ווייניק געגעבן דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אָבער ער האָט אַ סך מער פון איר גענומען. דער קאָנטאַקט מיט די פראָמינענטע ציוניסטישע פירער איז געווען איי־נער פון די עלעמענטן, וואָס האָבן צוגעגעבן שווונג אונדזער יידישן לעבן. מיר זענען צוליב דעם נישט זעלטן געווען אין אַ געהויבענעם מצב־רוח. די באַזוכן זענען פאַר אונדז געווען אמתדיקע יום־טובים.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צווישן אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד און אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס אין קאָנגרעס־פוילן און מערב־גאַליציע איז געווען אַ גאָר לעבהאַפטער קאָנטאַקט און אַז די פי־

רער פון די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשע און לעמבערג זענען גאָר אָפּט געקומען קיין קראָקע און אומגעקערט. דער דאָזיקער קאָנטאַקט צווישן די פירער פון די דריי לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן איז טעכניש געווען אַ דערגענטערונג, אָבער אידעאָלאָגיש איז ער אָפּט געווען אַ סיבה פאַר דערווייטערונג. ווייל נאָך אַזעלכע באַזוכן האָבן מיר קעגנזייטיק בעסער פאַרשטאַנען די דיפערענצן, וואָס טיילן אונדז אָפּ. אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם יידישן פּאַרלאַמענטאַריזם אין פּוילן האָב איך אייניקע פון די דאָזיקע פירער דערמאָנט און כאַראַקטעריזירט.

דאָ האָב איך בדעה זיך צו קאָנצענטרירן אין עטלעכע שטריכן אויף די באַזוכן פון פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען צו אונדז געקומען מחוץ פון פּוילן, פון דער ווייטער ציוניסטישער וועלט. אַ מאָלער אָדער אַ דיכטער וואָלט געקאָנט בעסער ווי איך געבן דאָס בילד פון דער קאָלירפולער גאַלעריע פון צענדליקער אינטערעסאַנטע באַזוכער, וואָס זענען צו אונדז געקומען אין דער צייט פון 1919 ביז 1939. טייל פון זיי האָבן באַזוכט נישט נאָר קראָקע, אָבער אויך די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט פון מערב־גאַליציע און שלעזיע.

נאַטירלעך וועל איך אָנהייבן מיט ח יי ם  וו יי צ מ אַ נ ע ן און דאָס נישט נאָר, ווייל עס איז חיים וויצמאַן, נאָר ווייל ער איז געווען אַ באַזוכער, וואָס האָט אונדז נישט באַזוכט און דאָך באַזוכט. חיים וויצמאַן, דער גרויסער ייד פון מאָטעלע ביי פּינסק, האָט אין זיין גאַנצן לאַנגן טעטיקייטס־פּעריאָד נישט באַזוכט די פּוילישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַ פּסיכישער ווידערשטאַנד האָט אין אים געלעבט קעגן אַ באַזוך פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, הגם מיר האָבן אים נישט איינמאָל איינגעלאַדן. איך וויל דאָ נישט אַנאַליזירן די סיבות דערפון.

חיים וויצמאַן איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, וואָס זיין אינערלעך לעבן איז נישט געווען זייער לייכט צו פאַרשטיין. כלפּי חוץ האָט ער אויסגעזען רואיק, אָבער אין אינערלעך לעבן איז ער געווען זייער אינטענסיוו. די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן אים און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער האָבן ביי אים געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע. וויצמאַן האָט נישט געהאַט די טבע אָפּצוגרענעצן זיינע נעגאַטיווע פּערזענלעכע סענטימענטן פון דער נויטווענדיקייט אָנצוהאַלטן אין אינטערעס פון דער

באַוועגונג גוטע באַציאונגען מיט די דאָזיקע פירער אין זיין סביבה, דער דאָזיקער חסרון פון זיין נאַטור איז געשטאַנען אין אַ ווידערשפּרוך מיט דעם גרויסן קאַליבער פון זיין פּערזענלעכקייט.

פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן איז אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַרבייגעפאָרן דורך קראָקע דעם 13טן נאָוועמ־בער 1927, אויף זיין וועג פון דייטשלאַנד קיין רומעניע. זיין צוג האָט זיך אויפגעהאַלטן אין קראָקע 20 מינוט. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי געהויבן עס איז געווען אונדזער שטימונג. אַ דעלעגאַציע פון אַלע ציוניס־טישע גרופּעס בתוכם מיט ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אויך די רעוויזיאָניסטישע פאָרטרעטער האָבן באַגריסט פּראָפעסאָר ווייצמאַן אויף דעם וואָקזאַל. די דעלעגאַציע איז געווען אָנגעפירט פון ד״ר ש. וואַרהאַפ־טיג, ד״ר ש. פעלדבלום, ד״ר ח. הילפשטיין. ד״ר פעלדבלום האָט געהאַלטן אויפן וואָקזאַל אַ באַגייסטערטע באַגריסונגס־רעדע. (ד״ר יהושע טאָן איז דעמאָלט געווען קראַנק און דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות איז דע־מאָלט נישט געווען אין קראָקע). די הויכע, שטאַרק געבויטע געשטאַלט פון אונדזער פּרעזידענט מיט זיין תמיד ערנסטן און באַזאָרגטן פּנים האָט דיקטירט דיסטאַנץ און רעספּעקט. ער איז געווען גאָר ווייניק פאָלקסטימ־לעך הגם זיינע אָנעקדאָטן זענען געווען זייער פאָלקסטימלעכע. מאַנ־טשעסטער אין ענגלאַנד האָט תמיד געקעמפט מיט מאָטעלע ביי פּינסק. פאַר אונדז איז ער געווען דער פּרעזידענט פון דער יידישער מלוכה אונ־טערוועגנס. און דאָס איז געווען געווען פאַר אַן אמתדיקן יום־טוב, הגם מיט אַ פּאָר טראָפּן פון ביטערקייט, ווייל דער פּרעזידענט האָט נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו באַזוכן אונדזער שטאָט.

דעם 6טן יאַנואַר 1930 איז צו אונדז געקומען אויף אַ באַזוך נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ וו. דעמאָלט נאָך נישט דער פּרעזידענט, ווייל ער איז עס ערשט געוואָרן אין יאָר 1931. דעם 9טן יאַנואַר האָט נחום סאָקאָלאָוו גע־האַלטן אַ גרויסע רעדע אויף אונדזער לאַנדעס־קאָנפערענץ אין קראָקע און דריי טעג פריער האָט ער אין דעם שיינעם זאַל פונעם אַלטן טעאַטער געהאַלטן זיין גייסטרייכן רעפעראַט איבער ציוניזם. נחום סאָקאָלאָוו איז געווען אַ גאָר אַנדערער מענטש ווי חיים ווייצמאַן. ער איז געווען דער קלאַסישסטער דערציילער מיט אַ פּערזענלעכער וואַרעמקייט. אין דעם

אַלטן גריכנלאַנד וואָלט ער זיכער געווען איינער פון די שענסטע מיט־גלידער פון דער „גערוזיא״. ער האָט נישט געצונדן, ווי מאַנכעס מאָל אַ פונק פון גאָטס חסד אין אַ רעדע פון חיים ווייצמאַן, אַ פונק, וועלכער האָט געווירקט ווי אַ בליץ. סאָקאָלאָווס געשפּרעכן און רעפעראַטן זענען געווען רעפלעקטיוו, אַנאַליטיש, היסטאָריאָזאָפיש. זיי האָבן געצוווּנגען צום נאָכטראַכטן. ער האָט דעם צוהערער, דעם אינטעלעקטואַל געצוווּנגען זיך צו פאַרטיפן אין די סאַמע טיפעניש פון אונדזער גלאָרייכער פאַר־גאַנגענהייט. אומאויסשעפּלעכע גייסטיקע אוצרות, מיט וועלכע ער איז געווען אָנגעזאַפּט האָבן זיך ממש געשיט פון אים צו דעם צוהערער. מען איז געוואָרן פאַרזונקען אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט און אין דעם שטאָלץ וועגן איר, ווען מען האָט זיך צוגעהערט צו נחום סאָקאָלאָווס דערציילונ־גען איבער אונדזער קיום און דעם זין פון אונדזער געשיכטע. דער אַמאָ־ליקער שעף־רעדאַקטאָר פון דעם משכּיליש־אַסימילאַטאָרישן פּוילישן וואָכנבלאַט „איזראַעליטאַ״ איז געוואָרן אַ גרויסער לערער פון ציוניזם. זיין אומפאַרגעסלעכן פאַרטראַג אין דעם זאַל פונעם אַלטן טעאַטער האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין קראָקעווער יחוס און עס דערפאַר כדאי צו ציטירן דאָ כאָטש דעם איינעם פּרט: אינעם 16טן יאָרהונדערט — האָט נחום סאָקאָלאָוו דערמאָנט — האָט געלעבט אין קראָקע זיין עלטער־עלטער־זיי־דע. ער איז געווען אַ רב און האָט געהייסן נתן שאַפּיראָ. ער איז געווען דער מחבר פון אַ קאָמענטאַר פון אַ הייליקער שריפט אונטער דעם טיטל „דער אַנטדעקער פון טיפענישן״. דער דאָזיקער עלטער־זיידע זיינער האָט זיך באַזעצט אין דעם פּוילישן שטעטל סאָקאָלאָוו, אין דער געוועזענער שעדלעצער גובערניע און פון אָט דעם אָרט קומט דער נאָמען פון זיין משפחה. עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּרטימדיקער געבוי־קייט פון סאָקאָלאָוו טראָץ זיין טיפקייט, אַז ער האָט אין דעם דאָזיקן פאַרטראָג אונטערגעשטראָכן, אַז זיין נאָמען איז אין דער אמתן נישט סאָקאָלאָוו נאָר סאָקאָלווו. אַן אַנדערער פּרט איז מיר געבליבן אין זכרון פון זיין באַזוך אין קראָקע. מיר זענען געגאַנגען דורך דעם וואונדערלעכן קראָקעווער רינעק. מיר האָבן גערעדט פּויליש. סאָקאָלאָוו האָט געשריבן און גערעדט אין אַ זייער קאָרעקטן און הויך־ליטעראַרישן יום־טובדיקן פּויליש. אַפילו אין וואָכעדיקע זאַכן האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם הויכן

בלומענאַרטיקן סטיל. עס איז געקומען דערפון, וואָס ער האָט זייער זעלטן זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער שפּראַך. און פּלוצלינג גיט מיך סאָקאָלאָוו אַ פרעג: וואָלט איר נישט געקאָנט באַקומען פאַר מיר אַ קליינע מאָנאָגראַפיע אין אַן אַנטיקוואַרישער בוכהאַנדלונג, וואָס באַהאַנדלט דעם ענין „פליסאָקי”? (דאָס זענען געווען פּוילישע שיפסלייט, וואָס האָבן אויף קליינע גאַלאָרן דורך דער ווייסל געפירט קיין פּלאָצק און דאַן קיין גדאַנסק פאַרשיידענע סחורות, בפרט האָלץ).

דער היסטאָריאָזאָף מיט דעם ענציקלאָפּעדישן וויסן האָט זיך אינטערעסירט פאַר אַ מאָנאָגראַפיע — וועגן „פליסאָקיס”.

עס איז געווען דאָס יאָר 1930 און נחום סאָקאָלאָוו האָט געפּרוווט אין וואַרשע גרינדן אַ פּויליש־פּאַלעסטינעזישע קאַמער פאַר פּאָליטישע און גייסטיקע ענינים. דער פּוילישער פּרעמיער מיניסטער גראַף אַלעקסאַנדער סקינשסקי און דער פּראָפעסאָר פון דעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט דיבאָווסקי האָבן שטאַרק אונטערשטיצט דעם פּלאַן. עס איז סוף־כל־סוף גאָרנישט געוואָרן פון דעם.

מיר האָבן ממש געטרונקען חכמה פון סאָקאָלאָווס פאָרטראַגן אין קראָקע. ער איז אונדז געבליבן לאַנג אין זכרון.

אַ גאָר אַנדערע פּערזענלעכקייט איז געווען וו ל אַ ד י מ י ר ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י. וואָס סאָקאָלאָוו האָט פאַרמאָגט אין די טיפענישן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, האָט זשאַבאָטינסקי אַרויסגעכישופט פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק. סאָקאָלאָוו איז געווען טיף, זשאַבאָטינסקי איז געווען הויך. סאָקאָלאָוו איז געווען רואיק און אָפּגעקלערט, זשאַבאָטינסקי איז געווען אַ רייסנדיקער שטראָם. עס איז געווען אַ הערלעכע דערגאַנצונג: די רו איז דערגאַנצט געוואָרן דורך דעם אומרו אין דער דאָזיקער געשטאַלט. זשאַבאָטינסקי איז עטלעכע מאָל געווען ביי אונדז אין קראָקע. ער האָט אויך באַזוכט די מיטעלע שטעט אין אונדזער שטח. תמיד האָט ער געצונדן. מענטשן זענען געשטאַנען אויף די שפּיצפינגער אין אַ צוזאַמענגעדריקטער מאַסע, כדי אים צו הערן. ער האָט געבראָכן דעם ווילן פון דעם צוהערער. ער האָט אים נישט געצוווּנגען צו קאָנטעמפּלאַטיווער אַנאַליזע ווי עס האָט געטאָן סאָקאָלאָוו, נאָר ער האָט אים

ממש צעריבן דעם ווידערשטאַנד דורך זיין לאָגיק, אין דעם אויפבוי פון זיינע רעדעס. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז מיט קליינע אויסנאַמען געווען קעגן דער רעוויזיאָניסטישער שיטה. די קראָקעווער אַטמאָספער איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו אַ רייסנדיקן ראַדיקאַליזם. אָבער זשאַבאָ־טינסקי האָט באַפליגלט אויך אונדזער באַוועגונג. ער האָט אין זיך געהאַט געוויסע מידות, וואָס זענען נישט דווקא געווען צוגעפּאַסט צו דעם טיף־גייסטיקן נורט פון אונדזער יידישן לעבן. ער האָט צייטנווייז געפּרוווט צו מיליטאַריזירן דעם יידישן גייסט און קעגן דעם איז געווען אין אונדזערע רייען אַ סטיכישער ווידערשטאַנד. ער איז געווען אַ שטאַרקער מאַגנעט, אָבער ווי יעדער מאַגנעט האָט ער צוגעצויגן נאָר אויף דעם געביט פון דער ווירקונג פונעם מאַגנעט. וויבאַלד דער מאַגנעט איז אַוועק, אָדער די אָביעקטן פונעם מאַגנעט האָבן זיך דערווייטערט פון דעם מאַגנעטישן פעלד, איז זיין איינפלוס געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

אַ רעדנער פון דעם גרעסטן קאַליבער, באמת אַ כישוף־רעדנער. קליין און ווקס האָט ער ביים אָנהייב נישט געמאַכט קיין שטאַרקן איינדרוק. אָבער נישט לאַנג האָט עס געדויערט און מען איז שוין געווען אין דעם קרייז פון זיין כישוף. אַ פייערדיקע פּערזענלעכקייט, וואָס וועט זיכער קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן אין דער געשיכטע פון ציוניזם. ער איז געווען דער פלאַם־פייער און דער ריטער פון דעם מאָדערנעם ציוניזם.

ער וואַרט איצט אויף זיין לעצטן וועג פון בית החיים, דאָ אויף דעם אינדזל לאַנג איילאַנד, אין ניו־יאָרק, אויף זיין לעצטן וועג קיין ירושלים, וואָס ער האָט אַזוי געליבט מיט זיין גאַנצער נשמה. ער וואַרט — לאַנג!

אַ גאָר גרויסער יום־טוב איז פאַר אונדז געווען אין יאָר 1932 דער באַזוך פון דעם גרעסטן העברעישן דיכטער פון דער נייער צייט, ח י י ם נ ח מ ן ב י אַ ל י ק. איך האָב געהאַט דעם זכות ביאַליקן צו קענען שוין פון פריער. אין אונדזער שטאָט, אין וועלכער קענטעניש פון דער העברעישער ליטעראַטור און פון דער העברעישער שפּראַך איז נישט געווען קיין זעלטנקייט, האָט דער אָנזאָג פון חיים נחמן ביאַליקס באַזוך געצונדן. מיר האָבן עס געפילט ווי אַ פּריווילעגיע וואָס ער קומט צו אונדז. די געשטאַלט פון חיים נחמן ביאַליק איז געווען — טאָג־טעגלעכע

פראזע. עס איז מאָדנע ווי די השגחה בלאָזט אריין אין אַ פשוטן גוף באַפליגלטע פּאָעזיע און טיפסטן ווייטיק און צאַרן. דער תרבות־קרייז אין אונדזער שטאָט איז ממש געווען פאַרשיכורט. איז עס דאָך געווען חיים נחמן ביאַליק. זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי דער אויפנאַמע, וואָס אַלע ציוניסטישע קרייזן האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט אין דעם זאַל פון יידישן אַקאַדעמישן הויז, איז געווען פול מיט דראַמאַטישע טענער און פאַרביטערונג. ביאַליק האָט זיך באַקלאָגט וואָס עס איז נישטאָ קיין העברעישער לייענער אין אַ גענוגנדיקער צאָל. מיר האָבן געפילט דעם פאַרוואורף, מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז גערעכט. חיים נחמן ביאַליק האָט זיין גרויסע פּאָעזיע פאַרבונדן מיט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צום פּראָבלעם פון פּאָפּולאַריזירן העברעישע ליטעראַטור. און מיט רעכט. ער האָט געוואָלט, אַז די העברעישע ליטעראַטור זאָל נישט בלייבן אַן אינדזל אויפן ים. ער האָט געוואָלט, זי זאָל ווערן דער ברויזנדיקער ים גופא. ביאַליק האָט באַזוכט אויך די שטאָט טאַרנאָוו און ביעלסקאָ. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ קול קורא צו אַלע אונדזערע קאָמיטעטן וועגן זיין באַזוך און מיר האָבן געהאַט די סאַטיספאַקציע, וואָס אַן אימפּאָנירנדיקע צאָל פון שטענדיקע אַבאָנענטן איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן פאַר העברעישע פּעריאָדישע אויסגאַבן און ביכער, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין ארץ־ישראל.

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם גלאַנץ פון ביאַליקס פּערזענלעכקייט.

דר. נחום גאָלדמאַן האָט אונדזער שטאָט באַזוכט ביי דער געלעגנהייט פון די צוויי וועלט־קאָנפערענצן פונעם וועלט־פאַרבאַנד פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, 1934, 1935. אפשר אויך ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָט שוין דעמאָלט באַוויזן די קוואַליטעטן, וועלכע זענען דאַן אויסגעוואַקסן צו אַ געוואַלטיקן קאָנסטרוקטיוון כוח פאַר אונדזער פאָלק. עס איז שוין דעמאָלט געווען קלאָר, אַז דאָס אַמאָליקע ווונדערקינד אויף דעם ציוניסטישן האָריזאָנט וועט נישט געהערן צו יענעם טיפּ ווונדערקינד, וואָס ווערן פאַרלוירן אין די שפּעטערע יאָרן. פאַרקערט, עס איז שוין דעמאָלט געווען קלאָר פאַר

אונדז, אַז דאָ וואַקסט אַ כוח פון זיין אייגענער אַרט; אַ כוח, וואָס לאָזט זיך נישט אריינשטעלן אין דער רוטין־קלאַסיפיקאַציע פון פערזענלעכ־קייטן. ער איז געוואָרן אַ סאַמאָראַדנע, אַן אָריגינעלע דערשיינונג. זיינע רעדעס ביי אונדז אין קראָקע זענען געווען אַ נצחון פון רעאַליסטישער לאָגיק קעגן באַפליגלטער פאַנטאַזיע. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ גרעסערן קאָנטראַסט ווי דער קאָנטראַסט צווישן דער שיטה פון גייסט פון גאָלדמאַן און זשאַבאָטינסקי. דער כלל, אַז פּאָליטיק איז די קונסט פון די מעגלעכקייטן צו שאַפן די מעגלעכסט בעסטע רעאַליטעטן איז געווען אָנגעצייכנט אין דער שיטה פון נחום גאָלדמאַן. אין דער רייכער גאַלע־ריע פון אונדזערע פירער האָט גאָלדמאַן צוגעגעבן אַ גאָר נייעם פּאָרטרעט. ער, דער רעפּערענט פון דער אַנטי־ווייצמאַן רעזאָלוציע אויף דעם 17טן קאָנגרעס, האָט געהאַט אַ סך סימנים, וואָס זענען געווען געמיינזאַם מיט דער פּאָליטישער סטראַטעגיע פון חיים ווייצמאַן. מיר האָבן געפילט, אַז דאָ שטייט פאַר אונדז שוין אַ רייפער, געוואַלטיקער כוח אין אונדזער פּאָליטישן קאַמף. אין די רייען פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט זיך געפילט גאָר אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע קעגן דר. נחום גאָלדמאַן, ווייל אונ־דזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז געווען דער פאָרקעמפער אין דער אייניקייט פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן און נחום גאָלדמאַן איז דעמאָלט געווען דער טאַקטיקער פון דער גרופּע (א) פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

אַ מאָדנע געפיל האָט זיך אין מיר דערוועקט אין יאָר 1953, ווען נחום גאָלדמאַן האָט אויף דער אַלגעמיין־ציוניסטישער קאָנפערענץ פון די פּראָגרעסיווע אין ארץ־ישראל, אין הרצליה, געוואָלט צוזאַמענבינדן די אַלגעמיינע ציוניסטן מיט די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן. אָט דאָס זעלבע וואָס דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט געפרוווט צו דער־גרייכן מיט אַלע זיינע כוחות פריער אין די יאָרן 1934 און 1935, ווען נחום גאָלדמאַן איז געווען אַ פאָרקעמפער פון דער צעשפּליטערונג. און אין „הרצליה״ זענען גאָלדמאַנס באַמיאונגען באַזיגט געוואָרן. אָט, אַ שטיקל חד־גדיא.

היינט שטייט נחום גאָלדמאַן אויף דער הויך פון זיין היסטאָרישער טעטיקייט, פון וועלכער די זיילן זענען — שעפערישע אַקטיוויטעט פון

דעם צעריסענעם פאָלק אונדזערן מחוץ פון מדינת ישראל, דאָס רעאַ־ליזירן פון שלום מיט די אַראַבער און אַ שטענדיקן קיום פון מדינת ישראל.

זיינע פּלענער נעמען אַרום די סאַמע גורל־פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלק און זיין פאַרשטאַנד דרינגט דורך די פאַרפּלאָנטערטסטע פּראָבלע־מען ווי מיט רענטגען־שטראַלן, זיינע שטאַטסמענישע קוואַליטעטן דער־הייבן אים צו זיין דער קאָנסטרוקטיווער כוח פון אונדזער געשיכטע אין דער הייַנטיקער צייט.

ד"ר. נחום גאָלדמאַן איז היינט פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, פּרעזידענט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר די פאָדערונגען צו דייטשלאַנד און עסטרייך.

מ. מ. א ו ס י ש ק י ן איז עטלעכע מאָל געווען ביי אונדז אין קראָקע. געבראַכט האָט אים צו אונדז ראשית כל דער אינטערעס פון קרן קימת, פון וועלכן ער איז געווען דער הויפּט־דירעקטאָר און מער ווי אַ הויפּט־דירעקטאָר — זיין נשמה. דער מאַן, וואָס האָט געקויפט אָדער גיכער צוריק אָפּגעקויפט דעם עמק פאַרן קרן קימת קעגן דעם ווילן פון אַנדערע; דער מאַן האָט זיך אַדאַנק דער דאָזיקער רעוואָלטירנדיקער טאַט דערוואָרבן דעם נאָמען פון דעם איש ברזל. ער האָט אויך געהאַט פאַר־מען פון אַ מאַסע פון אייזן. און אויב אייזן וואָלט געהאַט מאַניערן, האָט ער זיי געהאַט גענומען פונעם אייזן. זיין שם איז געווען אַ שטאַרקער. ער האָט נישט איינמאָל באַוויזן, אַז מען קאָן זיין אַ שטאַרקע פּיאָנער־קראַפט אויפן געביט פון קרן קימת, אפילו ווען מען שרייבט נישט קיין ביכער וועגן אַגריקולטור־פּראָבלעמען. ער האָט געהאַט אַן אומגעווייב־לעכע פּאָזיציע אין דעם ישוב אַדאַנק דעם שם פון זיין שטאַרקער ענער־גיע. ער האָט געפּרוווט זיך צו האַלטן איבער די פּאַרטייען, אָבער מיט זיין אני מאמין האָט ער געהערט צו דער גרופּע (ב) פון אַלגעמיינע ציוו־ניסטן. ער האָט אויך אנטיילגענומען אַקטיוו אין וויכטיקע באַראַטונגען פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. אַ באַזונדערע ראָלע האָט מ. מ. אוסישקין געשפּילט אין דער צייט פונעם פּיעל־פּראָיעקט צו

גרינדן אַ יידישע מלוכה אין אַ גאָר קליינעם טייל פון ארץ־ישראל. ער איז געווען אַן אומבייגזאַמער קעמפער קעגן דער אידייע פון צעטיילונג. אָבער אויך דער איש ברזל איז געוואָרן עלאַסטישער מיט די יאָרן...

פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז עס געווען אַ גרויסער כבוד צו האָבן די דאָזיקע פערזענלעכקייט ביי אונדז און צו שעפּן פון אים נאָך מער ענערגיע, ווי אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד האָט פאַרמאָגט, פאַר דער טעטיקייט פונעם קרן קימת. אוסישקין איז געווען אַ האַרטער רעדנער, ווי עס איז געווען זיין געשטאַלט. ער האָט סקאַנדירט ווערטער, צייטנ־ווייז געהייבן זיין שטים ווי אַ באַפעל, ווי אַ דונער.

אין זכרון איז מיר געבליבן זיין רעדע אויפן 11טן ציוניסטישן קאָנ־גרעס אין ווין, פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן דאָס גרינדן פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט, ווען אַן אומבאַ־שרייבלעכער ענטוזיאַזם האָט אויפגעצונדן דעם קאָנגרעס נאָך דער רעדע פון אוסישקין.

עס איז געווען די שמחה פון אַן אַלטן עם הספר, וואָס בויט ווידער.

קורט בלומענפעלד איז נישט זעלטן געווען אַ באַזוכער פון אונדזער שטאָט. נישט נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט די וועלט־קאָנפע־רענצן פון אַלגעמיינע ציוניסטן. אויסגעוואַקסן אינעם הפּועל הצעיר איז ער געוואָרן דער פירער פון דער גרופּע (א) פון אַלגעמיינע ציוניסטן, אין וועלכער ער האָט פאַרשטאַרקט זיין אייגענע פּאָזיציע אין אַן אונטער־גרופּע, וואָס האָט געהייסן „קידמה״, אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניס־טישער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד האָט ער פאַרנומען נישט נאָר אַן אַמט, נאָר אויך געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע גייסטיקע ראָלע, זיין ספּעציאַליטעט איז געווען דער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע. עס איז געווען קעגן וואָס צו קעמפן אין דייטשלאַנד. זיינע רעדעס אָדער אייגנט־לעך, זיינע אַקאַדעמישע פאַרטראַגן, איבער דעם גייסט פון ציוניזם, גע־האַלטן אין דער כאַראַקטעריסטישער שווער ערנסטער דייטשער שפּראַך, אָנגעזאַפּט מיט טעאָרעטישע באַגריפן, זענען פאַר דער אינטעלעקטועלער וועלט פונעם קראַקעווער ציוניזם — און די דאָזיקע אינטעלעקטועלע וועלט איז גאָר נישט געווען קליין — געווען גאַנץ גוט פאַרשטענדלעך טראָץ דעם באַזונדערן דייטשן סטיל פון זיינע פאַרטראַגן, וואָס איז גע־

ווען פרעמד פאַר מזרח־אייראָפּעישן געשמאַק. אָבער דווקא דערפאַר זענען זיינע באַזוכן ביי אונדז געווען אַ גרויסע באַרייכערונג פון — אונדזער געדאַנקען־וועלט, אַן אימפּולס צו קאָנטראָלירן אונדזערע אייגענע מיי־נונגען דורך מיינונגען פון אַ הויכן אינטעלעקטועלן מיט אַ פרעמדער שיטה. מיר פאַרזענלעך איז עס געווען אַ גרויס פאַרגעניגן אויסצוטוישן געדאַנקען מיט אַזאַ חשובן קעגנער אינערהאַלב פונעם וועלט־פאַרבאַנד פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם. מיר זענען געווען דאָס, וואָס מען רופט אין דעם קלאַסישן דייטש „וועזנס־פרעמד״. אָבער דווקא דאָס איז געווען אינטערעסאַנט. איך דערמאָן מיך נאָך ווי היינט אין זיינע דיסערטאַציעס און אין זיין באמת אויפריכטיקן מאָראַלישן צוגאַנג צו פּאָליטישן פּראָ־בלעמען. דער דאָזיקער מאָראַליזירנדיקער צוג אין דער פּאָליטיק איז בכלל געווען אַ כאַראַקטעריסטישער באַשטאַנדטייל פון די פירער פונעם דייטשן ציוניזם. ער איז געווען יידיש, נישט דייטש.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן — איך האָב עס שוין אויבן דערמאָנט — די לאַנגע שעהן, וואָס מיר ביידע האָבן פאַרבראַכט צוזאַ־מען, כדי אויסצוהאַמערן אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם פאַרן וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן. דער חלק פון קורט בלומענפעלד אין דעם פאַר־דינסט צו — שפּאַלטן דעם וועלט־פאַרבאַנד, בעת דער וועלט־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין קראָקע אין יאָר 1935 — איז גאָר נישט געווען קיין קליינער. אפשר איז דאָס אויך אַ שבח פאַר אים אין ליכט פון דער היינטיקער באַנייטער טיפער, דראַמאַטישער שפּאַלטונג פון דער קאָנ־פעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן. פאַר אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז קורט בלומענפעלד געווען אַ קוואַל פון גייסטיקער הנאה און איבער דעם וואַלד פון מיינונגס־פאַרשידנקייטן פאַרבינדט מיך מיט אים היינט דער אָנדענק פון זיין דורכגייסטיקטער זאָרג פאַר אַ שיינעם ציוניזם פון אַ ליכטיקער יידישער מלוכה, אין וועלכער ער לעבט היינט אין כבוד.

אַ גאַנצע גרופּע פון גייסטיק הויכשטייענדיקע מענער האָט געחלומט וועגן אַ יידיש־אַראַבישער מלוכה — דער „ברית שלום״ מלוכה. אַ טי־פער מאָראַלישער געדאַנק איז געלעגן אין די מאָטיוון פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע. אָבער פּאָליטיש איז די קאָנצעפּציע געווען אָפּגעריסן פון דער

ווירקלעכקייט. און אחוץ דעם האָט זי נישט גענומען אין באַטראַכט די טיפע בענקשאַפט אין דער יידישער נשמה, ווידער אויפצובויען אַן אייגענע מלוכה, אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק אָדער אַ טייל פון אים, וועט קאָנען שפּינען ווייטער די גרויסע געדאַנקען און די הויכע מאָראַל פון אונדזער ספּעציפישן יידישן כאַראַקטער אַן אַ שטאַרקער פּאָליטישער שות־פות מיט אַן אַנדער פאָלק.

דעם דאָזיקן אמת און די דאָזיקע בענקשאַפט האָט דער „ברית שלום״ טראָץ זיין הויכער מאָראַלישער שפּאַנונג נישט פאַרשטאַנען. חיים ווייצ־מאַן האָט זי אויך נישט פאַרשטאַנען אין יאָר 1931. קורט בלומענפעלד האָט געהערט צו דער זעלביקער שיטה. און איך דערמאָן אים דאָ, ווייל דער „ברית שלום״ איז סוף־כל־סוף געווען אַ באַזונדערער קאָליר אין דעם רעגנבויגן פון אונדזערע פּאָליטישע קאָנצעפּציעס און חלומות און ווייל קורט בלומענפעלד האָט אויפריכטיק געגלייבט אין דעם, וואָס ער האָט געפּרעדיקט.

און אויב איך בין שוין ביים רעגנבויגן, וויל איך דאָ אַריינברענגען נאָך איין גאָר שיינע פאַרב, וואָס האָט געהייסן דר. שמריהו לע־ווין. ער איז געקומען צו אונדז קיין קראָקע אין דעם שטורעם־און־דראַנג פּעריאָד פונעם מאָדערנעם ציוניזם נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אויב איך האָב נישט קיין טעות איז עס געווען נאָך דעם באַרימטן באַשלוס פון סאַן רעמאָ, ווו גרויס־בריטאַניע האָט באַקומען דעם צוזאָג פונעם מאַנ־דאַט איבער ארץ־ישראל, דעמאָלט נאָך פון ארץ־ישראל פון ביידע זייטן פונעם ירדן. עס איז געווען אין יאָר 1920. ווען איך טראַכט היינט, דורך דעם נעפּל פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן שמריהו לעווין, איז דער דאָ־מינירנדיקער איינדרוק אין מיין זכרון: מלא חכמה. די הויכע, אַ ביסל איבערגעבייגענע געשטאַלט, מיט טיפע פאַרחלומטע אויגן, האָט איבער־געלאָזט אין אונדזערע רייען אַ וואַרעמען שיין. דער דעפּוטאַט צו דער רוסישער דומע האָט אונדז נישט אַזוי שטאַרק געצויגן ווי דער שטראַלנ־דיקער, בליצאַרטיקער טיף־קלוגער וויץ און די פּראַכטפולע יידישע אַנעק־דאָטן, מיט וועלכע ער האָט געשיט אויף זיינע טויזנטער צוהערער ווי פון אַן „אַמאַלטעאַ״־האָרן. אין איינעם אַ שבת נאָכמיטיק האָט שמריהו לעווין אויף אַ גרויסן הויף אין דער דיטעלס־גאַס, נישט ווייט פון דער ווייסל,

(איך דערמאָן מיך נישט מער אין דעם נאָמען), פון אַ באַלקאַן גערעדט וועגן סאַן רעמאָ און ציוניזם. גערעדט? נײן, עס איז געווען אַ מין הללויה פאַר ציוניזם. פלוצלינג האָט אין דער סאַמע נאָענט פון שמריהו לעווין אַ יונגערמאַן, ווײַזט אויס, אַ משוגענער, אַרויסגענומען אַ מעסער און אין אַ סעקונדע אַרײַנגעשטויסן דאָס מעסער אין האַרץ פון אַ נאָענטן צוהערער, וועלכער איז געפאַלן אַ טויטער. די בהלה איז געווען אַ שרעקלעכע. בלאַס איז געשטאַנען שמריהו לעווין אויף דעם באַלקאַן. ווייטיק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זײַן פּנים. מען האָט גערעדט, אַז דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער קעגנער פון ציוניזם, וואָס האָט דעם מאָרד באַגאַנגען. אָבער עס איז געווען נאָר אַ משוגענער.

שמריהו לעווין איז געווען אַ פאַרשיכורטער אָנהענגער פון חיים ווייצמאַן. אין זײַנע רעדעס האָט זיך דאָס אַרויסגעפּילט יעדעס מאָל. שטאָלץ זענען מיר געווען, וואָס מיר האָבן געהאַט אים צו גאַסט. מיר האָבן אים אײַנגעשלאָסן אין אונדזער ליבע טראַץ מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, אַזוי שטאַרק און גליִענדיק איז געווען זײַן חיבת ציון און אַזוי שטראַלנדיק זײַן קלוגשאַפט.

איך וויל אָפּשליסן די דאָזיקע גאַלעריע פון די פּראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אונדז באַזוכט — די רשימה פון וואָגיקע פערזענלעכקייטן, וואָס זענען ביי אונדז געווען איז לאַנג, אַ סך גרעסער — מיט אַ נאָמען, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט אַ זעלטענעם סינטעז: פּאָעזיע מיט — געלט־זאַמלונגען פאַרן קרן־היסוד. אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט אין נאָמען פון דער שכינה פון ארץ־ישראל. גערעדט צו יידישע ישובים אין גאָר דער וועלט. געוועקט נשמות מיט פּאָעזיע און חלומות און — מיט סטאַטיסטיק וועגן דעם אינווענטאַר אין די קיבוצים. פון יום־טוב געפּרוווט צו מאַכן אַ וואָכעדיקע זאָרג און פון דער וואָכן — אַ הייליקן יום־טוב פון חיבת־ציון. אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד איז אים געווען זייער נאָענט. אָבער איך מיין, אַז אַלע ישובים אין דער וועלט זענען אים געווען גלייך נאָענט און ער אַליין איז אונדז געווען זייער נאָענט. אַ רעדנער, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן זײַן התלהבות אין אָפּגעהאַקטע זאַצן און איז דאַן אַרײַנגעפאַלן אין אַן עפּישער דערציילונג ווי

ווען ער וואָלט פּלוצים געדעדט וועגן גלייכגילטיקע ענינים. ער איז גע־ווען דער משולח פון איר מאַיעסטעט — ארץ־ישראל.

זיין נאָמען איז געווען ל י י ב י אַ פּ ע. אין אַן אויפרייס פון אַן אַראַבישער באָמבע אין דעם בנין פון דער יידישער אַגענץ אין ירושלים איז ער צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. זיין נשמה וואַנדערט זיכער אין דער וועלט פון אונדזערע חלומות און האָפענונגען.

איך וועל נישט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען איך האָב אים באַזוכט אין זיין קליין הויז אין תלפיות. אַ חאַמסין האָט זיך אין אַ גיכן טעמפּאָ דער־הייבן פון די טאָלן אין דער ריכטונג פון תלפיות. אָבער פאַר אַ ווייל איז נאָך געווען דער אויסבליק אַ ווייטער און אַ קלאָרער, ווייט, ווייט קיין עבר־הירדן. לייב יאַפע איז געשטאַנען פאַרן הויז פאַרחלומט, וואָרשיינ־לעך האָט זיך געוועבט אין זיין נשמה — פּאָעזיע.

איך האָב אים דאַן נאָך געהערט אומצייליקע מאָל. אויך אויף דער יובל־קאָנפערענץ פונעם ערשטן ציוניסטן־קאָנגרעס. איך מיין אין יאָר 1947 אין באַזעל, האָב איך אים געהערט דאָס לעצטע מאָל, ער האָט געהאַלטן אַ שוואונגפולע פּאָעטישע, פאַר מיר אומפאַרגעסלעכע רעדע.

לייב יאַפע, דער משולח, איז געווען טיף איינגעוואַקסן אין אונדזע־רע הערצער אין קראָקע, אין מערב־גאַליציע, אין פוילן, און ווו נישט אויף דער גאַנצער, ווייטער, ענדלאָזער יידישער וועלט?

## די שטעלונג פון קראָקעווער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ.

די אידייע פון דער פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ איז אונטער דער שטויס־קראַפט פון חיים ווייצמאַן געבראַכט געוואָרן אויפן סדר־היום פון ציוניסטישע דיסקוסיעס אין דער גאַנצער וועלט, נאָך עט־לעכע יאָר פאַר דעם יאָר 1929, ווען די פאַרברייטערונג איז געוואָרן אַ יש אין ציריך. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט די דיסקוסיע אויך אַריינגענו־מען אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. די ציוניסטישע וועלט איז געווען פונאַנ־דערגעטיילט אין צוויי לאַגערן אַרום דעם דאָזיקן ענין. און אין די צוויי

לאַגערן גופא זענען נאַטירלעך געווען פאַרשיידענע שאַטירונגען, ווי דאָס געשעט תמיד.

די אַרגומענטן פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ זענען מער אָדער ווייניקער געווען פאָלגנדיקע: ראשית כל האָט דער אַרטיקל פיר פון דעם פאַלעסטינעזישן מאַנדאַט פאַרפליכטעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו שאַפן אַן אויסגעברייטערטע יידישע אַגענץ. עס איז נישט געווען קיין דירעקטע פאַרפליכטונג, אָבער עס איז געווען געדרונגען פון דעם נוסח לויט דעם אַרטיקל 4 פון דעם מאַנדאַט. השנית, זענען די באַציאונגען צווישן דער מאַנדאַטאָר־מאַכט און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען פון אָנהייב אַן די יידישע אַגענץ לויט דעם אַרטיקל 4 פונעם מאַנדאַט, מיט יעדעס יאָר געוואָרן ערגער און דערפאַר איז עס געווען נייטיק, אַרויסצונעמען פון דער מאַנדאַטאָר־מאַכט דעם אַרגומענט, אַז אַ גרויסער טייל פון די יידן באַקעמפט די אידייע פון אויפבוי פון אַ נאַציאָנאַלער היים. און השלישית, איז עס געווען אַ נויטווענדיקייט פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל צו פאַרגרעסערן די פינאַנציעלע קוואַלן פאַר עליה און קאָלאָניזאַציע.

די אַרגומענטן קעגן דער אויסברייטערונג זענען געווען אויך וואָגיק. ראשית כל, אַז די אויסברייטערונג וועט אָוועקנעמען שווונג־קראַפט און אחריות־געפיל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, צו פאַרטיפן איר אידייע און צו פאַרגרעסערן איר אָנהענגערשאַפט. צווייטנס, האָבן די קעגנער פון דער אויסברייטערונג געטענהט, אַז די נישט־ציוניסטן זענען אַן אַמאָרפער באַגריף און עס איז דאָ נישטאָ קיין מעגלעכקייט, צו ווילן זייערע פאַרטרעטער אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן און דאָס וואָלט געבראַכט דערצו, אַז דער ציוניסטישער טייל פון דער אַגענץ, וואָס ווערט געוויילט באמת דעמאָקראַטיש, וואָלט געמוזט צוזאַמענאַרבעטן מיט נאָטאַבלען, וואָס האָבן קיין אָנשפאַר נישט אין דעם פאָלק. און דריטנס, דער פּרינציפּ פון צוזאַמענשטעלן די עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ לויט אַ שליסל פון 50 פראָצענט ציוניסטן און 50 פראָצענט נישט־ציוניסטן וואָלט פאָליטיש אָפּגעשוואַכט די אידייע פון אַ יידישער מלוכה, ווייל די נישט־ציוניסטן זענען געווען אויסן צו שאַפן נאָר אַ קאָלאָניזאַטאָרישן ווינקל פאַר אָרעמע יידן און נישט קיין מלוכה.

עס האָבן געזיגט די אַרגומענטן ל ט ו ב ת דער אויסברייטערונג. אין יאָר 1929 אין ציריך, האָט זיך דאָס בולט באַוויזן אויפן 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס. די ציוניסטישע דעלעגירטע פון מערב־גאַליציע אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס זענען אַחוץ דר. טאָן אַלס מיטגליד פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, געווען: ס. אַרצט, י. אָרענשטיין, דר. טירק, פרוי קאַהאַנע, פרוי רחל־רוזשאַ נעמער, פרוי רעגינאַ צימערמאַן און דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות. סיי אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד, סיי אונדזער דעלעגאַציע איז מיט קליינע אויסנאַמען געווען פאַר דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ.

די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון דער אויסגעברייטערטער יידישער אַגענץ אין ציריך פון 1929 איז געווען אַן אימפּאָנירנדיקע. דורך אַ „צופאַל" האָט מען פאַרגעסן אויפצושטעלן דאָס בילד פון טעאָדאָר הערצל אויף דער בינע. דער צופאַל איז געווען אַ סימבאָלישער. די קעגנער פון דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ און אויך פריינט פון דער דאָזיקער אידייע האָבן געמאַכט אַ קליינע רעוואָלוציע: טעאָדאָר הערצל, מיט זיינע הערלעכע פאַרחלומטע טיפע אויגן, האָט אויף דעם נעכסטן טאָג שוין געקוקט פון דער בימה אויף די נישט־ציוניסטן און געוואַכט איבער זיי. און אין זאַל זענען צוזאַמען מיט די גרעסטע ציוניסטישע מנהיגים, די מוטיקע פּיאָנערן פון אונדזער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג, זענען געווען פּערזענלעכקייטן ווי לעאָן בלום, לואיס מאַרשאַל, אָסקאַר וואַסערמאַן, ד׳אַביגדור גאָלדשמיט, שלום אַש, פעליקס וואַרבורג און — אַלבערט איינשטיין. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַלבערט איינשטיינס רעדע:

„מיר אַלע פילן — האָט דער גרעסטער געלערטער פון אונדזער צייט און אפשר דער גרעסטער מענטש פון אונדזער צייט געזאָגט — מיר אַלע פילן, אַז מיר לעבן איבער היינט אַ גרויסן טאָג. און איך וואָלט געפּרוווט צו זאָגן — האָט איינשטיין מיט ענוות אונטערגעשטראָכן — אין וואָס איך זע די גרויסקייט פון דעם דאָזיקן טאָג. איך זע די טראַגעדיע פונעם מאָדערנעם ייד אין דעם, וואָס ער רעפּרעזענטירט זיכער אַ פאָלק, אָבער אַ פאָלק, וואָס איז אַטאָמיזירט. דער איינצלנער ייד איז פאַראייניזאַמט און ערליידט די

נויט פונעם פאַראייניזאַמטן. די דאָזיקע נויט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טראַגישער סיטואַציע. אָבער ווי זאָל מען שאַפן אַן אויסוועג אָן דער גרינדונג פון אַ היים? דער וואָס האָט עס קלאָר, מיט דער פולסטער קלאָרקייט געזען, איז געווען הערצל".

יאָ, עס זענען געווען גרויסע טעג. און שפּעטער זענען געקומען די קליינע טעג פון זאָרגן, פון פּאַרזיכטיקייט מצד די נישט־ציוניסטן, שווע־ריקייטן אין דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ מיט מאַנכע פון די נישט־ציוניסטן, בקיצור, עס איז געקומען דער גרויער טאָג.

דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט אַלס דעלעגאַט אויף דעם 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זיין רעדע באַצייכנט די שאַפונג פון דער יידישער אַגענץ אין איר אויסגעברייטערטער פאָרם אַלס אַ גרויסע שאַנס.

איז ער געווען גערעכט?

נישט אינגאַנצן. אָבער ווען איך באַטראַכט היינט דעם ענין נאָך אַ פּעריאָד פון 27 יאָר, ווען איך סומיר די געשיכטע פון דער דאָזיקער אויסגעברייטערטער אַגענץ מיט אירע דערפאָלגן און שטרויכלונגען, ווען איך נעם אין באַטראַכט די גרויסע הילף, וועלכע די ציוניזירטע נישט־ציוניסטן האָבן זינט 1948 עד היום פּאָליטיש און פינאַנציעל געגעבן מדינת ישראל, קום איך צו דעם אויספיר, אַז די אויסברייטערונג פון דער יידשער אַגענץ אין יאָר 1929 האָט יעדנפאַלס געהאַט צוויי פּאָזיטיווע רעזולטאַטן: זי האָט נייטראַליזירט די אַנטי־ציוניסטישע טעטיקייט פון מאַנכע איינפלוסרייכע יידן, וואָס וואָלטן די דאָזיקע טעטיקייט פאָרגע־זעצט, ווען זיי וואָלטן נישט געווען אין דער אויסגעברייטערטער יידישער אַגענץ. און צווייטנס, זי האָט עוואָלוציאָנעל צוגעגרייט דעם באָדן אין דעם מצב רוח פאַר דער גרויסער שטיצע, וואָס די נישט־ציוניסטן האָבן געגעבן און גיבן דער יידישער מלוכה, זינט איר באַנייטן באַשטאַנד. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָבן מיר ציוניסטן נישט דעראָבערט די נשמות פון די נישט־ציוניסטן, אָבער מיר האָבן דערוועקט אין זיי דעם אַקטיוון שטאָלץ פון דער באַנייטער יידישער מלוכה. נישט תמיד ווילן עס די נישט־ציוניסטן מודה זיין, אָבער אין האַרצן ביי זיי זיצט באַהאַלטן — די ציוניסטישע שמחה.

און דאָס איז אַ גרויסער געווינס אויף דעם שווערן וועג, וואָס דער

ציוניזם האָט מיט 60 יאָר צוריק געווילט, כדי צו דעראָבערן — דאָס יידישע פאָלק.

אויף אַ ווייל וויל איך נאָך צוריקגיין צו מערב־גאַליציע און שלע־זיע. דעם 13טן דעצעמבער 1929, אין דעם יאָר ווען די אויסגעברייטער־טע יידישע אַגענץ איז געגרינדעט געוואָרן, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון דעם מערב־גאַליצישן צווייג פון דער אויסגעבריי־טערטער יידישער אַגענץ. לשם היסטאָריע וויל איך דאָ פאַרצייכענען דעם פאַקט פון דער דאָזיקער זיצונג, וואָס איר באַדייטונג איז געווען נישט קיין געשיכטלעכע. אַנוועזנד זענען געווען לייב יאָפע, אין נאָמען פונעם קרן־היסוד אין ירושלים, און מיטגלידער און פאַרטרעטער פון מיטגלידער פון דעם ראַט פון דער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ, דר. לעאָן אַדער, דער פרעזידענט פון בני ברית; ס. אַרצט, דער פאָרזיצער פון דעם ציוניסטישן לאָקאַלן קאָמיטעט אין ביעלסקאָ; דר. פיליפּ לאַנדאַו, דער גענעראַל סע־קרעטאַר פון דער בני ברית לאָזשע פון פוילן; דר. רפאל לאַנדאַו, דער פרעזידענט פון דער יידישער קהילה אין קראָקע; אַלפרעד מילער, דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַטאָוויץ; דר. הערש סיראָפּ, דער פאָרזיצער פונעם ציוניסטישן לאָקאַלן קאָמיטעט אין נאָווי סאַנץ; דר. גור אריה טערלאָ, דער פאָרזיצער פון דער התאחדות אָרגאַני־זאַציע אין קראָקע; דר. סאַמועל וואַרהאַפטיק, אַ מיטגליד פון דער עקזע־קוטיווע אין קראָקע; און אינזשיניער בערנאַרד צימערמאַן, אַ פירנדיקער מיטגליד פון התאחדות אין קראָקע.

דר. יהושע טאָן און דער פאָרזיצער פונעם ראַט פון דער יידישער קהילה, דר. לעאָן פישלאָוויץ, האָבן נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין דער זיצונג צוליב קראַנקייט.

די זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָקאַל פון דער — בני ברית לאָזשע.

די צוויי הויפּט־ענינים, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום זע־נען געווען: אַ פאַרשטאַרקטע אַקציע פאַרן קרן היסוד און — כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דער דעמאָלטיקער צייט אין פוילן — די גרינדונג פון אַן עמיגראַציע־באַנק.

אַ דירעקטאָריום פון 12 מיטגלידער פון דער מערב־גאַליצישער און

שלעזישער אָפּטיילונג פון דער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ אין פּוילן איז געוויילט געוואָרן. און איך גלייב ווידער, אַז עס איז כדאַי לשם גע־שיכטע, צו פאַראייביקן די נעמען פון דעם דאָזיקן דירעקטאָריום: דר. יהושע טאָן, סיני אַלעקסאַנדראָוויטש, דר. מאַרקוס שפּיגעל, דר. וויל־העלם בערקעלהאַמער, דר. ע. מאַרקוס, ס. וועלנער, און פרוי ראַכעלאַ מאַלער, אַלע מצד ציוניסטן, און אַחוץ דעם דר. א. אַבעלעס (קראָקע), דר. ד. זיסקינד (קראָקע), דר. ס. צענווירט (קראָקע), דר. ע. שאַליט (טאַרנאָוו) מצד די נישט־ציוניסטן. די שטעט ביעלסקאָ און קאַטאָוויץ האָבן באַקו־מען דאָס רעכט צו נאָמינירן יעדע איינע אַ מיטגליד אין דעם דאָזיקן דירעקטאָריום.

די ציוניסטישע באַוועגונג און איר אָרגאַניזאַציע האָט ווייטער גע־שטראָמט און געריסן, געבויט און געוואָרנט די גלייכגילטיקע. און אונ־דזערע נישט־ציוניסטישע פריינט האָבן אונדז נישט געהערט. האָבן אָבער אַ ביסל געהאָלפן.

## דער קראָקעווער לאַנדעס-פאַרבאַנד און דער יידישער וועלט-קאָנגרעס

אַזוי ווי די אויסברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ, אַזוי איז אויך דאָס שאַפן פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין יאָר 1936 געווען אַ קאָנ־טראָווערסאַלער ענין. אין יאָר 1933 האָט היטלער איבערגענומען די פולע מאַכט. מען האָט נישט באַדאַרפט זיין קיין נביא, כדי צו זען די וואַקסנ־דיקע סכנה פאַר אונדזער פאָלק. כדי צו זאַמלען די כוחות פונעם יידישן פאָלק אין גאַר דער וועלט, איז אַנטשטאַנען די אידייע צו באַנייען אין אַן אַנדערער פאָרם און מיט אַנדערע צילן די יידישע דעלעגאַציעס, וועל־כע זענען אונטער דר. לעאָ מאָצקין אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1919 אין צוזאַמענהאַנג מיטן ווערסאַילער טראַקטאַט.

די אַרגומענטן פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס זע־נען געווען פאָלגנדיקע: אַ קאָאָרדינאַציע פון צעזייטע און צעשפּרייטע אינטערוועניצן מצד פאַרשיידענע ישובים אין כלל־ישראל ענינים איז נויי־טיק, כדי אויסצומיידן דעם כאַאָס און דעם פאַטאַלן פּאָליטישן איינדרוק,

וואָס דער מאַנגל פון קאָאָרדינאַציע רופט אַרויס. דער צווייטער אַרגו־מענט איז געווען אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע קאָן זיך נישט פאַרנעמען מיט גלות־ענינים. די אַרגומענטן קעגן דער שאַפונג פון אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס זענען געווען: מורא פאַר דער שאַפונג פון אַ פאַר־מאַנענטער יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט — האָבן די קעגנער געזאָגט — פאַרשטאַרקן דעם אַנטי־סעמיטישן פאָרוואורף, אַז יידן זענען אַן אַנאָנימע מלוכה. און דער צווייטער אַרגומענט איז געווען, אַז דאָס יידישע פאָלק קאָן זיך נישט דער־לויבן אַ לוקסוס פון צוויי וועלט־אָרגאַניזאַציעס, דער ציוניסטישער און דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער דריטער אַרגומענט איז געווען, אַז אַ יידישער וועלט־קאָנגרעס וועט אָפּשוואַכן די קאָנצענטרירטע טעטיקייט פון ציוניזם.

וואָס איז געווען די שטעלונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד צו די דאָזיקע פראָבלעמען?

זעלבסטפאַרשטענדלעך איז די שטעלונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַר־באַנד צו דעם דאָזיקן ענין געווען נישט פון אַנטשיידנדיקער באַדייטונג. דער צענטער פון די באַראַטונגען און קאַמפן אַרום דעם ענין איז געלעגן אין דעם אַמעריקאַנישן יידישן קאָנגרעס, וועלכער האָט שוין דעמאָלט עק־זיסטירט. אָבער אַזוי ווי דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך געזאָלט שטיצן אויף דעלעגאַציעס פון ישובים פון גאַר דער וועלט און בפרט פון פוילן, און אין פוילן זענען מיר געווען אַ זעלבסטשטענדיקער לאַנדעס־פאַרבאַנד, איז די חשיבות פון אונדזער שטעלונג אויטאָמאַטיש געוואַקסן.

איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין פּרטים פון דער אינטערעסאַנטער געשיכטע. אָבער איך וויל יאָ אונטערשטרייכן, אַז אין די ראַמען פון דער באַשיידענער באַדייטונג פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד אין אַזאַ יידישן וועלט־ענין, האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד געשפּילט אַ רעלאַטיוו וואָ־גיקע און יעדנפאַלס אַן עקזעמפּלאַרישע ראָלע.

וואָס באַרעכטיקט מיך צו אַזאַ באַהויפּטונג?

דער ישוב אין פוילן איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער אין אייראָפּע. אויף יעדע הונדערט יידן אין אייראָפּע האָבן צו יענער צייט — 1935 — געלעבט 30 אין פוילן. איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען

קלאָר, אַז דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס וויל ראשית כל געווינען די אונטערשטיצונג פאַר דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס מצד דעם פוילישן יידנטום, בפרט אַז היטלעריזם איז געווען פיזיש און פּאָליטיש ראשית כל אַן ענין פון דעם אייראָפּעישן יידנטום. אָבער דער ישוב אין פוילן איז געווען אַ צעשפּאָלטענער. עס האָט זיך געקאָכט מיט פּאַרטייען. איז אנטשטאַנען אַ פּראָבלעם: ווי אַזוי קריסטאַליזירט מען דעם ווילן פון דער מאַסע אין אַזאַ צושטאַנד? קלאָר — מען מוז דורכפירן דעמאָקראַטישע וואַלן. איז אַ שליח פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און איינער פון די גרינדער פון דעם אַמעריקאַנישן יידישן קאָנגרעס, ברוך צוקערמאַן, געקומען קיין וואַרשע און האָט דורך לאַנגע, לאַנגע חדשים געפּרוווט צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך דעם דרייסטן פּלאַן דורכצופירן אין — קאָנגרעס־פּוילן.

אין אָט דער סיטואַציע האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד באַשלאָסן, אין הסכם מיט אַ באַשלוס פון זיין עקזעקוטיווע, דורכצופירן אַ ל י י ן אין אונדזער שטח אַ פּלעביסציט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג וועגן דעם ענין יידישער וועלט־קאָנגרעס. געדרוקטע פאָרמולאַרן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אַלע אונדזערע קאָמיטעטן אין דער פּראָווינץ. אַן אַנטשפּרעכנדיקע עפנטלעכע פּראָפּאַגאַנדע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם לאַנדעס־פאַרבאַנד. דער פּלעביסציט־פאָרמולאַר האָט אַנטהאַלטן צוויי פראַגן: ביסטו פאַר דער גרינדונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אָדער קעגן? ביסטו פאַר שיקן דעלעגירטע צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אָדער קעגן? עס איז נישט געווען קיין לייכטער ענין צו אָרגאַניזירן אין אַ קורצער צייט אַזאַ פּלעביסציט און פאַרלאַנגען געשריבענע ענטפערס, וואָס דער יידישער עולם ביי אונדז האָט בכלל נישט זייער גערן געהאַט. די אַרגומענטן פאַר און קעגן זענען פאַר אונדז אויך אַ דעמאָקראַטישן אופן אויפגעקלערט געוואָרן צו דער יידישער עפנטלעכקייט. און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? איך קאָן מיך שוין היינט נישט געווען דערמאָנען אין דער גענויער ציפער פון די פּאָזיטיווע ענטפערס, וואָס זענען אָנגעקומען אין דער צענטראַלע פון אונדזער לאַנ־

דעס־פּאַרבאַנד. אָבער עס זענען געווען אַרום 40 טויזנט ענטפערס, כמעט אַ צאָל פון דעם מאַקסימום שקלים, וואָס אַלע ציוניסטישע גרופּעס האָבן ווען עס איז דערגרייכט אין אונדזער שטח. עס איז געווען באמת אַ גרויסער אויפטו און אַ ביישפּיל פון דעם אָרגאַניזירטן כוח און איינפלוס פון אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד. די צענטראַלע פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק איז באמת געווען איבערראַשט פון דעם דאָזיקן אָרגאַניזאַטאָרישן און אידייאישן דערפאָלג אונדזערן.

אָט — אַ וויכטיקער ביישפּיל ווי ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעך און ווי דעמאָקראַטיש עס האָט אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד דערפילט זיינע פליכטן לגבי עניינים, וואָס זענען ווייט אַרויס איבער די גרענעצן פון אונדזער שטח.

צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זענען געקומען 257 דעלעגירטע פון זיבן לענדער פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, פון איינאונצוואַנציק אייראָפּעישע לענדער, פון ארץ־ישראל און פון אַלזשיר, ליביע און טוניס. פון פוילן איז די פאַרטיילונג געווען די פאָלגנדיקע: קאָנגרעס־פוילן — דרייאונדרייסיק דעלעגירטע, מזרח־גאַליציע — זיבן און מערב־גאַליציע און שלעזיע — אַכט דעלעגאַטן. אונדזער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון מאַריאַ אַפּטע, רב דוד אביגדור, דר. דוד בולווא, מאַוריצי פישער, לעאָפּאָלד ראָזענצווייג, מאָזעס שטערנפעלד (פועלי ציון), מאָזעס טאַובלער און אַנאַ טענצער. די ראָלע פון אונדזער דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס גופא איז נישט געווען קיין איבעריק אַקצענטואירטע, אָבער דער אידעאָלאָגישער צושטייער און דער איינדרוקספולער רעזולטאַט פון אונדזער פּלעביסציט האָט געפונען גרויס אָנערקענונג, אַזוי ווייט אַ קליינע אָרגאַניזאַציע קאָן געפינען אָנערקענונג אויף אַ גרויסער קאָנפערענץ. פרוי מאַריאַ אַפּטע האָט אין נאָמען פון די „וויצאָ״־פרויען פון פוילן אַדרעסירט די גרינדונגס־קאָנפערענץ און צוגעזאָגט די פולע אונטערשטיצונג מצד דער יידישער פרוי אין פוילן פאַר דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז אַלס איינציקער פאַרטרעטער פון מערב־גאַליציע און שלעזיע געוויילט געוואָרן אין אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון דער לייטונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

די וויכטיקע געשיכטע פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס געהערט

נישט דאָ צו די דאָזיקע זכרונות. דריי יאָר שפּעטער איז געקומען די מלחמה און די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס איז זיך צונויפגעקומען ערשט אין יאָר 1948 אין מאָנטרעי, שווייץ. דער קאַמף פאַר און קעגן דער גויטוועגדיקייט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס איז אָנגעגאַנגען ווייטער. אָבער הייגט קאָנען מיר שוין זאָגן נאָך אַ תקופה פון קרוב צו 25 יאָר, אַז דער דאָזיקער צענטער פון יידישע כוחות, כדי צו פאַרלייכטערן אונדזערע זאָרגן אין גלות און צוזאַמענצושמידן די צעריסענע טיילן פון אונדזער פאָלק אין אַ צענטער פון בשותפותער אחריות, האָט גוט אויסגעהאַלטן זיין היסטאָרישן עקזאַמען. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז הייגט כולל ישובים און אָרגאַניזאַציעס פון מער ווי 60 לענדער אין דער גאָרער וועלט אין אַלע פינף טיילן פון אונדזער גלאָב. דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות האָט דעם כבוד צו שטיין בראש פון דעם אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס זינט 10 יאָר און אַזוי אַרום ממשיך צו זיין זיין פריערדיקע טעטיקייט פאַר דעם באַזונדערן ציל פון זיין לעבנס־טעטיקייט: דער פאַראייניקונג פון די צעריסענע כוחות פון אונדזער פאָלק.

אונדזער לאַנדעס־פאַרבאַנד קאָן זיין שטאָלץ וואָס ער האָט, אין 1936, געמאַכט אַ וואָגיקן צושטייער צו די פונדאַמענטן פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט

# נ אָ כ וו אָ ר ט

## אין דער צייט פון דעם שרעקלעכסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע

אין דער אמתן ענדיקט זיך מיין טעמע אויפן שוועל פון אונדזער שרעקלעכער חורבן־תקופה. אָבער איך האָב שוין אין מיין אַריינפיר דער־מאָנט, אַז איך וויל דערגאַנצן דעם ראַם אַרום די דריי הויפט־טיילן פון דעם דאָזיקן בוך דורך עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם חורבן גופא.

די אָפענסיווע פון די דייטשן האָט די פּוילישע רעגירונג און אַ טייל פון די מיטגלידער פונעם פּוילישן סיים געטריבן צום מזרח־דרומדיקן טייל פון דער פּוילישער מלוכה. איך האָב נישט מער געקאָנט דערגרייכן קראָ־קע. נאָך דראַמאַטישע איבערלעבונגען, וואָס יעדער פון אונדז האָט דורכ־געמאַכט אין יענער צייט, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן פּוילן דעם 17טן סעפּטעמבער 1939 איבער דער בריק פונעם טייך טשערעמאָש, צווישן קוטי אין פּוילן און וויזשניץ אין רומעניע. פון דאַנען האָט מיך דער גורל געבראַכט קיין בוקאַרעשט און פון דאָרט נאָך פאַרשיידענע איבערלעבונ־גען, וועלכע געהערן נישט אַהער, אין חודש יאַנואַר 1940, קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין אַנזשער, אין פראַנקרייך, וווּ עס איז געווען דער זיץ־אָרט פון דער פּוילישער רעגירונג. דאָרט בין איך געבליבן ביז צו די דראַ־מאַטישע טעג פון מיט־יוני 1940, ווען דער גערמאַנישער מבול האָט פאַר־פלייצט פראַנקרייך. פון מיט־יוני ביז צום סוף פון דער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע, ביז איך געווען אין לאָנדאָן.

דעם גאַנצן פּעריאָד פון יאַנואַר 1940 ביז צום סוף פונעם אייראָ־פּעישן קריג אין חודש מאַי 1945, איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער פאָרטרעטער פון דער פּויליש־יידישער רעפּרעזענטאַנץ אין דעם פּוילישן

גלות־פּאַרלאַמענט. און בזה האופן האָב איך געהאַט די פּריווילעגיע און דעם עול, איך וואָלט כמעט געזאָגט, די מיסיע צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט אונדזערע ליידנדיקע ברידער אין פּוילן און אויך מיט די צענדליקער צעזייטע קליינע און גרעסערע קיבוצים פון פּוילישע יידן אין דער גאַרער וועלט. און צו טאָן וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו פאַרלייכטערן זייער שרעקלעכן גורל. די געשיכטע פון די דאָזיקע קאָנטאַקטן און פון דעם פּאָליטישן קאַמף פון מיין ביוראָ אין פּאַריז, אַנזשער און לאָנדאָן, וועל איך אפשר האָבן די געלעגנהייט איבערצוגעבן דעם היסטאָריקער פון יענער צייט אין אַ באַזונדערן בוך. דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז איך בין אין יענער תקופה אַזוי ווייט ווי עס איז געווען מעגלעך, אויך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מיינע נאָענטע פריינט אין מערב־גאַליציע און שלעזיע. אָפט איז עס ליידער נישט געווען מעגלעך. דער קאָנטאַקט איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דעם געהיימען ראַדיאָ פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, דורך באַזונדערע שליחים פון דער פּוילישער רעגירונג, דורך מאַנכע שטעלעס פון דער יידישער אַגענץ און דורך ליסאַבאָן, אין פּאָרטוגאַל.

דעם צווייטן טאָג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דעם 2טן סעפּטעמבער 1939, האָב איך פאַרלאָזן מיין היים און מיין פרוי אין קראָקע, כדי אָנטיילצונעמען אין דער לעצטער זיצונג פונעם פּוילישן סיים אין וואַרשע, וואָס איז דורך דער ראַדיאָ צונויפגערופן געוואָרן אויף דעם 2טן סעפּטעמבער. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל שוין דעם 4טן סעפּטעמבער קאָנען זיין צוריק אין קראָקע. מיין פרוי האָט מיך געבעטן רחמים נישט צו פאָרן קיין וואַרשע. איך האָב געפאָלגט דעם רוף פון מיין פליכט אַלס דעפּוטאַט פונעם סיים און איך בין געפאָרן. איך האָב מיט עטלעכע טעג פריער פאַרלאָזן דעם 21טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין גענף, איידער ער האָט זיך געשלאָסן, ווען נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן דער היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך. אויף אַן אומוועג איבער איטאַליע, אונגאַרן און לעמבערג, האָב איך דערגרייכט קראָקע, כדי צו זיין אויף דעם פּאָסטן פון מיין פליכט לגבי מיינע ווילער אין קראָקע. איך האָב דערפאַר אויך דעם 2טן סעפּטעמבער געהערט דעם זעלביקן רוף פון פליכט, הגם די סיטואַציע איז שוין דעמאָלט געווען גאָר דראַמאַטיש. דעם 2טן סעפּטעמבער אין

דער פרי האָב איך פאַרלאָזט מיין היים און בין פאַרזיכטיק געגאַנגען ביי די ווענט פון די הייזער אין דער דונאַיעווסקי גאַס און אין דער באַשטאָווא גאַס, צום וואָקזאַל. די גאַסן זענען געווען ליידיק. דייטשע עראָפּלאַנען זענען געפלויגן איבער קראָקע. עס איז געווען אומעטיק. אַרום זיבן אַזייגער אין דער פרי האָב איך געזאָלט דערגרייכן דעם צוג קיין וואַרשע. די הערלעכע פוילישע פּלאַנטן פון קראָקע האָבן זיך געבאָדן אין גרינס און די זון האָט געשיינט אויפן הימל און דער הימל איז געווען קלאָר און לאַכנדיק בעת דאָס לעבן אויף דער ערד האָט אָנגעהייבן צו ווערן אַ גיהנום. אַן אַנדערש מאָל וועל איך דערציילן וועגן די דערפאַרונגען און באַטראַכטונגען, וועלכע איך האָב אָנגעזאַמלט אין יענעם טאָג, בעת מיין נסיעה מיט עטלעכע סיים־קאָלעגן קיין וואַרשע. איך בין אָנגעקומען אין וואַרשע נאָך 28 שעה במקום פון 6 שעה. עס איז שוין געווען נאָך דער זיצונג פונעם סיים. איך האָב נאָר נאָטירט מיין נאָמען אין דער ליסטע פון דער זיצונג. דער סיים האָט אויסגעזען אַזוי ווי פוילן צו יענער צייט. אַ בילד פון כאָאָס. שוין אין צוויי שעה אַרום האָב איך פאַרלאָזן וואַרשע אין דער האָפענונג, אַז איך וועל קאָנען דערגרייכן קראָקע. די גאַסן פון וואַרשע האָבן געזשומעט ווי אַ בינענשטאָק. די באַפעלקערונג האָט נערוועז גערוואַרט אויף ענגלאַנדס און פראַנקרייכס מלחמה־דערקלערונג.

איך האָב קראָקע קיינמאָל מער נישט געזען. איך האָב עס נישט מער געקאָנט דערגרייכן. איך האָב אַפילו נישט געוווסט, וואָס עס איז געשען מיט מיין פרוי. אויף דעם וואַנדער־וועג איבער צענטראַל־פוילן קיין טאַרנאָוו און פון דאָרט קיין מזרח־גאַליציע — קראָקע איז שוין דעמאָלט געווען אין דייטשע הענט — בין איך אָנגעקומען דעם 19טן סעפּטעמבער אין בוקאַרעשט און דאָ האָב איך דערפילט די פרייַנטשאַפט און דעם כוח פון דער ציוניסטישער סביבה. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין דער מענטשלעכער און יידישער הילף, וועלכע איך האָב באַקומען אין רומעניע. אין בוקאַרעשט האָב איך אויך באַגעגנט עטלעכע פון מיינע קראָקעווער חברים. איך האָב מיך תיכף ומיד אין בוקאַרעשט אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט פאַר מיינע ברידער פליטים ווי איך און גלייכצייטיק האָב איך געזוכט שפורן פון דעם גורל פון מיין פרוי. נאָך דריי חדשים בין איך געוווירר געוואָרן, אַז זי לעבט אין לעמבערג.

דעם 15טן יאַנואַר 1940 בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז. אַפּאָלי־נאַרי האַרטגלאַס און שלמה זיידעמאַן זענען דעמאָלט געווען שוין אין טריעסט. איך האָב זיי פאַרשטענדיקט וועגן מיין דורכרייזע, אָבער איך האָב זיי נישט געזען. באַלד האָב איך איבערגענומען מיין פּאָזיציע אַלס מיטגליד פון דעם פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט. דער שוואַרצער צייט־פּע־ריאָד פון די היטלער־געטאָס אין פּוילן און פאַר מיר דער קאַפּיטל פון פּאָליטישן קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט — אַזוי האָב איך געהאָפט — פונעם פּוילישן יידנטום און קעגן אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן.

ווער פון אונדז האָט געגלויבט, אַז עס וועט קומען דאָס, וואָס איז געקומען?

וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד פון מיין פּאָליטישן קאַמף אין דער פּויליש־שער גלות־סביבה לטובת דעם פּוילישן יידנטום, וועט מיר אויסקומען אַן אַנדערש מאָל צו שרייבן, ווי איך האָב שוין דערמאָנט. דעם 8טן אַפּריל 1940 האָט עס זיך מיר איינגעגעבן, נאָך אומגעהייערע ראַנגלענישן, אַרויסצובאַקומען מיין פרוי פון לעמבערג קיין ליטע און פון דאָרט קיין לעטלאַנד, איבער שוועדן און דענעמאַרק און האָלאַנד קיין פּאַריז. און זינט יענער צייט איז אונדזער גורל אַ געמיינזאַמער.

דעם 19טן יוני 1940 בין איך שוין מיט מיין פרוי אָנגעקומען אין לאָנדאָן, צוזאַמען מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג און מיט דעם פּוי־לישן גלות־פּאַרלאַמענט. דער מאַקאַברער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם אייראָפּעישן יידנטום האָט זיך אַנטוויקלט מיט דער גרעסטער גרוי־זאַמקייט. די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך האָב געטראָגן איז געווען ממש דערדריקנד, ווייל וואָס קאָן שוין זיין שרעקלעכער, ווי זען דעם אונטערגאַנג פון מיליאָנען ברידער, וועלן העלפן און — נישט קענען?

עס איז נישט אמת, אַז יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו אָרגאַניזירן הילף און צו ראַטעווען דאָס אונטערגייענדיקע פּוילישן יידנטום. די יידישע אַגענץ און אירע באַ־זונדערע ביוראָען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין זשענעווע, דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, דורך די פּאָליטישע אָנשטרענגונגען פון זיין צענטראַלע אין ניו־יאָרק, דער אַמעריקאַנער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטי, דורך זיין מאַטעריעלער הילף, דער באָרד אָוו דעפּיוטיס פון יידישע קהילות אין

לאָנדאָן, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט פון אַמעריקע, די פּויליש־יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין תל־אביב און אין ניו־יאָרק און מיין ביוראָ אין לאָנדאָן, האָבן געטאָן אַן איבעררייס אַלצדינג וואָס איז נאָר געווען מעג־לעך, כדי גובר צו זיין די בעסטיע, וואָס האָט געווילדעוועט קעגן אונדזער פאָלק אין אייראָפּע. מיין ביוראָ אין לאָנדאָן איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין פּוילן און מיט די מערסטע פון די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. עס איז באמת נישט געווען קיין שום וואָגיקע שטעלע אין דער דעמאָלטיקער פרייער וועלט, בפרט אין דעם קאָמיטעט פון די אַליאירטע רעגירונגען אין גלות, וועלכע זענען דעמאָלט געווען טעטיק אין לאָנדאָן, צו וועלכן עס האָט זיך נישט געווענדט דער אויסגעשריי פון די אַלע דאָזיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט מיין ביוראָ בתוכם.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, בין איך אויך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מאַנכע ציוניסטישע פירער אין קראָקע, בפרט מיט לעאָן סאַלפּעטער, דר. חיים הילפשטיין און עליאַס טיש (די צוויי לעצטע זענען דעמאָלט געווען טעטיק אין דעם דר. ווייכערט הילפס־קאָמיטעט). עס איז נישט געווען קיין ווינקל אויף דער ערד, ווו נאָר פּוילישע יידן זענען ניצול גע־וואָרן פון דעם פייער, איך זאָל מיט זיי נישט האָבן אַ קאָנטאַקט. מיט פּוילישע יידן אין אירקוטסק, מזרח־סיביר, ביי דער באַיקאַל־אָזיערע, אין סאַמאַרקאַנד און אין אומצייליקע ערטער אין דעם וויטן רוסלאַנד, מיט פּוילישע יידן אויף דעם אינדזל מאַוריציוס, אין ווישי, אַפילו אין ניאַסאַ־לאַנד — איבעראַל איז מיין ביוראָ געווען דער וואַך־פּאָסטן איבער אונ־דזער אומגליק, טראַכטנדיק צו העלפן. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן פּע־ריאָד איז שוין געשריבן, אָבער נאָך נישט פאַרעפנטלעכט.

איך באַטאָן — מיין ביוראָ האָט געטאָן דאָס מעגלעכסטע, כדי צו אַלאַרמירן אויפן סמך פון די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען פון דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין פּוילן, די פּאָליטישע, רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע עפנטלעכע מיינונג, די אָפיציעלע און די נישט־אָפיציע־לע אין גרויס־בריטאַניע, און אין אַמעריקע און אויך די יידישע עפנטלעכע מיינונג בפרט, דורך די קאַנאַלן פון דער יידישער אַגענץ און פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. מעמאָראַנדומס איבער די אופנים ווי אַזוי צו

פרווון צו ראַטעווען כאָטש טיילן פון אונדזער פאָלק זענען דורך מיין ביור־ראָ איבערגעשיקט געוואָרן צו דער פוילישער רעגירונג און דורך איר צו די אַליאירטע רעגירונגען, וואָס זענען געווען רעפּרעזענטירט אין לאָנדאָן און בפרט אויך צום אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן. אָבער וועגן דעם אַלעמען — אַן אַנדערש מאָל.

אין דעם פייער פון דער שרעקלעכער שריפה, אין דער הויכער טעמ־פּעראַטור פון אונדזער אומגליק האָבן זיך — ווי ביטער דאָס קלינגט — צונויפגעשמאָלצן אויך די ציוניסטישע פאַרבאַנדן אין פוילן. וואָס פרידנס־צייט און שכל האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן, האָט דערגרייכט — דאָס אומגליק. נישט צום ערשטן מאָל אין אַ עת צרה אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. די פויליש־יידישע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1940 אין תל־אביב און איר אָפּטיילונג אין ניו־יאָרק, האָבן אַרומ־גענומען אַלע ציוניסטישע גרופּעס צוזאַמען מיט דער אגודה. עס איז געווען נאָר אַ דאַך איבער די אָרגאַניזאַציעס. אונטער דעם דאַך האָט זיך דער פּאַרטיי־קאַמף ווייטער „אויסגעלעבט". אָבער סוף־כל־סוף איז עס דאַך געווען אַ דאַך איבער די פּאַרטייען. אין וואַרשע איז אַנטשטאַנען אַ נאַציאָנאַל־ראַט פון דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג, וואָס האָט רע־פּרעזענטירט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און אויך אַלע נישט־ציוניסטישע שאַטירונגען אַחוץ דעם פאַרעקשנטן יוצא מן הכלל, דעם „בונד", וועל־כער האָט געוויילט זיין אייגענעם וועג. אָבער אין דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זשעט.אָ.בע., איז אויך דער „בונד" צוזאַמען געווען מיטן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט.

אַלזאָ, סוף־כל־סוף אַ מין איינהייט! אַ דאַך פון איינהייט, ווען דער דאַך האָט שוין געברענט.

עס איז געוואָרן שפּעט און מיט יעדן חודש איז עס געוואָרן מער צו שפּעט.

אויף די חורבות פון אונדזער לעבן אין אייראָפּע האָט זיך דערנעענ־טערט דער חודש מאַי 1945. דער חורבן איז געווען כמעט פאַרענדיקט. זעקס מיליאָן יידן צווישן זיי אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער, דער־מאָרדעט. דאָס פּוילישע יידנטום, וואָס האָט אין יאָר 1939 באַטראָפן כמעט 20% פונעם וועלט־יידנטום, אז אין יאָר 1945 געוואָרן נישט מער

באַטראָפן ווי דריי פּערטל פון איין פּראָצענט פון אונדזער גאַנץ פאָלק. סוף 1939 ביז יוני 1940 האָבן זיך דורך טריעסט אַרויסגעראַטעוועט פון פּוילן אין גאַנצן אַרום טויזנט פינף הונדערט יידן. דאָס איז געווען אַלץ. און דורך טערקיי האָבן זיך ביז צום יאָר 1945 בתוכם אַרויסגעראַטעוועט אין גאַנצן — אַרום 300 יידן.

עס זענען פאַרשפּרייט פאַלשע ידיעות, אַז מער האָבן זיך אַרויסגע־ראַטעוועט, אָבער דאָס זענען די אָפיציעלע ציפערן. יאָ, עס האָבן זיך געפּרווט ראַטעווען אויך עטלעכע טויזנט מער און ווי ווען דער קרבן, וואָס אונדזער פאָלק האָט געבראַכט בעת דער שרעקלעכער מלחמה, וואָלט געווען נאָך צו קליין, האָבן פון די געראַטעוועטע איבער 2800 פאַרלוירן זייער לעבן: פון היטלער רוצחים אין דעם קלאַדאָוואָ לאַגער אויף דעם טייך דונאַי — 1160 יידן; דורך אַ שטורעם אויף אַ גאָר שוואַך שיפל, „סאַלוואַדאָר״, אויפן שוואַרצן ים — 230 יידן; אויף דער שיף „מאַפ־קורא״ ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 430 יידן, ווען די שיף איז אַטאַקירט גע־וואָרן דורך כוחות פון היטלער און זיינע אַליאירטע; און סוף־כל־סוף, 257 יידן אויף דער „פּאַטריאַ״ ביי חיפה און 769 אויף דער „סטרומאַ״ ביי איסטאַמבול, ליידער אַדאַנק דער „הומאַניטעט״ פון אַ מעכטיקן אַלי־אירטן אונדזערן אין יענער צייט — גרויס־בריטאַניע. אָרדענונג מוז זיין! בייבל איז בייבל און סערטיפיקאַטן זענען סערטיפיקאַטן!

די גרענעצן פון אונדזערע לאַנדעס־פאַרבאַנדן אין פּוילן זענען פאַר־ברענט געוואָרן אין דער דאָזיקער שריפה אויך אין פּוילן, ווי איך האָב שוין דערמאָנט. דער אונטערגאַנג איז געווען אַ — פאַרייניקטער.

די גרעסטע פּאָזיציע פון אָפּגעראַטעוועטע איז דורך אַן איראָניע פון דער השגחה געווען די צאָל פון יידן פון פּוילן, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין רוסלאַנד. אַזוי ווייט ווי זיי האָבן איבערגעלעבט יענע צייט, זענען זיי שפּעטער אַ טייל צוריקגעקומען קיין פּוילן און דאָן פון דאָרט אַרויס, ווידער דורך אַן איראָניע פונעם גורל, צו די לאַגערן אין דייטש־לאַנד און פון דאָרט גרעסטנטיילס קיין ארץ־ישראל.

דאָן איז געקומען דער צווייטער פּאָגראָם אין קעלץ. אַלס פאַרטרע־טער פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָב איך אנטיילגענו־מען אין אַ דעלעגאַציע פון יידישע אָרגאַניזאַציעס ביים שטאַטס־דעפּאַר־

טאַמענט אין וואַשינגטאָן, כדי צו באַקומען די הסכמה דערצו, אַז אונ־דזערע ברידער, וואָס זענען צו יענער צייט אַנטלאָפן פון פוילן נאָך דעם פּאָגראָם אין קעלץ, זאָלן מעגן וווינען אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד גלייך מיט די פריערדיקע פּליטים! יאָ, דאָס איז געווען די איראָניע פון אונדזער גורל. מיר האָבן געמוזט בעטן אַ פּלאַץ פאַר יידן פון פוילן אין פּליטים־לאַגערן אין — דייטשלאַנד!

די דעלעגאַציע האָט די הסכמה באַקומען.

דאָס רעשטל יידן, וואָס איז געבליבן אין פוילן, האָט נישט זעלטן זיך באַגעגנט מיט קללות מצד איינצלנע פּאָליאַקן און גרופּעס, דערפאַר ווייל זיי זענען געבליבן ביים לעבן.

דער בילאַנס איז געווען אַ תהום אויסגעפילט מיט ענדלאָזער פּיין און אַש.

## נאָך דעם חורבן

די גרעסטע מאַכט אין דעם לעבן פון מענטשן — דער זעלבסט־דער־האַלטונגס־אינסטינקט פון יענעם הייפל יידן, וואָס זענען געבליבן ביים לעבן, האָט סוף חודש מאַי 1945 צוריקגעוווּנען זיין כוח. דער קאָנטראַסט צווישן דעם דאָרשט צו לעבן און דעם תהום פון דער קאַטאַסטראָפע איז געווען געוואַלטיק. די קאַטאַסטראָפע האָט נאַטירלעך אויך איבערגעלאָזט שפּורן אין דעם זעלישן און גייסטיקן לעבן פון די ניצול געוואָרענע.

עס איז געווען אין חודש מאַי 1945, ווען איך האָב אין לאָנדאָן באַ־קומען די ידיעה, אַז איבער ניין הונדערט פון אונדזערע ברידער ברוב פון מערב־גאַליציע און שלעזיע זענען געראַטעוועט געוואָרן אין דעם קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אין ברונעניץ, אין מערן. און ווידער דורך אַ נס, ווייל די רעטונג איז געשען אַ דאַנק אַ דייטש, מיט דעם נאָמען אָסקאַר שינד־לער, אַ קריסט. מיטן דרינגען אין דעם שרעקלעכן טרויער איז דאָס געווען אַ שטראַל. וואָס מער עס איז פינצטער, וואָס מער פרייט מען זיך מיט אַ שטראַל. איך האָב באַלד באַקומען די ליסטע פון אַלע ניין הונדערט געראַטעוועטע און צווישן זיי איז געווען אונדזער דר. חיים הילפשטיין, לעאָן סאַלפּעטער און דר. עליאַס טיש. ווי נאָר קראָקע איז באַפרייט גע־

וואָרן פון די דייטשן, האָב איך תיכף ומיד צוגעשיקט אַ בריוו צו דער קהלה אונדזערער אין קראָקע, צו די רעשטלעך פון איר. דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צום דעמאָלטיקן רב פון די איבערגעבליבענע רעשט־לעך פון יידן אין קראָקע — דר. שטיינבערג, היינט אַ דיין אין לאָנדאָן. געענטפערט האָט מיר אויף דעם בריוו — אָן אַלטער באַקאַנטער פון מיר, אַ קריסט, דער לאַנגיאָריקער הויז־באַזאָרגער פונעם קהילה־בנין אין קראָקע אויף דער סקאַוויסקא גאַס. מיר האָבן אים תמיד גערופן יאַן. ער האָט מיר געשריבן, ווי גרויס עס איז געווען די שמחה פון רב שטיינבערג איבער מיין בריוו. דער רב אַליין האָט, זעט אויס, געמוזט זיין פאָרזיכ־טיק מיט שרייבן צו אַ מיטגליד פונעם פוילישן גלות־פּאַרלאַמענט, היות קראָקע האָט דעמאָלט שוין אָנגעהייבן צו פילן דעם נייעם רעזשים, וואָס דויערט עד־היום. איך בין דאַן געוווּיר געוואָרן, אַז מיין בריוו איז גע־לייענט געוואָרן אין יום־כּיפּור אין טעמפּל און אין די ווינציקע תפילה־שטיבלעך, וואָס האָבן נאָך עקזיסטירט. פון אַ קאַטוילישן גלח האָב איך באַקומען אַ בריוו, וועלכן איך האַלט אין מיינע אַרכיוון, ער האָט זיך געקלאַפּט על חטא אין נאָמען פון דעם פוילישן פאָלק, וואָס זיין מער־הייט האָט — ווי ער האָט מודה געווען — געטראָגן אַזאַ גרויסן טייל פון מיטשולד אין דער פאַרניכטונג פון יידן אין פוילן.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, דער היטער פון אונדזער גורל, ד׳ער טרוימער פון אונדזער צוקונפט און איר פאַרווירקלעכער, האָט גע־וואַכט. שוין אין חודש אויגוסט 1945 איז זיך צונויפגעקומען אין לאָנ־דאָן די ערשטע ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ נאָך דעם חורבן. 96 דע־לעגירטע פון 70 לענדער האָבן אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ. פון פוילן זענען געקומען אין גאַנצן אַכט דעלעגאַטן, צווישן זיי איינער פון מערב־גאַליציע און שלעזיע — לעאָן סאַלפּעטער, ער איז דעמאָלט שוין געווען צוריק אין קראָקע. איך וועל נישט פאַרגעסן אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך ווידער געזען נאָך דעם שרעקלעכן אומגליק. סאַלפּעטער האָט מיט זיין אַלטער ענערגיע זיך גענומען צו דער ציוניסטישער טע־טיקייט אין פוילן. עס איז ווייניק וואָס געבליבן פון די אַלגעמיינע ציו־ניסטן פונעם גאַנצן לאַנד. ערשט איצט, נאָך אַזעלכע שרעקלעכע נסיונות האָבן די דאָזיקע רעשטלעך פון דער גרופּע (ב) און פון דער גרופּע (א)

זיך פאַרמעל פאַרייניקט אין אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע „איחוד". עס זענען אויך געווען פּאָליטישע סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער דאָזיקער פאַרייניקונג. אַלס מיטגליד פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט פון מערב־גאַליציע האָב איך אָנטיילגענומען אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן — נאָך אונדזער חורבן.

פּראָפעסאָר ווייצמאַן, בן־גוריון, משה שערטאָק, נחום גאָלדמאַן, יצחק גרינבוים, אליעזר קאַפּלאַן, עמיל שמאָראַק און משה שאַפּירא האָבן אין נאָמען פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע אָפּגעגעבן באַריכטן. דער ציוניסטישער דיזל־מאָטאָר האָט אָנגעהויבן ווידער צו אַרבעטן — אויף די חורבות פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע.

מיט זעכצן חדשים שפּעטער איז זיך צונויפגעקומען אין באַזעל דער 22טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין חודש דעצעמבער 1946. דאָס איז געווען דער המשך פון דעם 21טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1939 אין זשענעווע. צווישן די צוויי קאָנגרעסן איז געווען דער — גיהנום פון אונדזער געשיכטע. מיר האָבן געפּרוווט אויף דעם קאָנגרעס פאַר דער גאַנצער וועלט צו שילדערן דאָס גיהנום. אָבער איך מיין, אַז „ווען הימלען וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין פּאַרמעט און אַלע וועלדער אין פעדערס און אַלע ימים אין טינט", וואָלט מען נישט געקאָנט באַשרייבן דעם ענדלאָזן אָקעאַן פון טרערן, פּיין, ליידן און טויט פון מיליאָנען פון אונדזערע ברידער. אין הונדערטער ביכער פּרווון שרייבער דאָס צו טאָן אין די לעצטע צען יאָר. אָבער דאָס בוך וועגן דער קאַטאַסטראָפע איז נאָך נישט געשריבן און די פּאָעמע איז נאָך נישט געזונגען געוואָרן.

עס איז געווען אַ קאָנגרעס פון טיפן טרויער, אָבער אויך פון אונדזער וווּנדערלעכן יידישן אף על פי כן עקשנות. פון פּוילן זענען געקומען 15 דעלעגאַטן. אין גאַנצן זענען געווען 453 פון 31 לענדער. די אַלטע איינטיילונג אין פּאַרטייען פון דער אַלטער גוטער צייט, ווען אונדזער ליב פאָלק האָט זיך אַרומגעריסן אין פּוילן וועגן דעם נצחון פון — אַ רעזאָלוציע, יאָ, די אַלטע איינטיילונג האָט ווידער טריאומפירט אויף דעם 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס. אונדזער דעלעגאַציע פון פּוילן איז באַשטאַנען פון 5 אַלגעמיינע ציוניסטן, 3 פּועלי־ציוניסטן און 3 פון אחדות עבודה און 2 פון השומר הצעיר. אויך איין אָריגינעלע דערשיינונג איז

געוועזן אויף דעם דאָזיקן ציוניסטישן קאָנגרעס: אַ ציוניסטישער „אומ־פּאַרטייאישער״! געטראָגן האָט ער אַ גאַנץ באַקאַנטן נאָמען פון דער צייט פון דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין וואַרשע. זיין נאָמען איז געווען ס. גראַיעק.

און דאָס איז געווען ביז איצט דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אויף וועלכן עס איז געווען בנמצא אַ דעלעגאַציע פון פּוילן. נישט אויף דעם 23טן קאָנגרעס פון יאָר 1951 און נישט אויף דעם 24טן קאָנגרעס פון יאָר 1956 איז געווען אַ ציוניסטישע דעלעגאַציע פון פּוילן.

די יעווסעקציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן באַ־הערשט איצט דאָס איבערגעבליבענע סוכאָטנע יידישע לעבן אין פּוילן. דער ווונטש פון דעם פּוילישן מאַרשאַלעק פונעם פּוילישן סענאַט פון פאַר דער קריגס־צייט, מיעדזשינסקי, אַז עס זאָלן אין פּוילן בלייבן נישט מער ווי 50 טויזנט יידן איז מקוים געוואָרן, אַדאַנק מיעדזשינסקיס גייסטיקן אַליאירטן — אַדאָלף היטלער.

אָבער וואָס טוט זיך אין דער פּסיכישער אונטערגרונט־באַוועגונג פון די דאָזיקע רעשטלעך יידן, פון אַ טייל פון זיי?

אפשר וועלן מיר עס אַמאָל געוווּיר ווערן.

נישט לאַנג נאָך דעם 22טן קאָנגרעס אין יאָר 1946 איז די ציוניס־טישע באַוועגונג אין דעם היינטיקן פּוילן בכלל פאַרבאָטן געוואָרן. אָבער במקום פון איר האָבן מיר נישט לאַנג נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל באַקומען אַן אָפיציעלן פאַרטרעטער פון מדינת ישראל אין וואַרשע.

דער ציוניזם פאַרבאָטן, דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון מדינת ישראל אין וואַרשע! אַ טייל פון די איבערגעבליבענע ציוניסטישע פירער איז עולה געווען פון פּוילן קיין מדינת ישראל. דר. הילפּשטיין, לעאָן סאַלפּעטער און עטלעכע מגינים פון אַנדערע איבערגעגעבענע ציוניסטן פון „אונדזער ווינקל״. דר. שמעון פעלדבלום איז שוין אין יאָר 1940 אָנגעקומען אין ארץ־ישראל. עטלעכע מאָל נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל האָב איך געהאַט די זכיה זיך צו באַגעגענען אין מדינת ישראל מיט מיינע אַלטע פריינד פון מערב־גאַליציע און שלעזיע. זיי שפּי־נען דאָרט יעדער אויף פאַרשיידענע וועגן, איינער שווערער און איינער

לייכטער, דעם ציוניסטישן חלום איןווירקלעכקייט, אין זון און פרייד, אין וואָלקנס און זאָרג — אָבער אין דער אייגענער מדינה.

גלייכצייטיק מיט דעם 22טן קאָנגרעס אין באַזעל איז דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן נאָכן קריג. אַ נייע קאָנפעדעראַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטן איז געשאַפן געוואָרן. אַ טיפע ענדערונג איז אַנטשטאַנען אין דער אינערלעכער סטרוקטור פון דער דאָזיקער קאָנפעדעראַציע אין פאַרגלייך מיט דעם ערשטן וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס האָט אויך אַרומגענומען ביידע גרופּעס. די לענדער, אין וועלכע די גרופּע (ב) פון אַלגעמיינע ציוניסטן איז געווען שטאַרק רעפּרעזענטירט, האָבן פאַרלוירן די יידישע סובסטאַנץ. צום גליק איז דאָס ברוב נישט געשען מיט די מערב־לענדער, וואָס האָבן געהאַט מייסטנס אָנהענגער פון דער גרופּע (א). און נאָך אַן אַנדער „וויכטיקער" אונטערשייד האָט זיך „אויסקריסטאַליזירט" — די גרופּע (א) הייסט היינט — די פּראָגרעסיווע, אָבער די גרופּע (ב) הייסט פּשוט ווי פריער אַלגעמיינע ציוניסטן. דער ריס אינערהאַלב פון דער קאָנפעדעראַציע איז אָבער געבליבן דער אַלטער, דער זעלבער און אפילו נאָך אַ שטאַרקערער. די קאָנפעדעראַציע איז היינט אַ „קלירינג"־באַנק פאַר דעם פּאַרטיילן פון געלטער פונעם ק.מ.ק. צו ביידע אירע טיילן און פאַר איבערגעבן אַ געמיינזאַמע ליסטע פון רעדנער און קאַנדידאַטן צום אַקציאָנס־קאָמיטעט לויט שליסל און פאַרלייגן די דאָזיקע ליסטעס אויפן טיש פונעם פּרעזידענט פון קאָנגרעס. דאָס איז אַלץ.

וואָס איז געבליבן פון דער וויזיע פון אַ שטאַרקן וועלט־פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן לויט דעם פּלאַן פון עטלעכע פירער פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם פונעם יאָר 1931? די צעריסענע טיילן פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער האָבן אין יאָר 1946 באַשלאָסן צו טראָגן אַ געמיינזאַמען שילד: „דאָ איז די קאָנפעדעראַציע"!

אויף דעם 24טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1956 האָבן די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן און די אַלגעמיינע ציוניסטן יעדער פון די דאָזיקע צוויי טיילן באַטראָפן צו 50 פּראָצענט. עס איז געווען ווי מיט אַ „געזעלשאַפט מיט באַשרענקטער אחריות", אין וועלכער ביידע שותפים האָבן צו 50 פּראָצענט און קאָנען דערפאַר נישט אָננעמען קיין שום באַ־

שלום, סיידן אַז זיי אייניקן זיך מיט הונדערט פּראָצענט — גאָר נישט צו טאָן.

אַ געוואַלטיקער פּאָליטישער צענטער פון אונדזער פאָלק איז נאָך דעם חורבן אַנטשטאַנען אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פון דעם גרויסן יידישן רעזערוואַר... ער האָט געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע אין דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל אין יאָר 1947 און 1948 און ער שפּילט היינט ווייטער אַ געוואַלטיקע ראָלע מאַטעריעל און פּאָליטיש אין דעם אויפבוי פון מדינת ישראל.

צייטנווייז פאַלט מען אַריין אין אַ מיסטישן געדאַנקען־גאַנג און מען גלייבט, אַז עס איז געווען אַ מין השגחה, אַז אין דעם פּעריאָד פון 1882 ביז 1939 האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די שרעקלעכע אומגליקן אין מזרח־אייראָפּע אַ גרויסער טייל פון אונדזער פאָלק קיין אַמעריקע. אָן דער דאָזיקער רעטונג וואָלטן ווארשיינלעך אויך די כוחות אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידן אין דער צייט פון היטלער. אַדאַנק דער דאָזיקער רעטונג האָט זיך געקאָנט אַרויסקריסטאַליזירן אין אַמעריקע אַ דינאַמישער צענטער פאַר אונדזער פאָלק אויףביידע געביטן פון אונדזער גורל — פּאָליטיק און מאַטעריעלער אויפבוי.

און אַזוי אַרום שפּינט זיך און וועבט זיך דער חלום פון אונדזער צוקונפט ווייטער אויף צוויי פראָנטן, אין דער גרויסער לאַבאָראַטאָריע פון אונדזער קעגנוואַרט און צוקונפט, אין מדינת ישראל און אין די פאַרייניקטע שטאַטן. און אַרום די דאָזיקע צענטערן זאַמלען זיך די כוחות פון די צענדליקער ווייטערדיקע, מיטעלע און קליינע ישובים פון אונדזער פאָלק.

דער קאַמף גייט ווייטער. אין ליידן, זאָרגן — און האָפענונג.

## די פאַרחלומטע קעניגלעכע שטאָט קראָקע

דאָס בוך איז מיין געזעגענונג פון קראָקע.

קראָקע איז געווען אַן ערנסטער, הערלעכער וואַרשטאַט פון יידישער שעפערישקייט, עס האָט פּולסירט לעבן אין דעם יידישן קראָקע זיבנט הונדערטער יאָרן.

איך מאַך צו די אויגן און זע גאַנץ קראָקע. איך זע, קראָקע דיין

שיינקייט, דיין חן, דיינע טויזנט יאָר געשיכטע און די הונדערטער יאָרן פון אונדזער יידישער געשיכטע. איך וואַנדער איבער דער קראַקאָווסקאַ גאַס, ווו עס האָט געזשומעט אַמאָל — נישט אַזוי לאַנג צוריק — פול יידיש לעבן. היינט איז עס דאָרט אויסגעשטאָרבן. איך וואַנדער איבער דער גראָדסקאַ גאַס און איבער דעם סטראַדאָם. אַלצדינג, כמעט אַלצדינג איז דאָרט געווען יידיש. נישטאָ מער קיין יידן. איך וואַנדער דורך דער דיטעלס גאַס, וואָס איז מיר פּערזענלעך געווען אַזוי נאָענט. איך זע די קליינע פּאַרחלומטע גאַסן, וואָס פאַלן אַריין אין דער לענג פון דער די־טעלס גאַס אין איר ווי טייכן אין אַ גרויסן שטראָם. איך זע די ביימער, וואָס ציען זיך אין צוויי רייען אין דער לענג פון דער גאַנצער גאַס און זע די פרייע פּלעצער אין מיטן פון דער גאַס, אויף וועלכער איך האָב זיך מיט מיינע יונגע פריינט געשפּילט.

אַלצדינג זע איך פון דער ווייטנס.

און דאַן גיי איך אַרויף אויפן וואַוועל. איך זיץ אויף דעם שטיין, אויף דעם גרויסן הויף פון דעם קעניגלעכן שלאָס גאַנץ אין דער נאָענט פון דער „סמאָטשאַ יאַמאַ", וואָס איז פאַרבונדן מיט דער מיטאָלאָגישער לעגענדע פון „קראַק און וואַנדאַ". איך קוק פון דאָרט אויף דער זיל־בערנער טאַשמע פון דער ווייסל, וועלכע שלענגלט זיך אין מיטן דורך דעם גוף פון דער הערלעכער שטאָט. זי פליסט זינט טויזנטער יאָרן און זי וועט פליסן נאָך טויזנטער יאָרן.

מיינע געדאַנקען גייען צוריק, ווייט צוריק צו די הונדערטער יאָרן בעת וועלכע עס האָט זיך געשפּינט יידישע געשיכטע אין די מויערן פון קראָקע, אין גוטע און אין שלעכטע צייטן פון דיין גורל, דו קעניגלעכע, פאַרחלומטע שטאָט! זכרונות וויקלען מיך איין...

קראָקע דו שיינע — דו ביסט היינט פאַר אונדז יידן אַש, אַש, און נישט מער ווי אַש.

עס ציט מיך צו דער בזשאָזאָוואַ גאַס. דאָרט איז געווען דער באַ־שיידענער לאָקאַל פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער איך האָב געהערט מיט פופציק יאָר צוריק. איך גיי ווייטער און זע די בריק אונטער דער באַנליניע. אונטער איר זענען געגאַנגען אונדזערע יידישע לוויות. דאָרט האָט געפירט דער וועג צו אייביקער רו. איך וואַנ־

דער אַרום אויף דעם בית־החיים און זע דעם שטילן וואַלד פון נעמען פון די גליקלעכע, וואָס האָבן נישט דערלעבט צו זען אונדזער חורבן. געדענקט איר — רעכטס ביים אַריינגאַנג, די אַלטע איינגעבויגענע מצבות? מיר האָבן געקוקט אויף זיי מיט אַ שטילן יראת הכבוד, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

יאָ, עס איז נישט מער נייטיק צו גיין אויף דעם בית־החיים. גאַנץ קראָקע איז פאַר אונדז געוואָרן אַ בית־הקברות.

איך געזעגן מיך פון דיר, אַלטע שול און פון דיר, געהייליקטער, בית־החיים פון רמ״א.

אַ פאַרצווייגטער, גרויסער בוים אַלט הונדערטער, הונדערטער יאָרן פון יידישקייט אין קראָקע איז דערמאָרדעט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש... שאָטנס גייען נאָך אַרום איבער פוסטע גאַסן אין אַש.

## מיין שטעטל כשאַנאָוו

ווייל איך מיך אויך געזעגענען פון מיין געבוירן־שטעטל. הונדערטער אַזעלכע שטעטלעך געווען אין פוילן. אָבער כשאַנאָוו איז געווען מ י י ן שטעטל.

און דערפאַר ווייל איך דיך דאָ דערמאָנען, מיין שטעטל כשאַנאָוו. מיט ליבשאַפט צו דיין יידישקייט, מיט אַ ציטער אין האַרץ, ווייל איך האָב איינגעזאַפּט פון דיר יידישקייט אין מיין ערשטער יוגנט. איך זע דיינע קרומע געסלעך און עס פלאַקערט אין מיין נשמה דאָס קליינע לאָמטערנדל, וואָס האָט מיר אין קאַלטע ווינטער־נעכט געוויזן און באַשיינט דעם גליטשיקן וועג צו מיין חדר, צו מיין ערשטן מילדן מלמד, דעם „רויטן־לאָמען״, און צו דיר גאָר שטרענגער מלמד, וואָלוועלע שאָר, וואָס דו האָסט מיך אַריינגעפירט אין די העכערע און טיפערע סודות פון יידישקייט.

איך געדענק אייך ביידע מיט דאַנקבאַרקייט.

איך זע פאַר מיר די וועלדער אַרום דיר, טייער שטעטל מיינס. איך בין אָפט געלאָפן אין די וועלדער אַריין מיט בענקשאַפט. מיט אימה האָב איך געוואַנדערט דורך די אומעטיקע וועגן פונעם וואַלד. די ביימער זענען

געווען ריזן אין מיינע קינדערשע אויגן. שטילקייט פון די וועלדער זשו־מעט נאָך היינט אין מיין נשמה. איך הער דעם אָטעם פונעם ווינטל און איך זע ווי דיביימער בייגן זייערע קעפּ און בוקן זיך ווי פרומע יידן בעת דעם דאַווענען.

שטילקייט, שטילקייט אַרום.

אַרום 40 קילאָמעטער פון קראָקע אויף דעם באַרימטן באַן־שליאַך קיין ווין, ביים קליינעם טייך כּעכלאָ מיט זיינע זאַמדיקע ברעגעס און פאַרקרומטע ביימער ווי אין אַ שאַגאַל־בילד איז געלעגן מיין כשאַנאָוו. אַ גאַנצע וואָך האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דיינע גאַסן אָרעמקייט און יידישע הייליקייט אום שבת.

אַלץ איז געווען יידיש, דאָס טרויעריקע און דאָס שמחהדיקע, דער תשעה־באָב און שמחת תורה.

אַ גאַנץ יאָר איז אַלצדינג געווען יידיש.

און פּלוצלינג זע איך פאַר מיר דעם „טשעבינער באַרג". דאָרט אויפן וועג פון כשאַנאָוו צו דעם שטעטל טשעבינאַ. דאָס איז געווען נישט אַבי אַ באַרג... אויף אים איז אין איינעם אַ שבת געשטאַנען דער משיח אַליין. אָבער ער האָט זיך גיך אומגעקערט, ווייל ער האָט דערזען, אַז יידן זענען מחלל שבת אין כשאַנאָוו...

איך האָב עס באמת געגלייבט. איך בין געווען זעקס יאָר אַלט. און אפשר איז משיח באמת דאָרט געווען? ער האָט געוואַרט און געוואַרט און וואַרט נאָך ווייטער? אָבער צו וואָס וואַרט ער? עס זענען דאָך נישט מער דאָ קיין יידן אין כשאַנאָוו...

און פּלוצלינג זע איך פאַר מיר דאָס טרויעריקע און קלוגע פּנים פון מיין פאַרגעטערטן האַרעפּאַשנעם טאַטן, מרדכי שאול, און די קלוגע גוטמוטיקע אויגן פון מיין אומפאַרגעסלעכער מאַמען חנה, וואָס צו איר זענען אַ גאַנץ יאָר געקומען יידן האַלטן אַן עצה. און אין דעם מאָמענט דערזע איך אויף דעם בית־החיים, ביי דער באַן־דעמבע, נישט ווייט פון דעם טייך כּעכלאָ, די צוויי שוואַרצע מאַרמאָרנע מצבות פון מיינע על־טערן אין איין שורה. איך קאָן מיינע אויגן נישט אָפּרייסן פון זיי.

אונדזער גאַנצע פאַמיליע איז געווען אַ הייס ציוניסטישע. מיין ברו־

דער יוסף רוט אין תל־אביב. מיין צווייטער ברודער אַהרן און מיין שוועס־טער אלישבע ריגער לעבן און ווירקן צו לאַנגע יאָרן אין תל־אביב.

מיין שטעטל כ ש אַ נ אָ וו איז געווען נישט נאָר אַ ציוניסטיש שטעטל, אָבער אויך אַ חסידיש שטעטל. אַ סך מער חסידיש ווי ציוניס־טיש. דער חסידיזם איז געווען אַ טיפער, אַן ערלעכער, אַ באַוווסטער, נישט תמיד אַ טאָלעראַנטער און דערפאַר איז דער ציוניזם געווען אַ קעמפנדיקער און אַ הייסער. איך זע פאַר מיר די משכילישע ציוניסטישע פיאָנערן־משפחה פון שלמה ל. און דר. שמואל ציפּער. איך זע פאַר מיר די ציוניסטישע פאַמיליע פון דר. אַדאָלף ריזער דעם אַרצט, וואָס איז דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן. זיין טאָכטער לעבט איצט אין מדינת ישראל. איך זע די צווייטע ציוניסטישע משכילישע פאַמיליע פון זיין ברודער, דעם אַדוואָקאַט דר. ריזער. ציוניסטישע פיאָנערן זענען זיי געווען און האָבן דאָרט צוגעגרייט דעם וועג צו דער יידישער מלוכה. איך זע פאַר מיר די התלהבותדיקע ציוניסטישע מזרחי־פאַמיליע פון די גראַיאַווערס און מיינע פועלי־ציוניסטישע גוטע פריינט און בפרט דעם ליבן, אומדערמיד־לעכן ציוניסטישן טוער, מרדכי שאָר, וואָס איך זע אים דאָ פון צייט צו צייט איצט אין ניו־יאָרק. די ציוניסטישע יוגנט אַז געווען הערלעך אין כשאַנאָוו. עס האָט ממש וויברירט דאָס לעבן אין דער יידישער יוגנט. כלערליי ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין דעם שטעטל פון איבער צען טויזנט יידן. אַ דיסקוסיע איז געווען אַ לעבנס־פראַגע. די ציוניסטי־שע פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ״, מיט פרוי ריזער בראש, האָט געהערט צו די בעסטע אין אונדזער שטח. און אויך אַ גאַנץ שטאַרקער „בונד״ איז דאָרט געווען אין דעם חסידישן כשאַנאָוו. אַ קאַלירפול לעבן, שפּראַצנדיק מיט יידישקייט. און די רבנים זע איך און די באַגליקטע פּנימער פון סתם יידן, וואָס זענען געווען אַזוי גליקלעך אַז שבת, ווען זיי האָבן געפירט אַ יונגן זון ביי דער האַנט אין בית־המדרש און דאָס קינד האָט מיט שטאָלץ געטראָגן דעם טאַטנס טלית ווי אַן אוצר.

אַפילו דאָ אין דעם גרויסן קאָלאָס פון אַכט מיליאָן מענטשן פון איבער צוויי מיליאָן יידן, אין ניו־יאָרק, פיל איך דעם שיין פון דעם שטעטל כשאַנאָוו, פון מ י י ן שטעטל.

אַ וועלט פון יידישקייט איז אַוועקגעגאַנגען.

דאָס ליד פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן גרויסן קראָקעווער פאָלקס־דיכטער מרדכי געבירטיג: „עס ברענט״, קלינגט מיר איצט אין די אויערן.
יאָ, מיין שטעטל כשאַנאָוו איז פאַרברענט און הונדערטער, הונדער־טער אַנדערע שטעטלעך אין פוילן, און אויף דעם ווייטן, ווייטן מהלך פון דעם גאַנצן אייראָפּעישן קאָנטינענט.
איך געזעגן מיך פון דיר — מיין שטעטל כשאַנאָוו.

## ממעמקים — צו מדינת ישראל

צוריק צום לעבן, צו דער קעגנוואַרט און צוקונפט.
פון דעם תהום פון אונדזער קאַטאַסטראָפע איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל, דער מקור פון אונדזער באַדייט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.
מיר זענען נישט געווען זיכער, אַז די נביאות פון טעאָדאָר הערצל וועט מקוים ווערן צו דער מינוט. אָבער ווען זי איז מקוים געוואָרן צו דער מינוט, איז עס פאַר אונדז געווען די זוניקסטע איבעראַשונג, וואָס די השגחה האָט פאַר אונדז צוגעגרייט נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַס־טראָפע. אונדזער שמחה איז אין די יאָרן 1947 און 1948 געווען ווי אַ פאַנטאַז. נאָר אַדאַנק דעם וואָס זי איז געווען אַזוי שטאַרק, האָבן מיר געקאָנט אויף אַ וויילע פאַרגעסן, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין דעם תהום פון אונדזער קאַטאַסטראָפע. אָבער באַלד שפּעטער איז די שמחה איינ־געהילט געוואָרן אין די שאָטנס פון דער קאַטאַסטראָפע. די ביאָלאָגישע און גייסטיקע פאָלגן פון דער קאַטאַסטראָפע דערשפּירט מדינת ישראל און אונדזער פאָלק וועט זי שפּירן דורות לאַנג. וואָס ווייטער, וואָס מער וועלן מיר זי שפּירן און דערפאַר מוז די אָנשטרענגונג פון די 12 מיליאָן איבערגעבליבענע יידן זיין שטאַרקער און שטאַרקער וואָס ווייטער און ווייטער. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע 12 מיליאָן איז אָפּגעשניטן פון דער צירקולאַציע פון אונדזערע נאַציאָנאַלע כוחות. אָבער מיר האָפן, אַז די דאָזיקע אָפּגעשניטענע כוחות וועלן זיך אומקערן צו דעם וואַרשטאַט פון שאַפן נייע יידישע ווערטן.
אַ געוואַלטיק גרויסער פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע האָט זיך אָנ־געהייבן.

ווען איך בין בעתן באַפרייאונגס־קריג אין מדינת ישראל געקומען קיין ישראל, און ווען מיר האָבן באַרירט צום ערשטן מאָל אויף דעם אימפּראָוויזירטן פלי־פעלד אין חיפה דעם באָדן פון מדינת ישראל, האָבן זיך ביי אונדז אַלע, מיטגלידער פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס זענען געקומען צופליען פון פּאַריז, ממש געעפנט הימלען. פריי־הייט, אַן אייגן שטיקל לאַנד, אַן אייגענע מדינה. אַ שמחה פון גליק האָט אונדז אַרומגענומען.

פּלוצלינג איז פאַרשוואונדן די מחיצה צווישן פאַרשיידענע טיילן פון אונדזער פאָלק אין דער גולה. קראָקע, פּוילן און צענדליקער אַנדערע לענ־דער האָבן זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון אייגהייט.

איך ווייס, אַז עולים פון אונדזער מערב־גאַליצישן שטח געפינען זיך ביים מדינת־ישראל־וואַרשטאַט אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס. אָבער די דאָ־זיקע איינטיילונג איז היינט נישט מער וויכטיק. עס איז נישט וויכטיק פון וואַנען עס שטאַמען די פּירער, די גרויסע און די מיטעלע פון דעם היינ־טיקן מדינת ישראל, פון דעם לאַנד אָדער פון יענעם לאַנד, פון דעם טייל אָדער פון יענעם טייל פון דעם גלאָב. עס איז וויכטיק, אַז די סומע פון כוחות פון 70 לענדער פאַרוואַנדלט זיך אין דער הייסער טעמפּעראַטור פונעם קאַמף פון מדינת ישראל פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק אין איין כעמישן סינטעז, אין איין מעלאָדיע, אין איין נייער שיר השירים פון אונדזער קעגנוואַרט און צוקונפט.

מדינת ישראל איז ווידער געוואָרן דאָס לאַנד פון פיר דימענסיעס: פרייהייט, גייסט, ברויט און אייביקייט.

איך פאַרענדיק דאָס שרייבן פון די דאָזיקע זכרונות דעם 1טן נאָ־וועמבער 1956. דאָס איז דער טאָג, אין וועלכן די ראַדיאָ טיילט מיט, אַז אָפּטיילונגען פון דער ישראל־אַרמיי געפינען זיך אויפן האַלב־אינדזל סיני און האָבן אָפּגעשניטן די פאַרבינדונג צווישן דעם עזה־שטח און עגיפּטן. נאָך יאָרן פון איבערמענטשלעכע באַמיאונגען צו געפינען אַ וועג פון אַ בכבודיקן שלום מיט דער אַראַבישער וועלט איז מדינת ישראל געצוווּנ־גען געוואָרן צו אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף. מדינת ישראל איז אין דעם היינטיקן טאָג נישט איזאָלירט. דער מאָרגן איז תמיד אַ סוד, דאָס היינט — אַ קאַמף.

איך פאַרענדיק די דאָזיקע זכרונות אין דעם טאָג, ווען עס זאָל זיך פאַרזאַמלען די אויסערגעוויינלעכע זיצונג פון דער פולער אַסעמבלי פון דער יו־ען, אין וועלכער פאַרשיידענע כוחות אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט וועלן ווארשיינלעך פרוון צו פאַרדאַמען מדינת ישראל. אָבער עס וועלן זיכער אויך זיין שטימען, וואָס וועלן אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש פאַר דעם אַרויפגעצוווּנגענעם פאַרטיידיקונגס־קאַמף פון מדינת ישראל, פאַר אונדזער אַלטער היים פון טויזנטער יאָרן.

ווידער שטייען די סאָלדאַטן פון דער ישראל־אַרמיי ווי אין יאָר 1948 אויף דעם לאַנגן פראָנט, כדי צו פאַרטיידיקן דעם קיום פון דעם ניי־געבוירענעם מדינת ישראל קעגן אַ וועלט פון רציחה, קאַלטקייט און אוממאָראַלישע טאַטן איינגעוויקלט אין מאָראַלישע לאָזונגען.

נישט צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע הייבט אונדזער פאָלק אָן אויפסנייַ צו בויען.

דאָס מאָל — ממעמקים.

און ווידער מיט האָפענונג און אמונה...

— סוף —

# זוכצעטל פון נעמען


**א**

אביגדער דוד, רב: 356.
אבעלעס א. ד״ר: 353.
אַדלער ד״ר: 68.
אָדער לעאָן ד״ר: 175, 352.
אַדאַמצזיק י.: 187.
אוסישקין מ. מ.: 85, 289, 335,292, 343, 344.
אַזשעשקאָוואַ עליזאַ: 133.
אייזענשטאַט צבי הירש: 68.
אייזענשטיין קאַרל: 212, 213.
איינשטיין אַלבערט: 350.
אינזלער אברהם, ד״ר: 212.
אַלטער יעקב: 39.
אַלעקסאַנדראָוויטש סינאַי: 67, 90, 100.
אַלעקסאַנדראָוויטש איגנאַץ, ד״ר: 182.
אַלעקסאַנדראָוויטש ווילהעלם, ד״ר: 182.
אַלעקסאַנדראָווער רבי: 228.
אַלפּערן אהרן: 138.
אַפּטע הענריק, ד״ר: 88.
אַפּטע מאַריאַ: 103, 333, 356.
אַרצט ס.: 40, 333, 350, 352.
אַרכוטאָווסקי, גלח: 117.
אָרענשטיין יהודה, ד״ר: 120, 135, 292, 308, 333, 350.
אַרלאַזאַראָוו חיים: 304, 305, 306.
אַש, שלום: 350.

**ב**

באַבאָווער, רבי: 42.
באַדער, ד״ר: 156.
באַלפור, לאָרד: 299.
באַלינסקי, מיניסטער: 78.
באָבזשינסקי מ.: 78.
באַיוויד אַדאַ: 117.
באַטקעוויטש, מיניסטער: 134.
באַכדאַנאָוויטש וו.: 228.
באַרטעל קאַראַל, מיניסטער: 222.
באַפרע, רעדאַקטאָר: 146.
בודזינער שלום: 213.
בוימינגער איזאַק, סענאַטאָר: 167, 209.
בולוואַ דוד, ד״ר: 105, 356.
ביבערשטיין ד״ר: 105.
ביגעלאייזן: 156.
ביקעל ד״ר (אַרצט): 289
ביאַליק חיים נחמן: 335, 340, 341.
בירמאַן אליעזר: 333.
בינענצוכט בערנאַי, ד״ר: 105.
בינענשטאָק מ. י., ד״ר: 213.
ביעלעצקי טאַדעאוש: 110.
בירנבוים נתן, ד״ר: 106.
בירנהאַק: 155.
בלאַטבערג וואָלף, ד״ר: 89, 100.
בלומענפעלד קורט: 286, 292, 326, 335, 344, 345, 346.
בלום לעאָן: 350.
בלום יאַנאַ: 182.
בלייכער שמואל, אינזש.: 40, 143, 333.
בלעך יעקב, ד״ר: 42, 333.
בן־גוריון: 313, 326, 367.

בעטער הערבערט, ד״ר: 333.
בעם אַדאָלף: 185.
בערקעלהאַמער ווילהעלם, ד״ר: 23, 135, 136, 155, 353.
בערלינגע אליהו: 292.
בעק יוזעף, מיניסטער: 66, 198, 253, 264, 265, 270, 271.
בערנשטיין־גאָמיער, לואיס: 299.
בערגשטיין, פריץ: 326.
בראַוו פּאַאול: 333.
בראָט שמואל, רב: 213.
בראָדזיזש־ליפּינסקי, א.: 248.
בראָדעצקי זעליק, פּראָפ.: 311, 312, 326.
בראָס יעקב, ד״ר: 182.
בראַודע מרדכי, סענאַטאָר: 86, 94, 212.

## ג

גאָטליב סאבא, ד״ר: 103.
גאָטליב ד״ר: 134.
גאָטליב העשל, ד״ר: 203, 214, 245, 295.
גאָטעסמאַן שמעון, ד״ר: 142.
גאָלדבלום, רבי: 322, 327.
גאָלדשמידט ד׳אַוויגדאָר: 350.
גאָלדבערג מ., ד״ר: 47.
גאָלדבערג אברהם (אַבע): 292, 315.
גאָלדוואַסער לאַזאַר, ד״ר: 105.
גאָלדמאַן נחום, ד״ר: 299, 302, 303, 307, 341, 342, 343, 355, 361.
געבירטיק מרדכי: 375.
געהאָרזאַם ראַמאָן: 139.
גליקזאָן משה: 292.
געריגג: 254.
געבעלס: 254.
גראַיאָווער: 374.
גראַזשינסקי, וואָיעוואָדאַ: 44, 45.
גראַיעק ס.: 368.
גראַבסקי וולאַדיסלאַוו: 51, 57, 198, 267, 270.
גראַבסקי סטאַניסלאַוו, פּראָפ.: 267, 270.
גראַבאָווסקי, מיניסטער: 264.
גראָס אַדאָלף, ד״ר: 170, 186.
גראָסמאַן מאיר: 301, 309.
גרינבוים אָסקאַר, ד״ר: 292.
גרינבוים יצחק: 18, 161, 200, 201, 204, 212, 213, 214, 216, 217, 219, 223, 227, 228, 231, 232, 234, 235, 236, 237, 238, 239, 240, 256, 295, 305, 306, 314, 367.
גרינשטיין איזאַק, ד״ר: 40, 135, 286, 308, 333.

## ד

דאַגדעיל מיס: 299.
דאַווידסאָן יוסף, ד״ר: 213.
דאַל אליהו: 213.
דאַמבראָווסקי מאַריאַן: 139, 149.
דאַם יעקב, ד״ר: 156.
דאַשינסקי איגנאַצי: 185.
דויטשער איזאַק: 138.
דיבאָווסקי ראַמאָן, פּראָפ.: 339.
דייטשער משה, סענאַטאָר: 166, 209, 213.
דעיאָווסקי ראַמאָן: 23, 57.
דראָבנער באָלעסלאַוו, ד״ר: 187.
דרייבלאַט יואל: 120.

## ה

האַבער ריזשבאַ: 103.
האַלער יוזעף, געג.: 20.
האָכוואַלד זיגמונט: 35, 98, 99, 142.
האַלפּערין ראָזאַ: 292.
האַלפּערן משה אליהו, רבי: 212.
האַלפּערן יצחק: 155.
האָלענדער עמיל: 37, 142.
האַרטגלאַס אַפּאָלינאַרי: 189, 212, 213, 222, 240, 361.

האָסקעל: 284.
האַסבאַך ערווין: 223, 228.
האַפּמאַן דאַנעק: 52.
האַפּשטעטער אברהם: 33, 286, 305, 308, 333.
האַפּפען פעליקס, ד״ר: 39.
האַראָוויץ רוזשאַכ 103.
הויזנער בערגאַרד, ד״ר: 213.
היטלער אַדאָלף: 240, 241, 273, 361, 368.
הילפּשטיין חיים, ד״ר: 31, 32, 50, 88, 105, 107, 142, 333, 337, 362, 365, 368.
הינדעס מתתיהו, ד״ר: 292.
הירשהאָרן שמואל: 212.
הירשפעלד ס., ד״ר: 156.
העכט ד״ר: 135.
העלמאַן משה: 213.
העלער צבי, ד״ר: 213, 231.
הערצל טעאָדאָר: 15, 18.
הערשפעדער יהושע, ד״ר: 333.
העקער עמיל: 147.

## וו

וואַדיאַס: 137.
וואַרהאַפטיק שמואל, ד״ר: 30, 105, 333, 337, 352.
וואַרמונד, פּראָפ.: 110.
וואַזניאַקאָווסקי יוזעף: 187.
וואָלף ראובן: 62, 107, 143.
וואַלקאָווסקי שבח: 88, 145.
וואַנדער לעאָן, ד״ר: 52, 333.
וואַנג עליאַס: 39, 333.
וואַנג אהרן, ד״ר.: 39.
וואַסערמאַן אָסקאַר: 350.
וואַרבערג פעליקס: 350.
וודאָווינסקי י., ד״ר: 39, 156.
וורצעל יוליוש, ד״ר: 213.
וולקאַן: 40.
וויזענפעלד משה: 50, 135.
ווילסאָן, פּרעז.: 21.
וויגער: 44.
ווילקאַש, פּראָפ.: 117.
וויסטרייך, ד״ר: 109.
ווישליצקי וואַצלאַוו: 213, 214, 238.
ווייז סטיפען, ד״ר: 285, 286, 291, 311.
ווייכערט מ., ד״ר: 362.
וויינציער שלמה, ד״ר: 211, 212, 213.
ווייצמאַן חיים, ד״ר: 49, 56, 260, 297, 298, 299, 300, 301, 302, 303, 306, 308, 310, 311, 312, 320, 321, 322, 324, 328, 335, 3338, 348, 367.
וועלנער ס.: 155, 353.
וועקסבערג, אינזש.: 40, 143.
ווראָבלעווסקי סטאַניסלאַוו, פּראָפ.: 117

## ז

זאַלץ אברהם, ד״ר: 14, 38.
זאַמערשטיין עמיל, ד״ר: 213, 214, 237, 240, 245, 259, 260, 261, 263.
זיידען בענאָ, ד״ר: 60, 137, 138.
זיידען ס.: 333.
זיידענמאַן סאַלאָמאָן: 214, 259, 261.
זילבער: 38.
זילבערינג: 90.
זילבערשטיין עלואַ: 103, 333.
זילבערשטיין אַדאָלף (אברהם), ד״ר: 213.
זיסקינד דוד, ד״ר: 313, 353.
זיסקינד מאַלאַ: 103.
זמיגרידער זדזשיסלאַוו קאָנאָפּקאַ: 214, 261.
זשאַבאָטינסקי וולאַדימיר: 39, 91, 272, 304, 309, 335, 339, 340.
זשילאָווסקי זיגמונט: 186, 187.
זשעגירער געניאַ: 90.

## ט

טהאָן יהושע, ד״ר: 18, 20, 22, 28, 29,

30, 84, 87, 91, 122, 135, 136, 144,
167, 168, 189, 200, 209, 210, 212,
213, 214, 216, 218, 219, 221, 225,
226, 230, 231, 232, 233, 237, 238,
239, 240, 241, 243, 244, 245, 253,
256, 259, 267, 269, 286, 292, 305,
308, 331, 332, 337, 350, 352, 353.
טהאַן נעלאַ־ראָסט, ד״ר: 89, 103.
טאַובלער מאָזעס: 356.
טאַרטאָן, ד״ר: 44.
טויבענשלאַק ראַפאַעל, פּראָפ.: 115.
טירק פּיליפּ, ד״ר: 333, 350.
טיש אליהו, ד״ר: 38, 136, 362, 365.
טענצער האַנקאַ: 103, 356.
טערלאַ גור, אריה: 155, 352.
טראָקענהיים יעקב: 208, 214, 246, 259.
טריסקער אברהם: 213.
טרעלער ד״ר: 156, 160.
טשאַלקאָש אַדאַם: 186, 187.
טשעטשאַק סטאַניסלאַוו, גלח: 247.
טשעמבערליין, מיניסטער: 265.
טשערניאַקאָוו אַדאַם: 213.

## י

יאַוואָרסקי וו. ל.: 78, 117.
יאַכימעצקי, פּראָפ.: 114.
יאַן, דער הויז־באַזאָרגער: 366.
יאָנאַס ראובן: 213.
יעגער איגנאַצי: 214, 238.
יערי מאיר: 157.
יאָססעם משה, ד״ר: 142.
יאָפע לייב: 335, 352.

## כ

כאַמעט אברהם, ד״ר: 37, 135, 142, 333.

## ל

לאַבאַ, ריכטער: 263.
לאַזער דוד, ד״ר: 136.
לאַזער ש. מ.: 145.
לויטערבאַך לעאָן, ד״ר: 15, 125, 326.
לויטערבאַך מאַקס: 50, 67, 88, 192.
לויטערפּאַכט הערש, פּראָפ.: 15. 138.
סואיר, סער: 299.
לאַנדאַו רפאל, ד״ר: 68, 76, 79, 80, 140, 170, 352.
לאַנדאַו איגנאַציאָ, ד״ר: 76, 172.
לאַנדאַו סאַמועל, ד״ר: 106.
לאַנסבערג, ד״ר: 292.
לאָקער בערל: 325, 326, 327.
לוסטבאַדער לודוויג, ד״ר: 45, 88, 105.
ליבעסקינד שמואל, ד״ר: 62, 106, 142.
ליינקראַם בערנאַרד: 142.
לייסטנער ת. פּ.: 60.
ליפּסקי לואיס: 291, 311, 318.
לעאָ, פּראָפ.: 78.
לעדער הענריק, ד״ר: 99.
לעוויטע לעאָן: 201, 202, 255, 292, 295.
לעווינסאָן אברהם: 21333.
לעווין אהרן, הרב: 38, 168, 209, 213, 214, 238, 260.
לעווין שמריהו, ד״ר: 335, 346, 347, 348.
לעוונשטיין נאַטאַן: 212, 220.
לעוויצקי דימיטראָ, ד״ר: 228.
לעזער שלמה: 31, 90.
לעזער מאַקס, ד״ר: 90, 91, 213.

## מ

מאַהלער ראַכעלאַ: 103, 353.
מאָזעס זיגפריד: 139.
מאַטיאַשיק, רעד.: 148.
מאַיסקי, אַמבאַסאַדאָר: 260.
מאַלאַטאָוו, מיניסטער: 260.
מאַסינזאָן, בן־ציון, ד״ר: 292.
מאַצקין לעאָ, ד״ר: 135, 291, 353.
מאַקדאָנאַלד ראַמזיי, פּרעמיער: 301.

מאַק דזשיליאַן: 285.
מאַרשאַל לואיס: 350.
מאַרגוליעס יוסף, ד״ר: 155,105.
מאַרגענטאַו הענרי, סעניאָר: 23.
מאַרגענטאַו הענרי, דזשוניאָר: 24.
מאַרקוס עליאַס, ד״ר: 68, 156, 353.
מאַשטשיצקי, פּרעז.: 253.
מיזעס מאַטעאוש, ד״ר: 138.
מילער אַלפרעד: 352.
מילשטיין מענדל: 88.
מינצבערג לייב: 213, 214, 238, 246, 259.
מייער מאָריס: 322.
מיעדזשינסקי, סענאַטאָר: 368.
מיפעלעוו נחמן: 88.
מיצקעוויטש אַדאַם: 20, 253.
מיקענברון יעקב, ד״ר: 50.
מעטאַלמאַן יאַאָכים, ד״ר: 102.
מעלצער רוזשאַ: 213.
מעלער יוסף, ד״ר: 105.
מענדעלסאָן אשר: 208, 213, 214, 238.

## נ

נאמיר־בערנשטיין לואיס, פּראָפ.: 292.
נאַמבערג ה. ד.: 212.
נוסבוים אברהם: 60, 88.
נייגער חיים: 38, 135, 286, 305, 308, 333.
ניידיטש יצחק: 300.
ניומאַן עמנואל: 311, 312.
ניעמאָיעווסקי: 93.
ניעטש, פּראָפ.: 189.
נעמער רוזשאַ: 333, 350.

## ס

סאַבעל ווילהעלם: 333.
סאַהאַר ד״ר: 159.
סאַלפעטער לעאָן: 32, 34, 48, 50, 52, 135, 284, 296, 327, 333, 362, 365, 366, 368.
סאַקאַלאָוו נחום: 311, 312, 335, 337, 338, 339.
סאַרע יוזעף: 76, 171, 172.
סטאַנטשיק יאַן: 70, 187.
סופּראַנסקי יהושע: 292, 327.
סטופּ אברהם, ד״ר: 292.
סטעמפּעל פּייוול: 68, 167, 168, 209, 213, 221.
סטוטשינסקי ישראל מיכל: 212.
סטילער הענריקאַ, ד״ר: 103.
סירופּ הערש, ד״ר: 41, 352.
סירקין לייזער: 213.
סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי, גענ.: 57, 58, 66, 198, 251, 253, 263, 264, 271.
סלאַוועק וואַטערי: 244.
ספּיראָ שמואל: 60.
ספּיראָ לעאָפּאָלד: 175, 209, 245.
סקשינסקי אַלעקסאַנדער: 339.
סראקאָווסקי קאָנסטאַנטי: 146, 147.

## ע

עדער, ד״ר: 285, 286, 288.
עלענבערג זיגמונט, ד״ר: 137.
עסטרייכער סטאַניסלאַוו, פּראָפ.: 189.
עפּשטיין טאַדעאוש: 61, 62, 170.
עקשטיין 38.

## פּ

פּאַדאַרעווסקי איגנאַצי: 23.
פּאַטאַשער יהושע: 46.
פּאַספילד, לאָרד: 297.
פּאַרנאַס, ד״ר: 175.
פּילצער סאַמועל, ד״ר: 105, 107.
פּילסודסקי יוזעף: 72, 75, 137, 216, 244.
פּעטליוראַ: 228.

פערל פעליקס: 273, 274.
פערלמוטער אברהם, רב: 212, 216, 217.
פרילוצקי נח: 212, 213, 216, 217.

## פֿ

פֿאַרבשטיין העשל: 155, 212, 213, 227, 311.
פינקעלשטיין, ד״ר: 135.
פירין, פראָפ.: 117.
פישמאַן יעקב, רעדאַקטאַר: 311.
פישלאָוויטש לעאָן, ד״ר: 352.
פיינער לעאָן, ד״ר: 68, 182.
פישער מאַוריצי: 356.
פעדערבוש שמעון, הרב ד״ר: 213.
פעלדבלום שמעון, ד״ר: 30, 31, 105, 107, 135, 142, 175, 287, 292, 333, 337, 368.
פעלדמאַן דוד, אינזש.: 333.
פעלדמאַן ווילהעלם: 173, 174.
פעלדמאַן שמעון: 213.
פעלדשער ראובן, ד״ר: 33, 124.
פענסטערבלוי יהושע, ד״ר: 182.
פעפער רפאל: 89, 137, 138.
פראָסטיג משה, ד״ר: 212.
פראַנט יעקב, ד״ר: 286, 305, 308, 333.
פראַנק: 72, 254.
פרייוואַלד מאַרילאַ: 99.
פריינד יעקב: 137.
פרידבערג: 155.
פרידמאַן שמואל, ד״ר: 333.

## צ

צאָל פרידריך, פראָפ.: 117.
צוקערמאַן ברוך: 355.
צווייג פערדינאַנד, פראָפ.: 114.
צימערמאַן יהודה, ד״ר: 30, 60, 68, 88, 105, 135, 142, 333.
צימערמאַן, גלח פראָפ.: 110.
צימערמאַן רעטינאַ: 333, 350.
צימערמאַן בערנאַרד, אינזש.: 352.
ציפּער שלמה ל.: 374.
ציפער שמואל, ד״ר: 374.
ציינווירט ס., ד״ר: 353.

## ק

קאַהאַנע עקיבא, ד״ר: 34, 135.
קאַהאַנע, פּרוי: 333, 350.
קאהן גוסטא: 103.
קאָוואַלסקי יהודה לייב, רב: 213.
קאָט סטאַניסלאַוו, פּראָפ.: 260.
קאנפער משה, ד״ר: 137.
קאנאַפּקאַ זדזיסלאַוו זמיגרידער: 214, 261.
קאָץ אַדאָם: 253.
קאַפּליצקי־קאַפּעלנער מ., ד״ר. 71, 72.
קאָפּילאָוויץ (קאָטאָוויץ): 333.
קאָפּילאָוויטש א., סעקר.: 33.
קאַפּלאַן אליעזר: 367.
קאַצענעלסאָן בערל: 289.
קאַרענהייזער אברהם, ד״ר: 47.
קאַרנפאַנטי וואַיטשעך: 44.
קאַרלעבאַך עזריאל, ד״ר: 138.
קומאַניעצקי, פּראָפ.: 117.
קוטשעבאַ, פּראָפ.: 189, 190.
קירשברוין אליהו: 213.
קלאָקסבאַלד חיים: 333.
קלאַטשקאָ יוליאַן: 174.
קלומעל מ., ד״ר:
קלימעצקי סטאַניסלאַוו, ד״ר: 72.
קליינבוים משה: 201, 295, 314.
קנאפף ב., ד״ר: 125.
קערנער משה: 212, 213, 235.
קראַאוס ישראל: 333.
קרזשיזשאַנאָווסקי אַדאַם, פּראָפּ.: 117.

## ר

ראַבינאָוויטש ישראל, ד״ר: 333.
ראַגער, ד״ר: 46.

ראָזענבליט מאַרטין, ד״ר: 300, 326.
ראָזענצווייג לעאָפּאָלד: 356.
ראָזע, פּראָפ.: 262.
ראָזענבלום: 68.
ראָזענצווייג יוזעף, ד״ר: 68.
ראָזענצווייג העלענאַ, ד״ר: 89.
ראָזענבלאַט, פּראָפ.: 113.
ראָזענבלאַט יעזשי, ד״ר: 212, 213, 214, 237, 239.
ראָזענפעלד מאַקס, ד״ר: 212.
ראָזמאַרין הענריק, ד״ר: 213, 214, 221, 237, 239.
ראָזנער לעאָפּאָלד: 89, 92, 137, 138.
ראָטענשטרייך פישל, ד״ר: 60, 213, 214, 237.
ראָט משה: 145.
ראָטלער לודוויג, ד״ר: 175.
ראַפּאַפּאָרט: 44.
ראַפּאַפּאָרט אַזיאַש, ד״ר: 333.
ראַפּאַפּאָרט בן־ציון: 89, 145.
ראָסטאַל עדוואַרד: 139.
ראָסנער חיים: 212, 213.
רובין יעקב, ד״ר: 143.
רובינשטיין יצחק, רב: 213, 214, 246, 261.
רויטער, לאָמער דער מלמד: 372.
רוססאָ זשאַן זשאַק: 267.
רופּאייזען יאָסעף, ד״ר: 292.
ריגער אלישבע: 374.
רינדשטיין יידל: 333.
רידזש־שמיגלי, מאַרשאַל: 57, 66, 251.
ריזער אַדאָלף, ד״ר: 374.
ריזער ד״ר, אַדוואָקאַט: 374.
רייזער, פּרוי: 374.
רינגעל מיכאל, ד״ר: 213.
רייך לעאָן, ד״ר: 18, 200, 213, 221, 232, 233, 251, 267.
רייצעס הענריק, ד״ר: 213.
רייניהאָלד ד״ר, פּראָפ.: 112.
רייס יוזעף, ד״ר: 114.

## ש

שאָר משה, פּראָפ.: 208, 211, 214, 246, 272.
שאַליט ע., ד״ר: 353.
שאַפּיראָ מאיר, רב: 213.
שאַבאַד צמח, ד״ר: 213.
שאַפּיראָ נתן: רב: 338.
שאַפּיראָ משה: 367.
שאָר וואַלוועלע: 372.
שאָר מרדכי: 374.
שוויענטאָסלאַווסקי, מיניסטער: 106, 265.
שוואַרצבאַרט אהרן, ד״ר: 100, 374.
שוואַרצבאַרט בראָניאַ, ד״ר: 100.
שוואַרצבאַרט חנה: 373.
שוואַרצבאַרט יוסף: 374.
שוואַרצבאַרט יצחק, ד״ר: 214, 292, 305, 308, 324.
שוואַרצבאַרט מרדכי שאול: 373.
שוואַרצבאַרט שלום: 228.
שומסקי ראַמואַלד, ד״ר: 70, 187.
שודעמאַק יעקב, ד״ר: 106.
שולדענפריי מיכאל, ד״ר: 181.
שוואַרץ: 169.
שטייגער יצחק: 120.
שטייגלער אַרטור, ד״ר: 110.
שטיין עמנואל, ד״ר: 55.
שטיין קלמן, ד״ר: 62, 68, 143.
שטיינהויז, ד״ר: 212, 220.
שטיינבערג (לאָנדאָן) ד״ר, רב: 366.
שטערן יצחק: 118.
שטערן נתן, ד״ר: 118.
שטערנהעל, ד״ר: 40, 143.
שטערנבאַך, פּראָפ.: 111, 112.
שטענדיג, סאַמועל, ד״ר: 89, 92, 135.
שטשירעק: 187.
שטערנפעלד מאָזעס: 356.
שיף י.: 135, 333.

שינאבעל לעאָפּאָלד: 38.
שיפּער יצחק, ד״ר: 212, 213.
שיקאָרסקי װלאַדיסלאַװ: 226, 266.
שינדלער אָסקאַר: 365.
שמולעװיטש מאָװשאַ (משה): 88, 90.
שמולעװיטש נינאַ — זיידענפראַו: 88, 333.
שמאַראַק עמיל, ד״ר: 203, 292, 326, 327, 367.
שענקעל װאָלף, ד״ר: 38, 135.
שעכטער יעקב, ד״ר: 109, 156.
שערער הירש: 88.
שערער עמנואל, ד״ר: 182.
שענברון מיקאָלאַי (װאַדיאַס): 137.
שערעשעװסקי רפאל: 213.
שערטאָק משה: 367.
שפּאַן שמואל, ד״ר: 38, 286, 305, 308, 333.
שפּאָץ ע., אינזש.: 135, 333.
שפּאָץ ד״ר: 46.
שפּיגעל שלום, פּראָפ.: 46.
שפּיגעל מאַרקוס, ד״ר: 50, 333, 353.
שפּירא ס., ד״ר: 155.
שרייבער הענריק, ד״ר: 68, 83, 182.
שרייבער דוד, ד״ר, סענאַטאָר: 213.
שרעטער ד״ר: 333.

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד"ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד"ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטירלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד"ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאַנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַו פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספארקויפט)
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספארקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספארקויפט)
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאָס־איירעס 1955).
102) **משה זאָנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פּ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אָרישע פּאַפּירן
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאַרעמט מיטן ווינט (היסטאָרישער ראָמאַן)
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש
(פרעמירט מיט דער האָפּער־לייב־פּרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס,
ניו־יאָרק 1956).
112) **ברוך האָגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאָס־איירעס 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורך פּראָפּ. הערש־פאָנד,ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אַקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאַרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
(פּרעמירט דורכן ב. אייסוראָוויטש־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
131) מ. י. שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין...
132) ד״ר י. שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

## עס גרייט זיך צום דרוק:

שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
פּנחס וועלנער — דערציילונגען
י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 132

Copyright by
DR. ISAAC I. SCHWARZBART, New-York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

---

Este libro se terminó de imprimir el 2 de diciembre de 1957, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes 1976, Bs. Aires

Dr. ISAAC SCHWARZBART

# Entre las Dos Guerras Mundiales

(Memorias)

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires, 1958